STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00867

FARSHVUNDENE GESHTALTN

Hirsz Abramowicz

Permanent preservation of this book was made possible by
Dr. Gerald M. & Hilda L. Jaffee
in memory of
their parents & families

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הירש אַבראַמאָוויטש

פאַרשווונדענע געשטאַלטן

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

138

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אַבּרהם מישלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך.

הירש אַבראַמאָוויטש

פאַרשווּנדענע געשטאַלטן

(זכרונות און סילועטן)

✶

אַרויסגעגעבן דורכן

צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס איירעס, 1958 — תשי״ט

דער כתב־יד פאַר דעם בוך איז צוגעגרייט געוואָרן מיט דער הילף פון אַ סטיפּענדיע וואָס די קאָנפערענץ פאַר יידישע מאַטע־ריעלע תביעות קעגן דייטשלאַנד האָט געגעבן אויף דעם ציל.

דער מחבר דאַנקט דעם ד״ר מאַקס וויינרייך און דעם פּ׳ יעקב פאַט פאַר דער מאָראַלישער דערמוטיקונג און אינטערעס וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן צו זיין אַרבעט.

אינהאַלט

אַ וואָרט פון מאַקס וויינרייך — 7

אַ וואָרט פון מחבר — 9

ערשטער טייל — פאַרשווונדענע געשטאַלטן:

מרדכי אַנטאָקאָלסקי — 13
די משפחה פון מאיר בערנשטיין — 26
שמואל גאָזשאַנסקי — 33
צבי ניסן גאָלאָמב — 36
א. י. גראָדזענסקי — 41
שמואל הורוויטש — 49
ד״ר יעקב וויגאָדסקי — 55
א. וויטער — 63
יוסף טשערניכאָוו (דניאלי) — 74
יוסף יאַשונסקי — 80
ב. ווירגילי כהן — 89
חייקל לונסקי און די סטראַשון־ביבליאָטעק — 93
אַנאַ ליפשיץ — 100
פייוול מאַרגאָלין — 106
גרשון מאַלאַקעוויטש — 112
חיים פיאַלקאָוו — 116
י. ל. פרץ צווישן אָדעסער שרייבער — 125
הערמאַן פראַנק — 135
דוד קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי — 143
משה קאַרפּינאָוויטש — 147
אליעזר קרוק — 152
הרב יצחק רובינשטיין — 163
זלמן רייזען — 171
ד״ר צמח שאַבאַד — 182
משה שאַליט — 186
יהושע שטיינבערג — 193
אינזשיניער מ. שרייבער — 203

2טער טייל — אין יאָרן פון אויפברויז:

פון הירש לעקערטס צייטן — — — — — — — — — — — — — — — 213
אין צאַרישער תפיסה — — — — — — — — — — — — — — — 229
יידישע גימנאַזיעס אָן פּראָצענטן — — — — — — — — — — — 248
חיים ווייצמאַן און קאַליע טעפער אין אַ היסטאָרישער דעבאַטע 254
איך ווער אַ מיליציאָנער — — — — — — — — — — — — — 261
די דייטשן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה — — — — — — — 269
אין די אַפּריל־טעג 1919 — — — — — — — — — — — — — 309

3טער טייל — פּראָדוקטיוויזאַציע:

די ווילנער געזעלשאַפט „הילף דורך אַרבעט" — — — — — — 327
אַ יידישע לאַנדווירטשאַפט־שולע אין פּוילן — — — — — — — 340
די ביאַליסטאָקער האַנטווערקער־שולע — — — — — — — — — 357

4טער טייל — שטייגער:

אַ ליטוויש שטעטל — — — — — — — — — — — — — — — 365
דאָרפישע יידישע פּרנסות אין ליטע — — — — — — — — — 398
אכילות ביי יידן אין ליטע — — — — — — — — — — — — 459
יידן היילן גייסטיק־קראַנקע — — — — — — — — — — — 474

***

דאָס רוב אַרבעטן וואָס גייען אַריין אין דעם בוך האָב איך געהאַט געליִיענט ווען זיי זענען פּובליקירט געוואָרן, און איך געדענק גוט דעם פּאָזיטיוון איינדרוק וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט. איצט בין איך דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן כתב־יד, און דער איינדרוק איז געוואָרן נאָך טיפער. איך דאַנק דעם מחבר, וואָס ער האָט פון דאָס ניי אויפגעלעבט פאַר מיר די וועלט־מענטשן און די וועלט־באַגריפן, אין וועלכער איך בין געוואַקסן. אָבער מיר האָבן דאָ פאַר זיך נישט נאָר אַ בוך וואָס זאָל וועקן סענטימענטאַלע דערמאָנונגען ביי אַ גרופּע מענטשן וואָס האָבן אַליין מיטגעמאַכט די באַשריבענע געשעענישן און האָבן אַליין געקענט אַ גרויסן טייל פון די באַשריבענע פּערזאָנען.

דאָס אַליין, און דאָס אין זיך וואָלט אויך געווען גענוג טעם, מען זאָל דאָס בוך אַרויסגעבן. אָבער אַבראַמאָוויטש האָט אויפגעטאָן אַ סך מער. ער האָט געגעבן אַ קווערשניט דורך אַ לעבן וואָס איז מער נישטאָ, און דאָס בילד וואָס ער מאָלט איז נאָך וויכטיקער פאַר יענע וואָס האָבן דעם אָריגינאַל קיין מאָל נישט געקענט. די וויכטיקייט פונעם בוך וועט וואַקסן וואָס מער מען וועט זיך דערווייטערן פון די יאָרן ווען עס איז געשריבן געוואָרן.

איטלעכע צייט איז אַ צייט פון איבערגאַנג, אָבער פאָרט איז דער גראַד אויפטרייסלונג נישט אַלע מאָל דער זעלביקער. אין אַבראַמאָוויטשעס לעבנסצייט האָט זיך פאַרלאָפן נישט קיין איבערגאַנג, נאָר אַן איבערבראָך ממש. פון יהושע שטיינבערגן דורך גאָזשאַנסקין און פּיאַלקאָוון ביז מירע בערנשטיין איז פאָלג מיך אַ גאַנג אין יידישער דערציאונג, און נישט ווינציקער אַמפּליטודע אַנטפּלעקט זיך אין די פיגורן פון די געזעלשאַפטלעכע טוערס וואָס ווערן דאָ אַרויסגעפירט. פון יעטוועדער תקופה וואָלט געווען אָנ־

געלייגט אַ זאַמלונג פֿאַרלאָזלעכע באַריכטן, על אחת כמה וכמה וועגן די „יאָרן פֿון אויפֿברויז״, ווי עס הייסט אַ פּרק אין בוך און ווי עס וואָלט געמעגט הייסן דאָס גאַנצע.

אָבער נאָרמאַלערהייט, ווי ראַדיקאַל עס זאָל נישט זיין דער בייט, בלייבן אַלץ איבער אין די נייע סאָציאַלע פֿאָרמאַציעס שיכטן פֿונעם אַמאָל. אַבראַמאָוויטשעס תקופה קען זיך שוין מער נישט בייטן און קען מער נישט אויפֿהיטן קיין עלעמענטן פֿונעם אַמאָל, ווייל זי איז אונטערגעהאַקט געוואָרן מיטן וואָרצל. עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן די מענטשן און זייערע הייזער, די יידישע גאַסן, די יידישע שטעט און די יידישע לענדער. ווינציק זענען איבערגעבליבן פֿון די וואָס האָבן מיטגעלעבט דאָס יידישע לעבן אין מזרח־אייראָפּע און זעען עס ווי אַ גאַנצקייט. אַבראַמאָוויטש האָט וואָס צו דערציילן און וויל דערציילן — זאָל ער זיין געבענטשט דערפֿאַר און זאָלן אים זיין געשטאַרקט די הענט צו אַרבעטן ווייטער.

פֿאַר די לייענערס וואָס קענען זיך נישט אָנשפּאַרן אויף זייער אייגענעם זכרון, האָט דאָס בוך אַ ספּעציעלע ווערדע. צי וועלן זיין בעלנים צו לייענען און צו לערנען? דאָס זאָל קיין דאגה נישט זיין. עס זענען דאָ ווינציק, עס וועלן זיין מער. אויב עס וועט זיין אַ וועלט, וועלן תמיד זיין יידן וואָס ווילן דערקענען זייערע וואָרצלען, כדי דורך דעם צו דערקענען זיך אַליין. אַבראַמאָוויטשעס בוך וועט זיין צווישן די וואָס פֿירן צום מקור, און מען וועט אים דאַנקען פֿאַר די עכטע, ערלעכע, מיט מענטשן־ליבע דורכגעדרונגענע באַשרייבונגען, וואָס אין זיי שלאָגט זיך אָפּ — איך שטעל איין און זאָג דאָס דעם מחבר אין די אויגן — דער כאַראַקטער פֿון דעם שרייבער גופֿא.

מ. ווײַנרײַך

ניו־יאָרק, יולי, 1958.



דער מחבר

אַ וואָרט פון מחבר

דער בוך באַשטייט פון אַרטיקלען וואָס זענען געשריבן און פאַרעפנטלעכט געוואָרן צווישן 1920 און 1955. דאָס רוב אַרבעטן זענען געווען געדרוקט אין זאַמלביכער און פעריאָדישע אויסגאַבעס וואָס זענען שוין לאַנג נישט בנימצא אויפן ביכערמאַרק און ממילא נישט צוטריטלעך פאַר דעם היינטיקן לייענער.

בלויז אַ טייל פון דעם מחברס אַרבעטן זענען אַריין אין דעם בוך: קודם-כל די יעניקע וואָס שטיצן זיך אויף פערזענלעכע דער-פאַרונגען און זכרונות און וואָס גיבן אַ בילד פון יידישן לעבן ביז דער תקופה פון לעצטן חורבן. אָבער אַפילו פון דעם מאַטעריאַל איז נישט אַלץ אַריין: אַזוי, למשל, האָט מען דאָ נישט איבערגעדרוקט קרוב צוויי צענדליק ביאָגראַפיעס וואָס זענען פאַרעפנטלעכט גע-וואָרן אין דעם לערער-יזכור-בוך. עס זענען אויך נישט אַריין בי-כער- און טעאַטער-רעצענזיעס, אַרטיקלען וועגן אַקטועלע פּאָליטי-שע און סאָציאַלע פראַגעס וכדומה.

די אַרבעט פון צונויפזאַמלען און אָפקלייבן דעם מאַטעריאַל פאַרן בוך האָט געמאַכט פ׳ בערל כהן, און דער מחבר דאַנקט אים פאַר דער מי וואָס ער האָט אַריינגעלייגט ביים צוגרייטן דעם כתב-יד צום דרוק.

ערשטער טייל

פֿאַרשווונדענע געשטאַלטן

מרדכי אַנטאָקאָלסקי

אַ ווילנער אָרעמען שענקערס אַ זון, וואָס פלעגט אָפט קריגן קלעפּ פון בייזן טאַטן פאַר שניצן אָדער קנעטן „מענטשעלעך“, „געטשקעס“ אָדער אַנדערע לעבעדיקע און נישט־לעבעדיקע קעגנשטאַנדן, איז געווען אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט איינער פון די באַרימטסטע אָדער אפשר דער באַרימטסטער סקולפּטאָר פון קלאַסישער קונסט.

דער קייסער אַלעקסאַנדער דער צווייטער (1856־1881) האָט באַזוכט אויף אַ הויכן שטאָק די סטודיע פון אַנטאָקאָלסקין, כדי צו זען זיין וווּנדער־שאַפונג „איוואַן גראָזני“ (איוואַן דער גרויזאַמער).

אַנטאָקאָלסקי וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום אָפיציעלע בילדונג (אויסער דער קונסט־אַקאַדעמיע אין פּעטערבורג, וועלכע ער האָט געענדיקט מיט מעדאַלן), וואָס האָט נישט געקענט ריכטיק ריידן און שרייבן רוסיש, און האָט נאָך דערצו געהאַט אַן עכט יידישן אַקצענט, איז באַשאָנקען געוואָרן דורך דעם אַנטציקטן צאַר מיט אַ היפּשער געלט־סטיפּענדיע און מיט אַ ראַנג פון „דיעסטוויטעלני סטאַטסקי סאָוועטניק“ (ווירקלעכער מלוכה־ראַטגעבער).

איבער נאַכט, ווי אַנטאָקאָלסקי שרייבט אין זיינע מעמואַרן, איז ער באַרימט געוואָרן נישט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אין דער גאַנצער קולטור־וועלט.

אַנטאָקאָלסקיס גרעסטער פאַרערער און בעסטער פריינד איז געווען דער באַוווסטער קריטיקער איבער פּלאַסטישער און מוזיקאַלישער קונסט, וולאַדימיר סטאַסאָוו. דער באַרימטער מאלער איליאַ רעפּין איז געווען אַנטאָקאָלסקיס חבר, געוווינט מיט אים אין איין צימער, בעת זיי זענען געווען סטודענטן פון דער אַקאַדעמיע. זיי זענען געבליבן גוטע פריינד אויפן גאַנצן לעבן.

אַנטאָקאָלסקי האָט באַקומען פון דער רוסישער רעגירונג אַ גרויסע סטיפּענדיע אויף צו פאַרפולקאָמען זיך אין אויסלאַנד און צו באַזוכן די

באַרימטע מוזעאומס און אַנדערע דענקמעלער פון קונסט אין מערב־אייראָפּע.

אַנטאָקאָלסקי פלעגט באַקומען, צווישן אַנדערע, באַשטעלונגען אויף דענקמעלער פאַר באַרימטע מענטשן סיי אין רוסלאַנד, סיי אין אויסלאַנד. ער האָט צוגעשטעלט אַ פּראָיעקט פון אַ דענקמאָל פאַר דעם „צאַר־באַ־פרייער", אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. ווי באַוווּסט, האָט אַלעקסאַנדער דער צווייטער אַרויסגעגעבן אין יאָר 1861 אַ מאַניפעסט, וואָס האָט באַפרייט די פּויערים פון לייבקנעכטשאַפט, הגם נישט פון אָרעמקייט...

אויפן טראָן איז שוין געזעסן דער צורר אַלעקסאַנדער דער דריטער, און די אַנטיסעמיטישע וואַקכאַנאַליע האָט זיך אין רוסלאַנד שטאַרק צעשפּילט. אַנטאָקאָלסקיס ערשטער פּראָיעקט האָט פאַרגעשטעלט דעם קייסער זיצנדיק אויפן טראָן אַרומגערינגלט מיט מלאכים, כרובים א"אַנד הימלישע אַקסעסואַרן.

ווען אַנטאָקאָלסקיס פּראָיעקט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָבן די אַנטיסעמיטן פון דער „נאָוואָיע ורעמיאַ", מיט בורענין* ווי דעם הויפּט־אָנפאַלער בראָש, אָנגעהויבן אַ ווילדע העצע קעגן דעם פּראָיעקט: „דער זשידאָווסקער סקולפּטאָר האָט געשטעלט דעם צאַר אין דינסט פון זשידאָווסקע מלאכים און אַנדערע אַטריבוטן פון דער יידישער אמונה" — און דער פּראָיעקט איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

אַנטאָקאָלסקי, וועלנדיק אָפּדאַנקען אַלעקסאַנדער דעם צווייטן פאַר אויסצייכענען אים, האָט געמאַכט אַן אַנדער מאָדעל. אין אַ האַלבן קרייז ציען זיך צום טראָן פון קייסער, פון אַלע זייטן, רוסלאַנדס באַפרייטע פּויערים אין פאַרשיידענע פּאָזעס, וואָס דריקן אויס טיפע דאַנקבאַרקייט צום צאַר פאַר באַפרייען זיי. און ווידער די זעלביקע העצע קעגן דעם שאַפער פון פּראָיעקט: דער ייד אַנטאָקאָלסקי האָט מיט אַ כיוון געוואָלט פאַראייביקן די נישטיקייט פון רוסישן פאָלק. אויך דער פּראָיעקט איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. דער צווייטיקטער קינסטלער, אַ דערנידעריקטער, באַ־

---

* די זעלביקע „נאָוואָיע ורעמיאַ" מיט דעם בייזן וואָלגאַרן אַנטיסעמיט בורענין האָט פּריצייטיק אַריינגעטריבן אין קבר דעם צאַרטן רוסישן פּאָעט נאַדסאָן (פון יידישן אָפּשטאַם) דורך זיינע זלזולים און חוזק־מאַכן פון נאַדסאָנס פּאָעזיע.

שליסט צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד פון זיין געבורט און פאָרט אַריבער קיין פּאַריז, כדי נישט צו זיין אויסגעשטעלט אויף די אָנפאַלן פון די רוסישע אַנטיסעמיטן.

די אָריגינעלע מאָדעלן פון די צוויי דענקמעלער האָבן זיך נאָך געפונען אין ש. אַנסקי־מוזעאום ביי דער ווילנער קהילה האַרט פאַר דער צווייטער מלחמה. דער שרייבער פון די שורות האָט זיי נישט איינמאָל געזען צוזאַמען מיט אַנדערע אָריגינעלע און קאָפּירטע אַרבעטן פון אַנטאָקאָלסקין. אין זעלביקן מוזעאום האָט זיך אויך געפונען רעפּינס באַרימטער פּאָרטרעט פון אַנטאָקאָלסקין (אין זיינע יינגערע יאָרן). אַנטאָקאָלסקי מיט זיינע גליענדיקע אויגן און פעך־שוואַרצע האָר שטייט דאָרטן אָנגעטאָן אין אַ טלית, וואָס דעקט צו אַ האַלבן קאָפּ זיינעם מיט אַ פרומען אויסדרוק אויפן פנים*.

***

נאָך אין מיינע יינגלשע יאָרן האָב איך געהערט פאַרשיידענע לעגענדעס וועגן אַנטאָקאָלסקין, וואָס האָבן קורסירט צווישן ווילנער יידן. מען האָט דערציילט, אַז ער איז אַ יוצא ונכנס ביי מלכות און ביי די גרעסטע שררות. אויך וועגן זיין קינדהייט האָט מען דערציילט, אַז ער האָט שוין דעמאָלט באַוויזן זיין געניאַליטעט. ווי אַן אילוסטראַציע האָט מיר אַן אַלטער ווילנער תושב געבראַכט דעם פאַקט: אין דער שענק, וואָס זיין מוטער האָט געהאַלטן אויף ברייטע גאַס, פלעגן אָפט אַריינגיין שיכורים און טומלען אָדער גאָר מאַכן סקאַנדאַלן. דער קליינער מאָטקע, וועלכער איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו דער מוטער און איר געוואָלט מאַכן לייכטער דאָס לעבן, האָט מיט אַ קויל (קיין אַנדערע מכשירים אויף צו מאָלן האָט ער נישט געהאַט) אָנגעצייכנט אויף דער אַריינגאַנג־טיר אַ סאָלדאַט מיט אַן אויסגעשטרעקטער ביקס און שווערד ביי דער זייט. די צייכענונג איז געווען אַזוי בולט און נאַטירלעך, אַז די שיכורים, דערזעענדיק אַ באַוואָפנטן סאָלדאַט ביי דער טיר, פלעגן אַנטלויפן...

אויף זאַרעטשע (אַ פאָרשטאָט אין ווילנע) פלעג איך יינגלווייז פאַר־

---

* אַנטאָקאָלסקי איז געווען רעליגיעז געשטימט, שבת האָט ער נישט געאַרבעט.

בייגיין אַ גרויס הויז, ראַז באַפּאַרבט, אויפן וועג צו מיין שול. דאָס הויז האָט געהאַט, ווי אַלע אַנדערע, אַ שילדל פון גאַס מיטן נאָמען פון אייגנ־טימער. דאָרט איז געווען אַנגעשריבן „הויז פון מ. מ. אַנטאָקאָלסקי״. דאָס הויז האָט זיך אויסגעטיילט פון אַנדערע אַרומיקע מיט ריינקייט און אַ רחבותדיקן הויף. מיט יראת הכבוד האָב איך געקוקט אויפן שילדל. קינד און קייט האָבן שטאָלצירט אין ווילנע מיט זייער באַרימטן בן־עיר. אָבער ווי קומט אַנטאָקאָלסקי, וואָס וווינט שטענדיק אין פּאַריז (פריער אין פּע־טערבורג), צו האָבן אַ הויז אין ווילנע, אין וועלכן ער וווינט נישט? איז די מעשה אַזאַ:

אין ווילנע איז געווען אַ תקיף, דער ראש־הקהל יודל אָפּאַטאָוו. וועגן זיין תקיפות זענען געבליבן פאַרשיידענע מעשיות אין צוזאַמענהאַנג מיטן באַוווסטן ווילנער לץ, מאָטקע חבד.

צווישן אַנדערע גרויסע געשעפטן האָט אָפּאַטאָוו געהאַלטן די „פּאָטשט״. קיין אייזנבאַנען זענען נאָך נישט געווען אין און אַרום ווילנע, און די „פּאָטשט״ האָט אויסגעפירט די קאָמוניקאַציע־פונקציעס צווישן שטעט און שטעטלעך און אַפילו צווישן רוסלאַנד מיט אויסלאַנד. די „פּאָטשטן״ האָבן אָפט געהאַלטן אין אַרענדע יידן, וואָס פלעגן דאַרפן צושטעלן פערד, וועגענער, קאַרעטעס (די לעצטע פאַר דורכפאָרנדיקע שררות). אָפט פלעגן הויכע טשינאָווניקעס דאַרפן אָנקומען צו יודל אָפּאַטאָווס „לאַסקע״, כדי זייער נסיעה זאָל גיין גלאַט און אויף די בעסטע פערד, ביחוד ווען זיי האָבן געדאַרפט פאָרן צו דער דייטשער גרענעץ. די ווילנער לעגענדע דער־ציילט, אַז איין מאָל איז דער רוסישער קייסער דורכגעפאָרן ווילנע און עס האָט זיך געמאַכט אַ שטער מיט זיינע פערד און קאַרעטע. יודל אָפּאַ־טאָוו האָט תיכף געשטעלט אין רשות פון קייסער זיינע בעסטע פערד, זיך אַליין געזעצט אויף דער קעלניע און געפירט דעם קייסער ביז דער נאָענט־סטער סטאַנציע. דער קייסערלעכער פּאַסאַזשיר איז געבליבן זייער צו־פרידן מיטן יידישן אַנטרייבער און באַשאַנקען אים מיטן טיטל ערנביר־גער („פּאָטשאָטני גראַזשדאַנין״); פאַרשטייט זיך, אַז יודלען האָבן שוין נישט געפעלט קיין קאַזיאָנע „פּאָדריאַדן״ און קיין פּרנסה געוויס נישט.

דער דאָזיקער אָפּאַטאָוו האָט געהאַט זייער שיינע טעכטער, און זיין

אַמביציע איז געווען חתונה צו מאַכן זיי מיט יחוסדיקע אָדער שוין באַרימטע יונגעלייט. איין איידעם איז געווען דער ווילנער יחסן יעקב פּרנס. שפּעטער איז ער טאַקע געווען דער אָפיציעלער פּרנס־חודש, ריכטיקער געזאָגט, פּאָרזיצער פון דער ווילנער יידישער געמיינדע (צדקה גדולה). דער צווייטער איידעם איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי מאַרק מאַטוויעוויטש אַנטאָקאָלסקי. ער איז געווען באַקאַנט מיט די גרעסטע שררות אין פּעטערבורג און האָט שוין אַפילו געהאַט אַ „טשין“. אַנטאָקאָלסקי איז געווען עלטער פון זיין בילד־שיינער כלה, געניאַ אָפּאַטאָוואַ. אָבער ס׳וואַלגערן זיך נישט אַזעלכע אַנטאָקאָלסקיס. און יודל אָפּאַטאָוו איז געוואָרן דער שווער פון באַרימטן סקולפּטאָר. אין נדן, אויסער מזומנים, איז אויך אַריין אָפּאַטאָווס הויז אויף זאַרעטשע, וואָס איז איבערגעשריבן געוואָרן אויף אַנטאָקאָלסקיס נאָמען*.

* פּאַרוואַלטער פון הויז איז געווען זיין שוועסטער, די פרוי פון דירעקטאָר פון אַ יידישער מלוכה־שול, איליאַ לאַזאַרעוו. אין דער שול האָב איך געלערנט דריי יאָר. אגב, איז דער לאַזאַרעוו געווען אַן אויסגעצייכנטער מאַטעמאַטיקער, העברעער און גוטער פּעדאַגאָג. מיט דער פאַמיליע לאַזאַרעוו איז געווען באַפריינדעט די פאַמיליע פון שפּעטערדיקן ווילנער געהילף־ראַבינער (און אויך אַ שטיקל צייט ראַבינער) שמואל שרייבער. אַזוי אַרום האָט די פאַמיליע שרייבער געקענט וויסן וועגן אַנטאָקאָלסקיס לעבן און שאַפן פון די ערשטע קוואַלן. אַנטאָקאָלסקי, פאָרנדיק פון פּאַריז קיין פּעטערבורג און צוריק דורך ווילנע, פלעגט זיך אָפּשטעלן ביי די לאַזאַרעווס. ער פלעגט אָפּט אויסגיסן פאַר זיין שוועסטער זיין פאַרביטערט האַרץ סיי פון זיין נישט צו גליקלעכן פאַמיליע־לעבן, סיי פון זיינע קינסטלערישע פאַרדראָסן און האַס פון זיינע נישט פאַרגינערס אָדער סתם שונאי־ישראל.

אין ברוקלין וווינט אַ טאָכטער פון זיין שוועסטער, אַנטאָקאָלסקיס אַ לייבלעכע פּלימעניצע, פרוי סאָפיע ראַקאָוויצקי־לאַזאַרעוו. זי האָט מיר דערציילט, צווישן אַנדערע, אויך וועגן איר גרויסן פעטער. איין מאָל, אין אַ קאַלטן ווינטער־אָוונט, איז אומדערוואַרט פון פּאַריז געקומען איר פעטער מ. אַנטאָקאָלסקי. קיינער פון די דערוואַקסענע לאַזאַרעווס איז נישט געווען אין הויז, אויסער דער 11־12־יאָריקער סאָניע (סאָפיע). זי האָט נישט געוווסט ווי אויפצונעמען איר באַרימטן פעטער. אָבער ער האָט די קליינע פּלימעניצע זיינע באַרואיקט, געזעצט זיך מיט איר ביים איינגעהייצטן אייוועלע, געגלעט איר קאָפּ און דערציילט איר וועגן פּאַריז און זיין לעבן דאָרטן. עס איז אים דאָרט געווען אומעטיק. אַזעלכע קרובים ווי די ווילנער האָט ער דאָרט נישט געהאַט. פרוי לאַזאַרעוו־אַנטאָקאָלסקאַ האָט דערלעבט אַ טיפע עלטער. געשטאָרבן איז זי אין ריגע ביי אַ טאָכ־

אָפּאַטאָווס טעכטער זענען געווען נישט נאָר „קראַסאַוויצעס“, נאָר אויך מאָדערן דערצויגענע פּריילנס. דער ווילנער גביר אָפּאַטאָוו, אַליין גאָר אַ קנאַפּער ידען, מילד גערעדט, האָט אָבער באַמיט זיך צו געבן זיינע טעכטער די בעסטע אויסלענדישע גוווערנאַנטקעס, וועלכע האָבן זיי געלערנט שפּראַכן און איבערהויפּט „גוטע מאַנירן“, אַזוי אַז די אָפּאַטאָוו־טעכטער האָבן געקאָנט האָבן איינגאַנג אין די פּאָרנעמסטע (נישט־יידישע) אַריסטאָקראַטישע קרייזן.

געניאַ אַנטאָקאָלסקי־אָפּאַטאָוו האָט גערעדט אַ פּערפעקטן פראַנצויזיש, וועגן רוסיש איז אָפּגערעדט. זי האָט איינגעשטעלט איר היים אין פּאַריז אויף אַ הויך־אַריסטאָקראַטישן אופן מיט פּעריאָדישע „זשורפיקסן“, בעלער אָדער ספּעציעלע אויפנאַמעס. אויף די „זשורפיקסן“ פון פרוי אַנטאָקאָלסקאַ פלעגן קומען די העכסטע אַריסטאָקראַטן און אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן. זי האָט, אַפנים, ווייניק זיך גערעכנט מיט די באַקוועמלעכקייטן און נייגונגען פון איר מאַן, וואָס איז געווען באַשיידן און אַוודאי נישט פאַרמאָגט די „בייטיקע“ מאַנירן. מעגלעך, אַז געניאַ אַנטאָקאָלסקאַ האָט זיך אַפילו אונטערגעשעמט מיט אים, מיט זיין יידישן אויסזען, מיט זיין קאַלעטשען די פראַנצויזישע גראַמאַטישע כללים. עס פלעגט אָפט טרעפן, אַז אַנטאָקאָלסקי פלעגט קומען אַ מידער פון זיין אַטעליע, אָנגעזעטיקט מיט פאַרדראָסן אָדער דורכפאַלן און געפינען אַן איבערקערעניש אין הויז.

זיין קאַבינעט איז געווען פאַרוואַנדלט אויך אין איינעם פון די אויפהאַלט־צימערן פאַר די פילצאָליקע געסט. נישט אַלע פון זיי האָבן געוווסט, וואָס אַנטאָקאָלסקי איז. אַ געוויסע צאָל פון די געסט האָבן אים אַפילו אינגאַנצן נישט געקענט. ער פלעגט זיך אַרומדרייען אין זיין אייגן הויז ווי אַ פרעמדער.

טער אין יאָר 1930. זי איז געווען זייער אַ קלוגע און שאַרפזיניקע. אַלע אַרומיקע האָבן באַוווּנדערט איר פאַרשטאַנד. איך געדענק, אַז אין ריגער „פּרימאָרגן“ זענען געווען געדרוקט וועגן איר, ווי אַנטאָקאָלסקיס שוועסטער, פיל אַרטיקלען און אינטערוויוען. איליאַ לאַזאַרעוו איז שפּעטער געוואָרן פּראָפעסאָר פון העברעיש און תנ״ך אין ווילנער לערער־אינסטיטוט, אויפן אָרט פון דעם גרויסן פילאָלאָג און לעקסיקאָגראַף יהושע שטיינבערג. לאַזאַרעוו איז געשטאָרבן אין פּעטערבורג אַרום יאַנואַר 1917.

נאַטירלעך, אַז פירן אַזאַ מין הויז מיט סיסטעמאַטישע אויפנאַמעס פון אַריסטאָקראַטיע האָט געפאָדערט קאָלאָסאַלע מיטלען, וועלכע דער ראש־המשפּחה האָט געדאַרפט צושטעלן. ער האָט געמוזט אַרבעטן איבער די כוחות און אָננעמען אַזעלכע באַשטעלונגען, וואָס זענען אים אָפט נישט געווען צום האַרצן. ער האָט געמוזט עס טאָן, כדי זיין פרוי, די גראַנד־דאַמע, זאָל קענען ביישטיין די „קאָנקורענץ" פון די העכסטע פּאַריזער סאַלאָנען.

איינע פון זיינע לעצטע אַרבעטן איז געווען צו מאַכן דעם קאָפּ פון יעקאַטערינע דער צווייטער פאַר אַ דענקמאָל אין ווילנע, לויט דער באַ־שטעלונג פון דער רוסישער רעגירונג*. ער האָט דערפאַר באַקומען 30 טויזנט (גאָלד־) רובל. דער דענקמאָל איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן שוין נאָך אַנטאָקאָלסקיס טויט (אין 1904) דורך אַ רוסישן אַרכיטעקט. דער קאָרפּוס פון יעקאַטערינעס דענקמאָל האָט געמאַכט אַ רוסישער סקול־פּטאָר. ווען די רוסן האָבן עוואַקויִרט ווילנע אין יאָר 1915, האָבן זיי מיטגענומען אַלע דענקמעלער, איינשליסנדיק מוראַוויאָוו דעם תליונס דענקמאָל (מוראַוויאָוו „וויעשאַטיעל" — „דער הענקער"), פּושקינס און אויך יעקאַטערינעס קאָרפּוס מיטן קאָפּ, וואָס אַנטאָקאָלסקי האָט געמאַכט.

ווי אַלע אַרבעטן אַנטאָקאָלסקיס, צייכנט זיך דער קאָפּ אויס מיט זיין קלאַסישער עלעגאַנץ.

אַנטאָקאָלסקי האָט געהאַט צוויי טעכטער, אויך שיינהייטן, דערצויגן דורך דער מוטער אין איר גייסט. איינע פון זיי האָט חתונה געהאַט מיט קלאָד מאַנטעפיאָרע פון לאָנדאָן. די אַנדערע — מיט דעם איטאַליענישן דיפּלאָמאַט גראַף ספּאַרצאַ, געוועזענעם אויסערן־מיניסטער פון וויקטאָר עמנואל און שפּעטער פון דער איטאַליענישער רעפּובליק. סיי די אלמנה אַנטאָקאָלסקי, סיי זיינע טעכטער האָבן נישט אָנגעהאַלטן קיין שום באַ־ציאונגען מיט די ווילנער קרובים.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז אַנטאָקאָלסקי שטאַרק פאַר־

* דער דענקמאָל איז געווען פאַרהאַסט ביי די ווילנער פּאָליאַקן, ווי אַ סימבאָל פון זייער פאַריאָכונג דורך רוסלאַנדס דעראָבערישער פּאָליטיק פון דער צאַריצע, וועלכע האָט גורם געווען די צעטיילונג און ליקווידאַציע פון דער פוילישער מלוכה אין יאָר 1795.

אָרעמט געוואָרן און געמוזט אויספּאַרקויפן זיינע וווּנדערלעכע קאָלעקציעס אויף אַ ליציטאַציע. ער האָט געליטן פון אַ שווערער קראַנקייט אין די פאַרדייאונגס־אָרגאַנען, וואָס האָט פריצייטיק אַ סוף געמאַכט צו זיין לעבן, זומער 1902, אין עלטער פון 61 יאָר. מעגלעך, אַז אין דער היים האָט ער נישט געהאַט קיין געהעריקע אויפפּאַסונג.

דער ברייטער עולם האָט נישט געוווּסט וועגן זיין קראַנקייט. דערי־בער איז זיין טויט געווען אַ גוואַלדיקער קלאַפּ פאַר יידן בכל תפוצות ישראל.

ס׳איז געווען באַוווּסט זיין לעצטער ווילן צו רוען אויף אַ יידישן בית־עולם אין לאַנד, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, און נאָך וועלכן ער האָט נישט אויפגעהערט צו בענקען, נישט געקוקט אויף די אָנפאַלן פון די אַנטיסע־מיטן. רוסלאַנד איז אים געווען צווייפאַכיק טייער. אין דעם לאַנד איז גע־ווען זיין יידישע ווילנע און די רוסישע גרויסשטאָט פּעטערבורג, וואָס האָט אים געגעבן די געהעריקע אויסבילדונג און דעם וועלט־נאָמען. דאָרטן האָט ער געהאַט זיינע גרויסע רוסישע פריינד צווישן די בעסטע פאָרשטייער פון דער רוסישער קונסט, ליטעראַטור, וועלכע ער האָט, ווי דער גרעסטער טייל פון דער רוסיש־יידישער אינטעליגענץ, געהאַלטן פאַר זיין אייגענער. עס האָט זיך גלייך אָנגעהויבן אַ קאָנקורענץ־קאַמף צווישן די יידישע פאָר־שטייער פון פּעטערבורג און ווילנע, ווו עס זאָלן רוען די שטערבלעכע רעשטן פון באַרימטן קינסטלער. געוווּנען האָט פּעטערבורג, ווו עס זענען געווען די חשובסטע יידישע אינטעלעקטואַלן, פינאַנסיסטן, שתדלנים מיט אַ השפעה אין קרייזן פון הויכע שררות.

היות ווי מרדכי אַנטאָקאָלסקי האָט נאָך געטראָגן אַ הויכן „טשין“, האָט דאָ געהאַט אַ וואָרט אויך די רוסישע מאַכט. די דירעקציע פון אייזנ־באַנען האָט געגעבן אַ ספּעציעלן „קלאַסנעם“ (נישט קיין פראַכט־וואַגאָן) פאַר איבערפירן אַנטאָקאָלסקיס קערפּער פון ווערזשבאַלאָווער גרענעץ קיין פּעטערבורג דורך ווילנע*.

---

* צוליב היסטאָרישער קוריאָזיטעט איז כדאַי צו דערמאָנען אַ פאַקט, וואָס האָט גע־טראָפן פונקט מיט צוויי יאָר שפּעטער אין רוסלאַנד, בעתן אַריבערפירן דעם קערפּער פון אַן אַנדער באַרימטער, שוין עכט רוסישער, פּערזענלעכקייט, — אַנטאָן טשעכאָוו,

ס׳געדענקט זיך מיר אַ הייסער יולי־טאָג, 1902. איך בין געווען אויף וואַקאַציע ביי מיינע עלטערן אין אַ גוט אַ 60 קילאָמעטער פון ווילנע. איך האָב עפּעס געדאַרפט דערליידיקן אין ווילנע און געקומען „פּער אַקס" (מיט אַ פור). פאַרבייפאָרנדיק דעם וואָקזאַל אין ווילנע, בין איך געוואָרן דערשטוינט צו זען, ווי טויזנטער יידן שטראָמען צום וואָקזאַל, פּאַרסאַפּעטע, פאַרשוויצטע, כמעט לויפנדיקע. איך האָב נישט געוווּסט וועגן אַנטאָקאָלסקיס טויט. דאָרטן, וווּ מיינע עלטערן האָבן געוווינט, האָט די פּאָסט פונקציאָנירט נאָר צוויי מאָל אין אַ וואָך. איך בין אַראָפּ פון פור און געפרעגט די זיך איילנדיקע יידן: „מה רעש?" אָבער קיין ענטפער האָב איך נישט באַקומען. רואיק איז פון וואָקזאַל געגאַנגען אַ נידעריקער באַן־באַאַמטער. איך ווענד זיך צו אים און פרעג, וואָס עס איז פאַר אַ געלאַף. ענטפערט ער מיר: „זנאַיעטיע, וויעזוט פּאָקאָיניקאַ איז פּאַריזשאַ וו סאַמי פּיטער. אָן יעווריייטשיק — גענעראַל, גענעראַל יעווריייטשיק", — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט די לעצטע ווערטער*, זייענדיק אַליין איבעראַשט און וועלנדיק, קענטיק, איבעראַשן מיך אויך מיטן צונויפפאָרן

דעם גרויסן מייסטער פון דער רוסישער ליטעראַטור, וועלכער איז זומער 1904 געשטאָרבן אין עלטער פון 44 יאָר אין קוראָרט באַדנווײלער (דייטשלאַנד). קיין „טשין" האָט טשעכאָוו נישט געהאַט. לויט זיין בילדונג איז ער געווען אַ מעדיקער. ער האָט אין די לעצטע צען יאָר פון זיין לעבן, די שאַפערישסטע און וויכטיקסטע אין זיין שרייבערישער קאַריערע, איבערגעריסן מיט דער רעאַקציאָנערער, אַנטיסעמיטישער „נאָוואָיע ווּרעמיאַ", ווו זיינע בעסטע נאָוועלן זענען געווען געדרוקט, און מיטגעאַרבעט נאָר אין די ראַדיקאַלע רוסישע זשורנאַלן. די באַן־דירעקציע האָט רעזערווירט אַן אָרט פאַר טשעכאָווס קערפּער אין אַ פראַכט־וואַגאָן. די דאָזיקע גרינגשעצנדיקע באַציאונג מצד די רוסישע ביוראָקראַטן צום טויטן טשעכאָוו האָט אַרויסגערופן אַ פאַרביטערונג אין אַלע קרייזן פון דער פּראָגרעסיווער רוסישער געזעלשאַפט. די ליבעראַלע פּרעסע און חודשדיקע זשורנאַלן האָבן מיט גרויס טאַדל וועגן דעם געשריבן.

ס׳איז אויסגעקומען אַ פּאַראַדאָקס. די רוסישע אַנטיסעמיטישע רעגירונג האָט אָפּגעגעבן מער כבוד דעם יידן, אַנטאָקאָלסקין, ווי דעם רוס, טשעכאָוון...

* „איר ווייסט, מען פירט אַ מת פון פּאַריז קיין סאַמע פּעטערבורג: אַ יידעלע, אַ גענעראַל; אַ גענעראַל אַ יידעלע". דאָס וואָרט „יעווריייטשיק" האָבן באַנוצט רוסן, ווען זיי האָבן אין אַ שמועס מיט אַ יידן נישט געוואָלט זאָגן „זשיד" און נישט פאַרגונען דאָס וואָרט „יעווריי", וואָס האָט געקלונגען ליבעראַל. „יעווריייטשיק" האָט געהייסן: האַלב „זשיד", האַלב „יעווריי". אַמאָל האָט עס אויך באַטייט „יידליק" און אַמאָל — „יידעלע".

אַזעלכע צוויי קעגנזעצלעכע, פאַר אים כמעט אומגלייבלעכע, באַגריפן ווי „ייד" און „גענעראַל".

איך האָב זיך גלייך געכאַפּט, ווער דער יעווריייטשיק־גענעראַל איז געווען, איך האָב זיך אויך געלאָזט צום וואָקזאַל, וועלנדיק אַריינדרינגען אויף דער פּלאַטפאָרמע, ווו דער וואַגאָן מיטן אָרון איז געשטאַנען. אָבער דער וואָקזאַל איז געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן, און אויף דער פּלאַט־פאָרם האָט מען קיינעם נישט אַריינגעלאָזט. אַרום וואַגאָן זענען געווען צונויפגעזאַמלט די פאָרשטייער פון דער ווילנער קהילה און פון דער יידי־שער אינטעליגענץ, ווי אויך העכערע באַאַמטע פון גובערנאַטאָר, פּאָליציי און בילדונגס־מיניסטעריום.

דעם הספד האָט געמאַכט אין דער רוסישער שפּראַך דער פריער דער־מאָנטער קאַזיאָנער רב, שמואל שרייבער. צווישן אַנדערע האָט ער געזאָגט, אַז ווילנע, ירושלים דליטע, האָט זוכה געווען צו האָבן צוויי גאונים: אין 18טן יאָרהונדערט דעם גאון פון דער יידישער תורה, ר' אליהו און אין 19טן יאָרהונדערט דעם גאון פון קונסט, מאַרק מאַטוועיעוויטש אַנטאָ־קאָלסקי, דעם הייסן יידן און דעם הייסן פּאַטריאָט פון דעם בעסטן און שענסטן, וואָס רוסלאַנד פאַרמאָגט אין ליטעראַטור, קונסט און קולטור בכלל.

אַ דעלעגאַציע פון ווילנע, אויך זיין שוואָגער און שוועסטער לאַזאַ־רעוו, זענען געפאָרן צו דער לוויה פון אַנטאָקאָלסקין קיין פּעטערבורג. אין דער לוויה האָבן אָנטייל גענומען טויזנטער מענטשן, צווישן זיי די בעס־טע פאָרשטייער פון דער רוסישער אינטעליגענץ מיטן אַלטן טרייען פריינד אַנטאָקאָלסקיס, וולאַדימיר סטאַסאָוו, בראש. הספדים זענען געהאַלטן גע־וואָרן אויך אויפן יידישן בית־עולם.

***

דער זעלביקער סטאַסאָוו האָט אַרויסגעגעבן אַ גרויסן באַנד פון אַנ־טאָקאָלסקיס בריוו צו אים, סיי צו אַנדערע וויכטיקע פּערזענלעכקייטן. און הגם אין סטיל און נישט זעלטן אין רוסישער גראַמאַטיק זענען זיי געווען ווייט נישט פּערפעקט, אָבער זיי שפּיגלען אָפּ דאָס אינעווייניקסטע

לעבן פון אַנטאָקאָלסקין און אַ ריי עפּיזאָדן פון זיין טראַגיש־שאַפערישער קאַריערע. די בריוו זענען אַן אויסגעצייכנטער מאַטעריאַל צו שטודירן די געשיכטע פון דער פעטערבורגער יידישער אינטעליגענץ און אַנטאָקאָלסקיס ביאָגראַפיע אין דער ערשטער ריי.

וועגן אַנטאָקאָלסקיס אויטאָביאָגראַפיע און בריוו, וועלכע ער האָט געשריבן צו טורגעניעוון, דעם באַרימטן רוסישן ראָמאַניסט, דריקט זיך דער לעצטער אויס בזה לשון: „זיין (אַנטאָקאָלסקיס) שפּראַך איז נישט קיין רוסישע, אָבער אַן אייגנאַרטיקע, ענלעך צו אַ געוויסן מין בלומען“.

סטאַסאָוון האָט דער שרייבער פון די שורות געזען אין יאָר 1904, אין דער קונסט־אַקאַדעמיע, וועלכע אַנטאָקאָלסקי האָט געענדיקט. סטאַ־סאָוו האָט געאַרבעט אין דעם גרויסן ביבליאָטעק־זאַל פון דער אַקאַדעמיע, אין שכנות מיט דעם ספּעציעלן צימער, ווי עס איז געשטאַנען די אָריגי־נעלע סטאַטוע פון איוואַן גראָזני, געמאַכט פון אַנטאָקאָלסקין (אין באַ־רימטן קייסערלעכן ערמיטאַזש־מוזיי געפינט זיך נאָך אַ בראָנדזענע קאָ־פּיע פון דער סטאַטוע, וואָס אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט באַשטעלט נאָכן באַזוכן אַנטאָקאָלסקיס אַטעליע).

סטאַסאָוו האָט געגעבן דערקלערונגען צו אַ גרופּע באַזוכער וועגן אַנטשטיין און באַטייט פון דער קונסט־אַקאַדעמיע. ער האָט דערמאָנט די גרויסע רוסישע מייסטערס אַריינרעכענענדיק אין זיי דעם „געניאַלן סקולפּ־טאָר אַנטאָקאָלסקין“.

סטאַסאָוו, מיטן אויסזען פון אַ פּאַטריאַרך, פון ריזיקן וווקס, אַ שניי־ווייסן קאָפּ האָר מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, האָט געמאַכט אויף די באַ־זוכער אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק. ער איז שוין געווען אַ טיפער זקן, אָבער זיינע אויגן זענען געווען ליכטיק און לעבעדיק. אַ פּאַרקערפּערטער רוסישער לעגענדאַרער העלד, צו די עלטערע יאָרן, פון אַ איליאַ מוראָמיעץ. זיין גאַנץ לעבן האָט ער געקעמפט פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון פּלאַס־טישער און אויך מוזיקאַלישער קונסט. אין ביידע איז ער געווען דער גרעס־טער מבין און באַקרעפטיקער פון נייע אמתע טאַלאַנטן. ער האָט הייס פאַר־טיידיקט אַנטאָקאָלסקין קעגן זיינע אַנטיסעמיטישע אָנפאַלער. ער איז גע־ווען דער אומקאָמפּראָמיסלאָזער רוסישער אינטעלעקטואַל פון אַלטן שטיי־

גער, וואָס האָט ביי אַלע אומשטענדן נישט מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן זיין מוטיק וואָרט, זיין אומאָפּהענגיקע מיינונג. זיין מאַיעסטעטישע געשטאַלט שטייט נאָך איצט פאַר מיינע אויגן.

די באַציאונג צו אַנטאָקאָלסקין מצד עטלעכע יידישע שרייבער, איז אויך נישט אַלעמאָל געווען אַ קאָרעקטע. אויב עס דינט מיר מיין זכרון, האָט, דאַכט זיך, פּרץ סמאָלענסקין אָנגערופן אַנטאָקאָלסקין „קנעכט" צוליב זיינע שאַפונגען אויף פרעמדע טעמעס און זייער וויייניק אויף יידישע, וואָס איז, אגב, נישט ריכטיק. ס'איז געגנוג אָנצורופן זיינע ביוסטן „חריף", „בקי" און די סטאַטוע פון „שפינאָזאַ", די נישט אינגאַנצן פאַרענדיקטע, נאָר באַרימטע גרופּע „אינקוויזיציע", „אַ ייד אַ שניידער" (ציט אַריין אַ פאָדעם אין נאָדל), „נאָטאָן דער חכם", „הענדלערקע", „דער וויכוח וועגן תלמוד" און אַ סך אַנדערע.

אַנטאָקאָלסקיס יידישע קריטיקער האָבן נישט גענומען אין באַטראַכט דעם גרויסן שווונג פון אַ זשעני, וואָס אַנטאָקאָלסקי איז געווען. זיין קינסטלערישע נשמה האָט זיך נישט געקענט באַנוגענען נאָר מיט יידישע טעמעס. ער האָט איבערגעלעבט און איבערגעפילט, ווי יעדער גרויסער אַרטיסט, די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן פון זיינע העלדן: „פּיאָטר דער גרויסער", „יערמאַק טימאָפעיעוויטש" (דער דעראָבערער פון סיביר), „איוואַן גראָזני", „סאָקראַטעס", „דער קאַרגער", „מעפיסטאָפעל" און אַ סך אַנדערע, זענען די בעסטע עדות פון זיין פילן סיי די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן פון באַזונדערע פעלקער, סיי זיין אַריינלעבן זיך אין אַלמענטשלעכע טיפן.

מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן די תקופה, אין וועלכער אַנטאָקאָלסקי האָט געלעבט — די תקופה פון השכלה און פון האָפענונגען אין אַ ליכטיקער צוקונפט פאַרן יידישן פאָלק, ווען עס וועט ווערן „אויפגעקלערט" די קורצע אָבער איינדרוקספולע עפּאָכע פון ליבעראַליזם מיט אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס רעפאָרמען האָבן געקענט מאַכן גלייבן, אַז אויך יידן וועלן געניסן פון דעם גינסטיקן קער פון דער רוסישער פּאָליטיק. די רוסישע ליטעראַטור, וואָס אין גרעסטן טייל איז זי געווען הומאַניטאַר, האָט די האָפענונג פון דער יידישער אינטעליגענץ פאַרשטאַרקט.

קיין יידישע ליטעראַטור, ווי מיר האָבן זי איצט, האָט כמעט נישט

עקזיסטירט. בכל אופן — פאַר דער יידישער אינטעליגענץ האָט זי נישט עקזיסטירט. אויך די וועלטלעכע העברעישע ליטעראַטור איז מיט אַ דריי פערטל יאָרהונדערט צוריק געווען נאָך אין די וויקעלעך. די יידישע אינ־טעליגענץ האָט זיך דערצויגן אויף דער רוסישער ליטעראַטור, בעיקר. אויך אַנטאָקאָלסקי האָט אין זיך איינגעזאַפּט דורך זיין גרויסער התמדה און אַליינבילדונג אַלץ, וואָס איז געווען דערהייבנדיק אין דער רוסישער קול־טור. גייסטיק האָט זיך אַנטאָקאָלסקי אויסגעלעבט אין דער קולטור פון רו־סישן פאָלק. ווי אַלע אינטעליגענטן פון זיין צייט, האָט אַנטאָקאָלסקי גע־גלייבט באמונה שלימה, אַז די באַפרייאונג פון רוסישן פאָלק וועט אויטאָ־מאַטיש באַפרייען און אויסגלייכן דאָס יידישע פאָלק אין רוסלאַנד עקאָ־נאָמיש, מאָראַליש און פּאָליטיש.

(„אונדזער שטימע“, פּאַריז, 1952.
„דער טאָג“, ניו־יאָרק, 1952, דעצעמבער).

די משפּחה פון מאיר בערנשטיין

אין אַ סך פּרטים האָט זיך די משפּחה פון מאיר בערנשטיין אויסגע־טיילט פון אַלע אַנדערע, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום „פרייליאַנד" אין ווילנע. פרוי חנה בערנשטיין איז געווען די ייִנגסטע טאָכטער פון אהרן ליבערמאַן, דעם אַרויסגעבער פון דעם ערשטן סאָציאַליסטישן זשורנאַל אין העברעיש „האמת". מאיר בערנשטיין איז געווען איינער פון די בעסטע בוכ־האַלטערס אין ווילנע. ער איז געווען פאַרבונדן מיטן „ייִוואָ", וווּ ער איז געווען הויפּט־בוכהאַלטער. געהאַט האָט ער דריי קינדער — צוויי זין און אַ טאָכטער. דער עלטערער זון, ד״ר אהרן בערנשטיין, איז געווען אַ טרייער אָנהענגער פונעם עטישן סאָציאַליזם און איבערגעגעבענער תלמיד פון ד״ר יצחק־נחמן שטיינבערגס נוסח סיי אין יידישע, סיי אין אַלגעמיינע געזעל־שאַפטלעך־פּאָליטישע פּראָבלעמען. די טאָכטער, מרים בערנשטיין, איז גע־ווען איינע פון די בעסטע פּעדאַגאָגינס אין ווילנע. זי איז געווען לינק געשטימט און אין דער צייט פון דער באָלשעוויסטישער אָקופּאַציע פון ווילנע 1940 ־ 1941 האָט די סאָוועטישע מאַכט זי באַשטימט ווי די די־רעקטאָרין פון דער אַמאָל אַזוי באַרימטער רעאַל־גימנאַזיע. דער ייִנגסטער זון פון די בערנשטיינס האָט מיט עטלעכע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה זיך באַזעצט אין ארץ ישראל. ער איז דער איינציקער פון דער משפּחה, וואָס איז געבליבן לעבן. ער איז אַן אַקטיווער מיטגליד פון „אי־גוד יוצאי ווילנה". מאיר, חנה, אהרן און מרים בערנשטיין זענען אַלע אומ־געבראַכט געוואָרן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע מיט פאַרשיידענע מיתות משונות.

מאירס ברודער, א. מ. בערנשטיין, איז געווען אַ לאַנגיאָריקער חזן אין דער כאָר־שול „טהרת הקדש". ער איז געווען אַ העכסט געבילדעטער מוזיקער־קאָמפּאָזיטאָר* און איז געשטאָרבן צען יאָר פאַר דער מלחמה.

---

* צווישן א. מ. בערנשטיינס שאַפונגען און זאַמלונגען דאַרפן דערמאָנט ווערן דער „מוזיקאַלישער פּנקס" — אַן ערך טויזנט זייטן, אַרויסגעגעבן פון דער היסטאָריש־

מאיר בערנשטיין האָט נישט באַקומען קיין סיסטעמאַטישע בילדונג, ער איז געווען אַן אויטאָדידאַקט, אָבער אַ זייער אָנגעלייענטער, אַן אמתער פאָלקס־אינטעליגענט. פאַר אים, וואָס האָט געשטאַמט פון ערגעץ אַ שטעטל אין קורלאַנד, איז די ביי־אויפגעקומענע מאָדערנע וועלטלעכע יידישיס־טישע באַוועגונג געווען אַן אַנטפּלעקונג. ווען עס איז אין יאָר 1916 אויפ־געקומען דאָס יידישע שולוועזן אין ווילנע, האָט ער נאָך באַוויזן אַריינצו־געבן אין רעאַל־גימנאַזיע ביים צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט (צ. ב. ק.) זיין ייִנגסטן זון. ער האָט זיך נישט געקאָנט גענוג אָנפרייען מיט דעם, וואָס כאָטש איין קינד זיינס האָט זוכה געווען צו געניסן פון אַ מאָדער־נער יידישער דערציאונג און בילדונג אין יידיש.

אויף אַלע עלטערן־פאַרזאַמלונגען פלעגט מאיר בערנשטיין אויסגע־ווײלט ווערן ווי אַ מיטגליד פונעם עלטערן־קאָמיטעט, וואָס האָט געאַר־בעט אין ענגן קאָנטאַקט מיטן פּעדאַגאָגישן ראַט. ס׳איז כדאי צו דערמאָ־נען, אַז אין פּעדאַגאָגישן ראַט פון דער גימנאַזיע זענען געווען אין פאַר־שיידענע צייטן אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי דוד און ברוך לובאצקי, יוסף יאַשונסקי, ד״ר בערלינער, מ. טורבאָוויטש (דירעקטאָר), אַזעלכע לערער ווי משה קולבאַק, מאַקס עריק, ישראל ביבער, יעקב גערשטיין און אַ צאָל אַנדערע פּעדאַגאָגן, וועלכע זענען געווען באַקאַנט ווייט איבער די גרע־נעצן פון ירושלים דליטא.

מאיר בערנשטיין איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע דעלעגאַטן פון עלטערן־קאָמיטעט ביים פּעדאַגאָגישן ראַט. ער איז געווען זייער אַ באַ־שיידענער מענטש, אַפילו אַביסל אַ שעמעוודיקער, אָבער ער האָט נישט אויסגעמיטן צו זאָגן זיין מיינונג, זיין פאָרשלאָג, זיינס אַ דורכגעטראַכטן פּלאַן. ס׳געדענקט זיך מיר בערנשטיינס עטוואָס וויברירנדיקע שטימע בעת זיינע רעדעס און פאָרשלאָגן. עס איז ביי אים געווען נישט סתם קומען און אָפּפטרן אַ זיצונג. צו זיינע געזעלשאַפטלעכע פליכטן האָט ער זיך באַ־צויגן, ווי צו אַ הייליקער עבודה. ס׳איז געווען אחריותדיקע באַציאונג פון

עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אין ווילנע. דער פּנקס נעמט אַרום אַ גרויסע צאָל ניגונים מיט און אָן ווערטער, פאָלקס־רעליגיעזע מעלאָדיעס א״אַנד. דאָס ווערק האָט אַרויסגע־רופן אַ גרויסן אינטערעס אין דער יידישער מוזיקאַלישער וועלט.

אַן אמתן אידעאַליסט צו יעדער מין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אין וועל־כער ער האָט גענומען אַן אָנטייל.

ער איז אויך געווען אַ שטענדיקער מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פון דער ווילנער בילדונגס־געזעלשאַפט („ווילביג״), וואָס פלעגט איינאָר־דענען פאַרשיידענע לעקציעס און קורסן פאַר דערוואַקסענע, אויך פון שפּראַכן — ענגליש, פראַנצויזיש, שפּאַניש. די געזעלשאַפט פלעגט אויך אָרגאַניזירן אויספלוגן אין די שיינע געגנטן פון ווילנע, ווי אויך קאָלעק־טיווע באַזוכן פון די היסטאָרישע מקומות פון דער דאָזיקער פילהונדערט־יאָריקער שטאָט. די אויספלוגן פלעגן פאָרקומען שבת, און אין זיי איז מאיר בערנשטיין געווען דער ערשטער און פלייסיקסטער אָנטיילנעמער. איין מאָל באַגעגן איך אים מיט אַן אָנגעלאָדענעם שווערן רוקזאַק, ווי אויף אַ גאָר ווייטער עקסקורסיע.

— „וווהין גייט מען דאָס אַזוי פרי און אַזוי אָנגעלאָדן?״ — פרעג איך דעם ווייט נישט יונגן בערנשטיין, וואָס האָט אויסגעזען שוואַך און צאַרט.

— „אויף אַן אויספלוג קיין נאַראָטש* צופוס מיט „ווילביג״.

— „וועט עס נישט זיין פאַר אייך, ח׳ מאיר, צו אויסמאַטערנדיק?״ — פרעג איך אים.

— „אָ ניין! מען ווערט דאָך שטאַרקער, יינגער, און מען באַהעפט זיך מיט דער נאַטור און מיט דער יוגנט.״ — ענטפערט ער מיר מיט זי־כערקייט.

ער איז אויך געווען מיטגליד פונעם צענטראַלן עלטערן־קאָמיטעט פון אַלע יידישע שולן, וועלכע פלעגן באַזאָרגן די ווילנער קינדער פון יידישע וועלטלעכע שולן מיט זומער־קאָלאָניעס. אין צוויי שיכטן צו 4־5 וואָכן פלעגן די קינדער פאַרברענגען זייערע וואַקאַציעס אויף דער פרישער לופט אין וואַלד, אין פעלד, ביי דער ווילִיע און אירע בייטייכן אונטערן אָנפיר פון „חברים לערערס״. בערנשטיין איז געווען איינער פון די הייסע אָנ־

---

* נאַראָטש ליגט אַן ערך 150 קילאָמעטער פון ווילנע. ס׳איז באַקאַנט מיט אַ גרוי־סער אָזערע, וואָס מ׳האָט גערופן „דער ליטווישער ים״, און מיט די אַרומיקע גרויסע וועלדער, אין וועלכע עס האָבן זיך אין דער לעצטער מלחמה אויפגעהאַלטן פּאַרטיזאַנער.

הענגער פון לאָזן די קינדער בעת זייערע וואַקאַציעס צו פאַרנעמען זיך מ'יט לייכטע גאָרטן־ און פעלדאַרבעט.

דעם שרייבער פון די שורות איז שוין עטלעכע מאָל אויסגעקומען צו באַהאַנדלען די פּראָבלעמען פון אַרבעט צווישן יוגנט און ספּעציעל צו דער־ציילן וועגן דער באַוועגונג פאַר ערדאַרבעט אַרום ווילנע (די טעריטאָריאַ־ליסטישע „שפאַרבערס", סאָציאַליסטישע „בינען", בונדיסטישע „סקיפּן" א אַנד). וואָלט נישט אויסגעבראָכן דער גרויסער וועלט־חורבן, וואָלט אויף דעם געביט פון צוציען די יידישע יוגנט צו ערדאַרבעט ווילנע גע־וועז די פאָרויסגייערין און וועגווייזערין. ווי איינער פון די פּיאָנערן אויף דעם דאָזיקן געביט דאַרף פאַרצייכנט ווערן מאיר בערנשטיין. ער איז גע־ווען אַן אָנהענגער פון אַ ברייטער יידישער קאָלאָניזאַציע און אַגראַריזאַ־ציע לויט די פּלענער פון „פריילאַנד".

ער איז נישט געווען און נישט געקאָנט זיין, צוליב זיין אויסערגע־וויינלעכער עניוות, קיין פירער און טאָנגעבער. ער איז אָבער געווען אַ טרייער סאָלדאַט, אַן אויפריכטיקער און איבערגעגעבענער דינער פון יע־דער זאַך, וואָס איז געווען אָדער געקאָנט זיין נוצלעך פאַר די יידישע מאַסן.

ער פלעגט נישט זעלטן זיך ווענדן צו מיר, אַז איך זאָל עפּעס אָנ־שרייבן אין דער פּרעסע וועגן אַן ענין, וואָס האָט אים געזעלשאַפטלעך אינטערעסירט אין דעם געגעבענעם מאָמענט. איך האָב אים איין מאָל גע־מוסרט:

— „איר זענט אַליין אַ ייד, וואָס קאָן נישט שלעכט אַרויסברענגען זיינע געדאַנקען אויף פּאַפּיר".

— „איך — ענטפערט ער — איך בין נישט קיין מענטש פון פען, ביי מיר וועט עס נישט אַרויסקומען". — עס וואָלט געוויס אַרויסגעקומען, ווען ער וואָלט נאָר געוואָגט.

איך קאָן אויך נישט פאַרבייגיין זיין אַרבעט אין „ייוואָ" ווי אַ בוכ־האַלטער. איך גלייב, אַז ער האָט זיין בוכהאַלטעריי געלערנט פון יעקב מאַרק פון ליבוי, וואָס איז געווען פּאָפּולער אין די 90ער יאָרן מיט זיין מעטאָדע פון אויסלערנען בוכהאַלטעריע דורך בריוו. זיין אַרבעט אין „ייוואָ", דער קרוין פון דער מאָדערנער יידיש־יידישער וויסנשאַפט, איז

ביי בערנשטיינען אויך געווען אַ מלאכת הקודש, נישט סתם אַ פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט, אַ פּרנסה. עס איז ביי אים געווען אי אַ שטאָלץ, אי אַ געזעלשאַפטלעכע דינסט, אפשר דאָס אידעאַלסטע, וואָס איז געווען פאַר אים צוטריטלעך.

זאָלן די עטלעכע שורות וועגן דעם איש תם וישר דינען ווי אַ קליינע מצבה אויף דעם אומבאַקאַנטן קבר פון מאיר בערנשטיין ז״ל.

⁂

וועגן זיין פרוי חנה, די מוזינקע פונעם באַרימטן יידישן סאָציאַליסט אהרן ליבערמאַן, וועלכע איר זיידע (א. ליבערמאַנס פאָטער) רופט חנהלע, די מוטער און פאָטער רופן זי אין בריוו אַנאַצקע אָדער אַנינקע, קאָן איך זאָגן נישט פיל. מיר פערזענלעך איז נישט אויסגעקומען זי צו קענען. אָבער לויט דער דערציאונג, וואָס די בערנשטיינס האָבן געגעבן זייערע קינדער, קאָן מען אורטיילן, אַז זי האָט געירשנט פון איר באַרימטן פאָטער שטריכן פון אידעאַליזם, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די רעוואָלוציאָנערן פון די 70ער יאָרן און וואָס חנה(לע) מיט איר מאַן האָבן געוואָלט איינפלאַנצן אין זייערע קינדער. חנה מיט מאירן און זייער זון אהרן האָבן קאָרעספּאָנדירט, צוגעשטעלט בריוו, פאָטאָגראַפיעס און דאָקומענטן דעם קולטור־פאָרשער קלמן מאַרמאָר וועגן זייער באַרימטן פאָטער, שווער און זיידן, א. ליבערמאַן*.

⁂

ד״ר אהרן בערנשטיין האָט שטודירט מעדיצין אין בערלינער אוניווערסיטעט. ער האָט געירשנט פון זיינע עלטערן דעם אַלגעמיינעם שטריך פון גייסטיקייט און שטרענגער עטישקייט אין דער באַציאונג צו מענטשן. ער האָט זיך דערנענטערט צו ד״ר י. נ. שטיינבערגס גרופּע אין בערלין, צו די „פרייע שריפטן״, וואָס שטיינבערג האָט אַרויסגעגעבן פון אָנפאַנג אין בערלין און שפּעטער אין לאָנדאָן. אהרן בערנשטיין האָט זיך באַטיי־

* „אַהרן ליבערמאַנס בריוו״, קלמן מרמר, ייוואָ־פאַרלאַג, 1951.

ליקט אין די „פרייע שריפטן“ מיט אַרטיקלען, צווישן זיי אַרטיקלען וועגן זיין זיידן אהרן ליבערמאַן, פון וועמען ער האָט געירשנט זיין פּאַרנאָמען.

ווען א. בערנשטיין האָט זיך אומגעקערט קיין ווילנע, האָט ער גע־מוזט אָפּגעבן עקזאַמען אויף דאָקטאָר מעדיצין. מיט אַ יאָר פּאָר דער מלחמה האָט ער דעם עקזאַמען אין פּוילישן אוניווערסיטעט אָפּגעגעבן און איז געוואָרן מעדיקער אין דעם ווילנער יידישן שפּיטאָל. ער האָט זיך אָבער ווייטער פאַרנומען אויך מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און איז אַריין אין דער גרופּע פון געוועזענע לינקע ס״ר, וואָס האָט זיך מיט דער צייט טראַנס־פאָרמירט אין אַ גרופּע פון עטישע סאָציאַליסטן. צו דער דאָזיקער גרופּע, וואָס איר גייסטיקער פאָטער איז געווען ד״ר י. נ. שטיינבערג, האָבן גע־הערט צווישן אַנדערע: אינזש׳ מ׳ שרייבער, דירעקטאָר פון „אָרט“־טעכ־ניקום, א. י. גאָלדשמידט, לערער און שריפטשטעלער, פּייוול טרופּיאַנסקי, פאַרוואַלטער פון פאַרלאַג „טאָמאָר“, אַרויסגעבער פון „פרייע שריפטן“ אין ווילנע, גרשון מאַלאַקעוויטש, ס״ר קאַטאַרזשניק, דער פריילאַנדיסט פאַר עקסעלאַנס. דער לעצטער האָט שוין געאַרבעט מיט נאָך עטלעכע חברים אויף אַן אַרענדירטער קליינער פאַרם, וואָס „פריילאַנד“ האָט איינ־געאָרדנט מיט אַ יאָר אַנדערהאַלבן צי צוויי פאַרן לעצטן חורבן. פון די לעבנגעבליבענע פון דער דאָזיקער גרופּע דאַרף פאַרצייכנט ווערן מיכאל שור (איצט אין דרום־אַפריקע).

א. בערנשטיין האָט שטאַרק סימפּאַטיזירט מיט דער „פריילאַנד“־באַ־וועגונג, ער האָט אָבער נישט געקאָנט זיין אַזוי אַקטיוו ווי פריער צוליב זיינע פליכטן אין שפּיטאָל. ער איז געבליבן אַן אייגענער מענטש אין אַלץ, וואָס ד״ר שטיינבערג האָט אונטערגענומען סיי ליטעראַריש, סיי געזעל־שאַפטלעך.

אומגעקומען איז ד״ר בערנשטיין אין קלאָגער (עסטאָניע) דייטשן־קאָנצענטראַציע־לאַגער, ווו עס זענען פאַרפּייניקט געוואָרן צום טויט אַ גרויסע צאָל ווילנער יידישע אינטעליגענטן.

***

מאיר בערנשטיינס טאָכטער מרים איז געווען אַ לערערין. איר וווּנ־

דערלעכע לערערישע אַרבעט האָט זי געפירט ביי די ערגסטע באַדינגונגען אין ווילנער געטאָ. מיט מסירת נפש האָט זי באַשיצט די קינדערלעך פון די בייזע רוצחישע אויגן פון די דייטשן. דער סוף פון איר און פון די קינדער, אירע תלמידים און תלמידות איז געווען, ווי דער סוף פון דעם גרעסטן טייל פון יידישע פרויען אין ווילנע — מאַידאַנעק אָדער אַן אַנ־דער לאַגער מיט גאַז־קאַמערן און קאַלך־אויוונס. די קינדערלעך האָט מען אַזוי ווייט נישט געפירט: די פאַרשאָלטענע טעווטאָנען האָבן געמאַכט אַ סוף מיט זיי אויפן אָרט.

(„פרייַלאַנד", פאַריז, אַפּריל 12, 1954).

שמואל גאָזשאַנסקי

גאָזשאַנסקין האָב איך געקענט, ווען איך בין געווען אַ יינגל פון אַ יאָר 12־13 און ער, לויט מיין השערה, איז געווען שוין אַ „באַיאָרנטער מענטש". ער איז געווען אַ לערער אין אַ רעגירונגס־שולע אין ווילנע, ווו איך, אַ „נישט היגער" אויף ווילנער לשון (ד״ה אַ פּראָווינצער פון דער נאָענטער געגנט), בין אָנגעקומען צו לערנען.

גאָזשאַנסקי איז געווען אַ לערער אין צוגרייטונגס־קלאַס, אין וועלכן עס האָבן געלערנט אַ 40 קינדער אין עלטער פון 7־8 יאָר. ער, ווי אַ לע־רער פון די רעגירונגס־שולעס, האָט געטראָגן דעם מאָדנעם בלויען בגד, וואָס הייסט אַ פראַק, מיט פּאַרוואָרפענע צוויי עקן אויף הינטן, מיט אַ סאַמעטענעם קאָלנער און „גאָלדענע" קנעפּ. אָט דער פראַק האָט מסתמא אין די קינדער געדאַרפט איינפלאַנצן דעם יראת הכבוד צום לערער, ווייל די רעגירונגס־לערער זענען געווען די איינציקע יידן, וועלכע האָבן געמוזט טראָגן אַ „קנעפּל". אמת, נישט מער ווי אַ קנעפּל, אָבער נישט קיין קאָ־קאַרדע, קיין „עפּאָלעט" אָדער אַן אַנדער אָפּצייכן פון דעם קלענסטן „טשי־נאָווניק".

אַלע לימודים אין די יידישע רעגירונגס־שולעס האָט מען געפירט אויף רוסיש, אַפילו רעליגיע („זאַקאָן באָזשי") און די תפילות פאַרן אָנ־הייב פון די לעקציעס און צום סוף האָט דער דיזשורירנדיקער תלמיד גע־זאָגט אויף רוסיש. די תפילות האָבן זיך אָנגעהויבן מיט „פּרעבלאַגי באָ־זשע" (ליבער, גוטער גאָט). די קינדער, באַזונדערס פון צוגרייטונגס־קלאַס, האָבן נישט געקענט קיין וואָרט רוסיש. און הגם עס איז געווען אַן אינס־טרוקציע, אַז אין צוגרייטונגס־קלאַס (און נאָר אין אים) מעג מען אין אַ נויטפאַל, ווען דאָס קינד קען נישט באַגרייפן דעם באַטייט, איבערזעצן עס אויף יידיש — האָבן דאָך די לערער און בתוכם אויך גאָזשאַנסקי זיך כמעט מיט דער אינסטרוקציע נישט באַנוצט.

מען האָט זיך געמאָטערט, אָבי זיך צו באַגיין אָן יידיש. ליתר תוקף

האָבן די פּעדאַגאָגישע ראַטן פון די אָנפאַנגשולעס אָנגעזאָגט, אַז אויף דער גאַס זאָלן די שילער צווישן זיך נישט ריידן קיין יידיש.

גאַזשאַנסקי איז נישט געווען מיין לערער. אָבער אויף די הפסקות פלעגט ער זיין אָפט דער דיזשורנער. ער האָט נישט דערלאָזט, אַז די קינדער זאָלן זיך צו שטאַרק צעשטיפן. ער האָט געהאַט זייער אַן ערנסט פּנים, שוואַרצע אויגן מיט אַ פּאָר ווערטיקאַלע קנייטשן אויפן שטערן אי־בער דער נאָז, און דאָס האָט זיין פּנים געמאַכט נאָך שטרענגער. אָבער די קינדער אין זיין קלאַס האָבן געהאַט גרויסע פּעולות. ער האָט נישט גע־בטלט קיין צייט. באַמיט זיך, אַז זיי זאָלן אים פאַרשטיין. און גערעדט האָט ער מיט די שילער אַ מין סטאַקאַטאָ־טאָן, אַזוי אַז יעדער זילב איז ביי אים אויסגעקומען אויסגעהאַמערט, און דאָס האָט באַזונדערס אימפּאָ־נירט די קליינוואַרג; ווען ער האָט דערביי געמאַכט דעם אויסדרוק פון זיין פּנים נאָך ערנסטער דורך די קליינע קנייטשעלעך אויפן שטערן — פלעגט ביים שילער די „נשמה אַנטלויפן אין די פּיאַטעס" (אַ רוסישער אויסדרוק פאַר שרעק). נאָר דאָך האָבן זיך אַלע שילער צו אים באַצויגן, אויב נישט מיט גרויס ליבע איז אָבער מיט גרויס דרך־ארץ. ווען אים פלעגט אויסקומען צו פאַרבייטן אַ לערער־קאָלעגע אין די העכערע קלאַסן, איז עס געווען ביי די קינדער אַן אַנגענעמע אַטראַקציע. זיינע דערקלערונ־גען זענען געווען אַזוי קלאָר און פאַרשטענדלעך, אַז מען האָט זיך נישט געדאַרפט אָנשטרענגען עס צו פאַרשטיין און איינהאַלטן אין זכרון. ער איז געווען אַ לערער לויטן באַרוף און לויט זיין נאַטירלעכער באַגאַבטקייט.

און אפשר נישט אומזיסט האָט מען אים אין די אומלעגאַלע קרייז־לעך פון יענער צייט גערופן „לערער".

אָנגעטאָן איז ער שטענדיק געווען זייער נעט, זויבער מיט אַ שלייפל אָנשטאָט אַ שניפּס אויף אַ ווייס געפּרעסט העמד. געטראָגן האָט ער אַ האַרטן קאַפּעליוש (מעלאָניק, אויף רוסיש קאָטיעלאָק). אין דער שולע, אין וועלכער איך האָב געלערנט, איז ער געווען נאָר איין יאָר, אפשר עפּעס מער. דערנאָך האָט מען אים באַשטימט פאַר אַ לערער אין אַן אַנדער שטאָט.

אין שולע בין איך אָנגעקומען מיט נאָך אַ פּאָר חברים פון דער פּראָ־ווינץ. מיט זיי האָב איך געלערנט אין דער היים ביי אַ לערער, און אין

ווילנע האָבן מיר געוווינט אין איין צימער. גייען מיר אַזוי אַרויס פון שולע (אויף ווילנער לשון — „קלאַס") און ריידן זיך אויפן הויכן שטייגער און, נאַטירלעך, יידיש, מאַמע־לשון.

מיר באַמערקן נישט, אַז הינטער אונדז גייט סאַמואיל איסאַקאָוויטש גאַזשאַנסקי. ווייזט אויס, אַז איך בין געווען דער לעצטער „רעדנער" אויף דער גאַס, ווייל גאַזשאַנסקי איז גלייך צוגעגאַנגען צו מיר, אָפּגעשטעלט אונדזער גרופּע און געזאָגט אויף זיין „סטאַקאַטישן" שטייגער (אויף רוסיש) „קער זיך אום אין שולע און זאָג איליאַ איסאַקאָוויטשן (לאַזאַרעוו — פּאַרוואַלטער פון דער שולע), אַז דו האָסט גערעדט יידיש אויף דער גאַס מיט דיינע חברים".

אַ ברירה האָב איך געהאַט. איך בין אַוועק אין שולע מיט מיינע צוויי חברים. אָבער „איליאַ איסאַקאָוויטש" איז שוין אין שולע נישט געווען און מיט דעם האָט זיך די זאַך געענדיקט.

היסטאָריש איז כאַראַקטעריסטיש דער עצם פאַקט, אַז פאַר קינדער אין דער סאַמע יידישיסטישער שטאָט איבער דער גאַנצער וועלט איז געווען פאַרבאָטן צו ריידן יידיש אין גאַס. און דער „שליח" דערפון האָט געדאַרפט זיין גראַד גאַזשאַנסקי, איינער פון די שפּעטערדיקע גרינדער פון „בונד".

למען האמת מוז געזאָגט ווערן, אַז יידיש ווי אַ קולטור־שפּראַך האָט דאַן קוים אָנגעהויבן צו שטעלן אירע ערשטע טריט. בכל אופן איז זי נישט געווען די אומגאַנגשפּראַך פון דער יידישער אינטעליגענץ. די אַרבעט פון דער אינטעליגענץ צווישן מאַסן און בעיקר פון „בונד" גופא האָט „יידישיזירט" די אינטעליגענץ. און אַ סך פון גאַזשאַנסקיס געוועזענע תלמידים האָבן מיט יאָרן שפּעטער געלייענט מיט פאַרגעניגן לנו׳ס* יידישע אַרטיקלען אין די אומלעגאַלע אויסגאַבעס, וואָס פאַר יענער צייט זענען זיי געשריבן געוואָרן אין אַ קאָרעקטן יידיש.

גאַזשאַנסקי איז אין אַ פּאָר יאָר אַרום אַרעסטירט געוואָרן און געווען פאַרשיקט קיין סיביר מיט זיין פרוי (געבוירענע קליס), אָבער זיין ווייטערדיקע טעטיקייט גייט שוין אַרויס פון די ראַמען פון דער דאָזיקער פּערזענלעכער שילדערונג.

(„אונדזער שטימע", יולי 18, 1951).

---

* גאַזשאַנסקיס פּסעוודאָנים.

צבי ניסן גאָלאָמב

ער האָט נישט פאַרנומען דעם אויבנאָן אין מזרח־וואַנט פון די גרויסע ווילנער משכּילים, וואָס זייערע נעמען זענען באַקאַנט דער גאַנצער יידישער קולטור־וועלט — ווי מ. א. גינזבורג, א. מ. דיק, ש. י. פין, מתתיהו סטראַשון, א. ב. גאָטלאָבער, „בערקע״ מיכאַלישקער (אדם הכהן), קלמן שולמאַן א״אַנד. אָבער צבי ניסן גאָלאָמב איז געווען אַ טיפּישער משכּיל פון דער ליטווישער שולע. אַ למדן, אַ שפּראַכן־קענער, אַ ידען אין דער העברעישער און רבנישער ליטעראַטור, געווען באַקאַנט מיט די ראשי פּרקים פון דער דייטשער און רוסישער ליטעראַטור. געווען אַן אַלזייטיק באַגאַבטער מענטש. אַ סך געשריבן און אָפט אַפילו אינטערעסאַנט מיט חריפישע איינפאַלן. עס האָט אים אָבער געפעלט דער געטלעכער פונק פון מזל. דאָס גאַנצע לעבן געווען אַ ביטערער אָרעמאַן. עטלעכע מאָל אין זיין לעבן זענען אים אָפּגעשטאָרבן ווייבער. ער האָט געהאַט אַ סך פּרנסות, מיט ווייניק מזל ברכות. אפשר האָט ער זיך פאַרנומען אויף צו פיל געביטן, אַז ער זאָל זיך קענען קאָנצענטרירן אויף איין זאַך, פאַרטיפן זיך ביז צו שלימות אין וועלכן עס איז צווייג פון וויסנשאַפט.

אָבער אַן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט איז ער דאָך געווען. אין זיין שרייבעריי האָט אָפט געשטעקט אַ סך מליצה, גאָר אָפט פלעגט ער בליצן מיט פיינע ווערטלעך, בקיאות און אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונגען.

איך געדענק נאָך, ווען איך האָב יינגלווייז געלייענט אין „הצפירה״ זיינע אַרטיקלען וועגן מוזיק און ליטורגישע אַנגעלעגנהייטן. גאָר אינטערעסאַנט איז געווען זיין אָפּהאַנדלונג וועגן אָפּשטאַם פון אַלטע יידישע נעמען. זיין תנ״ך־וויסן איז געווען צו באַוואונדערן.

געבוירן געוואָרן איז גאָלאָמב אין יאָר 1853, אין אַ שטעטל נישט ווייט פון ווילנע. געלערנט אין אַ חדר, ישיבה, געלייענט אָבער אויך השכּלה־ביכלעך. כדי „אָפּצוראַטעווען אים פון אַפּיקורסות״ און פון די „טריף פּסולע ביכלעך״, האָבן אים די עלטערן צו 16 אָדער 17 יאָר חתונה גע־

מאַכט, כדי — זייענדיק אַ מטופּל מיט ווייב און קינדער — זאָל ער נישט קענען טראַכטן וועגן „נאַרישקייטן״.

ער פֿאַרט אַריבער קיין ווילנע און ווערט איינער פֿון די קאָרעקטאָרן אין דער באַרימטער ראָמס דרוקעריי.

ביי ראָמען האָבן זיך געדרוקט דערציילונגען פֿון שוין באַוווסטן א. מ. דיק. היות ווי דיקס האַנטשריפֿט איז געווען שווער צו לייענען אין צענזור, פֿלעגט גאָלאָמב ביינאַכט עס איבערשרייבן (ער האָט געהאַט אַ פֿיינע האַנטשריפֿט). דערביי האָט ער דערפֿילט, אַז ער קען אויך שרייבן מעשה־ביכלעך מיט אַ מוסר־השכל לויט דעם נוסח פֿון דעמאָלטיקע משכּילים און ער האָט געשריבן און געדרוקט פֿאַרשיידענע דערציילונגען. דאָס זענען געווען „אוטיליטאַרע מעשיות״, וואָס האָבן געהאַט דעם ציל „אויסצו־מענטשלען״ אין געוויסע פּרטים די באמת פּרימיטיווע לייענער פֿון דעם סאָרט ליטעראַטור.

אָבער גאָלאָמב האָט פֿון זיין קאָרעקטור און שרייבעריי נישט געקענט מאַכן קיין לעבן. ער האָט ווי שלום עליכמס מלמד געדאַרפֿט נאָך „קנעלן״.

ער האָט געגעבן לעקציעס אויף העברעיש; בינתים האָט ער אַנט־פּלעקט ביי זיך אַ מוזיקאַלישן טאַלאַנט. זיינער אַ תּלמיד, וועמען ער האָט געגעבן העברעישע לעקציעס האָט גאָלאָמבן געלערנט פֿידל־שפּילן. און אָט ווערט גאָלאָמב אַ מומחה אין פֿידלעריי. ער גיט לעקציעס פֿון פֿידל־שפּילן; ער שרייבט עטלעכע „שקאַלעס״ (לערנביכער אויף מוזיק) פֿאַר פֿידל און אַ ווערק וועגן טעאָריע פֿון האַרמאָניע (עס האָט זיך גערופֿן „למנצח בנגינות״). ער האָט געזאַמלט חסידישע ניגונים און פֿאָלקסלידער און אַראַנזשירט עס פֿאַר סטרונע־אינסטרומענטן (פֿידל, וויאָלאָנטשעל א״אַנד).

די ביטער פֿאַרהאָרעוועטע גראָשנס פֿלעגט גאָלאָמב פֿאַרנוצן אויף צו דרוקן זיינע פֿאַרשיידענע ווערק.

אין יאָר 1880 האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בוך וועגן „דאַמען־רעכט נאָך דער תּלמודישער רעכט און ציוויליזאַציאָן״. גאָלאָמב האָט עס גע־דרוקט קאַפּיטלעכווייז אין אַ יידישער צייטונג „הישראלי״; שפּעטער איז דאָס בוך אַרויסגעגעבן געוואָרן אונטערן קעפּל „משפּט הבנות״, וואָס איז

אַ געמיש פון היסטאָרישע פאַקטן, תלמודישע אַנשויאונגען און מאָדערנער באַציאונג צו פּרויען מיט אַ מוסר השכל.

ווען עס זענען אָנגעקומען די רעוואָלוציאָנערע צייטן, האָט גאַלאַמב געפּרוווט אויך זאָגן זיין וואָרט אין גייסט פון רעוואָלוציע. ער האָט אָפּגעדרוקט אַ ביכל „די בורזשואַזיע אָדער די געלט־סומאַטאָכע" מיט אַ כאַראַקטעריסטישער אויסטייטשונג: „בעאורטהיילונג און איבערבליק פון עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט און פאַקטען פון לעבען איבער די געוואַלדיגע באַהערשונג פון דאָס געלד אויף די מאַטעריעלע און גייסטלעכע ערנעהרונגס־אויסאַרבייטונג".

דער שרייבער פון די שורות האָט נישט די ביבליאָגראַפיע פון אַלע גאַלאַמבס שרייבערייען, און קען זיי אויך אויסנווייניק נישט אויסרעכענען. בכל אופן זענען זיי נישט ווייניק אין צאָל.

אָבער קיינער האָט זיך מיט זיין ביבליאָגראַפיע נישט פאַרנומען. נאָך ווייניקער מיט זיין ביאָגראַפיע. דאָס איז אַ ביאָגראַפיע פון אַ משכיל אַ פּיאָנער, אויטאָדידאַקט. אַ חריף און שטענדיקער אָרעמאַן, אָבער אַ פרייליכער אָרעמאַן, וואָס פלעגט אָפּפטרן זיין דלות און זיינע ווייבער מיט אַ וויץ, מיט אַ גלייכווערטל, אַנשטאָט צו געבן אַ ממשותדיקע פּרוטה אויף צו לעבן.

שוין זייענדיק אַ 70ער האָט ער חתונה געהאַט צום לעצטן מאָל מיט אַ יונג מיידל (פון עפּעס אַ דערבייאיק שטעטל). אַדאַנק זיין מזג טוב פלעגט ער זיך נישט שטאַרק נעמען צום האַרצן זיינע מאַטעריעלע שוועריקייטן און אויף אַזאַ אופן איינגעהיט זיין יוגנטלעכקייט...

אויב דער זכרון דינט מיר — איז אין יאָר 1928 געפייערט געוואָרן זיין 75־יעריקער יובל. איינגעאָרדנט האָט דאָס דער ווילנער ליטעראַטן־פאַראיין. איך האָב באַקומען דעם אויפטראָג אָנצושרייבן עפּעס צו זיין יובל.

כ'דערמאָן זיך אַזאַ סצענע ביים פייערן דעם יובל פון צבי ניסן גאַלאַמבן. קיינער אויסער מיר און דעם סעקרעטאַר פון זשורנאַליסטן־סינדיקאַט, לייב סטאַצקי (מיטאַרבעטער פון „צייט") איז נאָך אין זאַל נישט געווען. דער בעל־היובל איז געקומען אויך באַצייטנס און זיך געזעצט אויף

דער בינע. איך מיט סטאַצקין האָבן געאָרדנט דעם אָוונט. ס׳איז געווען עפּעס אין אַ זאַל, און מען האָט געדאַרפֿט אַליין במחילה שלעפּן די טישן, פֿונאַנדערשטעלן בענקלעך. אונטער די פּיס האָט זיך געדרייט אַ ייִנגעלע פֿון אַ יאָר 6, אפֿשר נאָך ייִנגער און האָט היפּש געשטערט די צוגרייטונגס־אַרבעטן. סטאַצקי פֿרעגט ביים אַלטן גאַלאַמב: „ווער איז דאָס דער ייִנגעלע?״

גאַלאַמב ענטפֿערט: „דאָס איז מיין עלטערן זונס אַ ברודערל...״ דאָס האָט נאַטירלעך געמיינט, אַז דער קליינער מזיקל האָט אַ שייכות אויך צו אים, דעם בעל־היובל...

זעלטן ווען עס פֿלעגט פֿאָרקומען אַ זיצונג פֿון ווילנער ליטעראַטן־פֿאַראיין, ווען אויפֿן סדר־היום זאָל נישט שטיין דער ענין „צ. נ. גאַלאַמב״. דאָ קומט דאָס ווייב טענהן, אַז דער באַלעבאָס שטעלט זי מיט די קינדער ארויס פֿון דער דירה. דאָ — אַז זי האָט נישט פֿון וואַנען צו לעבן אַזוי. דעם אַלטן גאַלאַמב האָט מען אויסער דער ריי, צוליב דער השתדלות פֿון ליטעראַטן־פֿאַראיין, אַנגענומען אין ווילנער מושב־זקנים. קיין גרויסע געלט־מיטלען האָט דער ליטעראַטן־פֿאַראיין נישט געהאַט. דאָך האָט מען אים געגעבן טאַשנגעלט פֿון די לעצטע. אָבער אויסצוהאַלטן דאָס יונגע ווייב מיט צוויי קינדער איז טאַקע געווען פֿאַרן פֿאַראיין, מיט אַ באַגרענעצטער צאָל מיטגלידער, נישט מעגלעך. מען האָט איר געהאָלפֿן מיט וואָס מען האָט געקענט, מען האָט זי געפּרוווט איינאָרדענען ביי וועלכער עס איז אַרבעט, אָדער זען, אַז אירע בקשות אין די געהעריקע אינסטיטוציעס זאָלן דערפֿילט ווערן.

אַנדערע מיטגלידער פֿון ווילנער ליטעראַטן־פֿאַראיין פֿלעגן אים געבן סיסטעמאַטיש עטלעכע גילדן יעדן חודש.

ביי איין נתינה אַ גרעסערע ווי שטענדיק, זאָגט ער צו מיר, צונעמענדיק די מטבע: „דאָקטוירים זאָגן, אַז איך האָב אַ שוואַך האַרץ. ס׳איז טאַקע אמת, איך קען זיך נישט אָפּזאָגן, ווען מען גיט מיר. אַ שוואַך האַרץ...״

אַזוי פֿלעגט גאַלאַמב מיט זיינע ווערטלעך פֿאַרגרינגערן זיך און אַנדערע דאָס געמיט.

אויף צו באַקענען זיך מיט זיינע שריפֿטן, האָט ער מיר געגעבן אַ

קונטרס מיט אויסשניטן, צווישן זיי זיין ערשטע קאָרעספּאָנדענץ אין „הלבנון“, אָדער „המגיד“.

זיינע שפּעטערדיקע אַרבעטן האָט ער נישט געזאַמלט, אָדער זיי זענען פאַרלוירן געגאַנגען. איך האָב צוזאַמענגעשטעלט זיין ביאָגראַפיע פון דעם, וואָס איך האָב געדענקט פון אַמאָל און פון שמועסן מיט אים.

אין זיין תורה שבעל פּה איז ער געווען שאַרף לומדיש און אינטערעסאַנט. צי האָבן זיך איינגעהיטן זיינע ווערק ערגעץ־ווו? כ׳גלייב, אַז דער ייוואָ האָט זיי. אָבער מסתמא נישט אַלע. אַ שאָד. זיינע געזאַמלטע ווערק וואָלטן געגעבן אַ קלאָר בילד פון דער משכילישער תקופה פון לעצטן פערטל פון 19טן און אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט.

ווען ער איז געשטאָרבן אין מושב־זקנים, האָבן אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו אַלע ווילנער יידישע זשורנאַליסטן און שרייבער. רעדעס זענען געהאַלטן געוואָרן ביי זיין קבר. אין 1935 האָט דער ליטעראַטן־פאַראיין אַוועקגעשטעלט אַ מצבה אויף זיין קבר מיט דער געהעריקער אויפשריפט.

גאָלאָמבס אַן עלטערער זון האָט געלעבט אין מאָסקווע, ווו ער איז, דוכט זיך, געווען אַ פּראָפעסאָר אין דער דאָרטיקער קאָנסערוואַטאָריע. ער האָט איין מאָל געשריבן אַ רירנדיקן בריוו אין אַ גוטן יידיש צום פאָרזיצער פון ווילנער ליטעראַטן־פאַראיין, משה שאליט, אויסדריקנדיק אַ האַרציקן דאַנק פאַר דער זאָרג, וואָס זיינע מיטגלידער ווייזן אַרויס פאַר זיין פאָטער. אויך נאָך אַ זון פון גאָלאָמבן איז שפּעטער אָפּגעפאָרן אין ראַטנפאַרבאַנד. די פרוי זיינע האָט נאָך גענאָסן פון דער מאָגערער אונטערשטיצונג מצד דעם ליטעראַטן־פאַראיין ביז וואַנעט ער האָט עקזיסטירט ווי אַזעלכער.

צבי ניסן גאָלאָמב וועט בלייבן אין דער יידישער ליטעראַטור ווי אַ טייל פון אַ גרויסער עפּאָכע, וואָס האָט פאַרמאָגט אַזוינע גלענצנדיקע אויטאָדידאַקטן, לומדים און אויפקלערער, ווי גאָלאָמב.

(„אונדזער שטימע“, יוני 3, 4, 1952).

א. י. גראָדזענסקי

ביים גרויסן רוסישן שרייבער־הומאָריסט וו. קאָראָלענקאָ איז דאָ אַ דערציילונג „פּאַראַדאָקס". בעת קאָראָלענקאָס יוגנט־יאָרן אין ראָוונע איז אַהין אַראָפּגעקומען אַ מאָדנע באַשעפעניש, אַ מענטש, וואָס האָט לגמרי נישט געהאַט קיין הענט, און זיינע פיס זענען אויך געווען צעדרייט אַזוי, אַז גיין האָט ער נישט געקענט. אַ פּאַרשוין האָט אים געפירט אין אַ וועגעלע און אויסגעשריגן, אַז דער קריפּל האָט אַ וואונדערלעכן שפּרוך און פאַרשרייבט עס מיט די אויסגעדרייטע פינגער פון פוס פאַר אַ „סוווועניר". פאַרשטייט זיך, אַז אויף דער גאַס איז געוואָרן אַ צוזאַמענלויף. מען האָט דעם פּאַרשוין געדאַרפט געבן אַ קליינע קופּערנע מטבע און דאַן האָט ער, דער קריפּל, געוויזן זיינע קונצן. די קליינע ברידער קאָראָלענקאָס האָבן אים געגעבן אַ מטבע און דער קריפּל האָט פלינק אָנגעשריבן זיין שפּרוך: „אַ מענטש איז באַשאַפן געוואָרן פאַר גליק, ווי אַ פויגל פאַרן פלי", און דאָס איז דאָך געווען דער גרעסטער פּאַראַדאָקס אין מויל פון דעם, וואָס קען נישט נאָר נישט פליען, נאָר איז אַפילו נישט בכוח זיך צו באַוועגן אַליין. שטילערהייט האָט ער צוגעגעבן, אַז כאָטש דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן פאַר גליק, איז „אָבער דאָס גליק נישט באַשאַפן געוואָרן פאַרן מענטש"...

דאָס קומט מיר אויפן זינען, ווען איך טראַכט וועגן א. י. גראָדזענסקי. ער איז געווען אַ פּילפּאַכיקער קריפּל. אָבער ווייניק געזונטע מיט אַלע חושים און אברים האָבן זיך מיט אים געקענט פאַרגלייכן אין פּראָדוקטיוויטעט און ווילן צו זיין אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן, ווי אויך אין פּריוואַטן לעבן. גראָדזענסקי איז טאַקע געווען דער אמתער פּאַראַדאָקס.

א. י. גראָדזענסקי איז געבוירן געוואָרן אין אַ רבנישער פאַמיליע. זיין לייבלעכער פעטער איז געווען דער באַוווסטער ווילנער גאון ר' חיים עוזר גראָדזענסקי. זיין פאָטער האָט אויך געהאַט סמיכות אויף רבנות, אָבער ער האָט זיך פאַרנומען מיט האַנדל און געווען דער יושב־ראש פון

דער ווילנער „אגודה". אבער א. י. גראַדזשענסקי איז אין זיינע גאָר פריִע יאָרן געוואָרן אַ גרויסער אַפּיקורס, אַ כופר בעיקר, געחברט זיך מיט בונדיסטן און אַנדערע רעוואָלוציאָנערן, געוואָלט ווערן דווקא אַן אַרבעטער.

ביים געבוירין ווערן האָט די אַקושערין עפּעס פאַרזען ביים עפענען דאָס מויל פון קינד און דער קליינער גראַדזענסקי איז געבליבן אָן אַ גו־מען, אָדער מיט אַ צעלעכערטן גומען. ווען ער האָט זיך אויסגעלערנט רעדן זענען דעריבער אַלע קלאַנגען געגאַנגען דורך דער נאָז, און ער איז גע־וואָרן אַ פאַנפאַטש (אויף ווילנער לשון פּשוט אַ „כאַמכע"), און נאָר נאָענטע, וואָס האָבן שוין געוווסט דעם שטייגער פון זיין „כאַמכען", האָבן געקענט פאַרשטיין, וואָס ער רעדט.

אויסער דעם איז ער קינדווייז אַראָפּגעפאַלן פון זיין בעטל און האָט פאַרלוירן ביי 60־70 פּראָצענט פון זיין געהער. די טויבקייט און פעלער־האַפטע אויסשפּראַך האָבן שוין קיין דאָקטוירים נישט געקענט באַזייטיקן. דאָך האָט גראַדזענסקי געלערנט אין חדרים און אַריינגעזאַפּט אין זיך אַביסל יידיש וויסן, ווי מען האָט עס פאַרשטאַנען ביי פרומע יידן אין די נייַנציקער יאָרן. אָבער אין דער לופטן האָבן זיך שוין געטראָגן די רע־וואָלוציאָנערע שטימונגען און גראַדזענסקי איז געוואָרן פאַרכאַפּט מיט „ביכלעך" מער ווי מיט לימודים אין חדר און איז, ווי געזאָגט, אַרויס „לתרבות רעה" און רעוואָלטירט קעגן דעם אַלטן שטייגער פון זיין האַלב־רבנישן טאַטן. לסוף פאַרלאָזט גראַדזענסקי ווילנע און פאָרט אַוועק קיין בעלגיע. דאָרט ווערט ער אַ דימענט־שלייפער, בכן אַן אַרבעטער, וואָס דאָס איז געווען זיין ווונטש: זיין אַליין צווישן „אַרבעטער מאַסן"! אין ווילנע וואָלטן זיינע באַלעבאַטישע עלטערן נישט דערלאָזט דערצו.

גאָר פרי, צו אַ יאָר 17, אפשר נאָך פריער, הייבט גראַדזענסקי אָן צו שרייבן לידער וועגן נאַטור, לבנה, שטערן און ליבע.

די אויפבליענדיקע יידישע מוזע האָט געהאַט פאַר זיך דעמאָלט אַזעל־כע פאָעטן, ווי דוד איינהאָרן, ז. שניאור, מ. טייטש, לייבניידוס א"אַנד. וואָס זענען געווען אין ווילנע. ס'האָט געהערשט די פּאָעזיע פון דער נאַ־טור־נאַטירלעכקייט אַליין! אָבער אויך סאָציאַלע מאָטיוון און „וועלט שמערץ" זענען געווען פאַרטראָטן. גראַדזענסקי איז געשטאַנען אַקסל ביי

אַקסל מיט אַלע יונגע פּאָעטן ערב דעם וועלטקריג און באַוויזן אַרויסצו־געבן עטלעכע זאַמלונגען פֿון זייערע שאַפֿונגען.

נישט דערגרייכנדיק קיין ממשותדיקן דערפֿאָלג אין אויסלאַנד, קערט ער זיך אום קיין ווילנע.

ווען אַ היפּשער טייל פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג פֿאַרלאָזט ווילנע צוליב די מלחמה־געשעענישן (1915), פֿאָרט גראַדזענסקי אַוועק קיין קאַטערינאָסלאַוו. דאָ טרעפֿט מיט אים אַ גרויס אומגליק. גייענדיק אײַבערן „פּראָספּעקט״ (אַ באַוווּסטע ברייטע גאַס אין ק.), הערט ער נישט צוליב זײַן טויבקייט דעם טראַמוויי־קלונג און פֿאַלט אַרונטער אונטער די רעדער, וועלכע שניידן אים אָפּ ביידע פֿיס איבער די קני.

אין אַזעלכע פֿאַלן איז זייער זעלטן, אַז די פֿאַרוווּנדעטע זאָלן בלײַבן לעבן. איידער ס׳קומט די הילף, גייען זיי געוויינלעך אויס פֿון גרויסן בלוט־אָפּפֿלוס. אָבער גראַדזענסקיס וויטאַליטעט איז געווען קענטיק אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט עס אויסגעהאַלטן. מען האָט נאָך ביי דער אָפּעראַציע געמוזט אָפּשניידן אַ שטיקל שענקל פֿון ביידע פֿיס.

אין שפּיטאָל איז ער געלעגן ביי אַ דריי פֿערטל יאָר, די ערשטע צייטן איז ער געווען אין באַוווּסטלאָזן צושטאַנד. אָבער דערנאָך איז ער ביס־לעכווייז געקומען צו זיך.

דעם דאָזיקן פּעריאָד פֿון זײַן לעבן האָט ער שפּעטער באַשריבן אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿישן ראָמאַן „לעבן״. ער שילדערט זײַנע איבערלעבונ־גען אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ ליבע (גראַדזענסקי איז געווען אַ מיידעם אויך אויף דעם צווייג פֿון לעבן) וואָס ער האָט „געשפּילט״. דער ראָמאַן איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין קלעצקין פֿאַרלאַג (ווילנע) אַרום 1919־1920, און איז שטאַרק געלויבט געוואָרן דורך דער קריטיק.

מען האָט גראַדזענסקין באַזאָרגט מיט פּראָטעזן (קינסטלעכע פֿיס) און ער איז אין 1919 געקומען צוריק קיין ווילנע. דער ליטעראַטן־פֿאַראיין האָט אײַנגעאָרדנט פֿאַר אים, אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערשײַנענעם ראָ־מאַן „לעבן״, אַ קבלת פּנים־אָוונט. ס׳האָבן גערעדט וועגן אים זייער וואַ־רעם משה שאַליט (פּאָרזיצער פֿון ליטעראַטן־פֿאַראיין), זלמן רייזען און פּרץ מאַרקיש, וועלכער איז דעמאָלט גראָד געווען אין ווילנע.

גראדזענסקי האט אנגעהויבן ארבעטן פארן קלעצקין־פארלאג. ער האט איבערגעזעצט, צווישן אנדערע, גארקיס „פאמא גארדייעוו" און „מו־טער"; פושקינס „יעווגעני אנעגין". ארטיסט (אדער חזן) גראדנער האט אראנזשירט די מוזיק (לויט טשאיקאווסקי) צו „יעווגעני אנעגין" און עס עטלעכע מאל געשטעלט אין גרויסן ווילנער שטאטזאל, ווי אן אפערע. אזוי ארום איז דער טויבער גראדזענסקי געווארן דער באשעפער פון א בארימ־טער אפערע אין יידיש. איז דאס נישט קיין פאראדאקס? מען האט גע־דארפט האבן א סך מוט און גלויבן אין דורכפירן אזא מין אונטערנעמונג ביי די ארעמע כוחות, וואס דער יידישער טעאטער האט פארמאגט.

אין די צוואנציקער יארן האבן אין ווילנע עקסיסטירט צוויי מארגן־צייטונגען: „טאג" און „צייט". גראדזענסקי האט זיך אונטערגענומען צו זיין דער רעדאקטאר פון א דריטער צייטונג, וואס די ברידער דרוקערס ראזנטאל האבן אנגעהויבן ארויסלאזן. די צייטונג האט געהייסן „אוונט־קוריער" און פלעגט דערשיינען ארום 4־5 בייטאג. גראדזענסקי האט אליין אויסגעפילט די צייטונג מיט ארטיקלען, קריטיק, רעצענזיעס און ראמא־נען. שפעטער האט ער צוגעצויגן צו דער ארבעט אין „אוונט־קוריער" דעם געהילף־סעקרעטאר פון ליטעראטן־פאראיין ב. טערקעל.

דער „אוונט־קוריער" האט געהאט גרויס דערפאלג. ער פלעגט זיך צע־גיין אין פיר און א האלבן טויזנט עקזעמפלארן און „געשלאגן" די מארגן־צייטונגען.

גראדזענסקי פלעגט זיך אפרופן אויף יעדער דערשיינונג סיי אין אל־געמיין־פאליטישן, סיי אין יידיש־געזעלשאפטלעכן לעבן. די ריכטונג — א דעמאקראטיש־ראדיקאלע. ער האט נישט געזשאלעוועט די פרומע, די ליבעראלע, די באלעבאטים־פאבריקאנטן און רייכע סוחרים. שטענדיק גע־שטאנען אויף דער זייט פון די הארעפאשניקעס. ער האט געהאט אויף זיך אן א שיעור פרעסע־פראצעסן מצד דער פוילישער רעגירונג פאר זיינע שארפע אטאקעס אויף די אנטיסעמיטישע און רעאקציאנערע פוילישע הערשער.

דער „אוונט־קוריער" פלעגט אפט ווערן קאנפיסקירט. לעצטנס (אין

1938 אָדער 1939) האָט גראָדזענסקי געמוזט גיין זיצן אין תפיסה אויף זעקס חדשים פאַר אַ שאַרפן אַרטיקל קעגן דער רעגירונג.

גראָדזענסקי האָט דער ערשטער (ווייל זיין צייטונג איז אַרויס מיטיק־צייט) געגעבן טעאַטער־רעצענזיעס וועגן נעכטיקע פאָרשטעלונגען. ער פלעגט נישט דורכלאָזן קיין שום נייע טעאַטער־פאָרשטעלונג. ער פלעגט זיך זעצן ביי דער סאַמע בינע, צולייגן די האַנט צום אויער, מאַכנדיק אַ מין אייגענעם אופן פון אַ „הילכער״, אַז ער זאָל בעסער הערן. נאַטירלעך, האָט ער צוליב זיין נישט דערהערן געמאַכט טעותן, אָבער מען האָט נישט געוואָלט אָנרירן און פאַררופן זיך אויף זיינע פיזישע מומים. ער איז דאָך געווען זייער פּילעוודיק, ווען מען האָט אים ליטעראַריש אָדער זשורנאַליסטיש באַליידיקט.

ער האָט אין בערלין אין יאָר 1933 זיך געלאָזט מאַכן גוטע פּראָטעזעס, אַזוי אַז ער האָט געקענט זיך באַוועגן, מיט אַ שטעקן אין האַנט, ווי אַ ראַבאָט.

אַלע ווילנער „איזוואָזטשיקעס״ האָבן אים געקענט און גערן געפירט. זיי האָבן געוווּסט זיינע ערטער (רעדאַקציע „אָוונט־קוריער״ אויף רודניצקער, אַ יידישער טעאַטער, קהילה, ליטעראַטן־פאַראיין און ענלעכע פּלעצער). ער פלעגט אָבער אָפט, ביי נישט קיין גרויסע שטרעקעס, גיין „צו פוס״, פאַרשטייט זיך לאַנגזאַם, קלאַפנדיק מיט די שטאָלענע פיס און מיטן שטעקן.

איין מאָל האָט אַ יונג־ווילניאַנער אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון ליטעראַטן־פאַראיין זיך אויסגעדריקט, אַז גראָדזענסקי איז אַ „שונדיסט״ אָדער עפּעס ענלעכס דערצו. גראָדזענסקי האָט זיך האַסטיק אַ הייב געטאָן און מיט זיין שטעקן אַ „יאָג געטאָן״ זיך נאָך דעם באַליידיקער.

עס איז געווען עפּעס אויסטערלישעס אין דעם: אַ קריפּל, אַ מיטליאָריקער, פאַרפאָלגט אויף קינסטלעכע פיס אַ יונגן מענטש מיט געזונטע אברים, און דער מענטש אַנטלויפט אין פּחד פאַרן אויפגערעגטן „קאַליקע״ אויף מאַשינאָווע „שטאָלצעס״...

ווי ס׳רוב מענטשן מיט פיזישע פעלערן, איז ער געווען אַ כעסן. ווען

ער פּלעגט זיך צעהיצן און נעמען שרייען — האָבן שוין אייגענע אויך אים כמעט נישט פאַרשטאַנען. דאָס האָט אים נישט געשטערט צו האַלטן האַלב־שעהדיקע רעדעס אויף פאַרזאַמלונגען, איבערהויפּט פון ליטעראַטן־פאַר־איין, זשורנאַליסטן־סינדיקאַט, ווו ער איז געווען כמעט אַ שטענדיקער מיטגליד פון פאַרוואַלטונג און אַמטירנדיקער סעקרעטאַר. אַלס אַזעלכער איז ער געווען זייער פּינקטלעך. דער פאַרלויף פון אַלע פאַרוואַלטונגס־זי־צונגען, פאַרזאַמלונגען, קאָמיסיעס — זענען געווען פאַרפּראָטאָקאָלירט. בריוו „אַריינגייענדיקע" און „אַרויסגייענדיקע" — רעגיסטרירט. גרעסערע ענינים אין באַזונדערע טעקעס. דער ליטעראַטן־פאַראיין און באַזונדערס דער לאַנגיאָריקער פאַרזיצער משה שאַליט האָבן גענומען זייער ערנסט אַלע ווענדונגען פון שרייבערס וועגן סכסוכים מיט פאַרלעגערס אָדער צווישן זיך. נישט איין מאָל איז אויסגעקומען צו פירן שטרייקן אין צייטונגען און גראָדזענסקי האָט מקפּיד געווען, אַז אַלץ זאָל גיין כשורה וכדין, ווי אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. מען האָט נישט געטאָרט פאַרבייגיין קיין שום סעיף פון דעם איינגעשטעלטן שולחן־ערוך פון שטרייקן אד"גל.

אָן אַ סוף פּרעטענזיעס זענען געווען צום באַוווסטן קלעצקין־פאַרלאַג. צענדליקער אָוונטן זענען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר די פאַרהאַנדלונגען און סכסוכים. קלעצקין איז שוין געווען אַ יורד און האָט טאַקע נישט געהאַט מיט וואָס אַנטקעגנצוקומען. גראָדזענסקי איז געווען דער שטרענגסטער צווישן די שרייבער־מאַנערס און אַ קעגנער פון קאָמפּראָמיסן מיט די פאַר־לעגער. די קלאָגן האָבן שטאַרק אָפּגעשאַצט זיין איבערגעגעבנקייט צו די פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון פאַראיין און ער, צוגלייך מיט שאַליטן, האָט באַקומען די גרעסטע צאָל שטימען און איז פאַרבליבן פּערמאַנענטער סעקרעטאַר.

דער „אָוונט־קוריער", וואָס ער האָט רעדאַקטירט, האָט באַקומען קאָנ־קורענטן: „ווילנער ראַדיאָ", „ווילנער מאָמענט" א"אַנד. אָבער דער „אָוונט־קוריער" האָט שוין געשאַפן „אָפּזאָץ־מערק" אין אַנדערע שטעט, ווי ביאַ־ליסטאָק, גראָדנע, ווו עס פלעגן געשיקט ווערן 3 זייטן און די 4טע איז געווען „בלאַנק" פאַר אָרטיקע נייעס. גראָדזענסקי האָט פאַרשטאַנען דעם קליינעם מענטש, דעם מענטש פון גאַס און געקענט צופּאַסן די צייטונג

צו די טאָג־טעגלעכע אינטערעסן און נויטן פון דעם „גרויען מענטש“, ווי מען פלעגט עס זאָגן אין פוילן.

איך האָב נישט איינמאָל באַמערקט, אַז מענטשן פון גאַס האָבן זיך באַצויגן צו גראַדזענסקין פּאָזיטיוו און אַפילו מיט ליבע. צום ביישפּיל: אין אַ געוויסן זומערטאָג בין איך מיט אים געגאַנגען נישט ווייט פון זיין וווינונג, וואָס איז געווען אין „צדקה גדולה“. מיטאַמאָל זענען קעגן אונדז אויסגעוואַקסן עטלעכע פּוילישע כוליגאַנעס. איידער מיר האָבן באַוויזן זיך צו אָריענטירן, איז גראַדזענסקי דורך זיי אומגעוואָרפן געוואָרן אויף דער ערד און זיי האָבן זיך געגרייט אויף עפּעס נאָך ערגערס. עס האָט געדויערט עטלעכע רגעס און פון אַרום זענען אָנגעלאָפן יידן און האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו די כוליגאַנעס און זיי פאַרטריבן. איינעם פון די כוליגאַנעס האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרהאַלטן. דאָס איז געווען אַ פּאָר טריט פון שטאָטישן סטאַראָסטע, ווו עס שטייט אַ שטענדיקע פּאָליציי־וואַך. ס'טייטש, האָבן זיי געטענהט מיט דעם עלטסטן, אין מיטן העלן טאָג אָנפאַלן אויף אונדזער רעדאַקטאָר גראַדזענסקי?...

***

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז זיין פאַמיליע־לעבן. ער, וואָס זיינע פּיס זענען געווען אָפּגעשניטן כמעט ביז צום סאַמע קאָרפּוס, האָט חתונה געהאַט. זיין פרוי אַ צייןדאָקטאָרין פון אַ קליין שטעטל, האָט אים געבוירן דריי געזונטע שיינע יינגלעך.

אין די לעצטע יאָרן האָט ער שלום געמאַכט מיט זיינע עלטערן און געוווינט מיט זיי צוזאַמען אויף גרויס סטעפּאַן גאַס. א. י. גראַדזענסקי, דער יידישיסט, דער אָנהענגער פון אַ יידישער שולע, האָט די דערציאונג פון זיינע אייגענע קינדער איבערגעלאָזט צו זיין פאָטער, דעם זיידן פון זיינע קינדער. דער לעצטער האָט זיי באַזאָרגט מיט אַרבע כנפותלעך, יאַר־מולקעלעך און געשיקט זיי לערנען אין די עקסטרעם אָרטאָדאָקסישע שו־לעס פאַר יינגלעך „יבנה“. אויך דאָס איז געווען דער פּאַראַדאָקס אין לעבן פון דעם קעמפער פאַר אַ פרייער דערציאונג, פאַר אַ פרייער שולע, פאַר יידיש...

מעגלעך, אַז ער האָט אויף דעם דאָזיקן פּראָנט נישט געקענט ביי־שטיין דעם דרוק פון קרובֿהשאַפט, די „שטים פון בלוט". ווי אַ קאַליקע האָט ער לפּחות אויף זיין פאַמיליע־פּראָנט געמוזט האָבן אַ שטיקל „בורג־פרידן".

אָבער דער קאַליקע גראָדזענסקי איז דאָך מיט אַ צוויי יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געוואָרן דער פירער פון זיין קראַנקער פרוי קיין אויסלאַנד. זי האָט געמוזט האָבן אַן אָפּעראַציע אין האַלדז. ער, דער קריפּל, האָט איינגעאָרדנט די אָפּעראַציע אין שווייץ און איז געווען די גאַנצע צייט מיט דער קראַנקער פרוי.

גראָדזענסקיס געוואַלטיקע ענערגיע האָט גובֿר געווען אַלע אויסער־לעכע שוועריקייטן, וואָס זענען אַנטשטאַנען ביי מער־ווייניק נאָרמאַלע באַדינגונגען.

ווען די היטלעריסטן האָבן פאַרנומען ווילנע, האָט גראָדזענסקיס ענערגיע שוין נישט געקלעקט.

אין קאַטשערגינסקיס „חורבן ווילנע" (ז' 186) געפינען מיר די ווייַ־טערדיקע שורות וועגן גראָדזענסקיס סוף:

„אין בלוטיקן כאַאָס פון יאָר 1941 האָט ער כסדר געפּרוּווט זיך באַ־האַלטן און צום סוף האָבן אים די מערדערס געכאַפּט. ער האָט זיך זיי קעגנגעשטעלט און געזאָגט, אַז „קיין לעבעדיקן וועט איר מיך נישט נע־מען". זיי האָבן אים געשלאָגן, אַרויסגעטראָגן פון שטוב און אַריינגע־וואָרפן אין אַ פאַרמאַכטן אויטאָ, וואָס האָט אַוועקגעפירט אויף פאָנאַר אַלטע און קראַנקע, וועלכע האָבן צופוס נישט געקענט גיין. אין אַ קורצער צייט אַרום זענען אויך אומגעקומען זיין פרוי מיט זייערע דריי קינדער".

דער פּאַראַדאָקס, וואָס האָט געהייסן א. י. גראָדזענסקי, האָט זיך אויסגעגלייכט לסוף מיט אַלע הרוגי מלכות פון יידישן פאָלק אין גרויען אַש פון דעם גי ההריגה פּאָנאַר.

(„אונדזער שטימע", יולי 13, 16, 1951).

שמואל הורוויטש

מענדל לעווין, אַן אַדעסער קאָרעספּאָנדענט פון „וואָסכאָד״ און „פריינד״, האָט זיך איבערגעצויגן פון אַדעס קיין פּעטערבורג. אויפן וועג קיין פּעטערבורג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין ווילנע, וועלכע ער האָט געזען צום ערשטן מאָל. אויף מיין פראַגע, וואָס האָט אויף אים געמאַכט דעם שטאַרקסטן איינדרוק אין ירושלים דליטא, האָט ער געענטפערט ענ־טוזיאַסטיש:

— „די פּנימער פון ווילנער יידן, פון ווילנער גאַסן, אַזוינס האָב איך אין קיין שום שטאָט נישט געזען. אַ שטאָט פון גאָלע, אָרעם־געקליידעטע אינטעליגענטן. עפּעס ליגט אַ גייסטיקייט אויף יעדן יידן און באַזונדערס אויף דער יוגנט!״

אין אַ געוויסער מאָס האָט דער גאַסט אויף אַ ווייל אויפגעכאַפּט דאָס פּנים פון ווילנע — אַן אָרט פון תורה, פון יידישן וויסן נישט נאָר צווישן רבנים און לומדים, נאָר צווישן פּשוטע יידן: אַרבעטער, קליינהענדלער, בעלי מלאכות. אָט די לעצטע האָבן נאָך אַ טאָג פון שווערער אַרבעט און האַלב־הונגעריקער דערנערונג גע־קוויקט זייער גייסט מיט גיין אין זייערע קלויזן, וווּ מען האָט געלערנט בציבור אַ פּרק משניות, אַ שטיקל שולחן־ערוך, עין יעקב. אין דעם לעצטן פערטל פון 19טן י״ה, אַפשיטאַ שוין אין אָנהייב פון 20סטן י״ה, זענען שוין צווישן די ווילנער האַנטווערקער געווען נישט נאָר משניות־מענטשן, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געלייענט אַ העברעיש און יידיש בוך, אַ צייטונג, און אויך געווען באַהאַוונט גאָרנישט שלעכט אין יידישע געזעל־שאַפטלעכע ענינים. דאָס רוב זענען דאָס געווען ספּעציאַליסטן אין זייערע פאַכן, עסטעטן, וואָס פלעגן פאַרשטיין ווי אָפּצושאַצן אַ „גוט שטיקל אַר־בעט״, אַ „צאַצקע״.

פון אָט די שיכטן זענען אַרויס די אַנטאָקאָלסקיס, אילא גינזבורגס, סיגנייעוו־בערנשטיינס און אַנדערע קינסטלער מיט וועלטנעמען, אָבער גאָר

גרויס איז געווען די צאָל קינסטלער־באַלמעלאָכעס אָן וועלטנעמען. אין ווילנע און געגנט האָבן אַלע געוווּסט פון זיי.

צום בײַשפּיל: דער מעדאַליער און מינץ־גראַווירער ביי דער צאַרי־שער רעגירונג (אַפילו פון דעם ווינטער־פּאַלאַץ אַליין), איז געווען דער ווילנער „רעזשטשיק" אברהם גריליכעס. אַ סך געדענקען נאָך מסתמא די זילבערנע רובלס און באַזונדערס די אָנדענק־רובלס צוליב פאַרשיידענע היסטאָרישע געשעענישן אין דער רוסישער געשיכטע, ווי 300 יאָר ראָמאַ־נאָוו־דינאַסטיע א״אַנד, מיט די רוסישע בוכשטאַבן אויפן ראַנד פון די רובלס א. ג. (אברהם גריליכעס). אויך דער „אייביקער פּראָטעסטאַנט" אין דער בונדישער באַוועגונג אברהם גאָרדאָן, וואָס איז געווען דער בעסטער גראַווירער, האָט אין מעטאַל אויסגעפירט די קאָמפּליצירטסטע צייכע־נונגען!

אַזאַ איז אויך געווען דער שלאָסער שמואל הורוויטש, דער וויצע־פּאָרזיצער פון ווילנער האַנטווערקער־פאַראיין. ער איז געווען פון דעם מין „שלאָסערס", וואָס זיי אינטערעסירט דער „אינעווייניק" פון מעכאַ־ניזם. און וואָס מער קאָמפּליצירט עס איז געווען דער מעכאַניזם, אַלץ אינ־טערעסאַנטער איז זיי צו דערגיין זיין „מיסטעריע". הורוויטש איז געווען אַ פּותח שערים: ער האָט געקענט עפענען יעדן מין שלאָס און אַליין אים קאָנסטרויִרן. ער איז געווען אַ ספּעציאַליסט אויף אייזערנע קאַסעס. נישט, חלילה, זיי איינצוברעכן, נאָר עפענען זיי, ווען זיי פאַרהאַקן זיך, מאַכן שליסלען, ווען מען פאַרלירט זיי אד״גל.

למען האמת דאַרף איך אויך דערמאָנען לגנאי אַן אַנדער ווילנער שלאָסער, אויך אַ גרויסער פאַכמאַן אויף שלעסער, דערצו גלייכצייטיק אויך אַ ספּעציאַליסט אויף וואַסער־לייטונג. ער האָט אויסגעקוקט צו זיין אַן אָרנטלעכער האָרעפּאַשניק: געאַרבעט פאַר יידישע אינסטיטוציעס אין דער צייט פון דער ערשטער דייטשער אָקופּאַציע. געווען אַפילו אַ יודע ספר, פלעגט קומען רעגולער אויף עלטערן־פאַרזאַמלונגען אין דער ש. פרוג־שולע, ווו זיינע קינדער האָבן געלערנט. אַ מיושבדיקער און בנעימות־דיקער ייד. מיטאַמאָל דערוויסט מען זיך צו דער גרויסער איבערראַשונג, אַז ער האָט געאַרבעט פאַר גנבים, מאַכנדיק גנבישע מכשירים, נאָכשליס־

לען און אַנדערע „קונציקע" קעגנשטאַנדן, וואָס האָבן געהאָלפן די נאָוועגאָראָדער גנבים מקיים צו זיין די מצווה פון „בחכמה פותח שערים..." ער איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 5 יאָר דורך דער פּוילישער מאַכט דער איז אָבער געווען אַ יוצא מן הכלל פון דער מאַסע באמת אָרנטלעכע און האָרעפּאַשנע ווילנער בעלי מלאכות. איך רוף נישט אָן זיין נאָמען, אפשר זענען וור־נישט־ווו געבליבן לעבן זיינע קינדער.

הורוויטש איז געווען אַ קליין, דאַר, שוואַך מענטשל, מיט שטענדיק שוואַרצע פאַרמאַזאָליעטע הענט פון פּיילן, שווייסן, האַמערן און גליען. דאָס פּנים אָפּט איינגעשמירט אין אייל און סאַזשע. אָבער דאָס דאָזיקע פאַררויכערטע מענטשל האָט געהאַט אַ שטאַרקן חוש פאַר שיינקייט. פאַר פיינע אַנטיק־קעגנשטאַנדן, פאַר אַ קינסטלעריש אויסגעאַרבעטער זאַך. הורוויטש האָט נישט געהאַט קיין שום סיסטעמאַטישע בילדונג. אָט „פון זיך אַליין" זיך געלערנט, געטראַכט און קאָמבינירט, ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די יידישע מלאכה.

ער איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור. מענדעלעס „קליינמענטשעלע" איז געווען ביי אים אַ מין שולחן־ערוך פון דעם, וואָס דאַרף נישט געטאָן ווערן אויפן געביט פון יידישער מלאכה. הורוויטש האָט זייער געהאַלטן פון שול־אויסבילדונג, פון פּראָפעסיאָנעלע האַנטווערקער־שולן, ווו גוטע אינסטרוקטאָרן דאַרפן לערנען מיט דער יוגנט סיסטעמאַטיש דורך נייע מעטאָדן.

ווען די וואַרשטאַטן פון ווילנער תלמוד־תורה האָבן זיך אָפּגעטיילט און געוואָרן אַ מאָדערנע האַנטווערקער־שולע, ביי דער אונטערשטיצונג פון ייק"א און סובסידיעס פון „אָרט", איז שמואל הורוויטש אַריין אין דער פאַרוואַלטונג פון דער שולע. דוכט זיך, אַז ער איז דאָרטן אַ שטיקל צייט געווען אַן אינסטרוקטאָר אויף מעכאַנישער שלאָסעריי. בכל אופן געווען זייער פאַראינטערעסירט אין איר אַנטוויקלונג און געגעבן פּראַקטישע אָנווייזן אין פאַך.

אַ גרופּע קינסטלער מיט לעאָנטי אַנטאָקאָלסקי (אַ קוזין פון מרדכי אַנטאָקאָלסקי) און משה לייבאָווסקי, ווי אויך אינטעליגענטע אינדוסטריע־

לער, ווי אַדאָלף גאָרדאָן א״אַנד, האָבן געגרינדעט און לעגאַליזירט ביי דער רוסישער מאַכט, אין די ערשטע יאָרן פון דעם יאָרהונדערט, אַ קונסט־אינדוסטריעלע געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו אַנט־וויקלען דעם בעסערן געשמאַק ביים האַנטווערקער דורך ספּעציעלע קורסן פון פריי האַנט־צייכענען, מאָדעלירן און טעכנישע צייכענונגען. ביי דער געזעלשאַפט זענען איינגעאָרדנט געוואָרן קורסן פאַר שטוב־מאַלערס און דעקאָראַטאָרן. שמואל הורוויטש איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער געזעלשאַפט. די געזעלשאַפט האָט זיך איינגעשאַפט אַ היפּש ביסל מאָדעלן און סקולפּטורן פאַר צייכענען און אַ ווערטפולע קינסטלער־ביבליאָטעק. אינזשעניער לעוו פרענקעל, דער שפּעטערדיקער אינספּעק־טאָר פון די „אָרט״־שולן אין פראַנקרייך, איז געווען דירעקטאָר פון דער ווילנער האַנטווערקער־שולע און פון דער קונסט־אינדוסטריעלער געזעל־שאַפט. שפּעטער איז ער אַריבער אין דער געזעלשאַפט „הילף דורך אַר־בעט״, ווו ער איז געווען דירעקטאָר ביז 1915.

אין די אָוונטן פלעגט מען קאָנען זען הורוויטשן זיצן אין גרויסן זאַל פון האַנטווערקער־שולע, ווו ער בלעטערט מיט זיינע מאָזאָליעדיקע הענט און אָפּט צעקלאַפּטע פינגער די קינסטלערישע אויסגאַבעס, מאַכנדיק ביי זיך נאָטיצן און סקיצן. צו די ביכער און די לוקסוס־צייכענונגען האָט ער זיך באַצויגן, ווי צו צאַרטע באַשעפענישן. מען האָט געזען, אַז אין אים דרינגט אַריין אַ נשמה יתירה בעת זיין באַרירונג מיט די שאַפונגען פון דער גרויסער קונסטוועלט.

אין 1915, בעת די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו ווילנע, איז די האַנטווערקער־שולע עוואַקואירט געוואָרן קיין קרעמענטשוג און די קינסט־לעריש־אינדוסטריעלע געזעלשאַפט האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

הורוויטש איז געבליבן צוזאַמען מיט דעם גאַנצן ווילנער עמך און אַריבערגעטראָגן אַלע עינויים פון דער דייטשער אָקופּאַציע, הונגער, אַר־בעטלאָזיקייט. אָבער הורוויטש האָט שטענדיק געגלויבט אין קעגנזייטי־קער הילף, אין אָרגאַניזאַציע — און ער האָט טאַקע בלב ונפש אַריינגע־וואָרפן זיך אין אָרגאַניזירן די יידישע האַנטווערקער אין אַ פאַראיין. צו־זאַמען מיט נאָך עטלעכע באַלמעלאָכעס האָט זיך אים איינגעגעבן די אָק־

ציע פֿון זעלבסטהילף און אַריינצופֿירן דעם יידישן האַנטווערקער אין דער געזעלשאַפֿטלעכקייט, ווי אַווירקנדיקן כּוח.

הורוויטש איז געווען אַ ראַטמאַן אין קהילה. ער איז געווען אַ קאָנ־סעקווענטער דעמאָקראַט. ער האָט פֿיינט געהאַט די גביראָקראַטיע, וואָס האָט נאָך געפּרוּווט אָפּראַטעווען כאָטש אַ טייל פֿון אירע פֿאַרלוירענע פּאָזיציעס אונטערן הייבל פֿון פֿאַרשיידענע פּאַרטייען. ער איז געווען קעגן פּאָליטיקערייַ בכלל. ער האָט ליידנשאַפֿטלעך גערעדט, אַקצענטירנדיק יעדן געדאַנק זיינעם מיט סאַרקאַזם און אָפֿט מיט פֿאָלקסטימלעכע שאַר־פֿע ווערטלעך. הורוויטש האָט געהאַלטן אַן אויג אויף ווילנער טאַלאַנטן איבער דער גאַנצער וועלט, באַזונדערס אויף די, וואָס האָבן געשטאַמט פֿון עמך און זיך מיט עפּעס אויסגעצייכנט אין קונסט. אין בערלין איז געווען א. קאָלוויאַנסקי, אַ יונגער סקולפּטאָר. געשאַפֿן עטלעכע האָלץ־שניצונגען („די תּלמודיסטן", „בין השמשות", „אַ רבי און אַ תּלמיד"), וואָס זענען קאָפּירט געוואָרן אין האָלץ אין הונדערטער עקזעמפּליאַרן אין די שניצע־רייען פֿון „הילף דורך אַרבעט" אין דער צייט פֿון דער ערשטער דייטשער אָקופּאַציע. אין מאָסקווע, זלמן סטראַזש — אַ ווילנער שניצער, וואָס האָט געהאַט פֿעאיקייטן אַלס סקולפּטאָר און דערשלאָגן זיך דאָרטן צו קינסט־לערישע דערפֿאָלגן, מאַכנדיק סטאַטועס, ביוסטן און אַפֿילו פּראָיעקטן פֿון דענקמעלער. סטראַזש איז געווען הורוויטשעס אַ גוטער פֿריינד.

הורוויטש פֿלעגט קומען צו מיר לייענען סטראַזשס באַגייסטערטע בריוו וועגן דער אַנטוויקלונג פֿון יידישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד (ס'איז געווען אין די צייטן פֿון „נ.ע.פּ." און אויפֿשטייג פֿון יידישע אינס־טיטוטן, טעכניקומס, אַקאַדעמיעס, שולן, צייטונגען). אין גיכן איז סטראַזש געשטאָרבן (ער איז געווען מסתּמא אין די שפּעטע 60קער). הורוויטש האָט מיר פֿאָרגעלייענט סטראַזשס לעצטן בריוו, וווּ ער בעט אים קומען קיין מאָסקווע. הורוויטש האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט זיין ווילנע. אָבער מיט זיין סטראַזשן איז ער געווען שטאָלץ און נאָך לאַנג אים דער־מאָנט.

ס'איז כּדאַי צו דערמאָנען, אַז מיט אַ פּאָר יאָר פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געגרינדעט געוואָרן אַ היסטאָריש־עטנאָגראַפֿישער מו־

זיי. די איניציאַטאָרן זענען געווען דער דערמאָנטער ל. פרענקעל, ד״ר ווירשובסקי, משה שאַליט, חייקל לונסקי און דער זעלביקער ש. הורוויטש. הורוויטש האָט געקליבן ביי זיינע באַקאַנטע פאַרלעגענע אוצרות פון אַלטע ספרים, קולטור־קעגנשטאַנדן, אַלטערטימלעכע כלים אד״גל. אַלע טייערע חפצים זענען עוואַקואירט געוואָרן בעתן קריג (1915) קיין מאָסקווע און נאָר אַ קליינעם טייל פון דעם האָט מען צוריקבאַקומען.

ש. הורוויטש איז געווען דער איבערגעגעבנסטער רעסטאַוראַטאָר פון דעם היסטאָריש־עטנאָגראַפישן מוזיי, וועלכער איז שפּעטער געעפנט געוואָרן ביי דער קהילה און געטראָגן דעם נאָמען פון ש. אַנ—סקי. הורוויטש האָט געוווסט, ווו עס זענען געבליבן אַ ריי קעגנשטאַנדן פון מוזיי און זיי צונויפגעזאַמלט מיט ליבע און פּיעטעט.

הורוויטש האָט עטלעכע מאָל געשריבן אַרטיקלען אין דער ווילנער „צייט״ און „ווילנער האַנטווערקער״ איבער פראַגעס פון יידישער מלאכה. צום סוף פון זיין לעבן האָט ער אַרויסגעגעבן אַ ביכל פון מעמואַריסטישן כאַראַקטער און זיין אידעען־גאַנג אין געזעלשאַפטלעכע ענינים.

הורוויטש איז געשטאָרבן אַ פּאָר יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, און אַזוי אַרום אויסגעמיטן דעם מאַרטירער־וועג פון ווילנער יידן, צווישן וועלכע עס זענען געווען זיינע חברים האַנטווערקער, קינסטלער און אויך געזעלשאַפטלעכע עסקנים, מיט וועלכע ירושלים דליטא האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט.

(„לעבנס פראַגן״, סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1954).

ד״ר יעקב וויגאָדסקי

איינער פון די שאַרפזיניקסטע קעפּ אין דער גאַלעריע פון ווילנער יידישע עסקנים איז געווען ד״ר יעקב וויגאָדסקי. אויך איינער פון די מוטיקסטע אומדערמידלעכע קעמפער פאַר יידישע רעכט און כבוד אין פוילן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרטראַכט וועגן זיין אייגענער זיכערקייט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ יידישן ענין. האָט עס געמעגט זיין אַ רוסישער גענעראַל, אַ דייטשער „אָבערסט״, אַ פוילישער „פּאַן וואָיעוואָדע״ אָדער מיניסטער, און צולעצט — אַ היטלעריסטישער תליון אין מונדיר פון די לעולם ועד פאַרשאָלטענע „פעלד־גרויע״, ווי די דייטשן האָבן גערופן זייערע רוצחישע מיליטערלייט.

ער, דער ריטער פון יידישן כבוד, איז אומגעבראַכט געוואָרן דערפאַר, וואָס ער האָט זיך קעגנגעשטעלט די רציחות און די דערנידעריקונגען. דער אַלטער, 85־יאַריקער וויגאָדסקי האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אַזעלכע רציחות זאָלן טאָלערירט ווערן. ער איז אַוועק צום שעף פון געסטאַפּאָ, מורער, און געפאָדערט אָננעמען מיטלען קעגן מערדערלעכן ווילקיר און אויך אָפּשאַפן דעם צוואַנג צו טראָגן אַ געלע לאַטע אויף דער פּלייצע... דעם סוף קען מען זיך שוין פאָרשטעלן: מען האָט דעם אַלטן שתדלן אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ און דערנאָך געפייניקט אין דער לוקישקער טורמע, ווו ער איז אויסגעגאַנגען אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע פון די פּייניקונגען און וווּנדן.

דעם ד״ר וויגאָדסקי קומט באמת אַן אָרט אין דער יידישער געשיכטע, און בפרט אין דער געשיכטע פון יידישע מאַרטירער, צווישן אונדזערע גרויסע, וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאַרן כלל און פאַר קידוש השם.

***

ד״ר וויגאָדסקי איז געבוירן געוואָרן אין באָברויסק אין יאָר 1856, קרוב צום סוף פון ניקאָלאַי דעם ערשטנס גרויזאַמער עפּאָכע פון רדיפות,

קאַנטאָניסטן־כאַפּערײַ און אויף דער שוועל פֿון ליבעראַלערן רעזשים פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. זײַנע עלטערן, באַלעבאַטישע ייִדן, האָבן געשטאַמט פֿון סלוצק, וו׳ ס׳איז דאָ אַ פֿאַרשטאָט וויגאָדע (פֿון דעם שטאַמט דער פֿאַמיליען־נאָמען וויגאָדסקי). קינדווײַז געלערנט אין חדר, געווען איינער פֿון די גרעסטע קונדסים, אָבער איינער פֿון די בעסטע תּלמידים. זיך אַליין אויסגעלערנט לייענען און פֿאַרשטיין דײַטש פֿון מענדעלסאָנס תּנ״ך־איבערזעצונג. אויפֿן זעלביקן אופֿן — אויך רוסיש. עס איז געווען די אויפֿבלי־צײַט פֿון דער השׂכּלה און אונטער דער השפּעה פֿון דער משׂכּילישער ליטעראַטור אין העברעיִש האָט אים זײַן פֿאָטער אָפּגעגעבן אין גימנאַזיע, וועלכע ער האָט געענדיקט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל. די באַרימטע פּעטערבורגער מעדיקאָ־כירורגישע אַקאַדעמיע האָט ער געענדיקט אַרום 1882סטן יאָר, ווען עס האָט שוין געבושעוועט די רעאַקציע פֿון אַלעקסאַנדער דעם דריטן. געווען אַרעסטירט, ווײַל ער איז געשטאַנען נאָענט צו אַ רעוואָלוציאָנער קרײַזל. נאָכן באַפֿרײַען, אַוועקגעפֿאָרן קיין ווין, וווּ ער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין גינעקאָלאָגיע, דערנאָך איז ער געקומען קיין ווילנע, וווּ זײַנע עלטערן האָבן זיך שוין באַזעצט פֿון פֿריִער. זײַן פֿאָטער איז געווען אַ מיליטערישער ליפֿעראַנט אין ווילנער גאַרניזאָן. ד״ר יעקב וויגאָדסקי האָט פּראַקטיצירט אין אַלע ווילנער שפּיטאָלן און זיך פֿאַרנומען מיט וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען אויף דעם געביט פֿון גינעקאָלאָגיע. ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט זייער פֿיל אַרטיקלען אין ספּעציעלע פֿאַכזשורנאַלן אויף רוסיש און דײַטש. ער האָט געהערט צו די נישט פֿיל ווילנער ייִדישע דאָקטוירים, וואָס האָבן באַהערשט פֿולקאָם די פּוילישע שפּראַך שוין אין די צאַרישע צײַטן. צוליב דעם האָט ער פֿאַרקערט אויך צווישן פּוילישע דאָקטוירים.

זײַן וויסנשאַפֿטלעכע קאַריערע האָט ער אָבער אויפֿגעגעבן, ווײַל אים האָט תּמיד געצויגן צו פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט. ער איז אַרײַנגעטראָטן אין די רייען פֿון די קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטן („קאַדעטן״) און איז געווען איינער פֿון די אָנפֿירער פֿון דעם ווילנער קאַדעטישן קאָמיטעט. וויגאָדסקי האָט גענומען אָנטייל אין אַלע פּרײַהייטלעכע אַקציעס, וואָס האָבן געהאַט אַן אָרט אין ווילנע אין די שטורמישע יאָרן

ביים סוף פון 20סטן י״ה. אַ דאַנק זיין רעדנערישן טאַלאַנט און פרייען באַנוצן זיך כמעט מיט אַלע אָרטיקע שפּראַכן, איז ער געוואָרן זייער פּאָפּולער. ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי, נאָר נישט אויפגעהערט צו זיין אַקטיוו אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון ווילנע, באַזונדערס אין דער מלחמה־צייט פון 1914־1915, ווען אַלע ווילנע האָבן זיך געפאָדערט אינטערוועניצן ביי פאַרשיידענע צאַרישע צוררים. ס׳איז געהאָנגען איבער ווילנע די שווערד פון גירוש, פונקט ווי אין קאָוונע, ביילבולים אין שפּיאָנאַזש, רויבערייען פון די קאָזאַקן און סאָלדאַטן האָבן פאַרפּעסטעט די לופט און געדראָט מיט לעבנסגעפאַר פאַר יידן. דאָס האָט געשטעלט די יידישע פאַראַנטוואָרטלעכע עסקנים מיט הרב רובינשטיין, ד״ר וויגאָדסקי און ד״ר שאַבאַד בראש, אין אַ זייער שווערער לאַגע פון שתדלנים ביי אַנטיסעמיטישע צאַרישע גענעראַלן. אַדאַנק טאַקע די אָנשטרענגונגען פון די דערמאָנטע, ווי אויך פון פעטערבורגער עסקנים, איז די גזירה פון גירוש־ווילנע אָפּגעשריען געוואָרן.

וויגאָדסקי האָט נישט פאַרלאָזן ווילנע אין אויגוסט 1915, ווען דער גרעסטער טייל פון יידישע אינטעליגענטן־פּראָפעסיאָנאַלן און בורזשואַזע שיכטן זענען אַרויסגעפאָרן קיין רוסלאַנד. ער, ווי אַ מיטגליד פון שטאָטישן בירגער־קאָמיטעט און אַ פאָרשטייער פון צדקה גדולה (כמו אַ קהילה), האָט געהאַלטן פאַר זיין פליכט צו בלייבן מיטן דלת העם אין ווילנע, כדי בייצושטיין די ביטערע צייטן, וואָס האָבן זיך געריקט אויף ירושלים דליטא. ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען ווילנע (יום־כיפור, 18טן סעפּטעמבער 1915) האָט זיך געשאַפן אַ צענטראַלער הילפס־קאָמיטעט פון פאָרשטייער פון די גרעסטע ווילנער אָרגאַניזאַציעס.

די דייטשן האָבן פאַראַליזירט דעם גאַנצן האַנדל און פאַרקער און אָנגעהויבן אויף זייער מיליטערישן שטייגער צו באַרויבן די באַפעלקערונג. ד״ר וויגאָדסקי האָט, ווי איינער פון די טעטיקסטע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט, כסדר פּראָטעסטירט ביי דער דייטשער מאַכט (ביים שטאָט־הויפּטמאַן אייבלער און אין „אָבערָאָסט־קאָמאַנדע״) קעגן דער רויבווירטשאַפט פון די דייטשן. ווען זיי האָבן פאַראָרדנט צו כאַפּן יונגע מענטשן און פאַרשיקן זיי אויף צוואַנגס־אַרבעט — האָט וויגאָדסקי דער־

קלערט, אַז די ווילנער יידן וועלן פרייוויליק נישט גיין צו דער אַרבעט און גערופן די דאָזיקע פאַראָרדענונג צו סאַבאָטירן. דאָס איז נאָך ווייניק, האָבן די דייטשן פאַראָרדנט אַ כלומרשטע הלוואה, וואָס איז אין דער אמתן געווען אַ קאָנטריבוציע, וועלכע האָט אַרויסגעצויגן די לעצטע זאַפטן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, ספּעציעל פון יידן. וואָרעם יידן זענען דאָך תמיד געווען פאַררעכנט פאַר געלט־מענטשן. וויגאָדסקי האָט אַרויס־געגעבן אין זיין אייגענעם נאָמען אַ רוף צו דער יידישער באַפעלקערונג מיט דעם קורצן לאָזונג: „יידן צאָלט נישט קיין קאָנטריבוציע".

די מאָס פון געדולד ביי די הינדענבורגיש־ווילהעלמישע דייטשן איז געוואָרן איבערגעפולט. זיי האָבן שוין מער נישט געקענט פאַרטראָגן די שטענדיקע פּראָטעסטן פון ד"ר וויגאָדסקי און זיין „חוצפּהדיקן" רוף נישט צו פאָלגן „דער קייזערלעכער מאַכט". אין מערץ 1917 האָט מען אים אַרעסטירט און פאַרשיקט אין ערגסטן געפאַנגענלאַגער טשערסק (דייטש־לאַנד). די דייטשן האָבן אים באַפרייט אין אַפּריל 1918, ווען עס איז שוין געווען קלאָר, אַז זייער מפּלה איז אומפאַרמיידלעך.

וויגאָדסקי איז דעמאָלט אַריינגעטראָטן אין דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע, ווי אַ שטענדיקער אָנהענגער פון קולטורעלער אויטאָנאָמיע פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און אומאָפּהענגיקייט פאַר טעריטאָריעלע פעלקער, איז ד"ר וויגאָדסקי דעלעגירט געוואָרן ווי אַ מיניסטער פאַר יידי־שע ענינים אין דער ערשטער ליטווישער רעגירונג (טאַריבאַ). ווילנע איז אָבער אין גיכן פאַרנומען געוואָרן (6טן יאַנואַר 1919) פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע האָט פאַרטריבן די פּוילישע לעגיאָנערן, וואָס האָבן באַ־הערשט עטלעכע טעג די שטאָט. וויגאָדסקי איז קיין קאָוונע נישט אַרויס־געפאָרן און געבליבן אין ווילנע. די רויטע האָבן דעמאָלט נישט געוואַגט צו אַרעסטירן דעם „טאַריבניק" וויגאָדסקי. זייער מאַכט איז פאַרביטן געוואָרן אין אַפּריל 1919 אויף די פּילסודסקישע. דער סטאַטוס פון ווילנע האָט זיך נאָך עטלעכע מאָל געביטן. צום סוף (פון 9טן אָקטאָבער 1920) האָט זיך די פּוילישע מאַכט באַפעסטיקט און שפּעטער איז ווילנע איינ־קאָרפּאָרירט געוואָרן אין דער פּוילישער מלוכה. די יידישע באַפעלקערונג, אונטער דער השפּעה פון ד"ר וויגאָדסקי אַ"אנד יידישע פירער, האָט זיך

אין פלעביסציט נישט באַטייליקט צוזאַמען מיט די ליטווינער און ווייס־רוסן.

ד״ר וויגאָדסקי איז אין יאָר 1922 אויסגעוויילט געוואָרן ווי אַ סיים־דעפּוטאַט פון נאָוואָרעדאָק. פון דעמאָלט אָן איז וויגאָדסקי אין משך פון אַ רייע יאָרן געווען אַ דעפּוטאַט פון פּוילישן סיים. אין דער בילדונגס־קאָ־מיסיע, פון וועלכער ער איז געווען שטענדיקער מיטגליד, האָט ער פאַר־טיידיקט די רעכט פון יידישע און העברעישע שולן. אין אונטערשייד פון אַנדערע ציוניסטישע דעפּוטאַטן האָט ער געשטימט צוגלייך פאַרביידע טיפּן שולן.

נאָך דעם ווי ד״ר צמח שאַבאַד האָט רעזיגנירט ווי דער פאַרזיצער פון דער ווילנער קהילה, איז אויף דעם אַמט אויסגעקליבן געוואָרן ד״ר וויגאָדסקי. אַ קורצע צייט איז געווען פאַרזיצער אויך אַדוואָקאַט יוסף טשערניכאָוו. אָבער פון מיטן 1920 איז וויגאָדסקי אָן איבעררייס דער יושב־ראש פון ווילנער קהילה־ראַט, אין וועלכן ס׳זענען געווען פאַרטראַטן אַלע פאַרטייען, ביז מען האָט באַשטימט פון דער רעגירונג אַ קהילה־ראַט (אַרום יאָר 1937). דאָס איז געשען דאַן, ווען די „פּולקאָווניקעס״, פּילד־סודסקיס יורשים, האָבן אָפּגעשאַפט אויך די געוויילטע שטאָטראַטן. ווו ס׳איז נישט געווען קיין מערהייט פון דעם אַזוי גערופענעם אָזאָן־לאַגער (געזו׳ „סאַנאַציע״).

באַזונדערס האָט זיך וויגאָדסקי אויסגעצייכנט אין די צייטן פון דער אַזוי גערופענער מיטל־ליניע און אין אָנהייב פון דער אינקאָרפּאָראַציע, ווען עס איז איינגעפירט געוואָרן דער צוואַנג זונטיק־רו, וואָס האָט גע־מיינט אַן עקאָנאָמישן טויטקלאַפּ פאַרן יידישן האַנדל און מלאכה. יידן אין ווילנע האָבן געפאָלגט וויגאָדסקיס רוף צו האַלטן אָפן די קראָמען און וואַרשטאַטן זונטיק. דער נישט גלייכער קאַמף האָט געדויערט איבער אַ יאָר צייט און די יידישע קליינהענדלער און בעלי מלאכות האָבן אויסגע־האַלטן אַלערליי רדיפות. זיי האָט געמוטיקט און געשטאַרקט ד״ר ווי־גאָדסקי. אַ סך געדענקען נאָך דעם דאָזיקן קאַמף, ווי אויך ד״ר וויגאָדסקיס קאַמף פאַר די רעכט פון „די ווייבער מיט די קאָשיקעס״ (גאַסן־האַנדל אונטער די טויערן). די פּאָליציי האָט זיי פאַרפאָלגט. די ווייבער זענען

געלאָפן צו וויגאָדסקין. ער, „באַוואָפנט" מיט זיין שטעקן, האָט זיך גע־איילט צום „סטאַראָסטע" (שטאָט־פאַרוואַלטער) אָדער „וואָיעוואָדע" און איינגעטענהט מיט זיי וועגן אומרעכט, וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן די אָרעמע פרויען, וועלכע דערנערן זייערע פאַמיליעס מיט קליינע קינדער.

וויגאָדסקי פלעגט זיך קיינמאָל נישט אָפּזאָגן פון אינטערווענצן. בשעת עס האָבן געבושעוועט די סטודענטישע כוליגאַנעס, איז וויגאָדסקי אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן, כדי צו זען אַלע ווילדע מעשׂים זייערע קעגן יידן און קומען צו דער מאַכט מיט פאַקטן. „מיך וועט קיינער נישט טשעפּען" — האָט ער געזאָגט צו די, וואָס זענען געווען אומרואיק. אים האָט געקענט גאַנץ ווילנע, סיי יידן, סיי קריסטן און אַפילו די כוליגאַנעס האָבן נישט געוואַגט צו הייבן די האַנט אויף דעם אַלטן דאָקטער.

אויף זיינע עלטערע יאָרן האָט ער זיך שוין נישט געקענט פאַרנע־מען מיט דער מעדיצינישער פראַקטיק. די קהילה־פאַרוואַלטונג און ראַט האָבן אים אָנגעבאָטן אַ שטענדיקע פּענסיע, ווייל זיי האָבן געהאַלטן פאַר אַ כבוד צו פאַרלייכטערן דאָס לעבן פון אַזאַ פאַרדינסטפולן און באַליבטן כלל־טוער. ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פון נעמען וועלכע עס איז באַלוינונג פאַר זיין נאַציאָנאַלער אַרבעט.

וויגאָדסקי איז געווען אויך אַ דינאַמישער פובליציסט. ער פלעגט פאַרעפנטלעכן שניידיקע פּאָליטישע אַרטיקלען קעגן דער רעגירונג, קעגן דער פּוילישער רעאַקציע. ער האָט געמוטיקט יידן, נישט קוקנדיק אויף דער „אָוושעם"־פּאָליטיק, זיינע אַרטיקלען זענען געווען געדרוקט אין וויל־נער „צייט", צומאָל אין ווילנער „טאָג", „היינט", „מאָמענט", „נאַש פשעגלאָנד" א"אַנד.

ד"ר וויגאָדסקי האָט אָנגעשריבן דריי אינטערעסאַנטע ביכער „אין שטורעם" — וועגן די מלחמה־יאָרן און וועגן דער הנהגה פון די צאַרישע און דייטשע סאַטראַפּן. דאָס בוך איז זייער לעבעדיק אָנגעשריבן און איז שפּאַנענדיק. משה שאַליט האָט רעדאַגירט דאָס בוך.

דאָס צווייטע בוך „אין גיהנום", וועגן זיינע דערפאַרונגען אין דעם געפאַנגענלאַגער טשערסק, איז אַן אויפטרייסלענדיקע שילדערונג פון דער באַהאַנדלונג פון די געפאַנגענע דורך די קייזערלעכע דייטשן. וויגאָדסקי

האָט שוין דעמאָלט באַמערקט און באַשריבן די מערדערישע נייגונגען פון די דייטשן ביי וועמען אַנדערע פעלקער זענען נאָר „שווייגען" אָדער טויגן נאָר צו זיין שקלאַפן.

דאָס דריטע בוך מעמואַרן איז דער „סמבטיון". וויגאָדסקי שילדערט דעם פוילישן סיים און דעם קאַמף פון יידישע דעפּוטאַטן קעגן דער פוילישער „שוואַרצער מאה". דאָס בוך אַנטהאַלט אַ סך היסטאָרישע שטריכן פון יידישן לעבן אין פוילן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות און פון דעם יידישן קאַמף פאַר מענטשלעכע און בירגערלעכע רעכט.

וויגאָדסקי האָט נאָך פאַרעפנטלעכט וויכטיקע אַרטיקלען אין די ווילנער פנקסים (אונטער ז. רייזענס און ש. ל. ציטראָנס רעדאַקציע אין יאָר 1923), „פינקס יעקאָפּע" א"אַנד. אין דער יידישער זשורנאַליסטיק און אין דער מעמואַרן־ליטעראַטור וועט וויגאָדסקיס נאָמען פאַרבלייבן.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז ד"ר וויגאָדסקי בעל פּה. זיין שאַרפזין און סתם זיינע „זאָגן" און ווערטלעך האָבן געהאַט אַ שם. זיי פלעגן איבערגיין פון מויל צו מויל. אַ שאַרפע סאַטירע האָט אין זיי געשטעקט און נישט אַלעמאָל האָט מען זיי געקענט דרוקן.

פאַר מיין אָפּפאָר קיין אַמעריקע, ווען איך האָב זיך מיט אים געזעגנט און געפרעגט אים, וואָס ער מאַכט, האָט ער געענטפערט: „איבער 80 יאָר געלעבט און נאָך קיינמאָל נישט געשטאָרבן, הלוואי ווייטער".

אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער ווילנער יידישער טעאַטער־געזעלשאַפט, פון וועלכער ד"ר וויגאָדסקי איז געווען פאָרזיצער, האָט דער אַרטיסט א. מאָרעווסקי געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט בשום אופן נישט ד"ר וויגאָדסקיס אַ פאָרשלאָג. וויגאָדסקי, וועלכער האָט צוגענומען אברהם מענאַקערס (מאָרעווסקיס) געבורט און געמוזט אָנקומען צו צוואַנגען, כדי אים אַרויסצונעמען פון דער מאַמעס בויך — האָט גלייך גוטמוטיק באַמערקט: „איך האָב שוין ביי דיין געבורט, אַברהמל, געזען אַז דו האָסט אַ גראָבן קאָפּ"...

אָט דער חריפישער אומבאַפלעקטער כלל־טוער, דער באַשיצער פון יידישן כבוד, האָט נישט געוואָלט אָננעמען קיין הילף פון אַנדערע יידישע אַריסטאָקראַטן, וואָס האָבן אים געוואָלט אונטערלייגן זייערע מאַנטלען: „מיר וועלן די רוצחים איבערלעבן". ער האָט אין דעם געהאַט אַ טעות

וואָס איז שייך אים פּערזענלעך. ער איז אָבער אַוועק פון דער וועלט מיט אַ טיפן גלויבן, אַז די מערדער וועלן באַקומען זייער פאַרדינטע שטראָף.

ווי מיר זעען, האָבן זיי די שטראָף נישט באַקומען. ווייל זייער זכר ווי עמלקס, האָט געדאַרפט אָפּגעמעקט ווערן תחת שמי ה׳. אָבער דאָס יידישע פאָלק וועט נישט פאַרגעסן זיינע קדושים.

(„קיום״, פּאַריז, מאַרץ־אַפּריל, 1952, נומ. 3־4).

א. ווייטער

איך געדענק אים פון אַרום 1902 און עפּעס פון 1919, ווען ער איז ווי אַ מעטעאָר פאַרשווונדן, ווערנדיק אויף אַ רוצחישן אופן דערהרגעט פון פּילסודסקיס לעגיאָנען.

שוין ווי חבר „אַראָן" (זיין פּאַרטייאיש־בונדישער נאָמען) האָט א. ווייטער באַקומען אַ שם צווישן דער ווילנער אַרבעטערשאַפט, ראַדיקאַלער אינטעליגענץ און יוגנט. ס'האָבן אימפּאָנירט נישט נאָר זיינע טיפע ידיעות אין דער געשיכטע און פּראַקטיק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג, נאָר אויך זיין אויסערלעכקייט. זיין שיינער קאָפּ מיט דער שאָר־פּער אָדלערנאָז, די געדיכטע שוואַרצע שעוועלורע, זיינע אַריסטאָקראַטישע, אין בעסטן זין פון וואָרט, מאַניערן, זיין האַרציקע בנעימותדיקע שטימע, — דאָס אַלץ האָט באַצויבערט די קרייזן, מיט וועלכע ער איז געקומען אין באַריר. עס האָבן זיך שוין דעמאָלט אָנגעהויבן צו שפּינען אַרום אים לעגענדעס אַפּילו אין די נישט־ראַדיקאַלע קרייזן. ס'געדענקט זיך מיר, אַז איך האָב געהערט פון באַלעבאַטישע יידן וועגן אַ ווונדערלעכן רעדנער פון דער „אָרגאַניזאַציע" (אַזוי האָט מען אין די נישט־אַרבעטער־קרייזן גערופן דעם „בונד").

מען האָט דערציילט, אַז ער איז אַן עילוי, אַ רבס אַ זון און אַז זיין השפּעה אין דער „אָרגאַניזאַציע" איז אַן אומגעהייערע. די לעגענדע איז שפּעטער אויסגעוואָקסן, ווען א. ווייטער־דעווענישסקי האָט אין די שטורמישע אָקטאָבער־טעג פון 1905 „באַהערשט" ווילנע, ווי אַ פירער פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָניזירטער שטאָט. אַלע האָבן אים באַטראַכט, ווי דעם נישט־געקרוינטן אָפיציעלן פאָרשטייער פון אַ מאַכט, וואָס ווערט געבוירן אויפן הינטערגרונט פון אַ קאָלאָסאַלער פאָלקס־באַוועגונג און איז פון אונטער דער ערד אַרויס אָפן און מוטיק, נישט קוקנדיק אויף די בלוט־קרבנות. אין דער ערשטער ריי האָב איך דאָ אין זינען די גראַנדיעזע לוויה פון די הרוגי־מלכות, מיט וועלכער א. ווייטער האָט אָנגעפירט. די מאַכט, די צאַ־

רישע, האָט זיך באַהאַלטן און די זיכערקייט פון שטאָט איז איבערגעגעבן געוואָרן א. ווייטערן. און ער האָט דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן.

אָבער איך קער זיך אום צום יאָר 1902, די צייט פון געהיימע רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך, אַ צייט, וואָס האָט אָנגעהויבן צו פאַרכאַפּן דעם גרעסטן טייל פון דער יידישער לערן־יוגנט.

דאָס איז געווען אַ צייט פון אינטענסיווער פּראָפּאַגאַנדע און אונטערערדישע קרייזלעך פון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. מען האָט מיט די צוהערער געלערנט פּאָליטישע עקאָנאָמיע, קולטור־געשיכטע פון רעוואָלוציעס וכדומה. אָבער די לערן־יוגנט, איבערהויפּט סטודענטן, האָבן זיך שוין פאַרמאָסטן אויף ליטעראַריש־וואָקאַליש־מוזיקאַלישע אָוונטן אין פּריוואַטע בורזשואַזע היימען, ווו די דערוואַקסענע אָדער אונטערוואַקסנדיקע קינדער זענען שוין געווען אַריינגעצויגן אין רעוואָלוציאָנערן שטראָם. די לעצטע האָבן אונטער פאַרשיידענע אויסריידן געפּועלט ביי די עלטערן (אָפּטמאָל אין אָפּוועזנקייט פון די עלטערן) צו דערלויבן אַ „פאַרוויילונג“. מערסטן טייל האָט עס געהאַט אַן אָרט אין די היימען, ווו ס׳זענען געווען דערוואַקסענע מיידלעך, און גוטע יידישע מאַמעס האָבן געזאָרגט וועגן חתנים פאַר אָט די טעכטער — און וואָס האָט שוין געקענט זיין בעסער פאַר אַן איידעם, ווי אַ סטודענט, אַ צוקונפטיקער דאָקטאָר, אַדוואָקאַט, אינזשיניער אד״גל. אַזאַ היים איז געווען די וווינונג פון יידישן סוחר וואַלדענבערג, וועמעס ווייב איז געווען אַ געבוירענע כוואָלעס, פון די שניפּישקער אינדוסטריעלער, באָד־ און קאַזאַרמעס־אייגנטימער, טאַרטאַקן־פאַבריקאַנטן, פּאָדריאַטשיקעס אאַז״וו. די וואַלדענבערגס האָבן געהאַט אַ דערוואַקסן מיידל, אַ שיין „לעבע־מיידל“. זי האָט געקענט טאַנצן און בכלל פאַרוויילן יונגעלייט. ווי דער שטייגער פון דעם דעמאָלטיקן לעבן, האָבן אַזעלכע מיידלעך אָפּטער פון אַלץ פאַרבראַכט מיט סטודענטן, עלטערע גימנאַזיסטן, אינסטיטוטשיקעס, „רעאַליסטן“, עקסטערנס אד״גל. איז געווען נאַטירלעך, אַז אַרום וואַלדענבערגס טאָכטער זאָלן זיך דרייען אַזעלכע יונגעלייט. זי איז געווען, ווי מען וואָלט ביי אונדז אין ווילנע געזאָגט, אַ „פּוסטע כלה“, וועלכע האָט אָנגעכאַפּט נאָר די שפּיצן פון דער באַוועגונג. אָבער זי איז געווען אַ שיינהייט.

און דער עסטעט „חבר אַראָן" האָט נישט געקענטביישטיין און האָט זיך אין איר פאַרליבט, אָבער טאַקע שטאַרק. קענטיק, אַז זי איז אויך נישט געווען צו אים גלייכגילטיק. אַזוי אַז ער איז געוואָרן אַן אַריינגייער אין דעם הויז פון די וואַלדענבערגס. געוווינט האָבן זיי אין לעווידאָווס הויז, וואָס איז געשטאַנען מיטן פראָנט צו סאַפּיאַניקעס בריקל איבער דעם ווילענקע־טייכל. דאָס אָרט איז נישט געווען אַזאַ געהויבנס אין די אַנאַלן פון ווילנע. די סאַפּיאַניקע־גאַס צוזאַמען מיט די נאָענטע פּאַפּלאַוועס זע־נען געווען באַקאַנט ביז דער ערשטער מלחמה מיט זייערע פאַרדעכטיקע הייזער, ווו ס'האָבן געוווינט די אַזוי גערופענע „קרבנות פון געזעלשאַפט־לעכן טעמפּעראַמענט" און סתם קרימינעלע עלעמענטן. אָבער לעווידאָווס הויז איז געשטאַנען אויפן פּלעצל, וואָס האָט זיך נאָר געגרענעצט מיט דער גאַס.

לעווידאָווס אַ זון האָט געענדיקט דעם ווילנער לערער־אינסטיטוט און אין זיין צייט (אין ערשטן יאָרצענדליק פון 20סטן י"ה) איז ער געווען אַ באַקאַנטער רייזנדער־קאָרעספּאָנדענט פון גרויסע רוסישע צייטונגען — דאָס אַלץ האָט געגעבן אַ היתר, אַז די באַלעבאַטישע פאַמיליעס וואַלדענ־בערג און לעווידאָוו זאָלן וווינען ביים סאַמע טויער פון דער זינדיקער גאַס.

קורץ, ביי די וואַלדענבערגס איז איינגעאָרדנט געוואָרן, אויב איך מאַך נישט קיין טעות אין צייט, אַן אָוונט „צו דער פּורים־סעודה", אַן אויסרייד אין פאַל פון אַ פּאָליציייאישן איבערפאַל, וואָס איז געווען נישט קיין זעלטענע דערשיינונג ביי אַזעלכע „וועטשערינקעס", וועלכע אויס־שפירער („שפּיקעס", „מענטעס", אָדער „גוטע" שכנים) האָבן אויסגעפינען אָדער „אונטערגעזאָגט". די פאַרבעטונגען צו אַזעלכע אָוונטן פלעגן אי־בערגעגעבן ווערן, פאַרשטייט זיך, מינדלעך. אויך איך האָב געקראָגן אַזאַ פאַרבעטונג (איך האָב געגעבן לעקציעס אין 2 געהיימע קרייזלעך פון אַר־בעטער איבער קולטור־געשיכטע, געשיכטע פון רעוואָלוציעס און אויך פּאָליטישע עקאָנאָמיע). מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז „חבר אַראָן" וועט דאָרטן אַרויסטרעטן און אויך עטלעכע געסט נישט קיין ווילנער. מען וועט אויך רעציטירן, און בכלל וועט דער אָוונט טראָגן אַן אינטימען פאַרוויי־לונג־כאַראַקטער, אָבער אַלץ אין גייסט פון רעוואָלוציע, ווי עס האָט גע־

פאַדערט די צייט. חבר אַראָן וועט זיין דער „קאָנפעראַנסיע" פון אָוונט.

אַלע איינצלהייטן פון דעם אָוונט זענען מיר נישט געבליבן אין זכרון, אָבער כ׳געדענק דעם רושם, וואָס ווייטער האָט געמאַכט אויף אַלע געסט. דאָס גרויסע עסצימער אין וואלדענבערגס דירה איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט סטודענטן און יוגנטלעכער אינטעליגענץ, בחורים, מיידלעך און אַפילו „פריילינס" פון העכערע בורזשואַזע ספערן.

א. ווייטער האָט געעפנט דעם אָוונט מיט אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט געשילדערט די לאַגע אין דעם אָפּגעשטאַנענעם רוסלאַנד, דעם וויל־קיר, וואָס הערשט פון אויבן ביז סאַמע אונטן, דעם פּאָליציייאישן טעראָר, די קלאָגעדיקע לאַגע פון די אַרבעטער און פּויערים, צום סוף אויך די יידישע רעכטלאָזיקייט און די אָרעמקייט און דעם תהום המושב, ווו יידן זענען געווען פאַרשפּאַרט ווי אין אַ שטייג. דאָס איינציקע, וואָס יעדער באַוווסטזיניקער מענטש מוז טאָן פאַר זיך, פאַר זיינע נאָענטע, פאַרן גאַנצן פאָלק — איז קעמפן אָדער אונטערשטעלן אַ פּלייצע פאַר די אמתע קעמפער קעגן דער פאַרהאַסטער רוסישער אַליינהערשאַפט.

אַגב, איז דער אָוונט איינגעאָרדנט געוואָרן לטובת פּאָליטישע אַרעסטירטע און פאַרשיקטע — פאַר דעם געהיימען „רויטן קרייץ".

גערעדט האָט א. ווייטער שטיל, בנעימותדיק אָבער מיט אַ שטים, וואָס האָט געקלונגען אינטים, טיף־איבערצייגנדיק. זיין רעדע איז טאַקע אַריינגעדרונגען אין די נשמות פון די צוהערער, פאַרשטאַרקנדיק זייער גרייטקייט צו העלפן דער רעוואָלוציע.

צי עס זענען געווען אַנדערע רעדעס, געדענק איך נישט. אָבער אַ סך רעציטאַציעס, דעקלאַמאַציעס און געזאַנג. באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ האָט ח׳טע וואלדענבערג; ח׳ גורעוויטש פון האָמעל (זיין נאָמען איז, דאַכט זיך, געווען סאוועל), האָט געלייענט די באַוווסטע פּאָעמע „סאקיא מוני". גורעוויטש, פון אַ זייער נידעריקן וווקס, איז נאָך געווען אַ סטודענט. ער האָט אָבער פאַרמאָגט אין זיך פיל עקספּרעסיע און לעבן בכלל. ווען ער האָט אויסגעשטרעקט די געביילטע פויסטן אין דער הויך און אויסגעשריען

צו דעם, ביי וועמען מענטשלעכע גורלות ליגן אין די הענט: „דו ביסט נישט גערעכט!“, האָבן אַלע אָנוועזנדיקע אויפגעציטערט און געבליבן פאַר־גאַפט. א. ווייטער האָט דאַן רעציטירט מיט זיין מעלאָדראַמאַטישער שטים פּ. יאַקובאָוויטשעס „סלושאַי“, ווי אַ סאָלדאַט־וועכטער גייט אַרום די תפיסה. אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט האָט יענע פינצטערע נאַכט געמאַכט אַ פּרווו צו אַנטלויפן פון תפיסה אויף דער פריי, וועלנדיק אַרויפקלעטערן אויף דער וואַנט. ער האָט שוין דערגרייכט דעם אויבן פון וואַנט און גע־גרייט זיך אַראָפּצושפּרינגען, אָבער אומגעריכט — אַ קנאַל פון וועכטער־ביקס און דער אַרעסטאַנט פאַלט אַרונטער אַ טויטער. און ווידער דער אור־מעטיקער רעציטאַטיוו „סלו־שאַי“.

דער פּאַטעטישער אינהאַלט, דער צוזינג און דאָס צושפּיל פון דעם ליד האָבן געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק, באַזונדערס ווען צוויי יונגע שיינע מענטשן (ווייטער און זיין כלה) האָבן עס אויסגעפירט בשותפות. עמעצער, אָדער טאַקע ווידער א. ווייטער, האָט רעציטירט מאַקסים גאָרקיס „בורע־וועסטניק“ (דער שטורעם־אָנזאָגער), וועלכער איז דעמאָלט געווען אויף די ליפּן פון יעדן פּראָגרעסיוון מענטשן און האָט באַגייסטערט די יוגנט מיט דעם דרייסטן זאָג: „ס׳קומט דער שטורעם“, אַרויסגעלייענט מיט אַ באַ־זונדער באַטאָנונג.

דער שטורעם איז טאַקע שפּעטער געקומען, אָבער נישט דער, אויף וועלכן מען האָט געוואַרט...

איך האָב אין גיכן פאַרלאָזן ווילנע אויף אַ לענגערער צייט און שוין געהערט פון דער ווייטנס (איך בין געווען אין דרום־רוסלאַנד) וועגן ווייטערס פאַרשיקונג קיין סיביר, וועגן זיינע צווייפלען און רעוויזיע, וועגן זיינע פּעסימיסטישע פּיעסן.

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז אויף דעם אָוונט האָט געהערשט די רוסי־שע שפּראַך. יידיש איז נאָך נישט אַריין אין בלוט און פלייש פון דער יידישער אינטעליגענץ. כ׳דערמאָן זיך נישט, אַז וועלכע עס איז רעציטאַ־ציע אָדער וואָרט זאָל געהאַלטן ווערן אין יידיש, א. ווייטערס איינגע־שלאָסן. ער האָט נאָך געלעבט אין דער אַטמאָספערע פון דער גרויסער רו־

סישער ליטעראַטור און פון אירע ייִנגערע פאָרשטייער: א. טשעכאָוו, גאָר־קי, סקיטאַלעץ, אַנדרעיעוו, קאָראָלענקאָ און פיל, פיל אַנדערע.

אין 1919 איז א. ווייטער צוריקגעקומען קיין ווילנע. דער דעמאָל־טיקער בילדונגס־קאָמיסאַריאַט פון דער סאָוועטישער רעגירונג אין ווילנע האָט, מיט געוויסע באַדינגונגען, אַריינגעצויגן אין נעץ פון מלוכה־שולן אַלע יידישע לערן־אַנשטאַלטן. מען האָט געפלאַנעוועט אַ קינדער־זשורנאַל, מען האָט אַרויסגעגעבן איינעם אָדער צוויי נומערן פון אַלגעמיינעם זשור־נאַל, נאַטירלעך נאָר אויף יידיש.

געווען זענען דעמאָלט אין ווילנע אַ ריי אָנגעזעענע שרייבער, צווישן זיי ש. ניגער, דער ציוניסטישער דיכטער לייב יפה, משה טייטש א״אַנד. ווייטער איז שוין געווען איינער פון די חשובע דראַמאַטורגן. ער האָט גע־גרייט אַרבעטן פאַר די נייע יידישע זשורנאַלן, אָבער מען האָט זיך נישט באַוויזן אַרומצוקוקן, ווי אין ווילנע האָבן זיך דעם 19טן אַפּריל אַריינגע־ריסן, אַדאַנק דעם פאַרראַט פון די פּוילישע אייזנבאַנער, פּילסודסקיס לע־גיאָנען: געגזלט, גערויבט און געמאָרדעט אין משך פון דריי טעג.

איך בין יענעם פּסח נישט געווען אין ווילנע. איך בין אַוועקגעפאָרן אויף יום־טוב צו מיינע עלטערן, ריכטיקער געזאָגט, אַוועקגעגאַנגען צו פוס פון דער הונגעריקער ווילנע. איך בין געוואָרן אָפּגעשניטן פון מיין פאַמיליע, פון ווילנע, און ערשט מיט סכנות נפשות זיך צוריקגעקערט אין אַ פאָר וואָכן אַרום, דורכקרייצנדיק דעם פראָנט פון פּוילישע לעגיאָנערן.

ווען איך בין געקומען צוריק, איז די ערשטע ידיעה געווען וועגן דעם אומקום פון א. ווייטער און אויך פון דעם פאַרוואַלטער פון קינדער־היים — לייזער גורוויטש. וועגן ווייטערן האָט מען איבערגעגעבן, אַז ער איז, נישט קוקנדיק אויף די תחנונים און ביטערן געוויין פון אַ יידישער אַר־טיסטין (דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען חנה בראַז), וואָס האָט געווינט אין שכנות מיט ווייטערן, — אַראָפּגעשלעפּט געוואָרן דורך די פּוילישע לעגיאָנערן אויף דער גאַס, אומברחמנותדיק געשלאָגן און דערשאָסן גע־וואָרן.

זיין קערפּער איז אַזוי געלעגן אַ פּאָר טעג, יידן האָבן זיך נישט גע־

טאָרט און נישט געקאַנט באַווייזן אויף דער גאַס. עס האָבן אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו אפשר אַ פּאָר מענטשן. יעדע יידישע לוויה דעמאָלט איז באַשאָטן געוואָרן מיט שטיינער דורך שקצים און דערוואַקסענע כוליגאַנעס. און גיין צו אַ לוויה איז געווען אַ מסירת־נפש.

ווייטערס קבר געפינט זיך (צי איצט אויך?) אויף דעם זאַרעטשער יידישן בית־עולם צו דער לינקער האַנט פון אַריינגאַנג אַרויף צו נעענטער צום פּאַרקאַן. די ווילנער יידישע קהילה האָט געמאָלדן אַ קאָנקורס פון מצבה־פּראָיעקטן אויף א. ווייטערס קבר. עס זענען אָנגעקומען ביי אַ צענדליק פּראָיעקטן. די זשורי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פּראָיעקט פון אַרכיטעקט־סקולפּטאָר דניאל ראָזנהויז, אַ מיטגליד פון דער שול־פּאַרוואַלטונג „טהרת הקודש" און פון ש. אַנסקי־מוזיי.

די מצבה שטעלט פאָר אַ מעכטיקן אָדלער מיט צעשפּרייטע פליגלען, נאָר דער רעכטער פליגל איז ביי אים אַן אָפּגעהאַקטער. דאָס האָט געזאָלט סימבאָליזירן ווייטערס אומקום אין בלי פון זיינע יאָרן.

נישט אַזוי האָבן עס אָבער פאַרשטאַנען די פּאָליאַקן, ווען דער דענקמאָל איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אָנוועזנהייט פון אַ גרויסן יידישן עולם מיט פאָרשטייער פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און פון דער גאַנצער קהילה־פאַרוואַלטונג. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט געמוזט אין די טרויער־רעדעס דערמאָנען די פּוילישע רציחות און בכלל זייערע מעשים תעתועים אין די ערשטע טעג און חדשים פון זייער ממשלה און אויך די דעמאָלטיקע פערמאַנענטע נגישות און כוליגאַנישע אָנפאַלן אויף יידן. דאָס האָט דער פּוילישער מאַכט נישט געשמעקט. עס זענען מסתמא צווישן עולם געווען אַגענטן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען יידיש, האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון העצעס קעגן דעם ווייטער־דענקמאָל.

לכתחילה האָט די שאָוויניסטישע פּוילישע פּרעסע פאָרגעשטעלט פאַרן לייענער עולם, אַז דער אָדלער איז כלומרשט דער רוסישער צווייקעפּיקער און סימבאָליזירט די בענקשאַפט פון דער יידישער באַפעלקערונג נאָך דער רוסישער הערשאַפט. דערנאָך, אַז די מאַכט האָט זיך איבערצייגט, אַז דער אָדלער איז נישט קיין „רוסישער" צווייקעפּיקער — איז אַנט־

שטאַנען אַ שפּאָגל נייע העצערישע קאַמפּאַניע: דער אָדלער איז דער פּוילישער און דער אָפּגעהאַקטער פליגל מיינט, אַז פּוילן וועט אָפּגעהאַקט ווערן אין איר הערשאַפט און וועט פאַלן, ווי אַן אונטערגעשאָסענער אָדלער, וואָס איז אויך דער סימבאָל פון אַ רויבפויגל (פּוילן). ס׳זענען נאָך צוגעקומען אַנדערע העצערישע נוסחאות. ס׳האָט זיך איבערגעחזרט די זעלביקע מעשה אויף אַן איבערגעקערטן אופן ווי מיט די אַנטאָקאָלסקי־פּראָיעקטן פון אַ דענקמאָל פאַר דעם „באַפרייער פון פּויערים״, אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. דער וואָיעוואָדישער פּאָליטישער אַמט, ווי אויך דער שטאָטישער סטאַראָסטע האָבן פאַרפירט אַ פאָרמעלע אויספאָרשונג, וועלכע האָט געדאַרפט באַווייזן, אַז די ווילנער קהילה האָט חוזק געמאַכט פון פּוילן מיט ווייטערס דענקמאָל. ס׳איז, דוכט מיר, שוין געווען אַ פאַראָרדענונג צו צעשטערן ווייטערס דענקמאָל. קוים מיט צרות, מיט דער הילף פון וואַרשעווער יידישע דעפּוטאַטן, האָט זיך איינגעגעבן אָפּצושרייען די ווילדע באַשולדיקונג און גזירה פון צעשטערן די מצבה.

אַזוי איז ווייטערן נישט באַשערט געווען רואיק צו ליגן אונטער דער מצבה, דורך וועלכער די ווילנער קהילה און מיט איר אַלע ווילנער יידן האָבן אויסגעדריקט זייער צער אויף דעם פרי־פאַרשניטענעם לעבן פון אַ חשובן שרייבער און אַמאָליקן „יידישן גובערנאַטאָר פון ווילנע״.

אומגעריכט האָב איך אָפּגענומען אין ניו־יאָרק אַ גרוס פון א. ווייטערס לעבן אויף דער פאַרשיקונג אין סיביר.

די מעשה איז אַזאַ:

דער ייוואָ האָט געמאָלדן אַ קאָנקורס אויף דער טעמע „פאַרוואָס האָב איך פאַרלאָזט די אַלטע היים און וואָס האָב איך דערגרייכט איז דער נייער (אַמעריקע)?״. די פאָרמולירונג איז מסתמא נישט אַזוי פּינקטלעך, אָבער דאָס איז געווען דער תוך פון דעם קאָנקורס. עס זענען צוגעשטעלט געוואָרן ביז 200 אויטאָביאָגראַפיעס פון געוועזענע אימיגראַנטן, דער גרעסטער טייל פון זיי אין יידיש, אָבער אַ געוויסע צאָל איז געווען אין אַנדערע שפּראַכן (העברעיש, ענגליש, דייטש). וווינענדיק אין ברוקלין, אין אַ יידישער געגנט, האָב איך זיך באַקענט מיט אַ שכן, אַן עלטערן

מענטשן פֿון 72 יאָר, אַ „צוריקגעצויגענער שניידער“, וואָס האָט געשטאַמט פֿון אַרום מינסק. ווי אַן אָרעמער לערן־ייִנגל ביי אַ בעל־מלאָכה איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער באַוועגונג. שפּעטער איז ער אַרעסטירט געוואָרן און נאָך אַ לענגערן זיצן אין טורמע פֿאַרשיקט אויף 5 יאָר אין אַ ווייטער געגנט פֿון סיביר.

ער איז געווען באַלייענט און זיך גאַנץ גוט אָריענטירט אין פּאָליטישע, געזעלשאַפֿטלעכע און אַפֿילו ליטעראַרישע פֿראַגן. ער האָט געקענט גוט רעדן ענגליש, אָבער גערעדט אויך אַ גוטן ייִדיש. אים האָט זיך געוואָלט נעמען אַן אָנטייל אין ייוואָ־קאָנקורס, און ער האָט אָנגעהויבן שרייבן זיין אויטאָביאָגראַפֿיע. ניט אַלע מאָל איז געווען זיין ייִדיש קאָרעקט. ניט אַלע מאָל האָט זיך דער זאַצבוי געלאָזט לייכט לייענען. ער האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל איבערלייענען זיין מאַנוסקריפּט, זאָגן מיין מיינונג און אויב מעגלעך עפּעס אויסבעסערן דעם סטיל. דער אינהאַלט איז טאַקע געווען כמעט אַ שפּאַנענדיקער. וועגן דעם קען איך אָבער ניט מאריך זיין. ווי גרויס עס איז געווען מיין שטוינונג, ווען דער מחבר לואי פֿייגין (אַזוי האָט ער געהייסן), האָט באַשרייבנדיק זיין סיבירער לעבן מיט ווייב און קליינע קינדער אין די גרויסע פֿרעסט — געווידמעט אַ גאַנץ זייטל דעם פֿאַרשיקטן א. ווייטער, וואָס האָט געוווינט אין זעלביקן דאָרף. פֿייגין באַשרייבט אויך אַנדערע ייִדישע און ניט־ייִדישע רעוואָלוציאָנערן אין פֿאַרשיקונג. אַ טייל פֿון זיי האָבן אין זייער איינזאַמקייט זיך אָפּגעלאָזן, אַריינגעפֿאַלן אין שיכרות, זנות און געוואָרן שיער ניט קיין מענטשן פֿון דעק. נאַטירלעך, איז צווישן די ייִדישע פֿאַרשיקטע געווען אַזעלכע אין אַ מינימאַלער צאָל, אָבער אויך אַ טייל פֿון זיי האָבן געשפּילט אין קאָרטן, געכאַפּט דעם ביטערן טראָפּן און פֿאַרפֿירט ציטוויי־ליקע „ליבעס“ מיט סיביריאַטשקעס פֿון אַ נידעריקן מין. א. ווייטערס לעבן איז געווען גאַנץ אַנדערש פֿון אַלע אַרומיקע. ער איז געווען שטרענג אָפּגעהיט סיי אין זיין קליידונג און אויסערלעכקייט בכלל און סיי אין זיין אופֿן לעבן בפֿרט, ער איז געווען אַ וועגעטאַריאַנער, האָט ניט געשפּילט אין קאָרטן, אַפֿילו ניט געטרונקען. לכתחילה געווען מיט זיין ווייב (די דערמאָנטע וואַלדענבערג), אָבער זי, די צעבאַלעוועטע טאָכטער פֿון אַ

בורזשואזער פאמיליע, האט דאך נישט געקענט אויסהאלטן די הארטע באַ־דינגונגען פון דער סיבירער פארשיקונג, ווי אויך דעם ריגאריזם פון איר מאן, דעם אידעאליסט, וועלכער האט געוואלט און געפירט א לעבן פון א טאלסטאיאנער, כמעט פון א נזיר. די פרוי האט אים פארלאזן און איז אוועק־געפארן צוריק צו אירע עלטערן. די עלטערן, מיט איר צוזאמען, זענען בעת דער עוואקואציע פון ווילנע אין 1915, ארויסגעפארן קיין רוסלאנד און זענען שוין צוריק נישט געקומען. קיין קינדער מיט וויטערן האט זי נישט געהאט. קלאנגען זענען געווען, אז זי האט נאכאמאל חתונה געהאט.

די וויטערס האט געהאלפן אין זייער באלעבאטישקייט א סיבירישע שיקסע, א טאכטער פון פארשיקטע עלטערן. דער איינדרוק איז געווען, דערציילט פייגין, אז נישט די שיקסע האט זיי באדינט, נאר וויטער האט זי באדינט. זי פלעגט זיך אפט, דערהויפט אין די זונטיקס און יום־טובים, זיך אנשיכורן און מאכן סקאנדאלן: „וואס דארף איך האבן אזא בארין, וואס טרינקט נישט און...‟ (דא קומט א נישט־צענזורירטער אויסדרוק). דאס האט שוין פייגין מיר דערציילט מינדלעך.

א. וויטערס פרוי האט זי געוואלט משלח זיין, אבער וויטער האט געהאלטן, אז זי איז דאך אין איר רויקייט און פרימיטיווקייט נישט שול־דיק. די ארומיקע רויע באדינגונגען, די רוסישע אומקולטורעלע סביבה און די בארבארישע רעגירונג, וואס האט באהאנדלט די פארשיקטע און קא־טארזשניקעס ווי בהמות, זענען גורם צו שאפן אומגליקלעכע מענטשן, ווי זייער באדינערין.

וויטער פלעגט אויך העלפן קראנקע און בכלל אזעלכע, וואס פלעגן אריינפאלן אין א צרה. ער האט פאר זיי געשריבן בקשות. קיין געצאלט האט ער פאר דעם, נישט קוקנדיק אויף די אנבאטן, נישט גענומען. ער האט געלעבט אויף די קארגע 6 רובל א חודש, וואס א פארשיקטער פלעגט באקומען פון דער רעגירונג.

וויטערס לעבן און באנעמונג, דערציילט פייגין, האבן אים ארומגע־רינגלט מיט אן ארעאל. כמעט ווי א הייליקן האבן אים באטראכט סיי די פויערים, סיי זיינע חברים פון די פאליטישע פארשיקטע. ער האט זייער

פיל געלייענט, געשריבן, אָבער אויך פיזיש געאַרבעט אין וואַלד, טייגע און פעלד פאַר די נויטן פון הויז און אויך העלפנדיק שוואַכע פויערים אין זייערווירטשאַפט. ער האָט איבערגעשאַצט זיין גאַנץ לעבן פון עטיש־מאָ־ראַלישן שטאַנדפונקט און ווייזט אויס געווען איינער פון די בעלי־תשובות אינדיווידואַליסטן, וועלכע זענען קיינמאָל מיט זיך נישט צופרידן.

פאַר אונדז, זיינע מיטצייטלערס, איז ווייטער געווען אַן אויסערגע־וויינלעכע, אייגנאַרטיקע און טיף אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייט, פון וועלכער מען האָט אַ סך געקענט לערנען.

(נאָוועמבער, 1951).

יוסף טשערניכאָוו (דניאלי)

באַוויזן האָט ער זיך אין ווילנע אַרום 1910 ווי אַ יונגער אַדוואָקאַט. מען האָט דערציילט, אַז אויפן האַריזאָנט פון דער ווילנער יורידישער וועלט האָט זיך באַוויזן אַ נייער שטערן, אָדער ווי מען האָט דעמאָלט געזאָגט אַ „זלאָטאָוסט" (גאָלדן מויל). ווען ער טרעט אַרויס, קומען אַדוואָקאַטן און ריכטערס אים הערן, עפּענענדיק די מיילער. זיינע פּעך־שוואַרצע אויגן מיטן שוואַרצן פּירקאַנטיקן בערדל גיבן צו זיינע אַרויסטריטן און רעדעס אַ באַזונדערן אָריענטאַלישן רייץ. דער שוויגער־פּאָטער מיינער, שמואל שרייבער, וואָס איז געווען לאַנגע יאָרן געהילף־ראַבינער אין ווילנע, האָט דערציילט, אַז אַ סך אַלטע אַדוואָקאַטן (וועגן יונגע אָפּגערעדט) כאַפּן אַ ציטער, ווען זיי דערוויסן זיך, אַז זייער קעגנער אין געריכט איז טשערניכאָוו. און נאָך אַ זאַך האָט דערציילט דער ראַבינער, וואָס ס׳רופט אַרויס חידוש. טשערניכאָוו רעדט אָפן און אויפן קול מיט זיינע קליענטן און מיט אַנדערע יידן — יידיש, אַ זאַך, וואָס ביז איצט האָט מען אין געריכט נישט געהערט. אויב מען האָט קיין אַנדער לשון נישט געקענט — האָט מען גערעדט יידיש, אָבער בלחש און פאַרשעמט.

טשערניכאָוו איז געווען איינער פון די ערשטע יידישע אינטעליגענטן, וואָס זייער שפּראַך איז געווען יידיש אין רעגירונגס־אַמטן.

כ׳דערמאָן זיך, ווען ער איז אַריינגעגאַנגען אין באַגלייטונג פון נאָך אַן אַדוואָקאַט אין אַ יידישער באַנק אין ווילנע, צוגעגאַנגען צו איין טישל, צום צווייטן, צום דריטן און אומעטום האָט ער געהערט פון יידישע באַאַמטע נאָר די רוסישע שפּראַך — האָט ער אויסגערופן בקול רם אויף יידיש צום אַדוואָקאַט: „זע נאָר, יאָסיף דאַנילאָוויטש, ווו האָסטו מיך אַריינגעפירט? געגאַנגען בין איך מיט דיר אין אַ יידישער באַנק אין ווילנע, און אָט בין איך, גאָר אין אַ טולער (טולאַ, אַן עכט רוסישע שטאָט) באַנק! זענען מיר אין ווילנע אָדער אין טולאַ?"

***

טשערניכאָוו האָט נישט באַוויזן פעסט זיך איינצובירגערן אין ווילנע, ווי עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה פון 1914־1918. צוזאַמען מיטן גאַנצן געריכט־וועזן עוואַקוּאירט ער זיך קיין כאַרקאָוו, דער היים־שטאָט פון זיין פרוי און מאַכט דורך דאָרטן ביידע רעוואָלוציעס פון 1917. ווי אַן אַדוואָקאַט טרעט ער אַרויס אין רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל, פאַרטייידיקנדיק יידן, וועמעס זינד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן אַמאָל געהערט צום האַנדלס־קלאַס אָדער פאַרקויפט אויפן מאַרק זאַכן (ס'רוב זייערע אייגענע), כדי צו קויפן אַ שטיקל ברויט פאַר די הונגעריקע פאַמיליעס, אָדער ענלעכע חטאים.

טשערניכאָוו מיט זיין גרויסן כוח הדיבור, מיט זיינע לאָגישע באַוויזן פון אומשולדיקייט אין „קאָנטררעוואָלוציע און ספּעקולאַציע" פלעגט אַרויסרייסן פון די אייזערנע נעגל פון דער נייער „גערעכטיקייט" אַ סך אומשולדיקע מענטשן.

ער האָט עס שפּעטער באַשריבן אין זיין בוך מעמואַרן פון רעוו'־טריבונאַל*.

ווען רוסלאַנד האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט ליטע און די פּליטים פון ליטע און ווייסרוסלאַנד האָבן באַקומען די מעגלעכקייט זיך אומצוקערן אין זייערע היים־ערטער, קומט טשערניכאָוו קיין קאָוונע.

דאָרטן וואַרפט ער זיך אַריין אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

אין ליטע האָט אין אָנהייב עפּעס אַ שיין געטאָן מיט דעם, וואָס מען האָט אין די רעוואָלוציאָנערע יאָרן געגרינדעט נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע, און עס איז געווען אַ מעגלעכקייט צו בויען די געהעריקע אינסטיטוציעס פאַר דעם צוועק. טשערניכאָוו קאָנצענטרירט זיין געזעלשאַפטלעכע ענערגיע אויך אויף „אָרט"־אַרבעט. עס ווערן געשאַפן האַנטווערקערשולן פאַר יוגנטלעכע; ס'ווערן געמאַכט פּרוּוון פאַר אַגראַריזאַציע אד"גל.

---

* מען זאָגט, אַז דאָס בוך זיינס האָט גורם געווען זיין אַרעסט אין 1939, ווי אויך זיין טראַגישן טויט, הגם אין בוך זענען נישט געווען קיין שום אַטאַקעס אויף דער סאָוועטישער מאַכט.

טשערניכאָוו לאָזט אַרויס אַ גרויס זאַמלבוך „אַרבעט", ווו אַ גאַנצע ריי טוערס און שרייבערס פאַרהאַנדלען די פּראָדוקטיוויזאַציע־פּראָגעס. דאָס זאַמלבוך האָט באַקומען גרויס אויפזען אין דער יידישער וועלט און האָט אין אַ גרויסער מאָס גורם געווען צו דער באַוועגונג פון פּראָדוקטיוויזאַציע פון אונטערוואַקסנדיקן דור.

אָבער אין דער קליינער ליטע האָבן אין גיכן אָנגעהויבן צו בלאָזן אַנ־דערע פּאָליטישע ווינטן, און דער דינאַמישער טשערניכאָוו, וועלכער איז געווויגט געוועזן צו אַרבעטן צווישן גרויסע יידישע קיבוצים, האָט זיך דער־פילט אין ליטע, ווי אָפּגעשלאָסן פון דער גרויסער יידישער וועלט, ביחוד פון פוילישן יידישן קיבוץ, דעם גרעסטן און שאַפערישסטן, וואָס איז גע־בליבן נאָך אַלע מהומות און מלחמות. ער פאָרט אַריבער קיין ווילנע. דאָ דאַרף ער זיך איבערקוואַליפיצירן ווי אַן אַדוואָקאַט אין פוילישן געריכט־וועזן. אין אַ קורצער צייט באַהערשט ער די פּוילישע שפּראַך, גיט אָפּ דעם געהעריקן עקזאַמען, און רוקט זיך אַרויס דאָ אין די ערשטע רייען פון ווילנער אַדוואָקאַטור. ער פאַרנעמט זיך נישט מיט ציווילע פּראָצעסן, (וואָס גיבן אגב די גרעסטע הכנסות). ער פאַרטיידיקט אָרעמע מענטשן, וועלכע פאַלן אָפּט אַריין קעגן זייער אייגענעם ווילן אין סתירה מיטן געזעץ.

נאָר די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט שענקט טשערניכאָוו צו פּאָלי־טישע פּראָצעסן. די רעאַקציאָנערע פּוילישע רעגירונגען פאַרפאָלגן אין דער ערשטער ריי אַלע מינדערהייטן, וואָס ווילן פירן זייער נאַציאָנאַל לעבן אומגעשטערט, און די לינקע טוערס (קאָמוניסטיש געשטימטע). ער נעמט אָנטייל אין אַלע גרעסערע פּאָליטישע פּראָצעסן, בעיקר אויפן שטח פון ווייסרוסלאַנד (געוו' ווילנער, גראָדנער און טיילן פון מינסקער גובער־ניעס). ס'קומט אויס אָפּט טשערניכאָוון זיך צוזאַמענצושטויסן מיט די רעאַקציאָנערע ריכטערס, ווען ער זאָגט אַריין דעם גאַנצן אמת וועגן זייער אומיושרדיקייט און טענדענציעזקייט. אַ סך פּויליש־יידישע קאָמו־ניסטן ווערן געראַטעוועט פון דער פּוילישער „גערעכטיקייט" און אָפּט פון תליה אַדאַנק טשערניכאָווס אָנגרייפערישער קעמפערישקייט. איז דערי־בער טאַקע אומפאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די סאָוועטנמאַכט האָט אַרעס־טירט טשערניכאָוון גלייך ביי איר אָנקומען, ווען לאַנגע יאָרן האָט ער

פּאַרטייִדיקט פּאָליטישע אַרעסטאַנטן פון לינקן לאַגער, ד״ה מערסטן טייל קאָמוניסטן.

יוסף טשערניכאָוו האָט אויסער דערפאָלגרייכער אַדוואָקאַטישער פּראַקטיק, פאַרנומען דאָס אָנגעזעענסטע אָרט אין דער ווילנער געזעלשאַפטלעכקייט. ער איז געווען פאַר אַ היפּשער צייט דער פאָרזיצער פון ווילנער קהילה־ראַט, פאָרזיצער פון „אָרט״ א׳אַנד.

זיין פּאָליטישן אידעאַל האָט ער געפונען אין „פריילאַנד״. ער לאָזט אַרויס צוזאַמען מיט ד״ר צ. שאַבאַד אַ זשורנאַל „פרייער געדאַנק״ (1926 — 1927), וועלכער ברענגט אַרויס אויף אַ בולטן אופן די אידעאָלאָגיע פון דער באַוועגונג. אין זיין הויז קומען פאַר שטענדיק זיצונגען פון אַלע ווילנער פריילאַנדיסטן. עס קומען פאַר די באַראַטונגען אויף אויסצואַרבעטן פּלענער פאַר די זומער־קאָלאָניעס פון די יונגע „שפּאַרבערס״, וועלכע גרייטן זיך צו ווערן פּיאָנערן אין דעם נייעם לאַנד, וואָס וועט זיין פּאַסיק פאַר אַ קאָמפּאַקטער יידישער קאָלאָניזאַציע. אַדאַנק טשערניכאָווס אומדערמידלעכער טעטיקייט ווערט לעבן ווילנע געגרינדעט אַ קאָלאָניע, ווו מענטשן מיט אַן אידעאישן צוגאַנג צו פּראָדוקטיווער באַשעפטיקונג, פאַרנעמען זיך מיט לאַנדווירטשאַפט. צווישן זיי איז געווען אויך דער באַקאַנטער אין ווילנע „קאַטאָרזשניק״, דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציאָנער גרשון מאַלאַקעוויטש (איינער פון די הייליקסטע אידעאַליסטן אין געטאָ).

טשערניכאָוו איז אויסגעקומען אויסצוהאַלטן אַלע שאַרפע אַטאַקעס פון קעגנערס. ער איז אָבער בטבע אַליין געווען אָנגרייפעריש און געפירט אומענדלעכע דיספוטן. דערביי האָט ער אַרויסגעבראַכט אַ שלל פון שאַרפזיניקע און סאַרקאַסטישע ווערטלעך בנוגע זיינע קעגנער. טשערניכאָוו האָט זיך נישט געלאָזט אַראָפּפירן פון זיין ליניע. ער האָט געפּרייִדיקט פּראָדוקטיוויזאַציע, אַגראַריזאַציע. אים האָבן נישט אָפּגעשראָקן די גיפטיקע באַמערקונגען פון זיינע קעגנערס.

עס איז שווער אָנצורופן אַ געביט פון יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, ווו יוסף טשערניכאָוו זאָל נישט זיין פאַרטראָטן. ביי אים אין דירה פלעגן פאָרקומען אַלע צוגרייטונגען צום קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז (1937).

דער גרעסטער טייל פון ווילנער יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ איז געווען דעמאָלט באַגייסטערט פאַר דער אידעע פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד. אגב, איז טשערניכאָוו געווען דער איינציקער דעלעגאַט פון ווילנע אויף דעם איקוף־קאָנגרעס אין פאַריז.

ביי אים אין הויז זענען אויך פאָרגעקומען פאַרשיידענע קבלת־פּנים פאַר יידישע שרייבער. אַן ערך אַ יאָר פאַר דער מלחמה האָט זיך די גאַנצע ווילנער יידישע אינטעליגענץ מיט זלמן רייזען בראש צוזאַמענגעקליבן ביי טשערניכאָוון מקבל פּנים זיין יוסף אָפּאַטאָשו. מען האָט אַרומגערעדט מיט אָפּאַטאָשון די לאַגע אין אַמעריקע און פון אים האָט מען זיך דערוווסט, אַז אַ טייל פון אַמעריקאַנער יידישע שרייבער זענען נישט באַגייסטערט פאַר „איקוף", אַז ס'זענען דאָ רייבונגען און אַוודאי קעגנערס. נאָר די ווילנער גרופּע „איקוף" האָט געמיינט ערלעך צו אַרבעטן מיט אַלע יידישע שאַפנדיקע כוחות לטובת דער פאַרשפרייטונג פון יידישער קולטור (אויף יידיש) אין דער גאַנצער וועלט, אַזוי אַז צווישן דענקנדיקע יידן זאָל זיין אַ שטענדיקער קאָנטאַקט. דער הייסטער אָנהענגער פון דעם איז געווען טשערניכאָוו (אויך ש. באַסטאָמסקי, ז. רייזען א"אַנד).

אויף זיין אייגענער רעכענונג איז יוסף טשערניכאָוו געפלויגן מיט אַן עראָפּלאַן קיין פאַריז, כדי בייצוזיין אויף דעם איקוף־צוזאַמענפאָר.

קומענדיק צוריק האָט ער אָפּגעגעבן פאַר אַ גרויסער פאַרזאַמלונג אַ באַריכט וועגן דער אַרבעט, וואָס דער קולטור־קאָנגרעס האָט אָפּגעטאָן. ער האָט דערציילט וועגן דער באַגייסטערונג, וואָס ה. לייוויקס רעדע האָט אַרויסגערופן.

טשערניכאָוו האָט זייער ליב געהאַט די נאַטור. ער איז נישט מיד געוואָרן צו זעטיקן זיך מיט דער פיינער נאַטור אַרום ווילנע. אַדאַנק זיין איניציאַטיוו האָבן אַ גרופּע יידישע פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענטן אָפּגעקויפט לעבן די וווּנדערשיינע ברעגעס פון ווילנער טייך ווילִיע, קליינע שטחים ערד און אויפגעבויט דאָרטן וויליעס אויף זומער־וווינונגען. אַזאַ וווינונג (דאַטשע) האָט געהאַט פאַר זיך אויך טשערניכאָוו. ס'זענען ביי אים געווען דאָרטן בלומען, גרינוואַרג. ער האָט זיך זייער געפרייט מיט זיין נחלה און פלעגט אַלעמאָל באַווייזן די פּילצאָליקע געסט, וואָס פלעגן אים

באַזוכן, דעם נחת־רוח, וואָס מ'ען קען האָבן פון אַ שטיקל גאָרטן, פעלד. און נישט אומזיסט האָט ער געלייגט אַזוי פיל געוויכט אויף דער אידעע פון פראָדוקטיוויזאַציע און ערדאַרבעט בפרט. טשערניכאָוו האָט נישט אומזיסט דעם גרעסטן טייל פון זיין ווילנער פעריאָד געווידמעט דער אַנט־וויקלונג פון דער פריילאַנד־באַוועגונג, וועלכע ער האָט באַטראַכט נישט נאָר ווי אַ סאָציאַל־פּאָליטישע נויטווענדיקייט, נאָר אויך ווי אַ רעגעסאַנס פון אַ נאָרמאַלער יידישער, סאָציאַל־עטישער עקסיסטענץ.

זיין פרוי רחל איז געווען אַ לערערין פון אַלגעמיינער געשיכטע אין דער יידישער רעאַל־גימנאַזיע. זיין איינציקער זון מיכאל האָט אַרויסגע־וויזן אומגעוויינלעכע פעאיקייטן. ער האָט געענדיקט עטלעכע פאַקולטעטן, געווען אַ שפּראַכן־קענער, אַן אויסגעצייכנטער עגיפּטאָלאָג און גלייכצייטיק אָנגעפירט מיט דער גאַנצער יוגנטלעכער באַוועגונג פון „פריילאַנד־ליגע". געשריבן גלענצנדיקע אַרטיקלען אונטערן פּען־נאָמען „אסטור".

בכלל האָבן זיךביידע טשערניכאָווס אויסגעצייכנט נישט נאָר מיט רעדנערישע, נאָר אויך שריפטשטעלערישע פעאיקייטן. מיט יוסף טשער־ניכאָוון ווי אַ ציוניסט־סאָציאַליסט האָט זיך בשעתו געטומלט אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן. טשערניכאָוו איז געקומען אַהין אויף אַ קאַמפּיין און האָט זיך פאַרמאָסטן אויפן „בונד". ווי מען דערציילט, איז זיין טור אי־בער אַמעריקע געווען אַ טריומפצוג אַדאַנק זיין אויסערגעוויינלעכן רעד־נער־טאַלאַנט.

געוויס פאַרדינט טשערניכאָוו פאַררעכנט צו ווערן צווישן די, וועל־כע, ווי דניאל טשאַרני דריקט זיך ריכטיק אויס, האָבן געמאַכט גרויס אונדזער דור. אָט די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אין פראָנט פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכן, דאַרפן געשילדערט ווערן אין זייער גאַנצער גייסטיקער און מאָראַלישער גבורה, מיט וועלכער זיי האָבן געוואָלט די־נען זייער פאָלק, זייער לאַנד.

יוסף טשערניכאָוו איז געווען איינער פון זיי.

(„פריילאַנד", פּאַריז, דעצעמבער 1951).

יוסף יאַשונסקי

אַן אמתער יידישער עילוי, כאָטש אין ישיבות האָט ער זיך קיינמאָל נישט געלערנט. אַ מושלם אין אַלע צווייגן פון יידישן און אַלגעמיינעם וויסן, אָבער נישט קיין קאַבינעט־מענטש. אַ מעורב עם הבריות, אויסגע־מישט מיטן גאַנצן קאָכיקן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פוילן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. שטענדיק האָט יאַשונסקי געהאַט צו זאָגן אַן אָריגינעל וואָרט און פאָרלייגן אַ פּראַקטישע לייזונג. אַלע זיינע סימפּאַ־טיעס זענען געווען אויף דער זייט פון „בונד״, און נישט אומזיסט האָט ער פאַר יאָרן און יאָרן, וואָך איין וואָך אויס, פאַרעפנטלעכט זיינע „שמועסן וועגן נאַטור־וויסנשאַפט און טעכניק״ אין דער בונדישער „נייע פאָלקסצייטונג״. אָבער דער פאַרנעם פון זיין אַרבעט איז געלעגן מער אין די ראַמען פון כלל־ישראלדיקייט, ווי אין פּאַרטייאישקייט. וואָס עס איז געווען פּראַקטיש, פּאָזיטיוו און גלייכצייטיק באַהויכט מיט אידעאַליזם האָט ער גענומען פון פּאַרטייאישקייט.

צווישן דער יוגנט האָט ער געשטרעבט צו פאַרשפּרייטן דעם גייסט פון חלוציזם אין ברייטסטן זין פון וואָרט, וועלנדיק צופּאַסן אָט די יידישע יוגנט צום פּראָדוקטיוו־פאַכמענישן לעבן. ווי דער הויפּט־דירעקטאָר און פּלאַנירער פון „אָרט״־טעטיקייט אין פוילן, האָט ער געשטרעבט צוצוציען וואָס אַ גרעסערן טייל פון אונטערוואַקסנדיקן דור אין פאַרשיידענע, דורך זיין איניציאַטיוו געגרינדעטע פאַכשולן, פאַכקורסן און אַפילו פּאַטראָ־נאַטן (לערנען ביי פּריוואַטע בעלי־מלאכות).

אין דעם פּרט האָט ער איבערגענומען און מאָדערניזירט די אידעאַלן פון ר׳ יצחק בער לעווינסאָן (ר׳ יב״ל), ר׳ מנשה איליער און אַנדערע ראשו־נים פון אַלטן משכיליזם, וואָס האָבן געזען די סיבות פון דעם יידישן סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישן דעגראַדאַציע־פּראָצעס אין די טראַדיציאָנעל נישט פּראָ־דוקטיווע פּרנסות.

און דאָס איז געווען דער פּראָגראַם פון „אָרט״, וואָס אים האָט יוסף

יאַשונסקי כמעט אינגאַנצן געווידמעט די לעצטע צוויי צענדליק יאָר פון זיין שאַפערישן לעבן, אַרבעטנדיק צוזאַמען מיט ד״ר מ. זילבערפאַרב, לעאָן בראַמסאָן, ד״ר סינגאַלאָווסקי, ווירגילי כהן א״אַנד חסידים פון אי־בערבויען דעם יידישן סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן אויף געזונטע, פּראָדוק־טיווע יסודות.

עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז יאַשונסקי האָט זיך באַזייטיקט פון אַנדערע צווייגן פון יידישן לעבן. אין צווישן איז ער גע־ווען מיט־רעדאַקטאָר פון דעם בשעתו באַרימטן זשורנאַל „די ביכער־וועלט״, ווו ער האָט געשריבן אַליין אַ גרויסן טייל פון רעצענזיעס. אַגב, זיינען עס געווען נישט נאָר רעצענזיעס, נאָר אויפקלערערישע אַרטיקלען איבער קולטור־פּראָגן. ער שרייבט אין די „ליטעראַרישע בלעטער״, ער רעדאַגירט די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק „נאַטור און קולטור״ (18 ביכער). זיינע וועכנטלעכע „שמועסן וועגן נאַטור־וויסנשאַפט און טעכניק״ אין דער בונדישער „פאָלקסצייטונג״ ווערן אַ שם דבר מיט זייער עקזאַקטקייט און גלייכצייטיקער פּאָפּולערקייט און ווערן געשאַצט אויף 700 אין צאָל. ער האָט אויך איבערגעזעצט ה. שמיטס „דאָס וועלטבילד לויט דער טעאָריע פון רעלאַטיוויטעט״. יאַשונסקי איז געווען איינער פון די נישט פיל יידישע קענערס און ערשטע אויסטייטשערס פון איינשטיינס טעאָריע.

„די יידישע פּרעסע זייט 1917״ פון יאַשונסקין איז אַ גרויסער צו־שטייער פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע. ער האָט אויך פאַרנומען עטלעכע יאָר דעם פּאָסטן פון די־רעקטאָר פון דער ערשטער יידישער רעאַל־גימנאַזיע אין ווילנע. מען האָט אים פּשוט פאַר דעם אַמט „מאָביליזירט״, ווייל עס איז נישט געווען קיין מער פּאַסיקע פּערזאָן פאַר אָנפירן די באַרימטע לערן־אינסטיטוציע, ווי דער אַלזייטיק געבילדעטער יוסף יאַשונסקי.

יוסף יאַשונסקי איז געבוירן געוואָרן אין אַ באַלעבאַטישער גראָדנער משפּחה אין 1881. זיין פאָטער האָט אים געגעבן די בעסטע לערער. צווישן זיי איז געווען דער באַוווסטער העברעישער שרייבער יוסף אליהו טריוווש, וועלכער האָט איינגעפלאַנצט אין זיין עילוישן תלמיד ליבע צו העברעיש

און אַלץ וואָס איז פֿאַרבונדן מיט יידישקייט אין ברייטן זין פֿון וואָרט. יאַשונסקי האָט געענדיקט די גראָדנער גימנאַזיע מיט אַ גאָלדענעם מע־דאַל. גלייכצייטיק האָט ער געלייענט כמעט אַלץ, וואָס איז געווען באַטייטיק אין רוסיש, העברעיש, יידיש און דייטש. דאָס לייענען איז ביי אים אויך געווען לערנען. ער קומט אָן אויף דעם פיזיק־מאַטעמאַטישן פֿאַקול־טעט אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט, וועלכן ער ענדיקט מיטן טיטל „קאַנדידאַט פֿון פּעטערבורגער אוניווערסיטעט״.

יאַשונסקי האָט זיך מיט דעם אָבער גישט באַגנוגנט. ער פֿאָרט קיין אויסלאַנד און שטודירט אין דעם באַוווסטן שאַרלאָטנבורגער פּאָליטעכ־ניקום עטלעכע יאָר. אָבער מער פֿון אַלעס גיט אים וויסן זיין אייגענע התמדה צו לערנען און לייענען אָן אַ שיעור און אויף אַלערליי געביטן פֿון וויסנשאַפֿט, אַנהייבנדיק פֿון זיין ספּעציאַליטעט און ענדיקנדיק מיט פֿי־לאָסאָפֿיע און יוריספּרודענץ.

אין די גאָר יונגע יאָרן איז יאַשונסקי געווען אַ ציוניסט, באַטייליקט זיך אין פּאַרטיי־אַרבעט און געווען אַפֿילו אַ דעלעגאַט צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן, נאָך אין 1905 ווערט ער דורכגעדרונגען מיט אַלגעמיינע רע־וואָלוציאָנערע אידעען.

אָנגעהויבן שרייבן האָט יוסף יאַשונסקי זייענדיק אַ סטודענט. ער האָט מיטגעאַרבעט אין „וואָסכאָד״, „ראַזסוויעט״, „בודושטשנאָסט״. מיט דער גרינדונג פֿון דער ערשטער יידישער טעגלעכער צייטונג „דער פֿריינד״ אין פּעטערבורג, ווערט יאַשונסקי איינער פֿון זיינע מיטאַרבעטער. אונ־טערן פּען־נאָמען בן־חיים שרייבט ער פֿאַרשיידענע פּאָליטיש־געזעלשאַפֿט־לעכע אָפּהאַנדלונגען. גלייכצייטיק שרייבט ער אַרטיקלען אין באַרימטן רוסישן ליבעראַלן זשורנאַל „פּראַוואָ״, אונטער דער רעדאַקציע פֿון די באַ־קאַנטע קאַדעטן וו. נאַבאָקאָוו און וול. געסען. זיינע יורידישע אַרטיקלען, גלענצנד געשריבענע, ווערן אַפֿילו אָנגענומען אין זשורנאַל פֿון רוסישן יוסטיץ־מיניסטעריום; פֿון 1912־1914 פֿאַרנעמט ער דעם פּאָסטן פֿון סע־קרעטאַר פֿון די גרויסע רוסישע ענציקלאָפּעדיעס בראָקהאַוז־עפֿראָן. ער איז רעדאַקטאָר פֿון דער קליינער ענציקלאָפּעדיע פֿון זעלביקן פֿאַרלאַג. ווען

דער „פריינד״ טראָגט זיך איבער פון פעטערבורג קיין וואַרשע (1909), בלייבט יאַשונסקי דער פאַרוואַלטער פון פעטערבורגער אָפּטייל.

אָבער יאַשונסקי באַווייזט נאָך אָנצושרייבן און איבערזעצן אַ ריי ביכער וועגן מאַטעמאַטיק, פילאָסאָפיע און געשיכטע. אויף רוסיש איבערזעצט ער „די אַלגעמיינע געשיכטע פון פילאָסאָפיע״, „דער מהות פון מאַטעמאַטיק״.

עס וואָלט פאַרנומען צו פיל אָרט אויסצורעכענען אַלע זיינע אַרבעטן. מיר וועלן נאָר דערמאָנען, אַז מיטן אויסברוך פון דער רוסישער פעברואַר־רעוואָלוציע קערט זיך יאַשונסקי אום צו דער יידישער פרעסע. גלייכצייטיק רעדאַגירט ער די אויסגאַבע (אין רוסיש) „די ידיעות וועגן די אַל־רוסישע וואַלן צו דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג״. ער איז אויך אַ מיטגליד פון פאָר־פאַרלאַמענט, וואָס גרייט צו די וואַלן צו דער אַלרוסישער גרינדונג־פאַרזאַמלונג. און מען געפינט נישט קיין אַנדערן פאַר אַ סעקרעטאַר פון דעם דאָזיקן ניי־געשאַפענעם רוסישן פּאַרלאַמענט, ווי יאָסיף וולאַדימיראָוויטש יאַשונסקי. אונטער דעם נאָמען האָט מען אים געקענט אין רוסלאַנד.

ווי באַוווּסט, האָט די ערשטע און לעצטע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג נישט געהאַט קיין אריכת ימים. ער באַשליסט צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און קערט זיך אום ווי אַ „רעפּאַטריאַנט״ קיין פוילן, און דאָ טרעט ער אַריין אין די „אָרט״־רייען.

ער טראָגט זיך אַרום מיטן געדאַנק צו פאַראייניקן אַלע כוחות, וואָס אַרבעטן אויפן געביט פון פּראָדוקטיוויזאַציע, ווי „ייק״א״, „וואָוזעט״ (גאָ־ליציע), לפּחות צו קאָאָרדינירן זייער טעטיקייט־פּראָגראַם, אויסמיידן דור־בליקאַציע אין איינער און דער זעלבער שטאָט אד״גל.

און עס געלינגט. אין ביאַליסטאָק ווערט צונויפגערופן אַן אַלפּוילישער צוזאַמענפאָר פון פאַרשטייער פון אַלע יידישע פּראָפעסיאָנעלע שולן (פעברואַר 1922). יאַשונסקי, מיט דער מיטהילף פון ווירגילי כהן, אָר־גאַניזירט דעם צוזאַמענפאָר, פאַרטיילט די רעפעראַטן, באַהאַנדלט די טע־זיסן פון די רעפעראַטן.

אַט דעמאָלט איז דעם שרייבער פון די שורות אויסגעקומען נעענטער

צו באַקענען זיך מיט דעם מענטשן, וואָס איז געווען מלא וגדוש מיט וויסן און באַקאַנטשאַפט מיטן יידישן לעבן. עס איז געווען ממש אַ נחת־רוח צו אַרבעטן מיט אים צוזאַמען. זיין כוח התפיסה איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין ענינים, אין וועלכע ער איז נישט געווען אַזוי באַהאַוונט, איז גע־נוג געווען אים אָנצווייזן אַ שטריך, אַ פאַקט, אַז ער זאָל שוין זיין מיט דעם ענין באַקאַנט, אַזוי ווי ער וואָלט דאָס לאַנג שוין געוווסט.

ער האָט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט ביז דעם פוילישן פעריאָד פון זיין לעבן צו זיין באַקאַנט גענוי מיט דער פּראַקטיק פון פּראָפעסיאָנעלן שולוועזן. אַריינטרעטנדיק אין „אָרט"־אַרבעט האָט ער גרינטלעך געשטו־דירט די פּראָבלעמען, וואָס זענען מיט דעם פאַרבונדן. ער האָט מיר, ווי דעם פאַרוואַלטער פון דער פּראָפעסיאָנעלער שולע „הילף דורך אַרבעט", איבערגעגעבן אויסצואַרבעטן פּראָגראַמען אויף פאַרשיידענע פאַכן און די פאָרעם פון אָרגאַניזאַציע פון פּראָפעסיאָנעלע שולן, ווי אויך האַלטן אי־בער דעם אַ רעפעראַט אויף דעם ביאַליסטאָקער צוזאַמענפאָר.

אויף דעם צוזאַמענפאָר זענען געקומען איבער 100 דעלעגאַטן פון פאַרשיידענע געגנטן פון פוילן. עס זענען געווען מענטשן דערצויגענע אויף פאַרשיידענע קולטורן (רוסישע, פוילישע, דייטשע). עס זענען געווען פאָרשטייער פון ייק"א מיט היפּשלעך ביוראָקראַטישע נייגונגען און עס זענען געווען מאָדערנע פּעדאַגאָגן און אַרבעטס־אינסטרוקטאָרן מיט פאַר־טייאישע נטיות. יאַשונסקין האָט זיך איינגעגעבן מיט זיין לאָגיק, שכל־הישר און טאַקט צו פאַראייניקן דעם צוזאַמענפאָר אויף עיקרדיקע און אַלגעמיין אָנערקענטע פּרינציפּן. יאַשונסקי האָט ס'רוב געפירט די אַלגע־מיינע פאַרזאַמלונגען. ער האָט אויך אָרגאַניזירט באַזונדערע זיצונגען פאַר קאָמיסיעס. אַדאַנק אים איז טאַקע דער צוזאַמענפאָר געווען פּראָדוקטיוו און איז געווען דער ערשטער עטאַפּ אויפן פעלד פון אַוועקשטעלן די פּראָפעסיאָנעלע אויסבילדונג אין פוילן אויף אַ געזונטער באַזע.

דער צווייטער און דער לעצטער געמיינזאַמער צוזאַמענפאָר פון „אָרט" און ייק"א האָט זיך שוין געקענט אַרויסווייזן מיט שיינע עטלעכע צענדליק פאַכשולן און קורסן, וואָס האָבן געציילט עטלעכע טויזנט יוגנט־לעכע און דערוואַקסענע, וועלכע האָבן געלערנט פאַכן אויף אַן אָרגאַני־

זירטן אופֿן. אויך אויף דעם צווייטן צוזאַמענפֿאָר האָט יאַשונסקי גע־שפּילט די הויפּטראָל, פֿירנדיק די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג. ער האָט אויך פֿאַרטיילט די רעפֿעראַטן אויפֿן צוזאַמענפֿאָר. לויט זיין אויפֿטראָג האָט דער שרייבער פֿון די שורות געהאַלטן אַ רעפֿעראַט „דערציאונגס־פּראָבלע־מען אין יידישע פּראָפֿעסיאָנעלע שולן" און „די ראָל פֿון יידישער געשיכ־טע און ליטעראַטור אין פּראָפֿעסיאָנעלע שולן". אינטערעסאַנט איז אויך דער פֿאַקט, אַז אַלע רעפֿעראַטן, לויטן אויפֿטראָג פֿון „אָרט", זענען גע־האַלטן געוואָרן אין יידיש. דאַקעגן די דירעקטאָרן פֿון ייק"א־שולן האָבן געהאַלטן זייערע רעפֿעראַטן אין פּויליש. אָבער סיי־ווי איז געווען אַ סימפּטאָמאַטישע דערגרייכונג, אַז די אַסימילאַטאָרישע ייק"א אין פּוילן האָט געמאַכט שותּפֿות מיטן יידיש־יידישן „אָרט".

אין דער צווישנצייט (דער צווייטער צוזאַמענפֿאָר איז פֿאָרגעקומען אין וואַרשע 1930ער יאָרן) זענען געווען אָפּטערע קלענערע באַראַטונגען צווישן די קאָמיטעטן פֿון „אָרט" און ייק"א, אויף וועלכע ד"ר א. סינגאַ־לאָווסקי און דער פֿאָרזיצער פֿון וועלט־„אָרט" לעאָן בראַמסאָן האָבן גע־שפּילט די הויפּטראָל.

די אַרבעטן פֿון צווייטן צוזאַמענפֿאָר האָבן געזאָלט זיין פֿאַרעפֿנט־לעכט, אָבער די אָנגעקומענע היטלער־מגפֿה האָט דאָס געשטערט צו טאָן. דער צענטער פֿון „אָרט" איז געווען בערלין, און פֿון דאָרטן האָט מען גע־מוזט עוקר זיין קיין פּאַריז.

מיר איז אויסגעקומען נאָכצופֿאָלגן יאַשונסקיס אַרבעט אַלס דעם די־רעקטאָר פֿון ווילנער רעאַל־גימנאַזיע. ער האָט רעאָרגאַניזירט די גימנאַ־זיע אַזוי, אַז דאָרטן זאָל זיין וואָס ווייניקער פּאָליטיק און וואָס מער פּע־דאַגאָגישע אַרבעט און אַז די תּלמידים זאָלן באַקומען וויסן, וואָס אַ מיטל־שול אין אייראָפּעישן זין דאַרף געבן. ער אַליין האָט געלערנט אין גימנאַ־זיע פֿיזיק, מאַטעמאַטיק א"אַנד עקזאַקטע לימודים. ער האָט אָבער גע־ווּסט, וואָס עס טוט זיך אויך אין די אַנדערע קלאַסן. ער האָט קאָנטראָ־לירט און געגעבן ריכטונגען די לערער און זייערע פּראָגראַמען. אַליין נישט קיין ספּעציאַליסט אין פּעדאַגאָגישע ענינים, האָט ער אָבער אינטואיטיוו

תופס געווען די אַלע הלכות לערנען. אויך זיין אַלזייטיקע ערודיציע איז אים אין דעם געקומען צו הילף.

יאַשונסקי האָט אָפט געפירט שמועסן מיט די עלטערן, אָנווייזנדיק דעם וועג פון קאָאָפּעראַציע צווישן שול און היים. אין די עלטערע קלאַסן האָט ער געקענט יעדן תּלמיד מיט זיין אינדיווידועלן כאַראַקטער און נייגונגען. דער עלטערן־קאָמיטעט און דער פּעדאַגאָגישער ראָט, ווי אויך דער צענטראַלער בילדונגס־קאָמיטעט זענען פּשוט געווען גליקלעך צו האָבן בראש פון דער גימנאַזיע אַזאַ אַלזייטיקן ערודיט און דערצו אַ פּיקח.

צום באַדויערן, איז אים אויסגעקומען צו שטיין בראש פון דער גימנאַזיע נישט מער ווי אַ פּאָר יאָר. ער ווערט ערנסט קראַנק אויף די אויגן. עס דראָט אים אינגאַנצן צו ווערן בלינד. ער מוז זיך אונטערוואַרפן אַ שווערער אָפּעראַציע, כּדי אויסצומיידן בלינדקייט. נאָך דער אָפּעראַציע האָט ער געמוזט ליגן כמעט אומבאַוועגלעך און נאָר אויפן רוקן אין משך פון אַ חדשים זעקס. ער האָט זיך זייער געמאַטערט צוליב דעם. ווען איך בין געקומען אים מבקר חולה זיין, האָט ער אין פאַרצווייפלונג געזאָגט, אַז ער וואָלט שוין בעסער וועלן שטאַרבן, איידער אויסטראָגן די ליידן פון אומבאַוועגלעכקייט אין בעט... ער האָט קיין זאַך נישט געטאָרט לייענען. צום גליק איז זיין טרייע לעבנס־באַגלייטערין נישט אָפּגעטראָטן כמעט פון זיין בעט און זי איז געווען זיינע אויגן. זי האָט אים פאַרגעלייענט וויסנשאַפטלעכע ווערק און זשורנאַלן און בכלל אַלץ, וואָס האָט אים אינטערעסירט.

נאָך דער קראַנקייט, וואָס איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען אַ רעזולטאַט פון זיין פיל און שנעל לייענען — פאַרלאָזט ער דעם דירעקטאָר־פּאָסטן אין רעאַל־גימנאַזיע און פאָרט אַריבער קיין וואַרשע, וווּ ער ווערט דירעקטאָר פון פוילישן „אָרט“, נישט פאַרלאָזנדיק זיין שריפטשטעלערישע טעטיקייט.

זיין הויפּט־אַרבעט איז, פאַרשטייט זיך, קאָנצענטרירט אַרום דער פאַרצווייגטער אַרבעט פון „אָרט“.

עס ווערן אָרגאַניזירט צוגרייט־קורסן פאַר פאַך־אינסטרוקטאָרן, אויף

וועלכע עס פילט זיך אַ מאַנגל אין די יידישע פּראָפעסיאָנעלע שולן. ספּע־ציאַליסטן אין פאַך האָט געפעלט אַלגעמיינע אויסבילדונג און פּאַרקערט*.

יוסף יאַשונסקי איז געווען פול מיט פּלענער פאַר אויסברייטערן די באַזע פון „אָרט“ מיט ערדאַרבעט, מיט איינפירן נייע צווייגן פון באַשעפ־טיקונגען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג.

עס איז אָבער אָנגעקומען דער פינצטערער סעפּטעמבער 1939, ווען היטלער באַפאַלט פּוילן און די פּוילישע יידן פאַלן אַריין אין דער דייַ־טשער מערדערישער פּאַסטקע. פון אַלע קאָנסטרוקטיווע פּלענער ווערט אַ פינצטערע געטאָ. יאַשונסקי, ווי אַ פּראַקטישער טוער אויף פאַכבילדונג, ווערט באַשטימט אַלס מיטגליד פון יידנראַט.

די וואַרשעווער גמינע און „אָרט“ הייבן אָן פיבערהאַפט איינצואָרדע־נען אַלערליי פאַכקורסן. אָט די פאַכקורסן פאַר פאַרשיידענע מלאכות גיבן אַ מעגלעכקייט צו באַזאָרגן טויזנטער מענטשן מיט שיינען, וואָס דאָס מיינט — רעכט צו אַרבעטן און אויך רעכט צו לעבן. די „נישט־פּראָדוק־טיווע עלעמענטן“ האָט מען שוין אין די ערשטע צייטן פון געטאָ אָנגע־הויבן צו פאַרניכטן. מען דאַרף זיך פאָרשטעלן די שוועריקייטן פון לער־נען פאַכן אין צעשטערטע געביידעס, כמעט אָן געצייג, אָן רוימאַטעריאַלן, אָן אַ גענוגיקער צאָל אינסטרוקטאָרן, ביי דער אוממעגלעכקייט אַרויסצו־גיין פון געטאָ, אָבער יאַשונסקיס גרויסער אָרגאַניזאַטאָרישער טאַלאַנט און זיין גלייבן אין דער נייטיקייט פון דער אַקציע האָבן גובר געווען די שוועריקייטן. צענדליקער און צענדליקער קורסן און קאָאָפּעראַטיווע וואַר־שטאַטן זענען אָרגאַניזירט געוואָרן. טויזנטער מענטשן האָבן געאַרבעט, באַקומענדיק דייטשע „שיינען“.

אויך האָט דער „אָרט“ אויסגענוצט יעדן שטיק פּלאַץ אויף צו זייען

---

* פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען געווען אַ גרעסערע צאָל אויסנאַמען. צווישן זיי איז געווען לייבעטשקע בערמאַן, אַ קינסטלער אין סטאָלעריי און אינטעליגענטער אַרבעטער. צוזאַמענגעשטעלט אַ לערנבוך אויף סטאָלעריי (יידיש). אין ווילנע איז געווען אין „אָרט“־טעכניקום אַ גרויסער פאַכמאַן אין עלעקטראָטעכניק, זעליק גאָלדבערג. אגב, האָט ער זיין קונסט געווידמעט דעם פּאַרטיזאַנער־קאַמף ביים אויפרייסן בריקן און אַראָפּלאָזן צוגן.

גרינסן. יאַשונסקי האָט צוגעצויגן די פּאַסיקע מענטשן. אָבער די רוצחים האָבן זיך שוין געגנוג אָנגעשפּילט מיט דער פּאַראורטיילטער יידישער באַפעלקערונג און האָבן באַשלאָסן צו פּאַרניכטן זי אָן שפּורן.

עס קומט די לעצטע שעה. יוסף יאַשונסקי ווערט אַוועקגענומען צו די גאַזאויוונס פון טרעבלינקע. דאָרטן קומט ער אום מיט זיינעם אַ זון און פרוי דעם 18טן יאַנואַר 1943.

(„פאָרווערטס", דעם 3טן מערץ, 1946).

ב. ווירגילי כהן

ווירגילי כהן האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף יוגנטלעכע סאָ־ציאַליסטן־בונדיסטן, ווען ער איז געווען איינער פון ס׳רוב געלייענטע שרייבער פון דער ווילנער „פאָלקס־צייטונג״ אין די רעוואָלוציאָנערע צייטן פון 1905 און ווייטערדיקע יאָרן. כ׳געדענק זייער לייַדנשאַפטלעכן כאַ־ראַקטער און דעם איינדרוק, וואָס זיי האָבן געמאַכט. זיי האָבן געאָטעמט מיט גלויבן פון אַ יונגן ענטוזיאַסט, וואָס האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער פען און קען דורך איר רעדן פאַר טויזנטער לייענער.

שפּעטער האָט ער כמעט ווי פאַרוואָרפן די פען און האָט זיך אויס־געלעבט סיי אין דער בונדישער און סיי אין דער אַלגעמיינער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, דערהויפּט אויפן געביט פון שולוועזן, פּראָפעסיאָ־נעלער בילדונג און קאָאָפּעראַציעס. ער איז געווען איינער פון די אָנגע־זעענע יידישע טוער אין פּוילן און פון די ראשונים.

ווירגילי איז געווען אַ פאַנאַטיקער פון דעם, אין וואָס ער האָט גע־גלויבט באמונה שלמה. אין דער יוגנט איז עס געווען אויסער רעוואָלו־ציאָנערער אַרבעט אויך הייסע ליבע צום יידישן לשון און איבערצייגונג, אַז אַפילו אונדזערע „ליבלעכע״ שכנים מוזן פאַרשטיין יידיש. מען האָט דערציילט וועגן אים, אַז פאַרנדיק אויף די רוסישע באַנען אין תחום המושב האָט ער געענטפערט די קאָנדוקטאָרן אויף יידיש (הגם ער האָט זייער גוט געקענט רוסיש). דאָס איז געווען נישט קיין לעגענדע, ווי איך האָב זיך שפּעטער איבערצייגט, באַקענענדיק זיך מיט אים פּערזענלעך. ער פלעגט אָפט קומען קיין האָמעל, ווו עס האָט געוווינט זיין פעטער, דער באַוווסטער העברעישער שרייבער מרדכי בן הלל הכהן. ווירגילי איז גע־ווען שטאַרק צוגעבונדן צום פעטער, הגם זייערע אָנשויאונגען זענען גע־ווען ווייט, ווי מזרח פון מערב. אָבער זיין פאַמיליע־נאָמען האָט ווירגילי געשריבן אַלעמאָל כהן און נישט קאָהאָן. אפשר האָט זיך עס גענומען דער־פון, וואָס ער האָט גוט געקענט העברעיש און אים איז געווען דערווידער

דער נאַטוראַליזירטער אויסלייג. פאַרנדיק פון ווילנע קיין האָמעל מיט דער „ערשטער" ליבאָווע־ראַמגער באַן פלעגט ווירגילי רעדן יידיש צו די גויישע אָנגעשטעלטע. אין דעם פּרט איז ער געווען דער יידיש־יידישער בן־יהודה, וועלכער האָט געוועלט העברעיִש צו פּאַליציאַנטן און בכלל צו גויים, אַפילו נישט אין ארץ־ישראל. כהן האָט אָבער קיינעם נישט נאָכגעמאַכט — אַזוי איז געווען זיין נאַטור: גראַדליניק און אויפריכטיק.

אָט איז נאָך אַ ביישפּיל. ווירגילי איז געווען זייער צוגעבונדן צו ד"ר צ. שאַבאַד. ווען דער לעצטער איז געשטאָרבן (1935) איז ווירגילי געגאַנגען האַרט לעבן אָרון אָן אַ היטל, אין צייכן פון טרויער און כבוד. ער אַליין, ווירגילי, איז שוין געווען קראַנק. עס האָבן זיך שוין געפילט סימנים פון דער געפערלעכער ראַק־קראַנקייט, פון וועלכער ער איז געשטאָרבן מיט אַ קורצער צייט שפּעטער.

דאָס באַגלייטן אַ מת אָן אַ היטל ביי אַ רעליגיעזער לוויה, וועלכע די קהילה פלעגט דורכפירן, איז געווען אין ווילנע אַ נישט „דערלאָזבאַרע" דערשיינונג. אויפן בית־עולם האָט מען אָן היטלען נישט אַריינגעלאָזט. דער אויפפיר פון ווירגילי כהן האָט אַרויסגערופן צאָרן ביי אַ טייל פון קאָלאָסאַלן עולם, צווישן וועלכן עס זענען געווען אַ סך רעליגיעזע יידן, בעלי־עגלות, טרעגער און בכלל פרומע יידן האָבן אָנגענומען אַ דראָענדיקע שטעלונג לגבי ווירגילין. זיי האָבן געביילט די פויסטן און געריסן זיך צום אָרון, וועלנדיק מקיים פּסק זיין דעם „אַפּיקורס", וואָס פאַרשוועכט זייערע רעליגיעזע געפילן. כהנס פריינד האָבן נישט דערלאָזט צוצוקומען צו אים, אָבער גלייכצייטיק אים אויפגעפאָדערט צוליב כמה טעמים (געזונט, זיכערקייט און ווילן אויסצומיידן סקאַנדאַלן) אַוועקגיין פון דער לוויה. ער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט. ווען ס'איז געוואָרן גרויס די סכנה, אַז מען קען אים שפּאַלטן דעם קאָפּ מיט אַ שטיין אָדער בולאַווע, האָבן אים די נאָענטע מיט געוואַלד אַרויסגעפירט פון לוויה־צוג און אַוועקגעפירט אַהיים.

אין אַלע פּרינציפּיעלע פראַגן איז ווירגילי געווען אומקאָמפּראָמיסלעך און קאָנסעקווענט. ער איז געווען זייער שפּאַרזאַם און אָפּגעהיט מיט געזעלשאַפטלעכע פאָנדן.

ווירגילי כהן האָט אין אַלע זיינע געזעלשאַפטלעכע פּאָסטנס אַריינ־געטראָגן דעם גייסט פון אידעאַליזם און קרבנות־גרייטקייט. ער האָט כמעט נישט געהאַט קיין פּערזענלעך לעבן. זיין פרוי, אַ באַוווּסטע כלל־טוערין אויפן געביט פון בילדונג, סאָפיע סטופּעל־כהן, איז אים אָפּגע־שטאָרבן יונגערהייט, איבערלאָזנדיק צוויי פּיצלעך קינדער, וועלכע האָבן זיך געהאָדעוועט ביי דער באָבען (פרוי סטופּעל). נאָך זיין פרויס טויט האָט כהן זיך אַריינגעוואָרפן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן נאָך מער. ס'איז כמעט נישט געווען קיין אָוונט, ווען ער זאָל נישט זיין פאַרנומען אויף וויכטיקע זיצונגען. צוליב זיין געזעלשאַפטלעכער און פרנסה־אַרבעט, ווי דער הויפּט־בוכהאַלטער און רעוויזאָר פון די קרעדיט־פאַרבאַנדן, איז ער אָפט געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן ווילנע און נעמען אָנטייל אין צוזאַ־מענפאָרן, סיי פון לאָקאַלן, סיי פון אַלגעמיין־יידישן כאַראַקטער.

אומעטום האָט ער אַריינגעטראָגן זיין גראַדליניקייט, אָבער אויך פּראַקטישקייט, ווי אַן ערשט־קלאַסיקער פּלאַנירער און בעל־חשבון.

אין די צוואַנציקער יאָרן האָט ער אָנגעפירט מיטן ביכער־פאַרלאַג פון צישאַ, וואָס זיין צענטער איז געווען דעמאָלט ווילנע. אין אויפטראַג פון כהנען האָב איך צוזאַמען מיטן געלערנטן שריפטשטעלער א. י. גאָלד־שמידט און פּעדאַגאָג י. זאַוועלס גענומען אויף זיך די רעדאַקציע און צו־זאַמענשטעל פון אַ געאָגראַפישן אַטלאַס אויף יידיש. דער באַוווּסטער פּעטערבורגער ליטאָגראַף־קינסטלער י. קאַדושין איז געווען דער טעכני־שער אויספירער פון דעם. אונדזער פיר־פּערזאָניקע קאָמיסיע מיט קאָדו־שינען פלעגט זיך צוזאַמענקומען יעדע וואָך און באַהאַנדלען די פראַגן פון אַטלאַס (די יידישע נאָמענקלאַטור, וועלכע לענדער און שטעט זאָלן אַריינ־גיין, וועלכע טייכן, די פאַרבן אד״גל). כהן האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלע דעטאַלן פון דער אַרבעט, און געפרייט זיך ווי אַ קינד, ווען די קאָ־מיסיע האָט אים אָפּגעגעבן ווי אַ מתנה דעם ערשטן יידישן אַטלאַס מיט עטלעכע צענדליק מאַפּעס, מיט יידישע אויפשריפטן.

ווי אַ ראַטמאַן אין קהילה און שטאָטראַט האָט ווירגילי פאַרטיידיקט די רעכט פון יידישע אַרבעטער מיט גרויס ברען און טעמפּעראַמענט.

מיר איז אויסגעקומען צוזאַמען מיט כהנען צו באַטייליקן זיך אין

עטלעכע גרויסע צוזאַמענפאָרן, אָרגאַניזירט פון „איקא" און „אָרט", וועגן פראַגן פון פראָפעסיאָנעלער בילדונג און פראָפעסיאָנעלע שולן. ווירגילי, וועלכער איז אָפט געווען דער פאָרזיצער פון די פלענאַרע זיצונגען און אין באַזונדערע קאָמיסיעס פון צוזאַמענפאָרן, האָט אַרויסגעוויזן אַ ספּעציעלן אינטערעס צו די פראַגעס, וואָס די ווילנער דעלעגאַטן האָבן באַהאַנדלט. אינזש׳ שרייבער האָט אין זיין רעפעראַט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פראַגע פון לערנביכער אויף יידיש אין די טעכנישע און מעכאַנישע שולן. אונדז איז אויסגעקומען זיך אָפט צו באַראַטן מיט ווירגילין אויף די טעמעס פון די רעפעראַטן און עס איז געווען צו באַוווּנדערן, ווי ער, לויט זיין פאַך און לעבנס־פּראַקטיק ווייט פון פראָפעסיאָנעלער בילדונג, האָט זיך שטאַרק אָריענטירט אין אַלע פראַגעס און געגעבן די רעפערענטן אָנווייזן אין טייל פראָבלעמען.

ווירגילי איז געווען דער הייסטער אָנהענגער פון פּראָדוקטיוויזאַציע צווישן דער יוגנט, און דעריבער האָט ער יעדע פּראָבלעם, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער פראַגע, גרינטלעך שטודירט און גרינטלעך געקענט. דער רעפעראַט וועגן אָרגאַניזאַציע פון פראָפעסיאָנעלע שולן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן „אָרט" אין אַ ספּעציעלער בראָשור.

ווי שטרענג ווירגילי כהן איז געווען אין געזעלשאַפטלעכע און פּאַרטייאיש־בונדישע פראַגעס, אַזוי מילד און צאַרט איז ער געווען אין פּערזענלעכע באַציאונגען מיט די, וואָס האָבן אים געקענט נאָענטער. ער האָט באַגעגנט פריוואַט חברים און פריינד בסבר פנים יפות.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער געטראָגן אַ באָרד, וואָס האָט צוגעגעבן זיין הויכער פיגור אַ פּאַטריאַרכאַליש אויסזען.

זיין פּריצייטיק אַוועקגיין צוליב זיין קראַנקייט, וואָס האָט אים יאָרן לאַנג געמאַטערט, האָט אַרויסגערופן גרויס טרויער אין די קרייזן פון „בונד", „אָרט", „צישאָ", און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, מיט וועלכע ווירגילי איז געווען ענג פאַרבונדן.

(„אונדזער שטימע", מאַי 17, 18, 1951).

חייקל לונסקי און די סטראַשון־ביבליאָטעק

אויב ווילנע האָט כשר פאַרדינט איר נאָמען ירושלים דליטא, האָט אין דעם געהאָט אַ חלק אויך די סטראַשון־ביבליאָטעק, וועלכע איז אין לעצטן צענדליק פון 19טן יאָרהונדערט און ערשטע 40 יאָר פון 20טן געווען אַן אוצר פון פאָרשונג אין יידיש וויסן, ליטעראַטור, רעליגיעזע שטודיעס סיי פאַר רבנים, מגידים, סיי פאַר שרייבער, היסטאָריקער און פאַר תלמידים פון יידישע וועלטלעכע שולן.

דער גרינדער פון ביבליאָטעק, מתתיהו סטראַשון, איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ משכיל פון ווילנער אָרטאָדאָקסישן טיפּ, און אַ גרויסער ביבליאָפיל. ער פלעגט איינקויפן און זאַמלען די זעלטנסטע ביכער, אַלטע כתב־ידן און יעדע אויסגאַבע פון יידישן אינהאַלט. דעם ביכער־אוצר, וואָס האָט פאַרמאָגט ביז זיין טויט ביי אַ 6־7 טויזנט עקזעמפּלאַרן, האָט ער פאַרשריבן פאַר דער ווילנער צדקה־גדולה. צו דעם ביכער־אוצר איז צוגעקומען די ביבליאָטעק פון ר' שמואל יוסף פין. אויך אַנדערע משכילים און ביכער־ליבהאָבער האָבן איבערגעלאָזט זייערע ספרים דער סטראַשון־ביבליאָטעק. אויף אַזאַ אופן איז די סטראַשון־ביכער־זאַמלונג געווען די רייכסטע יידישע ביבליאָטעק נישט נאָר אין ווילנע, נאָר אויך אין מדינת פוילן, ליטע און ווייסרוסלאַנד. מען האָט געקענט דאָרטן געפינען די זעלטנסטע אויסגאַבן, יקר־המציאותן, וויכטיקע היסטאָרישע דאָקומענטן, אד״גל.

קיין אַלגעמיינער קאַטאַלאָג איז נישט געווען. עס זענען געווען באַזונדערע פאַרצייכענונגען. ווען די דעמאָקראַטישע קהילה האָט אין די 20ער יאָרן איבערגענומען די סטראַשון־ביבליאָטעק, האָט זי טיילווייז איבערגעמאַכט דעם בנין און אָנגעהויבן צו זאָרגן וועגן צוזאַמענשטעלן אַן אַלגעמיינעם מאָדערנעם קאַטאַלאָג. פאַר דעם צוועק איז אָוועקגעזעצט געוואָרן דער רוסיש־יידישער שריפטשטעלער ל. רובינאָוו (אַ שוואָגער פון היסטאָריקער אליהו טשעריקאָווער ע״ה).

דער אָפיציעלער ביבליאָטעקאַר פון דער סטראַשון־ביבליאָטעק איז גע־וועזן יצחק סטראַשון, אַ קרוב פון מתתיהו סטראַשון. ער איז געווען גוט באַהאַוונט אין דער העברעישער ליטעראַטור און אין ביכער בכלל. ער האָט אויסגעפירט זייער קאָרעקט זיינע פונקציעס. אָבער ער איז געווען אַ ביסל שטייפלעך צו די לייענער.

דער באַרימטסטער ביבליאָטעקאַר פון דער סטראַשון־ביבליאָטעק איז געווען חייקל לונסקי. די גרעסטע טייל שרייבער, פאָרשער און וויסנשאַפט־לער האָבן זיך געווענדט צו אים. ער האָט געקענט יעדן ספר, יעדעס בוך, יעדן גאַנג צייטונגען. אין דעם ים פון רעליגיעזע ספרים איז ער געווען ווי אין דער היים. ער האָט באַגעגנט אַלעמען בסבר פנים יפות. ער האָט געהאַט אַ ריידפעלער, באַזונדערס ווען ער איז געווען פון עפּעס באַגייס־טערט אָדער צעטראָגן. ער פלעגט „דורכזייען" די ווערטער דורך די ציין אין אַ גיכרעדעריי, און עס איז געווען שווער צו כאַפּן, וואָס ער זאָגט. ער האָט געוווסט זיין פעלער און פלעגט איבערחזרן זיינע רייד עטלעכע מאָל.

זיין הויפּט־חסרון איז געווען דאָס, וואָס ער פלעגט זיך שרעקן פאַר יעדן, וואָס האָט געשריבן און עס געדרוקט. זייענדיק שוין אַליין אַ באַ־וווסטער שרייבער און פאָרשער, האָט ער דאָך נישט געקענט גובר זיין עפּעס אַ מינדערוועַרטיקייט־געפיל. ער פלעגט זיך קיינמאָל נישט זעצן, ווען עמעצער, וועלכן ער האָט געהאַלטן וויכטיקער פון אים, איז געשטאַ־נען. ווען מען האָט מיט לונסקין גערעדט, איז ער נישט געשטאַנען אויפן אָרט, נאָר זיך גערוקט אויף צוריק.

ווען אַ שרייבער אָדער פאָרשער האָט פאַרטראַכט אַן אַרבעט, האָט ער געמוזט אָנקומען צו לונסקין נאָך ביבליאָגראַפיע. ער האָט געדענקט אַלע זאַמלונגען פון צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס די ביבליאָטעק האָט פאַרמאָגט. אין דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ קיין איין ביבליאָטעק, וואָס זאָל האָבן „אַלץ", באַזונדערס וואָס שייך צייטונגס־קאָמפּלעטן. אויך אין סטראַשון־ביבליאָטעק האָבן זיי געפעלט. אַפילו נישט אַלע „המליצן" אָדער „הצפירהס" זענען געווען. ווער רעדט שוין אַזעלכע אויסגאַבעס ווי די פריערדיקע „וואָסכאָדן", „ראַזסוויעטן", „רוסקי יעווריי" א"א. אַ פאַר־

שעמטער און צעקלעמטער, אַזוי ווי עס וואָלט געווען זיין שולד, פלעגט לונסקי ענטפערן: „דעם יאָרגאַנג האָבן מיר נישט", אָדער „דער יאָרגאַנג איז נאָר דאָ מיט עטלעכע צענדליק נומערן". אָדער ער פלעגט פרעגן, אפשר קען דינען פאַרן צוועק פון פאָרשער אַן אַנדער צייטשריפט פון זעלביקן יאָר אין אַן אַנדער שפּראַך וואָס איז אין דער ביבליאָטעק יאָ פאַראַן. אין דעם פּרט איז לונסקי געווען אומפאַרבייטלעך. און פיל שרייבער האָבן אים צו פאַרדאַנקען זיין הילף. די יידישע ביבליאָגראַפיע איז נאָך איצט אויך הינטערשטעליק לגבי די בייטן פון פאָרשער. זי קען נאָך אויך איצט נישט פאַרענטפערן אַ סך פראַגן, בפרט מיט 20־30 יאָר צוריק, ווען ביבליאָגראַפיע־אַרבעטן זענען געווען אויף די פינגער איבערצוציילן — איז אַזאַ ביבליאָטעקאַר, ווי לונסקי, געווען ממש אַ רעטונג פאַר די, וואָס האָבן זיך גענייטיקט אין ביבליאָגראַפישע אָנווייזן.

לונסקי אַליין האָט זיך אויך פאַרנומען מיט ביבליאָגראַפישער אַרבעט. ער האָט אָנגעהויבן צונויפשטעלן אַ קאַטאַלאָג פון דער ביבליאָטעק אין סדר א״ב לויט די ענינים, מחברים און טיטלען פון זייערע ווערק.

דעם שרייבער פון די שורות איז אויסגעקומען אַ גאַנצן ווינטער אין פרייע אָוונטן צו פאַרברענגען אין דער סטראַשון־ביבליאָטעק איבער אַן אַרבעט וועגן קישינעווער פּאָגראָם. איז קודם כל מיר געווען נייטיק די גאַנצע יידישע פרעסע פון יענער צייט. פלעגט לונסקי באַצייטנס שוין צוגרייטן פאַר מיר אַלע יידישע, העברעישע און רוסיש־יידישע צייטונגען און בכלל בראָשורן און ביכער, ווו ס׳זענען געווען שפּורן פון דער גרויסער טראַגעדיע. אין די צייטן פון קישינעוו איז זאַמלען און האַלטן אומלעגאַלע אויסגאַבעס דורך ביבליאָטעקן געווען פאַרבאָטן. אָבער לונסקי, וואָס האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין דער סטראַשון־ביבליאָטעק אין 1895, האָט מיט מסירת נפש געזאַמלט און אויסבאַהאַלטן אומלעגאַלע אויסגאַבעס, וואָס האָבן געהאַט אַ היסטאָרישן ווערט.

לונסקי האָט מיר אַלץ צוגעשטעלט, וואָס איך האָב געבעטן, און אויך לויט זיין אייגענער איניציאַטיוו. ער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיטן גאַנג פון מיין אַרבעט. די אַרבעט מיינע איז געדרוקט געוואָרן אין משך פון חדשים טעגלעך אין דער ווילנער „צייט". לונסקי איז עטלעכע מאָל

געקומען צו מיר מיט פֿאַרשלאָגן, אַז די אַרבעט מיינע זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אין אַ באַזונדער בוך. דאָס איז געווען אין 1938, ווען פֿינצטערע כמאַרעס האָבן זיך שוין פֿאַרשפּרייט איבער דער יידישער וועלט. די אַלע אויסשניטן מיט די כתבֿ־ידן פֿון דער מאָנאָגראַפֿיע זענען מיט מיין גאַנצן אַרכיוו פֿאַרניכטעט געוואָרן אין די צייטן פֿון היטלערן. אָבער קיינמאָל וועל איך נישט פֿאַרגעסן לונסקיס הילף אין צוגרייטן די דערמאָנטע אַר־בעט.

חייקל לונסקי איז געבוירן געוואָרן אין סלאָנים און געשטאַמט פֿון רבנים. צו פֿיר יאָר איז ער שוין געגאַנגען אין חדר. געלערנט אין די ישיבות פֿון סלאָנים, לידע און בעיקר אין ווילנע, ווו ער איז שוין גע־בליבן אויף שטענדיק. געלייענט השכלה־ביכלעך און געלערנט זיך ביי יידישע גימנאַזיסטן, וואָס האָבן געגעבן אומזיסטע לעקציעס צו אָרעמע ישיבה־בחורים. כדי ווי עס איז אויסצוקומען האָט לונסקי אָנגענומען די שטעלע פֿון אַ שמש אין דער „אַלטער קלויז" אויפֿן באַרימטן ווילנער שול־הויף, ווו עס האָט זיך אויך געפֿונען די סטראַשון־ביבליאָטעק. ער האָט שטאַרק גענאָסן פֿון די ביבליאָטעק־אוצרות, און אַזוי אַרום געוואָרן אַ גו־טער קענער פֿון איר, באַזונדערס פֿון אַלע רעליגיעזע ספֿרים.

געלעבט האָט ער דעמאָלט מיט אַ קאָפּ פֿון אַ הערינג און ראַזעווע ברויט אַ גאַנצן טאָג, פֿאַרטרינקענדיק מיט טיי פֿון אַ „טשאַינע", וואָס דאָס האָט געמיינט אַ הייסן קעסל וואַסער, פֿון וועלכן מען האָט געקענט פֿאַר אַ קאָפּיקע און אַפֿילו פֿאַר אַ גראָשן קריגן אַ קענדל זודיק וואַסער. בכלל האָט לונסקי פֿאַר זיך גאָרנישט געדאַרפֿט. יאָרן און יאָרן האָט ער געטראָגן אַ לוסטרינאָווע קאַפּאָטע. אָבער דאָך איז ער געווען ציכטיק. ווען אַלע אָנגעשטעלטע אין די ביבליאָטעקן זענען צוגעשטאַנען צום פּראָפֿע־סיאָנעלן פֿאַראיין פֿון האַנדלס־אָנגעשטעלטע, האָט זיך לונסקיס מאַטע־ריעלע לאַגע אַביסל פֿאַרבעסערט, אָבער ווייט נישט געווען גענוג אויף צו באַ־פֿרידיקן אַלע מינימאַלע באַדערפֿענישן פֿון אַ פֿאַמיליע־מענטשן. ער האָט שוין געהאַט צוויי קינדער. די פֿרוי איז אים פֿרי געשטאָרבן.

לונסקי איז געווען אַן אמת פֿרומער. דריי מאָל אַ טאָג האָט ער גע־דאַוונט מיט דבֿקות. אַריינגייענדיק אין ביבליאָטעק פֿלעגט מען אָפֿט קע־

נען זען לונסקין אין „פּאָליש“ פון דער גרויסער שול, ווו ס׳איז געווען אַ קליין שולכל פאַר מנחה אָדער מעריב־דאַווענען. אין פּאָליש־שולכל זענען געווען מנינים פון פרי ביז שפּעט אין אָוונט. פלעגט זיך לונסקי „אַראָפּכאַפּן“ דאַווענען. לונסקי איז קיינמאָל נישט געזעסן אין ביבליאָטעק בגילוי ראש. פרייטיק און שבת פלעגט ער נישט קומען אויף קיין פאַרזאַמלונג *, צום ביישפּיל, אויף די פאַרזאַמלונגען פון ליטעראַטן־פאַראיין, פון וועלכן ער איז געווען אַ מיטגליד. דער ליטעראַטן־פאַראיין האָט שפּעטער טאַקע צוליב אים און נאָך אַ פּאָר אָרטאָדאָקסישע מיטגלידער מער קיין פאַרזאַמלונגען נישט אַראַנזשירט שבת.

לונסקיס „קעניגרייך“ איז געווען דער ווילנער שולהויף מיט זיינע צענדליקער און צענדליקער שולן אין און אַרום אים מיט זייערע שטענדיקע באַזוכערס און אייגנאַרטיקע געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך דאָרטן אויפגעהאַלטן.

לונסקי איז געווען אין די לעצטע יאָרן דער איינציקער קענער פון דעם ווילנער שולהויף מיט די געשיכטעס פון יעדער קלויז מיט אירע רבנים, מגידים, לערנער, ווי אויך פון די „באָבעסניצעס“ (פאַרקויפערינס פון געקאָכטע באָב און אַרבעס), „בייגלניצעס“ א״אנד „סוחרטעס“ פון דעם מין.

וואָס ער האָט געזען, האָט ער פאַרצייכנט אויף אַ תמימותדיקן אופן אין אַ פּרימיטיווער פאָלקסשפּראַך פון אַלט־יידיש. ער האָט עס נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אָפּגעדרוקט אין אַ קליין ספרל אונטערן נאָמען „פון ווילנער געטאָ“. דאָס דאָזיקע ביכל, וואָס איז אַרויס אין יידיש און העברעיש (מחזיונות הגיטו) האָט גלייך צוגעצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון פאַרשיידענע ליטעראַרישע און נישט ליטעראַרישע קרייזן. דאָס זענען געווען שטאַרק קאָנדענסירטע בילדער פון פאַרשיידענע געטאָ־

* שבת בייטאָג איז דער לייענזאַל ביי דער ביבליאָטעק געווען אָפן אויף אַ שעה דריי. אָבער נאָר „אויף טרוקן“: קיין פעדער, קיין בלייפעדער, קיין אות איז נישט געווען געשריבן. דאָס איז דאָך לויט דער בעסטער יידישער טראַדיציע קוקן אין אַ ספר שבת בייטאָג. לונסקי און יצחק סטראַשון האָבן אויף אַזאַ אופן „געאַרבעט“ שבת לשם שמים...

טיפן, וואָס קומען אום פון הונגער, קעלט און מגפות, אָפּט זיצנדיק ביי אַ ספר און בלייבנדיק פאַרגליווערט אויף אייביק...

זייער ווייניק זענען דאָ אין דער יידישער ליטעראַטור אַזעלכע שאַ־פונגען, וואָס זענען אָן כוונה פון זייער מחבר געוואָרן קונסטווערק אין סטיל פון אַ פינקס־שרייבער. דאָס קליינע ספרל האָט אַ כאַראַקטעריסטיש אונטערקעפּל: „געשריבן אין שווערע צייטן".

ער האָט אויך אין ד״ר שאַבאַדס זאַמלביכער בעת דער ערשטער אָקו־פּאַציע פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל „ווילנער קלויזן און דער שולהויף". אַחוץ דעם האָט ער געזאַמלט אַלע דייטשע „באַקאַנטמאַכונגען" און אויך זיי (צוזאַמען מיט י. ברוידעס) אַרויסגעגעבן. אויך האָט ער פאַרעפנט־לעכט אין ז. רייזענס „פּנקס פון שטאָט ווילנע" (1925) אַן אַרבעט „הונ־גער און יקרות אין ווילנע אין דער צייט פון אָקופּאַציע". מיטגעאַרבעט אין שאַליטס „לעבן", צווישן אַנדערע אָנגעשריבן „זכרונות וועגן אַנסקין".

אין די לעצטע 15־20 יאָר פון זיין לעבן האָט לונסקי געשריבן ביאָ־גראַפיעס פון באַוווסטע רבנים און לומדים, וועגן יסו״ד, דעם לעצטן וויל־נער רב ר׳ שמואל, דעם „חיי אדם", ר׳ אַבעלע פּאָסוואַלער, ר׳ אייזעלע סלאָנימער. ער האָט פאַרעפנטלעכט אין אָרטאָדאָקסישן ווילנער „דאָס וואָרט" צענדליקער ביאָגראַפיעס. קורץ פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען אַרויס פון דרוק זיינע ביכער מיט ביאָגראַפיעס פון אָרטאָדאָקסישע פּערזענלעכקייטן.

אין אָנהייב 1938 איז לונסקי געקומען צו מיר זאַמלען ידיעות וועגן מ'ײַן שוויגער־פאָטער, שמואל שרייבער ע״ה, וועלכער האָט געשטאַמט פון אַ משכילישער פאַמיליע אין סלאָנים. איך האָב זיך דעמאָלט דערוווסט, אַז לונסקי אַרבעט איבער פנקס סלאָנים, ווו ער גיט די געשיכטע פון דער יידישער שטאָט אין אַ ברייטן פאַרנעם. ער איז שוין געווען ווייט מיט זיין אַרבעט, וואָס האָט געדאַרפט זיין די קרוינשאַפונג פון זיין געבוירנשטאָט און וואָלט געווען אַ מוסטער פאַר אַזעלכע מינים רעגיאָנאַלע אַרבעטן. איך האָב געזען אַ לאַנגע רשימה פון באַרימטע פּערזענלעכקייטן, וואָס שטאַמען פון סלאָנים מיט אַ סך גענויע ביאָגראַפיעס פון זיי. איך ווייס נישט, וואָס איז מיט דעם גרויסן ווערק זיינעם געוואָרן. ווען איך בין אָפּ־

געפאָרן פון ווילנע, זומער 1939, איז נאָך דאָס ווערק אין דרוק נישט געווען. משמעות, אַז עס איז געגאַנגען פאַרלוירן צום גרויסן שאָדן פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע.

אויך ש. קאַטשערגינסקי אין „חורבן ווילנע״ דערמאָנט נישט, וואָס איז מיט לונסקיס סלאָנימער פּנקס געוואָרן. דאָקעגן שרייבט קאַטשערגינסקי, אַז לונסקי האָט אין געטאָ געשריבן אַן אַרבעט „וועגן די מצבות אויפן עלטסטן יידישן בית־עולם״ (מסתמא מיינט ער דאָס אַלטע פעלד, ווו דער ווילנער גאון רוט), וואָס זענען פון „טאָג צו טאָג חרובער געוואָרן״. אַ צווייטע אַרבעט האָט לונסקי געשריבן וועגן די יידישע דרוקערייען אין ווילנע. זיין אויסערגעוויינלעכע עניוות האָט אים אין געטאָ קיין גוטס נישט געבראַכט. ער פלעגט אָפט קרענקען. געווען ביזן סוף אין געטאָ און דערנאָך אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע. זיין טאָכטער חנה איז געווען אין געטאָ און מיט אים אַוועק אין דער אייביקייט.. לונסקי האָט זיך פאַרטרויט פאַר באַקאַנטע, אַז ער האָט מיט זיך וויכטיקע דאָקומענטן, וועלכע ער האָט געוויס מיטגענומען מיט זיך *.

חייקל לונסקי איז געווען איינער פון די לעצטע פאַרשטייער פון אַ דור אויטאָדידאַקטן איופן סאַמע ראַנד צווישן דעם אַוועקגייענדיקן ישיבה משכיליזם און נייע צייטן. און אויב אין דעם דור זענען געווען למד־וואָווניקעס — איז ר׳ חייקל לונסקי געווען איינער פון זיי. איש תם וישר, אַ היסטאָריקער פון אַ גרויסער לומדישער קראַפט.

---

* זיין איינציקער זון אין פּאַריז איז אומגעקומען אין דעפּאָרטאַציע. פון דעם זון איז געבליבן ר׳ חייקלס אַן איינקל, וועלכער וווינט אין פּאַריז מיט זיין מוטער.

אַנאַ ליפשיץ

אַנאַ ליפשיץ, די העלדין פון שיף־אויפשטאַנד אויף „פּאָטיאָמקין" אין אָדעס (1905), איז כמעט ווי פאַרגעסן געוואָרן. עס געדענקען זי אפשר געציילטע לעבנגעבליבענע יחידים פון יענער שטורמישער צייט. אוודאי האָבן זי געקענט די אַלע עלטערע וועטעראַנען פון „בונד" און פון אַנדערע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. אָבער זיי זענען שוין געבליבן אין אַ נישטי־קער צאָל. און אויב זיי זענען נאָך דאָ — הערן מיר אויך נישט פון זיי.

דער נאָמען פון אַנאַ ליפשיץ ווערט יאָ דערמאָנט אין פאַרשיידענע מעמוארן פון רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זענען געווען טעטיק אין דעם ערשטן צענדליק פון דעם יאָרהונדערט. זי מוז פאַרנעמען אַ היפּש אָרט אין די אַרכיוון פון געוועזענעם רוסישן פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. אָבער זיי זענען פאַר אונדז נישט צוטריטלעך.

אין דעם „קורסקי־בוך" ווערט איר נאָמען דערמאָנט צוויי מאָל: איין מאָל צווישן „די גאַנצע בונדישע עליטע", (זייט 356) און דאָס אַנדערע מאָל (ז׳ 344) אין שייכות מיט קענען אָדער נישט קענען יידיש מצד אַ טייל פון דער דאָזיקער עליטע.

אָט וואָס קורסקי שרייבט וועגן איר:

„ביי אַנאַ ליפשיץ, דאַן אַן אויסגעצייכנטע רעדנערין, איז דער זאַצבוי געווען אַזוי דייטשמעריש, אַז ריכטיק פאַרשטאַנען האָט מען זי מסתמא נאָר אין לאָדזש אָדער ריגע".

איך וויל דאָ דערציילן וועגן אַנאַ ליפשיץ דאָס, וואָס איז מיר גע־בליבן אין זכרון פון יאָר 1902, ווען זי איז געווען אין ווילנע.

מיר האָבן געוווינט אין איין הויז אויף „פלאָשטשאַדקע" (זאַוואַלנע 66), דאָס איז געווען אַ ניי אויסגעבויט הויז (עלקינדס), וואָס האָט פאַר־מאָגט ביי 50 דירות מיט איינגאַנגען פון גאַס, יעדע דירה האָט געהאַט אַ קליינעם קאָרידאָר ביים אַריינגאַנג, אַ קליין צימער, וואָס פלעגט פאַר־דונגען ווערן ס׳רוב פאַר נישט פאַרהייראַטע בחורים אָדער מיידלעך.

איך האָב זי געטראָפֿן צום ערשטן מאָל ווען זי איז געווען מיט מײַנע גוטע באַקאַנטע אריה ברומבערג („ארי״) און לייוויק זאַקהיים („דמיטרי״). ברומבערג האָט געלערנט אין דער זעלביקער רעגירונגס־שולע, וואָס איך, מיט עטלעכע יאָר פֿריִער. ער איז געווען מיט אַ יאָר 3־4 עלטער פֿון מיר. ער מיט זאַקהיימען זענען געווען דעמאָלט סטודענטן פֿון דער כעמיש־טעכנישער שולע אין ווילנע, ביידע מיטגלידער פֿון דער בונדישער אָרגאַ־ניזאַציע. איך האָב געהערט צו אַ פּראָפּאַגאַנדע־קרייזל. אָבער פֿאָרמעל בין איך נישט געווען קיין מיטגליד אין דער אָרגאַניזאַציע. געוויסע אַר־בעט, וואָס איז געווען צוגעטיילט צו שטודירנדיקער יוגנט, וועלכע איז געווען פֿאַרכאַפּט מיטן רעוואָלוציאָנערן גייסט פֿון יענער צייט, האָב איך יאָ געטאָן. איך האָב געוואָלט אײַנזאַפּן אין זיך וואָס מער וויסן. מיט יוגנטלעכן ברען האָב איך שטודירט סאָציאָלאָגיע, פֿילאָזאָפֿיע, געשיכ־טע, שפּראַכן.

היות ווי מײַן דײַטש לשון איז געווען נישט פּערפֿעקט, האָבן ברומ־בערג און זאַקהיים מיר רעקאָמענדירט זייער פֿריינדין אַנאַ ליפּשיץ, ווי אַ לערערין אויף אויסצובעסערן מײַן סטיל און אויסשפּראַך.

זי איז דעמאָלט געהאַט געקומען, דאַכט זיך, פֿון בערן (שווייץ), ווי אַ סטודענטין פֿון דאָרטיקן אוניווערסיטעט. ברומבערג, זאַקהיים און אַנאַ זענען געווען דעמאָלט זייער טעטיק אין דער אַרבעט פֿון „בונד״. זיי פֿלעגן מיר געבן אומלעגאַלע ליטעראַטור, פּראָקלאַמאַציעס. אויף מײַן אַדרעס פֿלעגט מען פֿון אויסלאַנד צושיקן עטלעכע עקזעמפּלאַרן פֿון די „לעצטע נאַכריכטן״ (דעמאָלט נאָך אין רוסיש), וואָס פֿלעגט רעגולער אַרויסגעגעבן ווערן דורך דעם אויסלענדישן צ״ק פֿון „בונד״.

זיי האָבן מיר צוגעטיילט צוויי אומלעגאַלע קרײַזלעך פֿון אַרבעטער, וווּ איך האָב געדאַרפֿט פֿירן אַ סיסטעמאַטישן קורס פֿון פּאָליטישער עקאָ־נאָמיע, קולטור־געשיכטע און אויפֿקלערונג בכלל. אין יעדער גרופּע איז געווען אַ 10־12 צוהערער. מען פֿלעגט זיך צונויפֿקלייבן ערגעץ אויף נאָ־וויגראַד (אַרבעטער־קוואַרטאַל) אָדער אין אַן אַנדער אָרעמער יידישער געגנט אויף אַ בוידעם־שטיבל. און דאָרטן פֿלעגט דער „אויפֿקלערער״ האַלטן זײַנע לעקציעס־שמועסן אײַנמאָל אַ וואָך, בעיקר שבת בײַטאָג.

צווישן אַזעלכע פּראָפּאַגאַנדיסטן געדענק איך די לערער אַהרן פראַנקפורט, גענדלער, די פעלשערין יעלענאַ סאָלאָמאָנאָוו, אַגוז, סובאָטניק, די פריער דערמאָנטע דריי און נאָך עטלעכע.

די פּראָפּאַגאַנדיסטן און די לעקטאָרן פלעגן זיך צונויפקלייבן איינ־מאָל אין וואָך אָדער איינמאָל אין צוויי וואָכן, כדי אַרומצורעדן און אוני־פיצירן די פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלער־אַרבעט, אָפּגעבן באַריכטן וכדומה. זומער פלעגן די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען אָפּגעהאַלטן ווערן אין זווערינ־צער, זאַקרעטער, אָדער בעלמאָנטער וועלדער. ווינטער — ערגעץ ווו אין אַן אַרבעטער־וווינונג פון אַ מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע און נישט זעלטן אין אַ בורזשואַזער דירה, ווו ס׳זענען געווען „מיטפילנדיקע״ קינ־דער, מערסטנטייל שטודירנדיקע יוגנט. צו אַזעלכע הייזער האָט צווישן אַנדערע געהערט אויך דאָס הויז פון לעדער־פאַבריקאַנט סוראַוויטש אויף לוקישקעס. איינע פון דער פאַמיליע סוראַוויטש (סאָניע) איז געווען קורס־קיס פרוי, אַ דאָקטאָרין פון פאַך. אין דער קוואַרטיר פון די סוראַוויטשעס פלעגן זומער, ווען די באַלעבאַטים זענען נישט געווען אין שטאָט, פאַר־קומען אומלעגאַלע קלענערע פאַרזאַמלונגען און באַגעגענישן צווישן אַקטי־ווערע טוער פון „בונד״.

זומער פלעגן אַ סך בורזשואַזע פאַמיליעס אַרויספאָרן אויף דאַטשעס און קוראָרטן. כדי נישט איבערצולאָזן אויף הפקר פאַר די באַרימטע וויל־נער גנבים די וווינונגען, האָבן די „דאַטשניקעס״ געלאָזט אין דירה יונגע לייט, איבערהויפּט עקסטערנס. די לעצטע זענען כמעט אַלע געווען אונ־טער דער השפּעה פון „בונד״. קיין דירה־געלט האָבן זיי נישט געדאַרפט צאָלן. אין די ליידיקע דירות האָבן זיך געטראָפן און אָפט געזאַמלט קרייז־לעך. איך געדענק אויך אַזאַ „פרייע זומער־וווינונג״, ווו איך פלעג נעכטיקן בעת מיינע זומער־וואַקאַציעס, קומענדיק קיין ווילנע. דאָס איז די וווינונג פון דעם „געלערנטן יידן״ (ביים בילדונגס־קוראַטאָר) פייוול בענצעליע־וויטש געץ. אַזעלכע פרייע „זומער־וווינונגען״ אין שטאָט זענען געווען לרוב.

מיט ברומבערג, זאַקהיים און אַנאַ ליפשיץ פלעג איך זיך טרעפן אָפט אין ענינים פון אומלעגאַלער ליטעראַטור, באַזונדערס פון די „לעצטע נאָכ־

ריכטן". דאָס איז געווען ווינטער 1901־1902. מיר האָבן אַ סך גערעדט וועגן דעם אינהאַלט פֿון די רוסישע זשורנאַלן, וואָס זענען געווען פֿול מיט גוט פֿאַרמאַסקירטער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע, וועגן דעמאָלט אַק־טועלן „בערנשטייניזם" („רעוויזיאָניזם"), וואָס איז געווען פֿאַרהאַסט ביי דער ס"ד־יוגנט.

מען האָט געלייענט בעלטאָווס (פּלעכאַנאָווס) אַנטיפּאָלקיסטיש בוך, וואָס האָט געמאַכט אַ תל פֿון די נאַראָדניקעס פֿון מיכאַילאָווסקיס שיטה. מען האָט גערעדט וועגן דער טעראָר־באַוועגונג. אַנאַ האָט באַרעכטיקט אין טייל פֿאַלן דעם טעראָר. זי איז אויך געווען איבערצייגט אין דער נייטיקייט פֿון אַ באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד קעגן דער מאָנאַרכיע. זי האָט עס טאַקע שפּעטער געפּרווט דורכפֿירן אין לעבן, בעת דעם „פּאָטיאָמקין"־בונט אין אָדעס, ווען זי איז געווען די הויפּט־פּראָפּאַגאַנדיסטין צווישן די מאַטראָזן פֿון דער גרויסער קריגשיף.

ווי דער מנהג פֿון יענער צייט, האָבן מיר גערעדט צווישן זיך רוסיש. אויף די לעקציעס, וואָס זי האָט מיר געגעבן אין דער דייטשער שפּראַך, האָב איך מיט איר גערעדט דייטש. סיי איר רוסיש, סיי איר דייטש זענען געווען פּערפֿעקט, אין אַלע הינזיכטן. דייטש איז געווען דעמאָלט די אָנגענומענסטע פֿרעמדע שפּראַך, וואָס די שטודירנדיקע יוגנט האָט בהתמדה געלערנט. די דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטיע איז געווען אין יענע צייטן שיער נישט אָן אָפּגאָט פֿון דער יוגנט. עס איז געווען די אויפֿבליצייט פֿון דער ס"ד מיט בעבעלן, ליבקנעכטן, פֿאָלמאַרן, זינגערן, מערינגן א"נד סאָציאַלדעמאָקראַטישע פֿירער. זייער ווערק, באַזונדערס בעבעלס „די פֿרוי", האָט מען געוואָלט לייענען אין אָריגינאַל. און מען האָט עס טאַקע גע־לייענט.

אַנאַ איז געווען אַן אויסגעצייכנטע לערערין. היות ווי איך האָב כמעט פֿריי געלייענט דייטש, אָבער געבויט יידישלעך די זאַצן, סיי אין וואָרט סיי אין שריפֿט, פֿלעגט זי מיר געבן שריפֿטלעכע אַרבעט: רעפֿע־רירן אין קורצן איינעם פֿון די הונדערטער רעקלאַמע־ביכלעך פֿון דייטשע קלאַסיקער. זי פֿלעגט עס איבערקוקן, פֿאַרריכטן און אויף אַזאַ פּשוטן און פֿאַרשטענדלעכן אופֿן דערקלערן די כּללים און אייגנאַרטיקן כאַראַקטער

פון דייטשן סטיל. איך האָב רעפערירט די געשעענישן פון דער וואָך אָדער איבערדערציילט דעם אינהאַלט פון וועלכן ס׳איז געלייענטן ביכל, אָדער סתם געפירט מיט איר קאָנווערסאַציעס. כ׳האָב אַליין זיך געוווּנדערט אויף מיינע פּעולות אין דער דייטשער שפּראַך. אַ גרויסן חלק אין דעם האָט געהאַט דער יוגנטלעכער, נאַטירלעך אומבאַוווּסטזיניקער דראַנג „נישט פאַלן אין בלאָטע״, (לויטן רוסישן אויסדרוק) פאַר אַן אויסלענדי־שער סטודענטין פון שיינעם מין...

כ׳האָב גענומען ביי איר לעקציעס צוויי מאָל אַ וואָך. אָבער זייענדיק נאָענטע שכנים, פלעג איך אָפט אַריין צו איר אַזוי אויך אַ שמועס טאָן. זי איז געווען שאַרפזיניק. אויסער דער לעקציע פון דייטש, האָבן מיר גערעדט רוסיש צווישן זיך. מיט דער דייטשער שפּראַך האָב איך זיך נאָך באַנוצט בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין ערשטן וועלטקריג. אָבער אוי־סער דעם ווינטער 1901־1902 האָב איך מער קיין דייטש נישט געלערנט.

אַנאַ איז געווען לויטן אויסזען אַ טיפּיש יידיש מיידל — שוואַרץ־האָריק און שוואַרץ־אויגיק, אַ מאַט, בלאַס געזיכט, די אויגן האָבן ביי איר געברענט מיט די פייערלעך פון אַן „עילוי׳טע״. זי האָט געשטאַמט פון באַלעבאַטישע עלטערן אין דער ליטווישער שטאָט פּאָניעוויעזש. זי איז נישט געווען קיין שיינע, אָבער אירע אויגן האָבן געהאַט אַ מאַגנעטישע קראַפט. איז קיין וווּנדער נישט, וואָס צוויי נאָענטע צווישן זיך חברים — ארי און דמיטרי, זייענדיק אָפטע איינגייער ביי איר, האָבן זיך אין איר פאַרליבט גלייכצייטיק. פון די חברישע באַציאונגען פון די דריי האָט זיך פאַרבונדן אַ ריינע (אין אַלע פּרטים) ליבע. נאַטירלעך, האָט אַזאַ „דרייעק״ געמוזט פירן צו אַ פּערזענלעכער דראַמע, צו אַ ריס פון דעם „דרייבונד״ און צו אַ קאָנפליקט צווישן די צוויי חברים. געזיגט האָט ארי, אַנאַ האָט מיט אים חתונה געהאַט.

מיינע ווילנער פריינד, וועגן וועלכע איך רעד דאָ, האָב איך פאַר־לוירן פון אויג. דערוווּסט האָב איך זיך, אַז אַנאַס זיווג מיט אריען איז נישט געווען קיין לאַנגדויערנדיקער. זיי זענען זיך צעגאַנגען.

דער נאָמען אַנאַ ליפשיץ איז ווידער אַרויפגעשווומען זומער 1905, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אָרגאַניזירטן דורך איר אויפשטאַנד אויף דער

קריגשיף „פּאָטיאָמקין" *. נאָכן דורכגעפאַלענעם אויפשטאַנד, איז זי פאַר־שווונדן און איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז זי איז געשטאָרבן אין יאָר 1925.

ארי ברומבערג האָט זיך באַזעצט אין ווילנע אין דער צווייטער העלפט פון די דרייסיקער יאָרן. ער איז געווען פאַרהייראַט מיט אַ צווייטער פרוי, פאַרנומען זיך מיט אַדוואָקאַטור. דאַכט זיך, נישט געהאַט קיין שייכות צו דער באַוועגונג.

ל. זאַקהיים איז צווישןביידע מלחמות געווען איינער פון די דירעק־טאָרן פון קאָאָפּעראַטיווער „יעקאָפּאַ"־באַנק אין ווילנע. עטלעכע יאָר פאַר דער לעצטער מלחמה איז ער געוואָרן קראַנק און אַראָפּ בכלל פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע.

ברומבערג איז אומגעבראַכט געוואָרן אויף פּאָנאַר (1941). דער גורל פון זאַקהיים איז מיר נישט באַקאַנט.

(„אונדזער שטימע", יוני 3, 4, 5, 1953).

* דער בונט אויף „פּאָטיאָמקין" איז געוואָרן דערשטיקט. די מאַטראָזן האָבן עט־לעכע פאַרהאַסטע צאַרישע פלאָט־אָפיצירן אַריינגעוואָרפן אין ים. די קאָמאַנדע איבער דער מאַנשאַפט האָט איבערגענומען לייטענאַנט שמיט. עטלעכע האַרמאַטנשאָסן זענען אָפּ־געפייערט געוואָרן פון דער שיף אויף דער שטאָט אָדעס, וווּ ס'זענען געווען קאָנצענטרירט די אַנטי־רעוואָלוציאָנערע מיליטער־כוחות.

„פּאָטיאָמקין" איז אָפּגעשווומען אין רומענישן פּאָרט קאָנסטאַנצאַ. אָבער לאַנג זיך האַלטן האָט די שיף נישט געקענט. דער קאַפּיטאַן שמיט איז געוואָרן אַרעסטירט און פאַרמשפּט צו טויטשטראָף. דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן אין פעסטונג אָטאַש־קאָוו אויפן שוואַרצן ים. די טויטשטראָף, ווי בכלל די גאַנצע מעשה „פּאָטיאָמקין", האָט טיף אויפגערודערט גאַנץ רוסלאַנד, זומער און האַרבסט ערב דער אָקטאָבער־רעוואָלו־ציע, 1905.

פייוול מאַרגאָלין

העברעיש האָט געהאַט צו פאַרלעגער מער מזל ווי יידיש. עס איז גע־נוג אָנצורופן אַזעלכע נעמען ווי בן־אַביגדור, לעווין־עפשטיין, שפעטער ביאַ־ליק־ראַווניצקי, שטיבל און אַ סך אַנדערע, דערונטער אויך זייער סאָלידע שותפותדיקע אונטערנעמונגען פון פאַרלעגערישע פירמעס אונטער פאַר־שיידענע העברעישע נעמען („אחיאסף", „תושיה", „דביר").

צווישן די דינאַמישע פאַרלעגער פון העברעישע צייטשריפטן איז אויך געווען פייוול מאַרגאָלין, דער אַרויסגעבער פון דעם בשעתו באַרימטן „הזמן", מיט די יערלעכע זאַמלביכער פון „הזמן". ער איז געווען אַ גוטער קענער און ליבהאָבער פון העברעיש און פון דער העברעישער ליטעראַטור, ער איז אָבער אויך געווען נישט ווייניקער — און אפשר נאָך מער — פאַרליבט אין יידיש. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן צייטונגען אויף יידיש. און אין זיין פערזענלעך לעבן האָט ער באַנוצט נאָר יידיש ווי זיין אומ־גאַנג־שפּראַך.

דאָס איז געווען אין גאַנצן נישט אין הסכם מיט דער פּראַקטיק פון די משכילים און די „חובבים", צו וועלכע פייוול מאַרגאָלין האָט געהערט אידעיש. די לעצטע האָבן געוויינטלעך מיט די קינדער זייערע און עפנט־לעך צווישן זיך — גערעדט רוסיש. מאַרגאָלין האָט קאָנסעקווענט גערעדט מיט די קינדער נאָר יידיש. אַפילו שוין זייענדיק אין לעצטן פּעריאָד פון זיין לעבן אין ארץ־ישראל האָט ער געוואָלט, אַז ביי אים אין הויז זאָל מען רעדן — אַזוי ווי מען האָט גערעדט אין ווילנע — יידיש. ער איז געווען שטאַרק אומצופרידן, ווען עמיצער פון די חברים און חברטעס פון זיינע קינדער האָט געוואָלט ביי אים אין הויז רעדן מיט זיי רוסיש אָדער פויליש אָדער אַן אַנדער פרעמדע שפּראַך.

איך דערמאָן זיך דעם אומפאַרגעסלעכן זלמן רייזען, וואָס מיט זיין פאַנאַטיזם פאַר „יידיש און נאָר יידיש" האָט ער געשאַפן ביי יידן גופא די געהעריקע באַציאונג צום אייגענעם מאַמע־לשון, ווי צו דעם אינטימסטן

און טייערסטן, וואָס אַ יידישער מענטש האָט אין זיין מענטאַליטעט. ער פֿלעגט אָפֿט זיין אין הויז ביי די מאַרגאָלינס, ווי איינער פֿון די גאָענטסטע מיטאַרבעטער פֿון דער איינציקער יידישער צייטונג „לעצטע נייס", וואָס פּייוול מאַרגאָלין האָט אין ווילנע אַרויסגעגעבן בעת דער דייטשער אָקו־פּאַציע אין יאָר 1916. די יידישע אינטעליגענץ און אַפֿילו די האַלב־אינ־טעליגענץ, אונטער דער השפּעה פֿון די אומשטענדן און טאָקע פֿון זלמן רייזען מיט זיין האַמערן „נאָר יידיש", האָט זיך, נעבעך, געמוזט „איבער־ברעכן" פֿון רוסיש אויף „פּראָסט יידיש". מאַרגאָלין האָט זיין צייטונג „לעצטע נייס" געשטעלט אין דינסט פֿון דעם „נעאָ־יידישיזם" מיט באַ־ריכטן פֿון יידישע פֿאַרזאַמלונגען, דיסקוסיעס וועגן יידיש־העברעיש און דערהויפּט פֿון ניי־אַנטשטאַנענעם יידישן שולוועזן.

פּייוול מאַרגאָלין איז געווען אַ מענטש מיט פֿעסטע פּרינציפּן, פֿון וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אָפּטרעטן און דאָס האָט אים גע־שטעלט אין אָפֿטע סכסוכים מיט מענטשן צום שאָדן פֿון זיינע אייגענע אינטערעסן. צו זיינע ליטעראַריש־זשורנאַליסטישע אונטערנעמונגען האָט ער כסדר דערלייגט געלט *. ער האָט אַלץ געוואָלט אַוועקשטעלן אויף אַ ברייטן אייראָפּעישן באַזיס. ער האָט צוגעצויגן צום „הזמן" די בעסטע העברעישע שרייבער פֿון זיין צייט. ער האָט געשטרעבט דערצו, אַז דער „הזמן" זאָל אָפּשפּיגלען דאָס לעבן טאָג־איין, טאָג־אויס און נישט מיט פֿאַרשפּעטיקונג, ווי דאָס איז געווען נישט זעלטן אין דער העברעישער פּרעסע. ער האָט געגעבן קאָסטבאַרע ביילאַגעס צו דער צייטונג פֿאַר שפּאָט־ביליקע פּרייזן, ווי צום ביישפּיל די ערשטע אויפֿלאַגע פֿון דובנאָווס יידישע געשיכטע אין דער איבערזעצונג פֿון זעליק קאַלמאַנאָוויטש, יוסף פֿלאַוויוס „מלחמות היהודים", א"אנד.

ער האָט פּאַראַלעל מיטן „הזמן" אַרויסגעגעבן אין פֿאַרשיידענע צייטן יידישע טאָגבלעטער — „צייט", „יידישע צייטונג", וועלכע האָבן אים געבראַכט נייע דעפֿיציטן. ער האָט אָבער געהאַט אַ רייכן שווער, אַ וואַלד־סוחר — ריווקין. דער דאָזיקער ריווקין האָט אויסגעבויט אַ שטעטל ביי דער סטאַציע אָסיפּאָוויטשי, אין מינסקער געגנט, וואָס איז פֿריער געווען

* אויסער צו די „לעצטע נייס", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין ווילנע.

אַ וואַלד. דעם וואַלד האָט ריווקין אויסגעהאַקט, געבויט דאָרט הייזער און באַזעצט דאָס שטעטל מערסטנטייל מיט זיינע קרובים, און אויך דעם איי־דעם זיינעם מאַרגאָלין. מאַרגאָלין האָט אָבער קיינמאָל נישט געוואָלט זיין קיין סוחר. זיין חלום איז געווען אַרויסצוגעבן ביכער. שלום עליכם, וועל־כער פלעגט זיין ביי מאַרגאָלינס שווער אַן אָפטער גאַסט, האָט צוגעגעבן מאַרגאָלינען חשק און צוגערעדט ריווקינען, אַז ער זאָל געבן דערויף געלט זיין איידעם.

דער באַוווסטער היסטאָריקער און פּובליציסט בן־ציון כ״ץ האָט באַ־קומען אין 1903 אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אין פּעטערבורג דעם „הזמן״, אָבער היות ער האָט געהאַט גרויסע פינאַנסיעלע שוועריקייטן און בכלל איז אים געווען אומעגלעך צו פירן אי די שרייבערישע, אי די קאָמערציעל־טעכנישע זייט פון אַזאַ גרויסער צייטונג, — האָט ריווקין דורך דער פאַר־מיטלונג פון בן־אביגדור און מאַרגאָלינען איינגעוויליקט אַריינצולייגן אין „הזמן״ צענדליקער טויזנטער רובל. דער „הזמן״ האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין ווילנע, וווּ מאַרגאָלין האָט שוין געוווינט מיט דער משפחה יאָרן לאַנג. די אונטערנעמונג האָט געטראָגן גרויסע דעפיציטן, אָבער ריווקין האָט זיי געדעקט מיט אַ ברייטער האַנט. אחרי ככלות הכל האָט ריווקין געהאַט אויסגעגעבן אויפן „הזמן״ אַ סומע פון 75.000 רובל.

צו זיינע צייטונגען האָט מאַרגאָלין צוגעצויגן די בעסטע שרייבער פון זיין צייט. נישט רעכענענדיק דעם דערפאַרענעם רעדאַקטאָר בן־ציון כ״ץ, זענען צווישן די שרייבער אין „הזמן״ און די יידישע צייטונגען גע־ווען ש. ל. ציטראָן, ש. טשערנאָוויץ, דוד פרישמאַן, טאַוויאָוו, י. א. טרי־וויש. פון די יינגערע — ז. שניאור, פרץ הירשביין, משה שאַליט, שפּע־טער ז. רייזען, דן קאַפּלאַנאָוויטש און אַ סך אַנדערע *.

צווישן אַ סך אַנדערע אייגנשאַפטן פון מאַרגאָלינס אינטערעסאַנטער ביאָגראַפיע, טיילט זיך אויס זיין ליידנשאַפטלעכע זאָרג פאַר דער עסטע־טיק פון געדרוקטן יידישן וואָרט. ער האָט אַפילו געמאַכט אַ דערפינדונג,

---

* צוגעשיקט אַרטיקלען האָט אויך פון צייט צו צייט נחום סאָקאָלאָוו. פרישמאַן האָט געשיקט יעדן פרייטיק אַ פעליעטאָן. שלום עליכם האָט דאָרט אויך געדרוקט זיינע אַרטיקלען.

אַז יעדער שרייבער זאָל קענען זעצן זיין ווערק אייגנהענטיק דורך פּאַפּי־רענע בוכשטאַבן, אָפּפאָטאָגראַפירן עס און פון די פאָטאָגראַפישע פּלאַטן דרוקן. די דערפינדונג איז נישט געווען פאַרפולקאָמט, ווען די גאַנצע יידישע פּרעסע איז, זומער 1915, ליקווידירט געוואָרן דורכן צורר ניקאָ־ליאַ ניקאָלאַיעוויטש. ער האָט זיך זייער געקלאָגט אויף דעם, וואָס עס זענען נישטאָ קיין גוטע יידישע זעצער און אַנדערע געניטע אַרבעטער אויפן געביט פון דרוקעריי ביי יידן.

אין דער גרויסער ווילנער פּראָפעסיאָנעלער האַנטווערקער־שולע „הילף דורך אַרבעט" האָט זיך איינגעגעבן אין 1919 צו עפענען אַ נייעם אָפּטייל: אַ ליטאָגראַפישן לערן־וואַרשטאַט. דאָס איז געווען אַדאַנק דעם, וואָס אין ווילנע איז געקומען, ווי אַ פּליט, דער באַוווּסטער פּעטערבורגער ליטאָ־גראַף־קינסטלער יצחק קאַדושין. מאַרגאָלין האָט דעמאָלט פאָרגעשטעלט דער פאַרוואַלטונג פון „הילף דורך אַרבעט" אַ פּראָיעקט פון עפענען אַ לערן־וואַרשטאַט פון יידיש־העברעישער זעצעריי. איך געדענק, ווי ער האָט אויף דער זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג געבראַכט אַ פאָרטפעל מיט פאַר־שיידענע העברעישע און יידישע ביכער, צייטונגען און געוויזן, ווי גע־שמאַקלאָז עס זענען צוזאַמענגעשטעלט די שורות און אָפּזאַצן. עס פעלט דער מינדסטער חוש פאַר סימעטריע און עסטעטיק. די יידישע בוך־דרו־קעריי מוז דערהייבן ווערן צו דער מדרגה פון קונסט. יידישע ליטעראַטור און צייטונגס־וועזן מוזן האָבן אויסגעשולטע אַרבעטער — האָט מאַרגאָלין גערעדט מיט טיפער איבערצייגונג. צום באַדויערן האָט די איינריכטונג פון דעם זייער נייטיקן לערן־וואַרשטאַט געפאָדערט היפשע געלטמיטלען, וואָס די געזעלשאַפט „הילף דורך אַרבעט" האָט נישט פאַרמאָגט און פון מאַרגאָלינס פּראָיעקט איז גאָרנישט געוואָרן.

מאַרגאָלין איז אַריבערגעפאָרן פון ווילנע קיין בערלין. אָבער פּרנסה האָט ער געהאַט נישט פיל. זיינע פאַרלעגערישע אונטערנעמונגען זענען געווען ווייט פון מאַטעריעלן דערפאָלג.

ביאַליק און אַנדערע יידישע שרייבער זענען געווען ביי אים איינ־גייער אין הויז. ביאַליק האָט צוזאַמען מיט אַנדערע שרייבער באַוווּנ־דערט דעם ריינעם יידיש, וואָס איז ביי מאָרגאָלינען אין שטוב גערעדט

געוואָרן. אַזוי האָט מאַרגאַלין אויך געפּאָדערט פון די שרייבער, אַז זיי זאָלן „די שפּראַך שלייפן און שלייפן": די שפּראַך מוז זיין ריין, ווי קריש־טאָל — פלעגט ער אָפט זאָגן.

צום סוף פון זיין לעבן איז די פאַמיליע געוואָרן שטאַרק פאַראָרעמט. אָבער וועגן דעם האָט קיינער נישט געוווּסט. מען האָט געלעבט אויף באָרג און אויך דעם, וואָס די עלטערע קינדער האָבן פאַרדינט.

די מאַרגאַלינס זענען אַריבערגעפאָרן קיין ארץ־ישראל אין 1934. אַ געוויסע צייט האָט פייוול מאַרגאַלין געאַרבעט אין אַרכיוו פון „דבר". ער איז געגאַנגען אין ביבליאָטעקן. אַ סך געלייענט, געמאַכט באַמערקונגען אויף נייע ביכער בנוגע דעם סטיל. עטלעכע קינדער זענען אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד און דאָרטן געבליבן. עטלעכע זענען איצט אין תל־אביב און אין ירושלים.

אָבער אויך קיין תל־אביב האָט די פאַמיליע מיטן טאַטן בראש אַרי־בערגעטראָגן זייער ריינעם ווילנער יידיש. די ייִנגערע קינדער האָבן גע־לערנט און געענדיקט די באַרימטע ווילנער רעאַל־גימנאַזיע, וווּ זיי זענען געווען נאָענטע חברטעס פון מיינע קינדער, וואָס האָבן אויך געלערנט אין דער זעלביקער רעאַל־גימנאַזיע.

אין תל־אביב האָט פייוול מאַרגאַלין געלעבט פון 1934 ביז 1942, ווען ער איז כ"ג כסלו תש"ג געשטאָרבן אין הדסה־שפּיטאָל פון אַ ראַק אין האַלדז, אין עלטער פון 73 יאָר.

פייוול מאַרגאַלין האָט נישט געלאָזן קיין מעמואַרן, וואָס וואָלטן גע־ווען אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט פאַרן היסטאָריקער פון דער יידי־שער ליטעראַטור, בעמעגדיק אין באַטראַכט, אַז מאַרגאַלין האָט געקענט אַ וועלט מיט שרייבער און גדולי־ישראל. עס איז אויך אַ שאָד, וואָס די שרייבערישע וועלט דערמאָנט אַזוי וויניק דעם אָריגינעל דינאַמישן יידיש־העברעישן פאַרלעגער, וואָס האָט אַזוי פיל בייגעטראָגן צו דער העברעי־שער ליטעראַטור.

פייוול מאַרגאַלין האָט אויסגעצאָלט אַלע זיינע חובות מיט דער הילף פון די קינדער, וועלכע האָבן זיך באַצויגן צו אים נישט נאָר ווי צו אַ פאָטער, נאָר ווי צו אַן עלטערן חבר און פריינד.

זיין פרוי לעבט אין ישראל מיט אירע קינדער. מאַרגאָלינס שוווער, ריווקין, דער גביר, איז געשטאָרבן בעירום ובחוסר כל אין 1926. די באָל־שעוויסטישע מאַכט האָט ביי אים אַלץ צוגענומען. מען האָט אים איבער־געלאָזט נאָר אַ קליינע הייזקע, וואָס איז געווען באַשטימט פאַרן אויפ־האַלט פון אַמאָליקע וועכטערס פון זיין פאַרמעגן.

„לעצטע נייס", ת"א, דעצ. 12, 1952.

גרשון מאַלאַקעוויטש

די „פֿריילאַנד״־באַוועגונג האָט זיך אין די לעצטע יאָרן פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה פֿאַרמאָסטן צוצוגרייטן פּיאָנערן פֿאַר דער פֿאַר־שטייענדיקער אַרבעט ביי שאַפֿן נייע יידישע אויטאָנאָמע ישובים. דאָס האָבן אין דער ערשטער ריי אויסגעפֿירט יונגע ווילנער חלוצים פֿון דער „פֿריילאַנד״־באַוועגונג — די „שפּאַרבערס״. אין דער זומער־קאָלאָניע פֿון די „שפּאַרבערס״ איז דער אָנפֿירער געווען יוסף טשערניכאָווס געניאַלער זון מיכאל (פּסעוודאָנים — אַסטור). זיי האָבן געאַרבעט אויף פֿעלדער, גערט־נער, ביי אַרומיקע פּויערים. פּאַראַלעל איז געפֿירט געוואָרן די אַרבעט אין דער אייגענער קאָלאָניע.

אָבער אויסער דער יוגנט זענען געווען אויך דערוואַקסענע און אַפֿילו אַלטע פּיאָנערן אויף דעם געביט. איינער פֿון זיי איז געווען דער ס.ר. (סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער) גרשון מאַלאַקעוויטש, וועלכער איז אין די צאַ־רישע צייטן פֿאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע, וווּ ער האָט פֿאַרבראַכט פֿיל יאָרן.

נאָך דער רוסישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז ער געקומען קיין ווילנע און האָט צוזאַמען מיט אַנדערע געשאַפֿן אַ גרופּע ס.ר.

ס׳האָט זיך אויסגעטיילט אַ באַזונדערע גרופּע, וועלכע האָט אַרויס־געגעבן אַ זשורנאַל, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער השפּעה פֿון י. נ. שטיינבערגס לאָנדאָנער „פֿרייע שריפֿטן״. אויב ס׳דינט מיר מיין זכרון, האָט דער זשורנאַל געטראָגן דעם נאָמען „פּרימאָרגן״. גרשון מאַלאַקע־וויטש איז געווען איינער פֿון די רעדאַקטאָרן פֿון דער צייטשריפֿט.

מאַלאַקעוויטש האָט נישט געהאַט קיין באַשטימטע באַשעפֿטיקונג. ער האָט געטראָגן פּעקלעך פֿון פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן אָפּגעשטיגן אויפֿן ווילנער וואָקזאַל. ער פֿלעגט זיך פֿאַרדינגען אויף אַלערליי צופֿעליקע אַר־בעטן, האָט עס געמעגט זיין די שווערסטע און אומאָנגענעמסטע. ער האָט אָבער כסדר געשטרעבט זיך צו פֿאַרנעמען מיט לאַנדווירטשאַפֿטלעכער

אַרבעט. אים איז געווען נאָענט דער אידעאַל פון „פרייל‌אַנדס" אַ געמיינ־שאַפט, אַ יידיש־פאָלקסטימלעכע געמיינשאַפט, וואָס זאָל זיין געגרינדעט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, פּערזענלעכער פיזישער אַרבעט, קעגנזייטי־קער מיטאַרבעט און האַרמאָניש צוזאַמענלעבן אויף לאַנד טאַקע ביי לאַנד־ווירטשאַפט.

די „פריילאַנד"־גרופּע אין ווילנע האָט טאַקע געזוכט אַ פאַרם נישט ווייט פון דער שטאָט ווו די גרופּע חלוצים (אייניקע שוין מיט גרוילעכע קעפּ) פון „פריילאַנד"־גרופּע זאָלן קאָנען פירן אַן אמתע לאַנדווירטשאַפט־לעכע בעל־הבתישקייט.

אַ געוויסער ראובן שאַפּירא, אַ בונדיסט, וועלכער האָט געהאַט סענ־טימענטן פאַר יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פּראָדוק־טיוויזאַציע און איז געווען פאַרמעגלעך, האָט געהאַט עטלעכע צענדליק העקטאַר טויגלעכן באָדן מיט ווירטשאַפטלעכע געביידעס לעבן ווילנע. ער האָט חתונה געהאַט מיט מיינער אַ קרובה און געהאַט אַ געשעפט אין לאַנד־וואָראָווע, 30 קילאָמעטער פון ווילנע. איך פלעג פון צייט צו צייט באַ־זוכן די דאָזיקע משפחה. ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז שאַפּירא האָט אַ שטיקל „גוט", וועלכן ער אַליין קאָן נישט עקספּלואַטירן, האָב איך אים איינגערעדט איבערצוגעבן זיין נחלה פאַר די צוועקן פון „פריילאַנד". עס איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אַ קאָנטראַקט אויף אַ לענגערער צייט צווישן „פריילאַנד" און שאַפּירא. טשערניכאָוו, דער פאָרזיצער פון „פריילאַנד" איז פשוט געווען גליקלעך.

פאַרשטייט זיך, אַז גרשון מאַלאַקעוויטש מיט זיין שטאַרק גרויער קאָפּ איז געווען דער ערשטער צו באַזעצן זיך אויף דער פאַרם און טאָן דאָרט אַלע אַרבעטן. אויך אַ יונג פּאָרפאָלק איז געווען דאָרטן די ערשטע חלוצישע „פריילאַנד"־פאַמיליע. אויסער דעם פלעגן נאָך קומען אַרבעטן אין דער פאַרם עטלעכע יוגנטלעכע פון דער „שפּאַרבער"־גרופּע, וואָס האָבן געוווינט אין שטאָט.

דאָס איז געווען אין 1938. ס'געדענקט זיך מיר אַ סוכות־צייט (חול המועד) אין אַ העלערן האַרבסט־טאָג האָבן מיר — טשערניכאָוו, פּייוול טרופּיאַנסקי, ירמיהו שאַפּירא, איך און נאָך אַ פּאָר נעענטערע צו דעם

ענין יידישע לאַנדווירטשאַפט־פריינד באַזוכט די פאַרם. גרשון איז געווען פאַרטאָן מיט די בהמות. ער האָט געריייניקט דעם שטאַל, דערנאָך געטאָן פעלד־אַרבעט — געגראָבן קאַרטאָפל. אויך אַנדערע „מיטאַרבעטער" פון דער פאַרם האָבן געטאָן זייער אַרבעט מיט פלייס און געפיל פון אמתער באַפרידיקונג, ווער מיט אַ גראַבאייזן (מאָטיקע), ווער מיט אַ גראַבליע, ווער מיט אַ רידל און ווער מיט אַ פלוג.

גרשון מאַלאַקעוויטש האָט געשיינט צו זיין גליקלעכער פון אַלעמען: סוף־כל־סוף האָט ער געפונען זיין לעבנסוועג, זיין לעבנסצוועק!

גרשון איז געווען שטענדיק זייער אָרעם געקליידט, אַזוי אַז מען האָט אים געקאָנט אָננעמען שיעור נישט פאַר אַ חוזר על הפתחים. ער איז געווען האַלב בלינד, געטראָגן טונקעלע ברילן (איין אויג איז געווען ביי אים באַשעדיקט דורך קאָזאַקן בעת אַ דעמאָנסטראַציע). אָבער אויפן הינטער־גרונט פון אַ פעלד און לאַנקע האָט זיין פנים געשיינט מיט צופרידנקייט. ס'האָט זיך געדוכט, אַז עס איז געפונען געוואָרן פאַר „פריילאַנד" אַ רעאַלע אַרבעט מיט אַן אויסזיכט צו וואַקסן און גע׳דייען אין דער נאָענטער צוקונפט און פאַר גרשונען אַ מקום מנוחה. אָבער ס'האָבן זיך שוין גערוקט די געדיכטע וואָלקנס פון מערב מיט זייער שרעקלעכן פינאַל, די היטלער־אינוואַזיע. דעם סוף פון דעם עקספערימענט, וואָס האָט געשיינט צו זיין אַזאַ דערפאָלג, איז איבעריק צו דערציילן...

גרשון מאַלאַקעוויטש איז געווען פאַריאָגט אין געטאָ — ווילנע. קיין אייגענע משפחה האָט ער נישט געהאַט. ווי זיין גאַנץ לעבן, אַזוי אויך ביים סוף האָט גרשון זיך פאַרנומען מיט העלפן די הילפלאָזע עלטערע מענטשן און קינדער. ער פלעגט אין זעקל צוטראָגן הייץ־מאַטעריאַל פאַר די אומגליקלעכע פאַמיליעס, אָדער אַביסל שפייז, וואָס איין גאָט ווייס, ווו און ווי ער האָט עס געקראָגן, גיכער אָפּגעריסן פון זיין אייגענעם אָרעמסטן געברויך. פאַר זיך און וועגן זיך האָט גרשון נישט געטראַכט. זיינע מלבושים זענען שוין געווען שמאַטעס.

ש. קאַטשערגינסקי דערציילט אין זיין בוך „חורבן ווילנע", אַז גרשון האָט איינשטעלנדיק זיין אייגן לעבן געראַטעוועט אַ הונדערט יידן, וועלכע זענען געווען באַהאַלטן אין אַ מאַלינע, און וועלכע ער האָט פאַרמאַסקירט.

אים האָבן די מערדער צוגענומען און דערשאָסן אין דעם הריגה־טאָל — פאָנאַר, אָבער די הונדערט יידן האָבן זיי נישט אַנטדעקט. גרשון האָט פאַר די יידן באַצאָלט מיט פירן צו דער עקדה זיך אַליין.

אַן אויסשעפּנדיקע ביאָגראַפיע פון דעם ל״וניק וועט נאָך דאַרפן געשריבן ווערן.

צווישן די מאַרטירער פון פאָלק און פאַרן פאָלק, צווישן די העכסטע אַלטרואיסטן דאַרף גרשון פאַרנעמען איינעם פון די ערשטע ערטער.

***

די עטלעכע ווערטער מײַנע זאָלן דינען נאָר אַלס שוואַכער אמן צו אַ יתגדל ויתקדש, וואָס דאַרף לפּחות יאָר־יערלעך געזאָגט ווערן אויפן אומבאַוווּסטן אַש פון דעם ל״וניק.

„פרייַלאַנד“, אָקטאָבער, 1952.

חיים פיאַלקאָוו

חיים פיאַלקאָוו איז געווען אַ לייבלעכער פעטער פון חיים ווייצמאַן, אַ ברודער פון חיים ווייצמאַנס מוטער. דער פעטער און דער פלימעניק זענען געווען כמעט אין איינע יאָרן. פיאַלקאָוו דער פעטער איז געווען ענלעך, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, צו זיין פלימעניק. דאָס זעלביקע לענג־לעך־שאַרפע, געשניצטע פּנים מיטן קליינעם פּעכשוואַרצן קלינבערדל, מיט שוואַרצע גרויסע אויגן, מיט אַ הויכן לומדישן שטערן. אַפילו אין וווקס זענען זיי געווען כמעט גלייך — הויך און שלאַנק. נאָר חיים פיאַלקאָוו איז געווען אַ סך רואיקער, געלאַסענער און באַשיידענער אין אויפפיר.

די ווייצמאַן־משפחה האָט געשטאַמט פון שטעטל מאָטעלע, לעבן פינסק. די גאַנצע יונגוואַרג פון דער משפחה איז געווען איינגעשטעלט אויף העברעיש, מען האָט געשמאַק געלערנט העברעיש, געלייענט העב־רעישע ביכער. די ווענט פון חדר, ווו די קינדער האָבן געלערנט, זענען געווען באַדעקט מיט קאָלאָסאַלע בייגנס פון ווערב־טאַבעלע „פקד פקדתי" א"אוו. מען האָט געלערנט שווערע העברעישע גראַמאַטיקעס. דאָס גרינגס־טע איז געווען אַ מין גראַמאַטישע כרעסטאָמאַטיע „מסלול".

מיט אַ היפּשן באַגאַזש פון העברעיש וויסן איז חיים פיאַלקאָוו אָנ־געקומען קיין ווילנע און געגרייט זיך צו די קאָנקורס־עקזאַמענעס אין ווילנער לערער־אינסטיטוט, צו וועלכן עס האָבן זיך געמאָלדן אַן ערך 200 יונגעלייט אין עלטער פון 16־17 יאָר. אָנגענומען ווערן האָבן געקענט נישט מער ווי 20, און אַמאָל נאָך ווייניקער. פיאַלקאָוו איז אָנגעקומען, ווי איינער פון „די ערשטע מיט די העכסטע מיינונגען". ער האָט געהאַט אויף אַלע קעגנשטאַנדן „פינפן".

דער נאָמינעלער אינספּעקטאָר פון אינסטיטוט איז געווען דער פי־לאָלאָג און לעקסיקאָגראַף יהושע שטיינבערג, אָבער די גאַנצע מאַכט איבערן אינסטיטוט איז געלעגן אין די הענט פון גוישן דירעקטאָר, לויטן ראַנג אַ „ציווילן גענעראַל". נאָר העברעישע גראַמאַטיק, תנ"ך און יידישע

געשיכטע זענען געווען אין דער יוריסדיקציע פון שטיינבערגן. דער סימן־מובהק פון קענען העברעיש איז ביי שטיינבערגן געווען דאָס קענען פּערפעקט דקדוק (אויף רוסיש) — אַלע ניואַנסן פון שוואָ נע, שוואָ נח, דגש קל, דגש חזק א״אנד. דעטאַלן פון פּונקטואַציע. צום גליק האָט פּיאַלקאָוו גוט געקענט נישט נאָר העברעיש, נאָר אויך אַלע גראַמאַטיקאַלישע דעטאַלן, און שטיינבערג האָט אים דערפאַר מקרב געווען, אים אָנפאַרטרויט די העברעישע ביבליאָטעק, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ באַגרענעצטער צאָל ביכער, דערין אַלע ווערק פון שטיינבערגן אַליין.

חיים פּיאַלקאָוו איז געווען דער בעסטער קענער פון העברעיש אין גאַנצן אינסטיטוט. ער האָט זיך ארויסגערוקט פאָרויס אויך אין אַנדערע קעגנשטאַנדן. ער האָט געענדיקט דעם אינסטיטוט מיט אַן אויסצייכענונג און איז דורך דער בילדונגסמאַכט באַשטימט געוואָרן ווי אַ לערער אין דער יידישער קרוינשולע אין ניקאָלאַיעוו, כערסאָנער גובערניע.

די שולע האָט געהאַט ווי אַ פאַרוואַלטער זייער אַן איבערגעגעבענעם לערער, געצעלטער. ער האָט געשטרעבט, אַז די קינדער זאָלן קענען נישט נאָר רוסיש און אַלגעמיינע לימודים, נאָר אויך העברעישע, וואָס אין די מערסטע קרוינשולעס זענען זיי געווען שטאַרק פאַרוואָרלאָזט. אָט דער געצעלטער, אויך אַ געענדיקטער פון ווילנער אינסטיטוט, האָט אַליין זיך אויסגעלערנט פאַרשיידענע מלאכות, ווי סטאָליערײַ, שלאָסערײַ, שניידערײַ און איינגעפירט דאָס לערנען פון פאַכן אין זיין שול.

דער יונגער אידעאַליסטישער, חיים פּיאַלקאָוו, האָט זיך איבערגעגעבן דער פּעדאַגאָגישער אַרבעט, אָרגאַניזירט דאָס גאַנצע לערנען פון העברעישע לימודים אויף ראַציאָנעלע יסודות און געוואָרן אַ וויכטיקער געהילף פון געצעלטערן אין זיינע פּרוּוון צו פּראָדוקטיוויזירן די יידישע יוגנט. פּיאַלקאָוו האָט אויך געלערנט רוסיש און העברעיש אין אַ געזעלשאַפטלעכער מיידלשולע (אין דרום רוסלאַנד האָט די רוסישע רעגירונג דערלויבט צו עפענען געזעלשאַפטלעכע שולעס פאַר מיידלעך, וואָס אין צפון־מערב קאַנט איז עס נאָך נישט געווען דערלויבט).

פּיאַלקאָוו איז אין גיכן געוואָרן דער ליבלינג פון אַלע עלטערן און קליינוואַרג פאַר זיין איבערגעגעבנקייט צו די קינדער און צוליב די שטאַר־

קע פעולות, וואָס זיי האָבן ביי אים געמאַכט אין די העברעיִשע לימודים און יידישער געשיכטע. פּיאַלקאָוו האָט זיך אַפילו דערלויבט צו איגנאָ־רירן די אָפיציעלע פּראָגראַמען, וואָס זענען געווען זייער באַגרענעצט. ער האָט איינגעפּלאַנצט אין דער האַלב אָדער גאַנץ אַסימילירטער שטאָט ני־קאָלאַיעוו, באַזונדערס ביי יונגוואַרג, אַ ליבע צו יידישער געשיכטע און צו העברעיִש.

איך האָב, זייענדיק אין ניו־יאָרק, געטראָפן איינע פון זיינע שילע־רינס* אין ניקאָלאַיעווער שול, וועלכע האָט מיר איבערגעגעבן פּרטים פון פּיאַלקאָווס פּעדאַגאָגישער אַרבעט אין דער שולע, ווי זי האָט געלערנט. דאָס זענען געווען גרויסע שבחים וועגן דעם דאָזיקן גאָט־געבענטשטן פּעדאַגאָג, וואָס האָט געהאַט אַזאַ גוטע השפּעה אויף דער גאַנצער ניקאָ־לאַיעווער יידישער באַפעלקערונג.

פון זיין אָנגעשטרענגטער לערערישער אַרבעט זענען ביי פּיאַלקאָוון אָנגעצויגן געוואָרן די שטימבענדער און ער איז געוואָרן אין גאַנצן היי־זעריק. ער האָט געמוזט אינגאַנצן איבעררייסן זיין לערערישע פּראַקטיק.

פּיאַלקאָוו איז אַרויסגעפאָרן קיין שווייץ היילן זיין האַלדז, אָבער גלייכצייטיק האָט ער שטודירט אין די שווייצאַרישע אוניווערסיטעטן פי־לאָזאָפיע, פּסיכאָלאָגיע און בעיקר אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דידאַק־טיק און פּעדאַגאָגיק. אין משך פון זיינע עטלעכע יאָר אין אויסלאַנד האָט ער זיך אָנגעלאָדן מיט טיפע טעאָרעטישע ידיעות אין הומאַניסטישע קעגנ־שטאַנדן, גלייכצייטיק באַקענענדיק זיך מיט פּראַקטישע סיסטעמען פון פּעדאַגאָגישער אַרבעט (פּעסטאַלאָצי אינסטיטוט, מאָנטעסאָרי, א״אנד).

די חברה „מפיצי השכלה" אין פּעטערבורג, וואָס האָט סובסידירט און אַפילו אויסגעהאַלטן עטלעכע יידישע געזעלשאַפטלעכע שולן, באַזונ־דערס אין דרום רוסלאַנד, קאַווקאַז איינגעשלאָסן, האָט געזוכט פאַר זיי אַ פאַסיקן אינספּעקטאָר, וואָס זאָל זיך באַקענען אויפן אָרט מ׳יט די שולן, אָפּגעבן וועגן זיי דעם צענטראַל קאָמיטעט באַריכטן, און אויך אינסטרו־אירן די לערערשאַפט, ווי אָנצווענדן נייערע מעטאָדן ביים לערנען.

* די מוטער פון דער סעקרעטאַרין פון ייוואָ, העניע בערקאָוויטש, פרוי ליזע בערקאָוויטש.

קיין פאַסיקערן אינספּעקטאָר און אינסטרוקטאָר פאַר די לערער אין די „אָפּע״־שולן ווי פּיאַלקאָוו, האָט מען נישט געדאַרפט. ער איז געווען באַלאַדן סיי מיט פּראַקטישער לערערישער רוטין, סיי מיט אַלע טעאָרע־טישע דיסציפּלינען, וואָס האָבן אַ שייכות צו פּעדאַגאָגיק. דערצו איז ער געווען אַן אייגענער מענטש אין יודאַיקאַ, און אויך געווים אין העבראַיקאַ. ער האָט גלייך פאַרנומען אַן אויבנאַן אין די פּעטערבורגער קרייזן פון יידי־שע אינטעלעקטואַלן און עסקנים.

נישט אומזיסט האָבן די שולן „אָפּע״ מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אַ באַזוך פון חיים פּיאַלקאָוו, כדי מיט דער הילף פון זיינע דערפאַרונגען, אינטעליגענץ און טאַקט צו לייזן זייערע שווערע פּראָבלעמען, אויסגלייכן סכסוכים און באַקומען פּראַקטישע אָנווייזונגען אויף צו הייבן דעם ניוואָ פון די לימודים.

אין די שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט קיין גע־זעלשאַפטלעכע שולעס פלעגט פּיאַלקאָוו, אויף דער איינלאַדונג פון די אָרטיקע קולטור־טוער קומען העלפן אָרגאַניזירן די טוער אַרום דער פּראָ־יעקטירטער שולע, באַקומען די נייטיקע דערלויבעניש, דעם נייטיקן פּעדאַ־גאָגישן פּערסאָנאַל פאַר די שולעס אד״גל.

אין צפון־מערבדיקן קאַנט פון רוסלאַנד האָבן קיין געזעלשאַפטלעכע שולעס נאָך נישט עקזיסטירט, אין קעגנזאַץ צו דרום־רוסלאַנד. מען האָט געמוזט „איינברעכן״ דעם בילדונגס־קוראַטאָר פון די צפון־מערבדיקע גו־בערניעס, אַז ער זאָל דערלויבן צו גרינדן געזעלשאַפטלעכע שולעס, באַ־זונדערס פאַר מיידלעך און אין דער ערשטער ריי טאַקע אין ווילנע גופא. „מפיצי השכלה״ האָט דעלעגירט אויף אַ לענגערער צייט פּיאַלקאָוון קיין ווילנע, אַז ער זאָל די מיסיע דורכפירן סיי אין די אָפיציעלע קרייזן, סיי אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט גופא.

דער ווילנער בילדונגס־קוראַטאָריום איז געווען דער סאַמע רעאַק־ציאָנערסטער אין גאַנץ רוסלאַנד. באַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַ געזעל־שאַפטלעכער שולע אין ווילנע וואָלט געמיינט אָפיציעלע מעגלעכקייטן צו עפענען געזעלשאַפטלעכע שולעס אין גאַנצן צפון־מערבדיקן קאַנט.

און אַזוי איז טאַקע שפּעטער געווען. עס האָט זיך באַזעצט אין ווילנע,

לויטן פּלאַן פון „אָפּע״, אויך וויערא מאַטוויעיעוונאַ קופּערשטיין. פּיאַל־קאָוו האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיט איר. לויט זייער ביידנס איניציאַטיוו איז דער איינציקער ייד מיטן טיטל סטיני סאָוויעטניק (געהיימראַט) אין יוסטיץ־מיניסטעריום, האַלפּערין, געקומען פון פּעטערבורג. מיט זיין גאָלד־געניייטן מונדיר און זיין וויזיט־קאַרטע פון אַ „ציווילן גענעראַל״ האָט ער געקענט משפּיע זיין אויף דעם בילדונגס־קוראַטאָר פון ווילנער ראַיאָן, אַז ער זאָל דאָך דערלויבן צו עפענען די גרויסע מיידלשולע (אויף קאָנסקע גאַס), די שפּעטערדיקע קופּערשטיין־שולע. פּיאַלקאָוו מיט אַ גרופּע ווילנער טוער האָבן אויסגעאַרבעט די פּראָגראַם פון די אַנדערע פּאָלקסשולעס פון זעלביקן טיפּ. אין דער פּראָגראַם זענען אַריין אַ באַטייטנדיקע צאָל שעהן פאַר העברעיש, תנ״ך, יידישער געשיכטע.

סוף פון 1907, ווען פּיאַלקאָוו האָט סיי צוליב זיין געזונט, סיי צוליב זיין אָנפירנדיקער ראָל אין קאָמיטעט פון „מפיצי השכלה״ זיך ענדגילטיק אָפּגעזאָגט פון זיין אינספּעקטאָר־אַמט איבער די שולעס פון דער דאָזיקער ברייט־פאַרצווייגטער געזעלשאַפט — איז געוואָרן אַקטועל די פראַגע פון פאַרבייטן פּיאַלקאָוון.

דער שרייבער פון די שורות איז געוואָרן באַזייטיקט פון זיין פּעדאַגאָגישער אַרבעט אין יעקאַטערינאָסלאַוו, צוליב פּאָליטישע מאָטיוון. יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע האָט געהערט צום אָדעסער בילדונגס־ראַיאָן, און במילא האָב איך שוין אין דעם ראַיאָן נישט געקענט קריגן קיין אַרבעט. געלעגנהייטן צו באַקומען פּעדאַגאָגישע אַרבעט זענען צו יענער צייט געווען נישקשהדיקע. עס האָבן זיך געעפנט אין גרעסערע שטעט פון תחום המושב פּריוואַטע גימנאַזיעס מיט מלוכהשע רעכט. האָט מיך טאַקע די האָמלער גימנאַזיע פון ד״ר א. ראַטנער אָנגעשטעלט אויף אַ פולער צאָל שעהן אין די עלטערע קלאַסן פאַר געשיכטע (אַלגעמיינע, רוסישע און יידישע), ווי אויך פאַרוואַלטן מיט אַ געביידע, וווּ ס׳זענען געווען פיר קלאַסן (די גימנאַזיע האָט זיך געפונען אין דריי באַזונדערע בנינים).

אין עטלעכע חדשים אַרום, אָנהייב 1908, באַקום איך פון פּעטערבורגער קאָמיטעט „מפיצי השכלה״ אַ בריוו צו קומען וואָס שנעלער קיין פּעטערבורג וועגן איבערנעמען דעם אַמט פון „באַפולמעכטיקטן״ איבער

זיינע שולעס. די פֿאַרבעטונג איז געווען אונטערגעשריבן פֿון גענעראַל־סעקרעטאַר ס. קאַמענעצקי און באַפֿולמעכטיקטן פּיאַלקאָוו.

איך בין געקומען קיין פּעטערבורג און פּיאַלקאָוו האָט מיך אײַנפֿאָר־מירט וועגן אַלע פּרטים פֿון דער אַרבעט. ער האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכ־קייט איבערצולייענען זיינע באַריכטן. זיי זענען געווען געשריבן אין דער בעסטער רוסישער שפּראַך. פּיאַלקאָוו האָט דאָ אַרויסגעוויזן זיין גרויסע בקיאות אין אַלע פֿראַגעס פֿון און אַרום די גזועלשאַפֿטלעכע שולעס. אַנ־דערע באַריכטן זענען געווען פֿול מיט הומאָריסטישע ביישפּילן אַלאַ שלום עליכמס כתרילעווקע אָדער מענדעלעס קאַבצאַנסק.

דערנאָך איז מיר אויסגעקומען צו טרעפֿן זיך מיט די הויפּטטוער פֿון קאָמיטעט. דאָס זענען געווען מיראָן נאַומאָוויטש קריינין, לויט דער באַ־שעפֿטיקונג אַ סוחר פֿון אַלט אייזנוואַרג, אַ ייד אַ חכם ונבון מיט טיפֿער יידישער און אַלגעמיינער בילדונג. קריינין איז געווען דער פּאַקטישער פֿירער פֿון קאָמיטעט. ער איז געווען אי פּראַקטיש, אי אידעיש דער ריכ־טיקער מענטש אויפֿן ריכטיקן אָרט. אַליין נישט קיין פּעדאַגאָג איז ער גע־ווען גוט באַהאַוונט אין אַלע ענינים פֿון שולוועזן און בילדונג ביי יידן בכלל. דער אַדוואָקאַט גריגאָרי אַבראַמאָוויטש גאָלדבערג, אַ געבוירענער אין פּעטערבורג (אומגעקומען פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אין אַן אויטאָ־אומגליק), איז געווען דער צווייטער זייל פֿון קאָמיטעט. גאָלדבערג האָט רעפּרעזענטירט דעם אַזוי צו זאָגן וועלטלעך־אייראָפּעישן טייל פֿון קאָמיטעט. צו דעם טיפּ האָט אויך געהערט ד״ר (יעקבֿ?) זאַלקינד, אַן אָנגעזעענער מעדיקער מיט זייער אַ ברייטן קוק אויפֿן יידישן לעבן. פּיאַל־קאָוו און דער סעקרעטאַר פֿון קאָמיטעט קאַמענעצקי האָבן מיר געראַטן, אַז איך זאָל זיך פֿאָרשטעלן דעם אָפֿיציעלן פֿאָרזיצער פֿון „מפיצי השכלה״, דעם באַראָן דוד גינזבורג. קיין רעאַלן באַטייט, האָבן זיי געזאָגט, האָט עס נישט, אָבער עס איז אַן אַקט פֿון העפֿלעכקייט. איך האָב זיי געפֿאָלגט און אָוועקגעפֿאָרן מיט אַ וויזיט צו גינזבורגן. די באַראָנען גינזבורג זענען שוין דעמאָלט געווען אין אַ צושטאַנד פֿון מאַטעריעלער ירידה, אָבער עס איז נאָך אָנגעהאַלטן געוואָרן דער גאַנצער אויסערלעכער גלאַנץ פֿון דער באַ־רוסטער מיליאָנערסקער משפּחה. דער באַראָן דוד גינזבורג איז געווען דע־

מאָלט דער עלטסטער און אָנגעזעענסטער רעפּרעזענטאַנט פון דער פאַמי־ליע. דוד, ווי באַקאַנט, איז געווען איינער פון די געלערנטסטע אָריענטאַ־ליסטן. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ היפּשע צאָל מאָנאָגראַפיעס אויפן גע־ביט פון יידישער געשיכטע אין די מזרח־לענדער. ער האָט אויך געשריבן אַרטיקלען אין רוסיש־יידישן „וואָסכאָד״.

ווען איך בין געקומען, האָבן מיר די דינער אַריינגעפירט אין איינעם פון גינזבורגס גרויסע ביבליאָטעק־צימערן, וווּ דער באַראָן איז געזעסן ביי אַ גרויסן שרייבטיש. דוד גינזבורג, וועמען מען האָט פריער אינפאָרמירט וועגן מיין קומען צו אים מיט אַ געשעפטלעכן ענין, האָט מיך זייער העפ־לעך אויפגענומען, געשטעלט מיר עטלעכע פּערזענלעכע פראַגן און דער־נאָך געבעטן מיך „אויסלייגן״ פאַר אים מיין „קרעדאָ״ איבער יידישער דערציאונג. איך האָב אין אַלגעמיינע שטריכן איבערגעגעבן דעם „באַראָן״ די אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַרן שולוועזן פון די „מפיצי השכלה״ און מיט וואָס ער דאַרף זיך אונטערשיידן פון די יידישע רעגירונגס־שולעס און די שאַבלאָנע פּריוואַטע שולעס, אין וועלכע יידישע לימודים ווערן געגעבן אויפן שפּיץ מעסער. מען מוז איינפלאַנצן ביי די קינדער אינטע־גראַלע יידישקייט, וועלכע זאָל זיך באַזירן אויף קענטשאַפט פון דער שפּראַך, יידישער געשיכטע. ס׳דאַרף אייגעפירט ווערן דער לימוד פון תנ״ך אין אָריגינעלן טעקסט און אַנדערע פּאָסטולאַטן פון דער דעמאָלט יידישער נאַציאָנאַל־געשטימטער אינטעליגענץ.

ביי דעם פונקט תנ״ך לערנען האָט מיר דער געלערנטער אָריענטאַ־ליסט איבערגעשלאָגן, יאָ דאָס איז אַלץ גוט און פיין, אָבער זאָגט מיר, גנעדיקער הער (מילאָסטיווי גאָסודאַר) מיט וואָס וועלן זיך די איצטיקע און די קומענדיקע דורות, וואָס לערנען אין די „מפיצי השכלה״ שולעס, אונטערשיידן פון די קאַראַאימער, וואָס אָנערקענען נאָר דעם תנ״ך און וואַרפן אָפּ אַלע אַנדערע קוואַלן פון אונדזער פאַרוואָרצלטער יידישקייט? ניין, נישט נאָר תנ״ך דאַרף געלערנט ווערן אין אונדזערע שולן, נייערט תלמוד דאַרף אַריינגעפירט ווערן מיט אַ גאַר היפּשער צאָל שעהן. אונ־דזער יידישקייט איז נישט יודאיזם, וואָרום אַלץ וואָס ענדיקט זיך אויף „איזם״, טויג נישט; סאָציאַליזם, ציוניזם, בונדיזם א״אנד איזמען — דאָס

איז נישט דער דרך, און נישט דער גייסט פון ישראל, און אַפילו דער באַגריף יודאַיזם טויג נישט. יידישקייט (יידנטום) — יעווריעיסטוואָ עטאָ כאַראָשאָ — דאָס איז גוט. אין זעלביקן גייסט האָט באַראָן דוד זינגבורג מ׳משיך געווען זיין טעאָריע וועגן לימוד פון תלמוד אין די יידישע פאָלקס־שולעס. און דאָס אַלץ, כדי נישט צו זיין ענלעך צו די קאַראַאימער.

איך האָב געזען פאַר זיך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן אַ טיף אָר־טאָדאָקסישן יידן מיט אַ גרויסער וועלטלעכער ערודיציע, וואָס איז אויס־געוואַקסן אין דעם טיף גוישקן פעטערבורג מיט אַלע איבערצייגונגען פון אַ וואָלאָזשינער ראש ישיבה. וויסנדיק, אַז דעם באַראָנס מיינונג איז נישט מאָסגיביק פאַר די קרייזן פון „מפיצי השכלה״, האָב איך אים נישט גע־וואָלט ערגערן מיט מיינע אויפקלערונגען וועגן דער אוממעגלעכקייט פון איינפירן אַזאַ פראָגראַם אין עלעמענטאַר־שולעס. צום סוף פון אונדזער שמועס האָט מיר דאָך דער באַראָן געווונטשן דערפאָלג און פריינטלעך מיט מיר זיך געזעגנט.

צוליב דעם אָבער, וואָס ס׳איז שוין געווען נישט וויט צום סוף לערנ־יאָר, און די ראַטנער־גימנאַזיע פון האַמעל האָט מיך נישט געוואָלט אָפּ־לאָזן, זענען מיר געקומען צו אַ הסכם, אַז איך וועל אָנהייבן די אַרבעט פון אַרומפאָרן איבער די שולעס אין קומענדיקן לערניאָר.

טיילווייז האָט פיאַלקאָוו נאָך אויסגעפירט די פונקציעס פון אַ באַ־פולמעכטיקטן, ביז איך האָב איבערגענומען דעם אַמט.

מיר איז אָבער נישט אויסגעקומען אָנצוהייבן די אַרבעט פון באַפול־מעכטיקטן איבער די שולעס פון „מפיצי השכלה״ צוליב געוויסע פאַמי־ליע־אָנגעלעגנהייטן און איך בין פאַרבליבן אַרבעטן אין דער האַמלער גימנאַזיע.

פיאַלקאָוו האָט נישט איבערגעריסן זיין אינערלעכע מיטאַרבעט אין די „מפיצי השכלה״ שולעס, אויסער אין די יאָרן, ווען ער איז געווען אין אויסלאַנד און ממשיך געווען זיינע שטודיעס וועגן פעדאַגאָגישע פּראָ־בלעמען.

די ערשטע וועלט־מלחמה מיט אירע פילצאָליקע יידישע פליטים פון די מערבדיקע רוסישע גובערניעס האָט אָוועקגעשטעלט פאַר די „מפיצי

השכלה" מיט דער גאַנצער שאַרפקייט די פראַגע פון עפענען קינדערהיימען־שולעס פאַר די פליטים־קליינוואַרג. די מעטאָדן און פראָגראַמען פון די קינדערהיימען האָבן געמוזט געאַנדערשט ווערן אין זין פון דערנענטערן זיי צו דער פאָלקסשפּראַך יידיש. אויך פיאַלקאָוו האָט זיך געמוזט בייגן צו די פאָדערונגען פון דער צייט. הגם עס זענען אויך געשאַפן געוואָרן קינדערהיימען־שולעס מיט דער העברעישער לימוד־שפּראַך.

פיאַלקאָווס נאָמען וועט זיכער פאַרנעמען אַן אָנגעזעען אָרט אין דער געשיכטע פון יידישן חינוך אין אַמאָליקן רוסלאַנד.

י. ל. פרץ צווישן אָדעסער שרייבער

דאָס אַרטיקל איז געווידמעט דעם הייליקן אָנדענק פון מיין
פרוי חנה אַבראַמאָוויטש (געב׳ שרייבער), וועלכע איז פאַר־
פייניקט און פאַרברענט געוואָרן דורך די דייטשישע מערדער
אין שלעזיע.

— 1 —

געווען איז עס מוצאי־פסח 1904 אין אָדעס. י. ל. פרץ איז דעמאָלט געקומען אַהין אָנקוקן צום ערשטן מאָל דעם שוואַרצן ים, די זוניקע שטאָט אָדעס און זען זיך מיט יידישע שרייבער.

הגם אָפיציעל אַרויסקריגן אַ דערלויבעניש פאַר איינאָרדענען אַ באַנ־קעט און בפרט נאָך פאַר אַ ראַדיקאַלן שרייבער ווי פרץ (ער האָט דעמאָלט געהאַט אַזאַ שם), איז געווען אוממעגלעך, האָט זיך דאָך ספּאָנטאַן גע־שאַפן אַ קאָמיטעט צו אָרגאַניזירן לכבוד אים אַ קבלת־פנים.

אָדעס איז געווען די ציטאַדעל פון העברעיש־רוסישע שרייבער — אָבער דאָרטן איז דאָך געווען מענדעלע, וואָס איז געווען אַ „פוסח על שתי הסעיפים״, ווי א. לעווינסקי האָט זיך אויסגעדריקט — דאָס הייסט געשריבן אי יידיש, אי העברעיש, און דעריבער האָט די מחנה העברעער אויך געהאַט דרך־ארץ פאַר יידיש, אַ שפּראַך, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אַ שטיקל אָרט ביי יידישע אינטעליגענטן. מען דאַרף גע־דענקען, אַז די ערשטע יידישע (פּעטערבורגער) טעגלעכע צייטונג, „דער פריינד״, איז געווען דעמאָלט אַלט נאָר איין יאָר. אָבער י. ל. פּרצן האָבן געקענט נישט ווייניק רוסיש־יידישע אינטעליגענטן פון די איבערזעצונגען אין „וואָסכאָד״ און עטלעכע טאָקע פון „פריינד״ גופא.

צוליב די פּאָליצייאישע באַדינגונגען פון יענער צייט האָט מען די אָנטיילנעמער פון באַנקעט לכבוד פרצן געמוזט באַגרענעצן נאָר מיט דער שרייבער־פאַמיליע אַליין, וועלכע איז, אגב, געווען אין אָדעס גאָרנישט קיין קליינע.

געקומען בין איך קיין אָדעס צו אַ חברטע, וועלכע האָט דאָרטן שטודירט (און איז שפּעטער געוואָרן מיין לעבנס־באַגלייטערן). צווישן אונדזערע גוטע פריינד איז געווען מענדל לעווין, דער אָדעסער קאָרעס־פּאָנדענט פון „וואָסכאָד" און פון „פריינד". אין דיביידע צייטשריפטן האָב איך דעבוטירט מיט אַן אַרטיקל און קאָרעספּאָנדענץ. און דער מענדל לעווין האָט זיך שוין משתדל געווען, אַז מען זאָל מיר, אַ יונגן סטודענט פון „וויטן צפון", געבן די מעגלעכקייט בייצווויין דעם באַנקעט.

דער באַנקעט איז פאָרגעקומען ערגעץ אין אַ יידישן רעסטאָראַן אויף באַזאַרנע גאַס. מען האָט געדאַרפט האָבן דעם רעסטאָראַן מער נישט צוליב אַ תירוץ, אַז מען איז געקומען „מלווה זיין פסח" בציבור. דאָס איז אויפן פאַל, אויב פּאָליציי וואָלט אַנטדעקט „אַ געהיימע פאַרזאַמלונג".

צום באַנקעט האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן ביי אַ 40 שרייבער. דעם באַנקעט האָט מען אָבער נישט געקאָנט אָנהייבן, מחמת דער ארי שבחבורה, מענדעלע, איז נאָך נישט געווען. מען האָט זיך דערוווסט, אַז ער פילט זיך נישט מיט אַלעמען, עפּעס אַ שטיקל פאַרקילונג. אָבער ווי קען עפּעס זיין אַ שרייבערישע שמחה אין אָדעס אָן מענדעלען? האָט מען באַשלאָסן צו שיקן צו אים זיין ליבלינג ח. נ. ביאַליק מיטן „באַפעל" צו ברענגען דעם זיידן, אויב נאָר, חלילה, ער איז נישט שווער קראַנק. און אַזוי איז טאַקע געווען. ביאַליק האָט „געבראַכט" דעם זיידן, אַן איראָניש שמייכל־דיקן, צו דער שמחה.

ווען מ'האָט זיי ביידן דערזען, איז געוואָרן אַ שמחה: „יחי ר' מענדע־לע". באַלד איז אויך אָראָפּגעקומען פרץ. מ'האָט אים באַגעגנט מיט היל־כיקע אַפּלאָדיסמענטן. מיט זיינע וווּנדערשיינע ברוינע, דורכדרינגלעכע אויגן האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן עולם און זיך פאַרנייגט מיט אַ „גוטן אָוונט". זיינע אויגן האָבן געצויגן צו זיך. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי קוקן גלייך אין דער נשמה און זעען דאָס, וואָס אַן אַנדערער זעט נישט.

די אָרגאַניזאַטאָרן פון אָוונט האָבן איבערגעגעבן דעם פאָרזיץ מענ־דעלען, וועמען מען האָט אַוועקגעזעצט צווישן אחד העם און ד"ר יוסף קלויזנער. לעבן זיי זענען געזעסן ביאַליק, י. ח. ראַווניצקי, א. ל. לעווינסקי א"אַנד. מענדעלע האָט געדאַנקט, אָבער האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען

דעם כבוד, מחמת ער איז „לאָ עליכמדיק״... ער איז צופרידן צו זען אין אַדעס „זיין אייניקל״ י. ל. פּרץ, וואָס האַלט ביים איבערשטייגן אַלע אבות און אַ פּשיטא שוין די בנים. הלוואַי זאָלן מיר האָבן אַזעלכע אַ סך, וואָס מער. פּרצן דאַרף מען לערנען, ווייל ס׳איז אי פּשט, אי דרוש, אי רמז. אָבער היות ווי ער, מענדעלע, זיצט צווישן תורה (אַ ווייז מיט דער האַנט אויף ד״ר קלויזנער) און חכמה (אַ ווייז מיט דער אַנדערער האַנט אויף אחד העמען), וועלן שוין דיביידע זיך „ספּראַווען מיט פּרצן״. פּירן די זיצונג גיט ער איבער טאַקע אחד העמען. ער איז דאָך יינגער און קאָן טאַקע די מלאכה פון פירן...

אחד העם האָט גערעדט רוסיש און טאַקע אַ גוטן רוסיש, אָן קיין שום אַקצענט. אין זיינע רייד האָט זיך געפילט זיין פעסטע איבערצייגונג, זיין דורכגעטראַכטקייט. ער האָט גערעדט, ווי אַ פּראָפעסאָר, אָפּטמאָל ווי אַ פּראָקוראָר. ער האָט באַשולדיקט אַ טייל שרייבער אין פּרינציפּלאָזיקייט, אין זיין מער נישט ווי „פליוגערס״ (פענדלעך, וואָס פלאַטערן מיטן ווינט) פון זייער צייט און פון זייערע באַלעבאַטים *.

אין אונדזער ליטעראַטור האָט אַלעמאָל געהערשט די איבערצייגונג און די פּראַקטיק פון שטרעבן צו אַ וועלכן ס׳איז אידעאַל, וואָס זאָל זיין נוצלעך און דינען דעם פאָלק. דער פּרינציפּ פון קונסט לשם קונסט, שיינקייט לשם שיינקייט און ענלעכע „תורות״ האָבן כמעט נישט געהאַט קיין אָרט צווישן יידישע שרייבער. אַ שרייבער מוז האָבן אַ גאָט, אין וועמען ער גלייבט און צווינגט אַנדערע צו גלייבן אין דעם גאָט. פּרץ האָט אַלעמאָל אויפריכטיק און ערלעך געדינט זיין גאָט, און אויב מיר קענען נישט זאָגן אַזוי ווי רות המואבית, אַז זיין גאָט איז אונדזער גאָט, דערפאַר קענען מיר זאָגן אויפריכטיק און שטאַרק דעם אַנדערן טייל פון רותס ווערטער „זיין פאָלק איז אונדזער אַלעמענס פאָלק״ — האָט אחד העם אויסגערופן מיט

* איך גיב איבער די רעדעס לויטן איינדרוק, וואָס איז בשעת מעשה געבליבן ביי מיר. איך געדענק נישט דעם גענויען טעקסט, אָבער דער אינהאַלט איז אַ ריכטיקער. אין מערערע פאַלן זענען די אויסדרוקן אויטענטיש. איך דערמאָן זיך אָבער נישט וועגן עטלעכע רעדנער און דריבער איז מיין „באַריכט״ נישט קיין פולער — נאָך אַ קיימא־לן פון עטלעכע פערציק יאָר צייט.

עקספּרעסיע. מיר האָבן איין ציל: צו דערהייבן, פּאַראיידעלן אונדזער פֿאָלק!

„מיר גייען צו דעם מיט פֿאַרשיידענע וועגן, אָבער איין אידעאַל באַהיכט אונדז. דעם ערלעכן טאַלאַנט פֿון פּרץ שאַצן מיר אָפּ איצט, באַזונדערס אין אונדזער צייט, ווען אַ סך שרייבער האָבן זיך אָפּגעגייגט פֿון די יסודות פֿון אונדזער ליטעראַטור, ווען פּרינציפּלאָזיקייט איז געוואָרן כמעט ווי אַ פּרינציפּ *. פֿליוגעריזם — אַ שטענדיקע דערשיינונג און דער איינציקער ציל. דער אָוונט לכבוד אונדזער גאַסט פּרץ האָט פּאַראייניקט אַלע שרייבער פֿון פֿאַרשיידענע ריכטונגען אין אויסדרוק פֿון כבוד און איבערגעגעבנקייט נישט נאָר צו אַ טאַלאַנט, נאָר צו דעם שרייבער מיט אַ וועלט־אַנשויאונג, מיט איבערצייגונגען, מיט ערלעכער באַציאונג צו ליטעראַטור, צום געדרוקטן וואָרט בכלל". אַזוי האָט גערעדט יענעם אָוונט דער אין דער גאָרער וועלט באַרימטער אחד העם.

— 2 —

דער נידעריק געוואַקסענער ח. נ. ביאַליק האָט אויסגעזען אין זיין לאַנגן שוואַרצן סורדוט, ווי אַ קליינשטעטלדיקער איידעם, וואָס מאַכט זיינע ערשטע טריט אין מסחר. ער איז געווען קיילעכדיק און האָט אויסגעזען פּראָזאַאיש, ביז... ער פֿלעגט נאָר עפֿענען זיין גאָלדענע פּען אָדער זיין בריליאַנטענע צונג **. אויף דעם פּרץ־אָוונט האָט דער יונגער ח. נ. ביאַליק אויפֿגעשטורעמט אַלע באַטייליקטע מיט זיין רעדע, וועלכע איז געווען אי טיף, אי פּאָעטיש און כמעט נביאיש. דער „קליינשטעטלדיקער

* עס האָט זיך עפּעס דעמאָלט געקאָכט אין דער יידישער זשורנאַליסטישער וועלט מיט פֿאַרשווענדן „פּאָגראָם־געלטער" פֿון קישינעווער קרבנות, געלטער, וועלכע צייטונגען האָבן געזאַמלט. ס'ווילט זיך נישט דערמאָנען קיין נעמען דערביי. די „זינדיקע" זענען שוין אַלע „שוכני עפר".

** מיטן גאַנג פֿון די יאָרן האָט זיך אָבער די באַלעבאַטישע אויסערלעכקייט פֿון יונגן ביאַליק שטאַרק געביטן. מיר איז אויסגעקומען אים צו זען אין ווילנע אַ יאָר פֿאַר זיין טויט. זיין פּנים, און באַזונדערס דער שטערן, איז געווען טיף צעקאַרבט פֿון קנייטשן. אַ תלמיד־חכם און אַ פּיקח, אַ מנהיג פֿון גאָטס גענאָד, אַ גדול בישראל — דאָס איז געווען די געשטאַלט פֿון 60־יאָריקן ביאַליק.

איידעם" איז ערגעץ פאַרשווּנדן און געשטאַנען איז פאַר אונדז אַ פייער־שיסנדיקער באַרג אין געשטאַלט פון חיים נחמן ביאַליק, דעם גרויסן פּאָעט. ס'איז שווער איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פון זיין רעדע. דאָס איז געווען ריטם, מוזיק און אויב איר ווילט פאַרב אַפילו. גערעדט האָט ער כמעט אויף אַ ביבלישן העברעיש, אָנווייזנדיק אויף די עטישע טענדענצן און אַלע מענטשלעכע ווערטן פון פּרצעס חסידישע און אַנדערע מעשיות און סקיצן. דער משכיל פּרץ איז אָבער טיף ליריש און באַרירט די איידלסטע סטרונעס פון דער מענטשלעכער נשמה. ביאַליק שטעלט זיך אָפּ באַזונדערס אויף די חסידישע מאָטיוון אין פּרצעס שאַפונג, געפינענדיק אין זיי אַ ניצוץ פון אלהות. אונדזערע אַלטע חכמים האָבן געשאַפן דריי מאָנומענטן: הלכה, אגדה און קבלה. מיר האָבן זיי אויך אין דער מאָדערנער יידיש־העברעישער ליטעראַטור. ניין, מיר האָבן זיי אַפילו דאָ, ביי אונדז, צווישן אונדז, איצט... אָט איז הלכה (אחד העם), אָט איז אגדה (מענדעלע) און אָט די קבלה (פּרץ). הלכה און אגדה זענען באַגרענעצט אין צייט, אין אָרט, הגם זיי זענען דער יסוד פון אונדזער נאַציאָנאַלן בנין. קבלה עפנט אָבער פאַר אונדז ווייטע אָן־סופיקע וועלטן, אומענדלעכע האָריזאָנטן פון זיוו השכינה.

פּרצעס חסידישע מעשיות פירן אונדז אַריין אין צויבערלאַנד פון „נאָך העכער" און העכער. זיינע ווערק דרינגען אַריין אין די טיפענישן פון פאָלקס־נשמה. פּרצעס שאַפונג איז טיף נאַציאָנאַל, מחמת ער שילדערט מיט אַזאַ גרויסער קענטעניש און קינסטלערישער אינטואיציע דעם גייסט פון פאָלק, פון זיינע העלדן — וואָס בעסער פון אים האָט עס אפשר קיינער נישט געמאַכט. אַלע וויבראַציעס פון דער יידישער נשמה שפּיגלען זיך אָפּ ביי פּרצן.

ביאַליקס רעדע איז געווען אַ מייסטערווערק.

מענדל לעווין שטעלט זיך אָפּ אויף די פאָלק־סקיצן, וואָס פּרץ שאַפט פון פּשוטע מענטשן אין די קעלער־שטיבער, די בוידעמער, פון די באָנציע שוויגס. אָבער ער רופט אָן די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, וואָס ווילן שאַפן אַ נייע וועלט אָן באָנציע שוויגס, אָן פרומע קעץ, אָן יאַרמעלקעס,

אַ וועלט אַ נייע, אַ פרייע, וואָס איז דער אידעאַל פון גאַסט. פּרץ איז דער גרויסער דעמאָקראַט פון דער יידישער ליטעראַטור.

א. ל. לעווינסקי (ר׳ קרוב), דער גלענצנדיקער העברעיש־יידישער פעליעטאָניסט, האָט געזאָגט, אַז ער איז גליקלעך צו האָבן אַזאַ קאָלעגע ווי פּרץ אין פעליעטאָן, מיט דעם אונטערשייד, וואָס פּרצעס פעליעטאָן איז אַ זאַך, וואָס וועט פאַרבלייבן אין דער ליטעראַטור, וואָרעם אַלץ וואָס גייט אַרויס פון פּרצעס פען, האָט אַ טיפן און דויערנדיקן ווערט.

ר׳ מרדכילע (טשעמערינסקי), דער העברעישער דיכטער און שאַרפ־זיניקער איבערזעצער פון קרילאָוון, האָט איבערגעלייענט אַ שאַפונג אין גראַמען, פון וועלכע דער עולם האָט שטאַרק הנאה געהאַט.

א. ליודוויפּאָל, אַ באַקאַנטער העברעישער עסעאיסט און זשורנאַליסט, האָט גערעדט וועגן פּרצן דעם צייטונגסמענטש, דעם זשורנאַליסט, וועל־כער זעט שאַרף און איז תמיד אויף דער וואַך פון יידישן לעבן.

ש. בן־ציון באַמערקט, אַז צוזאַמען מיט די מאָנומענטאַלע שאַפונגען גיט פּרץ אַרויס אויך אומבאַטייטיקע, הגם גאַנץ שיינע זאַכן. צוזאַמען מיט לוחות הברית מישט זיך דורך זאַמד. מיר האָבן גאַר גרויסע פאָדערונגען צו פּרצעס טאַלאַנט. מיר ווילן נאָר לוחות הברית, ווייל פּרץ איז עס טאַקע אימשטאַנד צו געבן.

י. ח. ראַווניצקי באַטאָנט, אַז אייגנטלעך איז פּרץ מער שרייבער פאַר דער אינטעליגענציע, לויט זיינע פאַרטיפטע טעמעס און אַלעגאָריעס. אָבער נישט אַלע שרייבער דאַרפן זיין פּאָפּולער און צוטריטלעך. אַ שרייבער דאַרף מען אַמאָל נישט נאָר לייענען, נאָר אויך לערנען. און פּרצן דאַרף מען לערנען און מען מעג אים אַפילו דרשענען.

יוסף קלויזנער (מיט ווייכע מאַנירן פון אַ בנעימותדיקן אַלטן סטו־דענט און אַ יונגן פּראָפעסאָר) האָט גערעדט אין דעם זין, אַז ער געפינט אין פּרצעס ווערק אייביקע יוגנט, אייביקע שטרעבונג אויסצוגעפינען נייע פאָרמעס, אָדער סינטעטיזירן אַלטע מיט נייע אין איין לאָגל, וואָס איז די יידישע ליטעראַטור. קלויזנער פאַררעכנט פּרצן צו די יונגע שרייבער מיט דעם גרויסן טאַלאַנט, וועלכער איז פריש און קרעפטיק. פּרצעס טאַלאַנט בליט מיט פילפאַרביקייט, בליט אָן אויפהער, באַגייט זיך און טראָגט ריי־

פע פּרוכטן, וועלכע גיבן אונדז נישט נאָר געווּס, נאָר אויך עפּעס זייער ממשותדיקס אויף צו פֿאַרטראַכטן זיך, פֿאַרטיפֿן זיך אין דער יידישער נשמה. אין דער יידישער ליטעראַטור זענען איצט דאָ צוויי שטראָמען, וועלכע ער, קלויזנער, באַצייכנט ווי „אַדעס" און „וואַרשע". אַדעס איז די סטאַטיק פֿון דער יידישער ליטעראַטור. אַלץ, וואָס איז גרויס און באַטייטיק, וואָס האָט אַ דויערנדיקן ווערט, איז באַשאַפֿן געוואָרן דורך די אַדעסער שרייבער. „וואַרשע" איז דינאַמיק אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָרטן קאָכט, זידט, מען באַנייט די ליטעראַטור מיט נייע פֿאָרמען, וועלכע האַלטן זיך אין איין בייטן. פּרץ איז דער סינטעז פֿון ביידע שטראָמען.

א. דרויאַנאָוו האָט צוגעגעבן, אַז פּרץ דינט דער אידעע פֿון באַנייאונג אין יידישן לעבן. אין דעם פּרט זענען ביי אים דאָ אַ סך באַריר־פּונקטן מיט ציוניסטן, וועלכע שטרעבן דאָך אויך צו נייע פֿאָרמען אין יידישן לעבן. דעריבער זענען געקומען צו פּרצעס קבלת פּנים זייער פיל ציוניסטישע שרייבער. געענדיקט האָט אָבער דרויאַנאָוו מיט אַ פּעסימיסטישער נאָטקע. ס'האָבן זיך דעמאָלט געטראָגן קלאַנגען, אַז די שוואַרצע מאה, וועלכע איז געווען באַזונדערס שטאַרק דווקא אין אַדעס, גרייט צו אַ פּאָגראָם צום ערשטן יאָרטאָג פֿון קישענעוו (1903). דרויאַנאָוו האָט געזאָגט, אַז מיר ריידן דאָ וועגן הויכע ענינים פֿון גייסט פֿון עם עולם, אָבער מיר זענען גאָר נישט זיכער, אַז אָט־אָט אין אַ טאָג־צוויי אַרום, ווען עס וועט זיין דער „יום־טוב פֿון ליבע", דער קריסטלעכער פּסח... זאָל מיט אונדז נישט געשען אַן אומגליק, ס'זאָל חלילה נישט אָפּגעווישט ווערן דער נפֿש — דער נפֿש צוזאַמען מיטן גוף...

ב. פֿראַנקענפֿעלד האָט איבערגעגעבן מיט אַ שטאַרקער עקספּרעסיע דעם טיפֿן איינדרוק, וואָס פּרצעס ווערק מאַכן אויף אים, ווי אַ לייענער. דאָס איז אַ דערפֿרישנדיקער געטראַנק, וואָס לעבט אויף דעם גייסט און „דערפֿרייט מענטשן און געטער". ער איז פֿון די לייענער, וואָס וואַרטן מיט אומגעדולד אויפֿן „עוד יבוא" פֿון פּרצעס שאַפֿונג.

ס'האָבן גערעדט נאָך אַנדערע, וועמענס נעמען און אינהאַלט פֿון זייערע ווערטער זענען נישט געבליבן אין מיין זכרון. מען האָט באַטאָנט פּרצעס אינדיווידואַליזם, די השפּעה פֿון וויספּיאַנסקין און פֿון די גרויסע

מערב־אייראָפּעישע סימבאָליסטן אויף פּרצעס טאַלאַנט, הגם אומעטום איז ער אָריגינעל שעפעריש און עכט־יידיש.

פּרץ האָט זיין ענטפער־רעדע, וועלכע ער האָט געהאַלטן, ווי מאָדנע דאָס זאָל איצט נישט קלינגען, אין רוסיש *, אָנגעהויבן מיט דער שפּאַסיקער באַמערקונג, אַז מען האָט אים דאָ געלויבט פאַר דעם, וואָס ער גנבעט נישט קיין זילבערנע לעפל פון טישן (אַ רמז אויף אחד העמס באַמערקונג, אַז פּרץ איז אַן ערלעכער שרייבער). יאָ, ביז איצט טאַקע נישט געגנבעט! מסתמא וועט ער שוין דאָס ווייטער אויך נישט טאָן. מען האָט אים געלויבט פאַר הימל און פאַר ערד, פאַר דער זון און פאַרן קעלער. יעדער האָט געלויבט דאָס, וואָס אים געפעלט, איינער געפינט זיינע טענדענצן פאַר נאַציאָנאַלע, דער אַנדערער פאַר אינטערנאַציאָנאַלע, איינער פאַר רעליגיעזע און אַנדערע פאַר אפּיקורסישע אא״וו. דאָס איז נישט אין גאַנצן ריכטיק. ער איז אַ ייד און וווּ ער זעט יידן, אַהין ווענדט ער זיין אויפמערקזאַמקייט, אַ שרייבער טאָר נישט זיין קיין פּאַרטיי־מענטש, קיין קלאַסנמענטש. ער דאַרף זיין פילעוודיק צו יעדער דערשיינונג אין פאָלקסלעבן. ער דאַרף זיך אָפּרופן אויף אַלץ, וואָס איז גרויס און שיין אין דער נאָענטער סביבה, פאַר וועלכער ער שרייבט. פּרץ שטעלט זיך אָפּ באַזונדערס אויף דעם ערשטן פּעריאָד פון זיין שרייבן, ווען די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט איז געלעגן נאָך אין די וויקעלעך. אַ יידישער שרייבער האָט געמוזט אַלץ טאָן אַליין, ווייל עס איז געווען אַ ווילד, נישט באַאַרבעט פעלד. דער שרייבער האָט געמוזט זיין דער אויפקלערער, דער לערער, דער דערציילער מיט אַ מיין. ס׳זענען נישט געווען קיין ספּעציעלע פּובליציסטן, פעליעטאָניסטן, רעפּאָרטערן, קריטיקער. דער שרייבער, וואָס האָט געוואָלט דינען זיין פאָלק מיט דער פען, האָט אַליין געמוזט זיך נעמען דווקא צו די אַלע מינים פון ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק. דע־

* מיט זיבן יאָר שפּעטער, אין 1911 אין פּעטערבורג, האָט פּרץ פּראָטעסטירט (אויפן באַנקעט לכבוד אים) קעגן דובנאָווס רעדע, וואָס איז געווען אויף רוסיש, ווענן דער צוויי־אייניקייט פון דער יידישער שפּראַך (העברעיש־יידיש). בכלל האָט נישט געהערשט קיין שלום־בית צווישן די צוויי גרויסע שרייבער (אַמאָל האָט דובנאָוו קריטיקירט „מאָנישן" און אויך געהאַלטן, אַז פּרץ באַנוצט אַ „מענטאָר"־טאָן...) דובנאָוו האָט דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזט דעם באַנקעט.

מאָלט האָט זיך אַ שרייבער פֿונאַנדערגעוואָרפֿן אויף אַלע זייטן. ער האָט נישט געקענט טאָן בלויז שרייבערישע אַרבעט, צו וועלכער ער האָט געהאַט די נייגונג, וווהין זיין נשמה האָט געשטרעבט. די צייט פֿון אַלץ קענען, אַלץ וויסן און וועגן אַלץ שרייבן גייט שוין אַריבער. איצט איז מען מער גענייגט צו ספּעציאַליזאַציע. איצט קען זיך אַ שרייבער אָפּגעבן מער מיט דעם, צו וואָס זיין גאַנץ וועזן איז טאַקע גענייגט.

צום סוף האָט פּרץ געדאַנקט די אָדעסער שרייבער־חברים פֿאַר דעם האַרציקן קבלת־פּנים, וואָס זיי האָבן אים געגעבן; פֿאַר דעם ביסל פֿריי־דיקייט, וואָס די רוסישע „קראַסאַוויצע" אָדעס האָט אים געגעבן מיט איר „שוואַרצן", אין דער אמתן זוניקן און ליכטיקן ים.

אַ דעלעגאַציע פֿון יידישער שטודירנדיקער און אַרבעטער־יוגנט האָט געגעבן פּרצן אַ מתנה, אַ לוקסוס־אַלבאָם פֿון יצחק לעוויטאַנס בילדער. ווי באַוווסט, דריקן אויס לעוויטאַנס בילדער די אָן־סופיקע איינזאַמקייט און מעלאַנכאָלישקייט פֿון צענטראַל־רוסישן פּייזאַזש, וועלכער טראָגט אין זיך אַזוי פֿיל צאַרטקייט און אייגנאַרטיקע שיינקייט, אָבער טרויעריק זענען דאָך די בילדער מיט די ווייסע בעריאָזקעס, וואָס בענקשאַפֿט איז אויף זיי צעגאָסן...

דער מאָמענט האָט געגעבן ח. נ. ביאַליקן די געלעגנהייט ווידעראַמאָל אויפֿצושטורעמען די פֿאַרזאַמלטע מיט זיין וואָרט וועגן לעוויטאַנען און פּרצן.

אין יעדן בילד לעוויטאַנס זעען מיר — האָט ביאַליק צווישן אַנדערן געזאָגט — דעם אומעט און צער פֿון אַ יידישער נשמה אין גלות, וואָס פֿלאַטערט אין בענקשאַפֿט נאָך אַ יידישן תיקון. נאָר דער גרויסער יידישער טאַלאַנט לעוויטאַנס איז פֿאַרבליבן ביי אַנדערע, פֿרעמדע. ער איז פֿאַר־רעכנט געוואָרן פֿאַר איינעם פֿון די גרעסטע רוסישע קינסטלער, וועלכער איז פֿרי פֿאַרשניטן געוואָרן פֿון לעבן. זיין טרויער און אומעט זענען אָבער יידישע.

מיר שענקען די קאָפּיעס פֿון לעוויטאַנס געניאַלע ווערק מיט אַ צאַפּל־דיקער יידישער נשמה צו אַן אַנדער גרויסן טאַלאַנט, וואָס איז צום גליק געבליבן ביי אונדז, מיט אונדז. „זאָל לעבן און בליען פּרצעס גרויסער

טאַלאַנט און וואַרעמען אונדזער נשמה!" — אַזוי האָט אויסגעפירט דער גאָט־געבענטשטער פּאָעט ביאַליק...

דער באַנקעט האָט זיך פאַרצויגן ביז 4 פאַרטאָג און האָט איבערגע־לאָזן אַ טיפן און אומפאַרגעסלעכן רושם אויף אַלע אַנוועזנדיקע. איך געדענק אים נאָך איצט.

אַ גרופּע שרייבער מיט ביאַליקן בראש האָט אָפּגעפירט דעם ייִדן אַהיים. איך בין מיטגעגאַנגען. דערביי האָט דער ייִדע דערציילט זיינע ערשטע איינדרוקן פון אָדעס. יעדע פרייע מינוט פלעגט ער גיין אָנקוקן דעם ים, וואָס האָט אים באַצויבערט און דערציילט וועגן מעשי־בראשית.

פּרצן האָט באַגלייט אַן אַנדער גרופּע שרייבער.

ווען מען דערמאָנט זיך, וואָס עס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס אַמאָליקע גרויסע רוסלענדישע ייִדנטום, וואָס פאַר אַ גייסטיקע ריזן עס האָט אַרויסגעגעבן — קען מען אַריינפאַלן אין יאוש. אָבער אין ליכטיקן אָנדענק פון די זיילן פונעם פאָלק ישראל — מוז מען ציען ווייטער די אַמאָליקע גאָלדענע קייט.

„פרייע אַרבעטער שטימע", 1946, 8טער און 15טער אָקטאָבער.
„אונדזער שטימע", פאַריז, 1951, 29טער אַפּריל.

הערמאַן פראַנק

דעם נאָמען פראַנק האָב איך אין ווילנע געקענט פון זלמן רייזענס לעקסיקאָן. אַ היפּשער טייל צייטשריפטן, ביחוד אַנאַרכיסטיש־סאָציאַליס־טישע, ווו פראַנק פלעגט שרייבן, איז צו אונדז נישט דערגאַנגען. מען האָט עס נישט אַריינגעלאָזט קיין פוילן, ווי „טריפה סחורה״.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז עס זאָל מיר שוין נישט זיין באַשערט זיך אומצוקערן אין סעפּטעמבער 1939 אַהיים פון אַמעריקע, וואָס איך האָב יענעם סוף זומער באַזוכט. דער שרעקלעכער דעמאָלטיקער סעפּטעמ־בער האָט איבערגעקרייצט נישט נאָר מיינע פּלענער אַליין. איך בין גע־בליבן שטעקן אין ניו־יאָרק, ווי אויפן וואַסער.

אין האַרבסט 1940 האָב איך אָפּגעשיקט אַן אַרטיקל צו „די פרייע אַרבעטער שטימע״. איר רעדאַקטאָר איז דעמאָלט געווען ד״ר הערמאַן פראַנק און ער האָט מיך תיכף פאַרבעטן צו קומען צו אים אין רעדאַקציע.

נאָכן זאָגלעכן שמועס וועגן אַרטיקל און טעמעס פאַר אַנדערע אַר־טיקלען וועגן פּראָדוקטיוויזאַציע, ספּעציעל אַגראַריזאַציע, רעגיאָנאַליזם אא״וו, האָבן מיר זיך פונאַנדערגערעדט וועגן פּערזענלעכע ענינים. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ד״ר פראַנקס פרוי, דאָראַ וואָלאָברינסקי, פון ביאַ־ליסטאָק, און איר פאַמיליע זענען געווען באַפריינדט מיט מיינע קרובים בעת זייער געמיינזאַמען צייטווייליקן וווינאָרט אין ניזשני־נאָווגאָראָד אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. און בעת דעם ערשטן ביאַ־ליסטאָקער צוזאַמענפאָר פאַר פּראָפעסיאָנעלער בילדונג אין אומאָפּהענגיקן פוילן, אין פעברואַר 1922, בין איך געווען אַ גאַסט ביי די וואָלאָברינס־קיס. אָבער דערנאָך האָבן סיי מיינע קרובים, סיי איך, פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט זיי.

מיט גענויע 20 יאָר שפּעטער האָב איך געפונען אין ניו־יאָרק אָפּ־שטאַמיקע פון די וואָלאָברינסקיס, צוויי שוועסטער דאָראַ פראַנק און

יהודית וואל[אברינסקי]. פון דעמאלט אן בין איך געווארן אן אפטער אריינגייער אין הויז פון דער פאמיליע פראנק.

ביי די פראנקס האב איך צום ערשטן מאל אין אמעריקע דערפילט אן אמת היימישע אטמאספער, אזוי ווי פון נאענטסטע משפחה־מיטגלידער.

ד״ר הערמאן פראנק, האט דאך אלעמאל אויסגעטיילט צייט פאר א גאסט. פון די שמועסן מיט אים פלעג איך זיך דערוויסן אלץ, וואס עס טוט זיך אין דער אינטעלעקטועלער וועלט, סיי יידישער, סיי אלגעמייער. אדאנק ד״ר פראנקן פלעג איך זיין אינפארמירט וואס עס הערט זיך ביי יידישע שרייבער, זשורנאליסטן און בכלל וועגן אלע מער אדער ווייניקער וויכטיקע פראבלעמען, וואס שטייען אויפן סדר־היום פון לויפיקן לעבן. איך האב באוואונדערט אין מיין געדאנק די גרויסע באהאוונטקייט פון ד״ר פראנק אין אלע געזעלשאפטלעכע, ליטעראַרישע און פאליטישע ענינים. מען דארף דאך נעמען אין באטראכט, אז יידישע פירנדיקע פערזענלעכקייטן — און פראנק איז געווען איינער פון זיי — דארפן זיין גוט אריענטירט, טאפלט אריענטירט סיי אין דעם, וואס טוט זיך אין דער ריין „גוישער“, סיי אין דער יידישער וועלט מיט איר פילפאכיקער געשפאלטנקייט. אפט פלעג איך שטוינען פון דעם, וואס ד״ר פראנקס פראגנאזן זענען מקוים געווארן אין לויף פון די נאענטסטע וואכן אדער חדשים. דאס איז געווען א רעזולטאט פון זיין קלאסאלן וויסן און טיפן ארייַנדרינגען אין מהות פון סאציאל־פאליטישע דערשיינונגען. זיינע פראגנאזן האבן אין שריפטלעכער פארעם געפונען אן אויסדרוק אין זיינע אנאנימע לייטארטיקלען אדער ספעציעלע אפהאנדלונגען אויף די שפאלטן פון „די פרייע ארבעטער שטימע“.

זיין שיחת חולין איז געווען אויסערגעוויינלעך אינטערעסאנט. ס׳איז פשוט נישט געווען קיין איין נאמען פון דער געשיכטע, פון פילאזאפישן, סאציאלאגישן געדאנק פון ליטעראטור, וואס ד״ר פראנק זאל נישט קענען. זיין זכרון האט מיר אויסגעזען צו זיין פענאמענאל. דאס האט זיך אויך ארויסגעוויזן אין זיין קענען כראנאלאגיע.

מיט עטלעכע יאר שפעטער, ווען ד״ר פראנק האט מיך צוגעצויגן אויך צו דער טעכנישער ארבעט ביים ארויסלאזן וועכנטלעך „די פרייע

אַרבעטער שטימע", האָב איך געזען, וואָס פאַר אַ טייער זאַך ס'איז פאַר אַ צייטשריפט צו האָבן אַזאַ געלערנטן און געבילדעטן רעדאַקטאָר.

אין די דרוקערייען, ווו מען האָט געזעצט און קאָרעגירט „די פרייע אַרבעטער שטימע", אָן ענציקלאָפּעדיעס, אָן ווערטערביכער, האָט ד"ר פראַנק געקענט פאַרענטפערן אַלע פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס פלעגן אַנטשטיין ביים קאָרעגירן, זעצן און אויסבעסערן אַרטיקלען.

כמעט אַלע מאָל פלעגט מען דאַרפן צושרייבן נאָך מאַטעריאַל. אויך אין דעם איז ד"ר פראַנק געווען אַן אומפאַרבייטלעכער רעדאַקטאָר. ער פלעגט צושרייבן קלענערע לייטאַרטיקלען אָדער אויסנוצן אַ יובל־דאַטע פון אַ שרייבער, געזעלשאַפטלעכן טוער אד"גל.

נישט קוקנדיק אויפן וועטער — היץ אָדער קעלט, נוסח ניו־יאָרק, און ווייטע נסיעה פון בראָנקס צום שטאָטצענטער — האָט ער שטענדיק אין דעם איבערגעפּאַקטן און שווערן פּאָרטפעל געבראַכט פאַר מיר עפּעס אַ היימיש געבעקס, פּרוכטן. ער פלעגט מיך הייסן איבעררייסן די אַרבעט, אָפּרוען זיך און עסן, וואָס ער האָט געבראַכט. מיך האָט גערירט די זאָרג פון די פראַנקס וועגן מיר. זומער אין די גרויסע היצן פלעגט ער זאָגן צו מיר פריינדלעך: „נו, גענוג שוין פאַר אייך. איך וועל שוין אַליין פאַר אייך פאַרענדיקן". עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער דריטער קאָרעקטור אָדער דער קאָרעקטור פון דעם צוגעגעבענעם מאַטעריאַל אין דער לעצטער מי־נוט. ד"ר פראַנק איז אָוועקגעגאַנגען דער לעצטער פון דרוקעריי. ער האָט בכלל אַליין דורכגעקוקט די לעצטע אָפּצוגן פון די זייטן נאָכן פאַרריכטן די דרוקגרייזן. ער האָט אָפּגעהיט, אַז נאָכן פאַרריכטן די גרייזן זאָלן נישט אַרויסקומען קיין נייע גרייזן מיט איבערגעפּלאָנטערטע שורות, וואָס איז אַזאַ פּלאָג אין פיל יידישע אויסגאַבעס... פראַנקס שטרענגע אויפפּאַסונג און זיין קענטשאַפט פון אַלע פאַזעס פון זעצעריי־ און דרוקעריי־קונסט האָבן פאַרהיט די „פרייע אַרבעטער שטימע" פון איבעריקע דרוקפעלערן.

ווי אַ רעדאַקטאָר איז ד"ר פראַנק געווען אַ מוסטער פון אַ מורה־דרך און חבריש פריינטלעכער באַציאונג צו די מחברים, וואָס האָבן אים געשיקט זייערע אַרטיקלען אין „די פרייע אַרבעטער שטימע".

קודם כל פלעגט ער כמעט תיכף באַשטעטיקן, אַז ער האָט דעם אַר־

טיקל באקומען און זייער אפט מיט דער געהעריקער ידיעה, אז דאס אר־טיקל וועט געדרוקט ווערן און ווען. ווען עס האבן זיך געפאדערט, לויט זיין מיינונג, אויסבעסערונגען, האט ער געענוי עס שריפטלעך אנגע־וויזן, אדער מאטיווירט די אוממעגלעכקייט פון דרוקן דעם צוגעשיקטן מאטעריאל. ער האט אבער קיינמאל נישט אנטמוטיקט א שרייבער, האט געמעגט דאס ארטיקל זיין גאר שוואך. די ארטיקלען אדער בריוו אין רע־דאקציע פון נישט קיין געניטע שרייבער, פון עמך, האט נישט זעלטן ער אליין איבערגעשריבן, אזוי אז עס זאל האבן א פנים. איך האב אפט בא־מערקט, אז מער ווי א העלפט ארטיקלען פלעגן זיין געשריבן אדער אי־בערגעשריבן פון אים אליין אדער פון דארא פראנק אויף דער שרייב־מאשין, ווען דעם מחברס האנטשריפט איז געווען נישט קיין קלארע פארן זעצער. נישט אומזיסט פלעגט ד״ר פראנק זיצן איבער מאנוסקריפטן ביז ווייט אין דער נאכט.

ש. לינדער, דער לאנגיאריקער דירעקטאר (פארוואלטער) און געהילף־רעדאקטאר פון „די פרייע ארבעטער שטימע״, מיט גרויסער דערפארונג אויפן געביט פון פארוואלטן א צייטשריפט, האט געזאגט דעם שרייבער פון די שורות, אז קיינמאל האט נאך די „פרייע ארבעטער שטימע״ נישט געהאט אזא פינקטלעכן און פאראנטווארטלעכן רעדאקטאר ווי דאס איז ד״ר פראנק.

ווען די „פרייע ארבעטער שטימע״ איז אנהייב 1948 צוליב אומגע־הייערע פינאנסיעלע שוועריקייטן געווארן א צווייוועכנטלעכער ארגאן און די הוצאות האבן געמוזט ווערן פארקירצט — האב איך אויפגעהערט צו ארבעטן ביים ארויסלאזן די נומערן. אבער איך האב נישט איבערגעריסן מיינע באציאונגען מיטן רעדאקטאר און זיין פאמיליע.

כאראקטעריסטיש פאר דער מענטשלעכקייט פון דער פראנק־משפחה איז געווען זייער באציאונג צו מיר בעת א לענגערער קראנקייט, ווען איך בין איבער צוויי חדשים געלעגן צו בעט אין א שטאטישן שפיטאל און דערנאך אריבער אין א סאנאטאריע. זיי האבן נישט דורכגעלאזט קיין איין זונטיק מיך צו באזוכן און מוטיקן מיין גייסט. ד״ר פראנק פלעגט מיר ברענגען ליטעראטור און דארא פשוט שפייז (איך האב נישט פאר־

טראָגן די געשמאַקלאָזע שפּייזן, וואָס מען גיט די קראַנקע אין די שפּי־טאָלן). ד״ר ה. פראַנק, זיין פרוי מיט נאָך עטלעכע גוטע פריינד האָבן מיר פּשוט פאַרלייכטערט מיינע שווערע טעג פון קראַנקייט און היימלאָזיקייט, בעת עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן די ערשטע שווידערלעכע ידיעות וועגן פאַנאַרער הריגה ביי ווילנע, וווּ מיין משפּחה איז געבליבן...

*****

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז ד״ר פראַנקס באַציאונג צו די ביאַליסטאָקער אָרגאַניזאַציעס. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס פראַנק איז געווען אין זיין מענטאַליטעט אַ וועלטמענטש, איז ער אָבער געווען אַ הייסער ביאַליסטאָ־קער פּאַטריאָט.

די ווונדערלעכע שטאָט מיטן אינדוסטריעל־קאָמערציעלן גייסט פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס זיין עקספּאַנסיע האָט זיך אויסגעצויגן אויף די אומענדלעכע שטחים פון אַזיע, מזרח־אייראָפּע און לענדער פון נאָענטן מזרח, האָט אינטריגירט דעם געלערנטן סאָציאָלאָג און פאָרשער ד״ר ה. פראַנק.

ער האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצע ריי מאָנאָגראַפיעס וועגן דער ביאַליס־טאָקער מאַנופאַקטור־אינדוסטריע, וואָס יידן האָבן אַזוי דינאַמיש אַנט־וויקלט. אומצייליקע „ביאַליסטאָקער אַרטיקלען״ האָט ער פאַרעפנטלעכט אין די ביאַליסטאָקער צייטשריפטן אין ניו־יאָרק, באַזונדערס אין דעם סאָ־לידסטן און אינטערעסאַנטסטן רעגיאָנאַלן זשורנאַל „ביאַליסטאָקער שטי־מע״ אונטער דער רעדאַקציע פון דוד סאָהן.

כ׳געדענק ד״ר פראַנקס וויכטיקן אַרטיקל אין „ביאַליסטאָקער שטי־מע״ וועגן העני מאַרגענטויס (סעניאָר) באַזוך אין פּוילן אין אויפטראַג פון שטאַט־דעפּאַרטאַמענט אויסצופאָרשן די אַנטי־יידישע אומרועןן אין ביאַליסטאָקער געגנט (די „באַרימטע״ סטאַנציע לאַפּי *, ווילנע און אַנ־דערע ערטער). מאָרגענטוי איז געווען אויך אין ווילנע און סוף־כל־סוף אַזוי געדרייט, ביז ער האָט אויסגעדרייט אַ סליחה ומחילה פאַר די פּוי־

* אין לאַפּי האָבן פּוילישע לעגיאָנערן שרעקלעך געפּייניקט די דורכפאָרנדיקע און אָרטיקע יידן.

לישע פּאַגראַמשטשיקעס און זייערע אינספּיראַטאָרן. מיר איז געווען ביז גאָר אינטערעסאַנט צו לייענען וועגן אַלע פּרטים, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם באַזוך פון דער „מאַרגענטוי־קאָמיסיע“ אָדער ווי זי האָט זיך גערופן. איך וווּנדער זיך, פון וואַנעט האָט דער דעמאָלט גאָר יונגער פראַנק געקענט וויסן די אַלע איינצלהייטן פון די הינטערקוליסן פון דער „קאָמי־סיע“. מיט אמתער שפּאַנונג האָב איך אין די ביאַליסטאָקער אויסגאַבעס געלייענט ד״ר פראַנקס אויסערגעוויינלעכע אינטערעסאַנטע אַרטיקלען וועגן ביאַליסטאָקער לעבן פון פאַר דער צווייטער מלחמה. איך האָב אָנגעשריבן וועגן איינעם אַ ביאַליסטאָקער אין ווילנע, אַ חשובן געזעלשאַפטלעכן טוער, רעדנער און קולטור־מענטש אין ברייטן זין פון וואָרט — דוד קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי (אַ נאָענטער קרוב פון שלמה קאַפּלאַנסקי). האָט ד״ר פראַנק ממלא געווען מיין אַרטיקל מיט אַן אמתן שלשלת היוחסין פון דער דאָ־זיקער מערקווירדיקער משפּחה. פראַנקס הערות זענען געווען אַ מין תוספות יום־טוב צו טעקסטן אין פאַרשיידענע אויסגאַבעס, וואָס אים איז אויסגע־קומען צו רעדאַגירן אָדער מיטהעלפן ליטעראַריש אין זייער דערשיינונג.

בכלל איז ד״ר פראַנק געווען זייער אָפּגעהיט מיט דאָקומענטאַציע.

דער פּרט איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין אופן שרייבן אין דער גרויסער מאָנאָגראַפיע זיינער וועגן דעם באַוווּסטן פּובליציסט און „קעמ־פער פאַר באַנייאונג פון יידישן לעבן א. ש. זאַקס“. דאָס בוך וועגן זאַקסן אַנטהאַלט ביי 400 זייטן און איז אויסשעפּלעך פאַר דעם ציל, וואָס דער מחבר האָט זיך געשטעלט. דאָרטן ווערט נישט נאָר גענוי געשילדערט די פּערזענלעכקייט פון זאַקסן. ד״ר פראַנק גיט דאָרטן דעם קווערשניט איבער דער גאַנצער תקופה פון דער מאַסן־אימיגראַציע פון אָנהייב פון דעם י״ה און די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע ביזן טויט פון א. ש. זאַקס. דערביי זענען אויף יעדער זייטל דאָ מראי מקומות, פון וואַנעט ד״ר פראַנק האָט געשעפּט זיינע ידיעות. אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן אויף היסטאָרישע טעמעס, האָט פראַנק דאָקומענטירט אויף אַזאַ אופן. פראַנקס ווערק וועגן א. ש. זאַקסן איז ווי געהעריק אָפּגעשאַצט גע־וואָרן אין דער גאַנצער יידישער פּרעסע. אַלע רעצענזענטן האָבן אויסגע־דריקט ממש באַוווּנדערונג פאַר ד״ר פראַנקס אַרבעט, ווי אַ מוסטער פון

פינקטלעכקייט, בקיאות און גענויער דאָקומענטאַציע אין דער געשיכטע פון געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען צווישן יידישע אימיגראַנטן.

***

ד״ר פראַנק איז אין זיינע אַנשויאונגען געווען אַן עטישער סאָציאַליסט. ער האָט נישט נושא פנים געווען קיינעם פון די גרויסע אַפילו, אויב זייערע מעשים האָבן נישט געשטימט מיט זייערע ווערטער. גלייכצייטיק האָט ער זיך אָנגענומען פאַרן כבוד פון רעוואָלוציאָנערע אַנאַרכיסטן. ס׳געדענקט זיך מיר אַ רעפעראַט אין ייוואָ בעת אַ יערלעכער קאָנפערענץ וועגן דעם אָנהייב פון אַנאַרכיזם אין אַמעריקע. דער רעפעראַט האָט, לויט מיין מיינונג, אָביעקטיוו געשילדערט די מענטשן און די געשעענישן אַרום דער אַנטשטאַנענער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. די הויפּטפיגורן זענען געווען יאָהאַן מאָסט מיט זיין „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט״, אַלעקסאַנדער בערקמאַן, עמאַ גאָלדמאַן א״אנד. האָט דער רעפערענט דערציילט וועגן דער פיינדשאַפט, וואָס האָט געהערשט צווישן בערקמאַנען און — אויב מיין זכרון דינט מיר — יאָהאַן מאָסטן, צוליב זייער באַציאונג צו עמאַן, ווי אַ פרוי. ד״ר פראַנק האָט נאָכן פאַרענדיקן דעם רעפעראַט גלייך געבעטן אַ וואָרט און אין אַן אויפגערעגטן טאָן — וואָס איך האָב זייער זעלטן געהערט ביי אים — האָט ער באַצייכנט אַ ריי שטעלעס פון רעפעראַט. ווי פשוטע רכילות, באַקרעפטנדיק זיינע אַרגומענטן מיט פאַקטן סיי פון דער אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור, סיי דורך מיינונגען פון מענטשן, וואָס האָבן געקענט די אבות פון אַנאַרכיזם אין אַמעריקע. געוויס איז ד״ר פראַנק געווען ווייט פון יאָהאַן מאָסטס „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט״ (טעראָר קעגן פאַרשטייער פון גרויסן קאַפּיטאַל) כרחוק מזרח ממערב. דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט זיך איינצושטעלן פאַרן כבוד פון די, וואָס זענען צוליב אידעאַליסטישע מאָטיוון אַוועק אויף פאַלשע וועגן.

אין די אַנטאַגאָניזמען צווישן „מזרח״ און „מערב״ האָט ער, ווי אַן עטישער סאָציאַליסט, געטאַדלט ביידע צדדים, וואָס ווילן איבעריאָגן איינע די אַנדערע מיט וואָפן, אָבער נישט מיט מענטשלעכע הומאַנע טאַטן. „מזרח״ איז טאַקע דער אַנגרייפער — אָבער די פעלערן פון מערב האָט

דער ערלעכער פובליציסט פראַנק נישט געוואָלט און נישט געקענט פאַר־זען.

ער איז געווען זייער טאָלעראַנט צו אַנדערע ערלעך דענקענדיקע קעג־נער. אַליין איז ער געווען אַ קאָנסעקווענטער עטישער סאָציאַליסט, ביי וועלכן דער מענטש, דער יחיד איז געווען אַ קליינע וועלט פאַר זיך. דאָס האָט זיך באַזונדערס אויסגעדריקט אין זיין לעצטער גרעסערער מאָנאָ־גראַפיע „אַנאַרכאָ־סאָציאַליסטישע אידעען און באַוועגונגען ביי יידן". לויט דער מענטאַליטעט זיינער איז ער געווען זייער נאָענט צו דעם גע־דאַנקענגאַנג פון ד"ר י. נ. שטיינבערג, דעם יידישן סאָציאַליסט און טע־ריטאָריאַליסט. ד"ר פראַנק און להבדיל בין החיים והמתים ח. ש. קאַזדאַן און י. נ. שטיינבערג האָבן געשאַפן דעם „פרייען יידישן קלוב", וועלכער גיט אַרויס ביולעטינען וועגן וויכטיקע יידישע פּראָבלעמען, וואָס געפינען נישט קיין אָפּשפּיגל אין דער טעגלעכער יידישער פּרעסע און פּאַרטיי־זשורנאַלן, ווייל יענע זענען נישט פריי, מילד גערעדט, פון איינזייטיקייט און מערהייט־השפעות. דער „ביולעטין" באַקעמפט די אומקריטישע באַ־ציאונג צו געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען און ריכטונגען, מעגן זיי אַפילו זיין דער קנין פון אַ גרויסער מערהייט.

עס איז נישט לייכט צו שווימען קעגן שטראָם, קעגן פּאַרטייאישקייט, אָבער ד"ר פראַנק מיט זיינע חברים און אידעען־פריינד האָט זיך דערפאַר נישט אָפּגעשראָקן. ער האָט געמוזט רעזיגנירן פון זיין פּאָסטן ווי רעדאַק־טאָר פון „די פרייע אַרבעטער שטימע", ווייל ער האָט נישט געקענט פאַר־טיידיקן זיינע אמתן און איבערצייגונגען, ווי ער האָט דאָס פאַרשטאַנען.

ד"ר מוקדוני דערציילט, אַז ד"ר פראַנק, דער סאָלידער פובליציסט, האָט געפּרוווט געפינען אַרבעט אין דער ניו־יאָרקער טאָגפּרעסע, אָבער אומזיסט האָט ער געקלאַפּט אין פאַרמאַכטע טירן...

אָן ספק האָט דער צושטאַנד פון אומבאַשטימטקייט, אַרבעטסלאָזי־קייט און פעלן פון אַ טריבונע פאַרקירצט די יאָרן פון דעם ריטער־פובלי־ציסט „אָן מורא און אָן פאַרוווּרף".

„פריילאַנד", יאַנואַר, 1935 — „ביאַליסטאָקער שטימע", יאַנואַר־פעברואַר, 1953.

דוד קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי

איינע פון די קאָלירפולסטע פיגורן אין ווילנע, וואָס איז אומגעקומען גאָר קורץ פאַר דער באַפרייאונג פון דער שטאָט, איז געווען דוד קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי. אַ באַקאַנטער כלל־טוער, רעדנער, מעצענאַט, דעמאָקראַט. אגב אַ ייד אַ נגיד, וואָס האָט זיך געחברט נאָר מיט „האָלאָדראַנצעס״: שרייבער, קינסטלער, מוזיקער, לערער א״אנד פאָרשטייער פון יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ *.

ער האָט באַקומען אַ גוטע וועלטלעכע און יידישע דערציאונג, און האָט געענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג די עקאָנאָמישע אָפּטיילונג פון באַרימטן פעטערבורגער פּאָליטעכניקום (וואָס גראַף וויטע, דער „ליבעראַל״ פון דער צאַרישער רעגירונג און פינאַנס־מיניסטער, האָט געגרינדעט און איינגעלאַדן אַהין עטלעכע ליבעראַלע פּראָפעסאָרן).

שוין זייענדיק אַ סטודענט, האָט ד. קאַפּלאַנסקי זיך אינטערעסירט מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, געהערט צו פאַרשיידענע געהיימע קרייז־

---

* דוד קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי האָט געשטאַמט פון ביאַליסטאָק און איז געווען דער זון פון עליאַס (אליהו) קאַפּלאַן, פון די צוויי ברידער (דער צווייטער האָט געהייסן נחמן), די זין פון טעמע קאַפּלאַן־בישקאָוויטש, וועלכע האָט געגרינדעט דעם באַוווסטן גרויסן אייזן־געשעפט אויף דייטשער גאַס אין איר אייגענער הויז. די צוויי זין אירע האָבן געפירט דאָס געשעפט יאָרן נאָך טעמעס טויט. דער פאָטער דודס איז געווען זייער אַ שטילער, באַלעבאַטישער מענטש, זייער פרום, אָבער נישט באַזונדערס גענייגט צו נאַציאָנאַל־יידישע אידעאַלן, הגם אין שטוב ביי זיי האָט זיך געפירט אַ שטרענג־טראַדיציאָנעלער שטאט. די מאַמע, עוואַ קאַפּלאַן, האָט געשטאַמט פון דער חשובער ריגער משפחה וואָל־פערט און האָט שטענדיק גערעדט אַ „ריגער דייטש״, און האָט צו יידיש אַפילו קיין שוואַכע ליבע אויך נישט געהאט. אין 1907 האָט דוד געענדיקט די ביאַליסטאָקער קאָמערץ־שולע. זיין שוועסטערקינד (נחמנס זון) אַהרן־שלמה קאַפּלאַנסקי, איז שוין דעמאָלט געווען אַ באַקאַנטער פּועלי־ציוניסטישע פירער, אָבער ער, דוד, מיט אַ יאָר 7־8 ייִנגער פון זיין קוזין, האָט אַלס בחור קיין באַזונדערן אינטערעס צו נאַציאָנאַלע אַקטיוויטעטן נישט אַרויסגעוויזן. ערשט אַביסל שפּעטער, אין די סטודענטן־יאָרן אין פעטערבורג, האָט מיטאַמאָל זיך אָנגעצונדן אין אים אַ גרויסער נאַציאָנאַל־יידישער אידעאַליסטישער פייער.

לעך פון דער רעוואָלוציאָנערער לערניוגנט. אָבער ער איז אויך גלייכצייטיק אַרויסגעטראָגן אויף דעם פאָרום פון אַ ברייטערער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין פעטערבורג, באַזונדערס אויפן געביט פון הילפסאַרבעט בעת דער מלחמה.

באַשאָנקען מיט אַ גרויסן רעדנערישן טאַלאַנט (און אגב אויך אַ באַצויבערנדיקע אויסערלעכקייט: הויך, שלאַנק, מיט אַ „יידישער" קאָפּ־האָר און באָרד), האָט דער יונגער קאַפּלאַנסקי געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון פעטערבורגער יידישע כלל־טוער. ער האָט אויסגעפירט פאַרשיידענע פאַראַנטוואָרטלעכע געזעלשאַפטלעכע שליחות אין די שטורמישע צייטן פון מלחמה און רעוואָלוציע.

קאַפּלאַנסקי איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער יידישער פאָלקס־פּאַרטיי, וועמענס פירער איז געווען שמעון דובנאָוו, שפּעטער אויך ד״ר צמח שאַבאַד פון ווילנע, נח פּרילוצקי און ה. ד. נאָמבערג פון וואַרשע, עוזר פינקעלשטיין פון קאָוונע, פּסח קאַפּלאַן פון ביאַליסטאָק א״אנד באַוווסטע פּערזענלעכקייטן.

קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי האָט חתונה מיט אַ טאָכטער פון אַ ווילנער באַקאַנטער באַלעבאַטישער פאַמיליע (כאַלעם) און באַזעצט זיך אין ווילנע אין 1918. דאָ נעמט ער גלייך אָנטייל אין אָרגאַניזירן די וואַלן צו דער ערשטער דעמאָקראַטישער קהילה.

ער האָט גרויס דערפאָלג ביי אַלע וואַל־מיטינגען און העלפט איז אַ גרויסער מאָס דעם זיג פון דער דעמאָקראַטישער יידישער פאָלקספּאַרטיי. ד״ר צמח שאַבאַד ווערט פאָרזיצער פון דער יידישער קהילה. פון יענער צייט אָן ווערט קאַפּלאַנסקי אַ קענטיקע פיגור אין ווילנער יידישן לעבן.

ער איז ראַטמאַן פון קהילה און שטאָטראַט. נעמט אַ טיכטיקן אָנטייל אין אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום יידישן קולטורעל־פּאָליטישן לעבן. ער איז געווען מיטגליד פון פאַרוואַלטונג פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, צענטראַלן בילדונג־קאָמיטעט (צ.ב.ק.), פּאָרזיצער פון עלטערן־קאָמיטעט אין דער יידישער רעאַל־גימנאַזיע א״אַנד.

עס וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט אויסצורעכענען אַלע זיינע טעטיקייטן אויף פאַרשיידענע געביטן.

ווילנע האָט פאַרמאָגט אַ היפּשע צאָל מערקווירדיקע געזעלשאַפטלע־כע עסקנים, און קאַפּלאַנסקי איז געווען איינער פון זיי.

נאָר ער האָט זיך דאָך אויסגעטיילט פון אַנדערע יידישע באַלעבאַ־טיש־גבירישע טוער מיט זיין פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ן ביישפּיל.

נישט געקוקט אויף דעם וואָס ער האָט געשטאַמט פון אַ פאַמיליע, וואָס איז געווען גלייכגילטיק צו נאַציאָנאַלע ווערטן, האָט קאַפּלאַנסקי שטאַרק ליב געהאַט די יידישע קולטור. דאָס מיינט יידישע שפּראַך, ליטע־ראַטור, קונסט, מוזיק, דערציאונג. ער איז געווען נישט נאָר אַ נאה דורש נאָר אויך נאָה מקיים.

ער האָט געהאַלטן פון פּרינציפּ, אַז יידן, באַזונדערס אין געגנטן מיט אַ געמישטער שפּראַך, מוזן ריידן אויף זייער אייגענעם לשון. זיין פרוי האָט קיין יידיש נישט געקענט. אָבער זי האָט זיך שנעל אויסגעלערנט. און ביי אים אין שטוב האָט מען גערעדט נ אָ ר יידיש. זיין איינציקן זון האָט ער אָפּגעגעבן אין דער יידישער רעאַל־גימנאַזיע. פּרינציפּיעל האָט ער נישט געוואָלט, אַז זיין זון זאָל גיין אין אַ פּוילישער גימנאַזיע, וואָרעם דאָס וואָלט דאָך געווען דער בעסטער ביישפּיל פאַר נישט שטאַנד־האַפטיקע יידישע אינטעליגענטן, וואָס ציען זיך שטענדיק צו פרעמדע קולטורן און „ברעכן דעם יידישן פּראָנט". ער האָט צוליב דעם זיין איינ־ציקן געראָטענעם זון אַוועקגעשיקט אין ענגלאַנד, ווייל אַן אַ דיפּלאָם פון אַ פּוילישער שול האָט דער זון נישט געקענט אָנקומען אין אַ פּוילישער הויכשול.

דוד קאַפּלאַנסקי האָט געהאַט אַן אויסגעצייכנטע יידישע ביבליאָטעק. ער פלעגט קויפן אַלע יידישע ביכער וואָס האָבן זיך באַוויזן אויפן ביכער־מאַרק.

ער פלעגט אויך קויפן בילדער פון יידישע קינסטלער. זיין רחבות־דיקע וווינונג האָט אויסגעזען ווי אַ קליינער יידישער מוזיי. און זיין הויז איז טאַקע געווען אַ מין בית ועד לחכמים, אַ זאַמלפּונקט, אַ צענטער פאַר יידישע שרייבער, קינסטלער, אָדער סתם אָנגעזעענע געסט, וועלכע פלעגן קומען קיין ווילנע.

ער איז געווען דער ערשטער צו געבן מיט אַ ברייטער האַנט פאַר יעדער קולטורעלער יידישער אונטערנעמונג, אויף אַרויסגעבן אַ יידישן

בוך מיט אַ שיינעם אויסזען, שטיצן יידישן טעאַטער. ער האָט פאַרנומען איינעם פון די אָנגעזעענסטע ערטער אין דער יידישער קונסט־געזעלשאַפט, וואָס האָט אויסגעהאַלטן אַ טעאַטער־סטודיע.

יאָרנלאַנג איז ער געווען אַ מיטגליד פון דער יידישער שול־אָרגאַני־זאַציע פאַר ווילנער פראָווינץ (יישא). ער פלעגט נישט דורכלאָזן קיין יידישן שול־יום־טוב און אַרויסטרעטן דאָרטן מיט זיינע גלענצנדע רעדעס.

אים איז שטענדיק אויסגעקומען צו פירן אַ קאַמף מיט דער פוילי־שער שול־מאַכט פאַר די רעכט, אָדער ריכטיקער געזאָגט, עקזיסטענץ פון יידישע שולן. מיט זיינע אינטערווענצן האָט די שולמאַכט זיך געמוזט רעכענען. ס'האָט אימפּאָנירט זיין אויסערלעכקייט מיט די מאַנירן פון אַן אַריסטאָקראַט און די גרויסע איבערצייגונגס־קראַפט פון זיינע רעדעס.

ביים אָנקומען פון דער רויטער אַרמיי אין 1939, איז קאַפּלאַן־קאַ־פּלאַנסקי געווען דער ערשטער זי צו באַגריסן, הגם ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז צו זיין גבירישקייט איז געקומען אַ סוף. די אינטערעסן פון יידישע פאָלקסמאַסן זענען געווען ביי אים טייערער ווי זיין אייגענער ווילזיין.

מיר האָבן נישט קיין גענויע ידיעות וועגן זיין טעטיקייט בעת דער ליטווישער, סאָוועטישער און ענדלעך להבדיל דייטשישער ממשלה. ביז היטלערס אינוואַזיע איז ער געווען דער פאָרזיצער און פירער פון באַ־רימטן ווילנער ספּאָרט־פאַראיין „מכבי", וואָס האָט צוגעגרייט מוטיקע יידישע קעמפער פון געטאָ, די קדושים פון דער נייער צייט...

דוד קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי האָט באַקעמפט יענע יידן, וועלכע האָבן געוואָלט מיט הכנעה צופּאַסן זיך צו יעדן סאָרט מאַכטהאָבער. ער האָט געהאַט רעכט דערצו, ווייל ער האָט זיך נישט געבויגן פאַרן שטאַרקן. בעת דער „דייטשישער" געטאָ אין ווילנע, האָט קאַפּלאַנסקי געטאָן זיין קולטור־רעלע אַרבעט בשלימות.

אומגעבראַכט האָבן אים מיט זיין איינציקן זון די דייטשן אויפן וועג פון איין קאָנצענטראַציע־לאַגער צום צווייטן, פאַרן אָנקומען פון דער סאָ־וועטישער אַרמיי. קאַפּלאַנסקי איז געווען אין אָנהייב פון זיינע 50ער יאָרן.

צווישן די אַלע מאַרטירער פון געטאָ וועט דוד קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקיס נאָמען פאַרנעמען איינעם פון די אָנגעזעענסטע ערטער.

משה קאַרפּינאָוויטש

משה קאַרפּינאָוויטש איז געווען איינער פון די אָריגינעלסטע טעאַטער־מענטשן, ביי וועמען יידיש טעאַטער איז געווען זייער לעבן, זייער סטיכיע און וועלכע האָבן אויף דעם געביט אין זייער צייט עוקר הרים געווען.

ער איז געווען אַ קאָמבינאַציע פון שלום עליכמס האַצמאַך (אין „די בלאָנדזשענדע שטערן") מיט פאַרשיידענע גרינדער פון בעסערע ליטעראַרישע טרופּעס. און אויב וווּ אין אַ שטאָט אין פּוילן, אין די שווערע יאָרן צווישן ביידע וועלט־מלחמות, האָט געקענט עקזיסטירן, כמעט פּערמאַנענט, אַ יידישער טעאַטער, איז עס אין אַ היפּשער מאָס אַ דאַנק קאַרפּינאָוויטשן.

ער איז אַליין נישט געווען קיינמאָל אַפילו קיין אַקטיאָר. שוין זייענדיק אַן אונטערנעמער, האָט ער איין מאָל פאַרביטן אַן אַרטיסט, וואָס איז קראַנק געוואָרן. געשפּילט האָט קאַרפּינאָוויטש דעם משולח אין „דיבוק" און דורכגעפאַלן. ער האָט אַלע מאָל גערעדט אין איין טאָן — אַ רעטשיטאַטיוו־מאָדולאַציע, אָן מימיק. און אַזוי איז אויך געווען בעת זיין איינציקן אַרויסטריט. זיין פּנים מיט זיין פעך־שוואַרץ בערדל פון אַ ביבלישן אַסיריער האָט אויסערלעך אויסגעדריקט רואיקייט, אַפילו גלייכגילטיקייט. אין דער אמתן האָט אינעווייניק אין אים געברויזט דער ווילן צו ברענגען קיין ווילנע די בעסטע אַנסאַמבל־טרופּעס, די טאַלאַנטירטסטע אַרטיסטן; עס האָבן געמעגט זיין אַפילו אָפּערעטן־אַרטיסטן, סוברעטינגס א"אַנד, אויב נאָר זיי האָבן געהאַט דעם געטלעכן פונק פון טאַלאַנט.

זיין טעאַטראַלע טעטיקייט האָט געדויערט, מיט קליינע איבעררייסן, בערך 20 יאָר (1919־1939). פאַר דער צייט האָט קאַרפּינאָוויטש אַראָפּגעבראַכט קיין ווילנע צענדליקער און צענדליקער „סטאַרס", טאַקע אמתע שטערן פון דער טעאַטער־וועלט, אָנהייבנדיק פון אסתר־רחל קאַמינסקי, א. סאַמבערג, פּאול באַראַטאָוו (בן־צבי), פּאָטאָצקאַ ביז די גלענצנדיקע

אַנסאַמבלען פון „סמבטיון“, „עזאזל“ א״אנד. פּאַר קאַרפּינאָוויטשן האָבן נישט עקזיסטירט קיין מאַטעריעלע שוועריקייטן ביים אַנגאַזשירן גוטע אַרטיסטן. ער האָט נאָכגעגעבן זייערע מאַטעריעלע פאַרלאַנגען, הגם אליין איז ער געווען אַ „גביר“ פון דער פאַרקערטער זייט. און קיינער האָט נישט געקענט באַגרייפן ווי אַזוי ער איז מפרנס זיין גאַנץ גרויסע משפחה, ווען דער טעאַטער אין ווילנע האָט זייער אָפט געהאַט די גרויסע הכנסה פון... דעפיציטן. ער האָט געהאַט זעקס קינדער, וואָס האָבן, אגב, אַרויס־געוויזן גראָד גוטע אַרטיסטישע און מוזיקאַלישע פעאיקייטן.

ווענגן קאַרפּינאָוויטשן זענען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס. מען האָט אָפט איבערגעטריבן זיין קאַלטבלוטיקייט, זיינע „זאָגן“ צו אַרטיסטן, מיט וועל־כע ער האָט פאַרהאַנדלט.

ביי דער טעאַטער־אַרבעט פון אַזאַ ברייטן פאַרנעם האָט קאַרפּינאָ־וויטש געהאַט אומענדלעכע שוועריקייטן, סיי מאַטעריעלע און סיי מאָראַ־לישע. אַלע האָבן ביי אים געמאָנט. די אַרטיסטן — זייער געהאַלט, די בינע־אַרבעטער, די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייננען — זייערע לוינען.

די טעאַטער־געזעלשאַפט האָט געהאַט תרעומות צו אים פאַר נישט פירן קיין „געזונטע“ באַלעבאַטישקייט, אָדער פאַר נישט אַנגאַזשירן אַלע מאָל קיין פּאַסיקע טרופּעס. די בינע־אַרבעטער, די דעקאָראַטאָרן, האָבן גאָר נישט זעלטן געדראָט מיט שטרייקן, מיט אומר ועושהס, אָבער אַ דאַנק משה קאַרפּינאָוויטשעס מזג טוב און רואיקייט האָט ער עס געקענט דורכטראָגן. זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט אַלעמאָל מיט אַ „העפּי ענד“.

איין זאַך האָט קאַרפּינאָוויטש געדענקט, אַז וואָס עס זאָל נישט פּאַ־סירן אין אָנבליק פון די אַלע פערזענלעכע צרות און שוועריקייטן, טאָר דער יידישער טעאַטער דערפון נישט ליידן. ירושלים ד׳ליטא און אויך אַנדערע שכנישע שטעט מוזן זיין באַזאָרגט מיט דער סצענישער קונסט.

קאַרפּינאָוויטש איז פון דער נאַטור געווען אַ רואיקער מענטש. ער האָט נישט שטאַרק מקפיד געווען, אַז אין טעאַטער זאָלן זיך נישט אַריינ־קריגן מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין רעכט אויף אומזיסטע בילעטן. אָפט אין די וואָכעדיקע טעג פלעגט דער טעאַטער־עולם באַשטיין נאָר פון צו־שויערס, וואָס פלעגן נישט צאָלן פאַר בילעטן.

אַרום טעאַטער האָט קאַרפּינאָוויטש געאַרבעט שיעור נישט 24 שעה אין מעת־לעת. ער האָט אַליין געשריבן די מעלדונגען, וואָס האָבן נישט זעלטן געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ רעצענזיע.

שפּעט ביינאַכט פלעגט ער אַליין אַריינגיין אין די דרוקערייען ווו עס האָבן זיך געדרוקט די יידישע צייטונגען, נאָכזען צי אַלע מעלדונגען, נאָטיצן, מודעות זענען אַריין אין דער מאָרגנדיקער צייטונג. בייטאָג — בייזיין אויף רעפּעטיציעס, אַכטונג געבן אויף דעקאָראַציעס, צוגרייטן דעם רעקוויזיט און אַלץ וואָס פאָדערט זיך פאַר אַ פאָרשטעלונג. נאָך די פאָרשטעלונגען האָט מען געדאַרפט גיין מיט די אַרטיסטן אין רעסטאָראַן צו „וועלפּקען". מ'קען אָננעמען, אַז דער דאָזיקער וועלפּקע איז געווען אַ מתן בסתר־מעצענאַט פון יידישן טעאַטער. אויב קאַרפּינאָוויטש האָט נישט געהאַט פאַר אַלעמען צו צאָלן, האָט וועלפּקע „קרעדיטירט" מיט „לכשירחיב" די אַרטיסטן וואָס האָבן נישט געהאַט, אויסער די „סטאַרס", קיין געבראָכענע פּרוטה אין קעשענע. קאַרפּינאָוויטש האָט זשירירט.

דער יידישער טעאַטער אין ווילנע האָט אונטער קאַרפּינאָוויטשן אַזוי אָדער אַנדערש געלעבט, אַפילו געדייעט.

משה קאַרפּינאָוויטש, דער ווילנער טעאַטער־דירעקטאָר, איז געווען אַ ישיבה־בחור, איידער ער האָט אָנגעהויבן זיין טעאַטער־קאַריערע. זיין פאָטער איז געווען אַ רב אין שטעטל לאַהויסק, מינסקער גובערניע. דער יונגער קאַרפּינאָוויטש האָט אָבער פּורץ גדר געווען, לויט דעם שטייגער פון יונגעלייט אין סוף פון פאַריקן און אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט. געוואָרן אַ זעצער, אַ מעטראַמפּאַזש, אַ ליטאָגראַף, אַן אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון יידישע צייטונגען אין מינסק און אין ווילנע.

אין די צייטונגען וואָס קאַרפּינאָוויטש האָט אַרויסגעגעבן, האָט ער, ווי אַ רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער, אַרויסגעוויזן אַ היפּשן מוט. אין ווילנער אַרכיוו פון ייוואָ, וואָס איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון די נאַציס, האָבן זיך אָפּגעפונען עטלעכע פּראָטאָקאָלן פון געריכט און פון גובערנאַטאָר וואָס ריידן וועגן קאַרפּינאָוויטשעס „פּרעסע־חטאים", פאַר וועלכע ער איז באַשטראָפט געוואָרן. די אָפיציעלע קאָפּיעס פון קרייז־געריכט און פון גובערנאַטאָר זענען אַזוי כאַראַקטעריסטיש סיי פאַר דער רוסישער

אַדמיניסטראַציע, סיי פאַר דער דעמאָלטיקער יידישער געזעלשאַפטלעכ־קייט, סיי פאַר קאַרפּינאָוויטשן גופא, דעם דעמאָלטיקן קעמפער פאַר דער יידישער קולטור און פאַר יידישע רעכט, אַז מיר מוזן ברענגען עטלעכע אויסצוגן פון די דאָקומענטן. איין פּראָטאָקאָל איז דאַטירט דעם 30סטן סעפּטעמבער 1911 יאָר:

„לייבאַ מאָוושאַ עליעוו קאַרפּינאָוויטש, זייענדיק דער פאַראַנט־וואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון „פּאָלקסבלאַט", האָט געדרוקט אין נו־מער 32 פון זיין צייטונג, אונטערן קעפּל „אָפּגרונט", ליגנערישע ידיעות וועגן דער טעטיקייט פון דער טורמע־אַדמיניסטראַציע, וואָס וועקן אויף אין דער באַפעלקערונג פיינטלעכע געפילן לגבי דער רע־גירונג".

וואָס אַזוינס האָט קאַרפּינאָוויטש געשריבן? ער האָט געשריבן, אַז די אַרעסטירטע (פּאָליטישע?) טאָרן נישט רויכערן, זינגען, באַקומען ביכער, טאָרן נישט אָטעמען מיט פרישער לופט, אויסער אַ מינוט „פּראָגולקע". פון אַזאַ רעזשים מוזן די אַרעסטירטע משוגע ווערן. ס׳האָט זיך אָבער גע־פונען אַ מענטש, וואָס האָט פאַר אַ צורת מטבע דערלויבט די זאַכן. — דער געשווירענער איבערזעצער, געהילף־ראַבינער שמואל שרייבער, האָט געפּרוווט אָפּשוואַכן די שאַרפקייט פון קאַרפּינאָוויטשעס אָנגריף דורך אַ מילדערער איבערזעצונג. ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן און קאַרפּינאָוויטש איז פאַרמשפּט געוואָרן צו 500 רובל שטראָף, אָדער צוויי וואָכן אַרעסט.

אין מינסקער „וואָכנבלאַט", וואָס קאַרפּינאָוויטש האָט אַרויסגעגעבן אין 1912, איז ער אַרויסגעקומען מיט אַזאַ „באַליידיקונג" לגבי קריסטן, לויטן באַריכט פון גובערנאַטאָר:

„אַלע צענדליקער טויזנטער רובל וואָס ווערן געקליבן פאַר דעם יידישן שפּיטאָל, ווערן דורך די גבאים אָפּגעגעבן צו קריסטן. און דאָס אין אַ צייט, ווען מען שטיקט און אונטערדריקט דעם יידן אויף פאַר־שיידענע אופנים. מען רייסט אַרויס ביי אים דאָס לעצטע ביסן ברויט".

און ווייטער, אין זעלביקן אַרטיקל פון קאַרפּינאָוויטשן:

„אַלע קראַנקנשוועסטער זענען קריסטינס, וואָס פאַרוואַנדלען דעם יידישן שפּיטאָל אין אַ „הייזל״.

אַ גאַנצע זייט איז געווידמעט דעם ערשטן נומער פון „מינסקער וואָכנבלאַט״. דער פּראָטאָקאָל פונעם וויצע־גובערנאַטאָר דערציילט, אַז אין דעם אַרטיקל אונטערן קעפּל „אונדזער ציל״, ווערט געזאָגט:

„דאָס פעלן פון אַ יידישער צייטונג (אין מינסק) האָט זיך זייער שעדלעך אָפּגערופן אויפן קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די אָרטיקע יידן. מינסק מוז האָבן אַ צייטונג, וואָס זאָל פאַריידישן די יידישע געמיינדע און דעמאָקראַטיזירן דאָס יידנטום״.

אין אַן אַנדער אַרטיקל, אונטערגעשריבן „מ. וו.״, ווערט געזאָגט, אַז די גלייכגילטיקייט צו דער יידישער נאַציאָנאַלער קולטור האָט אַרויפגעלייגט אַ שטעמפּל אויף דער גערעדטער יידישער שפּראַך און אויף דעם גאַנצן אָרטיקן יידנטום, אַז די היגע יידן ווערן פאַרכאַפּט פון דער רוסישער שפּראַך און ברעכן די ציין אויף רוסיש. פרעגט זיך, צי זענען ראוי, צי זענען פעאיק אַזעלכע מענטשן צו שטיין בראש פון יידישע אנשטאַלטן און בכלל פאַרטיידיקן די יידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן?

און נאָך אַ חטא האָט דער גובערנאַטאָר געפונען אין קאַרפּינאָוויטשעס אַ נאָטיץ וועגן פייערן דעם 100־יאָריקן יובל פון נאַפּאָלעאָנישן קריג מיט רוסלאַנד (1812). „מען פייערט דעם יום־טוב (אין דער אַדמיניסטראַציע) מיט אַ היפּשער דאָזע פון געטראַנקען (שנאַפּס)״. פאַר די אַלע חוטא בעגלס באַשטראָפט דער גובערנאַטאָר קאַרפּינאָוויטשן מיט 500 רובל אָדער צוויי חדשים תפיסה. פאַרשטייט זיך, אַז קאַרפּינאָוויטשעס צייטונגען, סיי אין מינסק און סיי אין ווילנע, האָבן שוין נישט געקענט עקזיסטירן.

ער איז אומגעקומען מיט אַלע קדושים וטהורים פון ירושלים ד׳ליטא. תנצב״ה.

צום גליק זענען פון זיין משפחה פינף קינדער געבליבן לעבן.

„טאָג״, דעצעמבער 2, 1954.

אליעזר קרוק

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און גלײַך אויף שפּעטער, האָט זיך אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט אַ באַדייטנדיקער שיכט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, וואָס ביזן יאָר 1915 איז ער געווען פאַררוקט אין שאָטן און האָט קיין שום ראָל נישט געשפּילט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס איז געווען דאָס האַנטווערקערטום, פּשוט גערעדט, די בעלי־מלאכות. ביז דעמאָלט האָבן „ייִדישע פּאָליטיק" „געמאַכט" נאָר די אייבערשטע שיכטן: סוחרים, אינטעליגענטן און פּאַרטיי־פירער. ביי דעם בעל־מלאכה האָט מען קיין דעות נישט געפרעגט. צום בעל־מלאכה האָבן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זיך אויך באַצויגן מיט אַ שטיקל גרינגשאַצונג. עפּעס איז ער אַ באַלעבאָס, אַ קליינבירגער, הגם זייער אָפט אַ ביטערער אָרעמאַן, וואָס האָט נישט וועלן עס זאָל זיך פאַר אים אָננעמען. אין בית־המדרש איז די פּאָליש געווען זיין נאָענטסטע „שטאָט". אויף די אַרבעטער־בירזשעס האָט מען אים נישט געזען — נישט ער איז אַהין געקומען און נישט מען האָט געוואַרט אויף אים *.

די מלחמה־ און אָקופּאַציע־יאָרן 1914–1918 האָבן אַרייַנגעבראַכט אַ קאָלאָסאַלן שינוי אין דער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור פון פאַרשיידענע שיכטן ביי ייִדן. די פאַרמעגלעכע שיכטן זענען אָדער עוואַקואירט אָדער אָרעמער געוואָרן. אָבער דאָס לעבל ברויט איז נישט געווען בנמצא. און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן די גוואַלדיקע קראַפט פון דעם ייִדישן קהלשן לעבן: אָרגאַניזאַציע, קעגנזייטיקע הילף. ספּאָנטאַן זענען אויפגעקומען פאַרשיידענע פאַרבאַנדן און קאָאָפּעראַטיוון. די דייטשן האָבן לכתחילה געהאַט פּאַראַליזירט דאָס עקאָנאָמישע לעבן, אָבער דאָס אינעווייניקסטע לעבן פון דער באַפעלקערונג האָבן זיי געלאָזט פריי זיך אַנטוויקלען, זיי

---

* למען האמת דאַרף מען זאָגן, אַז דער פּוילישער „בונד", בפרט אין משך פון דער 20־יעריקער זעלבשטענדיקייט פון פּוילן, האָט יאָ געהאַט אַ סאָציאַליסטישע האַנטווערקער־סעקציע, וואָס האָט אין די לעצטע יאָרן אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע טעטיקייט.

האָבן אויף יעדן פאַל זיך נישט שטאַרק געמישט. כאַראַקטעריסטיש זענען דעמאָלט געווען די נעמען פון יידישע קאָאָפּעראַטיוון: עזרת־אחים, אחיעזר, מלביש ערומים און פיל אַנדערע לאחדים־קרעמערס, קאָאָפּעראַטיוון פון פאַרשיידענע קלויזן און קאָאָפּעראַטיוון פון אַלערליי פאַכן. צום בעסטן זענען אין די גרעסערע שטעט געווען אָרגאַניזירט די פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען. זיי האָבן געהאַט זייערע אייגענע קאָאָפּעראַטיוון און קיכן. אַזוי איז אין ווילנע, צ״ב. באַרימט געווען די קיך אויף זאַוואַלנע 60, וואָס האָט קאָנצענטרירט אין זיך אַלע אַרבעטער־אינסטיטוציעס. דער הויפּטפירער פון דער ווילנער יידישער אַרבעטערשאַפט איז געווען דער ספּעציעלער „בונד״־דעלעגירטער אַהין (אין אויגוסט 1915), ב. מיכאַלעוויטש, וואָס האָט אין דער אָקופּאַציע־צייט געשפּילט אַ ביז גאָר וויכטיקע ראָל ביים אונטערהאַלטן די שטימונג פון דער גאַנצער באַפעלקערונג דורך קולטור־אַרבעט און אָרגאַניזאַציע.

די קלענערע קאָאָפּעראַטיוון האָבן לאַנג זיך נישט געהאַלטן. דער דוחק אין פּראָדוקטן און אין רוישטאָפן איז געוואָרן שאַרפער (די דייטשן האָבן צוגענומען אַלץ וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט) און נאָר גרעסערע אָרגאַניזאַציעס זענען געבליבן אויף דער אייבערפלאַך. זיי האָבן געהאַט געוויסע פּריווילעגיעס ביים איינקויף.

און אָט האָט זיך אין אַפּריל 1916, מיט דער מיטהילף פון געציילטע געזעלשאַפטלעכע טוער (ד״ר וויגאָדסקי, ד״ר שאַבאַד, אינזש׳ קלעבאַנאָוו א״אַנד) געגרינדעט דער יידישער האַנטווערקער־פאַראיין, וואָס האָט צו־געצויגן צו זיך כמעט אַלע ווילנער בעלי־מלאכהס פון צענדליקער און צענדליקער פאַכן. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט דער ווילנער האַנט־ווערקער־פאַראיין פאַרמאָגט אַ דריי טויזנט מיטגלידער און איז טאַקע געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר.

די ווילנער האַנטווערקער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט דער פאַר־שיידנאַרטיקייט פון זייערע אויסאַרבעטן. זיי זענען געשטאַנען אויף אַ גאַנץ הויכן ניוואָ, אַזוי גוט ביי די סטאָליער, טאָקער, גראַווירער, האָפּטער, (גאָלד־נייער), שניידער, שוסטער, שילדן־מאָלער א״אַנד. די דייטשן האָבן

נישט געקענט געבוג זיך אָנווונדערן פון זייערע אויסאַרבעטן און האָבן געקויפט פאַר זייערע פאַמיליעס „יידישע סוווענירן".

צווישן די האַנטווערקער גופא האָבן זיך אַרויסגערוקט עטלעכע פערזאָנען, וואָס האָבן זיך געהאַט באַפרייט פון דער אַפּוטרופּסות פון די געזעלשאַפטלעכע טוערס און האָבן מיט אַלע זייערע ענינים אָנגעפירט אין גאַנצן זעלבשטענדיק. צווישן די האַנטווערקער־טוער האָבן אין דער ערשטער ריי זיך ארויסגערוקט אליעזר קרוק, שמואל הורוויטש (שלאָסער־ספּעציאַליסט פון אייזערנע קאַסעס), ליכטמאַכער (דרוקער) און מ. זשאַבינסקי (גראַווירער).

אליעזר קרוק איז געוואָרן דער ערשטער פאָרזיצער פון דער דאָזיקער נייער האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע.

לויטן פאַך איז ער געווען אַ טאָקער בן טאָקער, וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אין אויסאַרבעטן שפּאַציר־שטעקעלעך און שירעמס אין אַן ענג יידיש געסל (אַראָפּ שלאָסגאַס, דערנאָך האָט זי געהייסן גאַונס גאַס).

אליעזר קרוק האָט געהאַט באַזוכט אַ יידישע עלעמענטאַרע מלוכה־שולע, ווו ער האָט זיך אויסגעלערנט אַביסל רוסיש און חשבון. לערנען לאַנג אין שולע האָט ער נישט געקענט, ער האָט געדאַרפט העלפן דעם פאָטער, וואָרעם ווי דער גרעסטער טייל האַנטווערקער איז זיין פאָטער אויך געווען אַן אָרעמאַן. ער האָט זיך גוט אויסגעלערנט זיין פאַך און נאָך געפונען געבוג צייט צו קענען לייענען ביכער און יידישע צייטונגען. מיט אַן אייגנגעבוירענער אינטעליגענץ האָט זיך קרוק אינטערעסירט מיט כלערליי געזעלשאַפטלעכע פראַגן און נאָך זייענדיק אַ יונגערמאַן איז ער שוין צוגעצויגן געוואָרן דורך דער געזעלשאַפט „הילף דורך אַרבעט", ווי אַ ראַטגעבער אין האַנטווערקער־ענינים.

קרוק איז אייגנטלעך געווען דער איניציאַטאָר ביים גרינדן דעם האַנטווערקער־פאַראיין. ער האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן אויפן בעסטן אופן פאַרשיידענע סעקציעס פון קרובישע פאַכן, מיטן ציל צו פאַרשפּרייטן זייערע אויסאַרבעטן, קויפן אויף אַנגראָ־פּרייזן רוי־מאַטעריאַלן, אא״וו. אויב איך מאַך נישט קיין טעות, האָט דער האַנטווערקער־פאַראיין אַ געוויסע צייט אויך געהאַט אַן אייגענע קיך. קרוק האָט דערצו נאָך גע־

עפּנט אַ לייענזאַל ביים האַנטווערקער־פֿאַראיין. עטלעכע מאָל, ביי פֿאַר־שיידענע געלעגנהייטן, האָט ער אַרויסגעלאָזן אַ זשורנאַל „דער ווילנער האַנטווערקער", וווּ ס'האָבן זיך געפֿונען אַרטיקלען, געשריבן פֿון אים אַליין און פֿון אַנדערע בעלי־מלאכות וועגן פּראָגרעס פֿון האַנטווערקער־לעבן. קרוק האָט צוגעצויגן צום זשורנאַל אויך פּראָפֿעסיאָנעלע שרייבער, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס פֿאַר יידישער מלאכה און פּראָדוקטיווי־זאַציע־פּראָבלעמען.

ווען די דייטשן האָבן אין נאָוועמבער 1918 שוין געהאַלטן ביים „עושׂה שלום", זענען אין ווילנע דורכגעפֿירט געוואָרן דעמאָקראַטישע וואַלן צו דער קהילה. אַ דאַנק זייער אָרגאַניזאַציע האָבן די האַנטווערקער דורכגע־פֿירט אַ היפּשע צאָל פֿון זייערע אָנגעזעענע מיטגלידער, וועלכע זענען גע־וואָרן „דאָס צינגל", וואָס האָט געקענט אַריבערוועגן די קהילה־טעטיקייט אויף לינקס אָדער אויף רעכטס, צווישן די ציונים און אָרטאָדאָקסן פֿון איין זייט און די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען און די פֿאַרשטייער פֿון די אַרבעטער פֿון דער אַנדער זייט. די האַנטווערקער גופא האָבן געשפּילט די ראָל פֿון אַ צענטער־פּאַרטיי. דער פֿאָרזיצער פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿלעגט, צוליב דער כוחות־פֿאַרהעלטעניש פֿון די הויפּט־פּאַרטייען, מוזן זיין אַ האַנטווערקער.

דאָס איז געווען אליעזר קרוק. צום גליק איז קרוק געווען דער פּאַ־סיקער מענטש אויף דעם הויכן פֿאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן פֿון דער ווילנער קהילה, וואָס האָט פֿאַרמאָגט גאָר אַ גרויסע צאָל אָנגעזעענע טוערס.

ווי איך האָב שוין באַמערקט, האָט קרוק נישט פֿאַרמאָגט קיין שום פֿאָרמעלע בילדונג. אָבער ער איז געווען אינטעליגענט, מיט גוטע פֿעאי־קייטן און האָט געקענט ריידן זייער לאָגיש. ער איז געווען פֿון דעם מין, וואָס מען קען באַצייכענען ווי אַ פֿאָלקס־אינטעליגענט. גוט באַהאַוונט און אויסגעמישט מיט דער קליינבירגערלעכער מאַסע, ד"ה מיטן רוב מנין ורוב בנין פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג, אַ פֿאַרטיידיקער פֿון אירע עקאָנאָ־מישע און סאָציאַלע אינטערעסן.

ווי אַ פֿאָרזיצער פֿון דער קהילה־פֿאַרוואַלטונג איז אים אויסגעקומען צו נעמען אַן אַנטייל אין פֿאַרשיידענע גרויסע אַליידישע צוזאַמענפֿאָרן,

סיי פּאָליטישע, סיי געזעלשאַפטלעכע. אין דער אַרבעט איז ער כסדר גע־וואַקסן און צו זיין מיינונג, וואָס האָט כמעט אַלע מאָל געטראָגן אַ פּראַק־טישן כאַראַקטער, האָט מען זיך צוגעהערט.

קרוק איז געווען אַ מיטגליד פון ווילנער קאָמיטעט פון „אָרט" און צוזאַמען מיט ווירגילי כהן האָט ער גענומען אַן אָנטייל אין וויכטיקע באַ־ראַטונגען אויפן געביט פון פאַרשפּרייטן פּראָפעסיאָנעלע אויסבילדונג צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. ער איז אויך געווען אין דער פאַרוואַל־טונג פון צענטראַל־ראַט פון די יידישע האַנטווערקער־פאַראייגען אין פּוילן. זיין אַמט, ווי אַ פאָרזיצער פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג און פאָרזיצער פון האַנטווערקער־פאַרבאַנד, האָט אים מחייב געווען צו די וויכטיקסטע רע־פּרעזענטאַציעס אין יידישן און אַלגעמיינעם לעבן פון לאַנד און שטאָט.

דער האַנטווערקער־פאַראיין האָט אָרגאַניזירט אַרום דעם 1923סטן יאָר אין דער קהילה־געביידע אַן אַלגעמיינע האַנטווערקער־אויסשטעלונג פון אַ 40־50 פאַכן אין ווילנע. פאַרשטייט זיך, אַז די גאַנצע יידישע באַ־פעלקערונג האָט באַגריסט די דאָזיקע איניציאַטיוו. איז עס געווען טאַקע איינמאָל אַן אויסשטעלונג, פּשוט אַ מוזעאַלער ספּעקטאַקל פון יידישן פלייס, ענערגיע און איינפּאַלערישקייט. האַנטווערקער פון פאַרשיידענע פאַכן האָבן סיי אינדיווידועל, סיי קאָלעקטיוו געשאַפן מוסטער־חפצים, וואָס האָבן געגלעט דאָס אויג מיט זייער שיינער פאָרעם און מיט זייער סאָלידקייט. די עקספּאָנאַטן זענען געווען אין די הונדערטער עקזעמפּלאַרן און אפשר, אויב מען זאָל דעטאַליזירן, אין די טויזנטער. סטאָליערס האָבן אויסגעאַרבעט מאַסיווע געהילץ פאַנירטע מעבל, סיי לויט מאָדעלן פון זשורנאַלן, סיי לויט אייגענע צוגעטראַכטע צייכענונגען. טאָקער האָבן אויסגעשטעלט אַלערליי שפּילצייג און קינסטלערישע שאַפיגורן פון דעם האַרטסטן האָלץ, שאַכטלען מיט פאַרשיידענע סעקרעטן. בלעכער האָבן אויסגעאַרבעט, חוץ געשיר און הויז־מכשירים, אַלערליי קאָלאָנעס מיט קינסטלערישע באַצירונגען: מנורות, חנוכה־לאָמפּן און ד״גל. גראַווירער האָבן געמאַכט וווּנדערלעכע מאָנאָגראַמען, שטעמפּלען און מיניאַטור־אַרבעטן.

ס'האָבן זיך אויסגעטיילט די פוטער־קירזשנער. זיי האָבן אויסגע־

שטעלט מאָזאַיִקעס פֿון פֿוטעראָוואַרג און אַפֿילו גאַנצע בילדער פֿון דעם פֿאַלאָרן לעבן: טייגעס מיט פֿאַרשיידענע פֿוטער־חיות און עסקימאָסישע יורטעס מיט זייערע איינוווינער. דעם דאָזיקן וווּנדערלעכן טעפּיך האָבן אָפּגעקויפֿט, דוכט זיך, אַמעריקאַנער פֿוטער־סוחרים. ווילנע איז דעמאָלט געווען איינער פֿון די גרעסטע טראַנזיט־צענטערס פֿון רוסישן פֿוטערוואַרג. דאָ האָט מען עס געסאָרטירט און טיילווייז באַאַרבעט.

כמעט די גאַנצע ווילנער יידישע באַפֿעלקערונג האָט באַזוכט די אויסשטעלונג. שולעס האָבן געמאַכט עקסקורסיעס. די פּוילישע האַנטווערקער, דער גרעסטער טייל פֿון זיי צוררים, האָבן מיט ציין־קריצעניש געזען, וואָס יידן קענען אויפֿטאָן, אַפֿילו ביי די ערגסטע באַדינגונגען, נישט האָבנדיק קיין שום אונטערשטיצונג מצד דער מלוכה. אין קעגנטייל, „גראַבסקיס עגלה" האָט זיך „איינגעגנאַדזשעט" אויף דער יידישער גאַס און אָנגעמאַכט דאָרטן חורבנות. ספּעציעל טאַקע האָט זי זיך פֿאַרלייגט אויף די יידישע בעלי־מלאכות, מיטן ציל אָפּצווווישן זיי, ווי „קאָנקורענטן" פֿון דעם פּוילישן האַנטווערקער.

קרוק האָט עטלעכע מאָל אָפּגעהאַלטן פּרעסע־קאָנפֿערענצן. די פּוילישע פּרעסע האָט כמעט ווי פֿאַרשוויגן די אויסשטעלונג. אָבער דאָך פֿלעגן קומען דעלעגאַציעס פֿון אַנדער שטעט באַקוקן די „זשידאָווסקי אַרבעט", וואָס האָט, אגב, מיט איר עסטעטישקייט געקענט זיך רעפּרעזענטירן נישט בלויז אין ווילנע, נאָר אַפֿילו אין פּאַריז.

ביי דער האַנטווערקער־אויסשטעלונג האָבן די ווילנער יידישע קינסטלער געהאַט אויך זייער „ווינקל" מיט איבער הונדערט בילדער. ס׳זענען געווען פּאָרטראַטן מ. לייבאָווסקי מיט זיינע לעבעדיקע טיפּן, איבערהויפּט קינדער און כאַראַקטעריסטישע געשטאַלטן פֿון דעם יידישן קוואַרטאַל; בער זאַלקינד מיט זיינע קאָלאָריסטישע פּייזאַזשן; י. שער מיט אויסבליקן פֿון פֿאַרשיידענע טיילן פֿון ווילנע און מיט זיינע קאַריקאַטורן. אויך די גרויסע האַנטווערקער־שול „הילף דורך אַרבעט" האָט אויסגעשטעלט פֿאַרשיידענע אויסאַרבעטן פֿון אירע 15 אָפּטיילן.

ביי דער געלעגנהייט ווילט זיך מיר איבערגעבן אַ פֿאַקט, וואָס האָט געהאַט אָן אָרט אויף דער אויסשטעלונג פֿון „הילף דורך אַרבעט" אין 1920.

„מאָרגן־זשורנאַל״, דעצעמבער 30, 1951.

בעת דער קורצער ממשלה פון די ליטווינער, סוף זומער און אָנהייב האַרבסט 1920, האָט „הילף דורך אַרבעט״ איינגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג אין גרויסן שטאָטזאַל. דער פּלוצלינגדיקער אַריינמאַרש פון זשעליגאָווסקיס כלומרשט „צעבונטעוועטע״ חיילות האָט נישט געגעבן די מעגלעכקייט צו עוואַקואירן די עקספּאָנאַטן. אין אַ סוכותדיקן טאָג (9טן אָקטאָבער), זייענדיק אין שטאָטזאַל, האָב איך דערהערט אַ טופּ פון פערדישע פּאָדקאָוועס און ביקסן־קנאַלן. ס׳איז געווען קלאָר, אַז זשעליגאָווסקי טרייבט אַרויס די ליטווינער פון ווילנע. אויף שנעל האָב איך פאַראַרדנט צו פאַרשליסן דעם זאַל און די דעזשורירנדיקע האָב איך געהייסן גיין אַהיים.

מען האָט דערוואַרט די איבערחזרונג פון דעם טראַגישן אַחרון של פּסח 1919, ווען פּילסודסקישע לעגיאָנערן האָבן „איינגעאָרדנט״ אַ פּאַראַמעלן מיליטערישן פּאָגראָם אויף יידן מיט אַ 60 דערהרגעטע און הונדערטער פאַרוואונדעטע. ווען איך בין געגאַנגען מיט אַ גרופּע שילער, האָבן עטלעכע מאָל אַ פייף געטאָן קוילן איבער אונדזערע קעפּ... צוליב דער אומרואיקער שטימונג אין שטאָט האָט מען נישט געקענט עוואַקואירן די עקספּאָנאַטן פון שטאָטזאַל. און לויט אַ באַפעל פון דער נייער רעגירונג פון מיטל־ליטע (געווען איז עס נישט מער ווי אַ פיקציע, ווייל אין דער אמתן איז אַלץ געטאָן געוואָרן לויטן טייטל פון וואַרשע), איז די אויסשטעלונג פון „הילף דורך אַרבעט״ געעפנט געוואָרן, ווייל דער שעף פון דער מיטל־ליטווישער רעגירונג וויל זי באַזוכן. דער פאַרזיצער פון דער מיטל־ליטווישער רעגירונג איז געווען וויטאָלד אַבראַמאָוויטש, אַ גוי בן גוי פון דורות. געקומען איז אָבער נישט „פּאַן וויטאָלד״, נאָר גענעראַל זשעליגאָווסקי אַליין, דער „באַצווינגער פון ווילנע״. ער איז געגאַנגען מיטן בילדונג־קוראַטאָר און האָט זיך גוט צוגעקוקט צו די עקספּאָנאַטן, צו די דיאַגראַמעס און צו אַנדערע אַרבעטן.

גענעראַל זשעליגאָווסקי האָט זיך נישט געשעמט פאַר די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג פון „הילף דורך אַרבעט״, וואָס האָבן עקס־אָפיציאַ געמוזט מקבל פנים זיין דעם גאַסט, און האָט געזאָגט צו זיינע באַגלייטער מיטן בילדונג־קוראַטאָר בראש: „מען דאַרף זיי, די יידן, דעריאָגן און

איבעריאַגן". אַזאַ איז געווען די באַציאונג פון דער פוילישער רעגירונג און פון הויכע באַאַמטע צו אַלץ, וואָס זיי האָבן געזען עפּעס מערקוויר־דיקס ביי יידן. אָבער נישט בלויז „איבעריאַגן", נאָר „אַרויסיאָגן" איז גע־ווען די אמתע טענדענץ זייערע. און דאָס האָבן אויסגעדריקט זייער פּרעסע און זייערע וואָרטפירער בנוגע דער אויסשטעלונג.

די צווייטע אָדער די דריטע וואַלן פון דער קהילה האָבן ווייטער די האַנטווערקער געגעבן זייער „צינגל־סטאַטוס". און ווען עס איז געקומען צו די וואַלן אין שטאָטראַט, איז אויך געווען דאָס זעלביקע. די פּאָליאַקן האָבן נאָך לאַנגער דינגעניש מסכים געווען צו געבן די יידן איין אָרט צווישן די לאַווניקעס.

אין גאַנצן זענען געווען פיר לאַווניקעס, ד"ה דירעקטאָרן, וואָס פאַר־וואַלטן מיט פאַרשיידענע דעפּאַרטאַמענטן פון דער שטאָטווירטשאַפט. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ שקלאַ וטריא וועמען מען זאָל אָנגעטרויען דעם אַמט פון לאַווניק. לויט דער כוחות־פאַרהעלטעניש צווישן די יידישע ראַט־מענער איז ווידער אויסגעקומען, אַז דאָס אָרט מוז געהערן צום פאָרזי־צער פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג, קרוק, און ער איז טאַקע באַשטימט געוואָרן פון די יידישע ראַטמענער אויפן אַמט פון לאַווניק. די פּאָליאַקן האָבן געוואָלט איבערגעבן דעם יידישן דירעקטאָר אַן אַפּאָליטישע סעקציע פון דער שטאָטישער ווירטשאַפט. דאָס איז געווען, לויט זייער אויפפאַ־סונג, דער אָפּטייל פון שטאָטישע גיטער, הייזער, אַרומיקע וועלדער און אַנדערע אומבאַוועגלעכע שטאָטישע אייגנטום־אָביעקטן. לויט דעם עצם כאַראַקטער פון אָפּטייל האָט אליעזר קרוק געדאַרפט האָבן צו טאָן מיט די אים אונטערגעאָרדנטע ספּעציאַליסטן פּאָליאַקן, אַגראָנאָמען, וואַלד־מייסטערס, אַרכיטעקטן, געאָמעטערס און אַנדערע פאַכלייט מיט הויכער בילדונג. לפּחות האָט ער געדאַרפט קענען „לייענען אַ פּלאַן" און אָננעמען אַ שטעלונג, ווען עס קומט צו חילוקי־דעות. פויליש האָט זיך קרוק אויס־געלערנט ריידן פון „גאַס" און געווען איז דאָס אַ ספּעציעלער געמיש פון פויליש מיט ווייסרוסיש. אַ פּשיטא שוין איז זיין פויליש געווען ווייט פון צו זיין פּערפעקט מיט דער אמתער וואַרשעווער הברה. קרוק האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן. דאָס איז שוין געווען אין די דרייסיקער יאָרן, ווען

ער און אַנדערע אינטעליגענטע יידן האָבן אָנגעהויבן צו ריידן אַביסל אַ קאָרעקטערן פויליש, ווי אין די 20ער יאָרן.

קרוק האָט נישט געקענט די פוילישע ליטעראַטור. ער האָט אויף דעם קיין צייט נישט געהאַט. אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער געלערנט אַביסל רוסיש. נאָר זיין אייגנגעבוירענע אינטעליגענץ און זיין געפיל פון טאַקט האָבן אים געפירט צו דעם, אַז זיין פאַרנעמען דעם הויכן פּאָסטן אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג זאָל נישט זיין קיין דורכפאַל און אין געוויסע פּרטים אַ דערפאָלג. ער האָט אָנגענומען אַ ריכטיקן טאָן אין פאַרקער מיט זיינע סובאָרדינירטע באַאַמטע. ער האָט אַכטונג געגעבן, אַז זיי זאָלן טאָן זייערע פליכטן אין די ראַמען פון רעגולאַמין. זיין יידישער שכל־הישר האָט אים געהאָלפן געפינען אַן ענטפער אויף אַלע פאַרוויקלטע פּראָבלעמען פון דער שטאָטישער ווירטשאַפט און איינהאַלטן די ווערדע פון אַ שעף און פון אַ זאַכקענער.

מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין די עניינים פון דער פּראָפעסיאָנעלער שול „הילף דורך אַרבעט" אין מאַגיסטראַט און צו זען קרוקן ביי דער אַרבעט אין זיין ביורא. ער איז געווען באַשיידן, האָט גערעדט מיט יידישע קליענטן יידיש, נישט שעמענדיק זיך פאַר זיינע גויישע אָנגעשטעלטע. עס איז אַבסאָלוט נישט געווען צו מערקן ביי אים אַ שמץ פון סערוויליזם לגבי דעם שטאָט־פּרעזידענט אָדער אַנדערע גויישע שררות. מסתמא איז ער געווען פון די ווינציקע יידן אין די פוילישע מאַגיסטראַטן, וואָס האָבן אַמטלעך גערעדט מיט יידן יידיש.

דער ווילנער שטאָטראַט איז באַשטאַנען אין זיין גרעסטן טייל פון ענדעקעס און ווען ראַטמאַן ברוך לובאָצקי האָט געמאַכט אַ פּרווו צו ריידן יידיש אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון שטאָטראַט, האָבן זיך פּאָליאַקן געוואָרפן אויף מיט די פויסטן און מיט שטולן. די יידישע ראַטמענער האָבן אים באַשיצט. עס איז שיעור נישט געקומען צו אַ בלוטיקן געשלעג.

אין דער אַטמאָספער פון שאָוויניזם און האַס לגבי אַלץ, וואָס איז יידיש, האָט דער יידישער בעל־מלאכה אויף איינעם פון די העכסטע פּאָסטנס אין דער שטאָט־רעגירונג באַנוצט אַמטלעך די יידישע שפּראַך

אין זײַנע באַציִאונגען מיט ייִדן. אין אַ געוויסער מאָס איז עס געווען אַ גרויסער ציווילער מוט. און כאַראַקטעריסטיש איז, אַז זײַנע קאָלעגן אונטערגעאָרדנטע האָבן זיך באַצויגן צו אים אַפּילו מיט יראת־הכבוד. ניִשט איינמאָל איז אויסגעקומען צו הערן פֿון זיי: „טען טשלאָוויעק מאַ גלאָווע" (דער מאַן האָט אַ קאָפּ). „טען זשעמעשלניק ראָזומיע וויִענצעי ניזש יאַקיש מיניסטער" (דער בעל־מלאכה פֿאַרשטייט מער ווי וועלכער ס'איז מיניסטער). אין קרוקס פֿאַרוואַלטונגס־געביט זענען ניִשט געווען קיין קאָרופּציעס אָדער טונקל־מונקל־געשעפֿטן. קרוק האָט געהאַט אַ ריין געוויסן און ריינע הענט אין אַלע געזעלשאַפֿטלעכע ענינים, אין וועלכע ער איז געווען פֿאַרטראָטן אָדער צו וועלכע ער האָט געהאַט אַ שייכות. אין דער ווילנער קהילה איז ניִשט געווען קיין איין פֿאַל פֿון קאָרופּציע. מען האָט טאַקע אָפֿט זיך געריסן ביי די נעז אָבער עס איז געווען אַ מחלוקת לשם שמים...

קרוק האָט געהאַט קעגנער. דאָס זענען געווען גיכער ניִשט־פֿאַרגינער. אַ סך קאָלעגן זײַנע האָבן ניִשט געקענט פֿאַרטראָגן, וואָס „אומעטום איז קרוק". ער איז אָבער פּאָרט געווען דער פֿלייסיקסטער און פּראָדוקטיווסטער געזעלשאַפֿטלעכער טוער. די ווילנער קהילה האָט געליטן פֿון דעפֿיציטן. זי האָט ניִשט געקענט סובסידירן שולעס און אַנדערע וויכטיקע ייִדישע אינסטיטוציעס. איז געווען אַ גלייכווערטל, וואָס כאַראַקטעריזירט די לאַגע מיט קרוקן. פֿאַרוואָס איז אין ווילנע שלעכט? דער ענטפֿער: „ווייל גאַנץ ווילנע האַלט זיך אויף איין קרוק" (האַקן)...

קרוק און זײַנע חברים האָבן געפֿירט אַ פֿאַרביטערטן קאַמף אין דער האַנטווערקער־קאַמער, וואָס איר באַהאַלטענער ציל איז געווען צו האַמעווען אָדער באַזייטיקן דעם ייִדישן האַנטווערקער פֿון דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן. ווי דיקטאַטאָריש פּילסודסקיס רעגירונג איז ניִשט געווען, האָט אָבער נאָך געמוזט בלייבן אַ שמץ פֿון דעמאָקראַטיע, און אָן דעם האָבן ייִדן זיך געהאַלטן, באַקעמפֿט מיט ציין און נעגל, ביז זיי האָבן דורכגעפֿירט אַ ייִדישן וויצע־פּרעזידענט אין דער האַנטווערקער־קאַמער. מיר דוכט, אַז אויך קרוק איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף אָט דעם פּאָסטן. ער האָט זיך אָבער געמוזט אָפּזאָגן פֿון דעם צוליב זײַן אַמט אַלס אַ לאַווניק. עס

איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אַ פּרינציפּ, אַז אין די עקזאַמינער־קאָמי־סיעס פון פאַרשיידענע פאַכן זאָלן אויך זיין יידישע עקזאַמינירער. די עקזאַמיניר־קאָמיסיעס האָבן געגעבן דערלויבענישן אויף צו פאַרנעמען זיך מיטן פאַך, סיי ווי מייסטער, סיי ווי געהילפן. דאָס איז געווען אַ גורלדי־קער מאָמענט פאַר דער גאַנצער יידישער מלאכה אין פוילן. און די יידי־שע האַנטווערקער־פאַרבאַנדן צוזאַמען מיט די סיים־דעפּוטאַטן און אַנ־דערע געזעלשאַפטלעכע כוחות האָבן ביטער געקעמפט קעגן דעם רעאַק־ציאָנערן „צעכן־געזעץ", וואָס זיין ענדציל איז געווען צו פאַרניכטן יידישע מלאכה. קרוק האָט פיל בייגעטראָגן צו דעם קאַמף פאַר די רעכט פון אַ גרויסער שיכט פון דער יידישער באַפעלקערונג. עפּעס האָט זיך דאָך גע־לאָזט אָפּראַטעווען פון דער טאָטאַלער גזירה.

קרוק האָט זייער געהויבן די חשיבות פון יידישער מלאכה. די ביטול־באַציאונג צום יידישן בעל־מלאכה איז פאַרשוואונדן. אַ היפּשן האַנשפּרונג האָט דורכגעמאַכט דאָס יידישע לעבן פון מענדעלעס „קליין מענטשעלע" ביז דעם מאָמענט, ווען דער בעל־מלאכה איז געשטאַנען שיער נישט בראש פון אַזאַ עיר ואם בישראל, ווי ס'איז געווען ווילנע.

קרוק איז אומגעקומען על קידוש השם מיט זיין גאַנצער פאַמיליע אין דעם הריגה־טאָל פּאָנאַר. מען האָט אים „מאָביליזירט" אין דעם ערשטן יידנראַט, וועלכער איז אין זיין פולן צוזאַמענשטעל באַלד אומגעבראַכט געוואָרן ביי דער גרויסער פּראָוואָקאַציע, אַז יידן האָבן כלומרשט געשאָסן אויף אַ דייטשן זעלנער.

ווער עס וועט אַמאָל שרייבן די געשיכטע פון דער ווילנער עדה פאַר די לעצטע 20־30 יאָר ביז דער צווייטער מלחמה, וועט ער נישט קענען פאַרשווייגן די ראָל פון דעם יידישן האַנטווערקער אין דער געזעלשאַפט בכלל און אליעזר קרוקס טעטיקייט בפרט.

„קיום", פּאַריז, נומ' 64.

הרב יצחק רובינשטיין

שוין זיין דערוויילונג ווי אַ „רב מטעם הממשלה״ אין ווילנע אין 1919 איז געווען אַ היפּשע סענסאַציע. געוויינלעך זענען די „קאַזיאָנע״ ראַבינערס געווען וועלטלעכע מענטשן, אָפט מיט העכערער בילדונג, וואָס האָבן אַמאָל גאָר ווייניק אָדער נישט גענוג טיף באַנומען די שוואַרצע פּינטעלעך. איבעריקנס, האָט די באַפעלקערונג זייער ווייניק געהאַלטן פון זיי אַלס רבנים. קיינער איז צו זיי מיט קיין שאלות נישט געקומען. די „קאַזיאָנע״ רבנים האָבן געפירט די מעטריקאַציע, אַרויסגעגעבן דערלויבענישן אויף חתונות, גטן, געבראַכט צו אַ שבועה עדות אין געריכט, „נאַוואָבראַנצעס״ אין מיליטער, און ענלעכע פאָרמעל־רעליגיעזע פונקציעס. שכירות פלעגן זיי באַקומען פון „קאָראָבקע״־געלט.

געוויס זענען געווען יוצא מן הכלל צווישן די קאַזיאָנע רבנים. עס איז גענוג אָנצורופן דעם באַרימטן מאָסקווער רב יעקב מזאה, וואָס האָט צוגעשטעלט דעם גאַנצן וויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַל פאַר דער פאַרטיידיקונג ביים בייליס־פּראָצעס, הרב מ. אייזענשטאַט פון פעטערבורג, ד״ר שמריהו לעווין א״אַנד. אויך דער פאָרגענגער פון הרב רובינשטיין אין ווילנע איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי דער באַרימטער העברעישער פובליציסט און געלערנטער ד״ר י. ל. קאַנטאָר.

די ווילנער פּרנסים און אַ היפּשער טייל פון פרומע יידן האָבן אָבער געוואָלט האָבן פאַר אַ „קאַזיאָנעם״ רב טאַקע אַן אמתן ירא שמים, אַ רב מיט סמיכה און גלייכצייטיק אויך אַ געבילדעטן מענטשן, וועלכער זאָל נאָכקומען די פאָדערונגען פון דער מאַכט אין ענין בילדונג־צענזוס.

אין די שולן האָט מען געפירט אַן אַגיטאַציע פאַר אַזאַ רב. און אָט צו דער איבערראַשונג פון דער גאַנצער באַפעלקערונג ווערט אויסגעקליבן מיט אַ מערהייט דער אומבאַקאַנטער רב פון געניטשעסק (קרים), יצחק רובינשטיין, אין גאַנצן 29 יאָר אַלט. אַזאַ יונגערמאַן זאָל פאַרנעמען דעם פּאָסטן פון רעגירונגס־ראַבינער אין ירושלים ד׳ליטא — איז ממש געווען

אַ רעוואָלוציע אין דער פּראַקטיק פון ווילנער „קאַזיאָנער" רבנות, צווישן וועלכע עס איז געווען אַזאַ גרויסער געלערנטער, ווי דער פילאָלאָג און אָריענטאַליסט יהושע שטיינבערג, דער היסטאָריקער און מופלג שמואל יוסף פין א״אַנד.

אין דער אמתן איז אָבער יצחק רובינשטיין געווען אַ ליטווישער עילוי פון דאַטנעווע. זיין רבנישע ערודיציע און דעם גאַנצן גייסט פון ליטווישער לומדות האָט ער געשעפּט אין די ליטווישע ישיבות און אין דער משפּחה פון זיין פאָטער, דעם דאַטנעווער רב. יצחק רובינשטיין ווערט אויפגענו־מען ווי אַ גאָר יונגער מענטש אויף דעם כסא הרבנות אין גענישעסק, און ווערט דאָרט מפורסם מיט זיין גרויסער בקיאות, רעדנערישן טאַלאַנט און אויסגעצייכנטע קענטעניש פון דער רוסישער שפּראַך. עס איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז אין משך פון איין יאָר האָט י. רובינשטיין אָפּגעגעבן עקזאַמען אויף דעם קורס פון אַ קלאַסישער גימנאַזיע, וואָס האָט אים גע־געבן רעכט צו ווערן גלייכצייטיק אי רעליגיעזער רב, אי ראַבינער.

רובינשטיין האָט גלייך רעאָרגאַניזירט זיין קאַנצעלאַריע. ביי אים איז די רבנות געווען נישט קיין קוואַל פון הכנסה, נאָר אַ גרויסער איבערגעגעבן צו זיין געהילף. ער איז נישט געגאַנגען אויף קיין בריתן און חתונות. עס איז כדאַי צו שליחות. די קאַנצעלאַריע האָט ער איבערגעגעבן צו זיין געהילף. ער איז נישט געגאַנגען אויף קיין בריתן און חתונות.

ער פלעגט האַלטן גייסטרייכע דרשות סיי מעניני דיומא, סיי וועגן די אייביקע יידישע קוואַלן פון עטיק. געוויינלעך פלעגט ער ריידן אין שבת אין דער גרויסער שול, דעם צווייטן — אין טהרת הקדש. אין זיין הויכער פיגור מיטן זעלטענעם הדרת פּנים, מיט פייער־שפּריצנדיקע אויגן, באַזונדערס ווען ער האָט גערעדט וועגן גערעכטיקייט און יושר, האָט ער זיך שטאַרק אימפּאָנירט. און נישט אומזיסט האָבן אַלע מאַכטהאָבער, צווישן זיי די גרעסטע אַנטיסעמיטן אַפילו, געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר דעם ווילנער. אים האָט מען נישט געקענט איגנאָרירן אָדער גרינגשאַצן.

איך דערמאָן זיך אַן עפּיזאָד אין זומער 1915, ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט געפלאַקערט און דאָס איז געווען אַ צייט פון בלבולים און גזירות אויף יידן. יידישע צייטונגען זענען פאַרמאַכט געוואָרן. יידיש באַנוצן עפנטלעך איז געוואָרן פאַרבאָטן (כלומרשט, ווייל עס דערמאָנט די

שפּראַך פון שונא). און אַט קומט הרב רובינשטיין אויף דער לוויה פון זיין פאַרשטאָרבענעם געהילף, הרב ר׳ שמואל שרייבער, און איז אים מספּיד אויפן ווילנער בית־עולם דווקא אויף יידיש.

אַ הויכער פּאָליצייאישער באַאַמטער גייט צו צו אים און זאָגט האַרט און טרוקן: „הער ראַבינער, צי דען ווייסט איר נישט, אַז ריידן יידיש איז פאַרבאָטן? שטעלט אָפּ אייער רעדע״.

רובינשטיין דערלאַנגט אַ צאָרנדיקן בליק אויף דעם הויכן פּאָליציי־פאָרשטייער און גיט אַ נישט־ווייניקער צאָרנדיקן מאַך מיט דער האַנט און זאָגט:

— הער פּריסטאַוו, איר קענט מאַכן אַ פּראָטאָקאָל, אָבער איצט וואַגט מיך נישט צו שטערן.

דער פּריסטאַוו האָט טאַקע נישט געוואַגט און האָט אַ פאַרשעמטער זיך אָפּגעטראָגן אָן אַ זייט, הגם אין יענע בלוטיקע צייטן האָט ער גע־קענט אַרעסטירן אָט דעם נישט געהאָרכזאַמען ייד און אַפילו איבערגעבן צו אַ מיליטערישן געריכט.

בכלל האָט זיך הרב רובינשטיין אַרויסגעשטעלט אין זיין גאַנצער גרויס בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און אין אומרואיקן נאָך־מלחמה־פּעריאָד בעת די אָפּטע מאַכט־בייטענישן, פּאָגראָמען, גוואַלדטאַטן און אַנדערע פּורעניותן.

אַ ספּעציעלער קאַפּיטל איז געווען הרב רובינשטיינס אינטערווענצן ביי די צאַרישע גענעראַלן און אין הויפּטשטאַב וועגן די גזירות, בלבולים און גירושים פון 1915. דער קאָמענדאַנט פון ווילנער־דווינסקער ראַיאָן, פירשט טומאַנאָוו, מיט דער הילף פון ווילנער גובערנאַטאָר וועוויאָרקין, האָט אויסגעפּועלט פאַר הרב רובינשטיין אַן אוידיענץ ביי גענעראַל אַלעק־סעיעוו, דעם שעף פון צפון־מערבדיקן פראָנט.

דער גאַנצער זומער 1915 איז פול געווען מיט אומרו און שרעק פאַרן גורל פון יידן, וועלכע זענען פון אַלע זייטן געווען דער אָביעקט פון העצעס. ס׳איז געהאַנגען איבער ווילנע דער גירוש פון דער יידישער באַפעלקערונג. מען האָט געשמועסט, אַז דער באַפעל פון אַרויסטרייבן די ווילנער יידן, אַזוי ווי מען האָט עס געטאָן שבועות מיט די קאָוונער יידן, איז שוין פאַר־

טיק. אין יענעם קריטישן מאָמענט קומט הרב רובינשטיין אין גענעראַל־שטאַב פון מערב־פראָנט.

קומען אין דער „סטאַווקע" איז געווען פאַרבונדן מיט פשוטער מסירת נפש. הרב רובינשטיין איז אויפגענומען געוואָרן דורך גענעראַל אַלעקסעיעוו. ער האָט געבעטן די דערלויבעניש פאַרצושטעלן אים די טרויעריקע לאַגע פון די יידן אין די מלחמה־געביטן נישט אין אַ באַגרענעצטער צייט פון עטלעכע מינוט. דער גענעראַל האָט דערצו מסכים געווען. און רובינשטיין האָט גערעדט אָפן, באַשולדיקנדיק די רוסישע פירערשאַפט אין בייזוויליקייט לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. ער האָט געבראַכט פאַקטן וועגן די בלבולים, גוואַלדטאַטן פון סאָלדאַטן און קאָזאַקן. רובינשטיין האָט צום סוף געבעטן אָפּרופן די נייע גירושים. דער גענעראַל האָט געענטפערט: אַז ער האָט באַוויזן וועגן דער שולד פון יידן אין שפּיאָנאַזש און פאַרראַט.

הרב רובינשטיין האָט זיך אויפגעהויבן און מיט אַ צאָרנדיקן טאָן פון איבערצייגונג געזאָגט, אַז דעם גענעראַל האָט מען פאַרפירט מיט פאַלשע ידיעות: אַז אַ מלוכה, וואָס באַגייט אומגערעכטיקייט לגבי יידן, קען אַ מלחמה נישט געווינען. די יידישע געשיכטע האָט געוויזן, אַז די יידישע פאַרפאָלגער באַקומען זייער פאַרדינטע שטראָף פון הימל פאַר עוולות לגבי יידן.

דער גענעראַל איז בלייך געוואָרן פון די ווערטער. אָבער דער הדרת־פנים פון הרב רובינשטיין, זיין שאַרפער בליק און פלאַמיק געפיל פון גערעכטיקייט, וואָס האָט אים געגעבן אַ נביאיש אויסזען, האָבן קענטיק געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויפן גענעראַל, און ער האָט צוגעזאָגט דעם ענין צו באַטראַכטן. אַלעקסעיעוו האָט רובינשטיינען באַגלייט ביז דער טיר און אויף וויפיל זיין לאַגע, ווי דער העכסטער גענעראַל אין דער קייזערלעכער אַרמיי האָט דערלויבט, איז ער געווען פריינטלעך און מוחל געווען רובינשטיינען זיינע דרייסטע רייד.

קיין גירושים זענען מער נישט פאָרגעקומען, אויב נישט רעכענען דעם גירוש פון דער רוסישער אַרמיי גופא דורך די זיגרייכע דייטשן פון גאַנצן צפון־מערבדיקן געביט, אין סעפּטעמבער 1915.

ווען ווילנע איז עוואַקואירט געוואָרן אין אויגוסט 1915, האָט הרב

רובינשטיין נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן די ווילנער עדה, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אָרעמערע שיכטן און איז געבליבן כמעט אָן פֿירערשאַפֿט. ער האָט דורכגעמאַכט אַלע פֿאַזן פֿון דער מאַרטירער־שטאָט, וואָס האָט געביטן אַכט־ניין מאָל פֿאַרשיידענע רעגירונגען.

הרב רובינשטיין איז געווען דער פֿאָרזיצער פֿון צענטראַלן הילפֿס־קאָמיטעט בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט געדאַרפֿט זאָרגן אין יענע טעג פֿאַר אַלע פֿילצאָליקע אַנשטאַלטן פֿאַר סאָציאַלער הילף, שולעס און קינדערהיימען. און זאָרגן אין די טעג פֿון הונגער און שווערע ווינטערס זענען געווען אָן אַ שיעור. די הויפּטלאַסט איז געפֿאַלן אויף הרב רובינשטיין.

הרב רובינשטיין און זיין מערקווירדיקע פֿרוי אסתר, האָבן זיך פֿאַרנומען מיט בויען די ערשטע מאָדערנע שטרענג־רעליגיעזע שולעס סיי פֿאַר יינגלעך, סיי פֿאַר מיידלעך, וואָס איז געווען אַ גאַנץ נייע דערשיינונג אויף דער יידישער גאַס אין די אַמאָליקע רוסישע געביטן.

עס איז הרב רובינשטיינען אויסגעקומען איבערצולעבן דעם פּאָגראָם, וואָס די פּוילישע לעגיאָנערן האָבן געמאַכט בעת זייער פֿאַרכאַפּן ווילנע אין 1919, ווען א. ווייטער איז אומגעבראַכט געוואָרן.

הרב רובינשטיין און ד״ר צ. שאַבאַד האָבן זיך מיט געפֿאַר פֿאַר זייער לעבן דורכגעשלאָגן דורך צעיושעטע כוליגאַנעס צום פּוילישן קאָמאַנדאַנט און געפֿאָדערט פֿון אים, אַז ער זאָל מאַכן אַ סוף צום פּאָגראָם און גלייך באַפֿרייען שמואל ניגערן און לייב יפהן, וואָס זענען צוזאַמען מיט ווייטערן אַרעסטירט געוואָרן. מען האָט זיי נישט אַרויסגעלאָזט באַלד, אָבער די תּיכּפֿדיקע דערשיסונג איז אָפּגעלייגט געוואָרן און דערנאָך האָט זיך איינגעגעבן זיי צו באַפֿרייען.

אין דער קורצער צייט, וואָס די ליטווינער האָבן געהערשט אין ווילנע (1920), האָבן זיי אַרויסגעוויזן צו הרב רובינשטיין גרויס אַכטונג. זיי האָבן אים פֿאָרגעלייגט אַ מיניסטאָרן־אַמט. ער האָט זיך אָבער נישט געוואָלט שיידן מיט דער ווילנער קהילה.

אויף אַ גרויסער יידישער פֿאַרזאַמלונג, ווו עס האָט גערעדט אַ ליטווישער מיניסטער אין נאָמען פֿון דער רעגירונג, האָט הרב רובינשטיין גע־

האלטן אַ גלענצנדיקע רעדע וועגן דער ראָל פון דעם ליטווישן יידנטום אין דער געשיכטע פון ליטע און אין דער געשיכטע פון אייראָפּעישן יידנטום, באַזונדערס וועגן די חכמי זאַמוט. יידן זענען דעמאָלט געווען פּראָ־ליטוויש געשטימט, און הרב רובינשטיין האָט עס אויסגעדריקט אין דער פולער מאָס.

הרב רובינשטיין האָט פיל אויפגעטאָן אויפן געביט פון שיצן יידישע רעכט און יידישן כבוד פאַר די 20 יאָר פוילישער הערשאַפט.

ער איז געווען פריער דעפּוטאַט פון פוילישן סיים און שפּעטער סע־נאַטאָר, און אין ביידע „הייזער", וואָס זענען געווען פול מיט גיפטיקע אַנטיסעמיטן, האָט ער געהאַלטן זיינע רעדעס, אין וועלכע ער האָט גע־שליידערט דעם אמת אין פנים אַריין.

דעם שרייבער פון די שורות איז אויסגעקומען צו אינטערווענירן אין וואַרשע וועגן די אָנפאַלן פון די לעגיאָנערן אויף אַ יידישער לאַנדווירט־שאַפטלעכער שולע פון דער געזעלשאַפט „הילף דורך אַרבעט". ווען די פוילישע רעגירונג האָט באַשלאָסן, אונטער פאַרשיידענע אויסריידן, די יידישע שולע צו ליקווידירן, האָט די געזעלשאַפט געבעטן הרב רובינ־שטיינען אָפּצושרייען די גזירה. מיר זענען אַוועק צום „קאָמיסאַר פון די מזרח־געביטן", גראַף קאָסאַקאָווסקי. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן מיט וואָס פאַר אַ יראת הכבוד דער דאָזיקער גראַף האָט אויפגענומען הרב רובינשטיינען. ווען מען האָט אים ראַפּאָרטירט, אַז אַ דעלעגאַציע מיט הרב רובינשטיין איז געקומען, איז ער אַרויס פון זיין קאַבינעט און טיף זיך פאַרנייגט, מיטן אויסרוף: „גוט מאָרגן, הער ראַבינער", גענומען אים אונטערן אָרעם און אַריינגעפירט צו זיך אין קאַבינעט און אויפמערקלעך אים אויסגעהערט.

ווער עס קען די גאווהדיקע פוילישע אַריסטאָקראַטיע און איר פאַראַכ־טונג צו אַ נישט־טיטולירטן מענטשן, בפרט צו אַ יידן, קען פאַרשטיין, אַז נאָר הרב רובינשטיין מיט זיין שטאָלצער האַלטונג האָט געקענט אַרויס־רופן צו זיך אַזאַ אַכטונג.

אין פיל פאַלן, ווען עס פלעגן קומען יידן און דערציילן, אַז אויף די גאַסן איז נישט רואיק, פלעגט הרב יצחק רובינשטיין גלייך אָפּרופן דעם

סטאַראָסטע און פאָדערן תיכף אָפּצושטעלן די כוליגאַנישע מעשים. ער האָט נישט געבעטן, נאָר געמאָנט מיט אויפרעגונג, מיט צאָרן, נישט ווי קיין נכנע.

די פּוילישע כוליגאַנעס האָבן נישט איינמאָל פּיקעטירט הרב רובינ־שטיינס וווינונג, אויסגעהאַקט ביי אים די שויבן און בכלל געמאַכט אים פאַרן סימבאָל פון גאַנצן פּוילישן יידנטום. אָבער רובינשטיין האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן און ווייטער מוטיק געקעמפט, געמאָנט, געפאָדערט.

ווי אַ מיטגליד פון דער פאַרלאַמענטאַרישער קאָמיסיע אין דער קול־טור־קאָמיסיעביים פעלקערבונד, איז ער אַרויסגעטראָטן אויפן אינטערנאַ־ציאָנאַלן פאָרום וועגן די פאַרפאָלגונגען אויף יידן אין היטלער־דייטש־לאַנד.

ער האָט דאָרט געוואָרנט, אַז היטלער הייבט נאָר אָן מיט יידן, וועלנ־דיק אָנטאָפּן דעם באַראָמעטער פון מענטשלעכקייט ביי אַנדערע פעלקער. אויסלאָזן וועט זיך נישט נאָר צו יידישע קעפּ, נאָר טאָקע צו גוישע אויך. מען מוז אָפּשטעלן היטלערן באַצייטנס, אויב נישט וועט אייראָפּע אונ־טערגיין. די רייד פון הרב רובינשטיין האָבן דאַן נישט געווירקט, אָבער די נבואה איז צום אומגליק מקוים געוואָרן.

הרב רובינשטיינען איז אויסגעקומען אין דער וועלט־שריפה זיך צו שיידן מיט זיין באַליבטער ווילנער קהילה און ווערן אַ פּליט.

זיין שטים האָט זיך געלאָזט הערן אין די ערשטע יאָרן פון זיין עמיג־ראַנטישן לעבן. ער פּלעגט אַרויסטרעטן אויף גרויסע יידישע פאַרזאַמלונ־גען און ריידן וועגן דער גרויסער יידישער טראַגעדיע, צו וועלכע די וועלט איז טויב און שטום. צום לעצטן מאָל האָט ער אויסגעשריען פאַר פיל טויזנטער מענטשן זיין צער און צאָרן ביי דעם סיטי האָל אין ניו־יאָרק, בעת דער גרויסער מאַסן־דעמאָנסטראַציע פון פּוילישע יידן אין 1944. ער איז שוין אָבער דאַן געווען שווער קראַנק. די יידישע צרות האָבן אים צע־בראָכן. און פאַר די לעצטע צוויי יאָר איז ער געווען נאָר אַ שאָטן פון דעם גרויסן יידישע פאָלקסטריבון, וועלכער איז געווען אַ גוטזאָגער נישט נאָר פאַר די פרומע, נאָר פאַרן גאַנצן פאָלק, אָן אונטערשייד פון ריכטונגען. יעדער ייד איז אים געווען טייער.

הירש אַבראַמאָוויטש

אין גאַנצן איז הרב יצחק רובינשטיין אַלט געווען 65 יאָר. זיין האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן און געפּלאַצט.

אין דער יידישער געשיכטע פון 20טן י״ה, וועט הרב יצחק רובינ־שטיין פאַרנעמען איינס פון די חשובסטע ערטער.

„ליטווישער ייד״, אַפּריל־מאַי, 1946.
„מאָרגן־זשורנאַל״, דעצעמבער 30, 1951.

זלמן רייזען

ז. רייזענען האָב איך צום ערשטן מאָל געזען סוף 1915, בעת די רוסן האָבן פאַרלאָזט ווילנע. ס׳האָט זיך געענדיקט די צייט פון די צאַרישע פאַרפאָלגונגען און עס האָט זיך געדוכט, אַז מען וועט מיט די דייטשן קענען „דורכקומען״, בכל אופן וואָס איז נוגע דער יידישער שפּראַך, דרוקזאַכן, שולוועזן און קולטור בכלל. מען דאַרף דערמאָנען, אַז אין זומער 1915 האָט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, דער צאַרישער אייבערקאָמאַנדיר און כמעט דיקטאַטאָר, פאַרבאָטן צו ריידן עפנטלעך יידיש, פאַרמאַכט אַלע יידישע צייטונגען אא״וו.

די דייטשן האָבן פאַרוועדט רוסיש, ווי די לימוד־שפּראַך אין די שולעס. יעדע נאַציאָנאַלע מיעוט האָט געדאַרפט פירן לפּחות איר שולוועזן אויף איר אייגענער מוטערשפּראַך. ס׳האָבן זיך ספּאָנטאַן אָנגעהויבן צו עפענען יידישע שולעס. דער איבערגאַנג צו יידיש אין דער לערן־פּראַקטיק איז גאָרנישט געווען קיין גרינגער ענין. ס׳איז נישט געווען גענוג אָדער ס׳האָבן אינגאַנצן אויסגעפעלט לערנביכער. עס איז כמעט גאָרנישט געווען קיין יידישע טערמינאָלאָגיע, עס זענען געווען ווייניק לערער, וואָס האָבן גוט געקענט יידיש. אַפילו נישט ביי אַלע עלטערן איז יידיש געווען צום האַרצן, ווי אַ לימוד־שפּראַך. אָבער דאָס געבאָט פון צייט איז געווען: מוטערשפּראַך — יידיש!

די יידישע האַלב־אַסימילירטע און נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ, וועלכע איז געבליבן אין אַ קליינער צאָל אין ווילנע (די גרעסטע טייל האָט זיך עוואַקואירט), האָט דערפילט, אַז אין די שווערע צייטן פון מלחמה, אָקופּאַציע און צוגעשפּיצטע נאַציאָנאַלע באַציאונגען מוז מען זיך האַלטן צוזאַמען. דערביי דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז אין ווילנע האָבן געקעמפט פאַר העגעמאָניע עטלעכע פעלקער: פּאָליאַקן, רוסן, ווייסרוסן, ליטווינער און יידן, וועלכע זענען געווען נישט די לעצטע לויט זייער צאָל — כמעט אַ העלפט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג — און אַוודאי נישט די לעצטע לויט זייער קולטור.

אין דער פּריוואַטער דירה פון קאָוונער פּליט, דעם שוישפּילער לייב קאַדיסאָן, ערגעץ אויף גרויס פּאַהולאַנקע, האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן ביי אַ 40־50 מענטשן: דאָקטוירים, שרייבער, לערער, אַקטיאָרן, פּלאַסטיקער און סתם יידן מיט אַן אינטערעס צו געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. צווישן זיי זענען געווען אַזעלכע ווי ד״ר שאַבאַד, ש. ל. ציטראָן, מ. שאַליט, דן קאַפּלאַנאָוויטש, יאַשע ראָזענבוים, פּאָעט און שפּעטער דירעקטאָר פון „האיאָס״ אין ריגע, דער פאַרלעגער ש. שרעבערק, אַדוואָקאַט שמשון ראָזענבוים (שפּעטערדיקער מיניסטער אין ליטע), פון די אַרטיסטן אַזרא, עלמית, נאכבוש, קאַדיסאָן א״אנד.

מען האָט געפּילט, אַז מען מוז זיין צוזאַמען, אַרומריידן פאַרשיידענע ענינים, וואָס די צייט און די נייע אומשטאַנדן האָבן גורם געווען, לייזן קולטור־פּראָגעס. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די דירה אויף גרויס פּאַהולאַנקע זאָל טראָגן דעם נאָמען „יידישער לאָקאַל״. דאָ פלעגט מען זיך צונויפקומען כמעט יעדן אָוונט, אַ סך אָוונטן זענען אויסגעפּילט געווען מיט אַ פּראָגראַם. עס זענען געווען רעפעראַטן, לעקציעס, רעציטאַציעס, סאָלאָ־געזאַנגען, קלאַוויר־שפּילן.

היות דער „יידישער לאָקאַל״ איז געוואָרן אַ קלוב, האָט מען געמוזט עפענען אַ בופעט, וווּ מען האָט סערווירט טיי מיט סאַכאַרין און צובייסן, וואָס איז באַשטאַנען פון שוואַרצן ברויט אָדער אַ שטיקל „בולבע־טייגעכץ״ — דעמאָלט איז עס געווען אַ יקר המציאות, ווייל האַלב־הונגער האָט געהערשט אין שטאָט — דער עיקר איז אָבער געווען — מען האָט פאַרבראַכט צוזאַמען אין אַ קולטור־סביבה; גייסטיקע אינטערעסן האָבן געהאַט די איבערוואָג. דער עולם איז געווען אַ יונגער און טיילווייז אַ מיטל־יאָריקער.

און אָט באַווייזט זיך צום ערשטן מאָל אויפן ווילנער האָריזאָנט, בכל אופן פאַר מיר, אַ יונגערמאַן, מיט ענערגישע באַוועגונגען, מיט ברענענדיקע אויגן. ער רעדט מיט געפּיל, שאַרף, שניידיק, ער ציט אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. ער רעדט יידיש און נאָר יידיש, קיין שום אַנדער שפּראַך. אָט דער יונגערמאַן, וואָס מען האָט ווייניק געוווּסט וועגן אים, איז געווען אברהם רייזענס יינגערער ברודער, זלמן רייזען. דאָס איז גע־

וועגן געגנוג, מען זאָל זיך מיט זלמנען פאַראינטערעסירן און זיך צוהערן צו זיין וואָרט. איך רייד דאָ וועגן דער אינטעליגענץ, וואָס יידיש איז איר געוועזן פרעמד. זלמן טרעט אַרויס מיט אַ רעפעראַט וועגן יידיש. ער שפריצט מיט פייער.

ער האָט פאַרגעשטעלט אַזאַ טעזע: יידיש איז די איינציקע שפּראַך פון יידישן מאַסן־לעבן. יידיש גיט צו די געהעריקע פיזיאָנאָמיע דעם יידישן פאָלקסטימלעכן לעבנסשטייגער. קיין שפּראַך האָט אַזוי נישט אויסגעדריקט דעם כאַראַקטער פון יידישן פאָלק, ווי יידיש. זי איז זיין באַגלייטערן, ווי מען וואָלט עס איצט געזאָגט, פון וויגעלע ביזן קבר. אָבער יידיש מוז ווערן אויך די שפּראַך פון דער אינטעליגענץ און נישט נאָר פון די מאַסן. יידיש מוז ווערן די לימודים־שפּראַך. ס׳מוזן זיין שול־לעס מיט יידיש, גימנאַזיעס, אוניווערסיטעטן אַפילו.

אויסער דעם איז פּאָליטיש דאָס געבאָט פון דער שעה צו ריידן או־מעטום יידיש, פאָדערן גלייכע רעכט פאַר יידיש. געגנוג שוין צו זיין אַ געצייג אין די הענט פון דער מערהייט: זיך רוסיפיצירן, „גערמאַניזירן“, איז אַ נאַציאָנאַלער פאַרברעך און קען אַפילו ווערן אַ לעבנסגעפאַר ביי די צוגעשפּיצטע נאַציאָנאַלע באַציאונגען און נאַציאָנאַליסטישע שטרעמונגען. קיינער וועט אונדז נישט טאַדלען, אויב מיר וועלן נישט נוטה זיין צו דער אָדער יענער נאַציע. געגנוג צו זיין פאַרשקלאַפט צו פרעמדע געטער. ניש־קשה, יידיש קען שוין דאָס שטעטל באַשטיין, און אַ זינדיקער איז דער ייד, וואָס פאַרראַט יידיש. ס׳פעלן נאָך דער שפּראַך אַ סך זאַכן: איינ־הייטלעכער אויסלייג, טערמינאָלאָגיע, עקזאַקטע גראַמאַטיק, פילאָלאָגישע אויספאָרשונגען אא״וו. אָבער דאָס וועט קומען, ווען מיר אַלע וועלן זיך נעמען דערצו מיטן פולן באַוווסטזיין און ליבע צו דער שפּראַך.

דאָס איז געווען שטאַרק ניי, אַפילו פאַר ווילנע, וואָס האָט שוין גע־האַט אַן אומלעגאַלע שולע מיט יידיש, אַ פּרעסע און אַ מאַסע, וואָס איז שפּראַכלעך געווען נישט אַסימילירט. נאָר מען האָט זלמן רייזענען גע־הערט. ער פלעגט אַרויסטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען פון לערער, מעדי־קער, אַדוואָקאַטן. ער האָט מיט שוים גערעדט וועגן דער יידישער אינטע־ליגענץ, וואָס איז מערסטן טייל פאָרעטעריש בנוגע דעם טייערסטן, וואָס

אַ פאָלק פאַרמאָגט: דאָס לשון. בפרט איז עס לעבנסנייטיק איצט בנוגע אונדזערע שכנים און די נייע מושלים, די דייטשן. ז. רייזענס רייד האָבן געצונדן הערצער. זיי זענען געפאַלן אויף אַ גינסטיקן באָדן. אין ווילנע האָט זיך געקליבן די נאַציאָנאַלע פּאָטענץ. אָבער עס איז נישט געווען, ווער ס׳זאָל איר געבן די פאָרעם, די ענערגיע, דעם אימפּעט.

דאָס האָט געטאָן זלמן רייזען. מיט זיין געזונטן פאָלקס־חוש האָט ער, נישט זייענדיק קיין פּעדאַגאָג, געפילט, אַז כדי די יידישע קולטור זאָל ווערן פאַרפּעסטיקט, מוז מען אָנהייבן בויען פון אונטן, פון די תינוקות של בית רבן. דער עיקר אויסבויען אַ יידישע פאָלקסשולע, אַ נאָרמאַלע, וואָס זאָל אַריינגעמען אין זיך אַלע עלעמענטן פון דעם בעסטן און שענסטן, וואָס דאָס יידישע פאָלק און אַנדערע פעלקער האָבן געשאַפן. מיט איין וואָרט, די יידישע שולע דאַרף זיין אַ סינטעז פון אַלמענטשלעכן וויסן און יידישע היסטאָרישע און מאָדערנע אוצרות.

און דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן צו גרינדן שולן, געזעלשאַפטלעכע און פּריוואַטע. די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אַרום די שולן האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום און אין דער חברה „מפיצי־השכלה״. אין דער „מפיצי־השכלה זענען געווען פאַרטראָטן סיי יידישיסטן, סיי העברעיסטן. די קאַמפן האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין קאָמיטעט און זיי זענען אַריבערגעגאַנגען אויף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען. נאָך אַ ריי פּרוכטלאָזע פאַרזאַמלונגען אין הייסע דעבאַטן איז — ווי געווייינלעך — יעדער צד געבליבן ביי דאָס זייניקע. ביי ד״ר צמח שאַבאַד זענען פאַרגעקומען זיצונגען סיי פון „מפיצי־השכלה״־קאָמיטעט, סיי פון דער ענגערער גרופּע יידישיסטן. מען איז געקומען צום באַשלוס, אַז מען מוז זיך אויפן קולטורוועג צעשיידן און אָנשטאָט דעבאַטן דאַרף מען זיך נעמען צו דער אַרבעט. נאָך אַ גרויסער צוגרייטונגס־אַרבעט האָט מען באַשלאָסן צו עפענען אין דער ערשטער ריי אַ יינגל־שולע און אַלץ זאָל מען דאָרט לערנען אויף יידיש.

צווישן די קעמפער פאַר דער שולע זענען געווען, אויסער ד״ר צמח שאַבאַדן, זלמען רייזען, ש. באַסטאָמסקי, ג. פּלודערמאַכער, מ. שאַליט, מ. שור און אַ ריי אַנדערע לערער און געזעלשאַפטלעכע טוער. מען האָט גלייך אויסגעאַרבעט פּראָגראַמען. לערער מיט זלמן רייזענען בראש האָבן גע־

אַרבעט אויף אַ גענויער פּראָגראַם פון יידיש. אויסער דעם האָבן זיך גע־שאַפן אַ ריי טערמינאָלאָגישע קאָמיסיעס. זיי האָבן צוגעגרייט טויזנטער ווערטער, כדי דאָס לערנען זאָל אָנגיין אומגעשטערט.

זלמן רייזען איז געווען דער אויטאָריטאַטיווסטער מענטש בנוגע שאַפן אָדער באַשטעטיקן גוטע יידישע טערמינען. זלמן רייזענען האָט מען באַ־שטימט פאַר אַ לערער אין דער ערשטער שולע מיט דער יידישער לערנ־שפּראַך.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס בראש פון „מפיצי־השכלה" זענען גע־שטאַנען יידישיסטישע עלעמענטן, האָט מען אַריינגעפירט אין שולע אַ היפּשע צאָל שעהן פאַר טראַדיציאָנעלע לימודים און העברעיש. אַביסל שפּעטער האָט מען איינגעפירט העברעיש אין אַלע יידישע שולן מיט דער יידישער לערנשפּראַך.

זלמן רייזען האָט זיך נישט באַנוגנט מיט לערעריי. פּייווול מאַרגאָלין, דער געוועזענער אַרויסגעבער פון „הזמן", האָט פון דער דייטשער אָקופּאַ־ציע־מאַכט באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אויף יידיש אונטערן נאָמען „לעצטע נייס". מאַרגאָלין האָט צוגעצויגן צו דער רעדאַק־ציע אַזעלכע שרייבער ווי ש. ל. ציטראָן, מ. שאַליט, ז. רייזען, דן קאַפּלאַ־נאָוויטש א"אנד. די דריי־פיר שרייבער האָבן געשפּילט אין דער צייטונג די גרעסטע ראָלע. נישט קוקנדיק אויף דער שטרענגער צענזור, האָבן די רעדאַקטאָרן זיך באַמיט צו מאַכן די צייטונג וואָס לעבעדיקער מיט באַ־ריכטן וועגן יידישע פאַרזאַמלונגען, שול־לעבן, קולטורעלע אונטערנעמונ־גען.

די צייטונג „לעצטע נייס" האָט די ערשטע אין מזרח־אייראָפּע אַריינ־געפירט די מאָדערניזירטע אָרטאָגראַפיע. דאָס איז געווען ז. רייזענס אויפ־טו. ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז מען זאָל באַנוצן די שטומע אותיות. שוין דער נאָמען פון דער צייטונג „נייס" (און נישט „נייעס") האָט רעוואָלוציאָניזירט דעם גאַנצן אופן שרייבן נאָכן אַלטן שטייגער.

לכתחילה האָט „געריסן" די אויגן „בריוו" (אָנשטאָט „בריף"), זונ־טיק, מאָנטיק (אָנשטאָט זונטאָג, מאָנטאָג), אָבער ז. רייזען און זיינע רע־

דאַקציע־חברים האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן פֿאַרן ערשטן איינדרוק. און אין ווילנע האָט זיך איינגעבירגערט די פֿאָנעטישע אָרטאָגראַפֿיע, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ גרויסן דערפֿאָלג. די העברעיִשע עלעמענטן האָט מען נישט נאַטוראַליזירט — אָבער געוויסע פּאָפּולערע ווערטער האָט מען געשריבן מיטן יידישן אויסלייג (באַלעבאַטים, באַלמעלאָכעס אאַז״וו). די טערמינאָלאָגישע קאָמיסיעס ביים יידישן לערער־פֿאַראיין האָבן געשאַפֿן און געזאַמלט הונדערטער יידישע ווערטער פֿאַרן טאָג־טעגלעכן געברויך און טערמינען פֿאַר פֿאַרשיידענע לימודים אין די שולן. מערסטן טייל האָט די ווערטער באַשטעטיקט ז. רייזען, אין אַלע ספקדיקע פֿאַלן האָט מען זיך געווענדט צו אים.

אַדאַנק זלמן רייזענס השפּעה האָט די יידישע שפּראַך באַקומען אַ באַזונדערע חשיבות ביי דער יידישער באַפֿעלקערונג גופא. דאָקטוירים האָבן גערעדט מיט זייערע פּאַציענטן אויף יידיש, וואָס פֿריער איז עס געווען נאָר אַ זעלטנהייט. דער ערשטער אויפֿן פֿלאַץ איז געווען ד״ר צמח שאַבאַד, דער גרויסער הומאַניטאַרער און געזעלשאַפֿטלעכער עסקן פֿון ווילנע. זיין ביישפּיל האָבן נאָכגעטאָן כמעט אַלע יידישע מעדיקער און אַנדערע פּראָפֿעסיאָנאַלן. צווישן דער ווילנער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט לויט דער אַלטער געוווינהייט אונטערגעזינדיקט מיט דער רוסישער שפּראַך, פֿלעגט מען מיט אַ שטיקל ציטער זיך פֿרעגן: „און וואָס וועט זאָגן זלמן רייזען?״ און זלמן רייזען איז טאַקע געווען אַ קנאי פֿון דער יידישער שפּראַך.

קיין איין יידישע געזעלשאַפֿט האָט עפֿנטלעך נישט באַנוצט קיין שום אַנדער שפּראַך אויסער יידיש. שפּעטער־צו, אין דער צייט פֿון פּוילישער הערשאַפֿט, האָבן אַ ריי יידישע ראַטמענער אין שטאָטראַט, ווו די מערהייט איז געווען אַ נאַציאָנאַליסטיש־פּוילישע, געמאַכט פּראָוון, און טאַקע זייער דרייסטע צו האַלטן רעדעס אין יידיש. די פּאָליאַקן האָבן געמאַכט סקאַנדאַלן, געשריען, געליאַרעמט און נישט געלאָזן ריידן יידיש. מיט אַ באַזונדער דרייסטקייט האָט זיך אויסגעצייכנט דעמאָלט דער לערער פֿון דער יידישער רעאַל־גימנאַזיע — ראַטמאַן ברוך לובאָצקי. האָבן די „קול־טורעלע״ פּוילישע ראַטמענער זיך געוואָרפֿן אויף אים שלאָגן.

אַ פּאָר מאָל האָט מען געמאַכט פּרוּוון זיך צו טרעפן מיט די מער פּראָגרעסיווע פּוילישע שרייבער און זשורנאַליסטן. דאָרטן האָט ז. רייזען און אַנדערע יידישע שרייבער גערעדט יידיש (זיין רעדע און פון די אַנדע־רע יידישע רעדנער האָט מען איבערגעזעצט אויף פּויליש). קיין טיפערע פאַרבינדונגען מיט די פּוילישע שרייבער האָבן זיך דאָך נישט געשאַפן צו־ליב די הערשנדיקע אַנטיסעמיטישע שטימונגען ביי די פּאָליאַקן.

ז. רייזען איז געווען דער ערשטער, נאָכן פּאָגראָם פון די פּוילישע לעגיאָנערן אין אַפּריל 1919, אַרויסצוגעבן אַ יידישע צייטונג „ווילנער טאָג", וואָס האָט אַלעמאָל געטראָגן אַ קעמפערישן, ראַדיקאַלן כאַראַקטער סיי בנוגע אַלגעמיינע, סיי בנוגע יידישע פּראָבלעמען. נישט איינמאָל האָט די פּוילישע מאַכט דעם „טאָג" פאַרמאַכט און אויף רייזענען אַרויפגעלייגט שטראָפן. אָבער דער „טאָג" פלעגט אונטער געאַנדערשטע נעמען ווידער דערשיינען. ז. רייזען האָט צוגעצויגן צו דעם „טאָג" אַלע שעפערישע כו־חות און געזעלשאַפטלעכע טוער. צווישן די מיטאַרבעטער פון „ווילנער טאָג" זענען געווען ד״ר צמח שאַבאַד, יוסף טשערניכאָוו (דניאלי), ג. פלו־דערמאַכער און פיל אַנדערע. די צייטונג איז געווען זייער פּאָפּולער נישט נאָר אין ווילנע, נאָר אויך אין דער גאַנצער פּראָווינץ. דעם טאָן האָט גע־געבן רייזען. ער האָט אין זיינע לייטאַרטיקלען אָדער נאָטיצן געטאַדלט אַלץ, וואָס איז געווען אין יידישן לעבן צעקראָכן, אָפּאָרטוניסטיש, גאַנץ אָדער האַלב אַסימילאַטאָריש.

ז. רייזען האָט דערמוטיקט צו שרייבן אַרטיקלען אויך אַזעלכע, וואָס זענען נישט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלע שרייבער, וואָס האָבן אָבער גע־קענט האַלטן אַ פען אין האַנט און געקענט זאָגן אַ ניי דערפרישנדיק וואָרט אין פאַרשיידענע געביטן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן. קיין איין יידישער אינטעליגענט און האַלב־אינטעליגענט האָט זיך נישט געקענט אין דער פרי באַגיין אָן דעם „ווילנער טאָג". עס זענען געווען אין ווילנע אויך אַנדערע צייטונגען, וואָס זענען געשטאַנען אויף אַ געוויסער זשורנאַליסטישער הויך. אָבער אין ווירקונג און וואָג האָט זיך קיינער נישט געקענט פאַרגלייכן מיטן „ווילנער טאָג". מיט דער דאָזיקער צייטונג האָט יעדער יידישער קולטור־מענטש אין ווילנע אין דער פרי „געדאַווענט". אויך

אַלע אַרבעטער אין ווילנע און די יוגנט האָבן געהאַלטן דעם „ווילנער טאָג" פאַר זייער אייגענער צייטונג. זי האָט געהאַט גייסט און נאַציאָנאַלן פּאַ־טאָס. און דעם פּאַטאָס האָט זלמן רייזען אונטערגעהאַלטן די גאַנצע צייט. מיטן „טאָג" האָט זיך גערעכנט די מאַכט. און דערפאַר האָט זי רייזענען און זיין צייטונג אַזוי שטאַרק גערודפט.

אין דער זעלביקער צייט האָט רייזען נישט פאַרזען קיין שום קולטור־דערשיינונג אין יידישן לעבן. פרייטיק פלעגט ער אַרויסלאָזן אַ נומער פון 8־10 זייטן, ווו עס זענען געווען ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען און אַרבעטן פון יידישע דיכטער. ז. רייזען איז געווען דער גייסטיקער פאָטער פון דער גלענצנדיקער גרופּע „יונג־ווילנע". אין אַ געוויסן פרייטיק האָט ז. רייזען אָפּגעגעבן אַ פיר־זייטיקע ביילאַגע דער גרופּע מיט דעם דרייסטן זעקס־שפּאַלטיקן קאָפּ „דער אַריינמאַרש פון יונג־ווילנע אין דער יידישער קול־טור". דאָרט זענען געווען פאַרטראָטן כמעט אַלע יונג־ווילנער, ווי ח. גראַדע, א. סוצקעווער, א. וואָגלער, ש. קאַטשערגינסקי, ל. וואָלף, מ. לע־ווין, פּ. מיראַנסקי, ש. קאַהאַן א״אַנד. זלמן רייזען פלעגט נאָך דעם „אַריינ־מאַרש" גאַנץ אָפט פאַרעפנטלעכן שאַפונגען פון דער מערקווערדיקער חברה, וואָס האָט באַקומען אַזאַ גוטן נאָמען אין דער גאַנצער יידיש־שריי־בערישער וועלט.

ווען נאָר ער איז געקומען אויף אַ וועלכער־עס־איז יידישער אונטער־נעמונג, דער עיקר אויף די אונטערנעמונגען אין די יידישע שולעס, האָט רייזענס פּנים געשיינט פאַר שמחה, בעת ער האָט געהערט אַ יידיש ליד, אַ רעציטאַציע, אַ פאָרשטעלונג. דאָס יידישע שולוועזן און זיינע פּראָבלעמען זענען געווען די הויפּטפראַגן, וואָס „ווילנער טאָג" האָט באַהאַנדלט און געשטיצט. רייזען האָט נישט געזשאַלעוועט קיין פלאַץ פאַר באַריכטן וועגן יידישע שול־יום־טובים, טעאַטער־פאָרשטעלונגען. דאָס שונד־טעאַטער האָט ער באַקעמפט מיט אַלע זיינע כוחות. דאַקעגן פאַר אַלץ, וואָס איז אין יידישן טעאַטער געווען קינסטלעריש, פאָלקסטימלעך, ליטעראַריש, האָט רייזען געהאַט אַ גוט וואָרט און נישט געזשאַלעוועט קיין פלאַץ. ער האָט אָפט אַליין געשריבן רעצענזיעס, דערמוטיקנדיק די אַרטיסטן און די אונ־טערנעמער ממשיך צו זיין זייער קינסטלערישן וועג אויף דער יידישער בינע.

נאַטירלעך איז, אַז זלמן רייזען זאָל זיין איינער פון די טיכטיקסטע בויער פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוואָ). ער איז געווען איינער פון די דריי, וואָס אויף זיי האָט זיך געהאַלטן די גאַנצע אַרבעט פון ייוואָ (ד״ר מ. ווייַנרייך, ז. קלמנאָוויטש און ז. רייזען). ער מיט זיינע חברים האָבן געגעבן די ריכטונג און איניציאַטיוו. כמעט יעדן אָוונט, אַלע שבתים און בכלל זיין גאַנצע פרייע צייט האָט ז. רייזען אָפּגעגעבן דעם ייוואָ. ער האָט אַנטיילגענומען כמעט אין אַלע קאָמיסיעס, וואָס זענען ביים ייוואָ געגרינדעט געוואָרן, כדי צו אַנטוויקלען די וויסנשאַפטלעכע און זאַמל־אַרבעט.

רייזען האָט זיך נישט באַנוגנט נאָר מיט פובליציסטישער, וויסנשאַפטלעכער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער איז געווען אויך פאַרליבט אין אַלץ, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן, באַזונדערס אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס ער האָט גרינדלעך געקענט אין אַלע אירע פאַזעס און אַנטוויקלונגען. איך קלייב זיך נישט אויסצושעפּן דאָ אַלץ, וואָס ז. רייזען האָט אויפן געביט פון יידיש־פאָרשונג געשאַפן אין פילאָלאָגיע, גראַמאַטיק, ליטעראַטור. דאָס זאָל טאָן זיין ביאָגראַף. מ׳קען אָבער נישט פאַרבייגיין זיין אויפטו אויפן געביט פון געבן דעם יידישן שרייבער, זשורנאַליסט, געלערנטן און בכלל פען־מענטש אַ תיקון אין דער פאָרעם פון זיין באַרימטן ביאָ־ביבליאָגראַפישן לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פרעסע און פילאָלאָגיע.

נאָך ביז זיין קומען קיין ווילנע האָט ז. רייזען אַרויסגעגעבן אין איין באַנד אַזאַ מין לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור. אָבער ער אַליין האָט געפילט, אַז דאָס איז ווייט נישט קיין אויסשעפּלעכע אַרבעט. ער האָט אויף זיך גענומען צו פירן ווייטער די אַרבעט, כדי צו שאַפן אַ גרויס ווערק. דער באַוווסטער פאַרלעגער באָריס קלעצקין האָט זיך אונטערגענומען אַרויסצוגעבן רייזענס אַרבעט אין ווּיפל בענדער ס׳וועט זיך פאָדערן.

ער האָט זיך פאַרבונדן שריפטלעך כמעט מיט אַלע יידישע שרייבער. פון זיי האָט ער אויך געבעטן, זיי זאָלן אים צושטעלן ידיעות וועגן פאַרשטאָרבענע שרייבער, מיט וועלכע זיי זענען געווען נאָענט. רייזען האָט נישט דורכגעלאָזן קיין איין געלעגנהייט אויסצופרעגן מענטשן, וואָס זענען אַזוי אָדער אַנדערש געווען באַקאַנט און באַהאַוונט וועגן פרטים פון

אַוועקגעגאַנגענע שרייבער. פאַר רייזענען איז יעדע ידיעה, יעדער שטריך וועגן לעבן פון אַ שרייבער געווען וויכטיק. ער האָט זיך אָבער אָפט גע־קלאָגט, אַז „מע קען זיך אויף קיינעם נישט פאַרלאָזן, מע מוז אַלץ נאָכ־קאָנטראָלירן". ער האָט טאַקע, אַזוי צו זאָגן, קאָנפראָנטירט די אַלע באַקו־מענע ידיעות איינע מיט די אַנדערע און מיט די מאַטעריאַלן, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין רשות, כדי פעסטצושטעלן ווירקלעכע פאַקטן. נישט אַלע האָבן געענטפערט, ער האָט געדאַרפט שרייבן נאָכאַמאָל און אַ דריט מאָל. אַ פילפאַכיקע קאָרעספּאָנדענץ האָט ער פאַרפירט מיט די פאַראינ־טערעסירטע און זייטיקע מענטשן. ביי זיינע וועלט־נסיעות האָט ער באַ־געגנט אַלע יידישע שרייבער און ווי ווייט מעגלעך באַקומען ידיעות פאַרן לעקסיקאָן. ער האָט אונטערגענומען אַ רייזע קיין רוסלאַנד מיטן ציל צו זאַמלען ידיעות וועגן סאָוועטישע יידישע שרייבער, וואָס צו זיי איז שריפט־לעך געווען כמעט ווי אוממעגלעך צוצוקומען, אַ פשיטא שוין באַקומען פון זיי שריפטלעכע תשובות.

עס איז געווען צו באַוואונדערן רייזענס התמדה און אויסדויער ביים שאַפן די פיר בענד פון זיין ביאָגראַפישן לעקסיקאָן. קיין אַרבעט אַרום דעם איז אים נישט געווען צו שווער. אָנהייב די 20ער יאָרן איז סוף־כל־סוף דערשינען דער ערשטער באַנד פון זיין נייעם לעקסיקאָן. עס איז גע־ווען ממש אַן איבערראַשונג פאַר אַלע ליבהאָבערס און פאַרערערס פון יידי־שער ליטעראַטור און סתם קולטור־מענטשן. ז. רייזען האָט זיך באַמיט, אַז מ'עז זאָל קיינעם פון די יידישע פען־מענטשן נישט פאַרגעסן. ער האָט דער־מוטיקט צו געבן ידיעות פאַרן לעקסיקאָן אַזעלכע מענטשן, וואָס זענען נאָך דעמאָלט געווען ווייט פון זיין פראָפעסיאָנעלע שרייבער, נאָר פון צייט צו צייט געשריבן אַרטיקלען, וואָס מען האָט געקענט קוואַליפיצירן ווי ליטע־ראַטור אָדער זשורנאַליסטיק. ס'איז געווען גענוג, מען זאָל האָבן אַ 20־30 געדרוקטע אַרטיקלען, אַז רייזען זאָל דעם אָדער יענעם מסמיך זיין פאַר אַ שרייבער. ער האָט נישט נאָר אָפגעשאַצט ריכטיק מענטשן, וואָס זענען געווען נישט אַזוי זיכער, אַז זיי קומט אַן אָרט אין „פּאַנטעאָן פון יידישע שרייבער" — נאָר ער האָט מיט זיינע וואַרעמע און פריינדלעכע רייד דער־מוטיקט זיי צו שרייבן און גלייבן אין זייערע אייגענע כוחות. און זעלטן ווען רייזען האָט געמאַכט אַ טעות.

עס איז זיכער נישט געווען און עס איז נישטאָ אַזאַ שרייבער ווי ז. רייזען, וואָס איז פּערזענלעך געווען באַקאַנט כמעט מיט אַלע לעבעדיקע יידישע פּענמענטשן.

ער איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן רענעגאַטן, יידיש־פּרעסער, קעגן די, וואָס פאַראַכטן דאָס יידישע פאָלקסלעבן. צו אַזעלכע עלעמענטן איז ער געווען אומברחמנותדיק. קומענדיק קיין ווארשע האָט ער שטאַרק פאַר־דאַמט יענע יידישע שרייבער, וואָס זענען געווען נוטה צו אַסימילאַציע בנוגע שפּראַך (פּויליש).

ז. רייזען האָט געהאַט אַ חוש פאַר אַלץ, וואָס איז געווען שאַפעריש אין יידישן לעבן. ער האָט ברייט געגעבן פּלאַץ אין „ווילנער טאָג" פאַר פּראָגעס וועגן פּראָדוקטיוויזאַציע, אַגראַריזאַציע, פאַר ראַציאָנאַלער קאָ־לאָניזאַציע. דערפאַר איז ער אויך געווען אַ סימפּאַטיקער צו דער באַוועגונג „פריילאַנד", צום חלוציזם און צו אַלע באַוועגונגען, וואָס האָבן גע־האַט דעם ציל צו דערנענטערן יוגנט צו פּראָדוקטיווער אַרבעט.

„צוקונפט, נ"י, מיי־יוני, 1952.

„די אידישע צייטונג", ב. איירעס, פעב. 24, מאַרץ 3, 1953.

ד״ר צמח שאַבאַד

ד״ר צמח שאַבאַד איז אין משך פון 40 יאָר געווען פאַרבונדן מיט טויזנטער פעדים מיט ווילנע, מיט יעדן ווילנער מענטשן. ס׳וועלן זיך געפינען גאַנץ ווייניק מענטשן סיי אין ווילנע, סיי אין פּראָווינץ, וועלכע זאָלן ווען עס איז זיך נישט ווענדן צו דעם פּאָפּולערן דאָקטאָר, ווי צו אַ מעדיקער. שאַבאַד איז אָפט געווען דער פּוסק אחרון אין שווערע דיאַגנאָסטישע פראַגן. אין זיין וויסנשאַפטלעך אָוועקגעשטעלטער קאַרטאָטעק זענען געווען פאַרדעגיסטרירט טויזנטער מענטשן. אַ פּאַציענט האָט געמעגט זיין ביי שאַבאַדן (ד״ר שאַבאַדן האָט מען שוין גערופן אָן אַ טיטל) מיט צענדליקער יאָר צוריק; ווי נאָר ער איז ווידער געקומען, איז זיין אַמאָליקע קאַרטע שוין געלעגן אויפן טיש.

ווי אַ מעדיקער האָט ד״ר שאַבאַד געהאַלטן שטאַרק פון נאַטירלעכקייט. די נאַטור איז לויט זיין אויפפאַסונג געווען דער בעסטער דאָקטאָר, אויב דער מענטש אַליין האָט איר נישט פאַרגוואַלדיקט. געהאַלטן האָט ער מער פון פּראָפילאַקטישע מעדיצין, ווי פון דער לאַטיינישער קיך. ער פלעגט אָנלאָדן דעם פּאַציענט מיט אָפּטימיזם, מיט גלויבן. זיין פּרינציפּ בנוגע דעם כראָנישן פּאַציענט איז געווען נישט צו באַשווערן זיין לעבן מיט כללים „מען טאָר נישט״... „טוט וואָס אייך איז אָנגענעם״ — איז געווען זיין עצה, וואָרום ער האָט געהאַלטן, אַז עצבות איז אַ שלעכטער דאָקטאָר און חדווה היילט, גלייכט אויס דעם מענטשן.

אין זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, וואָס איז געווען אומגעהויער פאַרצווייגט און פרוכטבאַר, האָט ער אויך אָנגעווענדט דעם מעטאָד פון אָפּטימיזם. מען דאַרף גלייבן אין יעדער זאַך, וואָס מען טוט אָדער צו וואָס מען טרעט צו צו טאָן.

זיינע באַליבטע געביטן פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט זענען געווען: געזונט פון גייסט, קערפּער און פאָלקסקולטור. אויפן ערשטן געביט איז ער געווען דער איניציאַטאָר פון אַ ריי פּראָפילאַקטיש-מעדיצינישע אינס-

טיטוציעס, יאָרנלאַנג זייער פירער און עצה־געבער. ער שאַפט צוזאַמען מיט ד״ר אברהם מאַקאָווער די אַנשטאַלטן פון „אָזע״, די זויג־קינדערהיים, די קאָלאָניעס, אַמבולאַטאָריעס, טראַפּנס־מילך, באַראַטונג־שטעלעס פאַר מוטערס, סאַנאַטאָריעס פאַר לונגען־קראַנקע אאַז״וו. ער פירט אָן מיט דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַרבעט אויפן געביט פון היגיענע. ער לייענט אַליין אומצאָליקע מאָל לעקציעס וועגן פראַגעס פון היגיענע, קראַנקייטן און בכלל וועגן אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיטן געזונט. ער שאַפט אַ טיפּ פון אַ וווּנדערבאַרן פּאָפּולערן מעדיצינישן זשורנאַל „פאָלקס־געזונט״, וואָס דרינגט אַריין כמעט אין יעדער יידישער שטוב און ווערט אַ האַנט־זשור־נאַל פאַר יעדן יידישן מענטשן.

שאַבאַד אַליין פילט אויס מער ווי אַ העלפט פון דעם זשורנאַל. נאָר אויסער דעם שרייבט נאָך שאַבאַד אַ רייע וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונ־גען וועגן געזעלשאַפטלעך־מעדיצינישע פראַגן. כל ימיו שטודירט ער די מעדיציניש וויסנשאַפט פון די ערשטע קוואַלן, און ווערט איינער פון די גרעסטע בקיאים אויף דעם דאָזיקן געביט אין ווילנער געגנט.

נישט קוקנדיק אָבער אויף זיין גרויסע מעדיצינישע פּראַקטיק און זיינע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, איז שאַבאַד איינער פון די אינטענ־סיווסטע עסקנים, וועמען עס זענען נאָענט אַלע פראַגן פון יידישן געזעל־שאַפטלעכן לעבן. ער שאַפט אין זיין צייט, צוזאַמען מיט ש. דובנאָוון, די יידישע פאָלקספּאַרטיי און אין משך פון אַ ריי יאָרן בלייבט ער איר אָנער־קענטער פירער. שוין אין יאָר 1919 ווערט ד״ר שאַבאַד דער ערשטער פאָר־זיצער פון דער ערשטער ווילנער קהילה.

ער געהערט לויט זיין גייסט צו די בעסטע פאָרשטייער פון דער אַמאָ־ליקער רוסיש־יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך די בעסטע שטרעמונגען פון דער השכלה מיט די שענסטע אייגנשאַפטן פון די הומאַניטאַרע רוסישע געשטאַלטן, ווי קאָראָלענקאָ, מיכאַילאָווסקי, אוס־פּענסקי א״אַנד קעמפער פאַר די פאָלקסרעכט. פון דער השכלה האָט שאַ־באַד איבערגענומען דעם „אני מאמין״ צו פירן אַן אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די ברייטע יידישע מאַסן.

ער גרינדעט טאַקע אין ווילנע אַן אָפּטיילונג פון דער אַמאָל באַרימ־

טער חברה „מפיצי־השכלה". ער ווערט איר פאַרזיצער און איר לעבעדי־קער גייסט. עס ווערט דאָ געגרינדעט די ערשטע יידישע געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעק „מפיצי־השכלה", שפּעטער די שולע „מפיצי־השכלה". שאַבאַד נעמט אָנטייל אין אַלע צוגרייטונג־אַרבעטן צו עפענען די אַנשטאַלטן, און שפּעטער איז ער זייער אמתער פאָטער.

אין דער צייט פון מלחמה בלייבט שאַבאַד אין ווילנע און ווערט דער פירער פון יידיש־וועלטלעכן שולוועזן, קינדערהיימען, קיכן א"אַנד אַנ־שטאַלטן פון גיכער הילף.

אין דער שרעקלעכער צייט פון דער אָקופּאַציע גיט שאַבאַד אַרויס „די ווילנער זאַמלביכער", וועלכע ברענגען דער וועלט דעם ערשטן גרוס פון דער אונטערדריקטער ווילנע.

נאָך דער וועלט־מלחמה נעמט שאַבאַד אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער רעקאָנסטרוקטיווער אַרבעט פון „יעקאָפּאָ", „אָרט", „אָזע". ער איז פאַר־זיצער פון די געזעלשאַפטן. גלייכצייטיק איז שאַבאַד דער אַלוועלטלעכער אַדרעס אין ווילנע, אויף וועמענס נאָמען עס קומען אָן הילפס־געלטער און זאַכן פאַר די נויטליידנדע יידישע מאַסן פון שטאָט און פּראָווינץ.

מיט דער גרינדונג פון צ. ב. ק. ווערט שאַבאַד דער אַפּוטרופּוס פון יידיש־וועלטלעכן שולוועזן. ער אינטערעווירט, ער באַטייליקט זיך אין אַלע וויכטיקע באַראַטונגען וועגן דער אַרבעט אין די שולן, ער איז דער ערן־פאַרזיצער פון צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט.

זיין פאַרבאַרגענער און אינטימסטער אידעאַל איז געווען די פּראָ־דוקטיוויזאַציע פון יידישע מאַסן און ספּעציעל דאָס אַריבערפירן כאָטש אַ טייל פון יידישע שטאָט־מענטשן אויפן דאָרף. אין דעם פּרט נעמט ער אַליין די איניציאַטיוו, שאַפט ספּעציעלע געזעלשאַפטן פאַר דעם צוועק (צ"ב די געזעלשאַפט „ווילטאר"), אָדער ווערט אַן אַקטיווער טוער אין אַנדערע געזעלשאַפטן, וואָס זייער ציל איז צו באַזעצן יידן אויף ערד. ער ווערט דער פירער פון ווילנער עקספּאָזיטור פון יידישע לאַנדווירטן (יל"ג, צענטראַלע אין לעמבערג).

ער איז אויך אַ טעטיקער מיטגליד פון ערשטן טאָג פון דער געזעל־שאַפט „הילף דורך אַרבעט". ער לאָזט נישט דורך קיין געלעגנהייט צו פאַר־

שטאַרקן די יידישע עקאָנאָמיק דורך שאַפֿן נייע פּרנסות, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט ערדאַרבעט און מלאכה בכלל.

ס'איז בוכשטעבלעך נישטאָ קיין ווינקעלע פֿון געזעלשאַפֿטלעכקייט, ווו ד״ר שאַבאַד זאָל נישט אַריינטראָגן זיין פּשוטן און קלאָרן שכל, זיין אָפּטימיזם. זיין שטענדיקע גוטמוטיקייט האָט נישט געלאָזן צו פֿונאַנדערפֿלאַקערן זיך די ליידנשאַפֿטן פֿון פּאַרטיי־מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט שטעלן לאָקאַלע פּאַרטיי־אינטערעסן העכער פֿון טובת־הכלל.

דער גרויסער צוטרוי און ליבע וואָס אַלע האָבן געהאַט צו ד״ר שאַבאַדן האָט גורם געווען דעם דערפֿאָלג פֿון אַלע טעטיקייטן, ווו ד״ר שאַבאַד איז געווען פֿאַרטראָטן.

ס'זענען געבליבן ווייניק אַזעלכע אומבאַפֿלעקטע, קרישטאָל־ריינע מענטשן, ווי עס איז געווען ד״ר צמח שאַבאַד. זיין נאָמען איז געווען באַוווסט אין דער גאַנצער יידישער וועלט.

„צייט״, ווילנע, דעם 22סטן יאַנואַר, 1935.

משה שאַליט

עס איז שווער צו געפינען נאָך איינעם, ביי וועמען ליטעראַרישע טע־טיקייט זאָל זיך אַזוי פּאָרן מיט אַ ברייט־פאַרצווייגטער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, ווי ביי משה שאַליטן. ער איז געווען אַן אידעאַליסט אין זיין אופן דענקען, אַ הומאַניסט אין זיין פילן און אַ פּאָזיטיוויסט אין פּראַקטישער אַרבעט. די אַלע דריי אייגנשאַפטן האָבן ביי שאַליטן האַרמאָניזירט אויפן שלמותדיקסטן אופן.

שאַליט איז געווען אַ וואַרעמער חבר צו זיינע אומצייליקע פריינד. און אויך אין זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָט ער שטענדיק געהאַט אויפן אויג די אינטערעסן פון יחיד, אַזוי אַז דער לעצטער זאָל נישט ווערן פאַרגוואַלדיקט פון געזעלשאַפטלעכע תקיפים, וואָס זענען אויסן כבוד, „מאַכט" אָדער אַנדערע מ'ער מאַטעריעלע צילן.

צום גרויסן כבוד פון אונדזער ווילנע — אויף וויפל איך געדענק און ווייס פון דער פאַרגאַנגענהייט — איז דאָרטן קיינמאָל נישט אויפגעדעקט געוואָרן וועלכע־עס־איז גרויסע אָדער אַפילו קלענערע געלט־אַפערע אין די פילצאָליקע ווילנער געזעלשאַפטן און אַנשטאַלטן.

כ'גלייב, אַז דאָס איז געווען נישט אין אַ קליינער מאָס דער פאַר־דינסט פון די שאַליטס, שאַבאַדס, וויגאָדסקיס, רובינשטיינס, קרוקס א"א, וואָס האָבן אַנגעפירט מיטן ווילנער געזעלשאַפטלעכן לעבן.

מ. שאַליטס טעטיקייט האָט זיך געשפּרייט וויט־ווייט איבער די גרענעצן פון ווילנע, איבער דער גרויסער ווילנער פּראָווינץ צו גאַנץ פּוילן אַפילו. אין דער ווילנער פּראָווינץ — דורך דער הילף־אַרבעט פון יעקאָפּא, אין פּוילן — דורך דער פאַרצווייגטער אַרבעט פון דער גרויסער נעץ קאָאָ־פּעראַטיווע בענק, פון פּראָדוציר־ און קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון א"א אינסטי־טוציעס פון געזעלשאַפטלעכן נוצן.

אויב ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה איז שאַליט געווען מער שריפט־שטעלער, פּאַרטיי־טוער, איז ער אין זיין גאַנצער גרויס ווי אַ געזעלשאַפט־

לעבער טוער אויסגעוואַקסן אין דער צייט צווישן דיביידע וועלט־מלחמות. צום באַדויערן האָבן מיר נישט קיין גענויע ביאָגראַפיע אָדער אַפילו וועל־כע־עס־איז גענויערע פאַקטן וועגן זיין פאַרבנרייך לעבן. איבעריקנס, איז עס אַ מין „מכת מדינה" פאַר אַלע ווילנער פערזענלעכקייטן, וואָס מיר האָבן געקענט און געאַכט. עס איז אונדז/ער קאָלעקטיווער חוב צונויפקלייבן אַלץ, וואָס איז נוגע אונדזערע אומפאַרגעסלעכע קדושים, כדי מיר זאָלן קענען כאָטש אין אַלגעמיינע שטריכן האָבן זייערע ביאָגראַפיעס.

משה שאַליט איז געבוירן געוואָרן אין אַ ווילנער באַלעבאַטישער משפחה. צו דריי יאָר איז ער שוין געווען אַ יתום נאָך זיין פאָטער. ער האָט באַזוכט אַ שטיקל צייט אַ חדר און דערנאָך אָנגעקומען אין דער יידי־שער קאַזיאָנער שולע, וואָס ער האָט מיט דערפאָלג געענדיקט. דער דאָזי־קער טיפּ שולעס אין ווילנע איז געשטאַנען אויף אַ גאַנץ הויכן ניוואָ. שאַ־ליט האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט ממשיך צו זיין זיין בילדונג אין אַ מיטלשול — אַ פשיטא שוין אַ הויכשול. זיינע „אוניווערסיטעטן", ווי ביי גאָרקין, זענען געווען ביכער און דאָס לעבן אַליין. זיין שווערע לאַגע האָט אים אויסגעלערנט צו קוקן מיט אָפענע אויגן אויף דער אַרומיקער וועלט, און פון דעם — זיין פּאָזיטיוויזם איבער פּראָבלעמען סיי יידישע, סיי אַל־געמיינע. דער שטראָם, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די יידישע יוגנט מיט רע־וואָלט קעגן דעם צאַריזם, פאַר סאָציאַליזם — האָט נישט אויסגעמיטן דעם פילעוודיקן משהלען. נאָר ביי אים איז עס געגאַנגען דורך דעם סענטימענטן ספּעקטאָר פון ציוניזם — גרופּע „וואָזראָזשדעניע" (י. ס.).

שאַליט איז געווען עטלעכע מאָל אַרעסטירט, ער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון צאַרישע תפיסות און קלעפּ. ער האָט געמוזט אַ געוויסע צייט עוקר זיין קיין דייטשלאַנד און זיך באַזעצט אין קיניגסבערג.

אָנגעהויבן שרייבן האָט ער אין רוסיש אין עלטער פון 19־20 יאָר. גייסטיק און אידעיש האָבן אים געלאָקט די אידעאַליסטישע סטודענטן פון „בילו", וואָס האָבן אַוועקגעוואָרפן זייערע הויכשולן און אַוועק מיטן איי־גענעם שטערן און הוילע הענט האָקן דעם שטיינערנעם באָדן פון ארץ ישראל. ער האָט וועגן זיי אָנגעשריבן אַ סאָלידע מאָנאָגראַפיע, וואָס איז שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן פון רוסיש אויף יידיש. דאָ האָט שוין שאַ־

ליט אַרויסגעוויזן זיינע ליטעראַרישע אייגנשאַפטן — קלאָרקייט פון איינ־האַלט און פשטות פון סטיל. ער האָט געשריבן אויך רעצענזיעס. זיין זאַכ־לעכער אופן אין באַהאַנדלען טעמעס האָבן פאַר שאַליטן געעפנט כמעט אַלע טויערן פון יידישע זשורנאַלן און צייטונגען. ער ווערט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון ציוניסטישן וואָכנבלאַט „דאָס יידישע פאָלק" אונטער דער רעדאַקציע פון באַקאַנטן פעטערבורגער שריפטשטעלער י. לוריע.

אין 1909 אַרבעט ער אין דער „יידישער צייטונג", וואָס דער באַ־ווּסטער פאַרלעגער פון „הזמן", פייוול מאַרגאָלין, גיט אַרויס. פון דעמאָלט אָן איז שווער צו געפינען אַ יידישע צייטשריפט סיי אין רוסיש, סיי אין יידיש, וווּ שאַליט זאָל נישט מיטאַרבעטן. מיר וועלן אָנרופן די וויכטיק־סטע: „ראַזסוויעט", „דאָס נייע לעבן" פון ד"ר זשיטלאָווסקי, „יידישער קעמפער", „דאָס יידישע פאָלק" און אַנדערע.

צוזאַמען מיט דוד איינהאָרן האָט ער אַרויסגעגעבן די צייטונג „דאָס פאָלקסבלאַט". שאַליט האָט אויך געשריבן אין די העברעיִשע זשורנאַלן „העולם" און מאַרגאָלינס „הזמן", נישט געקוקט דערויף, וואָס שאַליט שרייבט נישט קיין העברעיִש. אין 1910 רעדאַקטירט ער דעם זאַמלבוך „פאָלק און לאַנד", וואָס איז געווידמעט דער פילאָזאָפיש־געזעלשאַפטלע־כער אויפקלערונג און דער קריטיק פון ציוניזם. צוזאַמען מיט באָריס גאָלדבערגן, אַ באַקאַנטן ווילנער ציוניסט, שטעלט שאַליט צוזאַמען דעם זייער פּאָפּולערן לוח „קדימה". אָנהייב 1914 פאָרט שאַליט אַוועק קיין ניו־יאָרק און באַטייליקט זיך ווי אַ רעדאַקטאָר אין דאָס „נייע לעבן" און אַרבעט אין אַנדערע אויסגאַבן. אָבער קענטיק, אַז די ניו־יאָרקער ליטעראַ־רישע אַטמאָספער איז אים נישט שטאַרק געווען צום האַרצן.

מ. שאַליט באַוויזט קוים צו קומען קיין ווילנע, ווי די מלחמה ברעכט אויס. ער אַרבעט ווייטער אין דער יידישער פרעסע, ביז זי ווערט זומער 1915 פאַרמאַכט דורך דער רוסישער מיליטער־קאָמאַנדע. אין אַ פּאָר חדשים אַרום ווערט ווילנע פאַרנומען דורך די דייטשן.

דער קאָמיטעט „מפיצי השכלה" באַשליסט צו עפענען די ערשטע יינגל־שולע „מפיצי השכלה" מיט יידיש אַלס לימוד־שפּראַך. ווי אַ מיט־גליד פון קאָמיטעט העלפט ער אויסאַרבעטן אַ געניִעם פּראָגראַם פאַר דער

שולע. דער קאָמיטעט באַשטימט שאַליטן פאַר איינעם פון די לערער פון דער שולע. גלייכצייטיק פירט אָן שאַליט מיטן פאָלקס־אוניווערסיטעט, וואָס די „מפיצי השכלה" האָט געעפנט אויף גדאַנסקע גאַס אין גרויסן זאַל פון האַנטווערקער־שולע (שפּעטער טעכניקום). דער פאָלקס־אוניווערסיטעט האָט גרויס דערפאָלג. אויף געוויסע לעקציעס קומען 5־6 הונדערט מענטשן.

שאַליט האָט זיך אָבער מיט דעם נישט באַנוגנט. ער האָט די גאַנצע צייט מיטגעאַרבעט אין מאַרגאַלינס „לעצטע נייעס". ער האָט מיט ד"ר שאַבאַד צוזאַמענגעשטעלט די באַרימטע 2 בענד פון „ווילנער זאַמלביכער", וווּ די צוויי רעדאַקטאָרן האָבן, אויף ווי ווייט די דייטשע צענזור־באַדינגונגען האָבן דערלויבט, געגעבן צו וויסן דער וועלט, אַז ווילנע לעבט. ווילנע האָט נישט צופיל צו עסן (בלשון סגי־נהור — הונגערט), אָבער זי שאַפט: שולעס, יתומים־הייזער, קיכן, האַנטווערקער־קאָאָפּעראַטיוון און פּראָפעסיאָנעלע שולעס, ביבליאָטעקן, אַמבולאַטאָריעס, גאָרטן־אַרבעט פאַר שול־יוגנט אאַז"וו. טיילן פון די זאַמלביכער זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף דייטש און געמאַכט אַ רושם אין די קרייזן פון הילפס־פאַראייז פון דייטשע יידן. די ביכער האָבן דורך אומוועגן דערגרייכט אויך פּעטערבורג און אויך דאָרטן איז אָרגאַניזירט געוואָרן הילף פאַר ווילנע.

אין מאָסקווע האָט זיך געשאַפן אַ געזעלשאַפט צו העלפן די יידישע מלחמה־קרבנות אונטערן נאָמען „יעקאָפּאַ", און גלייך ווי ווילנע איז באַפרייט געוואָרן פון די דייטשן האָט יעקאָפּאַ אָנגעהויבן איר טעטיקייט אין ווילנע. די אָנפירונג מיט דער אַרבעט האָט אויף זיך גענומען שאַליט.

בינתים איז געקומען קיין ווילנע ש. אַנ־סקי. ער האָט אָרגאַניזירט דאָ אַלע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין אַ פאַראיין און שאַליט איז געווען וויצע־פּאָרזיצער. ערשטער פאָרזיצער איז געווען אַנ־סקי, דערנאָך ש. ל. ציטראָן, אַ געוויסע צייט ז. רייזען און אין די לעצטע אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר, מיט קליינע איבעררייסן, איז שאַליט געווען דער אומפאַרבייטלעכער פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג. אָנהייב 1920 האָט שאַליט אַרויסגעגעבן העפטן „לעבן", וואָס זענען געווידמעט געווען דעם אָנדענק פון אַנ־סקי, זיין באַרימט־געוואָרענעם „דיבוק" און אַנדערע ליטעראַרישע פּראָבלעמען. אין די העפטן האָט, צווישן אַנדערע, פאַרעפנטלעכט עטלע־

כע אַרבעטן אויך ה. לונסקי מיט רירנדיקע זכרונות וועגן ש. אַנ־סקי, דעם מענטשן, וואָס האָט געהאַט אַן אויג און הייס האַרץ פאַר אַלץ, וואָס קומט פאָר אין יידישן לעבן. אַנ־סקיס פערזענלעכקייט האָט שאַליט אָפּגעשפּיגלט אויף אַ סובטעלן אופן אין דעם זשורנאַל „לעבן".

שאַליט איז געוואָרן אויך אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון די „ליטעראַרישע בלעטער". נאָך פון די צוואַנציקער יאָרן האָט שאַליט זיין הויפּט־ענערגיע געווידמעט דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פון יעקאָפּא. ער האָט אָרגאַניזירט געזעלשאַפטלעכע קאָמיטעטן כמעט אין אַלע שטעט־לעך פון ווילנער, באַראַנאָוויטשער און נאָוואָרעדקער פּראָווינצן. דער ציל פון די קאָמיטעטן איז געווען העלפן יעקאָפּא אין דער אויפבוי־אַרבעט, וואָס דער „דזשאָינט" האָט איר אָנגעפאַרטרויט. אין די שטעט און שטעט־לעך האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. שאַליט און זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער א. קליאַנסקי, י. וואלק, מ. יעווזעראָוו א"א פלעגן אַרומפאָרן איבער דער פּראָווינץ און אינסטרואירן די אָרטיקע טוער, וועלכע זענען נישט געווען צופיל דערפאַרן אין געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט.

זייער אינטערעסאַנט פלעגן זיין די צוזאַמענפאָרן פון יעקאָפּא, וואָס שאַליט פלעגט צוזאַמענרופן. אויף די צוזאַמענפאָרן האָבן זיך באַטייליקט רבנים, לערער, האַנטווערקער, קליינהענדלער און פאָרשטייער פון אַרבע־טער, אויף וויפל זיי זענען אין די געגעבענע ערטער געווען אָרגאַניזירט. דער פאַרשיידנאַרטיקער צוזאַמענשטעל פון די קאָנפערענצן פלעגט אָפט זיין טומלדיק צוליב די קעגנזעצלעכע מיינונגען. בראש פון יעקאָפּא איז געשטאַנען אַ קורצע צייט ד"ר שאַבאַד. אָבער אויך דער באַרימטער רב ר' חיים עוזר גראָדזענסקי, דער אָנערקענטער מנהיג פון די אָרטאָדאָקסן, האָט געהאַט דורך די רבנים־דעלעגאַטן אַ היפשע דעה.

ווען די אויפבוי־אַרבעט אין די שטעטלעך האָט זיך מער אָדער ווייניקער פאַרענדיקט, האָט זיך יעקאָפּא, ד"ה שאַליט, קאָנצענטרירט אויף די קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון, פאָלקסבענק, גמילת־חסדים קאַסעס, יתומים־פאַר־זאָרגונג, עמיגראַציע, היצעם.

אויפן געביט פון יתומים־פאַרזאָרגונג איז מיר אויסגעקומען צו אַר־

בעטן מיט יעקאָפּאַ. שאַליט איז געווען די צענטראַלע פיגור אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון יתומים־פאַרזאָרגונג („צענטאָס״). ער האָט אַלע יתומים פון די שטעטלעך, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ פּאַלקסשול, באַזאָרגט מיט לערנען אַ פאַך, אויב דאָס איז געווען מעגלעך אויף די ערטער. אויב נישט — איז אין ווילנע אין די האַנטווערקער־שולן „הילף דורך אַרבעט״, פּרויעך־פּאַראיין, טעכניקום און אויך אויפן פּריוואַטן וועג דורך פּאַטראָנאַטן. איין צייט האָבן אין „הילף דורך אַרבעט״ געלערנט ביי אַ 50 מלחמה־יתומים, וואָס ס׳האָט אויסגעמאַכט ביז 10 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל שי־לער אין דעם אַנשטאַלט. פאַר די יתומים איז לכתחילה געגרינדעט געוואָרן אַן אינטערנאַט אין אַ וואַלד־געגנט פון אַנטאָקאָל. דערנאָך האָט מען זיי געדאַרפט באַזאָרגן אויף פּריוואַטע דירות. שאַליט און זיין געהילף איבער דער יתומים־פאַרזאָרגונג, מאַטיע יעוווזעראָוו, האָבן נישט אויפגע־הערט זיך צו אינטערעסירן מיט אַלע פּרטים אינעם לעבן פון די יתומים און מיט זייערע פּעולות אין דער אַרבעט.

שאַליט האָט אָרגאַניזירט אויפסניי די היסטאָריש־עטנאָגראַפישע גע־זעלשאַפט און מוזיי אויפן נאָמען פון ש. אַנ־סקי.

אין דער צייט פון יעקאָפּאַ־טעטיקייט האָט שאַליט אַרויסגעגעבן אַ שטענדיקן זשורנאַל „אונדזער הילף״, וואָס האָט באַהאַנדלט פאַרשיידענע ענינים וועגן אויפבוי־קאָאָפּעראַציע, יתומים־הילף אאַז״וו. דער גרעסטער טייל פון די אַרטיקלען האָט געשריבן שאַליט אַליין. ער איז געווען אַ באַ־זונדערער ספּעציאַליסט אויף סטאַטיסטיק און דעמאָגראַפיע. אונטער זיין רעדאַקציע איז דערשינען דאָס בוך „די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן אין פּוילן און די יידישע קאָאָפּעראַציע״. אויך אין יערלעכן לוח „פון יאָר צו יאָר״, וואָס דער יתומים־פאַרבאַנד האָט אַרויסגעגעבן אונטער דער רע־דאַקציע פון שאַליטן, זענען געווען זייער וויכטיקע סטאַטיסטישע טאַבע־לעס און ידיעות, וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט אין אַ גרויסער מאָס דאָס יידי־שע לעבן אין פאַרשיידענע לענדער. דעם לוח „פון יאָר צו יאָר״ האָט ער אַליין צונויפגעשטעלט.

בכלל איז שאַליט געווען אַן אויסגעצייכנטער רעדאַקטאָר. יעדע זאַך, וואָס איז אַריין אין זיין האַנט, האָט באַקומען אַ פּנים פון אַ מאָנאָגראַפיע,

אָן דברים בטלים. אין די יאָרן 1939-1937 האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ ווערטפולן היסטאָרישן זשורנאַל „פון נאָענטן עבר".

אַ באַזונדער קאַפּיטל פון שאַליטס טעטיקייט איז געווען זיין אַרבעט אין ווילנער ליטעראַטן- און זשורנאַליסטן-פאַראיין. ווי באַקאַנט, איז דער וואַרשעווער יידישער זשורנאַליסטן-סינדיקאַט אַריינגעטראָטן אין אַלגעמיינעם פּוילישן פאַרבאַנד פון זשורנאַליסטן. די מיטגלידער פון סינדיקאַט האָבן געהאַט געוויסע רייזע-פּריווילעגיעס, אַפילו אומזיסטע באַן-בילעטן א"א. דער ווילנער יידישער סינדיקאַט האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די פּריווילעגיעס, ווייל דער פּוילישער סינדיקאַט האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן די פאָדערונג פון יידישע אויפשריפטן אין די מיטגלידס-קאַרטן פון יידישן סינדיקאַט. שאַליט איז געווען פאַרטראַטן אין די אַלע דריי אָרגאַניזאַציעס. אין דער צייט פון זיין פּרעזידענטשאַפט, ביי דער מיטאַרבעט פון סעקרעטאַר א. י. גראָדזענסקי, און דעם געשעפט-פירער ב. טערקעל, איז די קאַנצעלאַריע געווען אין אַ מוסטערהאַפטן סדר. סיכסוכים זענען דורך דער פאַרוואַלטונג פון פאַראיין דערליידיקט געוואָרן סיי צווישן חברים, סיי צווישן מחברים און פאַרלעגער: אַ גרויסע ראָל אין אויסגלייכן סיכסוכים האָט געשפּילט די שטרענגע נייטראַליטעט פון פאָרזיצער פון פאַראיין. מען האָט געוווּסט, אַז שאַליט וועט קיינעם נישט נושא פּנים זיין.

אַ דאַנק שאַליטס ברייטע פאַרבינדונגען מיט די גרעסטע יידישע וועלט-אָרגאַניזאַציעס און דעם פולן צוטרוי צו אים פלעגן די אָרגאַניזאַציעס אַסיגנירן ספּעציעלע סומעס פאַר הילף צו חברים שרייבער, וואָס נייטיקן זיך.

דער ווילנער פאַראיין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן איז געווען די פעסטונג פון יידישן געשריבענעם און גערעדטן וואָרט. שאַליט האָט צוגעגעבן חשיבות דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע. אים האָט געקענט די גרויסע יידישע וועלט.

שאַליט איז שוין אין די ערשטע טעג פון היטלערס אינוואַזיע אין רוסלאַנד אָפּגעפירט געוואָרן אין הריגה-טאָל פּאָנאַר. זיין פרוי דבורהלע, וואָס איז געווען אַ גוטע קענערין פון דער יידישער ליטעראַטור און אויסגעצייכנטע פאָרלייענערין פון יידישער פּאָעזיע, איז מיט דער יינגערער טעכטערל אומגעקומען אין גלובאָק אויף צוואַנגאַרבעט.

„צוקונפט", מאַרץ, 1954.

יהושע שטיינבערג

זייער קאַרגע ביאָגראַפישע ידיעות זענען געבליבן וועגן דעם גרויסן משכיל און געלערנטן יהושע שטיינבערג, באַזונדערס פון זיינע יונגע יאָרן. ער האָט נישט געלאָזט קיין מעמואַרן, אויך אַנדערע האָבן לפי ערך ווייניק געשריבן וועגן זיין פאַרבנרייכער קאַריערע. ער האָט דורכגעמאַכט דריי פּערטל פון 19טן יאָרהונדערט און דעם ערשטן צענדליק פון 20סטן יאָרהונדערט. אַ סך האָבן אים אָפּט דערמאָנט לגנאי, ווי אַ „קאַזיאָנעם" מענטשן, אַ יידישן „טשינאָווניק", וואָס האָט זיך געוואָלט אויסדינען ביי דריי צאַרישע רעגירונגען. איך האָב אים געקענט, אין משך פון 4 יאָר, ווען ער איז שוין געווען אַ זקן. ער איז געווען אינספּעקטאָר פון יידישן לערער־אינסטיטוט, געווען מיין לערער און פּראָפעסאָר פון העברעיש און תנ"ך.ביים אָפּשאַצן זיינע נעגאַטיווע זייטן, פאַרגעסט מען אָפּט צו נעמען אין באַטראַכט די היסטאָרישע פּערספּעקטיוון, די עפּאָכע פון די רעגירונגס־טרייע משכילים, צווישן וועלכע ס'זענען געווען אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי ר' יצחק בער לעווינסאָן, אדם הכהן, ש. י. פין, א. ב. גאָטלאָבער און אַ סך אַנדערע.

שטיינבערג איז געווען אַ תלמיד פון דעם ערשטן אַרויסלאָז פון דער ווילנער ראַבינער־שולע. דער ציל פון די ראַבינער־שולעס אין ווילנע און זשיטאָמיר איז געווען צוצוגרייטן לערער פאַר די יידישע רעגירונג־שולעס, פון איין זייט, און געבילדעטע רבנים, וואָס זאָלן זיין די אָפיציעלע פאַרטרעטער פון יידישע קיבוצים פאַר דער מאַכט, פון דער אַנדער זייט.

דער קורס פאַר רבנים האָט געדויערט צען־עלף יאָר, מיט דריי יאָר מערער, ווי פאַר לערער.

ווי אַזוי יהושע שטיינבערג איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן ערשטן ראַבינער אין ביאַליסטאָק איז ווייניק באַוווסט. ביז 1860 בערך האָבן די מעטריקאַציע געפירט אין ביאַליסטאָק, ווי אין אַנדערע שטעט, די געוויינלעכע רבנים. אָבער ווען אויף דער אָרענע האָבן זיך באַוויזן די ערשטע

אַבסאָלווענטן פון ראַבינער־שולעס, האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ שטרענגע פאַראָרדענונג, אַז קאַזיאָנע רבנים מוזן זיין פון די געענדיקטע „ראַוויניסטן". משמעות, אַז בעת די ערשטע אַרויסלאָזן האָט מען די „ראַ־וויניסטן" צוגעכאַפּט, בפרט אַזאַ עילוי, ווי שטיינבערג.

דער ביאַליסטאָקער היסטאָריקער, א. ש. הערשבערג, ווידמעט שטיינ־בערגן ביי אַ צען שורות און איז זיך מודה, אַז וועגן אים האָט ער אַזוי גוט ווי נישט קיין ידיעות. שטיינבערג איז געווען ראַבינער אין ביאַליס־טאָק אין משך פון יאָר 1861. זיינע דרשות וועגן דער תורה האָבן אַרויס־גערופן אינטערעס אין די פּראָגרעסיווע קרייזן פון די משכילים. אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון ביאַליסטאָק דערציילט אין „המגיד" א. ד. ליבער־מאַן, אַז אין דער דעלעגאַציע פאָרצושטעלן זיך דעם קיסר אַלעקסאַנדער דעם 2טן בעת זיין באַזוך אין ביאַליסטאָק, אָקטאָבער 1861, זענען געווען צוזאַמען מיטן ניי־אויסגעוויילטן ראַבינער יהושע שטיינבערג, אויך מ. זאַ־בלודאָווסקי, י. ב. וואָלקאָוויסקי און אַנדערע נכבדי העיר. שטיינבערג האָט דערלאַנגט דעם קיסר ברויט מיט זאַלץ און אַ שיר, אין אַ קינסטלע־ריש־געשניצט שאַכטל, אין העברעיש, מיט אַ רוסישער איבערזעצונג. שטיינבערג איר געווען דער מחבר פון שיר, ווו ס'זענען אויסגערעכנט גע־וואָרן גוזמאדיקע מעלות און מליצהדיקע הללויהס, לויטן משכילישן סטיל און מינהג פון יענע צייטן.

דערנאָך האָט אים גענומען פאַר אַ ראַבינער די גרעסערע און באַרימ־טערע שטאָט ווילנע. דאָ האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון באַוווסטן משכילישן משורר דובער אדם הכהן לעבענסאָן.

ווי אַ קאַזיאָנער רב אין ווילנע איז ער געבליבן אויף זיין אַמט אַ זיבן־אַכט יאָר. אַדאַנק זיין השתדלות האָט מען אין ווילנע אין די זעכצי־קער יאָרן פון פאַריקן י"ה געעפנט עטלעכע רוסישע עלעמענטאַר־שולעס פאַר יידן.

ער איז באַשטימט געוואָרן ווי אַ לערער פון דער כאַלדעישער שפּראַך און העברעיש אין דער ווילנער ראַבינער־שולע.

עס איז שווער צו זאָגן, ווי אַזוי און ווו האָט שטיינבערג געלערנט די אַלע מזרח־שפּראַכן, אויסער די אייראָפּעישע. אָפּנים, אַז ער איז געווען אַ

גרויסער מתמיד פון זיין פריער יוגנט און אויך אַ גרויסער בעל־זכרון.

רוסיש האָט ער זיך אויסגעלערנט — דאָס איז באַוווסט — פון דער סינאָדאַלער איבערזעצונג פון דער ביבל, און כל ימיו האָט ער באַנוצט דעם אַרכאַישן זאַצבוי און ספּעציעלע ביבלישע אויסדרוקן טאַקע לויט דער דערמאָנטער איבערזעצונג פון תנ״ך אויף רוסיש. דאָס איז געווען אַן אויס־געצייכנטער שפּאַס־שטאָף פאַר די סטודענטן פון דער ראַבינער־שולע און שפּעטער פון ווילנער לערער־אינסטיטוט, ווו שטיינבערג איז אַריבער ווי אַ לערער פון תנ״ך און העברעיש, נאָכן פאַרמאַכן די ראַבינער־שולע. מען האָט זיינע אויסדרוקן פון דעם מין אַפילו רעגיסטרירט. געמאַכט כלומר־שטע קאָנווערסאַציעס צווישן אים און דעם דאָצענט פון יידישער געשיכ־טע און איבערזעצער פון תפילות אויף רוסיש, אשר וואָל. דער לעצטער איז שוין געווען אַן אייראָפּעישער געבילדעטער, פון דייטשן שניט, אין חכמת ישראל. ער האָט שוין געקענט דעם מאָדערנעם רוסיש, אָבער ער האָט באַנוצט די מליצה־שפּראַך פון יידישע תפילות אין דער רוסישער רייד־שפּראַך.

ווען איך האָב זיי ביידן געקענט, זענען זיי, שטיינבערג און וואָל, גע־ווען גאַנץ אַלטע לייט. וואָל איז אין 1898 שוין אַרויס אין דימיסיע. איך האָב אים געקענט נאָר איין יאָר. די הענט האָבן ביי אים געציטערט. ער האָט זיך זייער לאַנגזאַם באַוועגט, ווי אַ טיף אַלטער מאַן. דאַקעגן איז שטיינבערג נאָך געווען גאַנץ שטייף. ער האָט בלויז אונטערגעהונקען אויף אַ פוס, געווען אינגאַנצן ווייס, ריין ראַזירט. געווען געקליידט אין אַפּי־ציעלן בלויען פראַק מיט די באַגילדטע אָדלער־קנעפּ און שפּעטער אַ „וויצ־מונדיר“, אָבער אָן עפּאָלעטן, אין אונטערשייד פון די קריסטלעכע לערער. זיין היטל מיט אַ קאָקאַרדע און אַ בלויען סאַמעטענעם „אָקאָליש“ איז אויך געווען שטייף, אַזוי ווי ער אַליין. פון פאָרנט איז עס געווען הויך פאַרריסן, אויף אַזאַ אופן האָט זיך מסתמא די קאָקאַרדע בעסער אָנגעזען.

ווען ער האָט געוואָלט ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די סטודענטן אויף געוויסע זאַכן אָדער וועלנדיק באַרואיקן די צוהערער, וואָס האָבן לויט דער טבע פון יוגנט, געוואָלט בעסער שמועסן, ווי הערן זיינע גראַ־מאַטישע חידושים, האָט שטיינבערג געקלאַפּט אין טיש מיט דער רעכטער

זייט פון צונויפגעלייגטע פינגער. די סטודענטן האָבן נישט געקענט באַ־גרייפן, ווי אַזוי ער באַקומט פון דער קאָמבינאַציע טיש און פינגער אַזאַ מעטאַלענעם קלאַנג. עס האָט זיך געדוכט, אַז נישט לעבעדיקע פינגער נאָר שטאָלענע, קלאַפּן אין טישברעט, אָדער זיינע פינגער זענען אַזוי פאַר־שטיינערט, אַז שטיינבערג פילט זיי שוין אַליין נישט.

דעם נאָמען שטיינבערג האָבן געקענט אַלע יידישע עקסטערנס, אָרע־מע בחורים, אויטאָדידאַקטן, וואָס האָבן געלערנט אָפּט די רוסישע שפּראַך פון זיינע העברעיש־רוסישע, רוסיש־העברעישע ווערטערביכער און פון זיין רוסישער גראַמאַטיק פון דער העברעישער שפּראַך. דערביי זענען אָפּט אויסגעלערנט געוואָרן אויף אויסנווייניק גאַנצע זייטלעך מיט בלויז איינ־צלנע ווערטער. ווי אַזוי פון דעם האָט זיך ביי די קלויזניקעס אויסגעביל־דעט אַ רוסישע רייד־ און שרייב־שפּראַך — בלייבט אַ סוד. אָבער דאָס רוב איז עס געווען אַ צעקאַליעטשעטע שפּראַך.

ביי שטיינבערגן איז דאָס וויכטיקסטע אין שפּראַך געווען דאָס קע־נען אַלע גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען. דער עצם באַגרייפן די ריינקייט און שיינקייט פון שפּראַך איז געווען ביי אים אַ צווייטראַנגיקער ענין.

פאַר מיין צייט בין איך געווען אַ גאָר גוטער קענער פון דער דע־מאָלטיקער העברעישער שפּראַך און ליטעראַטור. אָבער נישט געקוקט אויף מיינע קענטעניש אין העברעיש האָט שטיינבערג נישט אָנערקענט פאַר מיר מער ווי אַ דריי מיט אַ פּלוס. אין מיין קורס איז געווען אַ קאָלעגע, וואָס האָט קוים געקענט איבערלייענען אַזאַ ווערק, ווי מאַפּוס „אהבת ציון", אָבער ער האָט געקענט אַלע ניואַנסן פון אַ שוא־נע, שוא־נח. אים האָט שטיינבערג אַלע מאָל געשטעלט אַ פינף. ערשט אין פאָרלעצטן און לעצטן קורס האָט שטיינבערג מיך „אָנערקענט", געשטעלט מיר „פינפן" און אַפילו איבערגעגעבן מיר די פירונג פון דער גאַנץ אָרעמער העברעי־שער ביבליאָטעק, וואָס איז געווען אין אינסטיטוט און וואָס איז אָנגע־טרויט געוואָרן דעם בעסטן העברעיש־קענער.

שטיינבערג האָט מיט אונדז געלערנט תנ"ך, אָבער זייער זעלטן פלעגט ער גיין מיט אונדז ווייטער פון אַ פּשוטער איבערזעצונג פון די טעקסטן פון ישעיהו און ירמיהו אויף דער רוסישער שפּראַך. ער האָט אַליין איבער־

געזעצט און לויט דער איבערזעצונג האָבן מיר עס געלערנט. ער האָט זעלטן אונדז מהנה געווען מיט זיין גרויסן וויסן פון דער אַלטער ליטעראַטור אין אַ צענדליק שפּראַכן, וואָס ער האָט געקענט און מיט די מעטאָדן פון מאָ־דערנער ביבל־פאָרשונג.

מעגלעך, אַז פאַר אים זענען מיר געווען צו גרויסע עם־הארצים, אַז ער זאָל וועלן פאַר אונדז פונאַנדערוויקלען די גאַנצע טיפקייט און שיינ־קייט פון די נביאים. ווען ער פלעגט עס אַמאָל יאָ טאָן, האָבן מיר פשוט זיך געקוויקט מיט זיינע פילאָלאָגישע חידושים און היסטאָרישע פּאַ־ראַלעלן.

יענע צייטן, סוף 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט, זענען נישט געווען גינסטיק פאַר פאַרטיפן זיך אין העברעיש. עס האָט נאָך געגאָלטן י. ל. גאָרדנס שטאַרק פּעסימיסטיש ליד „למי אני עמל“... מען איז געווען פאַרטאָן אין ענין רעוואָלוציע און רוסיש. די רוסישע ליטעראַטור האָט פאַרכאַפּט די נשמות און הערצער פון דעם גרעסטן טייל פון יידישע יוגנט־לעכע.

שטיינבערג האָט אויסגעזען, ווי אַן אַלטער פּוילישער פּריץ. אויסער־לעך איז ער נישט געווען ענלעך צו אַ יידן, און ווען נישט זיין סינאַדאַ־לער רוסיש און אַביסל יידישער אַקצענט, וואָלט מען אים אין גאַס נישט אָנגענומען פאַר אַ יידן.

ער האָט געהערט צום גאַר אַלטן טיפּ משכילים, פאַר וועלכע אַלץ, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט געטאָן בנוגע בילדונג פאַר יידן, איז גע־ווען כשר וישר. דער קיסר איז געווען דער גאָט־געזאַלבטער מאָנאַרך, פאַר וועמען יידן דאַרפן בעטן גאָט.

שטיינבערג האָט אַרויסגעוויזן זיין געטרייקייט צום צאַרישן רעזשים אויך זייענדיק אַ צענזאָר איבער יידישע און העברעישע ביכער.

ער איז געווען זייער אַ שטרענגער צענזאָר. אויב אין אַ בוך איז עפּעס געווען, וואָס מען האָט געקענט אויסטייטשן אָדער אַריינטייטשן ווי אַ רמז אויף קריטיק פון רעזשים, האָט ער עס אויסגעמעקט.

פּרץ הירשביין דערציילט וועגן שטיינבערגן דעם צענזאָר פאַרשיי־דענע האַלב־ערנסטע, האַלב־קאָמישע מעשיות, וואָס ווען נישט הירשביין

וואָלט עס דערציילט, וואָלט מען עס קוים געגלייבט. מיר האָבן אויך גע־הערט, אַז אַן אַנדערש מאָל האָט זיך אונדזער גרויסער געלערנטער פּי־לאָלאָג געלאָזט באַאיינפלוסן פון אַ מתנת־יד, אין דער פאָרעם פון אַ בלוי־ראָזן „25קער" אָדער גאָר אַ רויטן צענערל. אָבער אונדז האָט זיך נישט געוואָלט אין דעם גלייבן. הירשביין אָבער באַשטעטיקט עס, ווי אויך אַ צאָל יידיש־העברעישע שרייבער־מיטצייטלערס.

שטיינבערג האָט נישט פאַרטראָגן די נייע שטרעמונגען אין דער לי־טעראַטור. דעם נאַטוראַליזם האָט ער געהאַלטן פאַר פּאָרנאָגראַפיע; סימ־באָליזם — פאַר פאַרשטעלטער קראַמאַלע. הירשביין דערציילט, אַז שטיינ־בערג איז געווען דער בלוטיקער שונא פון אַזעלכע יונגע שרייבער, ווי הירשביין און ז. שניאור, שוין נישט פאַר זייער „קראַמאַלע", נאָר פאַר פאָרנאָגראַפיע און אוממאָראַלישקייט. הירשביין האָט אָנגעשריבן אַ דראַ־מע „מרים", אין וועלכער די העלדין איז געוואָרן פאַרפירט פון איר גע־ליבטן. שטיינבערג האָט דעם אַקט אויסגעמעקט, געפינענדיק, אַז די דראַ־מע וועט אָן דעם פערטן אַקט אויך זיין אַ דראַמע. ווען הירשביין איז גע־קומען בעטן שטיינבערגן, אַז ער זאָל דורכלאָזן דעם פערטן אַקט (אין זאַמלבוך פון פייוול מאַרגאַלינס „הזמן"), האָט שטיינבערג געזידלט דעם שרייבער, ווי אַן אויסגעלאַסענעם יונג. ער האָט געטופּעט מיט די פיס, זיך פאַרמאָסטן אַפילו מיט דער פויסט.

„איך האָב אים געפּרוווט באַווייזן — דערציילט הירשביין — מיט ביישפּילן אין דער רוסישער ליטעראַטור, ווי באַרימטע שרייבער, ביים מאָלן רעאַליסטיש דאָס לעבן אין אַלע זיינע שאַטירונגען, האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט אויפצודעקן דאָס, וואָס איז טראַגיש און פאַרברעכעריש... איך האָב געבראַכט ביישפּילן פון גאָרקי, אַנדרעיעוו, טאָלסטאָי — האָט ער זיך נאָך מער אָנגעצונדן: וואָס גייען מיר אָן די רוסישע שרייבער! ווען איך בין זייער צענזאָר וואָלט איך זייערע שרייבעכצן צעפּיצלט אויף שטיקלעך... אָבער אין דער יידישער ליטעראַטור, אַזוי לאַנג ווי איך בין צענזאָר, וועל איך נישט דערלאָזן, אַז יינגלעך פּאַטשקונעס זאָלן פאַר־דאַרבן די יידישע מאָראַל.

„נאָר אין משך פון חודש האָט אַ געניטערע האַנט פון מיינער דעם

יידישן צענזאָר איבערצייגט, אַז אין „מרים" ווערט שטאַרק פֿאַרטיידיקט די יידישע מאָראַל, און ער האָט דערלויבט אָפּצודרוקן דעם פֿאַרבאָטע־נעם אַקט".

אין איין סצענע זאָגט איינע פֿון די מוטערס: „עס איז אַ נאַרישקייט, וואָס מאַמעס באַקלאָגן זייערע (קליינע) קינדער, ווען זיי שטאַרבן". ווען דער מחבר האָט געפֿרעגט באַשיידן, וואָס האָט דער צענזאָר געהאַט צו אַזאַ אומשולדיקער פֿראַזע, וואָס ער האָט אויסגעמעקט, האָט שטיינבערג געפֿילדערט: „וואָס הייסט, איר זאָגט, אַז נאַריש זייַנען מאַמעס?... און אַז די צאַריצאַ וועט באַקלאָגן דעם נאָסלעדניק, אויב ער זאָל, חלילה, שטאַרבן, וועט עס אויך זיין אַ נאַרישקייט? דאָס איז קראַמאָלע!" — האָט ער גע־טופּעט מיט די פֿיס.

אין מ. דאַליצקיס ווערק איז דאָ אַ באַרימט ליד „במעון נחשים" (אין דער נעסט פֿון שלאַנגען).. ס'ליידן די קינדער פֿון יידישן פֿאָלק. דער ווילנער קאָמפּאָזיטאָר, חזן א. בערנשטיין, האָט צו דעם ליד פֿאַרפֿאַסט מוזיק און געבראַכט שטיינבערגן דעם טעקסט. דער לעצטער האָט אויסגעמעקט דעם „במעון נחשים", מחמת אין „שלאַנגען־נעסט" קען מען אַריינטייטשן, אַז דאָס איז רוסלאַנד, און האָט צוגעשריבן: „שם, בפרס ומדי" (דאָרטן אין לאַנד פֿון פּרס ומדי).

שטיינבערג איז געווען עטלעכע מאָל פֿאַרהייראַט. פֿון דער ערשטער פֿרוי האָט ער געהאַט עטלעכע געראָטענע קינדער, צווישן זיי דער באַ־קאַנטער קאָמפּאָזיטאָר שטיינבערג, באַליבטער תלמיד און איידעם פֿון באַ־רימטן רימסקי־קאָרסאַקאָוו און שיינע, אינטעליגענטע טאָכטער. דער זון האָט אָנגענומען דעם פּראַוואָסלאַווען גלויבן און איז געגאַנגען פֿאַרלוירן פֿאַרן יידישן פֿאָלק. ווען דער יונגער שטיינבערג, דער קאָמפּאָזיטאָר, האָט געפּרוווט באַרואיקן דעם פֿאָטער צוליב זיינע צענזוראַלע אויפֿרעגונגען, האָט זיך דער אַלטער שטיינבערג געוואָרפֿן אויף אים מיט די פֿויסטן. די טאָכטער האָט געפּרוווט אין דער ווילנער געזעלשאַפֿטלעכקייט פֿאַרטיי־דיקן איר פֿאָטער, וואָס וויל מחזיר למוטב זיין צעלאָזענע קינדער מיט שטרענגקייט, אָבער ער מ'יינט זייער טובה.

שוין גאָר אין די שפּעטע יאָרן זיינע, זייענדיק אַן אַלמן, האָט ער

חתונה געהאַט מיט אַ יונג יידיש מיידל, אַ קורלענדערין, וועלכע האָט אים שוין ביי זיינע זיבעציק יאָר, געבוירן אַ פּרעכטיק טעכטערל. שטיינבערגס ווייבל האָט גערעדט, ווי דער גרעסטער טייל קורלענדישע יידן, זייער אַ שלעכטן רוסיש, אָבער רוסיש איז געווען אַנגענומען, ווי די רייד־שפּראַך ביי דער העכערער ווילנער אינטעליגענץ. נאַטירלעך האָט שטיינבערג גע־הערט צו דעם מין אינטעליגענץ, וואָס האָט גערעדט סיי אָפּיציעל, סיי אין דער היים רוסיש. אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג ביים באַרימטן שמריהו לעווין האָט פרוי שטיינבערג אויסגערופן: „ווו איז מיין אַלט־העברעישער מאַן?" זי האָט פון דעם נישט געוואָלט מאַכן קיין וויץ. אויף רוסיש איז העברעיש באַצייכנט געוואָרן ווי אַלט־יידיש (דרעווניע־יעווריייסקי יאַזיק). זי האָט געמיינט צו זאָגן: ווו איז מיין העברעער? אָבער אויסגעקומען איז עפּעס אַנדערש, אַביסל סימבאָליש. אַלע האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט, און מער פון אַלעמען דער אַלט־העברעער, איר מאַן אַליין...

די קורלענדערין איז געווען שטיינבערגס דריטע אָדער פערטע פרוי. און געווען איז פּשוט רירנדיק, ווען מען האָט געזען דעם „אַלט־העבּרעער" „אוכאַזשעווענדיק" זיין יונגע פרוי און פעשטשענדיק זיין קליין טעכטערל, וואָס האָט איר טאַטן געמעגט האָבן פאַר אַ זיידן אָדער עלטער־זיידן אַפילו. אָבער צווישן די משכּילים זענען אַזעלכע נישט־גלייכע הייראַטן בעת אַלמנשאַפט געווען גאָר נישט קיין זעלטנקייט. צו דערהאַלטן זייערע יוגנט־לעכע כּוחות האָט גורם געווען זייער שטאַרקער גייסט — וואָס דער גרעסטער טייל פון די גרויסע משׂכּילים איז געווען באַשאָנקען מיט אים — און אויך זייער איינגעהאַלטן, צניעותדיק לעבן. דאָס מוז אָנערקענט ווערן. אַזאַ גייסטיק שטאַרקער מענטש איז געווען יהושע שטיינבערג.

איינער פון זיינע איידעמס איז געווען דער באַוווסטער קאַפּעלמייס־טער, דיריגענט פון אָרקעסטער אין לערער־אינסטיטוט, קאָנצערטיסט און שפּעטער מוזיקאַלישער קריטיקער פון „פּאַרוועטס", יצחק פּיראָזשניקאָוו (אין ווילנע האָט ער אויך געגרינדעט אַ קונסט־דרוקעריי).

אין די ניינציקער יאָרן האָט מען שטיינבערגן באַשטימט צו רעווי־דירן די וואָלאָזשינער ישיבה. ער האָט אויפגעפאָדערט די הנהלה פון דער ישיבה איינצופירן דאָרטן לפּחות אַן עלעמענטאַרן קורס פון רוסיש און

חשבון. מען האָט אויך גערעדט, אַז ער האָט געהאַט אַ חלק אין שליסן די וואָלאָזשינער ישיבה אויף אַ קורצער צייט צוליב דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון רעוואָלוציאָנערע אידעען.

יהושע שטיינבערגס וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט, באַזונדערס אויפֿן געביט פֿון סעמיטישע און מזרח־שפּראַכן, האָט פֿאַרנומען אַ בכבודיק אָרט צווישן די פֿילאָלאָגן. זיינע פֿילאָלאָגישע אויפֿקלערונגען פֿלעגן פֿאַר אונדז, סטודענטן, נישט זעלטן וואַרפֿן אַ ליכט אויף שווער־פֿאַרשטענדלעכע פּסוקים אין תנ״ך.

מיר האָבן זיך געוווּנדערט, ווו נעמט דער אַלטער מאַן אַזוי פֿיל צייט און ענערגיע צו שרייבן און צונויפֿשטעלן זיינע לעקסיקאָגראַפֿישע ווערק, דיקע ווערטערביכער און גראַמאַטיקעס? איך געדענק זיין פֿיין אַרויסגעגעבענע אַנטאָלאָגיע פֿון פֿאַרשיידענע דענקערס מיט פֿיל אייגענע סענטענצן אונטערן נאָמען: „משלי יהושע״. אָבער אַ סך לייענער האָט דאָס פֿיינע בוך מיט אַ פּינקטלעכער רוסישער איבערזעצונג נישט געהאַט. ווען איך האָב איבערגענומען די העברעישע ביבליאָטעק אין אינסטיטוט, איז די אַנטאָלאָגיע גאָר ווייניק געווען אָפּגענוצט.

איך האָב קיינמאָל נישט געהערט שטיינבערגן, וואָלן, אָדער אַנדערע פּראָפֿעסאָרן פֿון ייִדישע לימודים, אַז זיי זאָלן אויסריידן אַ ייִדיש וואָרט. איבעריקס, האָבן די סטודענטן פֿון יענער צייט זיך ווייניק געקימערט וועגן ייִדישער ליטעראַטור אויף ייִדיש. נאָר יחידים האָבן געלייענט מענדעלען, פּרצן, פּינסקין. אויף צו ברענגען אַ בוך אין אינסטיטוט האָט מען געדאַרפֿט האָבן אַ דערלויבעניש. למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז שטיינבערג האָט גרינג אַרויסגעגעבן אַזעלכע דערלויבענישן אויף ייִדישע אָדער העברעישע ביכער.

שטיינבערגס אינערלעכע וועלט איז בכלל פֿאַר אונדז געווען פֿרעמדלעך, ריכטיקער געזאָגט, אומבאַקאַנט. ער האָט אונדז נאָענט נישט צוגעלאָזט צו זיך.

ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָבן טייל פֿון אונדז באַגריפֿן וואָס פֿאַר אַ גרויסן געלערנטן מיר האָבן געהאַט אין דער פּערזאָן פֿון דעם געוועזענעם ביאַליסטאָקער קאַזיאָנעם רב, פֿאַר אַ לערער. מיר האָבן אפשר נישט פֿאַר־

שטאַנען, ווי אויסצונוצן דעם דאָזיקן געלערנטן, כדי צו באַרייכערן זיך מיט יודאַיסטישן וויסן.

צו זיינע 75 יאָר האָט ער לויט די כללים פון בילדונגס־מיניסטעריום געמוזט זיך אָנגעבן אין דימיסיע. געשטאָרבן איז ער מיט 4 יאָר שפּעטער אין 1908, זייענדיק אַלט קרוב צו 80.

צו זיין לוויה איז געקומען די גאַנצע ווילנער יידישע אינטעליגענץ, די רעשטלעך פון אַלטע משכּילים.

זיינע העברעיִש־רוסישע גראַמאַטיקעס מיט די משונהדיקע צוגע־טראַכטע זאַצן אויף איבערזעצונגען זענען שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן. אָבער די ווערטערביכער זיינע מיטן אָפּשטאַם פון העברעישע שרשים זע־נען נאָך ווייט נישט איבעריק אויך פאַר איצטיקע פאָרשער פון סעמי־טישע שפּראַכן.

וואָלט שטיינבערג זיך געשמדט, ווי דאָס האָט געטאָן זיין בן־עיר און מיטצייטלער דניאל כוואָלסאָן, וואָלט ער אויך געקענט ווערן פּראָפע־סאָר אין אַ רוסישן אוניווערסיטעט פון סעמיטישע שפּראַכן און סעמיטי־שער קולטור, וואָרעם רוסלאַנד האָט נישט פאַרמאָגט צופיל אָריענטאַ־ליסטן פון שטיינבערגס פאַרנעם.

צו זיין שבח דאַרף מען זאָגן, אַז ער האָט דאָס רענדל נישט אויס־געביטן...

„ביאַליסטאָקער שטימע", סעפּטעמבער, 1952.

אינזשיניער מ. שרייבער

ווילנע איז אַ סך מאָל געווען די וועגווייזערין פון יידישע געזעל־שאַפטלעכע טעטיקייטן. און אויך אויפן געביט פון פאַרשפרייטן צווישן דער יידישער יוגנט קוואַליפיצירטע פאַך־אויסבילדונג איז ווילנע געווען אַ מוסטער.

דער געדאַנק פון צופּאַסן די יידישע יוגנט צו מאָדערנער האַנטווער־קעריי און מעכאַנישע פאַכן האָט שוין געשלאָגן וואָרצלען אין ווילנע אין סוף פון 19טן י״ה, און באַזונדערס זיך אַנטוויקלט אין אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט.

אין 1915, צוליב דער מלחמה, האָט די ווילנער גוט־אייגעפונדעווע־טע האַנטווערקער־שולע געווען עוואַקואירט קיין פּאָלטאַווע. צוריק האָט זי זיך שוין נישט אומגעקערט. אין 1918 האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפקומען קיין ווילנע איינצלנע טוער אויף פאַרשיידענע געביטן פון געזעלשאַפט־לעכער טעטיקייט. צווישן זיי איז געווען דער אינזשיניער ישראל אָקון, וואָס איז גלייך צוגעטראָטן צום אָרגאַניזירן העכערע טעכנישע קורסן פאַר יוגנט פון 16 יאָר אָן. ער האָט צוגעצויגן די ביסל יידישע אינזשיניערן און מאַטעמאַטיקער, וואָס זענען צו יענער צייט געווען באַשעפטיקט אין וויל־נע ווי לערער. יוגנט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די קורסן.

צוליב מאַנגל אין מאַשינען און רוישטאָפן האָבן די לימודים גע־טראָגן אַ טעאָרעטישן כאַראַקטער, ביז די קורסן זענען אין 1919 איבער־גענומען געוואָרן פון „אָרט״. אונטער דעם זעלבן דירעקטאָראַט פון י. אָקון האָבן די קורסן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טעכניקום, ווו אַלץ איז גע־לערנט געוואָרן אין יידיש. עס זענען צוגעקומען נייע לערער־כוחות. צווישן זיי איז געווען דער באַרימטער בונדישער טוער אַרקאַדי קרעמער און דער אינזשיניער מתתיהו (מאַטוועי סאַמוילאָוויטש) שרייבער. די אָנפירונג פון טעכניקום איז געלעגן בעיקר אין די הענט פון די דערמאָנטע דריי, מיטן אָנטייל פון ווירגילי־כהן פון „אָרט״־קאָמיטעט.

י. אָקון איז אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע (שפּעטער קיין קאַנאַדע) און אינזשיניער שרייבער איז געוואָרן דער דירעקטאָר פון טעכניקום. דעם פּאָסטן האָט ער פאַרנומען ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. ער איז איינער פון די מאַרטירער, וואָס איז אומגעקומען פון די דייטשע מערדער, און ער פאַרדינט, אַז מען זאָל זיך אויף אים אָפּשטעלן אויספירלעכער.

מ. שרייבער איז געווען אַ חשובע פּערזענלעכקייט אין ווילנער געזעלשאַפטלעכן לעבן בכלל. און אויפן געביט פון טעכנישער בילדונג פאַר יידישער יוגנט האָט ער געוויזן נייע וועגן אויף וועלכע מ׳דאַרף גיין.

מתתיהו שרייבער איז געבוירן געוואָרן אין אַן אַסימילירטער פאַמיליע. זיין פאָטער, שמואל שרייבער, איז געווען געהילף־ראַבינער אין ווילנע און אַ געוויסע צייט אויך פאַרנומען דעם ראַבינער־אַמט. ווי דער שטייגער פון יענער צייט, האָבן אַפילו פירנדיקע יידישע פּערזענלעכקייטן נישט געגעבן קיין יידישע דערציאונג זייערע קינדער. מתתיהו שרייבער האָט קוים געקענט עברי און בפרט לייענען און שרייבן יידיש. אין הויז איז די אומגאַנגס־שפּראַך געווען רוסיש. מ. שרייבער האָט געלערנט אין אַ רוסישער גימנאַזיע און איז פרי אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַלגעמיינער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אַלס סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער. ווען ער האָט זיך שוין געדאַרפט גראַדויִרן, איז ער אַרעסטירט געוואָרן און פאַרלוירן דאָס רעכט צו באַקומען דאָס רייפקייט־צייגעניש, וואָס איז דער איינציקער שליסל צו באַקומען העכערע בילדונג. נאָר אַדאַנק דעם וואָס ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער שילער און באַליבט ביי די לערער ווי זייער אַ פעאיקער מאַטעמאַטיקער, האָבן זיי זיך איינגעשטעלט פאַר אים און געפועלט, אַז ער זאָל אָפּגעבן אַ סעפּאַראַטן עקזאַמען.

זיין פאָטער, וועמען עס איז אויסגעקומען אויסצופירן פאַרשיידענע אָפיציעלע פונקציעס ווי אַ ראַבינער אָדער געהילף — איז געווען זייער רעספּעקטירט צווישן די העכערע ווילנער שררות און אויך דאָס האָט גורם געווען, אַז מ׳זאָל מוחל זיין דעם גערעָטענעם ראַבינערס זון זיינע „פּאָליטישע זינד״. נאָכן באַקומען די מאַטורע איז מ. שרייבער אָנגענומען געוואָרן אין פּעטערבורגער אוניווערזיטעט אויפן מאַטעמאַטישן פאַקולטעט. ער שטודירט צוויי יאָר מאַטעמאַטיק, פיזיק, אָבער אים ציט מער צו טעכ־

ניק, צו פּראַקטישער אָנווענדונג פון מאַטעמאַטיק, צו מאַשינעריע. ער האָלט אויס דעם קאָנקורס־עקזאַמען אין פּעטערבורגער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט אויף „פינפן" און קומט־אָן אַהין אויפן מעכאַנישן פאַקולטעט. צוליב פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן טראָגט ער אַריבער זיין שטודיום אין וואַרשעווער פּאָליטעכניקום און ענדיקט דאָרט מיט אַן אויסצייכענונג ווי אַן אינזשיניער.

זומער 1914 קומט ער אָן ווי אַ „פרייוויליקער" אין מיליטער־דינסט. נאָר ער באַווייזט נישט צו קומען אין לאַגער, ווי עס ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מלחמה, און אין ערשטן טאָג פון דער מאָביליזאַציע, נישט באַקומענדיק קיין שום מיליטערישע צוגרייטונג, ווערט ער געשיקט אויפן פראָנט. ער באַטייליקט זיך אין די ערשטע צוזאַמענשטויסן. אָבער מסתמא האָט מען באַמערקט, אַז ער איז נאָך נישט קיין „אמתער סאָלדאַט", אַט דער יונגער אינזשיניער, און מען שיקט אים אויף מיליטערישער אויסבילדונג אין „טיל". דאָ לייגט מען אים אָפּ, צוליבן שוואַכן געזונט, די מיליטער־דינסט אויף אַ יאָר. ווילנע דאַרף פאַרנומען ווערן פון די דייטשן. אָבער אינזשיניער שרייבער וויל נישט בלייבן ביי די דייטשן און ער פאָרט אַריבער קיין ניזשני נאָווגאָראָד, וווּ ער טרעט אַריין אין באַטאַליאָן, וואָס דאַרף געשיקט ווערן אויפן פראָנט.

אין דער זעלבער צייט דאַרף אין ניזשני נאָווגאָראָד געעפנט ווערן אַ פאַבריק פון פעלד־קיכן פאַרן מיליטער. דאָס אָרגאַניזירן און פאַרוואַלטן מיט דער פאַבריק, וואָס עס האָט געבויט אַ יידישער ליפעראַנט (סאָרנע) ווערט איבערגעגעבן צום אינזשיניער שרייבער. ער אָרגאַניזירט און פּראָדוצירט קיכן אויפן בעסטן אופן. דערביי הערט ער נישט אויף צו זיין אַ סאָלדאַט. נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1917 ווערט ער אַריינגענומען אין מיליטערישן ראַט. אַ געוויסע צייט פאַרנעמט ער אויך דעם אַמט פון אַ מאַיאָר פון אַ גרויסן מאָסקווער דיסטריקט. אומעטום צייכנט זיך שרייבער אויס מיט מוט, אויסערגעוויינלעכער ערלעכקייט און געוויסנהאַפטיקייט אין די באַציאונגען מיט מענטשן און אין געזעלשאַפטלעכע אָנגעלעגנהייטן.

ווען עס ווערט מעגלעך צו פאָרן אין זיין היימשטאָט, וווּ ער האָט

געלאָזן אַ מוטער און אַ שוועסטער, קומט ער קיין ווילנע און בלייבט שוין דאָ. ער ווערט דער דירעקטאָר פון דער באַוווסטער יידישער גימנאַזיע ס. מ. גורעוויטש און הייבט אָן צו אַרבעטן ווי אַ לעקטאָר און אינסטרוקטאָר אויף די טעכנישע קורסן, וואָס ווערן אין אַ פּאָר יאָר, ווי אויבן דערמאָנט, פאַרוואַנדלט אין אַ יידישן טעכניקום פאַר יוגנט אין באַטרעפנדיקן עלטער. דער טעכניקום האָט נישט געקאָנט געבן גענוג אויף פּרנסה און שרייבער נעמט אָן אַ שטעלע ווי פּראַקטישער אינזשיניער אין אַ טעכנישער פירמע וואָס שטעלט איין טורבינען און דיזעל־מאָטאָרן אין פאַבריקן.

שפּעטער מוז ער צוליב דעם וואָס די טעטיקייט אין טעכניקום פאָדערט זיין גאַנצע צייט, אויפגעבן אַלע פּריוואַטע אַרבעטן און ווערן דער דירעקטאָר און אָנפירער פון דעם איינציקן אין זיין מין לערן־אַנשטאַלט.

עס זענען געווען אין אַלע גרעסערע שטעט פון תחום האַנטווערקערשולעס פאַר שלאָסעריי, עלעקטראָ־טעכניק, שמידעריי, סטאָלעריי, וואָס האָבן צוגעגרייט גוטע בעל־מלאכות. נאָר דאָס האָט „געשפּייזט" בלויז די יידישע קליין־אינדוסטריע פון פּריוואַטע „איין־צוויי־פּערזאָן"־וואַרשטאַטן.

אָבער עס זענען געווען וויניק צווישן יידן גוט טעאָרעטיש און פּראַקטיש צוגעגרייטע מייסטער פאַר שווערער אינדוסטריע, אָדער גרעסערער פאַבריקאַציע. מיט דער אונטערשטיצונג פון „אָרט", וואָס האָט איבערגענומען דעם ווילנער טעכניקום, אַרבעט אויס אַ קאָמיסיע פון אינזשיניערן, אונטער דער אָנפירונג פון דירעקטאָר שרייבער, אַ פּראָגראַם פאַר אַ העכערן טיפּ פון אַ טעכניקום, וווּ טעאָריע און פּראַקטיק זאָלן גיין האַנט אין האַנט אויף צוצוגרייטן יידישע טעכנישע מייסטער. היות אָבער די לערנשפּראַך אין טעכניקום איז געווען יידיש, זענען געווען טעכנישע שוועריקייטן מיט דער טערמינאָלאָגיע, וואָס האָט כמעט אַבסאָלוט געפעלט אין דער יידישער שפּראַך. דער אַסימילירטער שרייבער לערנט זיך אויס יידיש און שאַפט אויסגעצייכנטע טעכנישע האַנטביכער און ליטאָגראַפישע לעקציעס וועגן מעכאַניק, טעכנאָלאָגיע און פאַרשיידענע צווייגן פון פּראַקטישער פיזיק. די אינזשיניערן פון דער עלעקטראָ־טעכנישער און ראַדיאָ־אָפּטיילונג שאַפן אויך טערמינאָלאָגיעס און הילפסביכער.

אַזוי אַרום האָט דער „אָרט"־טעכניקום אונטער דער דירעקציע פון

מ. שרייבער אַרויסגעגעבן ביז 15 טעכנישע טעקסטביכער אין אַ ריינעם און גלייכצייטיק שטרענג־וויסנשאַפטלעכן יידיש.

דער גרעסטער טייל אינזשיניערן, באַזונדערס די אָפּשטאַמענדיקע פון פוילן, האָבן יידיש כמעט ווי נישט געקענט, אָבער אין טעכניקום פון „אָרט" האָבן זיי געמוזט זיך אויסלערנען יידיש. דער דירעקטאָר אַליין האָט קאָנסעקוועַנט אומעטום איינגעפירט די יידישע שפּראַך.

מ. שרייבער האָט זיך באַצויגן זייער שטרענג צו די שילער, פאָדערנ־דיק פון זיי גוטע אַרבעט. ער האָט זיך נאָך שטרענגער באַצויגן צו זיך. ער פלעגט זעלטן אַוועקגיין פון טעכניקום פריער פון 11 אַוונט. ער האָט זיך געמוזט באַטייליקן אין אַלע זיצונגען פון קאָמיסיעס, עקזאַמינירן און בכלל קאָנטראָלירן דעם ברייט־פאַרצווייגטן אַפּאַראַט פון אַ מיטעלער טעכ־נישער שולע, וואָס איז געוואָרן אַ מוסטער נישט נאָר אויף דער יידישער גאַס.

נישט קוקנדיק אויף זיין שטרענגקייט בנוגע דעם וויסן פון די שי־לער, האָבן זיי אים ממש פאַרגעטערט. אינזש. שרייבערס וואָרט איז גע־ווען ביי זיי הייליק, מען האָט זיך באַצויגן אַפילו צו זיין האַרבן וואָרט מיטן גרעסטן יראת הכבוד. מ'האָט געוווּסט, אַז שרייבער וועט קיינעם נישט נושא פּנים זיין, און אויב ער „לאָזט נישט דורך" אויף דעם הע־כערן קורס — איז עס פאַרדינט, און אַלץ צוזאַמען מ'יינט די טובה פון דער יוגנט און פון דער יידישער פּראָדוקציע.

אַפילו די פּוילישע שול־מאַכט און בכלל די העכערע שטאַט־באַאַמ־טע, האָבן געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַרן אינזשיניער שרייבער. דער אינס־פּעקטאָר פון טעכנישע שולן האָט אין אַ געשפּרעך מיטן מחבר פון די שורות זיך אויסגעדריקט, אַז ער „האָט דעם גרעסטן רעספּעקט פאַר אינ־זשיניער שרייבער, הגם ער וויל אונדז אָפט נישט פאָלגן. ער איז אויפ־ריכטיק דורך און דורך און אים מוז מען מוחל זיין דאָס וואָס אַן אַנדערן וואָלטן מיר נישט מוחל געווען".

קענענדיק אים ווי אַ קרישטאָל־ריינעם מענטשן פלעגט מען שריי־בערן אָפט צוציען ווי אַ בורר אין סיכסוכים צווישן געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אָדער פּערזאָנען.

אינזשיניער שרייבער פלעגט נעמען אָנטייל אין אַלע באַראַטונגען און צוזאַמענפאָרן פון „אָרט" און אַלע געזעלשאַפטן פאַר פּראָפעסיאָנעלער בילדונג („איקא", „וואוזעט" א געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן ערד־אַרבעט און טעכנישע בילדונג אין מערב־פוילן). ער פלעגט אַרויסטרעטן מיט רעפעראַטן וועגן פאַרשיידענע טעכנישע אָנגעלעגנהייטן פון פּראָפעסיאָנעלן שולוועזן אין פוילן.

דער ווילנער טעכניקום האָט אָפט איינגעאָרדנט אויסשטעלונגען פון די שילער־אַרבעטן. עס איז פשוט געווען צו באַוווּנדערן די עקזאַקטע אינסטרומענטן וואָס די שילער פון טעכניקום האָבן געמאַכט אין די וואַרשטאַטן פון טעכניקום, די קאָמפּליצירטע און אויסערגעוויינלעך פּרעציזע צייכענונגען פון מאַשינען און פּראָיעקטן צו קאַנאַליזירן, אָדער עלעקטריפיצירן פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אין ווילנער געגנט. אין דעם פּרט זענען די אַבסאָלווענטן פון טעכניקום געווען פולשטענדיק צוגעגרייט צו זייער ראָל ווי געהילף־אינזשיניערן פון אַ פאַבריק.

דער טעכניקום האָט מיט דער הילף פון „אָרט" געגרינדעט אַ קאָמיסיע צו באַזאָרגן מיט אַרבעט די אַבסאָלווענטן פון טעכניקום. אַ באַדייטנדיקע צאָל שילער האָט געאַרבעט אויף עלעקטרישע סטאַנציעס, ביי וואַסער־לייטונג און אין אַנדערע טעכנישע אַנשטאַלטן פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. עטלעכע אַבסאָלווענטן זענען אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל און דאָרטן געבראַכט היפּשע נוצן דעם לאַנד וואָס האָט זיך געהאַלטן אין בויען. אין אַלגעמיין האָבן זיך די אַבסאָלווענטן פון „אָרט"־טעכניקום איינגעאָרדנט אומעטום ווו עס איז געווען אַן אינדוסטריע. אייניקע זענען אויך געהאַט געפאָרן קיין ביראָבידזשאַן.

אין טעכניקום זענען געווען צוויי גרונט־אָפּטיילונגען: אַ מעכאַנישע און אַן עלעקטראָ־טעכנישע. אָבער יעדע אָפּטיילונג האָט געהאַט אונטער־אָפּטיילונגען, ווי וואַסער־לייטונג, ראַדיאָ, הידראַוליק א"אַנד. דער קורס האָט געדויערט מינימום דריי יאָר, געוויינלעך — פיר יאָר. די צאָל שילער איז דערגאַנגען ביז 300. אין טעכניקום פלעגן שטראָמען יידישע יוגנט פון גאַנץ פוילן, אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבן שוין געענדיקט מיטלשולן. זיי האָבן אָבער געדאַרפט האַלטן אין טעכניקום אַן אַריינטריט־

עקזאַמען און געמוזט אַרויסווייזן פעאיקייטן צו מאַטעמאַטיק א״אַנד עק־זאַקטע וויסנשאַפטן.

אַפּט פלעגן קומען אינגאַנצן אַסימילירטע יוגנטלעכע פון אַנדערע פוילישע שטעט, וואָס האָבן נישט געקענט קיין יידיש. זיי פלעגט דירעק־טאָר שרייבער געבן אַ געוויסע צייט אויף אויסצולערנען זיך יידיש. אין דעם פּרט איז דער ווילנער טעכניקום פון „אָרט" געווען דער איינציקער יידישער לערן־אַנשטאַלט וווּ יידיש איז געווען דורכגעפירט אויף הונדערט פּראָצענט. אָבליגאַטאָריש איז געווען אין טעכניקום אַ קורס פאַר יידישער ליטעראַטור. דעם קורס האָט געפירט גרשון פּלודערמאַכער. נאַטירלעך איז דאָס לערנען די מלוכה־שפּראַך אָדער געאָגראַפיע און פוילישע געשיכטע געווען געפירט אין פויליש, ווי דאָס האָט געפאָדערט דער געזעץ.

ביים טעכניקום זענען געווען איינגעאָרדנט פאַרשיידענע צייטווייליקע קורסן פאַר דערוואַקסענע וואָס ווילן זיך אויסלערנען אַ פאַך: וואַסער־לייטונג, ראַדיאָ, קורסן פאַר צעמענט־אַרבעט א״אַנד. דער אָנפירער מיט די אַלע קורסן, לויטן אויפטראָג פון „אָרט", איז געווען אינזשיניער שריי־בער. אגב האָט די מאַכט געגעבן קאָנצעסיעס אויף אַלע נייע קורסן אונ־טערן באַדינג, אַז שרייבער זאָל זיין דער פאַרוואַלטער פון די קורסן.

ער האָט געאַרבעט איבער די מענטשלעכע כוחות און „אָרט" האָט איינגעזען, אַז מען מוז געבן דעם דירעקטאָר, וואָס אַרבעט טאָג און נאַכט, איינעם אָדער צוויי געהילפן. עס איז אָבער אָנגעקומען דער בלוטיקער שטורעם און אַ סך נייע פּלענער זענען צעשטערט געוואָרן.

אונטער אַלע רעזשימען האָט דער „אָרט"־טעכניקום אין ווילנע עק־זיסטירט מיט דעם אינזשיניער שרייבער ווי דירעקטאָר. סיי די ליטווי־נער, סיי די סאָוועטישע מאַכט האָבן זיך גיך איבערצייגט, אַז מ. שריי־בער, דער גרויסער פאַכמאַן און פּעדאַגאָג, איז דער פּאַסיקסטער מענטש אויף צו פירן דעם „אָרט"־טעכניקום.

אַפילו ביי די דייטשע תּלינים אין געטאָ האָט שרייבער „פון גאָר־נישט — ווי עס טיילט מיט די ביבליאָטעקאַרין פון ווילנער אוניווערסי־טעט, אַנאַ שימאיטע, — געשאַפן און געפירט אַן אויסגעצייכנטע טעכני־שע שול מיט אַ מעכאַנישער, עלעקטראָ־טעכנישער און שמידעריי־אָפּטיי־

לונגען. אַפילו אַ קליינע ביבליאָטעק פאַר טעכנישער ליטעראַטור האָט שרייבער געגרינדעט״.

אָבערביים ליקווידירן דאָס ווילנער געטאָ האָט מען שרייבערן מיט זיין איינציקן זון (אויך אַ שילער פון טעכניקום) אַרויסגעשיקט אין דעם שרעקלעכן עסטאָנישן לאַגער קלאָגע, ווו ביידע זענען אומגעקומען פון הונגער און אויסשעפּונג. לויט אַנדערע ידיעות האָט מען שרייבערן מיט אַנדערע ווילנער פּראָפעסיאָנאַלן (דאָקטוירים, אינזשיניערן) דערשאָסן מיט צוויי שעה פריער, איידער די רויטע אַרמיי איז אַריין אינעם לאַגער. זיין פרוי וואַלענטינע — איז אומגעקומען אין מאַידאַנעק. בלויז זייער טאָכ־טער, שולמית, האָט זיך געראַטעוועט...

„קולטור און דערציאונג״, נאָוועמבער, 1946.

צווייטער טייל

אין יאָרן פון אויפבּרויז

פון הירש לעקערטס צייטן

אין 1901 האָט דער צאַרישער אינערן־מיניסטער פאָן פלעווע באַ־שלאָסן אַראָפּצושיקן קיין ווילנע אַלס אַ גובערנאַטאָר דעם פריערדיקן גראַדאָנאַטשאַלניק (שטאָט־שעף) פון פּעטערבורג, דעם מקורב פון די באַל־טישע באַראָנען, פאָן־וואַל. דאָס איז געווען אַ נאָטאָרישער אַלקאָהאָלי־קער, אַ נואף, דערצו נאָך אַ פּאָליטישער ציניקער. ווען ער איז געווען דער גראַדאָנאַטשאַלניק פון פּעטערבורג און דאָרטן איז אויסגעבראָכן אַ שטרייק אין דער גרויסער טאַבאַק־פאַבריק „לאַ־פערם", האָט ער רעקאָמענדירט די טויזנטער אַרבעטערינס פון דער פאַבריק, וועלכע האָבן זיך געקלאָגט אויף זייערע נישטיקע הונגער־פאַרדינסטן — צוצופאַרדינען אין די אָוונטן אין נעכט דורך אַרויסגיין אויף דער גאַס...

נישט איין מאָל האָט מען דעם דאָזיקן פאַרשוין געפונען אַ שיכורן וואַלגערנדיק זיך אונטער די טישן פון די אַריסטאָקראַטישע רעסטאָראַנען אין פּעטערבורג און מאָסקווע. כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מענטאַליטעט פון דער צאַרישער רעגירונג איז דער פאַקט, וואָס פאַר דעם אַמט פון וויל־נער גובערנאַטאָר האָט פאָן־וואַל פאַרנומען דעם הויכן אַמט פון דירעק־טאָר פון אַריסטאָקראַטיש־געשלאָסענעם פרויען־אינסטיטוט (סמאָלני אינס־טיטוט). קיין בעסערן דערציער פאַר די שפּעטערדיקע הויף־פרייליכנס פון ווירובאָוועס (ראַספּוטינס געליבטע) חדר האָט מען טאַקע נישט געקאָנט געפינען.

האַרבסט 1901 איז פאָן־וואַל אַראָפּגעקומען קיין ווילנע. דער „בונד" האָט אים מקבל פּנים געווען מיט פּראָקלאַמאַציעס. דער גובערנאַטאָר האָט גערופן די העכערע פּאָליציי־באַאַמטע מיטן פּאָליציי־מייסטער נאַזימאָוו בראש און געדונערט אויף זיי, וואָס זיי דערלאָזן „אַזעלכע מעשים" און קענען נישט אַנטדעקן די „פאַרברעכערס" און די מורדים במלכות. ער וועט ווייטער אַזעלכע זאַכן נישט טאָלערירן.

פאָן־וואַל האָט אויך פאַררופן די יידישע פאַרשטייער און געמוסרט זיי פאַר דער „צעלאָזענער און גאָטלאָזער" יוגנט. צווישן די פאַרשטייער

איז געווען אַ ייד מיטן נאָמען שעפּטל קליאַטשקאָ. ער איז געווען אַ פּריער־דיקער קאַזיאָנער רבֿ אין ווילנע און איצט „אוטשאָני יעווריי" ביים גובערנאַטאָר, דאָס הייסט אַן עקספּערט איבער יידישע ענינים. ער האָט זיך געוואָלט אויסדינען און דערקלערט, אַז יידן האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט די רעוואָלוציאָנערן. ס׳זענען דאָ יידישע יונגאַטשעס, וועלכע מען דאַרף נאָר אָפּשמייסן, וועלן זיי זיך „באַרואיקן". אין שטאָט האָט מען זיך דער־ווּסט וועגן דעם, און אין דעם באַנעטסטן נומער פֿון „קלאַסן־קאַמף" איז געווען געדרוקט אַ פּעליעטאָן וועגן דעם: קליאַטשקאָ מיטן גובערנאַטאָר פֿאָן־וואַל זענען מחדש די לבֿנה, האַלטנדיק ר׳טער אין האַנט און שרייענ־דיק איינער צום אַנדערן „שלום עליכם, עליכם שלום".

דער שרייבער פֿון די שורות האָט פּערזענלעך געקענט דעם דאָזיקן קליאַטשקאָ, וואָס איז געשטאַנען בראש פֿון די דעמאָלטיקע ווילנער גבאים און ממילא פֿון די „שיינע" ווילנער באַלעבאַטים. ער איז געווען אַ גוט אויסגעפּאַשעטער מיט אַ פֿיין געקעמטער באָרד, גאָלדענע ברילן, גערעדט האָט ער מיט אויטאָריטעט און זיכערקייט, נישט צווייפֿלענדיק, אַז פֿון זיינע רייד טריפֿט דער אמת און אַז די רעגירונג וואָלט נישט געווען אַזוי שלעכט צו יידן, ווען נישט די „יונגאַטשעס". אָבער דאָך גלייבט זיך מיר נישט, אַז פֿאָן־וואַל האָט זיך געניטיקט אין קליאַטשקאָס שמיץ־עצות און זיי אָנגענומען, אויב עס איז טאַקע אמת, אַז קליאַטשקאָ האָט זיי דעם גובערנאַטאָר געגעבן. די דייטשע באַראָנען האָבן עס פּראַקטיצירט אַן אַ יידישן בעל־יועץ אין יאָר 1905 און 1906 ביים ליקווידירן די ערשטע רוסישע אָקטאָבער־רעוואָלוציע (פֿאָן מין, פֿאָן רימאַן, רענענקאַמף א״א „אוסמיריטעלעס" — פּאַציפֿיקאַטאָרן).

ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָט מען פֿון די פּאָליציי־קרייזן לאַנסירט די קלאַנגען וועגן שמיץ אין פֿאַל ווען די „יידישע יינגלעך" וועלן וואַגן אַרויס־צוגיין אויף די גאַסן מיט אַן ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע.

די פּאָליטישע ווילנער אָרגאַניזאַציע פֿון „בונד" איז געשטאַנען פֿאַר אַ שווערער דילעמע. פֿון איין זייט איז די ווילנער אָרגאַניזאַציע געווען היפּש אָפּגעשוואַכט דורך די אָפּטע אַרעסטן, ס׳זענען געבליבן ווייניק אַקטיווע און פֿאַראַנטוואָרטלעכע טוער. די דעמאָנסטראַציע וועט פֿאָדערן אַ סך קרבנות. די גרויסע רעפּרעסיעס, וואָס וועלן זיכער זיין בעת און נאָך

דער דעמאָנסטראַציע, וועלן אָפּשרעקן די מאַסן. פאַראַן אַ סכנה, אַז די באַוועגונג וועט ווערן נאָך מער אָפּגעשוואַכט.

פון דער אַנדער זייט איז געווען אַרויסגערוקט דער מאָטיוו פאַר דער דעמאָנסטראַציע, אַז אויב מען זאָל זיך אָפּזאָגן פון איר, וועט די חוצפה פון די סאָטראַפּן נאָך מער וואַקסן און דאָס וועט זיין אַ טריאומף פאַר דער פּאָליטיק פון טעראָר מצד דער מאַכט, און די אַרבעטער־באַוועגונג וועט פאַרלירן איר דינאַמישן כאַראַקטער. רעוואָלוציאָנערן דאַרפן זיך נישט שרעקן פאַר רעפּרעסיעס. מיט אַ קליינער מערהייט איז באַשלאָסן געוואָרן צו אָרגאַניזירן די דעמאָנסטראַציע.

ביי די פּוילישע און ליטווישע אַרבעטער האָט וועגן אַן אַלגעמיינעם שטרייק דעם ערשטן מאַי נישט געקאָנט זיין קיין רייד. די באַוווסטזיניקע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט פון זייערע מאַסן איז נאָך געווען גאָר אַ נישטיקע. זייערע פירער האָבן אָבער יאָ צוגעזאָגט צו קומען צו דער דעמאָנסטראַציע נאָך דער אַרבעט. דאָס איז געווען זייער וויכטיק, וואָרעם אַ דעמאָנסטראַציע נאָר פון יידישע אַרבעטער אַליין וואָלט סיי ביי דער באַפעלקערונג, סיי ביי דער מאַכט נישט אַרויסגערופן די געהעריקע באַציאונג, ווי צו אַ פאָלקס־באַוועגונג פון אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

די דעמאָנסטראַציע איז דעריבער באַשטימט געוואָרן אויף 7 אַזייגער אין אָוונט, ווען די קריסטלעכע אַרבעטער וועלן אַראָפּ פון דער אַרבעט. דעם ערשטן מאַי האָט כמעט קיין יידישער אַרבעטער נישט געאַרבעט. לויט דעם באַפעל פון דער פּאָליציי זענען אַלע הויז־טויערן געווען געשלאָסן און די הויז־וועכטער האָבן געמוזט שטיין מיט בולאַוועס ביי זייערע טויערן.

אין אַנדערע הייף מיט גרעסערע פּלעצער אינעווייניק זענען געווען באַהאַלטן קאָזאַקן און פּאָליציי גרייט אויף יעדן פאַל צוצעטרייבן יעדע קאָנצענטראַציע אויף די גאַסן.

ס'איז געווען אַ שוואַכע גאַסן־באַוועגונג. „באַלעבאַטישע" מענטשן האָבן יענעם טאָג אויסגעמיטן אויף ווי ווייט מעגלעך זיך צו באַווייזן אין דרויסן, מורא האָבנדיק צו ריזיקירן מיטן „בינטל ביינער".

פאַרנאַכט, נענטער צו 7 אַזייגער, האָבן זיך אָנגעהויבן אָנצופילן די גאַסן מיט יידישער יוגנט, בחורים און מיידלעך, אָנגעטאָן אין יום־טוב־

דיקע קליידער. די גרעסטע טייל געסלעך, וועלכע פירן צו דייטשער גאַס, זענען געווען אָפּגעשלאָסן דורך פּאָליציי־פּאַטרולן. אָבער דאָך האָט זיך איינגעגעבן די קלענערע גרופּעס אַריינצושלייכן זיך — דורך רודניצקער, ברייטע, טראָקער, דאָמיניקאַנער, וועלכע מען האָט נישט געקענט אינ־גאַנצן פאַרצוימען — אין דער דייטשער גאַס, דעם באַשטימטן הויפּט־צענטער פון דער ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע.

דער זייגער איז שוין נאָך 7, האַלב 8, דריי פערטל אויף 8, מען וואַרט אויף די פּוילישע אַרבעטער, אָבער זיי זענען נישטאָ. די מאַסע יידישע אַר־בעטער ווערט צוליב דעם אַביסל נערוועז. ס'ווערט פון צענטער, וואָס דאַרף געבן די סיגנאַלן, איבערגעגעבן, אַז די דעמאָנסטראַציע ווערט אָפּ־גערופן. אָבער צו אַ טייל דערגייט נישט די פון מויל צו מויל פליסטערנ־דיקע פאַראָרדענונג. און ווען לעבן שירווינטס אַפּטייק באַווייזט זיך אַ קליינע צאָל קריסטלעכע אַרבעטער, לאָזן זיך די יידישע פאָנען־טרעגער מיט זייערע באַגלייטער פון די טראָטואַרן אויף דעם ברוק.

די פאָנען זענען געווען באַהאַלטן אונטער די מאַנטלען אין באַזונדע־רע טיילן פון די פונאַנדערגעשרויפטע שטעקנס. מען האָט זיך פריער אין דעם געאיבט אַזוי, אַז די פאָנען אויף די שטעקנס זאָלן צוזאַמענגעשטעלט ווערן אין סעקונדן און בילדן אַ פלאַטערדיקע גאַנצקייט מיט די געהעריקע אויפשריפטן. ווען די מאַסע האָט דערזען די אויפגעהויבענע רויטע פאָן, איז זי געוואָרן ווי עלעקטריזירט. ס'האָבן זיך דערהערט מעכטיקע אויס־געשרייען: „זאָל לעבן דער ערשטער מאַי!", „נידער מיט דער זעלבסט־הערשאַפט!" און ענלעכע. אָבער אין זעלביקן מאָמענט האָבן זיך אַרויס־געריסן פון די הייף מחנות „גאַראָדאָוואָיעס" און קאָזאַקן. דער פּאָליציי־מייסטער נאַזימאָוו, וועלכער איז געפאָרן אין דער באַגלייטונג פון אַ קאָנ־וואָי פּאָליצייאישע באַאַמטע, האָט געגעבן אַ קורצע קאָמאַנדע צו אַלע „באַוואָפנטע קרעפטן": „שלאָג די לומפּן!". די קאָמאַנדע איז שוין געווען כמעט ווי איבעריק, ווייל די קאָזאַקן, גאָראָדאָוואָיעס און די הויז־וועכטער מיט די בולאַוועס האָבן שוין דאָס סיי ווי געטאָן. ווי ווילדע חיות האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף די פאָנען־טרעגער און זייערע באַגלייטער און אויף אַלע יונגע לייט און מיידלעך, וואָס זענען געווען אויף דער גאַס. די פאָ־

נען־טרעגער זענען געפֿאַלן פֿאַרבלוטיקטע. די פֿאַנען זענען צעריסן גע־וואָרן אויף שטיקער.

עס איז געוואָרן אַ געיעג אויף די מענטשן איבער די גאַסן, מען האָט געיאָגט און געשלאָגן מכות רצח. ביי אַ סך זענען געווען בלוטיקע וווּנדן אויף די קעפּ, ביי אַ טייל זענען באַזונדערע גלידער געווען באַשעדיקט, אויסגעדרייט. דער גרעסטער טייל דעמאָנסטראַנטן זענען זיך צעלאָפֿן, גע־בליבן זענען די צעשלאָגענע און ס'זענען פֿאַרהאַלטן געוואָרן עטלעכע און דרייסיק מאַן יידישע אַרבעטער און בס"ה 2־3 קריסטלעכע.

אַלע אַרעסטירטע האָט מען אין פּאָליציי־אַרעסט ווייטער געשלאָגן מיט נאַגייקעס און געגעבן די באַרימטע רוסישע „זובאָטיטשינעס" (זעצן אין די ציינער). דער גובערנאַטאָר פֿאָן־וואַל איז אויפֿן וועג אין טעאַטער אַריינגעפֿאָרן אין פּאָליציי־אַרעסט, כדי אַליין צו זען די געפֿאַנגענע בונ־טאָווששיקעס. ער האָט גלייך געפֿרעגט: „ווער זענען עס די פֿאָנען־טרעגער?". מען האָט אים אָנגעוויזן אויף די צעמזיקטע באַטוויניקן און פּיינבערגן. ער האָט זיי געהייסן פֿאַרשפּאַרן אין אַ באַזונדערן קאַמער און געבן צו 100 שמיץ, אַלע אַנדערע צו 50.

פּאַראַלעל מיט דער „גרויסער דעמאָנסטראַציע" אויף דער דייטשער גאַס איז דעם זעלביקן אָוונט אין ווילנער שטאָט־טעאַטער פֿאָרגעקומען אַ קליינע אָבער איינדרוקספֿולע דעמאָנסטראַציע, פֿון וועלכער איך בין אויך געווען אַן אָנטיילנעמער. מען האָט דאָרט אויפֿגעפֿירט זודערמאַנס „היי־מאַט". אַ גרופּע אינטעליגענץ מיטן הסכם פֿון קאָמיטעט פֿון „בונד" האָט באַשלאָסן צו פֿאַרשפּרייטן אין טעאַטער מאַי־אויפֿרופֿן. עס איז געווען אַ בענעפֿיס פֿון אַ באַרימטן אַרטיסט און מען האָט געוווּסט, אַז פֿאָן־וואַל וועט זיין אין טעאַטער אין דער גובערנאַטאָר־לאָזשע. דאָס פּובליקום איז באַשטאַנען בעיקר פֿון העכערע מלוכה־באַאַמטע מיט זייערע פֿרויען. אין זעלביקן טאָג האָט מען געגומען קליינע צעטלעך מיט די אויפֿשריפֿטן אויף רוסיש: „דער אַרבעטער־יום־טוב פֿון ערשטן מאַי! אַראָפּ די אַליינהער־שאַפֿט!" און מען האָט זיי אַריינגעוואָרפֿן אין די פּאָסט־קאַסטנס אויף די ראָגן פֿון די גאַסן און אין די בריוו־קעסטלעך ביי די טירן; מען האָט זיי אויך צעשיקט אין קאָנווערטן אויף די אַדרעסן פֿון די העכערע פֿאַרשטייער

פון דער מאכט. די צעטלעך האט מען פונאנדערגעשיקט אויף דער אויבנ־דערמאנטער גרופע אינטעליגענץ.

געקומען אין טעאטער איז די גרופע פון אן ערך צען מאן, ארויף אויף דער גאלעריע און זיך צעזעצט אויף פארשיידענע ערטער צווישן חברים. מען האט פריער באשלאסן, אז אין אנהייב פון צווייטן אקט וועט איינער ווארפן די פראקלאמאציעס אין זאל, דער צווייטער אין גובער־נאטאר־לאזשע. כך הוה. נאכן ערשטן אנטראקט, ווי נאר דער פארהאנג האט זיך אויפגעהויבן און אלע אויגן האבן זיך געווענדט צו דער בינע, האט זיך מיטאמאל א שאט געטאן איבערן טעאטער א פעקל שניי־ווייסע צעטעלעך און פראקלאמאציעס. עטלעכע זענען אריינגעפאלן צו פאן־וואלן אין לאזשע. אין טעאטער איז געווארן א באוועגונג. די דאמען און הערן פון פארטער האבן זיך איינגעבויגן אויפצוהייבן די צעטעלעך, מיינענדיק, אז דאס זענען באגריסונגען פאר די ארטיסטן. נאר דערזען דעם שם המפורש „נידער די אליינהערשאפט", האט דער עולם גלייך מיט האס גע־ווארפן צוריק די צעטעלעך אויף דער ערד. עטלעכע האבן אנגעהויבן איי־ליק צו פארלאזן דעם טעאטער. פאן־וואל איז אנגעצונדן געווארן. ער האט גלייך צוגערופן דעם פאליציימייסטער און שטילערהייט אפגעגעבן א באַ־פעל. די ווארפער זענען גלייך נעלם געווארן. די פאליציי האט זיך אין ערשטן מאמענט פארלוירן און גארנישט געטאן צו אנטדעקן די „פאר־ברעכער". אבער אין א פאר מינוט ארום איז שוין דער ארויסגאנג פון דער גאלעריע געווען פארצוימט און ביי דער טיר זענען געשטאנען גאראדאוואיס מיט א פריסטאוו.

די פארשטעלונג איז נישט איבערגעריסן געווארן. מיר זענען געזעסן און געווארט, וואס וועט זיין און געקוקט אויף דער בינע. אבער אויף אונדז פון הינטן האט שוין געקוקט נישט איין פאר אויגן פון די „געזעץ־היטער". פון צייט צו צייט איז עמיצער פון זיי צוגעגאנגען צו איינעם פון אונדזער חברה און מיט א שטילן קלאפ אין פלייצע ארויסגערופן אויף די טרעפ. דארטן האט מען אים באזוכט און ווען לויטן פנים און קליידער האט מען אים געקענט אננעמען פאר אן אינטעליגענט, האט מען אים באַ־פוילן זיך שטעלן אן א זייט, נישט אריין צוריק אין טעאטער און נישט

אַרויס אויף דער גאַס. סוף־כּל־סוף איז דערגאַנגען די ריי צו מיר. „איי, דו, גיי אַרויס!" האָב איך דערהערט לעבן זיך אַ קול פון אַ פּריסטאַוו. איך בין אויפגעשטאַנען און אין אויפרעגונג געזאָגט: „איך בעט מיך נישט דוצן!". נאָר די גאָראָדאַוואָיעס האָבן מיך אַזוי שטאַרק אַ שטויס געטאָן, אַז איך בין געפאַלן. איך האָב אַ געשריי געטאָן: „דערוועגט זיך נישט צו שלאָגן". דאָ איז צו מיר צוגעגאַנגען דער פּריסטאַוו פון ערשטן פּאָליציי־צירקל, דער באַוווסטער סניטקאָ, וואָס איז געווען באַרימט מיט די קלעפּ, וועלכע ער פלעגט מיט זיינע אייגענע הענט געבן די אַרעסטירטע, בפרט די אַרבעטער, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן פאַר „פּאָליטיק". ער האָט מיך געפרעגט, ווער איך בין. איך האָב געזאָגט, אַז איך בין אַ לערער אין אַ רעגירונג־שולע. דערויף האָט ער מיר געענטפערט: איך וועל דיך אָנ־לערנען!... נאָר מער האָט מען מיך שוין נישט געטשעפּעט. מען האָט מיך נאָר באַזוכט, אויסגעקערט אַלע קעשענעס, באַטאַפּט פון אַלע זייטן און צו־געשטעלט צו דער גרופּע פאַרדעכטיקע. מיר האָבן פּראָטעסטירט, פאַרוואָס מען פאַרהאַלט אונדז, בעת מען האָט ביי קיינעם קיין זאַך נישט געפונען. פּאָליציי האָט זיך געטאָן דאָס איריקע, מ'האָט פאַרשריבן גענוי אונדזערע נעמען, פאַמיליעס און אַדרעסן און דאָ אויפן אָרט האָט מען אָפּגעגעבן אַ באַפעל צו מאַכן רעוויזיעס אין אונדזערע וווינונגען. די טרעפּ זענען געווען פול מיט פּאָליציי. צווישן די, וואָס מען האָט אָפּגעשטעלט אָן אַ זייט, זע־נען געווען גאַנץ זייטיקע מענטשן, זיי זענען געשטאַנען בלאַסע, צעשראָ־קענע. צו אייגעם פון זיי האָט זיך סניטקאָ געווענדט: „ווי ביסטו אַריינ־געפאַלן צווישן די סוואָלאָטשעס?" יענער האָט אָנגעהויבן וויינען: „סטייטש, וואָס האָב איך פאַראַ שייכות צו דער חברה? דער הער פּריס־טאַוו קען דאָך מיך". סניטקאָ האָט זיך מרחם געווען אויף זיין באַקאַנטן און געהייסן אים אָפּלאָזן. פאַר גרויס דאַנקבאַרקייט איז דער באַפרייטער צוגעפאַלן קושן סניטקאָן די האַנט. דער פּריסטאַוו האָט מיט עקל אים אָפּגעשטויסן „גיי צום טייוול".

נאָכן דורכזיפן די גאַלעריע האָט מען ענדגילטיק פאַרהאַלטן אַ 13־14 פּערזאָן, בתוכם 3 פרויען. פון אָט די פאַרהאַלטענע האָט אויך כמעט אַ העלפט נישט געהאַט קיין שייכות צו דער גאַנצער זאַך. ווען דער עולם

איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען פון טעאַטער, האָט מען אונדז אַראָפּגעפירט אויף דער גאַס, וואָס איז שוין געווען ליידיק. מיט אַנטבלויזטע שווערדן האָבן אונדז די גאַראַדאָוואָיס אַרומגערינגלט און אַוועקגעפירט אין פּאָליציי־צירקל, ווו ס׳זענען שוין געזעסן די דעמאָנסטראַנטן. מען האָט אונדז אַרייַנגעפירט אין אַ קאַמער מיט פאַרשטיקטער לופט. די קאַמער איז שוין געווען פול מיט שיכורים, גאַסן־כוליגאַנעס און אָקערשט אַרעסטירטע פאַרברעכער, וועלכע מען האָט נאָך נישט געהאַט באַוויזן אָפּצופירן אין טורמע. די „חברים״, צו וועלכע מען האָט אונדז אַרייַנגעפירט, האָבן ליידיק געמאַכט פאַר אונדז איין באַנק, אָבער דאָ איז אויך נישט געווען קיין אָרט צו זיצן פאַר אונדז אַלעמען. כדי אויסצונוצן וואָס בעסער די ליידיקע באַנק, וואָס מען האָט געשטעלט אין אונדזער רשות, האָבן מיר אויסגערעכנט, אַז יעדער פון אונדז קאָן אויף איר שלאָפן 20 מינוט — אַ „דרעמל טאָן״ און „גלייך אַראָפּ״. ווען עמעצער פלעגט נישט אַזוי גיך אויפשטיין, האָט מען אים פשוט אַראָפּגעשלעפּט פאַר די פיס און געלייגט אַן אַנדערן.

אַזוי איז אַריבער די נאַכט. אַזייגער זעקס אין דער פרי האָט מען אָנגעהויבן אַרויסלאָזן איינציקווייז אויפן הויף אויף באַדערפעניש. דער אויפזעער איבערן אַרעסט־הויז איז געווען אַן עלטערער גאָראָדאָוואָי, אַ ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט מיט מעדאַלן. אַ שלאָגער און פייניקער פון די אַרעסטירטע. פלעגט זיך עמעצער פאַרשפעטיקן אויפן הויף, האָט ער געכאַפּט אַ שטורך, אַ שטויס. מיר האָבן מיט אים געפרוווט פאַרפירן אַ שמועס וועגן פאַרלייכטערונגען. דער „דיעדושקאַ״ (זיידע), ווי מיר האָבן אים גערופן, האָט צו זיך פון אָנהייב נישט געלאָזט ריידן. מיט פּאַפּיראָסן און מיט זילבערנע מטבעות האָבן מיר געפונען אַ וועג צו זיין האַרץ, און ער איז מיט אונדז געוואָרן ווייכער, אויפגעהערט צו רופן „זשידעס״ אד״גל.

אַזייגער אַכט האָבן מיר דורכן פענצטער דערזען, ווי די פייערלעשער האָבן אַרייַנגעפירט אויפן פּאָליציי־הויף ריטער. מיר זענען פאַרציטערט געוואָרן. ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווסט, האָט אָט דער שוידערלעכער וואָגן פריער דעפּילירט איבער די הויפּט־גאַסן פון שטאָט, כדי צו וואַרפן אַן אימה אויף דער באַפעלקערונג. 9 אַזייגער איז האַסטיק אַרייַנ־

געלאָפן אין אונדזער קאַמער דער פּריסטאַוו סניטקאָ מיט אַ 4־5 פּאָלי־ציאַנטן און אָנגעהויבן יעדן פּערזענלעך צו באַזוכן. צווישן אונדז איז געווען אַ זון פון אַ רייכן טאַבאַק־פאַבריקאַנט ד., וועלכער האָט נישט געהאַט קיין שייכות צו אונדזער ענין. ער איז געווען בלאַס און האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. דער פּריסטאַוו האָט אים פּערזענלעך געקענט און, ווייזט אויס, נישט געצויגן קיין קליינע יניקה פון זיין פאָטערס פאַבריק. דער סטודענט האָט אים ציטערנדיק געפרעגט, וואָס וועט זיין מיט אונדז. סניטקאָ האָט געענטפערט: „אייך גופא וועט מען נישט אָנרירן". דער סטודענט האָט געבעטן אַ פּאַפּיראָס. סניטקאָ האָט גלייך אויסגעשטרעקט אַ גאַנצן פּאַרטסיגאַר: „נעמט".

אַז די באַזוכונג האָט זיך געענדיקט, איז מיט אימפּעט, און באַגלייט פון העכערע פּאָליציי־באַאַמטע, אַריין דער גובערנאַטאָר פאָן־וואַל. ער איז געווען אַ נידעריקער, אַ גראָבער, מיט אַ רויט פּנים. ער האָט גלייך צו אונדז אַ זאָג געטאָן: „איך דאַנק אייך פאַר דער באַגריסונג מיטן יום־טוב פון ערשטן מאַי. מיין באַגריסונג וועט באַלד קומען". באַמערקט דעם סטודענט ד., האָט ער אים אַ וואָרף געטאָן: „איר וועט זיך שוין ביי מיר בונטעווען".

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן מיר דערהערט אוממענטשלעכע קולות. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן די עקזעקוציע איבער די דעמאָנסטראַנטן, וועלכע מען האָט פאַרהאַלטן אין גאַס, זיי זענען געזעסן אין אַ צווייטן קאָרידאָר. מיר האָבן נישט געקענט זען, וואָס דאָרט קומט פאָר. אָבער מיר האָבן געהערט און דאָס בלוט איז אונדז פאַרגליווערט געוואָרן. ביזן לעצטן מאָמענט האָבן מיר זיך נישט געקענט גלייבן, אַז דאָס זאָל מעגלעך זיין, און איצט איז עס געשען. טייל פון אונדז האָבן געבראָכן די הענט, געריסן די האָר פון קאָפּ, געוויינט. עטלעכע זענען ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. מיר האָבן דערפילט אונדזער אומבאַהאָלפנקייט און מאַכטלאָזיקייט. ווי מיר האָבן זיך דערנאָך דערוווסט, איז פאָן־וואַל אַליין געווען ביים אָנהייב פון דער עקזעקוציע, דערנאָך איז ער אַוועקגעפאָרן. אויסגעפירט די עקזעקוציע האָבן די פייערלעשער. מען פלעגט זיך אַריינרייסן אין אַ קאַמער, אַרויסשלעפן מיט געוואַלד דעם קרבן. איינער פלעגט זיך זעצן אויפן

קאָפּ, דער אַנדערער אויף די פיס און דער דריטער פלעגט מיטן גאַנצן כּוח שמייסן. ווען עמעצער האָט געחלשט, פלעגט מען אים אָפּגיסן מיט וואַסער און די עקזעקוציע פלעגט דויערן ווייטער. איינעם אַן אינטעליגענט האָט מען נישט געשמיסן, מ'האָט אים אָבער געצוווּנגען צו קוקן אויף דעם, ווי מען שמייסט די חברים, דערביי האָבן פּאָליציאַנטן מיט פּיקעס פוןביידע זייטן אונטערגעהאַלטן דעם קאָפּ פון „צושויער", ער זאָל אים נישט אַראָפּלאָזן, נישט אָפּווענדן אַן אַ זייט. ווי אַ פאַרשטייער פון מעדיצין איז געווען דער שטאָט־דאָקטאָר מיכאַילאָוו. די גאַנצע „אַרבעט" האָט געדויערט אַ גאַנציע שעה, וועלכע האָט זיך אויסגעדוכט ווי אַן אייביקייט. עס זענען אָפּגעשמיסן געוואָרן אַ מאַן צוואַנציק, ווי מען האָט דעמאָלט געזאָגט, אויך אייז פּרוי. פון אונדזער קאַמער האָט מען קיינעם נישט גענומען צו דער עקזעקוציע. געשמיסן האָט מען ביז בלוט, און אַ סך זענען געווען קראַנק דערנאָך.

בליצשנעל האָט זיך די דערשיטערנדיקע ידיעה פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט, און אַזייגער צען־עלף האָבן אָנגעהויבן קומען אויפן פּאָליציי־הויף די קרובים פון די אַרעסטירטע מיט פאַרצווייפלטע פּנימער און מיט געוויין. די פּאָליציי האָט זיי באַלד דורכגעטריבן. אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען פאַר קליינגעלט צוגעלאָזן צו די פענצטער אונדזערע באַקאַנטע, וואָס זענען געקומען זיך דערוויסן וואָס עס איז דאָ פאָרגעקומען. צו זייער פאַרצווייפלונג איז נישט געווען קיין גרענעץ. אַנדערע האָבן געפרעגט, וואָס טוט מען, ווי רעאַגירט מען? ווייניקער פון אַלע האָבן מיר זיי געקאָנט ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע.

מען האָט אונדז אָנגעהויבן ברענגען עסן. מיר פלעגן אַראָפּלאָזן פון צווייטן שטאָק שטריקלעך, אונטן האָט מען צו זיי צוגעבונדן פּעקלעך מיט שפּייז און פּאַפּיראָסן און מיר פלעגן עס אַרויפציִען צו זיך. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס פיל האָבן אַ גאַנצן מעת־לעת נישט געגעסן, האָבן מיר דעם ערשטן טאָג כּמעט זיך נישט צוגערירט צום שפּייז. כּדי מען זאָל אונדז נישט שטערן צו ריידן מיט די באַזוכער, האָבן מיר דעם גרעסטן טייל פון די געבראַכטע מתּנות אָפּגעגעבן אונדזערע שומרים; לפּנים ווען האָט מען געטריבן פון הויף און פון די פענצטער, אָבער אין אַ ווײַלע אַרום פלעגן זיי

שוין ווייטער זיין ביים פענצטער שמועסן און ברענגען טראַנספּאָרטן „פּעקלעך".

מען האָט אונדז אַריבערגעפירט אין אַ גרעסערער קאַמער, ווו קיין פרעמדע זענען נישט געווען. און דאָן האָבן מיר זיך דערפילט בעסער. אין קאַמער איז געווען פייכט, אָבער מען האָט געבראַכט זעגעכץ און עס אויסגעשאָטן אויף דער פּאָדלאָגע. בלויז די באַרימטע „פּאַראַשע" האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן און האָט פאַרפעסטעט די לופט. גאָר גיך האָבן מיר קעגן דער „שיקסע" אויך געפונען אַ מיטל. מיט אונדז איז געווען אַ פאַר־מאַצעווט, וועלכער האָט אָנגעזאָגט אין זיין אַפּטייק, אַז מען זאָל שיקן גרויסע סכומים קאַלי־היפּערמאַנגאַניקום. דאָס האָט מען הויפּטווייז גע־שאָטן און פון דעם האָט דער ריח כמעט מאָמענטאַל אויפגעהערט.

אויפן דריטן טאָג האָט מען צו אונדז אַריינגעלאָזט עטלעכע פאַר־דעכטיקע סוביעקטן, כלומרשט אויך אַרעסטירטע, זיי זאָלן עפּעס דערגיין, אויסשמעקן. מיר האָבן אָבער גלייך פאַרשטאַנען מיט וועמען מיר האָבן צו טאָן. די פאַרשוויגנע האָבן זיך דערפילט נישט היימיש און זיך געבעטן אין אַן אַנדער קאַמער. זייער בקשה איז, פאַרשטייט זיך, דערפילט געוואָרן. גלייכצייטיק האָבן מיר אָנגענומען מיטלען, אַז די עטלעכע זייטיקע, וואָס זענען אַריינגעפאַלן, ווי מען זאָגט, מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט, זאָלן זיך האַלטן אָנשטענדיק ביים פאַרהער, נישט ריידן קיין איבע־ריקע ווערטער. דאָס האָט זיך איינגעגעבן, הגם אַ פּאָר פון זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו טענהן, אַז בעסער וואָלט זיי אַ דונער אַריינגעשלאָגן, איי־דער זיי זענען געגאַנגען אין דעם פאַרשאָלטענעם אָוונט אין טעאַטער.

בערך אויפן פערטן טאָג איז צו אונדז אין קאַמער אַריין אַ זשאַנ־דאַרם־ראַטמייסטער, האָט אונדז באַזוכט און איז אַרויס. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען אונדז אָנגעהויבן איינציקווייז אַרויסרופן צו אים. דורכן לאָך פון טיר האָבן מיר באַמערקט, אַז אַ היפּשע פּאָר אויגן באַמיען זיך אונדז צו דערקענען. באַזונדערס האָט זיך אונדז געוואָרפן אין די אויגן אַ קריסטלעכע פרוי, וועלכע איז עטלעכע מאָל צוגעגאַנגען צו דער טיר. מיט אָט דער פרוי, וועלכע איז קענטיק ווי אַ געדונגענע אָדער פרייוויליקע שפּיאָנקע געווען אין טעאַטער אויף דער גאַלעריע, בעת מען האָט פונאַנ־דערגעוואָרפן די פּראָקלאַמאַציעס, האָט דער ראַטמייסטער אָפּגעשפּילט

אַזאַ מין קאָמעדיע. דער פֿאַרהער איז פֿאָרגעקומען אין דער וווינונג פֿון אַ קלענערן פֿאָליציי־באַאַמטן אין אַרעסטהויז גופא. די פֿרוי, איז כלומרשט געווען די באַלעבאָסטע פֿון דער דירה. ביים אַריינפֿירן אַן אַרעסטירטן, פֿלעגט זי אַרויסגיין, דערנאָך אין צייט פֿון פֿאַרהער האָט זי זיך אַרומגעדרייט עטלעכע מאָל איבער דער שטוב, געזוכט שליסלען, אָדער אַן אַנדער קעגנשטאַנד. דער ראָטמייסטער זאָגט צו איר: „זייט מוחל, ליבע, מיר שטערן אייך. נו, נישט לאַנג: מיר וועלן באַלד באַפֿרייען די דירה". דער־ביי פֿלעגט די „באַלעבאָסטינקע" דערלאַנגען אַ באַהאַלטענעם ווונק, וואָס האָט געזאָלט באַווייזן, צי דער אַריינגעפֿירטער איז פֿון די וואַרפֿערס אָדער נישט און מיט אַ שמייכל ענטפֿערן „דעם ליבן גאַסט": „נישקשה, נישקשה, איר שטערט מיך נישט".

ווען מען האָט מיך אַריינגעפֿירט, איז דער ראָטמייסטער אויפֿגעשטאַנען פֿון אָרט, האָט זיך העפֿלעך פֿאַרנייגט און דערלאַנגט מיר אַ שטול, געפֿרעגט, ווי איך פֿיל זיך, אויסגעשטרעקט זיין פּאָרטסיגאַר צו נעמען אַ פּאַפּיראָס. „ווי זייט איר ה. א. אַריינגעפֿאַלן צווישן דער חברה און בכלל ווי גייט איר דאָס אויף דער גאַלעריע?" איך האָב געענטפֿערט, אַז איך בין אַן אָפּטער באַזוכער פֿון טעאַטער און אַזוי ווי איך פֿאַרמאָג באַגרענעצטע מיטלען, קען איך זיך נישט דערלויבן צו נעמען טייערע פּלעצער און בלית ברירה גיי איך אויף דער גאַלעריע.

דער ראָטמייסטער האָט זיך פֿאַרכאַפּט: „נו, איך מיין אייך נישט, חלילה, צו באַשולדיקן דערפֿאַר אָדער געבן אייך אָנווייזונגען, איר זייט דאָך אַן אינטעליגענטער מענטש און ווייסט אַליין, וואָס איר האָט צו טאָן. איך אַליין, זייענדיק אַ סטודענט אין פּעטערבורג, פֿלעג שטענדיק גיין אויף דער גאַלעריע". און דאָ האָט ער מיר אָנגעהויבן צו דערציילן גאַנצע מעשיות וועגן זיינע „גליקלעכע יונגע יאָרן". ער האָט געבעטן דער באַלעבאָסטינקע פֿאַר מיר אויך אַ גלאָז טיי. איך בין געווען גאַנץ איינגעהאַלטן צו זיין פֿריינדלעכקייט, האָב זיך אָפּגעזאָגט פֿון די פּאַפּיראָסן און פֿון דער טיי און געזאָגט, אַז איך וויל, אַז מען זאָל מיך תיכף באַפֿרייען, ווייל איך ווייס נישט, צוליב וואָס איך זיץ דאָ.

„יאָ, ה' א., אפֿשר ווייסט איר, ווער ס'האָט געוואָרפֿן אָט די פּאָס־

קודסטוואָ אין טעאַטער? דאָס איז דאָך אַזאַ נאַרישקייט, נישט שוין־זשע וועלן זיי איבערשרעקן די רעגירונג מיט שטיקלעך פּאַפּיר?... איך פֿאַר־שטיי, אַז איר האָט דאָס מסתמא נישט געטאָן, אָבער מיר קאָנען נישט באַפֿרייען קיינעם, איידער מיר וועלן נישט וויסן, ווער דער שולדיקער איז. דערוויסן מ׳יר זיך דאָס, וועלן מיר באַלד אַלע אומשולדיקע באַפֿרייען...״ איך האָב ׳אים געענטפֿערט, אַז איך ווייס גאָרנישט, האָט ער זיך מיט מיר גאַנץ קאַלט געזעגנט און געהייסן אַריינפֿירן אַן אַנדערן.

דער פֿאַרהער האָט אַזוי אַרום געדויערט אַ פּאָר טעג, און כמעט מיט יעדערן זענען פֿאַרגעקומען ענלעכע שמועסן. עס ווייזט אויס, אַז די שפּיאָנקע האָט אויף דריי אָנגעוויזן, אַז זיי זענען פֿאַרדעכטיקט, און אַן ערך אין אַכט טעג אַרום האָט מען אונדז אַלעמען, אויסער די דריי, באַ־פֿרייט. שפּעטער זענען די דריי (אַלפֿעס, רעכעס און פּרוי) טאַקע פֿאַר־שיקט געוואָרן אויף עטלעכע יאָר קיין סיביר. הגם, ווי איך האָב פֿריער געזאָגט, זענען די אמתע וואָרפֿערס פֿאַרשוווּנדן פֿון דער גאַלעריע, נאָך איידער די פּאָליציי האָט זיך געכאַפּט. פֿאַר מיר פּערזענלעך האָט נאָך די געשיכטע געהאַט אַ געוויסן המשך. אין די דעמאָלטיקע צייטן האָט אַ לע־רער פֿון אַ רעגירונג־שולע געדאַרפֿט זיין אויסער דעם קלענסטן פּאָליטישן חשד. וועגן מיין אַרעסט האָט זיך דערוווּסט דער בילדונגס־קוראַטאָר און האָט פֿאַראָרדנט פֿאַר מיר אַ חקירה ודרישה. נאָך מיין באַפֿרייאונג האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך דער דירעקטאָר פֿון די פֿאָלקסשולעס. איך בין געקומען אין אַ גרויסן זאַל, וווּ ס׳זענען געזעסן אַלע אינספּעקטאָרן בראש מיטן דירעקטאָר, אַן אַלטער מאַן פֿון אַ יאָר עטלעכע און זיבעציק מ׳יט אַ לאַנגער גרויסער באָרד און אַ פּנים פֿון אַ פּאַטריאַרך. דער „פּאַטריאַרך״ האָט מיך גענומען אויף אַ פֿאַרהער, ווי אַזוי און ווי און וואָס איז פֿאַר־געקומען אין טעאַטער. איך האָב דערציילט, אַז מען האָט מיר געזאָגט „דו״, מ׳האָט מיך אַ שטויס געטאָן. דער דירעקטאָר האָט זיך געוואָלט דערקונדיקן באַשיינפּערלעך, ווי האָבן די סאַקראַמענטאַלע צעטעלעך גע־קאָנט פֿון דער גאַלעריע זיך צעשפּרייטן איבערן גאַנצן טעאַטער. דער זקן האָט גענומען צוויי טאַליעס קאָרטן, אַוועקגעשטעלט אַ קלענער טישל אויף אַ גרויסן און פֿון אויבן אַ שטול, אַרויפֿגעקלעטערט בכבודו ובעצמו אויף

דער שטול און אַ וואַרף געטאָן די קאַרטן פון דער הייך. די קאַרטן זענען געפאַלן צו די פיס פון די אינסצעניזירטע צושויער, די אינספעקטאָרן. די לעצטע האָבן מסכּים געווען, אַז מען וואַרפט פון אויבן — פאַלט... אונטן. מיין שולד איז אויף דעם פאַרהער דאָך נישט דערוויזן געוואָרן. וועגן דעם, אַז מען האָט מיך באַליידיקט, האָט דער דירעקטאָר מיר פאָרגעשלאָגן, אַז איך זאָל אָנשרייבן אַ ראַפּאָרט און אים דערלאַנגען. פון דעם האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזן, אויסער דעם, וואָס איז אַ האַלב יאָר אַרום האָט מען געפונען פאַר „צוועקמעסיק" מיך אַרויסצושיקן אין אַ קליינער קרייז־שטאָט, כּדי מיך צו דערווייטערן פון „שעדלעכע ווירקונגען".

איצט אַ פּאָר ווערטער וועגן די שטימונגען נאָך דער עקזעקוציע. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג איז געווען גוואַלדיק אויפגערעגט. כאָטש די באַלעבאַטים האָבן געהאַלטן, אַז די „באָד־יונגען פאַרדינען שמיץ", אָבער אַזוי ווי דער דאָזיקער ברוטאַלער אַקט איז אויסגעפירט געוואָרן כּמעט נאָר איבער יידישע אַרבעטער, האָבן די באַלעבאַטים אין דעם דערזען אַנ־טיסעמיטיזם. מען קען דאָך נישט זיין זיכער מיט דער אייגענער פעל, זי איז דאָך אַ יידישע, און וויבאַלד זי איז אַזוי הפקר איז דאָך נישט שייך. ביי די מער אָדער ווייניקער דעמאָקראַטישע עלעמענטן האָט זיך פאַר־שטאַרקט דער האַס צו דער רעגירונג. פיל דאָקטוירים האָבן באַשלאָסן ניט צו באַגריסן זיך מיטן דאָקטאָר מיכאַילאָוו. באַזונדערע נקמה־געפילן האָבן באַהערשט די ווילנער יידישע אַרבעטערשאַפט. אַלע זענען געווען איבער־צייגט, אַז דער שרעקלעכער שאַנדפלעק מוז אָפּגעוואַשן ווערן מיט בלוט. דער „בונד" איז שטענדיק געווען קעגן טעראָר, וואָס שוואַכט־אָפּ די אַק־טיוויטעט פון די מאַסן און וואַרפט די לאַסט פון קאַמף אויף איינצלנע פּערזאָנען. אָבער אין דעם פאַל האָט זיך די מאַסע אַבסאָלוט נישט גע־רעכנט מיט דער מיינונג פון דער אָרגאַניזאַציע און געטראַכט נאָר וועגן איין זאַך, ווי זיך אָפּצורעכענען מיט פאָן־וואַלן. אַ טעראָריסטישער אַקט האָט געמוזט קומען סטיכיש. פיל אַרבעטער, איינציקווייז און אין גרופּן, האָבן זיך געבראָכן דעם קאָפּ, ווי אויסצופירן דעם אַטענטאַט. מען האָט אָנגעהויבן אויסצושפּירן ווען און ווו פאָן־וואַל פאָרט אַרויס. אַנטקעגן דעם גובערנאַטאָרס הויז איז פאַראַן אַ סעדל, ווו עס זענען געווען בענק אויף

צום זיצן. די פּאָליציי האָט באַמערקט עטלעכע מענטשן, וועלכע זענען צו לאַנג געזעסן אויף די דאָזיקע בענק. מען האָט זיי אַרעסטירט. און אין סעדל איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ פאַרשטאַרקטער פּאָסטן פון פּאָליציי. עטלעכע בענק זענען אינגאַנצן אַוועקגענומען געוואָרן. עס איז אַרויפגעשווומען אַ פּלאַן צו מאַכן דעם אַטענטאַט דעם 6טן מאַי אין קאַטעדראַל, ווו מען ריכט אָפּ די פייערלעכע תפילה צוליב דעם נאָמענטאָג פון ניקאָלאַי דעם צווייטן, און דערביי מוזן זיין אַלע העכערע באַאַמטע מיטן גובערנאַטאָר בראש. צו דער תפילה פלעגן אויך דאַרפן קומען אַלע שילער פון די מיטלשולעס. איינער האָט געזאָלט זיך אָנטאָן ווי אַ גימנאַזיסט און ווי אַזעלכער אומגעשטערט אַריינגיין אין קאַטעדראַל, צוגיין צו פאָן־וואַלן און אים דערשיסן. מען האָט שוין געזוכט קליידער אויף דעם צוועק. אָבער צוליב אומבאַקאַנטע סיבות איז דער דאָזיקער פּלאַן נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן, און דער אַטענטאַט איז פאָרגעקומען כמעט נישט צוגעגרייטערהייט, בעת פאָן־וואַל איז 11 אַזייגער אָוונט אַרויס פון צירק. אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז דאָס געווען טאַקע דעם זעלביקן 6טן מאַי. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער גובערנאַטאָר איז אַרויס באַגלייט פון אַ גרויסער וואַך, האָט דער שוסטער הירש לעקערט צוויי מאָל אויסגעשאָסן אין אים און האָט אים לייכט פאַרווונדעט אין פוס. דער גובערנאַטאָר איז געפאַלן, מען האָט אים גלייך אויפגעהויבן און אָפּגעפירט אַהיים. לעקערטן האָט מען אויפן אָרט אַרעסטירט. מען האָט אים ווילד געשלאָגן און דערנאָך אונטער אַ שטאַרקער שמירה אַוועקגעפירט אין טורמע. אַ געפיל פון באַפרידיקונג האָט זיך אַרויסגעריסן ביי אַלעמען און צוגלייך אַן אַנטוישונג, וואָס דער אַטענטאַט איז געווען נישט קיין געלונגענער. די יידישע בורזשואַזיע האָט געטענהט: „הלמאי אַ ייד?“. בכלל האָט מען אין ווילנע נישט בלויז אין יידישע קרייזן, נאָר אַפילו צווישן דער ביוראָקראַטיע אַזוי פיל גערעדט וועגן די אַלע געשעענישן, אַז פאָן־וואַלס פאַרטרעטער, דער וויצע־גובערנאַטאָר באַליאַסני, האָט געפונען פאַר נייטיק צו שיקן קיין פעטערבורג אַ שטרענג געהיימע דעפּעשע „ווילנע איז אויפגערעגט“. נאָר פעטערבורג בכלל און דער אינערן־מיניסטער פּלעווע בפרט האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר דער אויפרעגונג, און הגם פאָן־וואַלס ווונד איז

געווען אַ לייכטע, איז פּלעווע באַשטאַנען אויף דעם, אַז לעקערטן זאָל מען משפּטן לויט די געזעצן פון קריגסצייט. ווען די טעלעגראַפן־אַגענטור האָט פונאַנדערגעשיקט וועגן דעם אַ קאָמוניקאַט, האָבן אַלע שוין פאַרשטאַנען, אַז דער טויטאורטייל איז אַ פאַרטיקער און דער משפּט איז נאָר אַ קאָמע־דיע. דאָך האָט נאָך געטליעט אַ האָפענונג. אָבער דאָס געריכט האָט אַרויס־געטראָגן אַ קורצן פּסק־דין: טויטשטראָף דורך הענגען. די אַפּעלאַציע איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. דעם 28סטן מאַי אין אָוונט האָט די מיליטערישע מאַכט מיטגעטיילט דעם ראַבינער, ער זאָל זיין גרייט אויף ביינאַכט. דער ראַבינער איז קראַנק געוואָרן, נאָר אָפּזאָגן זיך פון בייזיין ביים אויספירן די טויטשטראָף וואָלט אויסגעטייטשט געוואָרן, ווי אַן אַנטימלוכהשער אַקט. עס האָט זיך געפונען אַ ייד, וועלכער האָט פאַרביטן דעם ראַבינער. אין דער זעלביקער נאַכט זענען צונויפגעצויגן געוואָרן עטלעכע פאָלקן פון היגן גאַרניזאָן אויף די גרויסע מיליטערישע פעלדער אויף שניפּישאָק. דאָרטן איז שוין געווען צוגעגרייט אַ תליה. לעקערטס טויטן קערפּער האָט מען אַריינגעוואָרפן אין אַ גרוב, וואָס איז געווען צוגעגרייט פון פריער* און פאַרשאָטן מיט זאַמד. דאָס פעלד איז געווען פון אַ זאַמדיקן באָדן. אַ פּאָר פאָלקן האָבן דורכגעמאַרשירט איבער דעם אָרט, כדי צו פאַרטרעטן יעדן שפּור פון קבר.

דער רושם פון לעקערטס טויט איז געווען אַ געוואַלדיקער, מענטשן זענען נעכט נישט געשלאָפן. מען דאַרף געדענקען, אַז אין יענער צייט זענען טויטאורטיילן געווען אַ גרויסע זעלטנהייט. די טעלעגראַפן־אַגענ־טור האָט פונאַנדערגעשיקט אַ קאָמוניקאַט, אַז דער טויטאורטייל איז אויס־געפירט געוואָרן און גאַנץ רוסלאַנד האָט זיך וועגן דעם דערוווסט. כמעט גלייכצייטיק איז געמאָלדן געוואָרן, אַז לויטן באַפעל פון צאַר האָט פאָן־וואַל באַקומען אַן אויסצייכענונג און שפּעטער אויך אַ העכערן אַמט. מען קאָן דרייסט זאָגן, אַז די גאַנצע געשיכטע האָט געהערט צו די דערשיי־נונגען, וואָס האָבן שטאַרק מיטגעהאָלפן אויפצובלאָזן די שריפה, וואָס איז אויסגעבראָכן אין 1905.

„אונדזער שטימע", פּאַריז, דעצעמבער, 1952.

* אין דער קורצער צייט, ווען די ראַטנמאַכט איז געווען אין ווילנע, זענען געמאַכט געוואָרן פּרוון צו געפינען דעם קבר, אָבער דאָס האָט זיך נישט איינגעגעבן.

אין צאַרישער תפיסה

די אוקראַינער יידן, באַזונדערס פון יעקאַטערינאָסלאַווער און כער־סאָנער גובערניעס, האָבן אין גרעסטן טייל געשטאַמט פון ליטוויש־ווייס־רוסישע געגנטן. זיי האָבן פון דאָרטן אויסגעוואַנדערט אין אָנהייב פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווען עס זענען אַרומגעגאַנגען גאַנצע לעגענדעס וועגן דער שפע פון אוקראַינע. מיט דער צייט האָט זיך אין די דאָזיקע גובער־ניעס אַנטוויקלט אַ ישוב, וואָס האָט זיך אונטערגעשיידט פון ליטווישן סיי מיטן אופן לעבן, סיי מיטן שפראַך־דיאַלעקט. אין מאַטעריעלן זין האָט זיך די אוקראַינער יידן געלעבט אַ סך בעסער, ווי אין די אָרעמע געגנטן פון ליטע און ווייסרוסלאַנד. די פויערים זענען דאָרט געווען רייכער, זאַ־טער. די שוואַרצע ערד איז געווען אַ מאַמע פאַר אַלע אירע איינוווינער, בתוכם יידן. די לעצטע האָבן זיך פאַרנומען מערסטנטייל מיט מסחר. יידישע האַנטווערקער און אַרבעטער זענען געווען דאָ אין אַ קלענערער צאָל, ווי אין ליטע־ווייסרוסלאַנד.

מיט דעם קאָן מען דערקלערן, פאַרוואָס די רעוואָלוציאָנערע באַווע־גונג אין אוקראַינע אין אָנהייב פונעם יאָרהונדערט איז צווישן יידן געווען קלענער, ווי אין צפון־מערבדיקן קאַנט פון רוסלאַנד.

אָבער אין די עטלעכע יאָרן פאַרן שטורעם פון 1905 האָט מען גע־קאָנט באַמערקן אַן אויפברויז אויך צווישן דער יידישער יוגנט און דער נישט גרויסער צאָל יידישע אַרבעטער אין די אוקראַינער געגנטן.

עס האָבן אינטענסיווער אָנגעהויבן צו אַרבעטן דער „בונד", די פאַר־שיידענע ציוניסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס (סיימאָווצעס, ס.ס. פּועלי ציון א"א). עס זענען אויך געווען יידישע אַנאַרכיסטישע קרייזלעך.

די פאַרשפּרייטער פון די רעוואָלוציאָנערע אידעען זענען ס'רוב גע־ווען יוגנטלעכע, וואָס זענען צוליב די אָדער יענע צוועקן געקומען קיין אוקראַינע. אויך דער שרייבער פון די שורות איז אין 1904 געקומען פון ווילנער געגנט אין דער קרייזשטאָט פּאָווּלאָגראַד (יעקאַטערינאָסלאַווער

גובערניע). אין דער שטאָט איז געווען אַ יידישע מלוכה־שולע. איך האָב באַקומען דעם אַמט פון געהילף־פּאַרוואַלטער אין דער דאָזיקע שולע. דער פאַרוואַלטער איז געווען אַ רוס. אין דער זעלביקער שולע האָט ווי אַ לע־רער שוין געאַרבעט מיינער אַ ביסל אַ יינגערער חבר פון ווילנע. איך מיט מיין יונגן חבר האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן יידישע ליטעראַטור, די ווילנער „פאָלקס־צייטונג", ביי 15־20 עקזעמפּלאַרן. די „מאַסע" איז באַ־שטאַנען פון עטלעכע שניידער־געזעלן, אַ פּאָר אָנגעשטעלטע, סטודענטן און סתם יוגנטלעכע, וואָס האָבן געהאַט סענטימענטן פאַר יידיש און יידי־שע ביכער. מיר האָבן אַפילו אַרויסגעלאָזן אַ מין פּראָקלאַמאַציע (אין רו־סיש) אין נאָמען פון „בונד". איינער פון אונדזערע טוער און צייטונגס־פאַרשפּרייטער איז געווען דער פּאָעט מ. באַסין.

אין די יאָרן 1906־1907 האָב איך באַקומען אַ „באַשטימונג" צו ווערן געהילף־פּאַרוואַלטער פון דער יידישער רעגירונגס־שולע אין יעקאַטערי־נאָסלאַוו. איך בין אָבער געווען גלייכצייטיק אַ סטודענט פון יורידישן פאַ־קולטעט אין כאַרקאָווער אוניווערסיטעט. אין אָקטאָבער 1906 איז קיין יעקאַטערינאָסלאַוו גערופן געוואָרן אַ ראַיאָן־קאָנפערענץ פון „בונד". מען האָט מיר מיטגעטיילט, אַז איך וועל פאַרבעטן ווי אַ גאַסט אויף דער דאָ־זיקער קאָנפערענץ.

איך גיי אַוועק לויטן אָנגעוויזענעם אַדרעס. איך צי עטלעכע מאָל ביים גלעקל, מען עפנט נישט. איך צי שטאַרקער און שטאַרקער. ערשט די טיר דערלאַנגט זיך אַ האַסטיקן פּראַל. אַ גאַראַדאָוואָי מיט אַ זשאַנדאַר דערשיינען פאַר מיר מיט געצילטע רעוואָלווערן אין די הענט און שרייען אויס: „רוקי וו'וויערך!". זיי שטויסן מיך אַריין אינעווייניק. דאָרטן זע־נען געווען עטלעכע פּאָליצייאישע אָפיצירן מיט אויסשפּירער און אַנדערע אָכראַניקעס. זיי האָבן געמאַכט אין שטוב אַן איבערקערעניש, געזוכט, גע־נישטערט, געעפנט אַפילו דעם דיל. אין אַ זייט זענען געשטאַנען ביי אַ זיבן־אַכט „דעלעגאַטן" פון פאַרשיידענע פּראָווינציעלע אָרגאַניזאַציעס. צווישן זיי אויך דער ראש פון דער קאָנפערענץ נחמיה*, אַ רואיקער, אַן

* זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען פּיכמאַן. געשטאַמט האָט ער פון דרום־רוסלאַנד.

אַנטשלאָסענער. די גרופּע איז געווען באַוואַכט פֿון פּאָליציייליט מיט אַנטבלויזטע שווערדן. צוויי „שפּיקעס" האָבן גענומען אויסקערן מײַנע קעשענעס, צונעמענדיק אַלץ, וואָס דאָרטן איז געווען. ווען זיי האָבן געזען, אַז קיין געווער האָבן מיר נישט, האָט מען אונדז געהייסן אַראָפּלאָזן די הענט. אויפֿן אָרט האָט מען יעדן אויסגעפֿרעגט דעם אַדרעס, באַשעפֿטיקונג און צוליב וואָס מיר זענען געקומען אַהער. איך האָב געזאָגט, אַז איך בין געקומען זוכן אַ צימער לויט אַ „באַקלייקע" (אויסגעהאַנגענעם צעטל בײַם אַרײַנגאַנג פֿון גאַס).

ווי מען האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן, האָבן שכנים פֿון אַרום, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער גאַס, געוווּנקען צו מיר און געמאַכט צייכנס, אַז איך זאָל נישט ציען דאָס גלעקל. איך האָב עס אָבער נישט באַמערקט. אַ טייל דעלעגאַטן האָבן טאַקע אויסגעמיטן דעם אַרעסט צוליב די סיגנאַלן פֿון די שכנים.

די אויספֿאָרשונג האָט געדויערט ביז אָוונט. ס'איז אַרויסגערופֿן געוואָרן אַ שטאַרקע שמירה, כּדי אָפּצופֿירן אונדזער גרופּע אין אַרעסטהויז. אין דרויסן זענען מיר אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון אַ פּאָר צענדליק באַוואָפֿנטע קאָזאַקן און פּאָליציאַנטן מיט אויסגעשטעלטע ביקסן. ס'איז געווען אַ קאַלטלעכער האַרבסט־אָוונט. מען האָט אונדז אַרײַנגעלאָזט מיט עטלעכע סטוסאַקעס אין די רוקנס אין אַ קאַלטער קאַמער מיט אַ צעמענטענעם דיל. ס'זענען געווען נאָר עטלעכע טאַבורעטן. אַפֿילו די „באַרימטע" פּאַראַשע (צעבער אויף באַדערפֿענישן) איז נישט געווען. מען האָט געדאַרפֿט אָנקומען צום וואַכמאַן, ער זאָל אַרויסלאָזן אין קאָרידאָר. דער וואַכמאַן איז נישט געווען צו העלפֿן און האָט די בקשות אָפּגעפֿטרט מיט

פֿון קעשענעוו אָדער אומעגעגנט. ער האָט געהאַט אַן עכט־יידיש אויסזען, אַ טונקעלער, מיט גרויסע שוואַרצע ברענענדיקע אויגן. נחמיה איז געוואָרן באַשטימט דורכן צ.ק. פֿון „בונד" צו פֿירן די אַרבעט אין יעקאַטערינאָסלאַווער ראַיאָן. ער האָט געהאַט אַלע אייגנשאַפֿטן פֿון אַ פּאַראַגנטוואָרטלעכן טוער פֿאַר אַן אונטערערדישער באַוועגונג. אינטעליגענט, באַלייענט, אַ גוטער רעדנער, גערעדט אַ גוטן יידיש, הגם אָפֿט האָט מען אין דעם ראַיאָן געמוזט באַנוצן רוסיש, ווייל די אומגאַנגשפּראַך פֿון יונגן דור, אַפֿילו אַרבעטער, איז געווען רוסיש.

דער „מאמען אריין". א גאנצע נאכט האבן מיר פארבראכט אין קעלט. וועגן שלאפן האט קיין רייד נישט געקאנט זיין.

אבער נחמיה האט פאר אונדז אנטוויקלט דאס, וואס ער האט גע־דארפט זאגן אויף דער קאנפערענץ. מען דארף זיך נישט אפשרעקן פאר דער רעאקציע. מען מוז איבערהאלטן און אויסהאלטן. דער „בונד" דארף זען אריינצונעמען יידישע ארבעטער, וואס האבן ספעציעלע קולטורעלע און נאציאנאלע נויטן. די ארעסטירטע ווייסן נישט, פארשטייט זיך, וואס זיי דערווארט. אפשר לאנגע יארן תפיסה און פארשיקונג. דארף מען אויס־ניצן די צייט אויף צו פארפולקאמען זיך אין וויסן.

אין דער קורצער צייט, וואס מיר זענען געווען צוזאמען, האט זיך נחמיה ארויסגעוויזן נישט נאר ווי אן ערשטקלאסיקער פאליטישער טוער, נאר אויך ווי א גוטער און געטרייער חבר. ער האט זיך באמיט, אז אונ־דזער גרופע זאל זיך האלטן צוזאמען. ער איז געווען דער עלטסטער צווישן אונדז, הגם נישט מער ווי א יאר 26־28.

נאך אין דער זעלביקער נאכט האט מען אונדז מיט א פארשטארקטער שמירה אריבערגעפירט אין דער הויפט־גובערניאלער תפיסה. פארן אריינ־גיין אהין האט מען אונדז נאכאמאל „באטאפט", אבער שוין נישט גע־שטויסן און נישט „געבענטשט" מיט דער מאמען. הייסט עס, אז מען האט אונדז שוין גענומען ערנסט. מען האט אונדז אריינגעפירט אין א גרויסער אלגעמיינער קאמער, ווו ס'זענען געווען עטלעכע הונדערט ארעסטאנטן, דער גרעסטער טייל קרימינעלע פארברעכער, אבער אויך א היפשע צאל „פאליטישע".

אונדזער גרופע האט זיך געוואלט איינפלאצירן אויף בארעס איינער לעבן די אנדערע. דאס האט זיך אבער נישט איינגעגעבן. איין שכן מיי־נער איז געווען א קרימינעלער, דער אנדערער א „פאליטישער", א פאליאק.

די ארעסטירטע פאליאקן זענען געבראכט געווארן פון אלעקסאנ־דראווסק, א גרויסער באן־קנופ אויפן וועג קיין קרים. דער גרעסטער טייל זענען געווען מיטליעריקע מענטשן. ארבעטנדיק אין די באן־ווארשטאטן, האבן זיי אין אקטאבער 1905 געשטרייקט. עמיצער פון זיי האט אפשר געהאלטן א רויטע פאן, אדער אין אלגעמיינעם ענטוזיאזם געשריען „דא־

לאַי סאַמאָדיערזשאַוויע״. אָבער איצט האָבן זיי קענטיק חרטה אויפֿן גאַנצן עסק. מײַן שכן האָט מיר געזאָגט: „וואָס ווילט איר פֿון אונדז? מיר האָבן גוט פֿאַרדינט, מיר ווילן נישט אַרײַנגעצויגן ווערן אין דער רעוואָלוציע״. אויך די איבעריקע פֿון זיי האָבן געזאָגט דאָס זעלביקע. מען האָט זיי טאַקע אין אַ פּאָר וואָכן אַרום באַפֿרײַט.

מײַן שכן פֿון רעכטס, דער קרימינעלער, האָט זיך דאַקעגן געהאַלטן פֿאַר אַ רעוואָלוציאָנער. ער האָט געטאַדלט דעם קיסר און די מיניסטאָרן, מען דאַרף זיי אַלעמען צעשיסן. זיי פּײַניקן דאָס אָרעמע פֿאָלק און שיטן זיך אָן מיט גאָלד.

בכלל האָבן די קרימינעלע געוואָלט זײַן אויף איין שטופּע מיט די פּאָליטישע. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט מײַן שכן אַרויסצונעמען בײַ מיר אַ פֿאַרנייטן אין רעקל 5 רובל גאָלדשטיק. דאָס רעקל האָב איך געהאַלטן צוקאָפּנס. און דאָך איז דאָס גאָלדשטיקל פֿאַרשווּנדן. מײַן שכן האָט געמוזט זײַן אַ גרויסער ספּעציאַליסט אין קעשענע־ענינים. אַרויסנעמען פֿון אונטערן קאָפּ מײַן רעקל און פֿון רעקל די מטבע, צוריק פֿאַרנייען און צוריקלייגן אויף אַן אָרט און איך זאָל גאָרנישט פֿילן און באַמערקן. ביז הײַנט קען איך נישט באַגרײַפֿן, ווי פֿאַכמעניש־קינסטלעריש ער האָט דאָס געמאַכט.

די לופֿט אין קאַמער איז געווען געדיכט, „מיט אַ מעסער צו שנײַדן״, מען האָט אַרויסגעלאָזן אויף באַדערפֿעניש איין מאָל אַ טאָג אין דער פֿרי. אין משך פֿון טאָג און נאַכט האָט מען זיך געדאַרפֿט באַנוצן מיט דער „פּאַראַשע״ פֿאַר אַלעמען אין די אויגן.

שוין פֿון די ערשטע טעג זענען מיר באַפֿאַלן געוואָרן פֿון אומפּלייט. איין מאָל אין וואָך האָט מען די אַרעסטאַנטן געפֿירט אין דער טורמע־באָד. דאָס איז געווען אַ יום־טוב, ווײַל כאָטש אויף אַ ווײַלע האָט מען זיך געקענט באַפֿרײַען פֿון שמוץ און אומפּלייט.

דאָס עסן איז באַשטאַנען פֿון אַ שטיקל ראַזאָווע ברויט מיט הייס וואַסער אין דער פֿרי און פֿאַרנאַכט... אין מיטאָג־זופּ פֿלעגן אַרומשווימען צעהאַקטע קרויטבלעטער, בוריקעס, ברוקווע און קאַרטאָפֿל. אַמאָל זענען געווען צוגעמישט פּערלגרויפּן, און אַ פּאָר מאָל אין וואָך זענען געשווומען

שטיקלעך פון אַ צעהאַקטן אַקסענעם קאָפּ. די „באַלאַנדע״ (די זופּ) איז פונאַנדערגעגאָסן געוואָרן אין גרויסע בלעכענע שיסלען, אומגעפער פאַר צען מענטשן יעדערע. די אַרעסטאַנטן האָבן געפּרוווט מיט די לעפל גרייכן דעם דעק, האָפנדיק אַרויסצוכאַפּן אַ קאַרטאָפל, אַ גרויפּ, אַ ביין. נישט זעלטן האָט מען אַרויסגעכאַפּט אַ קיעש אויג. איך האָב זיך בשום אופן נישט געקענט צוגעוווינען צו די שותּפותדיקע שיסלען, אין וועלכע צענדליק מענטשן האָבן געמישט די „באַלאַנדע״ און גיריק געשטופּט דאָס לעפל אין מויל און צוריק אין שיסל... אַ 3־4 טעג האָב איך גאָרנישט געקענט טועם זיין.

ביז נחמיה האָט געמאָלדן דעם עלטסטן פון די אַרעסטאַנטן און יענער דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט פאַראָרדנט פאַר מיר אַ באַזונדערע דיעטע פון קיך, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ געהאַקטן קאָטלעט (מער ברויט ווי פלייש אין אים) מיט גריקענער קאַשע. ער האָט אויך פאַראָרדנט אַ גלאָז „קיפּיאַטאָק״ (זודיק וואַסער) מיט אַ שטיקל צוקער אַנשטאָט דער זופּ. אָבער פון דער „באַלאַנדע״ בין איך פּטור געוואָרן.

אין צווישן האָט אין תּפיסה פּאַסירט אַ זאַך, וואָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע אַדמיניסטראַציע און אַלע אַרעסטירטע. ומעשה שהיה כך היה: אין שכנות מיט דעם תּפיסה־הויף איז געווען אַ בראָנפן דעסטיליר־פאַבריק, וועלכע האָט געהערט צום אַקציז־אַמט. דאָרט האָבן געאַרבעט עטלעכע הונדערט מענטשן, צווישן זיי אַ גרויסע צאָל פרויען. איין געביידע פון דער פאַבריק, אַן איין־עטאַזשיקער מויער, איז געשטאַנען האַרט ביי דער טורמע־וואַנט און געהאַט אַ בערך פלאַכן דאַך. די אַרעסטאַנטן האָט מען אַלע אין דער פרי גרופּעווייז אַרויסגעלאָזן אויף 20־30 מינוט שפּאַציר, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן טורמע־הויף אין שכנות מיטן דערמאָנטן „זאַוואָד״. פון אַ געוויסן פּונקט האָט מען געקאָנט זען דעם הויף פונעם זאַוואָד.

די טורמע איז געווען איבערבאַפעלקערט, מחמת די רעגירונג האָט געוואָלט נאָך איר טריאומף איבער דער רעוואָלוציע זיך אָפּרעכענען מיט די אַלע, וואָס האָבן אַנטיילגענומען אין די שטרייקן; מען האָט אַרעסטירט אויף רעכטס און אויף לינקס. ביי אַזאַ איבערבאַפעלקערונג אין די תּפיסות

האָט די אַדמיניסטראַציע פאַרקוקט אַ סך זאַכן און די שומרים האָבן נישט אַלץ געקאָנט באַמערקן און אויפפּאַסן. דערווייל האָבן זיך איינגעשטעלט באַציאונגען צווישן די אַרעסטאַנטן מיט די אַרבעטער פון דער רעקטיפי־קאַציע. ווי אַזוי די באַציאונגען האָבן זיך אָנגעהויבן, געדענק איך נישט, מעגלעך דורך די, וואָס מען האָט אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי.

גייענדיק אויף „שפּאַציר" פלעגן די מער דרייסטע אַרעסטאַנטן מיט־נעמען פּעקלעך בריוו, וואָס די „פּאָסט־טרעגער", מערסטנטייל קרימינע־לע, פלעגן צונויפזאַמלען בעתן ראַמען די קאַמערן, קאָרידאָרן און אַנדערע געבראויך־ערטער... די דאָזיקע אומלעגאַלע בריוו, וואָס די „בריוו־טרעגער" האָבן אויפגעקליבן אין די קאַמערן, פלעגט מען אַריבערוואַרפן איבערן פּאַרקאַן אויפן הויף פון דער בראָנפן־דעסטילאַציע און די פרויען־אַרבע־טערינס פלעגן עס שוין באַזאָרגן אויף פּאָסט. אויפן זעלביקן אופן זענען אָנגעקומען צו אונדז בריוו פון דרויסן נישט צענזורירטע.

מיט דער צייט האָט די „דאַך־פּאָסט" אָנגענומען אַ גראַנדיעזן פאַר־נעם. מען פלעגט פון דרויסן איבערוואַרפן גאַנצע פּעקלעך, אין וועלכע עס פלעגן זיך געפינען שפּייז־אַרטיקלען, פלעשער בראָנפן, סיי פאַר די אַרעס־טאַנטן סיי פאַר די שומרים („ווייך" צו מאַכן זייערע הערצער) און אויך... פאַרשיידענע זעגעלעך אויף איבערצושניידן די פענצטער־קראַטעס און קליינע גראַב־מכשירים. געגראָבן האָט מען נאָר ביינאַכט, עפּענענדיק אַ פּאָר פּאָדלאָגע־ברעטער פון אונטער די נאַרעס; די ערד אָדער זאַמד האָט מען באַהאַלטן אונטער די נאַרעס אָדער צוקאָפּנס. בעת די שפּאַצירן האָט מען עס שפּעטער צעשאָטן אומבאַמערקטערהייט איבערן טורמע־הויף אָדער אין די ערטער, וווּ עס זענען געווען געלייגט בוי־מאַטעריאַלן פאַר די טורמע־רעמאָנטן. מען האָט אויך אויסגענוצט די קעשענעס פון אַרעסטאַנטן, וועלכע מען פלעגט פירן אויף אַרבעט אויסער די תפיסה־ווענט. זיי, די אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין דרויסן, איז געווען לייכט צו „באַ־שטאַטן דעם חמץ" פון די אונטערגראָבונגען.

די אייזערנע שטאַכעטן האָבן געדאַרפט אונטערגעזעגט ווערן, ווען קיינער האָט נישט געזען; מען האָט געמאַכט געהיימע אָנקעטעס, ווער עס וויל אַנטלויפן. אין דער ערשטער ריי האָט מען אַריינגענומען אַזעל־

כע, וואָס האָבן באַקומען טויטשטראָף אָדער וועמען אַזוינס האָט געדראָט.

איך געדענק איינעם אַזאַ. ער איז געווען פאַרמישט אין אַ מאָרד פון אַ באַאַמטן, אפשר אויך אין אַן עקספּראָפּריאַציע, וואָס איז דעמאָלט געווען זייער שטאַרק פאַרשפּרייט. זיין נאָמען איז געווען סקאַטשענקאָ־פּעט־רענקאָ.

סקאַטשענקאָ איז געווען לויט זיין וווקס און קאָמפּלעקציע אַ ריז. אַפילו די טורמע־וועכטער האָבן פאַר אים געהאַט אַביסל מורא. אויף וועמען און ווו ער לייגט אַרויף אַ האַנט „וואַקסט שוין דאָרטן נישט קיין גראָז". איך בין געווען אַן עדות פון אַזאַ סצענע, בעת דעם אָפיציעלן „שפּאַציר" פון די אַרעסטאַנטן.

אַ טורמע־שומר האָט זיך פאַרוואָלט אַרויסצוכאַפּן אַ פּעקל, וואָס אַ שפּאַצירנדיקער אַרעסטאַנט האָט געוואָלט איבערוואַרפן אויף יענער זייט וואַנט אין בראָנפן־זאַוואָד. סקאַטשענקאָ האָט עס דערזען און גלייך אַ שפּרונג געטאָן צום שומר, אַ שליידער געטאָן אים ווי אַ פּילקע אויף דער ערד און אַריבערגעוואָרפן דאָס פּעקל איבער דער טורמע־וואַנט אין בראָנפן־זאַוואָד. דעם שומר האָט נישט געפּאַסט צו דערציילן זיין „נאַטשאַלסטווע", אַז אַן אַרעסטאַנט האָט אים „באַזיגט" און ער האָט געמאַכט אַ שווייג.

שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען פריי, האָב איך זיך דערוווסט, אַז סקאַטשענקאָן האָט מען אין טורמע אויפגעהאַנגען. געוויס האָט דער דרייסטער ריז זיך נישט געלאָזט לייכט בינדן און גיין צו דער תליה...

כ'דערמאָן זיך נישט גענוי, ווי אַזוי איז די פאַרשווערונג וועגן אַנטלויפן אַנדעקט געוואָרן. אין איין קאַמער זענען די קראַטעס אונטערגעזעגט געוואָרן. אין פּלאַן איז געווען פאָראויסגעזען, אַז אַ גרופּע אַרעסטאַנטן זאָלן זיך וואַרפן אויף די עטלעכע שומרים, אַנטוואָפענען זיי, בינדן, צונעמען די שליסלען און עפענען די אַרויסגאַנג־טירן.

אין אַ פריאיקער שעה זענען מיטאַמאָל אָנגעקומען אַ מחנה פּאָליציי־לייט, קאָזאַקן, זשאַנדאַרמען און מיט אימפּעט זיך אַריינגעריסן אין די גרעסערע אַלגעמיינע קאַמערן. די אַרעסטאַנטן זענען אַרומגערינגלט געוואָרן, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעוויזיע איבער די נאַרעס און זאַכן. ס'איז נאַטירלעך אַנטדעקט געוואָרן די אונטערגראָבונג און עס איז

געפֿונען געוואָרן געווער מיט פֿאַרשיידענע ברעך־ און עפֿן־מכשירים. די, ביי וועמען מען האָט געפֿונען די „טרייפֿענע זאַכן", האָט מען געזעצט אין קאַרצער. די פֿאַרדעכטיקטע אין אָנפֿירערשאַפֿט פֿון „בונט" האָט מען אי־בערגעפֿירט אין אַ ספּעציעלן טורמע־קאָרפּוס.

די געשעעניש האָט אויפֿגערודערט די גאַנצע תּפֿיסה־באַפֿעלקערונג. באַזונדערס, פֿאַרשטייט זיך, די „סמיערטניקעס" (די צום טויט פֿאַרמשפּטע) און די, וועלכע האָבן געהאַט אָפּצוזיצן לאַנגע תּפֿיסה־ און קאַטאָרגע־טערמינען.

די טורמע־אַדמיניסטראַציע האָט געמאַכט אויך אַ סוף צו דער „פּאָסט" דורך דעם בראַנפֿן־זאַוואָד; דאָס האָט אָפּגעשניטן די טורמע־באַפֿעלקערונג פֿון דער אויסערלעכער וועלט. אויך אין שטאָט זענען פֿאָרגעקומען אַ גרעסערע צאָל אַרעסטן.

מיך האָט מען אַוועקגעשיקט אין אַן איינצל קאַמער. נאָר היות ווי עס זענען געווען צו ווייניק אַזעלכע קאַמערן — זענען אין יעדער איינצל קאַמער געזעסן צוויי אַרעסטאַנטן.

אין דער קאַמער, וווּ מען האָט מיך געבראַכט, איז שוין געזעסן אַ העכערער באַן־באַאַמטער, אַן אינזשיניער, דער שעף פֿון די באַן־וואַר־שטאַטן אין אַלעקסאַנדראָווסק. ער איז געווען אַ פּאָליאַק. מען האָט אים באַשולדיקט, אַז ער האָט אין זיין האַלטונג בנוגע די אַרבעטער דערמו־טיקט דעם אַלגעמיינעם באַן־שטרייק (אין אָקטאָבער 1905). ער איז גע־ווען אָפּאָזיציאָנעל געשטימט צו דער צאַרישער מאַכט. פּאָליטיש — אַ זייער מעסיקער ליבעראַל; געשטאַמט פֿון פּריצים. ער האָט זיך באַצויגן צו מיר זייער קאָרעקט. די באַן־אינזשיניערן האָבן באַקומען גרויסע גע־האַלטן. פֿון שטאָט האָט אים זיין פֿרוי און קרובים געשיקט פֿון כּל טוב: פּאַשטעטן פֿון קוראָפּאַטווע־פֿלייש, די טייערסטע קעזן און פֿליישן. ער פֿלעגט עס אויך מיר פֿאָרלייגן. איך אָבער האָב נאָך געהאַט די פֿאַרבע־סערטע טורמע־דיעטע; באַקומען צו מיטאָג אַ קאָטלעט מיט אַ טעלער פֿערלגרויפּן, און האָב נאָר פֿון קאָרעקטקייט וועגן פֿאַרזוכט פֿון זיינע מאכלים.

דאָס זיין אין אַ באַזונדער קעמערל האָט געהאַט נעגאַטיווע און פּאָ־

זיטיווע זייטן. זייענדיק זאַלבעןאַנד מיט אַ קולטורעלן שכן, האָבן מיר געקאָנט אָנהאַלטן אַ מינימאַלן היגיענישן סטאַנדאַרט. מיר האָבן כמעט ווי נישט געהאַט קיין אומפּלייט, די פּלאָג פון די רוסישע טורמעס; מיר האָבן נישט געדאַרפט מורא האָבן פאַר די פאַרשיידענע קרימינעלע טיפּן, וואָס האָבן געגנבעט יעדע זאַך, וואָס אַ שטאַטישער אַרעסטאַנט האָט ביי זיך געהאַט, און וואָס האָבן געקאָנט אָפּטאָן מיאוסע שפּיצלעך די פּאָליטישע. אָבער דאָס שטענדיקע זיין אויג אויף אויג מיט אַ פרעמדן מענטשן אין דעם בוכשטעבלעך ד׳ על ד׳ אמות מענטשלעכן שטייג, האָט פּסיכיש גע־דריקט און געפירט צו שווערע שטימונגען. איין מאָל האָב איך זיך דער־פילט אין אַ שטימונג פון טיפער דעפּרעסיע. ס׳האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך וועל דאָ בלייבן אַלע מאָל, אַז איך וועל קיינמאָל נישט זען מיינע נאָענטע, אַז איך פאַרשפּיל מיינע יונגע יאָרן. כ׳האָב געפילט, אַז כ׳פאַר־ליר מיין פאַרשטאַנד. איך האָב אָנגעהויבן צו שפּרייזן נערוועז איבער דעם שטח פון דריי טריט. מיין שכן האָט באַמערקט מיין אויפגערעגטן צו־שטאַנד, האָט מיך אָנגערופן ביים נאָמען און זיך באַמיט מיך צו באַרו־איקן. איך דערמאָן מיט דאַנקבאַרקייט זיינע פּשוטע אָבער לאָגישע רייד, וואָס האָבן מיך געצוווּנגען דאַן „אַריינצוגיין צוריק אין מיינע כלים״.

רייניקן גרינדלעך די קאָרידאָרן, בתוכם אונדזער קאַמער, פלעגן קו־מען קרימינעלע. כ׳דערמאָן זיך איינעם, בערך אַ 30־יעריקן, וואָס פלעגט אַריינקומען ראַמען אונדזער קאַמער. נאָך די געוויינלעכע פראַגעס. ווי לאַנג ער איז דאָ אין תפיסה, פון וואַנען ער איז אד״גל איז אַרויסגעשווו־מען די אומפאַרמיידלעכע פראַגע, פאַרוואָס איז ער פון די פרייע אוקראַ־אינישע פעלדער מגולגל געוואָרן אין תפיסה.

האָט ער דערציילט אָפנהאַרציק, אָן קיין שום סימן פון באַדויערן אָדער חרטה, די געשיכטע פון זיין פאַרברעכן. ער מיט אַנדערע האָבן גע־אַרבעט ביי אַ גוטבאַזיצער. דער לעצטער האָט זיי עפּעס פאַרגעוואָרפן. „מיר האָבן עס נישט געוואָלט הערן, האָבן מיר אים אַ כאַפּ געטאָן פון הינטערוויל, אַרויפגעוואָרפן אַ שטריק אויפן האַלדז און אים אויפגע־האַנגען אויף אַ דערבייאיקן בוים״. איך און מיין שכן האָבן געשטויגט צו

הערן פון אַ נאָרמאַלן מענטשן זיין רואיקע דערציילונג וועגן דעם קאַלט־בלוטיקן מאָרד.

איך האָב געטראַכט דערבײַ מיין יידישע טראַכטונג, ווי גרינג עס קענען דעמאַגאָגן־אַנטיסעמיטן אָנרייצן אויף יידן אָט די פּרימיטיווע פּויערים, ביי וועמען אַ מענטשלעך לעבן שפּילט נישט קיין שום ראָל און איז ווייניקער ווערט, ווי דאָס לעבן פון אַן עוף...

בעת די דעמאָלטיקע פּאָגראָמען (אָקטאָבער 1905) זענען פאָרגעקומען פּאַלן, ווען פּאָגראָמשטשיקעס האָבן געוואָרפן יידישע רעוואָלוציאָנערן לעבעדיקערהייט אין די אָנגעגליטע שמעלצאויוונס אין יוזעפקע, קאַטערינאָסלאַווער גובערניע.

איך האָב זיך אָנגעהערט פון די קרימינעלע זייער אַ סך מעשיות פון זייערע פאַרברעכנס. זיי האָבן עס דערציילט גאַנץ גערן, אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ טייל פון זייער לעבנשטייגער. דערביי איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די מערסטע פאַרברעכנס זענען באַגאַנגען געוואָרן אין אַ שיכורן צושטאַנד.

כ׳דערמאָן מיך נישט, אַז אין דער קאַטערינאָסלאַווער טורמע זאָלן זיין יידישע קרימינעלע פאַרברעכער. אויף איינעם האָבן מיר יאָ געהאַט אַ פאַרדאַכט פון אַ גנבה, אָבער „נאַסע" אַרבעט האָבן יידן אין רוסלאַנד קיינמאָל נישט געטאָן. עס זענען נישט געווען קיין יידישע גזלנים, מערדער. דאָס איז געווען די „פּריווילעגיע" פון גויים...

אין יענע צייטן זענען רעוואָלוציאָנערע שטימונגען געווען פאַרשפּרייט צווישן די ברייטסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. און אויך די קרימינעלע האָבן געפּרוווט שפּילן אויף די דאָזיקע סטרונעס. זיי האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די רייד פון די פּאָליטישע, אָבער זיי האָבן עס געפּרוווט אויסנוצן פאַר זייער טובה וועגן, אַז זיי זענען קרבנות פון סאָציאַלן אומיושר, און די פאַרברעכנס זייערע זענען אַ פּועל־יוצא פון דער אומגלייכהייט...

אין אַ סך פּרטים זענען די קרימינעלע געווען ראַדיקאַלער פון די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. דער פּאָליטישער טעראָר לגבי די הויכע באַאַמטע און באַזונדערס לגבי די נידעריקע פּאָליציייט איז געווען נאָענט זייער מענטאַליטעט פון... רציחה,

די קרימינעלע, וואָס פלעגן גיין אין שטאָט אויף פאַרשיידענע אַר־בעטן, האָבן גערן גענומען ביי אונדז בריוו־צעטעלעך, און פלעגן געשיקט אַריינוואָרפן זיי אין די פּאָסט־קעסטלעך פאַר די אויגן פון די שומרים, וועלכע האָבן זיי באַגלייט. די צעטעלעך מיט די אַדרעסן פלעגן זיי אונ־טערוואָרפן מערסטנטייל פאַרבייגייענדיקע אַרבעטער־פרויען מיט אַ ווונק, אַז דאָס דאַרף באַזאָרגט און איבערגעשיקט ווערן.

עס איז געווען די צייט, ווען דאָס וווּנדערלעכע בוך פון אַרעסטאַנטן־לעבן אויף קאַטאָרגע „אין דער וועלט פון אָפּגעוואָרפענע" פון דעם דיכ־טער ל. מעלשין, באַקאַנט אונטערן נאָמען פּ. יאַ. — פּ. יאַקובאָוויטש — האָט באַהערשט די מוחות פון דער פּאָלקס־אינטעליגענץ און דאָס געפיל פון סימפּאַטיע צו די קאַטאָרזשניקעס און אַרעסטירטע פּאָליטישע און ניט נאָר פּאָליטישע איז געווען זייער שטאַרק. כמעט אַלע צעטעלעך זענען אָנ־געקומען אין די הענט פון די אַדרעסאַטן.

די גובערניאַלע תפיסה איז געווען געפּאַקט. אַ טייל אַרעסטאַנטן האָט מען אַריבערגעפירט אין באַראַקן מיט אַרומגעצוימטע שטעכיקע דראָטן. דאָ האָט שוין נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן איינצלנע קאַ־מערן. אויך די שמירה איז נישט געווען אַזאַ שטרענגע. זעאונגען האָט מען צוגעלאָזט טעגלעך. נישט ווייט פון אַריינגאַנג זענען געשטאַנען לאַנ־גע טישן. די באַזוכער פון דער פריי זענען געשטאַנען ביי איין זייט, און די אַרעסטאַנטן פון דער אַנדער זייט, אַזוי, אַז מען האָט זיך געזען און גע־רעדט פנים אל פנים, נישט דורך טאָפּלטע קראַטעס און דראָטענע נעצן, ווי דאָס איז געווען אין דער הויפּט־תפיסה. עס האָט געטראָפן, אַז אַרעס־טאַנטן, וואָס האָבן געוואָלט מאַכן פליטה פון תפיסה, האָבן זיך ביי אַ גינסטיקן מאָמענט אויסגעמישט מיט די באַזוכער און זענען אַרויס מיט זיי צוזאַמען פאַר די אויגן פון דער וואַך. מען האָט געבראַכט אין די באַ־ראַקן פון דרויסן כלערליי שפייזן, כמעט אָן קיין שום קאָנטראָל.

צו מיר איז געקומען פון אָדעס מיין צוקונפטיקע פרוי, אַ סטודענטין אויפן היסטאָרישן פאַקולטעט, כדי עפּעס צו טאָן פאַר מיין באַפרייאונג. זי פלעגט באַזוכן די באַראַקן כמעט אַלע טאָג. זי האָט אָפּגערעדט אין אָדעס מיט דעם באַוווּסטן אַדוואָקאַט, פאַרטיידיקער פון פּאָליטישע אַרעס־

טאַנטן, צווילינג, אַז ער וועט איבערנעמען מיין ענין. צו דעם איז אָבער נישט געקומען. עס האָט זיך ·אונטערגערוקט די דאַטע פון 6טן דעצעמבער, דער נאָמענטאָג פון (הייליקן) ניקאָלאַי, וואָס איז אַלעמאָל געפייערט גע־וואָרן ווי אַ מלוכה־יום־טוב פאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן. די רעגירונג האָט געוואָלט פאַרצייכענען דעם טאָג מיט דעם קיסרס „חסדים", און צווישן אַנדערע, איז די גרופּע, וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן אויף דער בונדישער קרייז־קאָנפערענץ, אַמנעסטירט געוואָרן.

מיר האָבן זיך וועגן דעם דערוווּסט פון די צייטונגען, ווו עס זענען געווען אויסגערעכנט אונדזערע נעמען. פאַרשטייט זיך, אַז צווישן די אַמ־נעסטירטע איז געווען ששון ושמחה. מען האָט זיך געקושט, געזונגען, גע־טאַנצט. אין זעלביקן טאָג האָט מען אונדז גערופן אין דער קאַנצעלאַריע פון דער גובערניאַלער טורמע, אַרויסגעגעבן ·אונדז די זאַכן, וואָס מען האָט ביים אַרעסט צוגענומען, און געהייסן גיין וווּהין יעדער וויל.

די יוירנדיקע שטימונג פון פולשטענדיקער פרייהייט שטילט זיך ביס־לעכווייז איין און מען גייט אַריין אין די ראַמען פון לעבן. אין מיין צי־מער האָב איך געפונען אַלע מיינע זאַכן איבערגעקערט פון די הויז־זוכונ־גען, וואָס זענען דאָרט פאָרגעקומען, אָבער עס האָט קיין זאַך נישט גע־פעלט . . .

ווען איך בין געקומען אין דער שולע צוריק צו דער אַרבעט, האָט מיר דער דירעקטאָר געוויזן אַן אָפיציעל פּאַפּיר פון דעם גובערניאַלן שעף פאַרן שולוועזן קאַלאַבאַנאָווסקי, אַז ווייטער אַרבעטן אין דער שולע טאָר איך נישט.

קאַלאַבאַנאָווסקיס פרוי איז געווען די גובערניאַלע פאָרזיצערין פון דער שוואַרץ־מאַהדיקער פּאָגראָם־אָרגאַניזאַציע „סאָיוז רוסקאָוואָ נאַראָ־דאַ", וועמעס גרויסער פריינד און שטיצער איז געווען דער קיסר ניקאָלאַי דער צווייטער אַליין. קאַלאַבאַנאָווסקי ווי אַ הויכער רעגירונגס־פונקציאָ־נאַר האָט נישט געטאָרט אָפיציעל געהערן צו וועלכער עס איז פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, אָבער אויך ער איז געווען אַ „סאָיוזניק" בלב ונפש. ער האָט אויך געהאַט אַ פּערזענלעכע סיבה צו זיין אויף מיר אין כעס. ווען עס איז באַפרייט געוואָרן די שטעלע פון אַ געהילף־פּאַרוואַלטער אין דער

יעקאַטערינאָסלאַווער שולע, האָט ער עס מיך באַשטימט אויף דעם פּאָסטן. דאָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ היפּשער פּריווילעגיע. יעדערער האָט גע־וואָלט בעסער אַרבעטן אין אַ גרויסער שטאָט איידער אין אַ פּראָווינציעל קרייז־שטעטל. אויף אַ שטעלע אין אַ גרויסער שטאָט האָבן געוואַרט און אויסגעקוקט אַ גרויסע צאָל קאַנדידאַטן. און מיטאַמאָל אַזאַ אַנטוישונג. זיין קאַנדידאַט האָט זיך גאָר געחברט מיט סאָציאַליסטן, וואָס ווילן משלח זיין דעם „באַליבטן צאַר־באַטיושקאַ". וחמתו בערה בו. ער האָט מיר דאָס נישט געקענט מוחל זיין. אַמנעסטירט נישט אַמנעסטירט, אָבער געזעסן עטלעכע חדשים אין תפיסה — דאָס איז געווען גענוג, אַז איך זאָל פון קאַלאַבאַנאָווסקיס שטאַנדפּונקט מער נישט קאָנען אַרבעטן אין שולעס בכלל און אין רעגירונג־שולעס בפרט. און טאַקע לעולם ועד...

איך האָב זיך אָבער נישט געוואָלט אונטערגעבן דעם באַפעל פון די־רעקטאָר. אַ פולע אַמנעסטיע האָט באַטייט, אַז אַלע רעכט פון אַמנעסטירטן ווערן צוריקגעשטעלט, בכל אופן פאַרמעל. אויף דעם סמך האָב איך זיך געווענדט פּערזענלעך צום יעקאַטערינאָסלאַווער גובערנאַטאָר פאָן קליינ־גענבערג.

די פאַמיליע קלינגענבערג איז געווען „גוט באַקאַנט" אין רוסלאַנד פון דער פאַרקערטער זייט. דעם יעקאַטערינאָסלאַווער גובערנאַטאָרס אַ לייב־לעכער ברודער איז געווען גובערנאַטאָר לכתחילה אין קאָוונע און דער־נאָך אין מאָהילעוו. שוין אין קאָוונע האָט מען אים דערקענט ווי אַ צורר, נאָר זיין גאַנצן האַס צו יידן און רעוואָלוציאָנערן האָט ער אַרויסגעוויזן, ווען ער איז געווען ראש פון מאָהילעווער גובערניע. ער האָט דערלאָזן פּאָגראָמען אין מאָהילעוו און אין אַ ריי שטעט פון זיין גובערניע בעת די רעקרוטן־נאָבאָרן אין דער צייט פון רוסיש־יאַפּאַנישן קריג. די נאָוואָבראַנ־צעס האָבן ראַבירט יידישע קראָמען, געשלאָגן יידן, אַפילו זיך אַריינגע־ריסן אין יידישע דירות, אָנמאַכנדיק דאָרטן חורבונות. די פּאָגראָמען זע־נען פאַרגעקומען ביי דער פולער גלייכגילטיקייט פון דער פּאָליציי און מיליטער, וואָס האָט געקענט איינצוימען די צעיושעטע שקצים, די קו־מענדיקע „פאַרטיידיקער פון פאָטערלאַנד". ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט ער טאָקע אַרויסגעגעבן באַפעלן, אַז מען זאָל די יונגע

„פאַרטיידיקער" נישט שטאַרק שטערן אין זייערע „פּריילעכקייטן" בעת די נאַבאָרן, מחמת פּאַטריאָטישע מאָטיוון. טויזנטער און טויזנטער יידישע פאַמיליעס זענען פון די רעקרוטן־„שטיפערייען" רואינירט געוואָרן. דער מאָהילעווער גובערנאַטאָר האָט זיך אויך אויסגעצייכנט ווי אַ „פּאַציפיקאַטאָר" פון דער רעוואָלוציע אין 1905־1906. ער האָט אָרגאַניזירט שטראָף־עקספּעדיציעס מיט שמייסן, פייניקן און שיסן פּויערים און בכלל פאַרמישטע אין רעוואָלוציאָנערע אַקטן אַפילו אָן געריכטן.

אָבער דער יעקאַטערינאָסלאַווער קלינגענבערג איז געווען אַ שטיקל יוצא מן הכלל. ער איז געווען דאָס, וואָס מען האָט דעמאָלט גערופן אַן „אייראָפּעער". בכל אופן האָט ער נישט אַרויסגעוויזן קיין אויסערלעכע סימנים פון „פּאָמפּאַדורס"־סאַטראַפּן. ער האָט צוגענומען ביי מיר די צוגעגרייטע בקשה און געזאָגט: „קומט, זייט אַזוי גוט, אַהער אין דריי טעג אַרום, וועל איך אייך קענען געבן אַן ענטפער".

ווען איך בין געקומען צום גובערנאַטאָר אין דריי טעג אַרום, האָט ער מיר קורץ, אָבער גאַנץ העפלעך געזאָגט: „איך האָב אייער ענין באַטראַכט און האָב קעגן אייך גאָרנישט. אין דעם זין האָב איך אָנגעשריבן צום דירעקטאָר פון די שולעס אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע. איך גלייב, אַז איר וועט נישט האָבן קיין שוועריקייטן ביים באַקומען צוריק אייער פּאָסטן".

קאַלאַבאַנאָווסקי האָט געמוזט נישט ווילנדיק צוריקציען זיין ערשטע פאַראָרדענונג. איך האָב אָנגעהויבן צו אַרבעטן צוריק אין שולע. דאָס האָט געדויערט ביז סוף לערניאָר. אָבער קאַלאַבאַנאָווסקי האָט שוין מער נישט וויזיטירט די שולע און אַפילו נישט געקומען צום אַרויסלאָז־עקזאַמען, ווי ער האָט עס פּראַקטיצירט אין די פריערדיקע יאָרן. ער האָט נישט געוואָלט זיך טרעפן מיט מיר.

דערפאַר האָט ער זיך אָפּגערעכנט מיט מיר בשעת די זומער־וואַקאַציעס.

פאַרברענגענדיק די וואַקאַציעס ביי מיינע עלטערן אין ווילנער גובערניע, באַקום איך פון קאַלאַבאַנאָווסקין אַן אָפיציעלע מעלדונג תיכף אָנצוגעבן אַ בקשה, אַז איך גיב זיך אָן אין דעמיסיע צוליב פּערזענלעכע

סיבות, אין קעגנפאַל וועט ער זיין געצוואונגען מיך צו באַזייטיקן אין די אינטערעסן פון שולוועזן. וואָלט איך געלאָזן קאַלאַבאַנאָווסקין אויספירן זיין דראָאונג, וואָלטן פאַר מיר געווען פאַרמאַכט אַלע וועגן צו אַ לעגאַ־לער טעטיקייט. האָב איך אָנגעשריבן אַ בקשה וועגן דעמיסיאָנירן מיך צו־ליב פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן. איך האָב איבערגעריסן מיין וואַקאַציע און מיט דער בקשה אָוועקגעפאָרן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, כדי פערזענלעך צו ריידן מיט דעם דירעקטאָר פון שולוועזן קאַלאַבאַנאָווסקין און פריוון אָפּ־שרייען מיין דעמיסיע. ער האָט מיך אויפגענומען מיט בייזע בליקן.

— איר זייט געקומען דערלאַנגען די בקשה וועגן דעמיסיע?

— יאָ, ניין. איך וויל אייך אויפקלערן...

— קיין שום אויפקלערונגען! איר האָט אָפּגענאַרט מיין צוטרוי און גוטע מיינונג, וואָס איך האָב געהאַט וועגן אייך פריער. איך האָב געקענט מיט מיין מאַכט געבן אייך דעמיסיע. איך האָב אָבער אייך געגעבן אַן אויסוועג. טוט עס תיכף.

איך האָב נישט געהאַט קיין ברירה און דערלאַנגט אים מיין דעמיסיע־בקשה. אין יעקאַטערינאָסלאַוו האָט זיך דעמאָלט געעפנט אַ געזעלשאַפט־לעכע שולע פאַר מיידלעך, וואָס בראש פון איר זענען געשטאַנען באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע טוער. איך דערמאָן מיך די נעמען בראַגינסקי און קאָכען. אויך דער ראַבינער מטעם הממשלה ברושטיין איז געווען פאַראינטערע־סירט אין דער שולע. לויט דעם פאָרשלאַג פון ברושטיינען האָט דער שול־קאָמיטעט פאָרגעלייגט מיר איבערצונעמען די פאַרוואַלטעריי איבער דער ניי־געגרינדעטער שולע. איך האָב דעם קאָמיטעט אויסגעדריקט מיין צווייפל, צי קאַלאַבאַנאָווסקי וועט מיך באַשטעטיקן. די קאָמיטעט־מיט־גלידער זענען געווען זיכער, אַז אויב עס וועט קומען אַ דעלעגאַציע פון אַזעלכע „בלאַגאָנאַדיאָזשנע" (פּאָליטיש־זיכערע) בירגער פון יעקאַטערי־נאָסלאַווער יידישער באַפעלקערונג, וועט קאַלאַבאַנאָווסקי איינגיין אויף מיין קאַנדידאַטור. אין דער דעלעגאַציע איז אויך געווען ראַבינער ברושטיין.

קאַלאַבאַנאָווסקי האָט אָבער נישט נאָר נישט באַפרידיקט די בקשה פון דער דעלעגאַציע, נאָר פאָרגעוואָרפן זיי, פאַרוואָס זיי לייגן אים גאָר פאָר צו באַשטעטיקן אַזאַ „נישט זיכערן" קאַנדידאַט. עס האָט נישט גע־

האַלפּן. קאַלאַבאַנאַווסקי, דער בילדונגס־דירעקטאָר, האָט אויף קיין זאַך נישט געוואָלט איינגיין.

עס איז כדאַי ביי דער געלעגנהייט צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן ברושטיינען. ער איז געווען אַ טיפּ פון אַ ווילדלערנער, אַ בלאָנדער מיט אַ פראַנצויזיש בערדל, אין די שפּעטיקע דרייסיקער יאָרן. ער האָט דורכגע־מאַכט אַן עקזאַמען אויף רייפקייט־צייגניש; און אויף דעם סמך געהאַט רעכט צו פאַרנעמען די שטעלע פון אַ קאַזיאָנעם ראַבינער.

אין עטלעכע וואָכן אַרום נאָך מיין באַפרייאונג פון תפיסה האָט מען מיר איבערגעגעבן אומאָפיציעל, אַז ראַבינער ברושטיין וויל מיך זען און בעט מיך אַריינקומען צו אים אין אָוונט.

איך בין אַוועק צו אים. מיר האָבן זיך ביז דעמאָלט נישט געקענט. איך בין געווען נייגעריק צו וויסן צוליב וואָס ער האָט מיך געבעטן קו־מען. עס איז געווען אַ פאַרטרוילעכער ענין. מען האָט אים איבערגעגעבן — ער האָט נישט געזאָגט ווער, אָבער ס׳איז געווען קלאָר פון וואַנען — איבערצוזעצן אַ בריוו, וואָס איז געווען אַדרעסירט צו מיר פון דער שטאָט פּאָוולאָגראַד. אין בריוו זענען דאָ ווערטער, וואָס ווייזן אָן קלאָר אויף מיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. דאָס קען ברענגען טרויעריקע רעזולטאַטן פאַר מיר און פאַרן שרייבער פון דעם בריוו. ער, דער ראַבינער, איז גרייט מיר אויסצולייען דעם בריוו, און זאָל דער שרייבער עס איבערשרייבן אויף דעם זעלביקן מין פּאַפּיר אין דער זעלביקער פאָרעם, אַרויסלאָזנדיק די געפערלעכע זאַצן, אַזוי אָבער, אַז דער נייער בריוו זאָל זיין אינגאַנצן ענ־לעך צום פריערדיקן פאַרשריבן אויף אַלע 4 זייטלעך.

דער בריוו איז געווען פון מיין יונגן לערער־קאָלעגע אין דער רעגיי־רונג־שולע פון פּאָוולאָגראַד, געשריבן אין יידיש. דעם בריוו האָט מען גע־פונען ביי מיר בעת דער הויז־זוכונג נאָך מיין אַרעסט. ברושטיין האָט גע־בעטן נישט פאַרציען דעם ענין צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים. נישט וועלנ־דיק פאַרטרויען דער פּאָסט דעם דאָזיקן בריוו, בין איך אַוועקגעפאָרן צו מיין חבר דעם זעלביקן אָוונט. מיר האָבן ביידע צוזאַמענגעשטעלט אַ נייעם טעקסט, וואָס זאָל זיך פּאַסן צו די אומשטענדן און צו אַ גוטברודערישער קאָרעספּאָנדענץ צווישן צוויי קאַמעראַדן. אין בריוו האָט מיין חבר געהאַט

מיך געבעטן צו דערליידיקן אַן ענין אין דער יעקאַטערינאָסלאַווער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע. פאַרשטייט זיך, אַז די זאַכן, וואָס זענען געווען פאַרדעכטיק, זענען אַרויסגעפאַלן. עס האָט זיך באַקומען אינ־גאַנצן אַן אומשולדיקער בריוו. דעם איבערגעשריבענעם בריוו האָב איך צוגעשטעלט ברושטיינען. ער איז געווען זייער צופרידן מיטן אינהאַלט. ער האָט אים איבערגעזעצט און צוגעשטעלט אין דער זשאַנדאַרן־פאַר־וואַלטונג.

נאָך דער טובה, וואָס ער האָט מיר געטאָן, האָבן מיר זיך באַפריינ־דעט, און ווען איך האָב געזוכט אַ צימער, האָט ער מיר פאַרגעלייגט זיך צו באַזעצן ביי אים אין דער דירה.

ברושטיין איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך מילדער און צוגעלאָזענער מענטש מיט אמתן רחמנות־געפיל פאַר ליידנדיקע.

עס איז גראָד געווען די צייט פון עקספּראָפּריאַציעס, פאַר וועלכע די אָנפאַלער פלעגן קריגן אַ שטראָף: „סטאָליפּינס האַלדזטוך"* — תליה. צו טויט־פאַראורטיילטע יידן פלעגט מען פאַר דער תליה „איינלאַדן" דעם ראַבינער אויף צו זאָגן מיט זיי ווידוי, אויב זיי האָבן עס געוואָלט. כמעט קיינער פון זיי האָט עס נישט געוואָלט. אָבער אָפט האָבן זיי געבעטן דעם ראַבינער איבערצוגעבן די לעצטע גרוסן צו זייערע נאָענטע.

דאָס אָרט פון דער תליה איז געווען אַרומגערינגלט מיט געדיכטע קאָרדאָנען פון סאָלדאַטן, וועלכע זענען פון זייער זייט געווען אַרומגע־רינגלט מיט קאָזאַקן, מיט אויסגעשטרעקטע פּיקעס. די אויספירער פון דער אינקוויזיציע האָבן מורא געהאַט, אַז די סאָלדאַטן, פּויערים און אַר־בעטער־זין זאָלן נישט ווענדן די אָנגעצילטע ביקסן קעגן די אויספירער פון דער שטראָף.

ברושטיין האָט מיט שוידער מיר איבערגעגעבן עטלעכע איינצלהייטן פון די עקזעקוציעס, ביי וועלכע ער האָט געמוזט בייזיין. די זעלנער פלעגן ציטערן ביים אויספירן די עקזעקוציעס. אַנדערע האָבן געשעפּטשעט קללות מיט טראַדיציאָנעלע רוסישע „מי שברך'ס" אויפן אַדרעס פון די אָפיציר־

---

* אַ באַרימטער אויסדרוק פון ליבעראַלן דעפּוטאַט ראָדיטשעוו קעגן דעם פּרעמיער־מיניסטער סטאָליפּין, וועלכער האָט איינגעפירט פעלדגעריכטן מיט אומענדלעכע תליות.

לע פאָרשטייער פון דער רעגירונג. נאָך אַזעלכע „פאַרטאָגס“ פלעגט ברו־שטיין קומען אַ צעבראָכענער, אַ קראַנקער. עס פלעגט דויערן עטלעכע טעג, ביז ער פלעגט קומען צו זיך. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער טראַכט ערנסט וועגן אָפּזאָגן זיך פון דעם ראַבינער־אַמט צוליב די תליות, צו וועלכע ער מוז אַמטלעך קומען.

איך האָב אין גיכן פאַרלאָזט אויף שטענדיק יעקאַטערינאָסלאַוו און מער איז מיר נישט אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט דעם הומאַניטאַרן ראַבינער ברושטיין.

„לעבנס־פראַגן“, יוני־יולי, 1954.

יידישע גימנאַזיעס אָן פּראָצענטן

די ערשטע רוסלענדישע רעוואָלוציע קעגן צאַריזם אין 1905 איז גע־וועזן אַ דורכפאַל. נאָך די קורצע „ליבעראַלע" אָקטאָבער־טעג 1905 האָט דער צאַר מיט דער הילף פון דער אָרגאַניזירטער דורך פּאָליציי שוואַרצער מאה און אומצאָליקע פּאָגראָמען אויף יידן דערשטיקט די רעוואָלוציע.

אָבער ווי נאָך יעדער גרויסער רעוואָלוציע און קאָנטררעוואָלוציע בלייבט עפּעס איבער פון ליבעראַליזם, וואָס מען קאָן שוין נישט כאַפּן צוריק.

איינע פון אַזעלכע איבערבלייבעכצן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע 1905 איז געוועזן די ליבעראַליזירונג פון אָקאַדעמישער בילדונג און די אַנטוויקלונג פון פּריוואַטן שולוועזן, באַזונדערס ביי יידן. מיט אומוועגן איז געבראָכן געוואָרן די פּראָצענט־נאָרמע דורך דער געגעבענער מעגלעכ־קייט צו עפענען ספּעציעלע מיטלשולן פאַר יידישע קינדער מיט יידישע אָנפירער און לערער. שפּעטער האָבן די יידישע פאַרוואַלטער פון די גימנאַזיעס געמוזט פאַרבעטן אויך גוישע דירעקטאָרן מיט אַ גאַנץ גוטן געהאַלט.

די פּריוואַטע יידישע גימנאַזיעס האָבן זיך געעפנט אין אַ ריי יידישע שטעט (ווילנע, מינסק, האָמעל, וואַרשע, אָדעס, ביאַליסטאָק און אַפילו אין פּעטערבורג). די בילדונגס־מיניסטאָרן קאָסאָ און שוואַרץ האָבן געגעבן „רעכט" די יידישע שילער צו באַקומען רייפקייט־צייגענישן אין זייער אייגענער גימנאַזיע, אויב ביי די עקזאַמענס איז געוועזן אַנוועזנדיק אַ דע־לעגאַט פון בילדונגס־קוראַטאָר.

דער שרייבער פון די שורות איז אין די יאָרן 1907־1912 געווען טע־טיק אין דער האָמלער גימנאַזיע פון ד"ר א. ראַטנער, איין צייט ווי אַ אינספּעקטאָר פון די ייִנגערע קלאַסן און ווי אַ שטענדיקער לערער פון רו־סישער און יידישער געשיכטע („זאַקאָן באָזשי" האָט עס אָפיציעל גע־הייסן).

אין דער גימנאַזיע איז געווען אַ פּערסאָנאַל פֿון 15־20 לערער און אָנגעשטעלטע יידן און רוסן. איין לערער פֿון מאַטעמאַטיק אַנאַטאָלי סאַ־דיעווויטש גוראָוויטש איז געווען זייער אַ באַגאַבטער פּעדאַגאָג, אַבסאָל־ווענט פֿון מאָסקווער אוניווערסיטעט. ער איז געווען אַ גוזעלשאַפֿטלעכער טוער, אַ פֿיינער רעדנער און בכלל באַשאַנקען מיט אַ סך מעלות: ערנסט־קייט מיט אַ נויג צו הומאָר, שטאַרק נאַציאָנאַל יידישלעך. לויט זיינע פּאָ־ליטישע איבערצייגונגען איז ער געווען אַ בונדיסט. אים האָט אָבער נישט אימפּאָנירט צו בלייבן כל ימיו אַ לערער אין אַ פֿרעמדער גימנאַזיע, ער האָט געהאַט אַמביציעס צו עפֿענען ערגעץ־ווו אַן אייגענע גימנאַזיע.

און געוואָרפֿן אַן אויג האָט ער אויף ביאַליסטאָק, דער קאָכיקער שטאָט, ווו יידן האָבן אַנטוויקלט אַזוי שטאַרק די טעקסטיל־אינדוסטריע.

די ביאַליסטאָקער יידישע באַפֿעלקערונג איז עפּעס נישט געווען שטאַרק באַגייסטערט פֿאַר דער יידישער גימנאַזיע וואָס האָט דאָרט עק־זיסטירט. דאָס האָט סטימולירט גוראָוויטשן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך געשטעלט אין פֿאַרבינדונג מיט אַ פּאָר פֿון זיינע ביאַליסטאָקער פֿריינד, צו דערלאַנגען אַ בקשה צום ווילנער בילדונגס־קוראַטאָר וועגן דערלויבן אים עפֿענען אַ פּריוואַטע גימנאַזיע אין ביאַליסטאָק. מען האָט שוין דע־מאָלט, אַרום 1911־1912, נישט געגעבן לייכט קיין דערלויבעניש אויף יידישע גימנאַזיעס, און אַוודאי נישט מיט די אַזוי גערופֿענע „רעכט", און אַוודאי נישט אַ סאָציאַליסט און בונדיסט.

אין 1912 האָט אין אַ „שיינעם" טאָג פֿון פֿעברואַר חודש דער די־רעקטאָר פֿון ד"ר ראַטנערס גימנאַזיע, סטאַטסקי סאָוועטניק מאַקסימאָוו, באַקומען פֿון קוראַטאָר אַ פֿאַראָרדענונג מיך צו באַזייטיקן תיכף ומיד פֿון אַלע מיינע „פּאָסטנס", ווי לערער און אינספּעקטאָר, פֿאַר מיין „שעדלע־כער" טעטיקייט אין 1906־1907.

דאָס איז שוין געווען נאָך מיינע פֿינף יאָר פּעדאַגאָגישער אַרבעט אין דער האָמלער גימנאַזיע. איך בין תיכף אָפּגעפֿאָרן קיין ווילנע דער־וויסן זיך די סיבות פֿון מיין באַזייטיקונג. אמת, איך האָב געהאַט היינטער זיך פּאָליטישע אַרעסטן, אָבער איך בין נאָך זיי רעהאַבילִיטירט געוואָרן פֿון ביידע גובערנאַטאָרן. נאָך לאַנגע באַמיאונגען האָב איך זיך דערוווּסט

אין די קאַנצעלאַריעס פון בילדונגס־קוראַטאָר און גובערנאַטאָר, אַז איך ווער באַשולדיקט אין סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַגיטאַציע אין כאַרקאָווער גובערניע און אָנטייל אין לאָנדאָנער ס. ד. צוזאַמענפאָר, מיט אַ צוגאָב, אַז איך האָב אין כאַרקאָווער גובערניע פאַרכאַפּט די פּאַרטיי־קאַסע, מיט איר אַנטלאָפן אַאַז״וו. מיט איין וואָרט אַ גאָר פיינער פויגל: אי אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און נאָך דערצו אַ גנב. דאָס האָט מען מיטגעטיילט פון טשערניגאָוו דעם ווילנער גובערנאַטאָר. דער ווילנער גובערנאַטאָר האָט איבערגעשיקט דעם ראַפּאָרט פון זיין טשערניגאָווער קאָלעגע צום קוראַטאָר פון ווילנער לערן־קרייז. דער לעצטער האָט געטאָן דאָס זייניקע און מיך באַזייטיקט. ווען איך האָב אָבער פאַרגליכן אַלע פּאַפּירן, וואָס אַ באַאַמטער פון בילדונגס־קוראַטאָר האָט מיר אַרויסגעגעבן, האָב איך באַמערקט, אַז ביים איבערטראָגן דעם ראַפּאָרט פון טשערניגאָווער גובערנאַטאָר אויף דער צווייטער זייט איז דורכגעלאָזן געוואָרן צום סוף שורה דאָס וואָרט „ניע״ (נישט).

ווייזט זיך אַרויס אָט וואָס: איך בין געווען אַ סטודענט פון כאַרקאָווער אוניווערסיטעט, און היות ווי עס זענען ברוך השם נישט קאַרג געווען מענטשן מיטן זעלביקן פאַמיליע־נאָמען ווי מיינער — זענען אויך געווען אין אוניווערסיטעט נאָך סטודענטן מיטן נאָמען אַבראַמאָוויטש.

דער גובערנאַטאָר פון טשערניגאָוו שרייבט אַזוי: „די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער סטודענט הירש אַבראַמאָוויטש איז נ י ש ט דער אַבראַמאָוויטש, וואָס האָט פאַרכאַפּט די קאַסע און וואָס איז געווען אין מאַי 1907 אויפן לאָנדאָנער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן צוזאַמענפאָר״. און איצט לייענט איבער דעם גובערנאַטאָרס אָפּזאָג אָן דעם „נישט״ און עס באַקומט זיך דער אמתער פרצוף — פנים מיינער...

דער בילדונגס־קוראַטאָר אויף ווילנער קרייז איז געווען אַ טשינאָווניק אָסטראָאומאָוו, אַן אַלקאָהאָליקער, אָדער פשוט גערעדט אַ „פּיאַניצע״. אין זיין אויפנעם־קאַבינעט האָט מען געקענט זען פלעשער מיט און אָן בראָנפן. געווען איז אָט דער אָסטראָאומאָוו אויך אַ פלאַכער אַנטיסעמיט. קומענדיק איין מאָל מיט אַן אָפיציעלן באַזוך אין ד״ר ראַטנערס האָמלער גימנאַזיע, וועלכע איז געווען אין דריי באַזונדערע געביידעס, האָט

ער אַרויסגעשטעלט אַ פֿאָדערונג דעם ד״ר ראַטנער, אַז די גימנאַזיע מוז אויסבויען אַן אייגענעם ספּעציעלן בנין. ווען מען האָט אים געענטפֿערט, אַז דאָס איז פֿאַר דער גימנאַזיע אוממעגלעך מאַטעריעל דורכצופֿירן און אַז אַזאַ פֿאָדערונג באַטייט אַ פּאַקטישע שליסונג פֿון אַנשטאַלט מיט זייַנע איבער זעקס הונדערט תּלמידים — האָט אַסטראַאומאָוו אויפֿגעהויבן די פּאָלע פֿון זייַן מונדיר און קלאַפּנדיק איבער זייַן קעשענע אַ זאָג געטאָן ווולגאַר: „ניטשעווא, אָו יעווריעוו יעסט געלדי״ (יידן, הייסט עס, זענען אָנגעשטאָפּט מיט געלט). דערבײַ האָט ער נאָכגעקרימט אויף רוסיש דאָס יידישע „געלט״ אויף „געלדי״.

איך בין געווען באַפֿרײַנדעט מיט גוראָוויטשן. ער איז געווען זיכער, אַז איך וועל שוין פֿאַרבלייבן אין ווילנע, האָט ער מיך געבעטן אויסקוקן אויף אַ געלעגנהייט צו באַווירקן דאָס קוראַטאָריום, אַז עס זאָל אַרויסגעגעבן ווערן גוראָוויטשן די דערלויבעניש צו עפֿענען אַ גימנאַזיע אין ביאַליסטאָק. גוראָוויטשעס ביטע וועגן זייַן פּראָיעקטירטער ביאַליסטאָקער גימנאַזיע האָט זיך שוין געהאַט אויסגעוואַלגערט אין פֿאַרשיידענע קאַנצעלאַריעס, זייַנע „פּערסאָנאַליען״ האָבן ביי דער פּאָליטישער פּאָליצײַ נישט אַרויסגערופֿן קיין ספֿיקות. נאָר דער שיכורער אַנטיסעמיט אַסטראַאומאָוו האָט נישט געוואָלט, אַז אַ ייד זאָל האָבן אַ גרינגן שליטוועגס און כּסדר זיך אַרויסגעדרייט אונטערצושרייבן דעם סטאַטוט אונטער פֿאַרשיידענע אויסריידן.

ס'איז געווען קענטיק, אַז אַסטראַאומאָוו וועט פֿאַרציען דאָס אַרויסגעבן די קאָנצעסיע פֿאַר אַ יידישער גימנאַזיע אויף יאָרן.

גוראָוויטש האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אַפֿילו נאָך מייַנע אַלע רעהאַביליטאַציעס, וועט דער צורר אַסטראַאומאָוו זיך איינבעקשענען און אַזוי צי אַנדערש מיר נישט דערלויבן מער פּעדאַגאָגיש צו אַרבעטן. אָבער אין איין זאַך איז גוראָוויטש געווען זיכער, אַז מיר וועט נישט איין מאָל אויסקומען צו זייַן אין קוראַטאָריום וועגן מבטל זייַן די גזירה קעגן מיר. מייַן ענין איז דערגאַנגען צום געהילף אינערן־מיניסטער ביעלעצקי, וועלכער האָט אָפֿיציעל אָנגעשריבן צו אַסטראַאומאָוון, אַז בנוגע דעם כאַרקאָווער סטודענט הירש אַבראַמאָוויטש איז באַגאַנגען געוואָרן אַ טעות און אַ פֿאַרזען.

אַזאַ פּאַפּיר איז דורכן פּאָליצײ־דעפּאַרטאַמענט אַוועקגעשיקט געוואָרן. ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון פּעטערבורג און זיך דערוווּסט וועגן דאָזיקן דאָקומענט, בין איך אַוועק צו אָסטראָאומאָוון און געפאָדערט מײַנע רעכט וואָס שייך דער אַרבעט אין ראַטנערס גימנאַזיע. אָבער יענער האָט איבערגעריסן מײַנע רייד און געזאָגט: „ביי מיר, ברודערל, וועסטו נישט אַרבעטן, מעגסט זײַן הונדערט מאָל גערעכט, — מיר קענען אייך גוט!... ׳מי וואָס זנאַיעם!״...

איך האָב געזען, אַז איך וועל שוין פון דעם דאָזיקן בילדונגס־זומפּ נישט אַרויסקריכן. עס איז מיר שטאַרק דערעסן געוואָרן צו פּטרן צײַט און געזונט אויף גיין און פאָרן פון איין קאַנצעלאַריע צו דער אַנדערער. איך האָב אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף אָסטראָאומאָוון און באַקומען אַ שטעלע אין באַנק, וואָס די יידישע קעגנזײַטיקע קרעדיט־געזעלשאַפט האָט דעמאָלט געעפנט אין ווילנע.

אָבער גוראָוויטשעס ענין מיטן עפענען די גימנאַזיע אין ביאַליסטאָק האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אַ ריר טאָן פון טויטן פונקט. און אָט ביי וועלכער געלעגנהייט:

בעת מײַנע פילצאָליקע באַזוכן אין ווילנער קוראַטאָריום מיט זײַן שיכורן שעף האָב איך נישט זעלטן געטראָפן דאָרטן אַ קליין־געוויקסיק מענטשל מיט אַ יידיש אויסזען — עס האָט געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק, אַז ער איז דאָ אַן אָפּטער אײַנגייער. זיצנדיק אין אויפנעם־צימער צוזאַמען, ווי עס טרעפט אין אַזעלכע פאַלן, האָבן מיר זיך פונאַנדערגערעדט. זײַן נאָמען איז געווען לעווין. און היות זײַן מיניאַטור פיגור האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אויף ווילנער גאַסן, האָבן אים אַ כך ווילנער געקענט מיט זײַן נאָמען. איך האָב זיך אויך דערוווּסט, אַז ער קומט אָפּט פּריוואַט צו אָסטראָאומאָוון און שפּילט מיט אים אין קאָרטן. עס האָט זיך אויך דאָ באַשטעטיקט דאָס יידישע ווערטל, אַז יעדער אַנטיסעמיט האָט זיך זײַן „ייד״, וועמען ער פּאַוואָריזירט. דער לעווין איז גראָד געווען אַן אָנשטענדיקער סוחר. איך האָב אים נישט געוואָלט אַרײַנמישן אין מײַן „פּאָליטישן ענין״ בעת אונדזערע באַגעגענישן. איך האָב אים אָבער דערציילט, אַז מײַנער אַ ידיד האָט אָנגעגעבן צום קוראַטאָר אַ ביטע וועגן

עפענען אַ גימנאַזיע אין ביאַליסטאָק און אַסטראַאומאָוו גיט גישט אַרויס די דערלויבעניש. דערווייל ווערט מיין פריינד גוראָוויטש רואיגירט, נישט קאָנענדיק איינאָרדענען סטאַביל זיין לעבן. לויט גוראָוויטשן איז עפענען אַ גימנאַזיע אין ביאַליסטאָק געווען אַ רענטאַבעלער ענין, ווייל אין אַזאַ גימנאַזיע, גוט אָוועקגעשטעלט, וועלן שטראָמען קינדער פון ביאַליסטאָק און פון דער גרויסער ביאַליסטאָקער פּראָווינץ. און ער, גוראָוויטש, איז גרייט אַריינצוגעמען אין שותפות, מיט אַ געוויסן פּראָצענט פון הכנסה, דעם יעניקן, וואָס וועט אויספועלן ביי דער בילדונגס־מאַכט די קאָנצעסיע אויף דער גימנאַזיע אין ביאַליסטאָק.

לעווין האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם ענין און האָט ביי אַס־טראַאומאָוון געפּועלט, אַז ער זאָל זיינעם אַ „גוטן פריינד" אַרויסגעבן די דערלויבעניש, זאָל זיין דערווייל אָן רעכט.

אַרום 1913 יאָר האָט גוראָוויטש געעפנט אין ביאַליסטאָק די גימ־נאַזיע, וועלכע האָט איינגיכן באַקומען אַ גוטן נאָמען. די גימנאַזיע איז דורך די קרייז־אינספּעקטאָרן געלויבט געוואָרן. פאַרשטייט זיך, אַז לעווין, וועלכער איז שוין געווען אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט גוראָוויטשן האָט געהאָלפן ביים אויספּועלן ביי אַסטראַאומאָוון „רעכט" פאַר דער גימנאַ־זיע. ער איז געווען פאַראינטערעסירט דערין ווי אַ שותף צו דער גימנאַזיע, לויטן אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן אים מיט גוראָוויטשן.

גוראָוויטש האָט פאַרנומען אַ חשוב אָרט אין ביאַליסטאָקער געזעל־שאַפטלעכן לעבן, זיין גימנאַזיע איז געוואַקסן. עס האָט זיך אָבער איינ־גיכן אָנגערוקט דער שטורעם פון 1914, ביאַליסטאָק איז געשטאַנען אויפן ערשטן פייער אין דער דייטש־רוסישער מלחמה. און גוראָוויטשעס גימנאַ־זיע האָט זיך געמוזט ליקווידירן.

ווי איך האָב געהערט, האָט גוראָוויטש שפּעטער פאַרנומען אַ הויכן פּאָסטן אין סטאַטיסטישן אַמט אין אַ מאָסקווער רעגירונגס־קאָנצעליאַ־ריע און איז געוואָרן אַ סאָוועטישער בירגער.

„לעבנס־פראַגן", אַפּריל־מיי, 1955.

חיים ווייצמאַן און קאָליע טעפּער אין אַ היסטאָרישער דעבאַטע

געווען איז עס אין אַ צייט, ווען מען האָט נאָך געהאַלטן פֿון דיסקוסיעס מיט קעגנער, הגם די פּאַרטייען אויף דער יידישער גאַס זענען געווען אויך דעמאָלט גאַנץ שטאַרק צעטיילט. מען האָט זיך אָבער נאָך באַגעגנט און דיסקוטירט צוליב אַגיטאַציע־צוועקן.

דאָס איז געווען פּסח צייט 1903, אין דער עכט יידישער פּאָלעסיער שטאָט פּינסק.

כמעט אין יעדער שטאָט און שטעטל פֿלעגן פֿאָרקומען דיסקוסיע־אָוונטן אויף דער טעמע: בונדיזם, ציוניזם, סאָציאַליזם. נישט זעלטן האָבן זיך אַזעלכע אָוונטן געענדיקט מיט „שלאָגנדיקע אַרגומענטן" (פּשוטו כמשמעו). דער פֿאַנאַטיזם פֿון יעדער פּאַרטיי איז נאָך געווען אַזוי צו זאָגן אַן ענטוזיאַסטישער און אָנגרייפֿערישער. ביידע הויפּט־פּאַרטייען אויף דער יידישער גאַס האָבן געהאַט דערפֿאַרענע פּראָפּאַגאַנדיסטן און גוטע מיטינג־ און נישט מיטינג־רעדנער. עס האָט געטראָפֿן, אַז מענטשן פֿון דער מאַסע פֿלעגן אָפֿט איבערגיין פֿון איין פּאַרטיי אין דער אַנדערער, אָפּהענגיק פֿון דער רעדנער־קונסט פֿון דעם אָדער יענעם רעדנער. דערביי האָבן יידישע סאָציאַליסטן — פֿון בונד אָדער פּועלי ציון — געוואָלט זיך איבערליציטירן אין טרייקייט צום מאַרקסיזם*, און איינע די אַנדערע פֿאַרגעוואָרפֿן אַפּיקורסות (בערנשטייניאַניזם און אַנדערע „אָפּנייגונגען"). אָבער אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן אויך מיטגעהאַלטן אין די טורנירן. זיי האָבן זיך נישט געשעמט צו פֿאַרניינען דעם סאָציאַליזם. איינער פֿון זיי

---

* כ'געדענק אַ קאַריקאַטור פֿון אַרום 1905 אין אַ יידישן הומאָריסטישן זשורנאַל: קאַרל מאַרקס אין אַ יאַרמולקע, מיט אַ טלית קטן און זיין רבנישע באָרד, שטייט אויף אַ בענקל. אַרום אים דער „בונד", פּ"צ, ס.ס., סיימאָוציעס א"אנד. זיי ציען מאַרקסן פֿאַר די ציצית פֿון טלית קטן, יעדערער אין זיין זייט. מאַרקס האָט אויפֿגעהויבן די הענט און שרייט: „יידן, ראַטעוועט!"

איז געווען חיים ווייצמאַן, וועמענס גרויסע משפּחה (עלטערן, ברידער און שוועסטער) האָבן געוווינט אין פּינסק.

דעם שרייבער פון די שורות איז אויסגעקומען צו זיין יענעם ערב פּסח אין פּינסק און זיך פאַרהאַלטן דאָרטן ביי אַ פּאָר חדשים צייט. ביי דער פּינסקער יידישער אינטעליגענץ און אין אייניקע אַרבעטער־קרייזן איז אויפגעקומען דער געדאַנק פון איינאָרדענען אַ גרויסן דיסקוסיע־אָוונט, אויסנוצנדיק די געלעגנהייט פון חיים ווייצמאַנס אַנוועזנהייט אין שטאָט. ער איז דעמאָלט געווען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר 27, אָבער איז שוין געוועזן באַוווּסט מיט זיינע אַרויסטרעטונגען אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן, ווי אַ שאַרפער פּאָלעמיסט און קעגנער פון הערצלס דיפּלאָמאַטישע פאַר־האַנדלונגען. וואָס־וואָס, קיין שעמעוודיקער איז ווייצמאַן נישט געווען*.

בכלל האָט די משפּחה ווייצמאַן מיט אירע פילצאָליקע מיטגלידער, וועלכע זענען זיך צוזאַמענגעקומען אויף די ימים־טובים אַהיים, געלאָזט מערקן אין שטאָט. אַלע ווייצמאַנס האָבן גערעדט הויך, געזונגען לידלעך ביי צוזאַמענקונפטן. די יינגערע סטודענטן, אין די אוניפאָרמען פון די רוסישע הויכשולן, האָבן זיך געלאָזט ווילגיין. כ׳געדענק אַ לידל, וואָס איינער פון זיי, דוכט זיך שמואל, האָט אונטערגעזונגען: „איין באַטל ביר, צוויי באַטל ביר, דריי באַטל ביר און משקה״ אאַז״וו. ס׳האָט זיך געשפּירט אין זיי אַ גלויבן אין זייערע אייגענע כוחות, סיי גייסטיקע, סיי פיזישע. ס׳איז געווען אַ לעבנסלוסטיקע, אַ לעבנספּעאיקע יוגנט. חיים איז שוין געווען פון אַלעמען אנערקענט ווי איינער פון די וואָרטזאָגער פון אַ גרויסן טייל רוסישע ציוניסטן.

אין דער זעלבער צייט איז געקומען קיין פּינסק קאָליע טעפּער, וואָס איז שוין דאַן געווען פּאָפּולער אין די אַרבעטער־קרייזן ווי אַ גלענצנדי־

---

* זשאַבאָטינסקי דערציילט אין זיינע מעמואַרן, אַז אויפן קאָנגרעס פון 1903 האָט ער, זשאַבאָטינסקי, דעמאָלט אַ דעבוטאַנט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, געזען צום ערשטן מאָל ווייצמאַנען. ווען ער איז צוגעגאַנגען צו אַ טיש אין אַ קאַפע, וווּ ווייצמאַן איז געזעסן און געפירט אַ הייסן געשפּרעך מיט די אַרומיקע ביזיצערס, האָט זשאַבאָ־טינסקי געפרעגט: — איך שטער אייך נישט? — ווייצמאַן האָט שאַרף געענטפערט: — „איר שטערט״ — און זשאַבאָטינסקי איז אַוועק.

קער רעדנער און פאַנאַטישער בונדיסט. מיט אַ קורצער צייט פריער, איז ער נאָך געווען אַ הייסער ציוניסט, גענומען אָנטייל אין די קאָנגרעסן. נאָר ער האָט זיך „אַנטוישט", באַזונדערס נאָך בערנאַרד לאַזאַרס צוריקציען זיך פון ציוניזם (צוליב דער גרינדונג פון קאָלאָניאַל־באַנק וואָס האָט בולט אַרויסגעבראַכט, לויט זיין מיינונג, דעם „בורזשואַזן" כאַראַקטער פון ציוניזם). אַלס פּראָזעליט (גר) איז ער געווען אַ קנאי און אויף די פאַרזאַמלונגען „געשמעטערט" דעם ציוניזם.

זענען טאַקע די צייט, דאָס אָרט און די מענטשן געווען צוגעפּאַסט פאַר אַ גענעראַל־דיסקוסיע וועגן יידישער פּראָבלעמאַטיק אין די ראַמען פון די צוויי הויפּט־ריכטונגען: ציוניזם און סאָציאַליזם, מיט די צוויי „דועלאַנטן" — חיים וויצמאַן און קאַליע טעפּער. ליתר תוקף האָבן די אַרבעטער־ציוניסטן אַרויסגערופן פון מינסק רובענטשיקן, אַ „וועטעראַן" פון אַרבעטער־ציוניזם, וועלכער איז אגב געווען דער עלטסטער צווישן די דיספּוטאַנטן. ער איז געווען אין די שפּעטע דרייסיקער.

די אַלע פאַרזאַמלונגען זענען געווען אומלעגאַלע. פּאָליציי האָט פון זיי נישט געטאָרט וויסן. האָט מען זומער אויסגענוצט וועלדער אַרום שטאָט און ווינטער — פּריוואַטע דירות, אָדער פאַבריק־לאָקאַלן, פאַרשטייט זיך אָן דעם וויסן פון די באַלעבאַטים. אין זעלטענע פאַלן האָבן „ליבעראַלע" פאַבריקאַנטן אַליין זיך באַטייליקט אין די פאַרזאַמלונגען. זיי זענען נאַטירלעך געווען אין גרעסטן טייל אַלגעמיינע ציוניסטן.

אין פּינסק איז געווען אַזאַ פאַבריקאַנט, אויב מיין זכרון פאַרפירט מיך נישט, — איינער ליכטנשטיין, וואָס האָט געהאַט אַ פאַבריק אויסער דער שטאָט, און דאָרטן האָט ער אויך אַליין געוווינט.

בכלל האָט פּינסק אין יענע יאָרן זיך שטאַרק אינדוסטריאַליזירט. מען האָט געעפנט אַ גאַנצע ריי פאַבריקן, צווישן זיי אַ שוועבל־פאַבריק מיט אַ טויזנט יידישע אַרבעטערינס; אַ פאַניר־פאַבריק, אַ פאַבריק פון „היגיענישע" קרייט (אייגנטימער גריגאָרי לוריע); אַ שיף־ווערף (אייגנטימער אַ'בריען דע־לאַסי, שפּעטער פאַרמישט געווען אין אַ סענסאַציאָנעלער מאָרד־געשיכטע, וואָס האָט אויפגערודערט גאַנץ רוסלאַנד) און אַ ריי אַנדערע אינדוסטריעס. אויסער דעם שיף־ווערף, זענען די אַרבעטער און אַר־

בעטערינס געווען אין גרעסטן טייל יידן. פּינסק האָט פאַרמאָגט, ווי יע־דער גרויסע יידישע שטאָט, איר „העק", ווו די אָרעמקייט האָט געוווינט אין חורבות, כמעט נאָרעס. אין האָמעל איז געווען „דער ראָוו" (גראָבן), אין ווילנע — נאָוויגאָראָד, אין ביעלאָיאַ צערקאָוו („שוואַרצע טומאה" אויף יידיש) — „גרוזיע", אין אָדעס — מאָלדאָוואַנקע, ערגעץ אַנדערש — „קאַווקאַז" אד"גל. אין פּינסק האָט עס געהייסן „ליגישטשעס". דאָרטן האָבן געוווינט טויזנטער יידישע משפחות אָן אַ היינט און אָן אַ מאָרגן, אין הונגער, שמוץ און חורבות, אָפט אָן דעכער, אויסגעבויגן און צעקרימט, מיט פענצטער פאַרשטאָפּטע מיט שמאַטעס.

פון ליגישטשעס האָבן די נייע פאַבריקן געצויגן די ביליקע מענטשן־קראַפט. ליגישטשעס איז געווען הונדערט פּראָצענט יידיש. די סאָציאַליס־טישע יידישע פּאַרטייען, און אין דער ערשטער ריי דער „בונד", האָבן די אַרבעטער געמאַכט באַוווסטזיניק דורך סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע און עקאָנאָמישע שטרייקן. אַזוי אַרום איז פּינסק געווען איינער פון די צענ־טראַלע פונקטן אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אָנגעפירט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן אינטעליגענטן, לערער, יוגנט און מער באַ־וווסטזיניקע אַרבעטער אַליין.

אַט פון דער לעצטער קאַטעגאָריע האָבן זיך פאַרמירט די פּאָר הונ־דערט צוהערער פון דער דיסקוסיע. ס'איז געווען אַ פּריוואַט־צונויפֿפֿאַס, גע־גאַנגען אויף פאַרזאַמלונג איז מען איינציקווייז, אָדער העכסטנס פאַרווייז, כדי עס זאָל נישט פאַלן קיין פאַרדאַכט. די פאַרזאַמלונג איז פאַרגעקומען אין אַ קאָלאָסאַלן עסצימער, וואָס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט עטלעכע הונדערט מענטשן. אויפן וועג זענען פונאַנדערגעשטעלט געוואָרן „פּיקעטן", וועלכע האָבן אָנגעוויזן ווו צו גיין און אויך געדאַרפט סיגנאַליזירן די געפאַר פון אַ בייז (פּאָליציייאיש) אויג...

דער אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן אַרום 10.30. געעפנט די פאַרזאַמ־לונג האָט איינער פון די אָרטיקע בונדיסטן מיט אַ קורץ וואָרט, און גע־מאָלדן, אַז די הויפּט־דיספּוטאַנטן וועלן זיין ח' קאַליע פון „בונד" און חיים ווייצמאַן און רובענטשיק — פון די ציוניסטן. דער פאַרשיידנאַרטי־

קער עולם, וואָס האָט פריער געזשומעט ווי אין אַ בינשטאָק, איז געוואָרן שטיל און אָנגעשטרענגט. טעפּער האָט באַקומען דער ערשטער דאָס וואָרט.

דאָס איז געווען אַ שאַרפער אָנגריף אויף דער ציוניסטישער אידעאָ־לאָגיע, וואָס איז — לויט טעפּערס אויפפאַסונג — די אידעאָלאָגיע פון דער יידישער בורזשואַזיע און פון קליינבירגערטום. דער איינציקער וועג פאַרן יידישן פאָלק (אין רוסלאַנד) איז צו גיין מיטן רעוואָלוציאָנערן דרך המלך, קעגן זעלבסטהערשאַפט צו סאָציאַליזם וואָס וועט לייזן אויף אַ גליקלעכן אופן אַלע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. טעפּער האָט אויך געמאַכט תחת הרב די ציוניסטישע ליטעראַטור וואָס ער האָט כאַ־ראַקטעריזירט ווי „בטלניש". מיר וועלן נישט איבערחזרן אַלע אַרגומענטן פון די רעדנערס וואָס זענען געווען אין הסכם מיט זייער צייט: ערב די גרויסע געשעענישן פון רוסיש־יאַפּאַנישן קריג און דער ערשטער רוסי־שער רעוואָלוציע.

די רעדע פון קאַליע טעפּער האָט געדויערט ביי אַ שעה דריי און האָט פאַרכאַפּט דעם עולם מיט איר רעדנערישער עקספּרעסיע און ליידנשאַפט־לעכקייט.

חיים וויצמאַן איז צוגעגאַנגען צום רעדנער־טיש מיט ענערגישע טריט און אַנטשלאָסענעם אויסדרוק אויף זיין שאַרף געשניצטן פּנים פון אַן אַמאָליקן אַסיריער. מיט זיין שוואַרץ בערדל און הויכן גלייכן וווקס האָט ער שטאַרקער אימפּאָנירט, ווי דער קליין־געוויקסיקער טעפּער מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן.

וויצמאַן האָט אָנגעהויבן מיט דער פראַזע, אַז אין איין זאַך איז ער מסכים מיט זיין קעגנער: „אייער (בונדישע) און אונדזער (ציוניסטישע) ליטעראַטור —ביידע אונטערן טיש". מיט דעם האָט ער געוואָלט זאָגן, אַז עס איז קאָרב־ליטעראַטור, ראוי אַרויסגעוואָרפן צו ווערן אין מיסט־קאַסטן.

מען דאַרף דערמאָנען, אַז אין יענע צייטן האָט פּראָפּאַגאַנדע נאָך געהאַט אירע גרענעצן. קיין גאָר גראָבע ליגנס, גוזמאות און פאַרדרייען די פאַקטן האָט מען זיך נאָך נישט דערלויבט. דער לייענער־עולם וואָלט אין האַנט נישט גענומען קיין ליטעראַטור, וו ער וואָלט זיך אָנגעשטויסן

אויף כסדרדיקע ליגנס. אָבער בכלל איז די ליטעראַטור געווען טרוקן און אויבנאויפיק. געווירקט האָבן מער די באַדינגונגען פון לעבן און דער פאַקט, אַז די ליטעראַטור איז געווען אומלעגאַל.

ווייצמאַן האָט „גערעקט״ די באַדנלאָזיקייט פון „בונד״, די בלינד־קייט לגבי דעם אַנטיסעמיטיזם פון די מאַסן, די אוממעגלעכקייט פון יידי־שע מענטשן זיך אַריינצופּאַסן אין די העכערע פאַרמען פון אינדוסטריע, אין אַגריקולטור אאַז״וו.

ווייצמאַן האָט אויך גערעדט נישט ווייניקער ווי צוויי שעה. רובענ־טשיק האָט אָנגעוויזן אויף דער אוממעגלעכקייט פון יידן צו פּראָלעטאַרי־זירן זיך אין גלות, צוגעבנדיק די אַלע אַנדערע אַרגומענטן פון דער פּועלי־ציון אידעאָלאָגיע.

די דיסקוסיע האָט זיך אָבער דעם פּריוואַט־צונאַכטס נישט געענדיקט, הגם זי האָט געדויערט אָן איבעררייס ביזן העלן טאָג אַריין. שבת־צו־נאַכטס איז זי באַנייט געוואָרן נאָך מיט מער ליידנשאַפט פוןביידע צדדים, וואָס יעדער צד האָט געוואָלט פּראָקלאַמירן זיך אַלס דער „זיגער״.

טעפּער האָט גערעדט דער לעצטער. זיין צווייטע רעדע האָט געדויערט פיר שעה. ס׳איז נישט וויכטיק דער אינהאַלט פון די דעמאָלטיקע רעדעס. דער קליינגעוויקסיקער טעפּער איז אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסן פּאָלקס־טריבון. ער האָט געהאַט אַ געדיכטע שוואַרצע שעוועליורע, דורך די פּענ־סנע האָבן די אויגן ביי אים געברענט מיט קנאות, און ווען נישט די פּענסנע וואָלט געקענט זיין אַן אילוזיע, אַז דאָס רעדט אַ נביא. שווייס האָט זיך פון אים געגאָסן, און די פּענסנע פלעגן זיך אַראָפּגליטשן פון דער שאַרפער נאָז.

כ׳מוז מודה זיין, אַז דער איינדרוק, וואָס איז ביי מיר געבליבן און וואָס ווירקט נאָך איצט אויך איז, אַז קאַליע טעפּער איז געווען דער בעס־טער יידישער רעדנער, וואָס איך האָב ווען עס איז געהערט. אַפילו זשאַ־באָטינסקי אין זיין בלי־צייט האָט נישט גערעדט מיט אַזוי פיל עקספּרע־סיע, ווי טעפּער. חיים ווייצמאַן, נישט קיין דורכשניטלעכער רעדנער, אַ רעדנער מיט גלאַנץ און סטיל, מיט סאַרקאַזם און איראָניע, איז דעמאָלט, אין דעם רעדנער־טורניר, געבליבן ווייט הינטערשטעליק לגבי קאַליע טע־

פּערן. אַ פּשיטא שוין רובענטשיק, מיט זיין אויסזען פון אַן עלטערן פּרוש, כאָטש ער איז אויך געווען אַ גוטער רעדנער.

פאַרשטייט זיך, אַז יעדער צד האָט געהאַלטן, אַז ער האָט „געזיגט". אין פּינסק האָט מען דערציילט גאַנצע לעגענדעס וועגן די צוויי ווירקלעך מערקווירדיקע אָוונטן, אין וועלכע אַזעלכע גרויסע רעדנער האָבן זיך באַטייליקט. די פּאָליציי האָט זיך סוף־כל־סוף דערוווּסט וועגן די דיספּוטן, אָבער שוין אַביסל צו שפּעט, נאָך די אָוונטן. ס׳זענען פאָרגעקומען עטלעכע אַרעסטן. די רעדנער האָבן עוקר געווען פון פּינסק. אין באַזונדערע קרייזלעך און אין פּריוואַטע הייזער האָט מען אָבער פאָרגעזעצט די דיסקוסיעס. יוגנט האָט זיך געהיצט נאָך עטלעכע אָוונטן. ס׳האָט זיך אויך געטומלט אויף דער „בירזשע" (אָרט, ווו אַרבעטער פלעגן זיך צוזאַמענטרעפן) אויף קיעווער גאַס.

אָבער אינגיכן זענען די דיסקוסיעס איבערגעריסן און פאַרגעסן געוואָרן. וויכטיקערע געשעענישן זענען פאָרגעקומען: עס האָט אויסגעבראָכן דער קישינעווער פּאָגראָם, וואָס האָט ווי אַ דונער געטראָפן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג און האָט אויך אַבסאָרבירט אַ גרויסן טייל פון דער פּראָגרעסיווער רוסישער געזעלשאַפטלעכקייט.

אין פּינסק זענען יענעם זומער פאָרגעקומען שטורמישע דעמאָנסטראַציעס. און ס׳איז דערשאָסן געוואָרן דער פּראָוואָקאַטאָר אָרנאַטסקי. גרויסע אַרעסטן און אַרויסשיקונגען אין סיביר זענען פאָרגעקומען.

24 אויגוסט, 1952.

איך ווער אַ מיליציאָנער

אין אויגוסט 1915, אַ חודש פאַרן פאַרלאָזן ווילנע, האָט די רוסישע מאַכט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי וועט נישט זיין קעגן אָרגאַניזירן אַ שטאָטישע מיליץ. לויט אַ פאַרשטענדיקונג צווישן פּאָליאַקן און יידן זע־נען געעפנט געוואָרן אין פאַרשיידענע ערטער פון שטאָט ווערביר־פּונקטן צו פאַרשרייבן קאַנדידאַטן פאַר מיליציאָנערן, יידן און פּאָליאַקן באַזונדער.

ד״ר צ. שאַבאַד האָט זיך געווענדט צו עטלעכע יונגעלייט, צווישן זיי אויך צו מיר, צו נעמען אויף זיך די מיסיע פון ווערבירן קאַנדידאַטן. אי־בעריקנס, האָט מען צופיל פאַר דעם נישט געדאַרפט אַגיטירן.

איך האָב פאַרשריבן מיליציאָנערן אין אַ פּליטים־קיך אויף סעמיאַ־נאָווער גאַס. ס׳האָבן זיך געמאָלדן יונגע און מיטליעריקע מענטשן אין אַ גרויסער צאָל.

אַ היפּשער טייל האָט געהאַט אין זינען דעם גרעזעלשאַפטלעך־פּאָלי־טישן באַטייט פון עצם פאַקט צו שאַפן אַן אַלגעמיינע פאָלקסמיליץ. אָבער דאָס רוב קאַנדידאַטן האָבן געהאַלטן, אַז דאָס ווערן אַ מיליציאָנער וועט זיין אַ שטיקל סגולה קעגן צוואַנג־אַרבעט, פאַרשלעפּעניש קיין רוסלאַנד, אַרויסשיקונג, כאַפּעניש וכדומה. די רשימות זענען צוגעשטעלט געוואָרן אין מאַגיסטראַט. דאָרט האָט די רשימה געדאַרפט באַשטעטיקט ווערן פון אַ קאָמיסיע. פאַר יעדן באַשטעטיקטן מיליציאָנער איז אויסגעשריבן גע־וואָרן אַ צייגעניש. די שטאָט איז פאַרטיילט געוואָרן אין „צירקלען״. איך בין צוגעטיילט געוואָרן צום דריטן צירקל (מיצקעוויטשאַ 4).

אָנהייב סעפּטעמבער האָט מען מיך מיט אַנדערע מיליציאָנערן פאַר־בעטן אין צירקל. די מערהייט פון דער נייער „שוץ־פּאָליציי״ זענען גע־ווען פּאָליאַקן, די מערהייט באַנק־באַאַמטע. יידן אין „מיין״ צירקל זענען געווען זייער ווייניק. דער „קאָמיסאַר״, אַן עלטערער מענטש, האָט גערעדט וועגן די פליכטן פון מיליציאָנערן, וועגן באַגיין זיך העפלעך, אָבער שטייף מיטן עולם, רעגולירן די גאַסן־באַוועגונג, בעיקר פאַרן מיליטער אאַז״וו.

איך האָב אויך גענומען אַ וואָרט און גערעדט וועגן די געמיינזאַמע אינטערעסן פון אַלע בירגער אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט, וועגן דעם, אַז אין אַזאַ צייט פון געפאַר איז נייטיק אחדות און אַ קעגנזייטיקע הילף פון אַלעמען פאַר אַלעמען.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז מיין וואָרט האָט נישט געמאַכט דעם מינדסטן איינדרוק ביי דעם צווייטן צד. מען איז טרוקן, טאַקע גאַר טרוקן, אַריבער צום סדר־היום און אונדז געגעבן בולאַוועס, ביי אַ 30 סענטימעטער די גרויס, מיט אַ גראָב קעפל און ווייסע אָרעמבענדער. אָט די צוויי זאַכן האָבן עס געדאַרפט סימבאָליזירן אונדזער מאַכט. מען האָט געמאָלדן, אַז מען דאַרף תמיד זיין גרייט און אויפן ערשטן רוף זיך תיכף צושטעלן אויף באַשטימטע ערטער. מיין ראַיאָן איז געווען יאַן־גאַס און אַ שטיקל ברייטע, לעבן דער פּאָסט.

ערב יום־כיפור, דעם 17טן סעפּטעמבער, האָט מען שוין געזען, אַז די לעצטע רוסישע מיליטער־טיילן פאַרלאָזן ווילנע. שיקאַנעס לגבי יידן האָבן נאָך געדויערט. מען האָט נאָך געכאַפּט מענטשן אויף די גאַסן און זיי אַוועקגעשלעפּט אין אַן „אומבאַקאַנטער ריכטונג" (גראָבן אָקאָפּעס, טאָן שווערע אַרבעט). איבער די גאַסן האָבן געצויגן אָן אַ סוף „סאָטניעס" פון דאָנער, קובאַנער און אוראַלער קאָזאַקן, וועלכע האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף דער באַפעלקערונג, באַזונדערס אויף דער יידישער. ס'האָבן געררוישט די שווערע באַטאַרייען (אַרטילעריע). ציווילע מענטשן זענען כמעט אויף די גאַסן נישט געווען. די געוועלבער זענען געווען פאַרמאַכט. ס'האָט געגאָסן ווי פון עמערס. די סאָלדאַטן זענען געווען אויסגעווייקט, אָבער זיי האָבן געיאָגט פאָרויס.

קיינעם איז כמעט נישט געלעגן אין קאָפּ גיין צו כל־נדרי. מען האָט בכלל מורא געהאַט צו באַווייזן זיך אויף דער גאַס און מען האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַפילו נישט אין זייער בכבודיקע ערטער, אַבי אויסצומיידן קאָזאַקישע נאַגאַיקעס און נגישות.

די פאַרפאָלגונגען, בילבולים, דער יקרות האָבן אַזוי דערעסן, אַז כמעט גאַנץ ווילנע האָט שוין געוואָלט פּטור ווערן פון די רוסישע באַרבאַרייען, מיינענדיק, אַז ביי די דייטשן וועט דאָך זיין בעסער.

אין דער נאַכט פון 17טן אויפן 18טן סעפּטעמבער זענען די גאַסן געווען ליידיק פון ציווילע. טיר און טויער זענען געווען געשלאָסן, נאָר מיליטער־טיילן אָן אַ סוף האָבן זיך געצויגן אין דער פינצטערניש איבער די גאַסן. אָפּטמאָל פלעגט זיך בילדן אַ „קאָרעק“ (פאַרשטאָפּונג) און דער גאַנצער צוג פלעגט זיך פאַרהאַלטן. אויף טראָקער גאַס האָבן די קאַוואַלעריסטן געפּרוווט, ביים אָפּשטעלן זיך, ראַבירן אַ פּאָר געשעפטן. אין אַ פרוכט־געוועלבל (טראָקער 1) זענען אָפּגעבויגן געוואָרן די שטאַכעטן און די גאַנצע סחורה איז צעראַבירט געוואָרן.

ס׳קלינגט נאָך איצט אין מיינע אויערן דאָס פאַרצווייפלטע קלאָגן פון דער אייגנטימערין, וועלכע האָט אין דער פרי דערזען איר „אומגליק“. אָבער אַזעלכע רויבערייען זענען געווען פאַראיינצלטע. די נאַכט איז דורכגעגאַנגען כמעט בשלום, נישט רעכנענדיק די שרעק פאַר די מוראדיקע אויפרייסן צוליבן דעמאָלירן די בריקן און אַנדערע מיליטערישע אָביעקטן.

איך האָב זיך דינסטיק אין דער פרי געפונען אויף גרויס פּאָהולאַנקע. די רוסן זענען שוין כמעט דורך און די דייטשן זענען נאָך נישט אַריין. דער עולם האָט זיך געוואָרפן אין צווישנצייט אויף דער מיליטערישער בעקעריי. מען האָט אָנגעהויבן שלעפּן אַלץ, וואָס איז דאָרטן נאָך געבליבן. „גליקלעכע“ האָבן נאָך געפונען זעקלעך קאָרענע מעל. מען האָט זיך גענומען אויך צום אינווענטאַר: געשלעפּט טישלעך, בענקלעך, אייזערנע בעטלעך אאַז״וו.

ס׳זענען דערביי פאָרגעקומען טראַגי־קאָמישע סצענעס, ווען מענטשן פלעגן אין זייער גיריקייט אָנלאָדן אויף זיך אוממענטשלעכע משׂאות. אויף אייזערנע בעטלעך האָט מען געשטעלט בענקלעך, עמערס, טישלעך, און וואָס נאָר עס האָט זיך געלאָזט פון דעם איבערגעבליבענעם „קאַזיאָנעם“ גוטס. די בעטלעך האָט מען געשטעלט אויף די אייגענע קעפּ. אָפּט פלעגט מען זיך אויסציען אויף דער ערד, אומפאַלן מיט אַלע מטלטלין. יעדערער האָט געוואָלט אַריינכאַפּן וואָס מער. אומזיסט האָבן די מיליציאָנערן געפּרוווט ווירקן אויפן עולם, אַז מען טאָר נישט און אַז מען דאַרף נישט נעמען קיין זאַך. דער עולם האָט נישט שטאַרק מורא געהאַט פאַר די נייע־„פּאָליציאַנטן“, ביי וועלכע עס האָט זיך געבאָמבלט אַ שטיקל ווייס האָלץ אויף אַ רימענדל.

די באַפעלקערונג איז נישט געווען פאַרכאַפּט פון אַ ראַביר־גייסט. מען האָט פּשוט געהאַלטן, אַז האָב־און־גוטס פון „קאַצאַפּ" און „בורלאַק" איז נישט קיין פאַרברעכן צו נעמען, נישט קיין גזילה און נישט קיין גנבה. צווישן די, וואָס האָבן זיך אויף אַזאַ אופן געמאַכט אַ היתר צו „נעמען", האָב איך צו מיין פאַרוואונדערונג געזען אויך באַלעבאַטישע יידן, צו וועלכע איך האָב געפּרוווט זאָגן: „זאָל דאָס בעסער ליגן אויפן אָרט, ס'פּאַסט נישט פאַר אייך!". ווי אַן ענטפער האָט מען עפּעס נישט צופרידענערהייט געמורמלט. דער זין איז אָבער געווען: „נישט אייער עסק", „מאַכט זיך נישט זעענדיק", „זיי מעגן און מיר נישט?" וכדומה.

קיין „אמתע מאַכט" איז נאָך נישט געווען. „דער דייטש" איז נאָך אין שטאָט נישט אַריין. ס'איז געווען אַ פּאָר שעה פון „איש הישר בעיניו יעשה". איבער די גאַסן האָבן נאָך געבלאָנקעט וואָר־נישט־ווו איינצלנע רוסישע זעלנער, אָפּגעשטאַנענע פון דער הויפּט־אַרמיי. דער נייגעריקער עולם האָט זיי אַרומגערינגלט און „אינטערוויואירט" וועגן דער סיטואַציע אויף די פראָנטן און אַפילו וועגן גורל פון דער וועלט־מלחמה. מען האָט זיך אויפגעהערט צו שרעקן פאַרן „יוון", וואָס האָט אַליין אויך אויסגעזען אַזוי נעבעכדיק, אַז ס'וואָלט נישט געשאַדט צו געבן אים אַ שטיקל ברויט מיט אַ גלאָז הייסע טיי. צעווייקטע, מיט צעקנייטשטע שינעלן און דערשלאָגענע פּנימער, מיט פאַרבלאָטיקטע שטיוול, האָבן אָט די רוסישע סאָלדאַטן נישט אויסגעזען צו קריגעריש.

פאַרנאַכט האָט זיך צעטראָגן אַ ידיעה, אַז אויף די פאַרשטעט האָבן זיך שוין באַוויזן די ערשטע „שליחים פון ווילהעלמען" — די אויסשפּירער. אַלע גאַסן זענען פאַרפולט געוואָרן מיט מענטשן, וועלכע זענען צום ערשטן מאָל אַרויסגעקראָכן פון די באַהאַלטענע לעכער. די שטימונג — מען מוז עס מודה זיין — האָט זיך געביטן צום בעסערן. מען איז געווען איבערצייגט, אַז עס וועט נישט זיין קיין ווילקיר, מען וועט שוין נישט כאַפּן קיין מענטשן, נישט מאַכן קיין פּאָגראָמען. ס'וועט אַפילו זיין צו־קער אויך.

אַזייגער 10־11 פרי האָבן שוין אָנגעהויבן שטראָמען דייטשע „טרופּען", פוסגייערס און קאַוואַלעריע. לגבי די גוט אויסגעפּאַשעטע רוסישע

פערד האָבן די דייטשע אויסגעוויזן ווי ראַסינאַנסן (פֿון „דאָן קיכאָט"), אויסגעמאַטערטע מיט אָרעמע שפּאַנען.

אין יענע שעהן בין איך געשטאַנען אויף מיין פּונקט, לעבן דער הויפּט־פּאָסט. די באַוועגונג איז געווען אַ גרויסע און אָן אויפֿהער. אויף די ראָגן זענען געשטאַנען טויזנטער מענטשן און זיך צוגעקוקט צום דייטשן מיליטער. איך האָב זיך געמוזט שטאַרק אָנשטרענגען, כדי נישט אַרויס־צולאָזן דעם ציווילן עולם אויפֿן ברוק. די קלענסטע פֿאַרשטאָפּונג פֿון גאַס מיט ציווילע וואָלט געשטערט דעם מיליטער, און דאָס איז געווען געפֿער־לעך. איך האָב באַנוצט פּויליש, יידיש און געבעטן דעם עולם זיך פֿונאַנ־דערצוגיין. געהערט דערביי אַפֿילו קאָמפּלימענטן, ווי „זשידאָווסקאַ מי־ליציאַ". איך בין אָבער באַשטאַנען אויף מיינס.

מיר צו הילף איז דערלעגירט געוואָרן נאָך אַ מיליציאַנט, וועלכער האָט שוין באַנוצט אויך דעם רוסישן „ראַזאָידיס". דעם מיליציאַנט איז אויסגעקומען אויסצוהאַלטן אַ קאָנטראַטאַק: אַ פּוילישער שניידער־מייס־טער, וועלכער האָט געוווינט אַראָפּ שלאָס־גאַס, האָט אויפֿגעהויבן פּלוצ־לינג דעם פּוס, צוגעלייגט ביידע הענט צו דער פּאָדעשווע און אויסגע־שריען: „אָט דאָ האָבן מיר איצט דעם רוס מיט זיין שפּראַך". פֿון נייגע־ריקייט וועגן האָבן זיך אויף דעם טומל אַ לאָז געטאָן מענטשן. קוים מיט צרות האָט זיך מיר איינגעגעבן צו ליקווידירן דעם „קאַרעק" און אויס־מיידן שטערונגען אין דער באַוועגונג פֿון מיליטער.

אַביסל שפּעטער האָבן זיך באַוויזן איינצלנע דייטשע זעלנער מיט אונטער־אָפֿיצירן, וועלכע האָבן עפּעס געזוכט. ס'האָט זיך באַוויזן אַ מי־ליטערישער אויטאָ מיט עטלעכע אָפֿיצירן און סאָלדאַטן, ווי אויך אַ ציו־ווילער מאַן. לעבן פּאָסט האָב איך איבערגעלאָזט אַ פֿאַרטרעטער און גע־לאָפֿן אין דער ריכטונג פֿון אויטאָ, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער געביידע פֿון שפּעטערדיקן אוניווערסיטעט, ווו ס'איז געווען אַ געשעפֿט פֿון געווער.

קיין גרויסן מיליטערישן ווערט האָט אַזאַ געווער, ווי יאַגד־ביקסן אָדער פּיסטאָלעטן נישט געקענט האָבן. אָבער אין פּלאַן ביי די דייטשן איז געווען אָנגעמערקט, אַז ביים פֿאַרנעמען די שטאָט זאָלן מען תיכף

רעקווירירן די געווער־געשעפטן. די דייטשן האָבן קענטיק געהאַט צוגע־גרייט אייגענע מענטשן, וואָס האָבן זיי געפירט אין באַשטימטע ערטער, וווּ מ׳האָט געקאָנט באַקומען שפּייז־פּראָדוקטן, פאַרשיידענע אייזן־סחו־רות אאַז״וו.

דערזעענדיק מיך האָט דער עלטערער אָפיציר פאַראָרדנט, אַז די מי־ליץ זאָל נישט צולאָזן נאָענט קיין ציווילע. דאָס וואָפן־געשעפט איז גע־וועזן געשלאָסן, נאָר געהאַט האַלב־גלעזערנע טירן. נישט לאַנג קלערנדיק האָבן די מיליטער־לייט מיט די קאָלבעס אויסגעהאַקט די שויבן און דורך זיי אַריין אין געשעפט. 2 זענען געשטאַנען אינעווייניק, געבישטערט און צוגענומען אַלץ פון געשעפט, דער דריטער האָט געלאָדן אויפן אויטאָמאָ־ביל, אַ פערטער האָט געקוקט אויפן עולם. אויף מיר האָט עס געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ פּשוטן רויב־אָנפאַל. ס׳האָבן זיך צונויפגעזאַמלט מענטשן און צוגעקוקט זיך צו די מעשים פון די „באַפרייער" פון ווילנע.

קענטיק, אַז די פאַרווּנדערונג און די נישט צו פריינדלעכע בליקן פון די אַרומיקע און פון די פאַרשטייער פון דער מיליץ האָבן די אָפיצירן אַרויסגעבראַכט פון די כּלים. עטלעכע מאָל האָבן זיי אָנגעשטעלט רעוואָל־ווערן און זיך שטאַרק געבייזערט אויף מיר, וואָס איך יאָג נישט פונאַנ־דער דעם עולם.

אויף מיין בקשה צו געבן אַ צעטל וועגן די צוגענומענע זאַכן, האָט דער אָפיציר מיר געוויזן אַ פויסט. ענלעכע סצענעס האָבן זיך איבערגע־חזרט, ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, אויך אין אַנדערע געשעפטן.

אין אַ פּאָר שעה נאָכן אָנקומען פון די דייטשן אין ווילנע זענען אויסגעקלעפּט געוואָרן פּראָקלאַמאַציעס פון מיליטערישן דייטשן גובער־נאַטאָר, וואָס זענען פול געווען מיט קלינגענדיקע פראַזעס וועגן באַפרייען פון רוסישן יאָך ווילנע „די פּערל פון פּוילישן קרוין", וועגן אָנקומען פון אַ נייער תּקופה פון פרייהייט וכדומה.

די פּרייסישע „פרייהייט" האָט געלעבט קוים אַ שעה צייט. עס איז גלייך אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל אַראָפּצורייסן די צעקלעפּטע פּראָ־קלאַמאַציעס. די אַרטיקע באַפעלקערונג קאָן נאָך מיינען, אַז זי איז גאָר

דאָס אייבערשטע פון שטייסל. אין דער אמתן דאַרף זי וויסן, אַז עס איז „ווײ צו די באַזיגטע".

עס האָבן זיך באַוויזן אַנדערע פּראָקלאַמאַציעס און באַפעלן וועגן דער נייטיקייט צו פאָלגן דער מיליטערישער מאַכט אָן שום טענות ומענות, וועגן אָפּגעבן געווער (אין קעגנפאַל — טויטשטראָף), צושטעלן צו 2 קאָלדרעס פון אַ פאַמיליע, אָפּגעבן מעש, קופּער, בליי אאַז"וו, נישט גיין אין די גאַסן פון 9 אָוונט ביז 6 פרי. אין גרעסטן טייל האָבן די באַפעלן געמוזט אויסגעפירט ווערן תיכף ומיד.

אין אָוונט האָבן די מיליציאַנערן געמוזט זיך צונויפקלייבן אויף אָפּ־צוגעבן באַריכטן און אויסהערן באַפעלן. דער קאָמיסאַר האָט, נאָך מיין ראַפּאָרט, מיר פאַרגעלייגט אָנצושרייבן אַ באַריכט וועגן צעראַבירן דאָס געווער־געשעפט. דערביי האָט ער אָבער באַטאָנט, אַז מען קען זיך נישט קעגנשטעלן די נייע הערשער. זיי זענען באַוואָפנט און מיר זענען אָן גע־ווער. ער האָט איבערגעגעבן עטלעכע פּרטים פון די דייטשע פאָדערונגען צו דער באַפעלקערונג, וואָס ער האָט געהערט פון ווילנער דייטשן קאָ־מענדאַנט. נישט נאָר אויספירן די באַפעלן, נאָר אויך יראת הכבוד צום דייטשן מיליטער פאָדערט מען פון דער באַפעלקערונג. אָפּטרעטן דעם וועג, אַראָפּגיין פון טראָטואַר, ווען ס'גייען דייטשע אָפיצירן, גיין אויף רעכטס, דינען די דייטשע „טרופּן" מיט אַלע אינפאָרמאַציעס. די מיליץ דאַרף צונויפזאַמלען פון דער באַפעלקערונג אַלץ, וואָס איז נייטיק פאַרן מיליטער.

דער קאָמיסאַר האָט אויך איבערגעגעבן די מעלדונג פון קאָמענדאַנט, אַז די ציווילע מיליץ בלייבט נאָר אויף אַ קורצער צייט, זי וועט היי־יאָר רעאָרגאַניזירט ווערן, עס וועט זיין דייטשע פּאָליציי און די מיליץ וועט ווערן באַנוצט אויף „הילפס־דינסט". אויטאָנאָם קען זי נישט זיין. די צאָל מיליציאַנטן וועט רעדוצירט ווערן. טייל מיליציאַנטן האָבן זיך באַקלאָגט, אַז דייטשע מיליטער־לייט פאָדערן פון זיי צו פירן זיי אין שאַנד־הייזער. איין מיליציאַנט האָט געקראָגן אין אויער. דער קאָמיסאַר האָט אויף דעם מעלאַנכאָליש ווידער אַ מורמל געטאָן, אַז „זיי" זענען באַוואָפנט.

מיט איין וואָרט — ס'זענען געווען טרויעריקע גרוסן.

2 ביינאַכט בין איך ווידער געשטאַנען אויפן פּאָסטן. ס׳האָט געגאָסן אַ רעגן. די גאַסן זענען געווען ליידיק. אין דער פינצטערניש האָבן זיך נאָך געהערט שיכורע געזאַנגען פון דייטשע מיליטער־לייט, וועלכע האָבן געזוכט מקיים צו זיין דעם פּסוק „ווײַן, ווייב, געזאַנג״...

די ציווילע ווילנע האָט אויך מוצאי יום־כּיפּור רואיק נישט געקאָנט שלאָפן. שווערע, פינצטערע וואָלקנס זענען ווייטער געהאָנגען אין דער לופט.

„ווילנער אַלמאַנאַך״, ווילנע, פאַרלאַג „אָוונט־קוריער״, 1939.

די דייטשן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה

1. די פּלאָגן פון די פּליטים

נאָכן פאַלן פון קאָוונע, אין יאָר 1915, האָט דער גאַנצער צפון־מערב־דיקער קאַנט פון רוסלאַנד פאַרגעשטעלט אַ גרויזאַם בילד פון דם ואש ותמרות עשן. די דייטשן האָבן געשפּאַרט אויף די אָפּטרעטנדיקע רוסישע חיילות, וועלכע זענען אייליק געגאַנגען אויף צוריק, זיך אָפּהאַלטנדיק נאָר צייטווייליק, כדי צו געבן אַ מעגלעכקייט די הויפּט־כוחות אָפּצו־טרעטן אין אַ שטיקל סדר. די באַפעלקערונג האָט מען געטריבן צו מאַכן אַקאַפּעס; גלייכצייטיק האָט מען ביים אָפּטרעטן אין אַ סך ערטער געהייסן אַלעמען אַרויספאָרן. מען האָט זיך באַמיט, אַז פאַרן „דייטש" זאָלן נישט בלייבן קיין שום דערנערונגס־מיטלען און הייזער אויף צו ווינטערן. דערי־בער איז דאָס אָפּטרעטן פון די רוסן געווען באַגלייט מיט שרפות פון ישו־בים, דערפער און אַפילו גאַנצע שטעטלעך.

באַזונדערס איז דאָס בילד געווען שרעקלעך ביינאַכט: פון אַלע זייטן איז דער הימל געווען רויט. צווישן די רוסישע חיילות האָבן זיך געפּלאָנ־טערט פּליטים, מיט אָן אַ צאָל פורן, געפּאַקט מיט בעבעכעס און פאַרשיי־דענע שטוב־חפצים. אַ סך האָבן געטריבן מיט זיך בהמות, שעפּסן, חזירים, וועלכע פלעגן שרייען פון הונגער. דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ טייוולאַנישע מוזיק, אויסגעמישט מיט די דונערן פון די האַרמאַטן, שיסערייַ פון ביקסן און געיאָמער פון מענטשן, באַזונדערס קינדער און פרויען.

קיינער האָט נישט געהאַט די מינדסטע פאַרשטעלונג, וווהין צו פאָרן און וואָס צו טאָן. לכתחילה האָט מען גערעכנט, אַז מען קאָן זיך אויס־באַהאַלטן „אָן אַ זייט", עד יעבור זעם, אין די זומפּן, וועלדער און טאָלן, וואָס ליטע פאַרמאָגט. דאָס איז אָבער געווען אַ גרויסער טעות, ווייל גראָד אָט די פאַרוואָרפענע ווינקעלעך, ווו אין די בעסטע צייטן האָט מען נישט געקאָנט דורכפאָרן, זענען געוואָרן אַרענעס פון די פאַרעקשנטע קאַמפן. עס איז נישט געווען קיין אָרט, ווו עס זאָל נישט האָגלען מיט גראַנאַטן און

קוילן. די 100 טויזנט חיילות האָבן זיך געקייקלט ווי כוואַליעס, וואָס פאַרפלייצן אַלץ אויף זייער וועג. און נישט איין ציווילער איינוווינער האָט געפונען דעם טויט זיך באַהאַלטנדיק אין די העקן און די וויסטע ערטער.

די באַפעלקערונג איז געווען אין אַ ביטערער לאַגע. פאַרבלייבן אין דער היים איז געווען אוממעגלעך, ווייל אויסער דער טויט־סכנה פלעגן אַלע בנינים גלייך פאַרנומען ווערן פון מיליטער. און אין אַזאַ מהומה האָט יעדער סאָלדאַט גענומען, וואָס עס איז נאָר געווען אונטער דער האַנט; אַוועקפאָרן פון דער היים האָט אָבער באַטייט אַ פולשטענדיק אונטערגאַנג פון באַלעבאַטישקייט און אַן אומזיכערן צושטאַנד פון נע־ונד. דאָס רוב האָט געמוזט אַוועקגיין, צוליב דעם האָגל פון גראַנאַטן און קוילן.

טויזנטער פורן, געפּאַקטע מיט פּרויען, קינדער און זקנים און צענד־ליקער טויזנטער פוסגייער און אומצאָליקע בהמות האָבן „פאַרשטאָפּט" אַלע וועגן און פלעגן אָפּט זיין אַ שטער פאַר דער באַוועגונג פון די אָפּ־טרעטנדיקע חיילות. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט זיך מ'ט זיי נישט גע־רעכנט און זיי זענען געווען די ערשטע כפרה ביי וועלכער־עס־איז מהומה.

ביינאַכט פלעגט מען זיך אָפּשטעלן אויף פעלדער, לאַנקעס און וועל־דער, גראָבן קאַרטאָפל, פּיטערן אויף דער נישט־אָפּגעשניטענער תבואה די בהמות. צום אומגליק זענען געווען דעמאָלט שטאַרקע גוסרעגנס. קראַנ־קייטן האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן, הגם עס איז כדאי צו באַ־מערקן אַ טשיקאַווע פּסיכאָלאָגישע דערשיינונג: מענטשן קרענקלעכע האָבן פאַרגעסן אין זייערע שלאָפקייטן און פלעגן „מיטהאַלטן" נישט פילנדיק די מחלות, גיין צופוס, עסן אַלץ.

2. די לאַגע פון די יידן

אַ באַזונדער אָרט האָבן צווישן די פאַרוואָגלטע פאַרנומען די יידן. די לופט איז געווען אָנגעזאָפּט מיט שנאה און די באַקאַנטע באַשולדיקונגען אין שפּיאָנאַזש און דייטש־פריינדלעכקייט. אַלע גויים האָבן געגלויבט אין דעם. עס האָבן זיך געטראָגן פעסטע קלאַנגען, אַז די קאָזאַקן וועלן פאַר־טיליקן אַלע יידן, און אין בעסטן פאַל — אַנטאָן זיי די גרעסטע עינויים. די ווירקלעכקייט האָט צוגעשטעלט גענוג באַווייזן דערויף. מען האָט גע־

זאָגט, אַז ווו מען וועט געפינען אַ יידן צוזאַמען מיט אַ קריסט וועט מען אַלעמען „גלייך דערשיסן". זייער שווער איז דעריבער געווען פאַר די יידן צו קריגן אַ נאַכטלעגער ביי די פויערים. די יידן האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער אויף די פעלדער און לאַנקעס. דאָך דאַרף מען קאָנסטאַטירן, אַז ס'זענען געווען קריסטן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן די גרעסטע פריינדלעכקייט צו די יידישע פליטים.

די מיליטערישע מאַכט האָט זיך אומעטום אַרויסגעשטעלט שאַרף אַנטיסעמיטיש. אַט קומען אַן אין אַ שטעטל די לעצטע רוסישע אָפּטיילן. „אַ, יידן, איר וואַרט אויף די דייטשן" — דאָס זענען געווען די ערשטע ווערטער, מיט וועלכע די עלטערע מיליטער־לייט פלעגן באַגעגענען די יידישע פאַרשטייער. וועגן די פּראָסטע סאָלדאַטן איז דאָך שוין אָפּגערעדט. אויף יעדן טריט האָבן זיי נישט אויפגעהערט צו שרייען: „זשידעס, שפּיאָנען" וכדומה. אין איין שטעטל וויסאָקאָדוואָר איז געווען אַביסל אַנדערש. דאָרטן האָבן די יידן געשיקט אַ טעלעגראַמע צום קיסר וועגן „שענקען אַ נצחון איבערן שונא". דערויף האָט דער רב דורכן גובערנאַטאָר באַקומען אַ דאַנק אין פאָרעם פון אַן אָפיציעלן פּאַפּיר.ביים רב איז עס געווען איינגעפאַסט אין אַ ראָם און געהאַנגען אויף דער וואַנט. ווען אַהין זענען אַריין רוסישע אָפיצירן און פאַרנומען אַלע צימערן, האָט דער רב געבעטן, אַז איין צימער זאָל מען נישט פאַרנעמען. אויף אַזאַ „חוצפּה" האָבן די אָפיצירן, פאַרשטייט זיך, געוואָלט שאַרף רעאַגירן. ווען עס איז אָבער קלאָר געוואָרן צוליב וואָס דער רב האָט עס געבעטן, האָט מען גלייך געאַנדערשט די באַציאונג און דאָס צימער באַפרייט. די יידן האָט מען שוין נישט געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל און עס נישט אונטערגעצונדן, ווי מען האָט געהאַט לכתחילה פאַראָרדנט. דאָך זענען כמעט אַלע יידן מיטן רב פון וויסאָקאָדוואָר אַרויסגעפאָרן, איבערלאָזנדיק דעם גרעסטן טייל האָב־און־גוטס אויף גאָטס באַראָט*.

אין די שטעטלעך פלעגן פאַרבלייבן נאָר געציילטע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַנטשלאָסן בעסער צו ריזיקירן אין דער היים, איידער זיך וואַל־

* דאָס זעלביקע פּאַפּיר האָט זיי געראַטעוועט אין וועג, ווען איין אָפּטייל האָט זיי אָנגענומען פאַר „שפּיאָנען".

גערן און ווערן פאַרוואַגלט אין דער פרעמד. אין וועג פלעגן די פערד, אַנגעמאַטערטע און נישט דערעסענע, אָפּט צושטיין און דעריבער האָט מען אַ טייל זאַכן, וואָס זענען שוין געלעגן אויף די וועגענער, איבערגעלאָזט ביי פויערים, פאַרשטייט זיך, אויף הפקר.

דערפאַרנדיק צו אייזנבאַן־ליניעס, אויף וועלכע עס איז נאָך אַנגעגאַנגען אַ באַוועגונג, האָבן אַ טייל פאַרקויפט פאַר „גאַרנישט" פערד און וואָגן און געפאָרן קיין רוסלאַנד. אַ גרעסערער טייל האָט „געצויגן" צו ווילנע, האָפנדיק, אַז דאָרטן וועט מען קאָנען ווי עס איז „איבערזיין" דעם איבערבייט פון דער מאַכט און דערנאָך וועט מען זיך אומקערן אין דער היים.

שוידערלעך איז געווען די לאַגע פון די עטלעכע יידן, וואָס זענען פאַרבליבן אין די שטעטלעך. דער טויט האָט געשוועבט איבער זייערע קעפּ פון קוילן און גראַנאַטן, און אויסער דעם זענען זיי פאַר יעדן קאָזאַק געווען שפּיאָנען און בוגדים, וועלכע מען דאַרף „שיסן ווי הינט".

און דאָס האָט טאַקע נישט איין מאָל געטראָפן. פאַרשטייט זיך, אַז באַרויבט ווערן איז געווען פון די קלענסטע זאַכן. ביי יעדער באַגעגעניש פלעגט מען גלייך אונטערזוכן און צונעמען געלט, אַראָפּנעמען שטיוול אאַז״וו. קלעפּ האָבן אויך נישט געפעלט. עס איז קיין וואונדער נישט, אַז ביי אַזעלכע דערנידערונגען און סכנות האָט מען שוין געוואַרט, אַז די איבערגאַנג־צייט זאָל זיך ענדיקן און עס זאָל שוין טאַקע קומען דער „שפּאַלט" (ווי מען האָט פאַרשטעלטערהייט גערופן די דייטשן). און דעם אמת זאָגנדיק, איז „דער שפּאַלט" אָפּטמאָל געווען דער גואל פון טויט.

3. די לעצטע שעהן פון די רוסן

אין די לעצטע שעהן פאַרן אַוועקגיין, ווען עס בלייבן נאָר די אַריערגאַרדן, איז מען דאָך איינגאַנצן הפקר און קיין מאַכט אין דער וועלט, אַפילו ביים בעסטן ווילן, קאָן נישט איינהאַלטן די מאַראָדערן, בפרט נאָך, ווען עס האַנדלט זיך וועגן יידן.

אין אַ שטעטל איז דאָ אַ געמויערטער קעלער. די זאַכן, וואָס מען האָט נישט געקענט מיטנעמען, האָט מען צונויפגעוואָרפן אַהינצו. דאָרטן

האָבן זיך אויך באַהאַלטן די פאַרבליבענע עטלעכע נפשות. עס איז שבת. פון איין זייט שטעטל די דייטשן, פון דער אַנדערער, און אין שטעטל גופא — די רוסן. אַ שיסעריי. די יידן ווילן האָבן אַ מנין. באַמערקט דאָס אַ קאָזאַק און געפינט דעם קעלער מיט די זאַכן און די יידן. וואָס דאָס באַטייט, ווייס מען שוין. אַנטדעקט אַ חברה יידן, וואָס האָבן אָנגעגרייט אַלץ אויף מקבל פנים זיין דעם דייטש. די זאַכן לאָדט מען אָן אויף גיך אין די וועגענער, און די יידן שלעפּט מען אַרויס פון קעלער און מען פירט היגטערן שטעטל שיסן. מען בינדט זיי די הענט, זיי זאָגן ווידוי. מיטאַמאָל אַ שטאַרקער אָנגריף פון די דייטשן. די קאָזאַקן באַווייזן נישט אויסצופירן דעם פסק־דין. מען וואַרפט האַק און פאַק און מען אַנטלויפט. פאַר די יידן איז אָנגעקומען ריוח והצלה. מען בענטשט גומל אונטערן האָגל פון קוילן, אַז מען איז נישט אומגעקומען אויף אַ שענדלעכן אופן פון קאָזאַקישע הענט.

4. דער צוריקקער פון די פליטים

ווי געזאָגט, האָט דער גרעסטער טייל יידן פון די שטעטלעך דערגרייכט ווילנע און געוואַלגערט זיך דאָ אין די געזעלשאַפטלעכע בנינים, ביי באַקאַנטע, קרובים אאַז״וו. אויפן צווייטן טאָג נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשן, האָט זיך די גאַנצע מחנה פליטים אַ לאָז געטאָן אויפן לוקישקער פלאַץ, ווו מען האָט געזאָלט אַלע אַרויסגעבן אַרויספאָר־שיינען אויף אומצוקערן זיך אַהיים. צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן נישט געקענט באַפרידיקט ווערן אין איין טאָג אָדער אין צוויי. מען האָט זיך געשטויסן און געשטופּט איבער די קעפּ. די ביי־געשאַפענע מיליץ האָט נישט געקענט איינשטעלן קיין שום אָרדענונג. אַ סך האָבן זיך מייאש געווען צו באַקומען די שיינען און האָבן אָנגעהויבן צו פאָרן און גיין צו זייערע חרובע היימען אָן אַ דערלויבעניש.

אין די שיינען איז געווען אָנגעוויזן, אַז מען טאָר ביי די היימלאָזע נישט רעקווירירן די פערד און די חפצים.

די וועגן זענען געווען פאַרנומען מיט די מאַסן פון די דייטשע חיילות. די דייטשע פערד זענען דורך די לאַנגע און גיכע מאַרשן געווען

אויסגעמאַטערט ביזן לעצטן גראַד. אויף די וועגן פלעגן די דייטשן איינגאַנצן צונעמען אָדער „אויסבייטן" די פערד ביי די צוריקוואַנדערער אין אָפּגעבן זיי פּגירות. אמת, פּערזענלעך האָט מען קיינעם נישט גערירט. ווען מען פלעגט צונעמען די פור מיט דעם פורמאַן, פלעגט מען דעם לעצטן געבן עסן אויך.

אויף די וועגן און די פעלדער האָבן זיך געוואַלגערט פאַרשיידענע מיליטערישע מכשירים פון די אָפּגעטראָטענע רוסן: ביקסן, באַגנעטן א״א. אויך שמוציקע וועש, צעריסענע שטיוול, קעסלען, „פליאַגעס" (אויף וואַסער) וכדומה. אין אַ סך ערטער זענען אויך געלעגן דערהרגעטע סאָלדאַטן. די דערפער צעבערנטע, צעראַבירטע, די פעלדער צעטראָטן, אָפּגעפּיטערט. בלויז אַביסל קאַרטאָפל איז נאָך געבליבן אויף די פעלדער. דאָס יאָר איז גאָר געווען אַ גערעטעניש אויף קאַרטאָפל.

אין גרעסערע אָדער קלענערע גיטער, וווּ די אייגנטימער האָבן איבערגעלאָזן סטאַדעס מיט בהמות און עופות, האָט מען גאָר געפונען גאַנצע קופּעס ביינער. די דייטשן, פאַרהאַלטנדיק זיך אין קאַמף מיט די רוסן, האָבן אַלץ אויפגעגעסן.

דאָרט וווּ די הייזער זענען נישט פאַרברענט געוואָרן, זענען זיי אָפּט פאַרבליבן אָן פענצטער, טירן, די מעבל צעבראָכן.

און דאָך זענען די מענטשן געווען צופרידן, וואָס זיי זענען אין זייערע אייגענע ווינקלען, ווו זיי האָבן פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון זייער לעבן. דחקות איז אויסגעקומען אויסצושטיין אָן אַ שיעור. דערהויפּט האָט זיך געפילט אַ מאַנגל אין זאַלץ. פאַר אַ הייפל פון זאַלץ האָט מען ממש געקענט באַקומען אַ גאַנצן זאַק קאַרטאָפל אָדער תבואה. און גרויס איז טאַקע געווען די ספּעקולאַציע מיט זאַלץ.

5. די ערשטע שריט פון די אָקופּאַנטן

אויף די ערטער איז נאָך דערווייל נישט געווען קיין שפּור פון דער נייער מאַכט. בלויז אין די גרעסערע שטעטלעך זענען געווען טעלעפאָניסטן און אַ פאַרשטייער פון מיליטער, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט די מאַכט. אָבער זיי זענען צו ווייניק געווען באַקאַנט מיט די אָרטיקע באַדינגונגען,

אַז זיי זאָלן קאָנען עפּעס טאָן. און די ערשטע צייט זענען זיי טאַקע געווען פּאַסיוו. ווען אין די גרויסע שטעט איז שוין געווען פאַרבאָטן דער פרייער האַנדל און ברויט איז געווען ראַציאָנירט, האָט מען נאָך אין די קלענערע שטעטלעך וועגן דעם נישט געוווסט.

די דייטשן האָבן געפּרוווט אָרגאַניזירן אַ מין אָרטיקע מיליציע, אָבער זיי האָבן עס ערנסט נישט דורכגעפירט, און דאָס איז טאַקע נישט פאַר־ווירקלעכט געוואָרן. זיי האָבן, למשל, באַשטימט פאַר „עלטערע" עטלעכע באַלעבאַטים און בעלי־גופים (רייכערע פּויערים). אָבער די לעצטע האָבן נישט געוווסט זייערע פליכטן און אַגב נישט שטאַרק חשק געהאַט צו „רוקן" זיך. מען האָט געציטערט פאַרן „רוס", וועלכער וועט געוויס קומען (קיינער האָט אין דעם נישט געצווייפלט) און זיך נוקם זיין אָן אַלעמען, וואָס האָבן געהאַט עפּעס אַ מגע ומשא מיט די דייטשן.

עטלעכע דייטשע דעזערטירן האָבן אויסגענוצט די צייטווייליקע אַנאַרכיע און האָבן זיך אַרויסגעגעבן פאַר „בעהערדע" און גענומען, וואָס דאָס האַרץ האָט געגלוסט, בעיקר ביי די פּויערים, וועלכע האָבן זיך מיט זיי נישט געקענט צונויפריידן. עס זענען אָבער געווען פאַלן, ווען מיט דער הילף פון די דעזערטירן האָט זיך די יידן איינגעגעבן אָפּצונעמען די צע־ראַבירטע זאַכן פון די פּויערים.

6. די אָרגאַניזאַציע פון דער נייער מאַכט

דער צושטאַנד האָט אָבער נישט געדויערט לאַנג. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אויף זייער שטייגער תופס זיין די לאַגע. אין אַלע ערטער זע־נען באַשטימט געוואָרן זשאַנדאַרן, וועלכע האָבן זיך געדאַרפט פאַרנעמען מיט ענינים פון דער ציווילער באַפעלקערונג, ריכטיקער געזאָגט, אויספירן די באַפעלן פון דער מיליטערישער מאַכט, אויסנוצן די באַפעלקערונג פאַר די צילן און נויטן פון קריג. אַביסל שפּעטער זענען באַשטימט געוואָרן „אַמטספאָרשטייערס", וואָס האָבן קאָנצענטרירט אין זייערע הענט די גאַנצע מאַכט און דורכגעפירט די צילן פון דער דייטשער אימפּעריאַליס־טישער פּאָליטיק. דער ווירקונגסקרייז פון „אַמטספאָרשטייערס" באַצירק

איז געווען בערך אין דער זעלביקער גרויס, ווי די פריערדיקע וואָלאָסטן (ביי אַ 10 טויזנט נפשות, היפּש פאַרקלענערט צוליב דער מלחמה).

די ערשטע עובדה פון „אַמטספאַרשטייער" איז געווען צונויפרופן אַלע „סטאַראָסטעס*" פון זייער באַצירק און אָנזאָגן זיי שטרענג, אַז זיי מוזן אַלע זונטיק קומען צו אים אין שטעטל. זיי מוזן פּינקטלעך אויספירן די באַפעלן, וואָס זיי וועלן פון אים באַקומען.

אין אַ סך ערטער האָבן זיך נאָך געוואַלגערט רוסישע הרוגים. די פויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן זיי געדאַרפט באַגראָבן. די קערפּערס זענען שוין געווען צעפוילט און צורירן זיך צו די טויטע האָט מען נישט געקאָנט. דער ריח איז געווען אַ שרעקלעכער, דעריבער האָט מען זיי מיט שטאַנגען אַריינגעשטופּט אין די „ברידער־קברים", אויף וועלכע מען האָט געשטעלט ברעטלעך מיט אַן אויפשריפט: „היער רוהען רוסישע קריעגער". אַקעגן זשע די דייטשע „קריגער"־מתים זענען גלייך נאָך די שלאַכטן באַגראָבן געוואָרן, יעדער באַזונדער. און אויף אַ גוט ברעטל זענען געווען פאַרצייכנט אַלע נייטיקע ביאָגראַפישע דאַטעס.

באַלד איז פאַרבאָטן געוואָרן דער משא ומתן מיט תבואה, ווי אויך דער אַריבערפאָר פון איין באַצירק אין דעם צווייטן, שפּעטער פון איין קרייז אין דעם אַנדערן אָן „שיינען". און אַזוי האָט אָנגעהויבן אָפּצושטאַרבן דאָס לעבן און דער פאַרקער צווישן די געגנטן.

בלויז די ערשטע צייטן האָבן די „אַמטספאַרשטייערס" דערלויבט די אָרטיקע קאָמיטעטן פאַר אָרעמע, יידישע און קריסטלעכע, איינצוקויפן אַ געוויסן סכום תבואה, כדי צו פאַרטיילן צווישן דער באַפעלקערונג. די פאָרשטייער פון די קאָמיטעטן פלעגן בעיקר זיין די רבנים און די גלחים, וואָס האָבן געקראָגן די פּריווילעגיעס צו פאַרקויפן זאַלץ, צוקער, ליכט. מען פלעגט עס קויפן אין די קאַנטינעס, אָדער דירעקט פון די „קרייז־הויפּטסמענער" (דאָס זענען געווען די פאָרשטייער פון דער מאַכט אין די

* די פויערים האָבן אין דער צייט פון די רוסן געהאַט דאָס רעכט אויסצוקלייבן אַן עלטסטן אין דאָרף, וועלכער האָט געדאַרפט איבערגעבן די פויערים די פאַראָרדענונגען פון דער מאַכט קלייבן שטייערן וכדומה.

קרייז־שטעט). ביי אַ דריי פֿערטל יאָר צייט איז אין די שטעטלעך נישט איינגעפֿירט געוואָרן קיין ראַציאָנירונג.

אָבער ווען דער מצב פֿון דערנערונג איז געוואָרן ערגער, האָט מען שוין אָנגעהויבן „צוצוטיילן", אמת, נישט אין דער פֿאָרעם פֿון ברויט, נאָר אין מעל אָדער קאָרן. און אַז עס איז נישט געווען קיין קאָרן, פֿלעגט מען געבן האָבער, גערשטן, וויקע. עס זענען געקומען צייטן, ווען עס איז נישט געווען וואָס אַרויסצוגעבן — האָט מען גאָרנישט געגעבן. די שטעטלשע באַפֿעלקערונג פֿלעגט שוין ווי עס איז זיך אַן עצה געבן: די טעגלעכע פֿאַר־ציע איז געווען אַ האַלב פֿונט (אין די בעסטע צייטן) און אַ פֿערטל פֿונט אָדער אַן אַכטל פֿונט אין די ערגסטע צייטן.

7. דער אויספֿרעס־אַפּאַראַט

כדי אויסצופּאָמפּען פֿון דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך, איז ביי די אַמטספֿאַרשטייערס געשאַפֿן געוואָרן אַ באַזונ־דערער „ווירטשאַפֿטס־אויסשוס" — אַ קאָמיסיע, וועלכע האָט געדאַרפֿט אָנפֿירן מיט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו לאַנדווירטשאַפֿט. אויף דעם איז געווען באַשטימט אַ באַזונדערער אונטער־אָפֿיציר מיט עטלעכע סאָלדאַטן.

די מאָדוסן פֿון נעמען ביי די פּויערים די פּראָדוקטן זענען אין פֿאַר־שיידענע צייטן געווען פֿאַרשיידן. מען פֿלעגט אַרויפֿלייגן אויף דעם „אַמטסבאַצירק" אַ שטייער אין נאַטור אויף אַ סכום תבואה פֿון 8 ביז 10 טויזנט פּוד. די סטאַראָסטעס האָבן דאָס געדאַרפֿט פֿאַרטיילן לויט די דערפֿער און לויטן פֿאַרמעגן פֿון פּויער. ווען דאָס האָט נישט געגעבן דעם גאַנצן סכום, האָט מען גענומען מיט צוואַנג און אַ סך מער, וויפֿל עס איז געווען באַשטימט. דערנאָך האָט מען אַריינגעפֿירט אַ געוויסע אָפּשאַ־צונג פֿון גערעטעניש. צו דעם ציל פֿלעגן די מיטגלידער פֿון „ווירטשאַפֿטס־אויסשוס" אַרומפֿאָרן און באַקוקן יעדע באַלעבאַטישקייט און באַשטימען וויפֿל יעדער דאַרף געבן. אין סעפּטעמבער האָט מען געדאַרפֿט אין די שפּייכלערס פֿון „ווירטשאַפֿטס־אויסשוס" אַריינפֿירן אַן אַוואַנס פֿון דעם גאַנצן קאָנטינגענט און אין אָקטאָבער־נאָוועמבער — דעם גאַנצן קאָנטינ־גענט. דאָס איז אויך געווען שייך צו קאַרטאָפֿל. די קאַרטאָפֿל האָט מען

געדאַרפט גלייך פירן פון פעלד אויף דער נאָענטסטער באַן־סטאַנציע און לאָדן אין די וואַגאָנען. די דייטשן אָבער האָבן אויסגערעכנט נישט דעם פּראָצענט, וואָס מען דאַרף אָפּגעבן, נאָר וויפל דער פּויער דאַרף האָבן ביזן נייעם שניט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ איז געווען אַן אָרט פאַר הפקרות. נאָר גיך האָט מען זיך אויסגעלערנט אין דעם „באַרבאַרישן לאַנד" צו נעמען שוחד אויפן שטייגער פון רוסישן טשינאָווניק, מיט דעם חילוק, וואָס דעם לעצטן האָט עס מחייב געווען צו פאַרלייכטערן „דאָס געזעץ" פאַרן אינ־טערעסאַנט, בעת דער דייטש האָט גענומען אָן שום התחייבותן און אין אַ גרעסערער מאָס. ווען מען פלעגט זיך דערוויסן, אַז ביי עמיצן בלייבט מער פּראָדוקטן, ווי עס איז דערלויבט, האָט מען דאָס אָן שום טענות און מענות רעקוויזירט, צונעמענדיק אַפילו דאָס, וואָס דער פּויער דאַרף האָבן פאַר זיך.

גאָר גיך האָבן די פּויערים פאַרשטאַנען, אַז מען טאָר קיין „איבערי־קע" נישט האַלטן פון אויבנאויף און אָנגעהויבן אַלץ צו „פאַרשטעקן". אין די פעלדער און וועלדער, האָט מען געגראָבן ביינאַכט גריבער און גע־שאָטן קאַרטאָפל. אויף תבואה פלעגט מען מאַכן קאַסטנס, טונען און באַ־האַלטן אין היי, שטרוי, אָדער אויך אין גריבער. די גריבער פלעגט מען פאַראַקערן פון אויבן און אָפטמאָל אַפילו פאַרזייען אָדער פאַרזעצן ביימ־לעך, קוסטעס, עס זאָלן נישט בלייבן קיין שפּורן. נאַטירלעך, נישט אַלע־מאָל האָט דאָס געהאָלפן: „גוטע" שכנים פלעגן אַ שושקע טאָן און דער דייטש האָט שוין געטאָן דאָס זייניקע...

8. רעקוויזיציעס

פאַר אַ קאָנטינגענט קאַרטאָפל האָט מען געצאָלט העכסטנס צו 7 מאַרק אַ צענטנער (3 פּוד), בעת אין דער ווירקלעכקייט איז דער פּרייז געווען 20־30 מאָל העכער. פאַר רעקווירירטע תבואות האָט מען גאָרנישט געצאָלט.

די דייטשן האָבן אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט, כדי צו נעמען אַלץ, וואָס ביים לאַנדווירט איז דאָ. אָט בעט אַ פּאָטער, וואָס האָט אַ זון אין ווילנע, אַ דערלויבעניש ביים „אַמטספאָרשטייער" אָוועקצופירן פאַרן זון

2 צענטנער קאַרטאָפֿל. יענער זאָגט נישט אָפּ, אָבער עצהט זיך צו ווענדן צום קרייזהויפּטמאַן, וועלכער וועט דאָס זיכער דערלויבן. אין עטלעכע טעג אַרום קומט אַ טעלעפֿאָנישער באַפֿעל: „צונעמען אַלע פּראָדוקטן און די קאַרטאָפֿל ביים פּאָטער, היות ווי ער האָט איבעריקע צו שיקן פֿאַרן זון".

די לעצטע צוויי יאָר איז שוין געווען אַזוי שטרענג, אַז ווען מען פֿלעגט נישט אָריינפֿירן די תבואה צום טאָג, פֿלעגן די דייטשן אַוועקפֿאָרן מיט אַ דרעשמאַשין אין די שייערן, אויסדרעשן די תבואה און צונעמען אַלץ.

כדי די באַפֿעלקערונג זאָל נישט קענען עסן קיין איבעריקן ביסן, האָט מען צוגענומען ביי אַלע פּויערים די הויז־מילשטיינער (זשאַרנעס). יעדער האָט געמעגט נאָר מאָלן אין אַ פֿאַרויס באַשטימטער מיל לויט אַ דערלויבעניש פֿון „ווירטשאַפֿטס־אויסשוס". אַ סך מילן זענען אינגאַנצן פֿאַרמאַכט געוואָרן. דאָרטן, וווּ מען האָט געבייטלט מעל, האָט מען די בייטלען (אַפּאַראַטן ספּעציעל צום זיפּן די דינע מעל) צוגענומען, און אָן ווייצענע מעל האָט מען טאָקע די גאַנצע צייט פֿון דער דייטשער אָקופּאַציע כמעט ווי פֿאַרגעסן. בכלל פֿאַר ווייץ איז נישט געווען קיין קאָנטינגענט — דאָס האָט מען געדאַרפֿט אָפּגעבן אינגאַנצן.

אַלע איבעריקע פּראָדוקטן זענען געשטעלט געוואָרן אונטער אַ שטרענגער קאָנטראָל. אין דעם ערשטן ווינטער איז פֿאַראָרדנט געוואָרן, אַז אַלע באַצירקן מוזן צושטעלן אַ פֿעסטגעשטעלטן סכום פּוטער און שמאַלץ. אַזוי ווי ווינטער איז כמעט ווי נישטאָ קיין מילך, האָט איין אַמטספֿאַרשטייער געשריבן דעם קרייזהויפּטמאַן, אַז די באַפֿעלקערונג האָט נישט לחלוטין קיין איבעריקע פֿעטס־פּראָדוקטן און זי נייטיקט זיך אין דעם אַליין. דער אַמטספֿאַרשטייער איז גלייך באַזייטיקט און אָפּגעשיקט געוואָרן צום פֿראָנט מיטן אויסרייד, אַז ער דאַרף אויספֿירן באַפֿעלן און נישט צושטעלן זיין מיינונג, ווען מען פֿרעגט אים נישט.

שפּעטער איז איינגעשטעלט געוואָרן, אַז יעדער אייגנטימער פֿון אַ קו מוז צושטעלן אַלע טאָג דעם סטאַראָסטע איין ליטער מילך. שפּעטער איז די מאָס פֿאַרגרעסערט געוואָרן ביז 2 ליטער. די מילך האָט דער סטאַראָסטע געדאַרפֿט אַלע טאָג צושטעלן אין „ווירטשאַפֿטס־אויסשוס", וועל־

כער האָט אין אַלע שטעטלעך געהאַט „מילכערייען“, וואָס האָבן פון מילך געמאַכט קעז און פּוטער אין די צענדליקער פּודן פּער וואָך. ווען עס פלעגט זיך אַרויסווייזן, אַז די מילך איז געפעלשט (מיט וואַסער) אָדער האָט נישט קיין באַשטימטן סכום פעטס („אָפּגעשמאַנט“), האָבן די שולדיקע באַצאָלט גרויסע שטראָף ביז רעקוויזירן די קו. ווען מען האָט נישט געקענט פעסטשטעלן, ווער דער שולדיקער איז, האָט געליטן די גאַנצע גמינע, באַצאָלנדיק שטראָף. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין תירוצים, אַז די קו האָט „פאַרריסן“ אָדער קראַנק געוואָרן. „אויב זי גיט קיין מילך נישט, מוז מען זי ברענגען אויף פלייש פאַרן מיליטער“. אַזאַ ענטפער פלעגט באַקומען יעדערער, וואָס האָט געמאָלדן, אַז די קו גיט קיין מילך נישט. אין האַרבסט, ווען די קי גיבן קיין מילך נישט אַ חודש צוויי, פלעגט דער מילך־שטייער אָפּגעלייגט ווערן. אויסער מילך איז אין פיל ערטער געווען איינגעפירט אַ „פּוטער־שטייער“ — איין פונט אַ וואָך, ווינטער — אַ האַלב פונט.

מער ווי איין קו האָט קיינער נישט געטאָרט האָבן. די איבעריקע האָט מען אומברחמנותדיק צוגענומען אויף פלייש. שעכטן בהמות, שעפּסן, חזירים און עופות האָט מען נישט געטאָרט אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש. בכלל האָט מען אַלע אונטערגעהאָדעוועטע ביקלעך און קעלבער צוגענומען אויף פלייש. פון יעדן שעפּס האָט מען געדאַרפט צושטעלן צוויי מאָל אַ יאָר נישט ווייניקער ווי צוויי פונט וואָל; פון יעדער הון — איין איי אַ טאָג. אין אַנדערע שטעטלעך האָט מען איין מאָל אין וואָך געגעבן אַ דערלויבעניש צו קוילען אַ בהמה פאַר דער באַפעלקערונג. קיין וווּנדער נישט, וואָס די באַפעלקערונג האָט געלעבט כמעט נישט ניצנדיק קיין מילך, אייער, פּוטער און פלייש. דאָס אַוועקנעמען די בהמות איז געווען אַן אמתע פלאָג פאַר דער באַלעבאַטישקייט. דאָס לעצטע יאָר פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט זיך איינגעגעבן צו פּועלן, אַז די באַפעלקערונג אַליין זאָל צושטעלן דעם נייטיקן סכום פלייש. די גמינעס האָבן איינגעפירט אַן אויסקויף־אָפּצאָל פון יעדער קו (צו 15־20 רובל), פאַר דעם געלט האָט מען געשאַפן פלייש. עס זענען געווען רייכערע געגנטן, וואָס האָבן נאָך פאַרמאָגט איבעריקע בהמות און דאָרטן האָט מען געקויפט און געגעבן די דייטשן.

פֿאַר אַלץ, וואָס די דייטשן האָבן גענומען, איז כלומרשט געווען איינ־געשטעלט אַ טאַקסע, צום ביישפּיל, 4־10 פּעניג אַ ליטער מילך אָדער אַן איי. אָבער אויך דער נישטיקער אָפּצאָל איז ס׳רוב געבליבן ביי די סטאַ־ראָסטעס און די אַמטספֿאַרשטייערס.

פֿלאַקס, האָנף, זוימען האָט מען געמוזט אָפּגעבן אינגאַנצן. ווען די דייטשן האָבן באַמערקט, אַז די באַפֿעלקערונג שטעלט עס נישט צו, פֿלעגט מען מאַכן הויז־זוכונגען פֿון שטוב צו שטוב. דעמאָלט האָט מען שוין צו־גענומען אַלץ: געוועבטע לייוונט, פֿאַרשיידענע מעטאַלענע חפֿצים, וואָל־אויסאַרבעטונגען, שפּייז־פּראָדוקטן אאַז״וו. אַזעלכע הויז־זוכונגען פֿלעגן פֿאָרקומען גאַנץ אָפֿט און צוליב פֿאַרשיידענע טעמים, בעיקר נאָכן אַרויס־געבן פֿאַראָרדענונגען וועגן צושטעלן וועלכע עס איז זאַכן (פֿעלכלעך, קו־פּער, חזיר־האָר אאַז״וו).

די אָקופּאַנטן האָבן געזען אַרויסצוציִען פֿון לאַנד דאָס גאַנצע רוי־וואַרג, וואָס דייטשלאַנד מיט אירע שותּפֿים האָבן זיך שטאַרק גענייטיקט אין דעם. יעדע זאַך האָט מען געזען אויסצוניצן, אַפֿילו אַזוינס, וואָס אויפֿן ערשטן בליק האָט אַ נישטיקן ווערט.

מען האָט אין אַ סך ערטער געהייסן קלייבן קראָפּעוועס; דער שטענגל פֿון קראָפּעווע האָט אַ דין הייטל, פֿון וואָס מען קאָן מאַכן אַ סאָרט פֿאָדעם. אויף די לאָנקעס אין ליטע וואַקסן אַזעלכע גראָזן, וואָס ביים צייטיק ווערן האָבן זיי אַ מין פּוך, האָבן קינדער דאָס געמוזט צושטעלן די דייטשן. פֿאַר־שיידענע אָפּפֿאַלן האָט מען אויך געמוזט צושטעלן אין די ספּעציעלע „זאַמלפּונקטן“.

די פֿערד האָבן נישט געטאָרט האָבן קיין לאַנגע עקן און גריוועס. צוויי מאָל אַ יאָר פֿלעגט מען זיי אָפּשערן און אָפּגעבן די האָר.

די געפֿאַלענע פֿערד און בהמות האָט מען נישט געטאָרט באַגראָבן, די נבֿלות האָט מען געמוזט צושטעלן אויף די אוטיליזאַציע־זאַוואָדן אָדער „פֿאַרוווערטונגס“־אַנשטאַלטן.

גאָר דאָס אייבס און יאַגדעס פֿון אַלע סעדער האָט געהערט צו דער מאַכט און דאָס האָט מען נישט געטאָרט פֿאַרקויפֿן פּריוואַט. עס זענען באַשטימט געוואָרן צושטעלערס, וואָס האָבן געדאַרפֿט אַראָפּנעמען דאָס

גאַנצע אייבס פאַר די מאַרמעלאַד־פאַבריקן, וועלכע האָבן געאַרבעט נאָר פאַר די באַדערפענישן פון פראָנט. געצאָלט האָט מען פאַר דעם אַלעם שפּאָטביליקע פרייזן, עפּעס עטלעכע מאַרק אַ צענטנער.

9. מאָביליזאַציעס אויף פערד

אַ שווערע פּלאָג זענען געווען די אָפטע מאָביליזאַציעס פון פערד. אין דער צייט, ווען בנוגע די קי האָט מען נאָך געזען נישט אַוועקצונעמען די לעצטע, איז בנוגע פערד קיין שום איינזעעניש נישט געמאַכט געוואָרן. דער איינציקער מאָדוס איז געווען צוצונעמען יעדעס פערד, וואָס איז גע־זונט און טויג פאַר דער אַרמיי. די אייגנטימער האָבן געדאַרפט צושטעלן די פערד צום באַשטימטן אָרט, וווהין עס פלעגט אַראָפּקומען אַ מיליטער־רישע רעקוויזיר־קאָמיסיע. קיין שום טענות האָבן נישט געהאָלפן. די קאָמיסיע באַשטימט, צו וועלכער קאַטעגאָריע דאָס פערד געהערט, און לויט דער קאַטעגאָריע איז געצאָלט געוואָרן. דערביי פלעגן פאָרקומען האַרצרייסנדיקע סצענעס. די פּויערים, באַזונדערס זייערע ווייבער און קינ־דער, ווען מען פלעגט ברענגען צו מאָביליזאַציע דאָס איינציקע פערד אין זייער באַלעבאַטישקייט, פלעגן זיך איינקלאַמערן אין פערד, זיך אים אָנ־הענגען אויפן האַלדז און נישט לאָזן פירן צו דער קאָמיסיע. די דייטשן אָבער האָבן נישט ליב צו מאַכן קיין שהיות. סאָלדאַטן האָבן שטעקנס און מען שלאָגט מכות־רצח די גאַנצע פאַמיליע, וואָס שטעלט זיך איין פאַרן פערד. פון צער און יאוש ווילן די פּויערטעס קיין געלט נישט נעמען, נאָר מען שלעפּט זיי אַריין מיט גוואַלד צום „שאַצמייסטער" (קאַסיר), מען שטופּט זיי אַריין דאָס געלט און מען וואַרפט זיי אַרויס.

צוגענומען דאָס איינציקע פערד, איז שוין די באַלעבאַטישקייט אינ־גאַנצן רואינירט. אמת, עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַראָרדענונגען, אַז די „פערדלאָזע" זאָלן ביי די שכנים „לייען" פערד אויף צו באַאַרבעטן דאָס פעלד. אָבער די, וואָס זענען באַקאַנט מיט די פאַרהעלטענישן אין דאָרף און די פאָדערונגען פון דער לאַנדווירטשאַפט, וועלן פאַרשטיין, אַז דאָס איז געווען אַ קנאַפּע סגולה. פאַרן נישט צושטעלן דאָס פערד צו דער רעקוויזיר־קאָמיסיע האָט מען באַקומען אַ גרויסע שטראָף, אַחוץ וואָס

דאָס פערד איז פאַרט מאָביליזירט געוואָרן. אַזעלכע מאָביליזאַציעס פלעגן פאָרקומען כמעט צוויי מאָל אַ יאָר. אויסער דעם האָבן אַלע פערד גע־דאַרפט זיין רעגיסטרירט און געשטעמפּלט.

10. די עקספּלאָטאַציע פון הויפן און פעלדער

פון דער אַנדער זייט האָבן די „ווירטשאַפטס־אויסשוסן" געדאַרפט זאָרגן, אַז די פעלדער זאָלן נישט שטיין פּוסט און זאָלן באַאַרבעט ווערן. צו דעם צוועק האָבן די דייטשן פאַרנומען אַלע פאַרלאָזטע הויפן און גע־נומען זיי באַאַרבעטן. אַזעלכע הויפן זענען געווען אין אַ היפּשער צאָל. אַ גרויסער טייל פּריצים זענען אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד. די הויפן זענען געבליבן אָן אינוווענטאַר, אָבער דאָס האָבן שוין די דייטשן געשאַפן. באַאַרבעטן דאָס פעלד פלעגן די דייטשן אויף אַ פּשוטן אופן. מען האָט צונויפגעטריבן די אַרומיקע פּויערים מיט זייערע פערד און זיי האָבן גע־אַקערט, געבראָנעוועט, געזייט. מען האָט געצאָלט אַ מענטשן מיט אַ פערד העכסטנס צוויי מאַרק אַ טאָג אָן עסן. אויף שניידן, גראָבן קאַרטאָפל, יעטן האָט יעדער דאָרף געדאַרפט צושטעלן פּויערטעס, וועלכע האָבן נאָמינעל באַקומען 30 פעניג אַ טאָג (אויך אָן עסן). פּאַקטיש האָט מען אָפט דעם דאָזיקן נישטיקן לוין אויך נישט באַצאָלט. פאַר שלעכט אַרבעטן פלעגן די דייטשן שלאָגן מיט נאַראַפּניקעס און שטעקנס. דאָס לעצטע איז אויך גע־ווען אַ מיטל, ווען מען האָט נישט פאַרשטאַנען זייערע באַפעלן וועגן אַר־בעט. די פּויערים האָבן זיי טאַקע זייער שוואַך פאַרשטאַנען. אויסער פּויע־רים איז נאָך געווען אַ קאַטעגאָריע אומזיסטע אַרבעטער, די אַרויסגעטרי־בענע פון די פראָנט־ליניעס. די זענען געווען אמתע קנעכט אויפן מיצרישן שטייגער. מען האָט זיי באַזעצט אין די פאַרלאָזענע הייזער און געגעבן זיי נאָר צו האַלב פונט ברויט און שוואַרצע קאַווע. די ווייבער מיט די קינ־דער האָבן אויך געמוזט אַרבעטן. פאַרלאָזן דאָס אָרט האָבן זיי נישט גע־טאָרט. די שווערסטע אַרבעט האָבן געדאַרפט טאָן די דאָזיקע היימלאָזע. אויסער פעלדאַרבעט האָבן זיי געמוזט קלייבן שטיינער, ברוקירן די וועגן, וואַשן די וועש פאַר די סאָלדאַטן וכדומה. קיין ווונדער נישט, וואָס אַ סך פון זיי זענען אויסגעשטאָרבן פון הונגער און פאַרשיידענע קראַנקייטן.

אין ערשטן יאָר האָבן די דייטשן געגעבן תבואה צו פאַרזייען פאַר די, וואָס האָבן נישט געהאַט, און אויף נישט קיין טייערע פרייזן. אין די קרייז־שטעט האָט מען אין דער צייט פון פעלדאַרבעט נישט אַרויסגעגעבן קיין שיינען אויף צו פאָרן, סיידן אין אַ באַזונדערן נויטפאַל און נאָך גרויס מאַטערניש. דער ענטפער אויף אַ בקשה וועגן פאָרן איז געווען: די פויערים און די פערד מוזן באַאַרבעטן די ערד. די שטענדיקע אַרבעטער (פאַראָבקעס) פון די הויפן זענען אויך געבליבן ביי די דייטשן, און זייער לאַגע איז געווען אַ ביטערע. אין די לעצטע פאַר יאָר האָבן די נישט טויגעוודיקע סאָלדאַטן צום פראָנט אויך געאַרבעט אויף די הויפן צוגלייך מיט די פויערים, אָבער זיי האָבן באַקומען אַ מיליטערישע פּאָרציע. די הויפן האָבן געגעבן אַ סך תבואה צום אַרויספיר, הגם קיין פּראָגרעסיווע לאַנדווירטשאַפט־מעטאָדעס זענען נישט אָנגעווענדט געוואָרן.

11. פיש־ווירטשאַפט

אינטערעסאַנט איז אויך די פיש־ווירטשאַפט, וואָס די דייטשן האָבן געפּרוווט פירן אויף זייער שטייגער. די פיש־פאַנגעריי איז אין אונדזערע קאַנטן געווען אַ היפּשער פּרנסה־צווייג. די אונטערנעמער זענען ס׳רוב יידן. די ערשטע דריי חדשים זענען קיין באַגרעניצונגען פאַרן פאַנגען און אַרויספירן די פיש נישט געווען. די פרייזן זענען טאַקע געווען גאַנץ הויכע און די פישער מיט די שטאָטישע קאָמיסיאָנערן האָבן דעריבער געשמאַק פאַרדינט. אין דער דייטשער פּרעסע האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אַרטיקלען אַז היות ווי קיין פלייש איז נישטאָ, דאַרף פיש מער אויסגעניצט ווערן. דעמאָלט איז אין ווילנע (יאַנואַר 1916) אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג, אַז אויסערן פיש־מאַרק טאָר אין ערגעץ קיין פיש נישט פאַרקויפט ווערן און עס זענען באַשטימט געוואָרן גאָר קליינע פרייזן, עפּעס טייערער ווי אין שלום־צייט. דאָס האָט גלייך פאַרקלענערט דעם פיש־פאַנג און געטריבן צום אומלעגאַלן האַנדל מיט פיש. די פישער האָבן דערלאַנגט אַ פּעטיציע צום בירגערמייסטער, אַז עס מוז פאַרגרעסערט ווערן די טאַקסע אויף פיש, ווייל עס לוינט נישט צו פאַנגען און פירן די פיש אין שטאָט. דער בירגערמייסטער האָט די בקשה נישט באַפרידיקט, פון דעסטוועגן איז

אין עטלעכע חדשים אַרום די טאַקסע געהעכערט געוואָרן. אָבער דער אומ־לעגאַלער האַנדל מיט פֿיש איז שוין פֿאַרבליבן אויף דער גאַנצער צייט. אויפֿן מאַרק איז שוין פֿיש געווען זייער ווייניק. דערצו האָבן די קרייז־הויפּטמענער נישט געגעבן קיין אַרויספֿאָר־שיינען, פֿאָדערנדיק, אַז די פֿיש זאָל פֿאַרקויפֿט ווערן אויפֿן אָרט. אין אַ צייט אַרום איז אינגאַנצן פֿאַר־באָטן געוואָרן דער פֿאַרקויף פֿון פֿיש „פֿאַר ציוויל". אַלץ האָט געמוזט אָפּ־געגעבן ווערן אין די האַנדל־אָפּטיילן פֿון די קרייז־אַמטן צו גאָר נידעריקע פּרייזן (דער העכסטער פּרייז איז געווען 1 מאַרק אַ פֿונט גרויסע פֿיש, און 20־25 פֿעניג קליינע).

די גרעסערע פֿיש זענען געגאַנגען פֿאַר מיליטער. עס זענען איינגע־אָרדנט געוואָרן „רויכערייען", ווו מען האָט די גרעסערע פֿיש געוועדזלט. די קליינע פֿישלעך פֿלעגט מען אָפּשיקן קיין ווילנע צום פֿאַרקויפֿן דעם שטאָטהויפּטמאַן (בירגערמייסטער), וועלכער האָט דאָס אָפּגעגעבן די יידי־שע קאָמיסיאָנערן. דאָס רוב פֿלעגן די קליינע פֿישלעך אָנקומען אָן אייז, צעריבענע און ממילא פֿאַרדאָרבענע, וואָס קיינער האָט זיי נישט געקענט נוצן. אָבער ווינטער, ווען די פֿיש ווערן נישט אַזוי גיך קאַליע, איז דער פֿיש־מאַרק געווען געפּאַקט און עס פֿלעגן זיין די גרעסטע רייען אויף צו באַקומען 1־2 פֿונט קליינע פֿיש צו 20־25 פֿעניג.

איינמאָל האָבן די דייטשן אויסגענוצט די תאווה צו פֿיש פֿון דער ווילנער באַפֿעלקערונג אויף אַ גאַנץ אָריגינעלן אופֿן: עס זענען אויסגע־קלעפּט געוואָרן מודעות אויף יידיש אין אַלע יידישע קוואַרטאַלן, אַז פֿריי־טיק וועט מען פֿאַרקויפֿן פֿיש אויפֿן מאַרק צו 10 פֿעניג.אַ פֿונט אין אַן אומבאַגרענעצטן סכום. דער עולם האָט זיך פֿרייטיק געלאָזט אין פֿיש־מאַרק אַריין אין די טויזנטער. קיין פֿיש איז אויפֿן מאַרק נישט געווען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס האָט מען געדאַרפֿט אַראָפּנעמען קינעמאַ־טאָגראַפֿישע בילדער פֿון ווילנער יידישן עולם, און נאָר אויף אַזאַ אופֿן האָט מען געקענט צונויפֿקלייבן גרויסע מאַסן אין יענע צייטן.

די אָזערעס, סיי די פּריוואַטע (פֿון די פּאַרלאָזענע), סיי די קרוינישע האָבן די דייטשן, אַזוי ווי די רוסן, אָפּגעגעבן אין אַרענדע. מען האָט גע־מאַכט אַ פּרוּוו צוצוציען דייטשע אונטערנעמער און איין מאָל האָט מען

אַלע אַזוירעס פון גאַנץ קאָשעדאַרער קרייז אָפּגעגעבן אַ דייטש. דער לעצ־טער האָט נישט באַצאָלט און נישט צוגעטראָטן צום פאַנג און מען האָט דאָס געמוזט אָפּגעבן יידן.

אַלע מכשירים צום פאַנגען זענען געווען פון דייטשלאַנד און היות ווי פיש זענען אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ גוטן פּראָדוקט פאַר דער אַרמיי, האָט די „מיליטער־פאַרוואַלטונג ליטאַוען" אַרויסגעגעבן פאַר די פישער נעצן פאַר באַשטימטע פּרייזן, לפי ערך נישט קיין הויכע, שפּעטער אַפילו פאַר קרעדיט. אָבער דעם חוב פלעגט מען דעקן מיט פיש. ווען נישט דאָס איבערשמוגלען פיש אין שטאָט אַריין, וואָלט מען נישט געקענט פאַנגען, ווייל צו גרויס זענען געווען די הוצאות, אַז די טאַקסע פון קרייז־אַמט זאָל קענען דעקן. די פישער האָבן געהאַט די פּריווילעגיע, וואָס זיי האָבן גע־מעגט האַלטן 1־2 פערד, וועלכע מען האָט ביי זיי נישט געטאָרט צונעמען.

כאַפּן פיש האָט מען געמעגט נאָר פון אַ באַשטימטער גרויס, הגם אויף דעם האָט מען נישט זייער מקפּיד געווען.

12. דער שמוגל

בכדי נישט דערלאָזן קיין שמוגל, זענען אויף אַלע וועגן פונאַנדער־געשטעלט געוואָרן וואַכן. די וואַך איז באַשטאַנען פון מיליטערישער פּאָ־ליציי, פעלד־זשאַנדאַרמעריע און ספּעציעלע קאָנטראָלן. די וואַך איז גע־שטאַנען אויף די שטילערע וועגן 10־15 וויאָרסט איינע פון דער אַנדערער, נענטער צו שטעט און שטעטלעך — אַ סך געדיכטער. דאָסגלייכן אויף די גרויסע שליאַכן, די הויפּט־וועגן צו ווילנע. די עובדה פון די וואַכן איז געווען צו קאָנטראָלירן יעדן דורכגייער און דורכפאָרער, זען צי זענען אַלע באַזאָרגט מיט די געהעריקע שיינען און צי מען פירט נישט קיין פּראָדוקטן.

יעדע פור האָט געדאַרפט האָבן ביי דער זייט פון וואָגן אַ ברעטל מיט אַן אויפשריפט פון דעם נאָמען און פאַמיליע און פון וועלכן אָרט און קרייז דער אייגנטימער פון דער פור איז.

אין משך פון דער אָקופּאַציע זענען געווען פאַרשיידענע צייטן אין פּרט פון שטרענגקייט מצד די וואַכן. אַ געוויסע צייט, ווען עס איז גע־ווען רואיקער, האָט מען פוסגייערס אָפט דורכגעלאָזן אָן שיינען און קליי־

נע פעקלעך נישט צוגענומען. דעמאָלט איז אַפילו געווען אַ פאַראָרדענונג, אַז מ'זאָל נישט אַראָפּנעמען פון די פּלייצעס ביז 1 פּוד. דאָס האָט אָבער אָנגעהאַלטן אַ קורצע צייט.

די שטעט זענען לחלוטין געווען פאַרמשפּט צו הונגער־טויט ביי די אַלע ראַציאָנירונגען. די פּרייזן אויף לעבנסמיטלען זענען אומגעהויער געשטיגן, אויף 50־60 מאָל, און דעריבער איז דאָס ברענגען און פאַרקויפן אין שטעט פּראָדוקטן געוואָרן דער איינציקער מיטל פאַר טויזנטער מענטשן צו פאַרדינען און אומדירעקט צו ראַטעווען זיך פון הונגער. דער אומלעגאַלער האַנדל איז טאַקע געווען די הויפּט־באַשעפטיקונג ביי אַ גרויסן טייל פון דער באַפעלקערונג. און אַלע טאָג פלעגן זיך ציען רייען מענטשן פון שטאָט און צוריק. דאָס איז מען געגאַנגען אָפט פאַר צענדליקער וויאָרסטן אין די דערפער אַריין אויפקויפן ביי די פּויערים תבואה, פּוטער, קעז וכדומה און טראָגן דאָס אין שטאָט אויף זיך („פעקלטרעגער").

דורכגיין פאַרביי דער וואַך מיט דער משא איז געווען געפערלעך. דערפאַר האָבן די פּעקל־טרעגער געמוזט גיין מיט זייטיקע וועגלעך, שטעגלעך און פעלדער, כדי אויסצומיידן די דייטשן. נאָר די פעלד־זשאַנדאַרמעריע פלעגט אָפט כאַפּן די „פאַרברעכער" און אַרעסטירן. זיי האָבן באַצאָלט מיט פאַרלירן די סחורה און שטראָף דערצו.

פורן זענען אויך געפאָרן מיט זייטיקע וועגן, אויסמ'יידנדיק די הויפּט־פּאָסטנס פון דער וואַך. נאָר אויסמיידן אַלע איז נישט אַלעמאָל געווען מעגלעך, ווייל אין די פאַרדעכטיקע ערטער זענען געריטן פעלד־זשאַנדאַרן און ווי איז געווען צו דער פור, וואָס איז שוין אַריינגעפאַלן צו זיי אין די הענט. אויסער דער סחורה האָט מען דערביי געקענט פאַרלירן דאָס פערד מיטן שפּאַן.

פון דעסטוועגן האָבן די שטענדיקע שמוגלער געמוזט געפינען אַ מיטל, ווי אַזוי צו פירן לעבנסמיטלען אָן אַזאַ ריזיקע. דער דאָזיקער מיטל איז געווען אַ פּשוטער און אין רוסלאַנד אַן אויסגעפּרווטער: דאָס איז די „וויזיאַטקע", וואָס די דייטשן האָבן זיך אויסגעלערנט צו נעמען גאָר אין גיכן נאָך זייער אָנקומען.

די וואַך האָט אויך געליטן דחקות און דעריבער זענען די וואַכלייט געווען זייער להוט צו אייער, פּוטער און „שפּעק". די שטענדיקע פּוסגייער מיט די פּעקלעך פלעגן זיי אָפּפּטרן מיט עטלעכע אייער, אַ שטיקל קעז אָדער פּוטער. די גרעסערע שמוגלער פלעגן דאַרפן אויסער די פּראָדוקטן געבן נאָך געלט אויך, אַמאָל האָניק און אַנדערע זאַכן. פאַרן פאָרן ביינאַכט איז אויך געקומען אַ גרויסע שטראָף — מען פלעגט צונעמען דאָס פערד. אָבער ביינאַכט איז געווען גרינגער דורכצוגנבענען זיך דורך די וואַכן, וועלכע מען האָט נישט געקענט אונטערקויפן. און אַלע גרויסע שמוגלער האָבן טאַקע געפירט די סחורות ביינאַכט, „אָפּמאַכנדיק" פריער מיט עטלעכע פּאָסטנס.

עס זענען געווען שמוגלער, וואָס האָבן ריזיקירט און געפאָרן אָן שום אָפּמאַך, „אולי יעבור". ווען מען פלעגט זיי אָננעמען און בעטן אַ שיין, פלעגן אַנדערע אַרויסנעמען אַ 20- אָדער 50-מאַרקשיין אָדער מער, אויב די פור איז געווען אַ גרויסע און געבן דעם סאָלדאַט. אָפט איז דאָס דורכגעגאַנגען, אָבער טיילמאָל פלעגן די זשאַנדאַרן אָדער סאָלדאַטן צושטעלן צו די געהעריקע אַמטן די שמוגלער מיט דער סחורה, מיט דעם פאָרגעלייגטן שוחד, און דעמאָלט האָט שוין אויף דעם פאַרהאַלטענעם געוואָרט אַ מיאוסער פּסק: אי דאָס פערד, אי די סחורה זענען געגאַנגען פאַרלוירן, אויסער אַ גרויסן קנס און אַמאָל אַפילו תּפיסה.

אָפּהאַלטנדיק אַ פור, פלעגט די וואַך קודם-כל פאָדערן שיינען און דערנאָך, אויב עס איז זיי געווען עפּעס פאַרדעכטיק, הייסן אַרונטערגיין די פּאַסאַזשירן און רעווידירן די פור: אויסטרייסלען אַלע פּעקלעך, אויסטאַפּן דאָס היי מיטן שטרוי, דעם האָבער פאַרן פערד אאַז"וו.

אָפט פלעגט מען דערביי מאַכן פּערזענלעכע אונטערזוכונגען, אַרומטאַפּן די קעשענעס, פאַרשיידענע ערטער אונטער די קליידער, ווייל מען האָט אויף אַזאַ אופן דורכגעשמוגלט לייוונט, אַרומוויקלענדיק דאָס אַרום זיך, וואָל, פעל וכדומה*.

---

* איך פּערזענלעך האָב זיך איין מאָל אומגעקערט מיט מיינע קליינע קינדער פון מיינע עלטערן, וועלכע האָבן מיר מיטגעגעבן עפּעס פון פּראָדוקטן. אין קאָפּליצע, לעבן ווילנע, האָט מען אין וואָגן געפונען אַ פּוד קאַרטאָפל, 12 פונט אַרבעס און 25 אייער.

די שמוגלער האָבן געמאַכט אין די וועגענער טאָפּלטע דעקן, וווּ מען האָט באַהאַלטן פּראָדוקטן, ווי פלייש, פּוטער, קעז און אַלערליי טייערע רוימאַטעריאַלן; אָבער גאָר אין גיכן איז דאָס אויפגעדעקט געוואָרן און דער דאָזיקער מיטל האָט שוין נישט געקענט גילטן.

מיט דער צייט האָט מען זיך צוגעוווינט צו דער לאַגע און דער שמוגל איז געוואָרן אַן אומגעזעצלעך־געזעצלעכער האַנדל, וואָס איז געווען בייטיק פאַר דער עקאָנאָמיק פון לאַנד. די דייטשן אַליין, ווי יחידים, האָבן זיך געניייטיקט דערין, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט צוצוקויפן פּראָדוקטן פאַר זיך און פאַר זייער הויזגעזינד אין דייטשלאַנד אויף צו שיקן פער פּאָסט און מיטצונעמען, ווען מ׳פאָרט אויף אורלויב.

13. די דעמאָראַליזאַציע פון די אָקופּאַנטן

בכלל האָט זיך אין דער לעצטער צייט פון דער אָקופּאַציע אָנגעהויבן צו פילן אַ שטאַרקע דעמאָראַליזאַציע בנוגע דעם חוב צום פאָטערלאַנד און צו דער אַרמיי. יעדער סאָלדאַט און באַאַמטער, וואָס איז געשטאַנען אין רשות פון דער „מיליטער־פאַרוואַלטונג ליטאַוען" און „עטאַפּן־קאָמענדאַנטור" האָט מער געזאָרגט פאַר זיך, ווי אַזוי צו מאַכן געלט און אָפּשיקן דאָס אַהיים און ווי אַזוי צו לעבן אַליין אַ גוטן טאָג אין דעם אָקופּירטן לאַנד. מיט „לאַ־יחרץ"־געלט פלעגט מען קענען כשרן אַ סך פאַרבאָטענע זאַכן. אַלע אַמטספאַרשטייער האָבן געהאַט פון כל־טוב. יעדער באַלעבאָס אָדער פריץ האָט צוגעשיקט צום אַמטספאַרשטייער דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. אייער, פּוטער, האָניק, ווייץ, פעטס, פּרוכט — אין דעם האָבן די העכערע דייטשע באַאַמטע זיך ממש געבאָדן. די דינסטן

דער אונטער־אָפיציר, וואָס האָט געמאַכט די אונטערזוכונג, האָט מיך געמוסרט פאַרן פאַרברעכן. איך האָב אָנגעוויזן, אַז איך פיר דאָס נישט צום פאַרקויפן. „דאָס איז לעגאַל פאַרבאָטן". די קינדער האָבן געוויינט פאַר שרעק, אָבער דאָס האָט נישט געמאַכט קיין איינדרוק. קאָנפיסקירט די קאָנטראַבאַנדע, האָט דער אונטער־אָפיציר מיר אַרויסגעגעבן אַ צעטל אויף דעם, וואָס ער האָט צוגענומען. דערנאָך איז פאָרגעקומען איבער מיר דער משפט אין ווילנע. איך האָב געדאַרפט באַצאָלן הונדערט מאַרק שטראָף. די פּראָדוקטן זענען צוריק נישט אָפּגעגעבן געוואָרן.

זייערע פלעגן זיך אָפּט באַרימען, אַז עס איז זיי שוין ביטער אין האַלדז פון צופיל האָניק עסן. דאָס זעלביקע איז געווען ביי די זשאַנדאַרן. אויסער פּראָדוקטן אין נאַטור, וועלכע זיי האָבן דאָך געקענט פאַרברויכן נאָר אין באַגרענעצטן סכום און וועלכע זיי פלעגן טאַקע פאַרקויפן צו די שמוגלער, פלעגן זיי נעמען געלט, כדי צו מאַכן פאַרשיידענע הנחות ביי רעקווירן תבואה, בהמות וכדומה. די זשאַנדאַרן, בפרט די, וואָס זענען לאַנג געזעסן אויף איין אָרט, האָבן אָנגעקליבן גאַנץ היפּשע סומעס.

אַ גרויסער טייל באַאַמטע האָבן געהאַט פון דער אַרטיקער באַפעלקערונג דינסטן, וועלכע זענען געווען אויך קעבסווייבער ביי זייערע האַרן. אין דאָרף ד. האָט דער פאַרשטייער פון דער מאַכט פשוט אַרויסגעטריבן דעם מאַן פון דעם הויז, ווו ער האָט זיך באַזעצט מיט נאָך צוויי סאָלדאַטן און געמאַכט פאַר קעפּסווייבער די מוטער מיט דער טאָכטער, וועלכע האָבן געבוירן קינדער פון די „שכנים". אַזעלכע פאַלן זענען געווען נישט זעלטן.

ווען מען פלעגט שוין אָפּזיין אַ לענגערע צייט אויף איין אָרט און שליסן באַקאַנטשאַפט, פלעגן די אַמטספאַרשטייערס און זשאַנדאַרן, אויפן שטייגער פון די רוסישע פּריסטאַווס און אוראַדניקעס, גיין אויף „כיבוד" צו אַלע יידישע באַלעבאַטים בשעת יום־טובים, ביחוד פּסח, זיך „באַקענען" מיט די ספּעציפישע יידישע מאכלים. ווען צו אַן אַמטספאַרשטייער איז געקומען צו גאַסט זיין פרוי*, איז ער כמעט יעדן טאָג אין משך פון זעקס וואָכן געפאָרן מיט איר אויף כיבוד צו אַלע פּריצים, רייכערע פּויערים און יידישע באַלעבאַטים. דערביי האָט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט אויך פון געלט־כיבודים אָדער מתנות פאַר דער פרוי. און די „גאַטין" האָט אַרויסגעפירט פון „ליטאָוען" אַ היפּש ביסל האָב און גוטס.

גאָר אַ סך האָבן די באַאַמטע פאַרדינט אויף דער וואַלד־ווירטשאַפט (פערסטער). לכתחילה האָבן די דייטשן געפּרוווט אַליין פירן די ווירטשאַפט, האַקן האָלץ מיט דער הילף פון די צוואַנג־אַרבעטער. אָבער ווען

* בכלל איז געווען פאַרבאָטן צו ברענגען די פאַמיליע פון דייטשלאַנד. אין זעלטענע פאַלן אָבער פלעגן איינצלנע באַאַמטע יאָ באַקומען אַ דערלויבעניש צו ברענגען אויף אַ קורצער צייט זייערע פרויען.

דאָס האָט נישט געקענט דעקן די גוואַלדיקע נויט פֿון פֿאָטערלאַנד אין גע־הילף, האָט מען געמוזט אָנקומען צו פּריוואַטע האַלץ־הענדלער, וועלכע האָבן לויט קאָנטראַקטן געדאַרפֿט צושטעלן האָלץ, אָדער מען פֿלעגט אַ באַשטימטע צאָלביימער פֿון די וועלדער אָפּגעבן אין אַרענדע אויף אויס־צוהאַקן און פֿאַרקויפֿן פֿריי די „פֿאָטערלענדישע" פֿירמעס. דאָ פֿלעגן פֿאַר־קומען די גרעסטע שווינדלערייען. די אַמטספֿאַרשטייער אָדער זייערע באַ־פֿולמעכטיקטע פֿלעגן דאַרפֿן צונעמען דאָס האָלץ. באַשטימען זיי, אַז עס איז אויסגעהאַקט געוואָרן אַזוי פֿיל פֿעסמעטער, פֿאַר וועלכע די האָלץ־הענדלער דאַרפֿן באַצאָלן. דער הענדלער מאַכט פֿריער אָפּ מיטן אַמטס־פֿאַרשטייער אָדער „פֿערסטער", אַז ער וועט פֿאַרשרייבן נאָר אַ העלפֿט אָדער אַ דריטל און מיטן רעשט וועלן זיי זיך טיילן.

אויף אַזאַ אופֿן זענען אויסגעהאַקט געוואָרן צענדליקער טויזנטער דעסיאַטין וואַלד און מיליאָנען ביימער. און מען קען זיכער זאָגן, אַז די הויפּט־עשירות פֿון ליטע, וואָס איז באַשטאַנען אין די געדיכטע וועלדער, איז נאָך דער ממשלה פֿון די דייטשן פֿילפֿאַכיק פֿאַרקלענערט געוואָרן. אין די גרויסע וועלדער פֿלעגט מען שטעלן זעגמילן, וואָס פֿלעגן אַרבעטן טאָג און נאַכט. כדי צוצופֿירן די מאַטעריאַלן צו די באַן־סטאַנציעס, האָט מען אָפּט געבויט „קליין־באַנען", געלייגט רעלסן און מיט וואַגאָנעטקעס גע־פֿירט אין די זאַמלפּונקטן. אויף אויסצוהאַקן די וועלדער האָט מען גע־דאַרפֿט האָבן צענדליקער טויזנטער מענטשן און צו דעם צוועק האָבן די דייטשן איינגעפֿירט צוואַנג־אַרבעט.

14. צוואַנגס־אַרבעט. פּאַפּילווע

די גזירה פֿון צוואַנגס־אַרבעט האָט זיך מיטן גאַנצן אימפּעט אויס־געגאָסן אויף די דערפֿער און שטעטלעך סוף 1916. אַלע יונגעלייט אין עלטער ביז 40 יאָר האָבן זיך געדעכנט פֿאַר מאָביליזירטע, בעיקר אָבער פֿלעגט מען באַשטיין אויף די 17־25יאָריקע. די סטאַראָסטעס האָבן גע־מוזט צושטעלן די רשימות פֿון די יונגעלייט. די פֿאַררעגיסטרירטע האָבן זיך אַליין געמוזט מעלדן. ווער עס איז נישט געקומען צו דער צייט, פֿלעגן סאָלדאַטן בײַנאַכט אים כאַפּן ווי אַ פֿאַרברעכער. די ערשטע זאַך נעמט

מען צו ביי די צוואַנגס־אַרבעטער זייערע אָסט־פּעסער*. דורך דעם פלעגט מען ווי פּאַראַליזירט ווערן: מען האָט שוין אין ערגעץ נישט געקענט אַרויסגיין, סיידן די גאַנצע צייט ליגן אויפן בוידעם.

די אָנגעקומענע מענטשן, איידער מען פלעגט זיי אָפּשיקן צו דער צוואַנגס־אַרבעט, זענען געווען פאַרשפּאַרט און אַ וואָך האָט זיי געהיט, זיי זאָלן זיך נישט צעלויפן. דערנאָך האָט מען זיי פונאַנדערגעשיקט אין פאַרשיידענע ערטער, ביחוד אין די גרויסע וועלדער צו האַקן האָלץ, אויף שאָסייען צו בויען נייע וועגן, אָדער ווי שוואַרצע אַרבעטער אויפצושטעלן די נייטיקע מיליטערישע בנינים, אַמאָל אויך צום פראָנט — גראָבן אָקאָפּעס אאַז״וו.

פאַר איינעם פון די ערגסטע ערטער פון צוואַנגס־אַרבעט אין אונדזער קאַנט האָט זיך גערעכנט פּאָפּילווע, נישט ווייט פון קאָוונע. דאָרטן האָט מען געהאַקט די גרויסע קאָזלאָווע־רודער וועלדער. דערצו זענען געווען באַשטימט איבער 3 טויזנט מאַן, וועלכע זענען געווען צעטיילט אויף פּאַרטיעס אָדער קאָמפּאַניעס, צו 150־300 מאַן. איין טייל האָט געהאַקטביימער, אַ צווייטער האָט זיי געלאָדן אויף דער קליין־באַן, אַ דריטע אויף דער גרויס־באַן, אַ פערטע אויף די זעג־מילן אאַז״וו.

עס זענען אויסגעבויט געוואָרן באַראַקן פון ברעטער פאַר די אַרבעטער. אינעווייניק זענען געווען הוילע נאַרעס אויף צו שלאָפן, אַמאָל באַדעקט מיט סטרוזשקעס. בסך־הכל זענען געווען פיר באַראַקן, איינער נאָר פאַר יידן. ווינטער איז אין די באַראַקן געווען קאַלט ווי אין דרויסן. האָלץ איז געווען, עס האָבן אָבער געפעלט אויוונס און עס איז נישט געווען, ווער עס זאָל דאָס אויפפּאַסן. די אַרבעט פלעגט זיך אָנהייבן 5 אַזייגער אין דער פרי און זיך ענדיקן 6 אַזייגער אין אָוונט, אין דעם איין שעה, פון 12 ביז 1, אויף מיטאָג. אויפשטיין האָט מען געדאַרפט 4 אַזייגער, דערצו האָט מען נאָך אָפט געדאַרפט אַ 6־7 וויאָרסט גיין צו די ערטער, וווּ מען האָט געאַרבעט, און צוריק. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע און נישט אַלע האָבן

* אַזוי האָבן געהייסן די פּעסער מיט פאָטאָגראַפיעס, וואָס די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן אַלעמען פון 10 יאָר אָן. די פּעסער פאַר יידן אין ליטע האָבן געהאַט אויך אַ יידישן טעקסט.

געקאָנט אויסהאַלטן, קיין רחמנות אָבער איז נישט געווען; ביז אַ מענטש פֿלעגט נישט פֿאַלן — און עס האָבן שוין נישט געהאָלפֿן קיין שטעקנס און נאַגאַיקעס אים אויפֿצוהייבן — פֿלעגט מען מוזן אינטענסיוו אַרבעטן. ביי אַזאַ שווערער אַרבעט האָט מען געגעבן אויף 4 מאַן 1 קילאָ ברויט אויף אַ טאָג, אין דער פֿרי שוואַרצע קאַווע, 12 אַזייגער מיטאָג — אַ ליטער זופּ, וואָס איז אָפֿט באַשטאַנען פֿון צעפּוילטע רונקלס (בוראַקעס פֿאַר בהמות), אָדער ברוקווע מיט געטריקנטע קאַרטאָפֿל. אין אָוונט אַ לעפֿל מאַרמעלאַד מיט שוואַרצער קאַווע. און דאָס אַלץ.

מען דאַרף געדענקען, אַז די ווינטערס זענען געווען זייער האַרבע, די קליידער מיטן שוכוואַרג פֿלעגן זיך ביי אַזאַ אַרבעט צערייסן זייער גיך, און די אַרבעטער זענען געגאַנגען אַרומגעריסן און אָן גאַנצע שיך.

די סאָלדאַטן פֿלעגן אַרומזען, צי האָט ווער נישט צעריסן די שטיוול מיט אַ כיוון, כדי זיך צו באַפֿרייען פֿון דער אַרבעט. אין אַזאַ פֿאַל האָט דער שולדיקער באַקומען שטאַרקע קלעפּ און איז דאָך געשיקט געוואָרן צו דער אַרבעט. ווען דאָס שוכוואַרג איז שוין געווען אינגאַנצן צעפֿאַלן, האָט מען אַרויסגעגעבן הילצערנע שיך, פֿאַר געלט. דאָס געלט האָט מען אַראָפּגערעכנט פֿון שכירות. שכירות אַ טאָג האָט זיך גערעכנט 30 פֿעניג.

וועגן היגיענישער אויפֿפּאַסונג האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד. טיילמאָל האָט מען כלומרשט געפֿירט אין אַ „באָד", וווּ עס איז געווען בלויז קאַלט וואַסער. אָנשטאָט זייף האָט מען רעקאָמענדירט זיך צו וואַשן מיט זאַמד.

אַ קורצע צייט איז געווען דערלויבט צו גיין זונטיק אין די נאָענטע דערפֿער איינקויפֿן ברויט; אָבער ווען עטלעכע האָבן די דאָזיקע געלעגנהייט אויסגענוצט צו אַנטלויפֿן, איז דאָס פֿאַרבאָטן געוואָרן.

איין מאָל איז אויפֿן באָדן פֿון הונגער און שלעכטן עסן אַפֿילו אויסגעבראָכן אַ פּראָטעסט. וועגן דעם שלעכטן עסן האָט מען געמאָלדן דעם לייטענאַנט, ער האָט זיך אָבער אויסגעלאַכט. דעמאָלט האָבן אַ טייל אַרבעטער באַשלאָסן נישט צו גיין צו דער אַרבעט און אַראָפּגעריסן פֿון זיך די נומערן*. די אַקציע איז אָנגענומען געוואָרן פֿאַר אַן אויפֿשטאַנד. די

* יעדער צוואַנגס־אַרבעטער האָט געהאַט אויפֿן היטל און אַרבל אָנגענייט אַ נומער.

אנטיילנעמער זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך רעווידירן די קליידער. ביי וועמען עס האָט געפעלט דער צוגעגייטער נומער, איז אַרעסטירט און מערדעריש צעשלאָגן געוואָרן. 14 (6 יידן און 8 קריסטן) מענטשן זענען איבערגעגעבן געוואָרן צום געריכט. פון זיי זענען 2 פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, נאָר זיי זענען באַגנאַדיקט געוואָרן אויף 16 יאָר שווערער טור־מע, די איבעריקע צו געפענגעניש פון אַ האַלב ביז אַ יאָר.

ביים צעטיילן די זופּ האָט איינער זיך אַ שטופּ געטאָן צום קעסל נישט אין דער ריי און דערפאַר איז ער אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן דורך דעם וואַך־סאָלדאַט.

שרייבן אַהיים איז געווען פאַרבאָטן, נאָר איין מאָל אין דריי־פיר חדשים האָט מען געגעבן אורלויב אויף 10 טעג. באַן־געלט איז געווען אויפן אייגענעם חשבון און דערצו האָט מען געמוזט לאָזן 50 מאַרק ערבות. ווער עס האָט פון אורלויב פאַרשפּעטיקט, האָט דאָס ערבות־געלט פאַר־לוירן.

טייל האָבן זיך אָפּגעהאַקט די פינגער, כדי פּטור צו ווערן פון אַזאַ גהינום. אָבער דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן: ווען דער דאָקטאָר פלעגט פעסטשטעלן, אַז דאָס איז געמאַכט געוואָרן בכוונה, האָט דער בעל־מום געדאַרפט אַרבעטן מיט צעשעדיקטע הענט אָדער פיס.

נישט ווייניק מענטשן זענען אומגעקומען ביי דער אַרבעט, צע־קוועטשט געוואָרן פוןביימער אויף טויט אָדער צעקאַליעטשעט געוואָרן. נאָך מער האָבן אָפּגעפרוירן די הענט מיט די פיס, געקראָגן רעוומאַטיזם אָדער גיכע שווינדזוכט. באַפרייט ווערן פון דער אַרבעט פלעגט מען נאָר דאַן, ווען מען האָט שוין אינגאַנצן פאַרלוירן די אַרבעטס־פעאיקייט אָדער ווען מען האָט צוגעשטעלט אַנשטאָט זיך אַן אַנדערן (אַ „זאַצמאַן"). אָבער אויך אין דעם לעצטן פאַל האָט נישט איין מאָל געטראָפן, אַזביידע זע־נען פאַרהאַלטן געוואָרן ביי דער אַרבעט.

מענטשן האָבן ביי דער ערשטער מעגלעכקייט געזוכט צו אַנטלויפן פון פּאַפּילווע, נישט טראַכטנדיק, וואָס וועט זיין מאָרגן; וואָרעם לויפן איז נישט געווען ווהיין, און אַן דעם פּאַס פלעגט מען סוף־כל־סוף אַריינ־פאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי.

לכתחילה האָבן אין פּאָפּילווע געאַרבעט געפֿאַנגענע פּראַנצויזן. ווען זיי האָבן אָבער נישט געקענט אויסהאַלטן אַזאַ רעזשים און אָנגעהויבן מאַסנווייז אויסצושטאַרבן, האָט מען זיי פֿאַרביטן מיט דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג.

די גזירה פֿון צוואַנגס־אַרבעט ביי אַזעלכע באַרבאַרישע באַדינגונגען האָט געדויערט בערך אַ יאָר אַנדערהאַלבן, ביז מען האָט, ווייזט אויס, דורך נייטראַלע מלוכות ווען דעם אינטערווענירט.

15. די באַציאונג צו דער באַפֿעלקערונג

בכלל האָבן די דייטשן זיך באַצויגן צו דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג כמעט ווי צו בהמות, וועלכע דאַרפֿן דעם באַלעבאָס ברענגען נוצן, אָבער האָבן אַבסאָלוט קיין שום רעכט נישט. ריידן האָט מען גערעדט נאָר מיט דער שפּראַך פֿון באַפֿעלן, זייער אָפֿט זיך באַנוצט מיט פֿיזישע מיטלען, געשלאָגן מיט שטעקנס אָדער נאַראַפּניקעס פֿאַר אַ וואָרט אָדער פֿאַר נישט אויספֿירן עפּעס אַ זאַך, ווי עס פֿאָדערט זיך. דעריבער טאַקע פֿלעגן די פּויערים ציטערן ווען זיי האָבן דערזען אַ דייטש. זיי האָבן געוווּסט, אַז עס שמעקט שוין מיט אַ גזירה, אַ רעקוויזיציע, אַ רעוויזיע וכדומה.

דאָס נישט פֿאַרשטיין די שפּראַך פֿון די אָקופּאַנטן האָט אין די דער־פֿער געפֿירט אָפֿט צו פֿאַרשיידענע מיספֿאַרשטענדענישן, וועלכע האָבן זיך טיילמאָל אויסגעלאָזט זייער טראַגיש. אָט קומט אין דאָרף אַ דייטשער סאָלדאַט און פֿאָדערט גלייך אַ פֿור. דער פּויער זיצט אויפֿן דאַך און דעקט אים. ער גיט צו פֿאַרשטיין דעם סאָלדאַט, אַז אָט ענדיקט ער די אַרבעט און גייט גלייך אַראָפּ. ביי דער אַרבעט באַנוצט ער אַ האַק. דעם דייטש דאַכט זיך אויס, אַז דער פּויער האָט אים אָנגעבאָטן צו שפּאַלטן דעם קאָפּ. ער לויפֿט נאָך זיינע קאָלעגן און מען נעמט דעם פּויער שלאָגן. מען אַרעס־טירט אים. עס ווערט פֿאַרפֿירט אַ פּראָצעס פֿאַר ווידערשטאַנד מיט כּוח קעגן מיליטער. דעם פּויער דראָט טויטשטראָף. אָבער ער שטאַרבט אין געפֿענגעניש פֿון אַן אומבאַוווּסטער סיבה.

אָדער נאָך אַ פֿאַל: עס קומט אַ דייטש אין דאָרף קרונטשיק נאָך אַ פֿור. דער פּויער דערקלערט, אַז ער קאָן איצט אים קיין פֿור נישט געבן.

דער סאָלדאַט הייבט אָן צו שלאָגן מיט דער קאָלבע דעם פויער מיט זיין פאַמיליע. די באַפאַלענע ווערן זיך. דער סאָלדאַט כאַפּט אַרויס אַ מעסער און האַקט אָפּ דעם פויער די פינגער. דאַן האָבן אַלע הויז־לייט זיך גע־וואָרפן אויפן סאָלדאַט און אים געבונדן, און אַזוי האָבן זיי אים אַוועק־געפירט צום אַמטספאָרשטייער, מיינענדיק, אַז דער רוצח וועט באַקומען זיין שטראָף. ווי אָבער די דייטשע סאָלדאַטן אין שטעטל זענען דערפון געוווּיר געוואָרן, זענען זיי שרעקלעך אויפגעבראַכט געוואָרן: „סטייטש! אויב די באַפעלקערונג וועט פאַרלירן די מורא פאַר אונדז, וועלן זיי אונדז אויסשעכטן! וויפל זענען מיר דאָ?". דעם פויער האָט מען געוואָלט שיסן אויפן אָרט, נאָר איינער האָט עס קוים אָפּגעהאַלטן. מען האָט אים אויף טויט געשלאָגן און אַוועקגעשיקט אין טורמע. אים האָט געדראָט טויט־שטראָף, אָבער דאָס איז שוין געווען דאָס לעצטע יאָר און ער איז געבליבן לעבן.

אָפט פלעגן זשאַנדאַרן שיסן גלייך אויף אַן אָרט, נישט אַרעסטירנ־דיק, ביי דעם מינדסטן חשד פון ווידערשטאַנד אָדער ביים נישט אָפּשטעלן זיך נאָך דעם רוף „האַלט". דער זשאַנדאַר סטאַכאָוויטש (אין רודזשישקי), למשל, האָט דערשאָסן אַ קריסט אורבאַנאָוויטש, וואָס האָט געפירט האָלץ פון רעגירונגס־וואַלד אָן אַ דערלויבעניש. אויך איז פון אים דערשאָסן גע־וואָרן אַ יונגער קריסט פון דאָרף אַנגלעניק, וואָס האָט געפירט בהמות און נישט דערהערט דאָס וואָרט „האַלט". דער זעלביקער זשאַנדאַר פלעגט שטענדיק האַלטן ביי זיך אַ שטעקן און גלייך שלאָגן אָדער אָנרייצן דעם הונט, וועלכער איז מיט אים מיטגעלאָפן. ער באַגעגנט אַ יידן, וואָס פירט קאָרן אין מיל. ער פרעגט אים, צי דאָס איז שמוגל. דער ייד ענטפערט, אַז ער פירט אַביסל קאָרן צו מאָלן. דער זשאַנדאַר הייבט אָן צו שרייען, אַז דאָס איז שמוגל און שלאָגט מיטן שטעקן דעם יידן, ביז ער צעבראָכט אים איבער זיין קאָפּ. ער באַנוגנט זיך אָבער דערמיט נישט און רייצט נאָך אָן דעם הונט, וואָס צעבייסט דעם יידן.

אַן אַנדער זשאַנדאַר האָט געהאַט אַ קייטעלע, וואָס ער האָט פאַר־צויגן איבערן קאָפּ יעדערן, אויף וועמען עס איז געפאַלן אַ חשד, אַז ער באַהאַלט עפּעס. ער פלעגט דאָס קייטעלע אַזוי פאַרציען אויפן האַלדז, אַז

ביי דעם „באַשולדיקטן״ פלעגט אַרויסקריכן די צונג. אַחוץ אַלעמען פלעגן די דייטשן פון יעדער קלייניקייט זיך אַזוי אויפרעגן, שרייען און טופּען מיט די פיס, אַז אַלע פלעגן פאַרציטערט ווערן.

וועגן אַ ווידערשטאַנד האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד. געוועהר האָט מען נישט געטאָרט האַלטן. אין דאָרף פּאָדוואָראַנץ האָט מען ביי אַ פּויער געפונען עטלעכע באַהאַלטענע ביקסן. ער האָט עס געטאָן אָן שום פּניה, האָפנדיק אויסצונוצן דאָס ווען עס איז אויף זיין פּויערישן שטייגער אויף מעטאַל, וואָס קען נוצן אין באַלעבאַטישקייט. אמת, עס איז געווען אַ באַפעל אָפּצוגעבן דאָס געווער, אָבער קנאַפּ באַפעלן זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן? איינער אַ שכן, וואָס איז אין כעס אויפן פּויער, מסרט אים. מען געפינט די ביקסן. דעם פּויער משפּט אַ פעלד־געריכט, וואָס פאַראורטיילט אים צום טויט דורך שיסן. ווילהעלם באַשטעטיקט דעם פּסק־דין, וועלכער ווערט אויסגעפירט אין לאַנדוואָראָווע פאַר אַלעמען אין די אויגן. די חברים, וואָס זענען מיט אים געזעסן, האָבן געדאַרפט אויסגראָבן פאַר אים אַ גרוב, ווו ער איז נאָכן שיסן באַגראָבן געוואָרן.

16. די באַציאונג צו יידן און זייער לאַגע

די דייטשע אָקופּאַציע אין ערשטן וועלט־קריג האָט געדריקט אַלעמען כמעט גלייך. פון יידישן שטאַנדפּונקט איז דאָס געווען די איינציקע נחמה. נאָך מער, היות ווי מיט יידן האָבן זיך געקענט די דייטשן בעסער צונויפּ־ריידן, איז די באַציאונג צו זיי געווען אַביסל אַ לייכטערע. בכל אופן האָבן יידן נישט אַזוי אָפט געקראָגן קלעפּ, ווי די פּויערים. אגב, זענען די יידן געווען דער נייטיקסטער עלעמענט פאַר די פרעמדע אָקופּאַנטן, וועלכע האָבן זיך נישט געקענט צונויפריידן מיט דער מערהייט פון דער באַפעל־קערונג און געמוזט אויסניצן די יידן ווי דאָלמעטשער. דערמיט דערקלערט זיך אויך דער פאַקט, וואָס אַ צאָל ביוראָ־אַנגעשטעלטע זענען געווען יידי־שע יונגעלייט און מיידלעך, וועלכע האָבן זיך גיך צוגעלערנט פּראַקטיש די שפּראַך.

עס איז אָפט טאַקע פאָרגעקומען, אַז ביי די אָמטספאָרשטייער זע־נען די יידישע שרייבער געוואָרן די גאַנצע געשעפט־פירער אין באַצירק

און ממילא אויך אומדירעקטע דעה־זאָגער וועגן באַפרייען פון רעקרוטיזי־ציעס אַנז״ו. די שרייבער האָבן זיך אין אַזאַ פאַל אויך נישט גענאַרט און פאַרשטאַנען, ווי אַזוי אויסצונוצן די פּריווילעגירטע לאַגע... די באַזוולטע פויערים פלעגן טאַקע קומען זוכן שתדלנות צו די יידן, מיט וועלכע זיי האָבן געקענט זיך צונויפריידן און דורך זיי עפּעס פועלן.

מען קאָן זאָגן, אַז דאָס האָט אין אַ געוויסער מאָס אויפגעהויבן די חשיבות פון די יידן אין די אויגן פון דער פויערישער און בכלל קריסט־לעכער באַפעלקערונג, וועלכע האָט באַשיימפּערלעך געזען, אַז אָט אַזאַ שטאַרקע מאַכט באַציט זיך צום יידן, ווי צו אַלעמען און אפשר נאָך אַביסל בעסער. דאָס האָט פּראַקטיש איינגעפּלאַנצט דעם געדאַנק, אַז יידן זענען בירגער, וואָס איז פּסיכאָלאָגיש פאַרן פויער געווען אוממעגלעך זיך פאַר־צושטעלן אין די צאַרישע צייטן.

אמת, צווישן די דייטשן, ספּעציעל צווישן די פּויזנער פּאָליאַקן, וועל־כע מען האָט געשיקט אין אונדזערע קאַנטן צוליב שפּראַכלעכע טעמים, האָבן נישט געפעלט קיין ייזן־פרעסער, וואָס האָבן איבערגעחזרט די באַקאַנטע באַשולדיקונגען, אַז יידן זענען שמוגלער, שווינדלער, דרייען זיך אַרויס פון צוואַנגס־אַרבעט אאַז״וו. אַזאַ מיינונג האָבן אונטערגעהאַלטן בעיקר אָפיצירן, וואָס האָבן געשטאַמט פון פּרייסישן יונקערטום.

פון דעסטוועגן האָבן יידן זיך געפילט זיכערער. ווען אין שטעטל בוטרימאַנץ האָט איינער אַ קריסט געוואָלט מאַכן אַ עלילת־דם און דער גלח האָט אים אונטערגעשטיצט, האָט מען זיי ביידן גלייך אַרעסטירט און שטרענג באַשטראָפט. און מער האָט מען שוין קיינמאָל נישט געהערט קיין רייד אַפילו וועגן „באַנוצן בלוט״.

דאָס איז געווען דער איינציקער ליכטיקער שטראַל פאַר יידן אין יע־נער פינצטערער צייט, וואָרעם עקאָנאָמיש זענען די יידן געוואָרן אינגאַנצן רואינירט. דער לעגאַלער מסחר איז כמעט אָפּגעשטאָרבן. סחורה איז נישט געווען ווי און פון וואַנען צו ברענגען. די עטלעכע אַרטיקלען, וואָס זענען איבערגעלאָזן געוואָרן פאַרן פרייען האַנדל, האָבן נישט געקאָנט האָבן קיין ממשות צוליב זייער נישטיקייט (דהיינו — ליכט, סאַכאַרין, ציקאָריע). דערצו האָט מען דאָס געדאַרפט קויפן נאָר אין „קאַזיאָנע״ ערטער. די

יידישע בעלי־מלאכות אין שטעטל זענען געזעסן אָן אַרבעט. דער איינציקער אויסוועג איז געווען זיך צו פאַרדינגען אויף אַרבעט ביי די דייטשן אָדער צו שמוגלען. דער גרעסטער טייל האָט אויסגעקליבן דעם צווייטן וועג. אַ געוויסער טייל האָט זיך „געשמירט" אַרום די דייטשן ווי ביוראָ־אַרבעטער, ליפעראַנטן, דאָלמעטשער, טעלער־לעקער, וואָס ברענגען די דייטשן פּערזענלעכן נוצן און לעקן דערביי אָפּ אַביינדל.

מען מוז אויך קאָנסטאַטירן, אַז אַ טייל יידן איז דעמאָלט אויך איבערגעגאַנגען צו פּראָדוקטיווער באַשעפטיקונג (ביי וואַלד־אַרבעט אָדער אין פאַבריקן). מען האָט זיך אויך גענומען צו ערדאַרבעט. יעדער האָט געזוכט צו פאַרזעצן פאַר זיך קאַרטאָפל, באַאַרבעטן אַ שטיקל גאָרטן. עס איז אַראָפּ דאָס קליינשטעטלשע „דאָס פאַסט פאַר מיר נישט". איצט האָט שוין אַלץ „געפּאַסט", אַפילו די ערגסטע אַרבעט, אַבי עס זאָל נאָר זיין וואָס צו עסן. די אָרעמקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַ סך געזינדן זענען אין די שטעטלעך ממש אויסגעגאַנגען פון הונגער. אַ שטיקל ישועה זענען געווען נאָר די סומעס, וואָס פלעגן אַריינפליסן פון די אויסלענדישע הילף־קאָמיטעטן. אָבער אויך דאָ האָבן די דייטשן געוואָלט אָוועקלייגן די האַנט אויף די געלטער, וואָס זענען אָנגעקומען דורך זיי, צעטיילן לויט זייער איינזען, עס זאָל גיין פאַר קריסטן אויך, הגם דאָס איז געשיקט געוואָרן ספּעציעל פאַר יידן. וווּ זיי האָבן נישט געטראָפן קיין ווידערשטאַנד, האָט זיך דאָס זיי איינגעגעבן. דאָרט אָבער, וווּ די אָרטיקע יידישע פאָרשטייער האָבן זיך איינגעשטעלט, איז דאָס געלט צעטיילט געוואָרן צווישן די, פאַר וועמען עס איז געשיקט געוואָרן.

אין די שטעטלעך ווי אין די שטעט האָבן די יידישע קרעמלעך געמוזט זיין אָפן עטלעכע שעה אויך שבת און דורך דעם איז בטל געוואָרן אין שטעטל די פּסיכאָלאָגישע מורא פאַר מחלל שבת זיין. די דייטשן האָבן נישט געשוינט די רעליגיעזע געפילן און אָפט אום שבת געטריבן די יידן צו רייניקן די גאַסן, ברוקירן אאַז"וו. אין דער צייט פון שניט און פוכגראָז האָבן יידישע קינדער געמוזט גיין געצוווּנגענערהייט צו דער אַרבעט פון זאַמלען פאַרשיידענע נוצלעכע גראָזן. צו קלייבן שטיינער זענען צוגעצויגן געוואָרן די לערער מיט די קינדער פון די פאָלקשולן.

17. די לאַגע פון די רייכע פויערים

דעם פויער האָט זיך, נישט קוקנדיק אויף אַלע רעקוויזיציעס, געלעבט גרינגער. ער איז פאָרט נישט געווען אונטער דעם שטענדיקן אויג פון די זשאַנדאַרן און אַנדערע באַאַמטע. אים פלעגט זיך איינגעבן צו באַהאַלטן אַ היפּשן טייל פון זיינע פּראָדוקטן און אָפט אַפילו בהמות. פאַר דעם האָט ער געקאָנט קריגן ביים אויסגעהונגערטן שטאָטישן מענטש אַלץ, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט. אַלע „העכערע״ באַדערפעניש, ווי קליידונג אָדער לוקסוסדיקע זאַכן, זענען ביים שטאָטישן איינוווינער אָפּגעפאַלן. עס איז געבליבן נאָר דער נאָכפרעג אויף פּראָדוקטן. פאַר דעם האָט דער פויער פריער געפאָדערט רוסיש געלט, דערנאָך דייטשע מאַרקן (קיין אָסט־געלט אָדער באָנעס, ווי מען האָט עס גערופן, האָט ער קיינמאָל גערן נישט גענומען).

ווען דער ווערט פון געלט איז געפאַלן און דערצו איז דער פויער שוין געווען געָנוג רייך אין דעם, האָט ער שוין אָנגעהויבן פאָדערן פאַרשיידענע חפצים און ער האָט זיי באַקומען.

דער פויער האָט אָנגעהויבן לעבן בעסער ווי פריער. ער האָט אַליין אויפגעגעסן פוטער, אייער, פלייש, וואָס אַמאָל פלעגט ער עס פאַרקויפן. עס האָבן זיך געביטן די ראָלעס פון דעם דאָרפסמאַן מיט דעם שטאָטישן איינוווינער.

18. שולעס

עס איז כדאַי צו דערמאָנען די באַציאונג פון די אָקופּאַנטן צום ענין שולעס. זיי האָבן געזאָרגט, אַז אין יעדן שטעטל זאָל זיין איינער אָדער צוויי שולעס (אַ יידישע און אַ קריסטלעכע). דאָרטן, ווו זיי האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט, פלעגן זיי זעצן סאָלדאַטן פאַר לערער און לערנען אויף דייטש. ווו דאָס איז נישט געווען מעגלעך, זענען באַשטימט געוואָרן לערער אָדער לערערינס פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. די בכורה האָבן געהאַט די, וואָס האָבן געקענט דייטש.

לויט די ריכטליניעס פון הינדענבורג האָט די שפּראַך אין די שולעס געדאַרפט זיין די מוטער־שפּראַך, אָבער בנוגע די יידישע שולעס האָט מען געזען זיי וואָס מער צו גערמאַניזירן, אָפּגעבנדיק די גרעסטע צאָל שעהן

אויף דייטש און אָפּט פֿאָדערנדיק, אַז דער גאַנצער לימוד זאָל גיין אין דייטש, וואָרעם „יידיש איז נאָר אַ פֿאַרדאָרבן דייטש", האָבן די דייטשע שררות נאָכגעזאָגט אונדזערע היימישע יידיש־פּרעסער.

די באַפֿעלקערונג האָט געמוזט אויסהאַלטן די שולעס צאָלנדיק אַ שול־שטייער און אויסער דעם צושטעלנדיק אין נאַטור אַלע הצטרכותן פֿון דער שולע, ווי האָלץ, וואַסער אאַז"וו. אין כמה ערטער איז דורכגע־פֿירט געוואָרן אַ צוואַנג־באַזוך פֿון דער שולע.

קיין טיפֿע וואָרצלען האָבן דאָך זייערע שולעס אין לעבן נישט גע־לאָזן; די איינציקע מעלה איז געווען, וואָס עס האָט זיך שוין אין די שטעטלעך געשאַפֿן אַ נויטווענדיקייט פֿאַר אַ וועלטלעכער שולע און דער חדר האָט שוין נישט געקענט קיינעם באַפֿרידיקן.

19. דער קאַמף מיט קלעפּיקע קראַנקייטן

גאַנץ אָריגינעל האָבן די דייטשן דורכגעפֿירט דעם קאַמף מיט קלע־פּיקע קראַנקייטן. אין יעדן שטעטל איז באַשטימט געווען אַ הויז ווי אַ שפּיטאָל פֿאַר קלעפּיקע קראַנקע. ווען איינער איז קראַנק געוואָרן, למשל, אויף טיפֿוס (די פֿאַרשפּרייטסטע קראַנקייט, פֿון וועלכער עס זענען אויס־געשטאָרבן אפֿשר איין פֿערטל פֿון דער באַפֿעלקערונג און איבערגעקרענקט מער ווי אַ העלפֿט), פֿלעגט מען אים אַריינוואַרפֿן אין „שפּיטאָל". דער פֿאַרוואַלטער פֿון „שפּיטאָל" איז מערסטנס געווען דער אָרטיקער פֿעלד־שער, וועלכער פֿלעגט גאַנצע טעג אַפֿילו אַהין נישט אַריינשמעקן. קיין באַדינונג איז אויך נישט געווען. דער אַריינגאַנג פֿאַר זייטיקע איז געווען שטרענג פֿאַרבאָטן, און אַזוי אַרום איז דער קראַנקער געווען פֿאַרמשפּט צום טויט. די באַפֿעלקערונג האָט טאַקע אויפֿן „שפּיטאָל" געקוקט ווי אויף אַ מתים־שטיבל.

אין די שטעטלעך זענען איינגעפֿירט געווען כלומרשט די „אַנטלויז־זונג־אַנשטאַלטן", איבערגעמאַכט פֿון די אָרטיקע בעדער, אָבער דאָס איז געווען בלויז אַ קאַריקאַטור, ווו עס איז נישט געווען קיין הייס וואַ־סער, נישט קיין הייסע לופֿט און ווו דער ריינער מענטש האָט ערשט גע־קענט באַקומען אַלערליי קראַנקייטן דורך פֿאַרשיידענע אומפֿלייט.

עס זענען דורכגעפירט געוואָרן צוואַנג־איינשפריצן אויף פּאָקן.

זייער קאָמיש איז אויסגעקומען אין די אויגן פון די קליינשטעטלשע איינוווינער די זאָרג פון די דייטשן פאַר די בית־הכסאס. די דייטשן האָבן געפאָדערט, אַז זיי זאָלן אויפגעהאַלטן ווערן ריין. ביי רעוויזיעס זענען נישט ווייניק מענטשן באַשטראָפט געוואָרן פאַר נישט אויספאָלגן די פאַר־שריפטן פון דער מאַכט בנוגע דעם ענין. פאַר שטעטלשע לצים איז דאָס געווען אַ גאַנגבאַרער שטאָף...

20. פּאָזיטיווע זייטן

מען דאַרף דערמאָנען עטלעכע פּאָזיטיווע זייטן פון דער דייטשער טעטיקייט, הגם דאָס איז אויך געווען דורכגעדרונגען מיט צילן פון אייגנ־נוציקייט.

גרויס אויפמערקזאַמקייט איז געלייגט געוואָרן אויף צו האַלטן און ברענגען אין אָרדענונג די וועגן. עס זענען דורכגעפירט געוואָרן נייע שאָ־סייען, בלאָטיקע און ליימיקע ערטער זענען אויסגעברוקירט געוואָרן. אַלע בריקן זענען פאַרריכט געוואָרן; אַ סך וועגן זענען באַזעצט געוואָרן מיט ביימלעך, אויף אַלע וועגן זענען געווען אָנווייזן וועגן דער ריכטונג און דער צאָל קילאָמעטער פון איין אָרט צו אַ צווייטן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ איז אויסגעפירט געוואָרן דורך דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

אין די שטעטלעך זענען איינגעפירט געוואָרן פייערלעשער־קאָמאַנ־דעס. צו איבונגען האָבן געמוזט קומען אַלע מעגלעכע איינוווינער. ביי יעדן הויז האָט געמוזט שטיין אַ טון מיט וואַסער. אין פאַל פון אַ שריפה האָבן אַלע געדאַרפט זיך צונויפקומען צו דעם ברענענדיקן אָרט און זען לאָקאַליזירן דאָס פייער. און מען דאַרף קאָנסטאַטירן, אַז אַ שריפה אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז געווען אַ זעלטנהייט.

מערקווירדיק איז אויך געווען די באַציאונג פון די דייטשן צו זייע־רע געפאַלענע סאָלדאַטן, וואָס זענען באַגראָבן געוואָרן אין פאַרשיידענע ערטער אין ליטע. פון צייט צו צייט פלעגט אַ ראָטע סאָלדאַטן קומען אַרומזען די קברים: שטעלן צוימען, אַרומלייגן מיט שטיינדלעך, באַפּוצן מיט גראָז, אַרויפשטעלן נייע קרייצן מיט גענויע אויפשריפטן, אָפּט גאַנץ

סענטימענטאַלע. נישט זעלטן פלעגט מען זען אויף די קברים רירנדיקע אויפשריפטן פון עלטערן אָדער פרויען, וואָס זענען געקומען באַזוכן זייערע ליבע „אויף אייביק פאַרשוואונדענע" אין דעם פרעמדן לאַנד.

דאָרט, ווו ס'זענען געווען אַ סך געפאַלענע, האָבן די דייטשן געמאַכט גרויסע בית־עולמס, וווהין מען האָט אַריבערגעטראָגן אַלע איינצלנע, אין פאַרשיידענע ערטער באַהאַלטענע הרוגים. אַזאַ בית־עולם איז געווען אַרומגעצוימט מיט שיינע שטאַכעטלעך, אין מיטן אַ מויער, אויף וועלכן עס איז געווען אויפגעשריבן דער נאָמען פון „פרידהאָף". די קברים אַלע אין גלייכע רייען, הויך אָנגעשאָטן, מיט צלמים און אויפשריפטן. אין מיטן די אַלייען אַ סימבאָלישער דענקמאָל פון צעמענט, וואָס דעקט איבער דאָס געפלעכט פון פאַרשיידענע מינים כלי־זיין אונטער אים. אויף די ווענטלעך פאַרשיידענע אויפשריפטן: „צום אָנדענקען פון דער גרויסער נייע־מאַן־שלאַכט אין אַווגוסט 1915. דאָס האָבן זיי געזיגט און געפאַלן". אויפן הויפט־מויער אַן אויפשריפט: „טריי ביז דעם טויט" און נאָך אַנדערע (אַזאַ מיליטערישער בית־עולם געפינט זיך 4 וויאָרסט פון טראָקן לעבן דערפל זאַזדראָשץ). די בית־עולמס זענען געווען באַפּוצט מיט בלומען אָדער ביימעלעך. אין לעצטן יאָר פון דער אָקופּאַציע זענען כמעט אַלע הרוגים אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף די בית־עולמס, אויף וועלכע עס האָט זיך געפילט די דייטשע אָרדענונג און סענטימענטאַליטעט.

21. באַנדיטיזם

די רואינירונג פון גאַנצן לעבן, די שרעקלעכע לאַגע פון די קריגס־געפאַנגענע און די צוואַנגס־אַרבעטער האָבן געבראַכט צו אַ שטאַרקער אַנטוויקלונג פון באַנדיטיזם, וואָס איז ביז דער דייטשער אָקופּאַציע אין ליטע געווען כמעט אומבאַוווסט.

פון די אָפּטרעטנדיקע רוסישע חיילות זענען פאַרבליבן אין אונדזער געגנט סאָלדאַטן מיט געווער, און נישט קוקנדיק אויף אַלע התראות, האָבן זיי זיך נישט געוואָלט איבערגעבן צו די דייטשן אין געפאַנגענשאַפט. זיי האָבן זיך ווי עס איז איינגעבעטן ביי טייל פויערים, מען זאָל זיי לאָזן

אַרבעטן אויף די פעלדער. קיין לוין האָבן זיי נישט געפאָדערט, זיך באַנוגנט נאָר מיטן עסן.

ווען די דייטשן פלעגן זיך אָבער דערוויסן, אַז ערגעץ־ווו האַלט זיך אויף אַזאַ „פּלעניק", פלעגט מען זיי תיכף אַרעסטירן. עס האָט דערביי אויך געליטן דער באַלעבאָס, ביי וועמען זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן. אַזוי אַרום איז מיט דער צייט פאַר די פּלעניקעס געוואָרן אוממעגלעך צו בלייבן אויף איין אָרט: זיי האָבן זיך געדאַרפט אויסבאַהאַלטן. די לאַגע פון די געפאַנגענע אין דייטשלאַנד איז אויך געווען שרעקלעך און די, וואָס זענען געווען נישט ווייט פון דער רוסישער גרענעץ, פלעגן אַנטלויפן. בעיקר האָט זיך פאַרמערט די צאָל פון די אַנטלאָפענע סוף 1917 און אין 1918. בייטאָג האָבן זיי זיך באַהאַלטן אין די וועלדער, אָדער אין גריבער און ביינאַכט פלעגן זיי אַרויסגיין פון די באַהעלטענישן. ביי די איינוווינער, וואָס ביים וועג, פלעגן זיי אַנקלאַפן אין די פענצטער, בעטן ברויט און מען זאָל זיי ווייזן דעם וועג. לכתחילה האָט זיי די באַפעלקערונג געשטיצט. אָבער דערנאָך, ווען פון די בלאָנדזשענדיקע גרופּעס האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן באַנדעס מיט געווער, האָט מען זיך באַצויגן צו זיי פיינדלעך און מיט פחד. נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט דורכצוגיין און זיך דערנערן אויף אַ פרידלעכן אופן, האָבן די אַנטלאָפענע אָנגעהויבן צו נעמען מיט גוואַלד.

צו די באַנדעס זענען צוגעשטאַנען די אָרטיקע פאַרברעכערישע עלעמענטן, וועלכע זענען געווען נייטיק פאַר די פרעמדע ווי אינפאָרמאַטאָרן. פון די אָרטיקע פלעגן זיי געבוי געוואויר ווערן, ביי וועמען עס איז דאָ געלט, פּראָדוקטן, חפצים אאַז"וו. די אָנפאַלן פלעגן פאָרקומען אויף רייכערע פּויערים, גוטבאַזיצער, דאָרפס־יידן, וועלכע פלעגן וווינען איינזאַם, אָן שכנות און אויף די וועגן. די ערשטע צייטן פלעגט מען צוקומען צום אָנגעמערקטן הויז, דער גרעסטער טייל פון דער באַנדע (אָפּט צו 15־20 מאַן) פלעגט אַרומרינגלען די שטוב, כדי קיינער זאָל נישט אַנטלויפן. עטלעכע פלעגן שטילערהייט צוגיין (קיין הינט זענען אין ערגעץ נישט געווען, די דייטשן האָבן אַלע געשאָסן), אָנקלאַפן, מען זאָל עפענען. ווען דער באַלעבאָס האָט געעפנט, האָט מען אים באַרויקט, אַז מען וועט אים

קיין בייז נישט טאָן, ווען ער וועט אָפּגעבן דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער פֿאַרמאָגט. ווען דער באַלעבאָס האָט אַלץ אָפּגעגעבן און די סומע האָט זיי באַפֿרידיקט, פֿלעגן זיי צונעמען די שפּייז־פּראָדוקטן און אַוועקגיין מיט אַ באַפֿעל צו פֿאַרשווייגן דעם אָנפֿאַל.

וואָס ווייטער אָבער האָט זיך דאָס „פֿרידלעכע" בילד פֿון די ראַבי־רונגען געביטן אויף בלוטיקע מערדערישע גוואַלד־טאַטן. די באַנדעס זע־נען געוואָרן גרעסער און געפֿאָדערט מער געלט. די ריזיקע איז געווען אַ גרויסע און זיי זענען שוין געגאַנגען, ווי מען זאָגט, אויף איינס. די פֿריער־דיקע אָנפֿאַלן פֿלעגן פֿאָרקומען אין מיטן נאַכט, אין די שפּעטערדיקע צייטן אין אָוונט. די הייזער פֿלעגן אויך ווערן אַרומגערינגלט מיט אַ שמירה, און עטלעכע באַנדיטן פֿלעגן זיך אַריינרייסן אין שטוב, אָפֿט נישט וואַרטנ־דיק, ביז מען וועט עפֿענען, אויסברעכן די טיר אָדער אַרויסזעצן דאָס פֿענצטער. די ביקסן אַרויסגעשטרעקט פֿאָרויס, עטלעכע שאָסן אין דער לופֿטן, כדי איבערצושרעקן אויף טויט די גאַנצע פֿאַמיליע, אַז זי זאָל זיך נישט אַ ריר טאָן פֿון אָרט. אַלע האָבן געמוזט אויפֿהייבן די הענט אין דער הויך אָדער זעצן זיך אַרום דעם טיש און אַרויפֿלייגן אויף אים די הענט. די באַנדיטן האָבן זיך געווענדט צום באַלעבאָס און אים געמאָלדן, אַז ער מוז תיכף שאַפֿן אַזאַ און אַזאַ סומע געלט. פֿאַרשטייט זיך, אַז מען פֿלעגט זיי עס געבן, אַבי צו בלייבן לעבן. אָפֿט אָבער איז די געפֿאָדערטע סומע געווען אַזוי גרויס, אַז דער באַפֿאַלענער, אָפּגעבנדיק אַלץ, האָט דאָך נישט געקינט באַפֿרידיקן די באַנדיטן. חושד זייענדיק, אַז דער באַלעבאָס וויל דאָס געלט פֿרייוויליק נישט אָפּגעבן, פֿלעגן די באַנדיטן אים אָנהייבן צו פּייניקן אויף אַ שרעקלעכן אופֿן. צוערשט האָט מען אים געשלאָגן, ווען דאָס האָט נישט געגעבן קיין רעזולטאַטן, פֿלעגט מען אים שלעפּן, הענגען, שטיקן, שטעכן מיט נאָדלען, ברענען מיט שוועבעלעך אאַז״וו. טיילמאָל פֿלעגט מען דאָס זעלביקע דורכמאַכן מיט דער באַלעבאָסטע אָדער מיט די עלטערע קינדער. די עקזעקוציע פֿלעגט דויערן 3־4 שעה. דערביי פֿלעגן די באַנדיטן אויסטרייסלען אַלץ, וואָס איז געווען אין שטוב, און אַלע בע־סערע קליידער, וועש, שוכוואַרג און חפֿצים אָנלאָדן אין זעק און אַוועק־טראָגן צו די איבעריקע באַנדיטן וואָס האָבן אויף דעם געוואַרט.

ווען די באַנדיטן האָבן זיך אָבער דערקונדיקט, אַז זיי וועלן באמת שוין מער גאָרנישט אויספּרעסן, פלעגן זיי לאָזן דעם קרבן צורו, אָנזאָגנדיק, אַז מען זאָל אין משך פון אַ שעה זיך נישט רירן פון אָרט, אויב נישט וועלן אַלע אומגעבראַכט ווערן. אין אַ סך פאַלן פלעגן די באַנדיטן מעלדן, אַז זיי זענען באָלשעוויקעס און באַרופן צו פאַרשפּרייטן גערעכטיקייט, אָפּנעמענדיק פון די רייכע זייער האָב און גוטס.

טאָמער פלעגט עמעצער פון הויזגעזינד פאַלן צו די פיס און בעטן, מען זאָל נישט פּייניקן דעם פאָטער אָדער מאַן, פלעגן זיי נאָך מער שלאָגן. נישט איינער איז טאַקע דערשאָסן געוואָרן, ווען ער האָט געמאַכט וועלכע עס איז באַוועגונג, וואָס די באַנדיטן האָבן עס געקענט אויסטייטשן פאַר אַ ווידערשטאַנד. פיל האָבן נישט געקענט איבערטראָגן די עינויים און געשטאָרבן אין עטלעכע טעג אַרום. אָפט פלעגן פייערים (ווען עס איז געווען אַ גרויס הויזגעזינד) אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד. נאָר ווי איז געווען צו זיי, ווען די באַנדיטן פלעגן גובר זיין. דעמאָלט איז שוין קיינער נישט געבליבן לעבן. ביים אָנפאַל האָבן די באַנדיטן נישט געלאָזט ברענען קיין פייער, נאָר באַלויכטן מיט עלעקטרישע לעמפּלעך. אויף אַזאַ שטייגער זענען באַרויבט געוואָרן טויזנטער פאַמיליעס. כמעט יעדע נאַכט פלעגט פאָרקומען וואו־עס־איז אַן אָנפאַל.

די באַנדיטן האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין ישובים ביי פאַרדעכטיקטע פערזאָנען, דורך וועלכע זיי פלעגן איינקויפן, וואָס זיי האָבן געדאַרפט. בייטאָג פלעגן זיי זיצן אין די גרויסע אָקאָפּעס, וועלכע זענען געבליבן פון קריג, ווינטער האָבן זיי דאָרטן אַריינגעשטעלט אַפילו אייוועלעך.

די באַפעלקערונג האָט מער אָדער ווייניקער געוווסט, ווו זיי האַלטן זיך אויף, אָבער מען האָט געציטערט אויסצוזאָגן, ווייל אין פאַל פון מעלדן די דייטשן פלעגן די באַנדעס נקמה נעמען פון דער באַפעלקערונג, אונטערצינדנדיק אָדער אומברענגענדיק די, וואָס זיי האָבן חושד געווען אין דער מסירה.

איין מאָל האָבן זיי באַגעגנט אַ יונגן קריסט פון ישוב אויקשלינע, און האָבן אים פאָרגעלייגט צו גיין מיט זיי; דערביי האָבן זיי פון אים אָפּגעלאַכט, וואָס ער גייט אַרבעטן אין דער צייט, ווען זייער ברויט איז

אַזאַ גרינגס און שפּעדיקס. מורא האָבנדיק זיי אָפּצוזאָגן, האָט ער דער־קלערט, אַז ער וועט זיך באַדענקען. די באַנדיטן האָבן אים אָנגעזאָגט קיי־נעם נישט צו דערציילן וועגן דעם. דער קריסט האָט אָבער דערציילט, און עס איז דערגאַנגען צו די באַנדיטן. איין מאָל ביינאַכט זענען זיי געקומען צו זיין פֿאָטער, אָנגעקלאַפּט אין פענצטער, אַרויסגערופן אים ביים נאָמען און געזאָגט צו אים: „דו האָסט אַ לאַנגע צונג" און אים אויסגעשניטן אַ האַלבע צונג.

די דייטשן האָבן לכתחילה געקעמפט מיט די באַנדעס. וועמען מען פֿלעגט טרעפֿן מיט געווער, פֿלעגט מען שיסן. אָבער דערנאָך האָט זיך די צאָל באַנדעס פֿאַרגרעסערט. אַגב, פֿאַרן עוואַקוּאירן זיך האָבן די דייטשן מער געטראַכט ווי צו ראַטעווען זיך אַליין און זיי זענען געווען צופֿרידן, אַז באַגעגנדיק זיך מיט די באַנדיטן, בלייבן זיי אַליין לעבן. און עס זענען טאַקע געווען פֿאַלן, ווען באַנדיטן זענען אָנגעפֿאַלן אויף באַוואָפֿנטע דייטשן און זיי אויסגעהרגעט.

ווען די געליטענע פֿלעגן מעלדן דער זשאַנדאַרמעריע וועגן זייער חשד, אַז די באַנדיטן האַלטן זיך אויף אין דעם אָדער יענעם אָרט, האָבן די דייטשן נישט געהאַט קיין צו שטאַרקן חשק צו פֿאָרן אַהין זיי זוכן. די לעצטע חדשים פֿון 1918טן יאָר זענען דעריבער אַלע רויב־אָנפֿאַלן גע־בליבן נישט אויפֿגעדעקט. די מיליטער־פֿאַרוואַלטונגען פֿלעגן טעגלעך באַ־קומען צענדליקער מעלדונגען פֿון די קרייז־הויפּטמאַנס וועגן די אָנפֿאַלן און הריגות. זיי האָבן אָבער דעמאָלט נישט אָנגענומען קיין שריט צו ליק־ווידירן אָדער באַקעמפֿן דעם באַנדיטיזם.

דער באַנדיטיזם האָט זיך אַזוי צעוואַקסן, אַז גאַנצע שטעטלעך האָבן אָנגעהויבן מורא צו האָבן פֿאַר די אָנפֿאַלן פֿון די באַוואָפֿנטע באַנדעס, וואָס זענען פֿאָרגעקומען. אין די שטעטלעך האָט מען אָרגאַניזירט אַ וואַך, וועלכע פֿלעגט אַרומגיין ביינאַכט, אין וועלכער ס'האָט אָנטיילגענומען די גאַנצע באַפֿעלקערונג.

22. די ליקווידאַציע

די לעצטע חדשים פאַרן אַוועקגיין, האָבן די דייטשן פיבערדיק גע־נומען אַרויספירן די רעקוויזירטע תבואה מיט די איבעריקע פּראָדוקטן. אָבער גאָר צום סוף האָבן די פּויערים שוין אָנגעהויבן נישט צו לאָזן.

די דייטשן האָבן מורא געהאַט פאַר דער אויפגערעגטער באַפעלקע־רונג און שלאָפנדיק אָנגעטאָנערהייט געהאַלטן ביי זיך געווער און האַנט־גראַנאַטן. אין אַ צאָל ערטער האָט מען אַנטוואָפנט די דייטשן. די דייטשן פלעגן שיסן אין דעם אויפגערעגטן המון, און עס זענען געפאַלן געהרגעטע.

די מורא פאַר די דייטשן איז שוין אַראָפּ. די לעצטע האָבן געזען וואָס גיכער זיך אָפּצוטראָגן, דערביי האָט מען אויסגעפאַרקויפט קאַזיאָנע זאַכן, כדי צו מאַכן פאַר זיך וואָס מער געלט. די מאַכט איז אַריבער צו די אָרטיקע קאָמיטעטן פון בירגער,וועלכע האָבן אָרגאַניזירט אַן אייגענע מיליץ.

די דייטשן זענען אָפּגעפאָרן ראַטעסווייז מיט אָנגעלאָדענע ביקסן. די תבואה, וואָס מען האָט נישט באַוויזן צו פאַרקויפן אָדער וועלכע מען האָט נישט דערלויבט אַרויסצופירן, איז איבערגעגעבן געוואָרן די אָרטיקע קאָ־מיטעטן (טאַריבעס).

די דייטשן זענען בחיפזון אַנטלאָפן פון דער געגנט.

געווידמעט דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין
אומפאַרגעסלעכן פאָטער ר׳ זעליק בר׳ אברהם
אַבראַמאָוויטש ז״ל, שנפטר ז׳ ניסן ותרפ״ב.

אין די אַפּריל־טעג 1919

אין אַפּריל 1919, איז אין ווילנע דאָס לעבן שוין געוואָרן צו שווער. דער הונגער האָט זיך געלאָזט שטאַרק פילן. מען האָט נישט געטאָרט קויפן, נישט געטאָרט פאַרקויפן. אין שטאָט האָט מען מורא געהאַט וואָס עס איז צו ברענגען, ווייל מען פלעגט אַוועקנעמען די סחורה און דערצו צונעמען די פור. עס פלעגט טרעפן, אַז מען האָט דאָס פערד אָפּגעהאַלטן אַ וואָך און מערער. ברויט איז געווען שווער צו קריגן, אַ טעלער זופּ „מיט נישט״ איז געווען אויך אַ יקר־המציאות. די ראַטנמאַכט האָט געהאַט הונ־דערטער אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן רעגיסטרירט די באַפעלקערונג, כדי אַרויסצוגעבן „קאַרטעס״; מען האָט געמעקט און געשריבן און פאַר די גאַנצע 3־4 חדשים צייט האָט מען נאָר איין מאָל אַרויסגעגעבן צוקער און הערינג.

קיין וואונדער נישט, וואָס ווער נאָר עס האָט געקענט, איז געלאָפן פון ווילנע. אויב נישט אויף שטענדיק, איז כאָטש צייטווייליק ערגעץ אין אַ קליין שטעטל אָדער דאָרף, כדי עפּעס צו קריגן, ברענגען אַהיים, זיך אָפּ־כאַפּן.

האָבנדיק עלטערן אויף דער פּראָווינץ אַ וויאָרסט 60 פון ווילנע און איבערלעבנדיק צוגלייך מיט אַנדערע דעם ווינטער 1918־1919, האָב איך באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז זיך אַרויסצורייסן אויף פסח פון דער שטאָט און זיך אָפּפרישן אַביסל.

אויף קיין פור איז נישט געווען צו האָפן, ווייל קיין קאָמוניקאַציע איז נישט געווען. איך האָב געמוזט „עולה רגל״ זיין. כ׳האָב זיך געוואָלט באַזאָרגן מיט אַ „פּראָפּוסק״, אָבער דערזעענדיק גרויסע רייען און די

הערשנדיקע אומאָרדענונג, האָב איך זיך מייאש געווען דאָס צו באַקומען און באַשלאָסן צו גיין אָן דעם פּאַפּירל.

עס איז געווען די „רעכטע בלאָטע" אויף די וועגן, די פּיס האָבן געזונקען. אויפן וועג האָבן זיך דאָך געפונען נישט ווייניק מענטשן, וואָס פלעגן גיין „ווו די אויגן טראָגן", פאַרהונגערטע, פאַרשמאַכטע, כמעט באָרוועסע, צווישן זיי ווייבער מיט קינדער. זייער אויסזען איז געווען שרעקלעך. אויפן וועג זענען אויך אָפט געגאַנגען רויטאַרמייער, מערסטנטייל זוכן עפּעס מיט וואָס זיך צו „פּאָזשיווען". די אייזנבאַן־בריק ביי וואַקע* איז געווען צעריסן ממש אויף פּיצלעך. אויף דעם שטח פון אַ ווייאָרסט האָבן זיך געוואַלגערט שטיקלעך אייזן, טשוגון. אמת, די באַלשעוויקעס האָבן געפּרוווט צונויפשטעלן די בריק, אָבער די אַרבעט איז נישט געגאַנגען כמעט פון אָרט. ווי מען האָט מיר דערציילט אין לאַנדוואָראָווע, פלעגן כמעט טעגלעך קומען קאָמיסאַרן און בעטן זיך ביי די אַרבעטער, אַז מען זאָל טיכטיק אַרבעטן, עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. נאָר נישט געקוקט אויף דעם, האָט זיך אין לאַנדוואָראָווע געפונען אַ גאַנצער שטאַב אייזנבאַן־אָנגעשטעלטע. אין וואָס איז באַשטאַנען זייער עובדה, דאָס האָבן זיי אַליין אויך נישט געוווסט. מען פלעגט באַקומען גאַנצע בויגנס „קערענקעס" און פון דעם ווי עס איז לעבן, גוט צוהונגערנדיק דערביי. די יידן פלעגן אַרומגיין, ווי שאָטנס איבער די גאַסן, נישט האָבנדיק וואָס צו טאָן. אין אַלע הייזער זענען געווען סאָלדאַטן און סיי די באַלעבאַטים, סיי די „קוואַרטיראַנטן" האָבן גלייך געליטן הונגער.

מיין האָפענונג, אַז עס וועט זיך מיר דאָך איינגעבן פון לאַנדוואָראָווע צו באַקומען אַ פור, איז נישט דערפילט געוואָרן. האָב איך אָנגעשטרענגט אַלע מיינע כוחות, כדי איך זאָל קאָנען דורכמאַכן די 40 ווייאָרסט און באַוויזן אויף פסח צו זיין ביי מיינע עלטערן. הינטער טראָק בין איך אַריין אין אַ דערפל עפּעס צובייסן. די פויערים האָבן גאָרנישט פאַרקויפט, זאָגנדיק, אַז זיי האָבן שוין קיין כוח נישט פון די דורכגייער, וואָס לאָזן נישט רוען גאַנצע טעג און נעכט. דערביי האָבן זיי זיך ביטער געקלאָגט אַז די באַלשעוויקעס נעמען ביי זיי צו די בהמות און אַפילו די זריעה; עס

* אַ טייך צווישן ווילנע און לאַנדוואָראָווע.

וועט פּשוט נישט זיין מיט וואָס צו פֿאַרזייען די פעלדער. אויב ווער עס איז האָט געהאַט פֿאַרבליבענע תּבֿואה און קאַרטאָפל, האָט מען געפּרוווט „וואַרפֿן עס אין דער ערד" (זייען), „פֿון דאָרטן וועלן שוין די באַלשעווי־קעס נישט קענען צונעמען", הגם עס איז געווען אַ געפֿאַר, אַז די זריעה וועט גיין לאיבוד. אָבער דאָך האָט מען עס געטאָן בלית ברירה. סיי־ווי־סיי פֿאַרפֿאַלן „זאָל כאָטש זיי נישט אָנקומען".

האָבנדיק מיט זיך אַ שטיקל ברויט, האָב איך צוגעביסן און אַוועק ווייטער. דער רעגן האָט געגאָסן ווי פֿון עמערס און עס איז שווער געווען צו געפֿינען אַ האַרט שטעגל אויף צו גיין. ווו עס איז געווען אַ ליימיקער באָדן, איז דער פֿוס געבליבן שטעקן, קוים מען האָט אים געקענט אַרויס־ציען. מען קאָן זיך פֿאָרשטעלן, ווי קליינע קינדער, פֿרויען און אַלטע האָבן דורכגעמאַכט אַזאַ וועג.

אָט יאָג איך אָן צוויי קריסטלעכע פֿרויען, ביידע אין לייוונטענע „שיך" מיט געשוואָלענע פֿיס, אויסגעמאַטערטע ביזן לעצטן גראַד, קוים וואָס זיי באַוועגן זיך. איך רייד זיך פֿונאַנדער מיט זיי. איינע דערציילט מיר פֿון אירע שרעקלעכע איבערלעבענישן. זי איז גוטבאַזיצערין פֿון אַרום סווענציאַן, אַ יאָר 30 אַלט, האָט געענדיקט אינסטיטוט און געווען אויף בעסטוזשעווער קורסן. איר מאַן איז געווען אַן אָפֿיציר, אומגעקומען אויף מלחמה, זי איז פֿאַרבליבן אַן אַלמנה מיט צוויי קליינע קינדער און מיט אַן אַלטן פֿאָטער, האַרט ביים רוסיש־דייטשן פֿראָנט. די דייטשן האָבן זיי לכתּחילה אַרויסגעטריבן, אָבער דערנאָך האָט מען זיי דערלויבט ווי עס איז צו פֿירן די באַלעבאַטישקייט, און אונטערן דונער פֿון האַרמאַטן און קוילן האָבן זיי אָפּגעלעבט עטלעכע יאָר. ווען די דייטשן זענען אָפּגע־טראָטן, איז אויף זיי באַפֿאַלן אַ באַנדע און מען האָט אַלץ צוגענומען פֿון שטוב און שפּייכלער און אַפֿילו די קליידער, וואָס זיי האָבן געהאַט אויף זיך. דערביי האָט מען דעם פֿאָטער מערדעריש געפּייניקט, (געשטיקט, גע־האַנגען, געשטאָכן מיט נאָדלען) ער זאָל אויסזאָגן ווו עס ליגט דאָס געלט. קיין געלט אָבער האָבן זיי נישט געהאַט. דאָס עלטערע קינד האָט געקראָגן שרעקלעכע קאָנווולסיעס. אַלץ האָט מען געפּאַקט אויף פֿורן און אַוועק־געפֿירט. דאָס איז געווען ביינאַכט. אויף מאָרגן אין דער פֿרי איז געקומען

נאָך אַ באַנדע, מען האָט שוין אָבער גאָרנישט געפונען. דורך נאַכט זענען זיי געוואָרן בעטלערס, וואָרעם עס איז נישט געווען נישט קיין בגד, נישט קיין שטיקל ברויט צו שטילן דעם הונגער כאָטש פאַר די קינדער.

די שכנים האָבן צוזאַמענגעבראַכט עפּעס פאַר זיי. עס האָט זיך וועגן דער ראַבירונג דערוווסט די מיליציע, וואָס איז געווען אָרגאַניזירט דורך דער באַפעלקערונג. מען האָט באַמערקט, אַז צווישן די באַנדיטן זענען געווען אַ ריי באַקאַנטע פּויערים. די אַלע אָנגעראַבירטע זאַכן האָט מען געפונען אין אַ דאָרף, אָבער דאָ איז אַנטשטאַנען אַן אמתע שלאַכט צווישן די ראַבירער מיט דער מיליציע און די לעצטע האָט „גאָרנישט געקאָנט מאַכן". ווען די באָלשעוויקעס זענען געקומען, האָט מען ווייטער אָנגעהויבן צו פאָרשן דעם ענין און מען האָט עס פאַרגעשטעלט אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס איז געווען אַ קאָנפיסקאַציע ביי אַ בלוטזויגער, אַ פּאַמעשטשיק, ובכן איז דאָס נישט פון די גרויסע פאַרברעכנס. אמת, מען האָט אַרעסטירט צוויי־דריי פון די, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט ביים אָנפאַל ווי פשוטע מערדער, אָבער אויפן וועג זענען זיי אַנטלאָפן אָדער די וואַך האָט זיי אָפּגעלאָזן מיט אַ כיוון. בינו לבינו איז די פרוי געבליבן בעירום ובחוסר כל. זי האָט געמוזט לאָזן איר קלענער קינד מיטן פאָטער און אַליין גיין צו איר קרוב, אַ גלח, זיך צו ראַטעווען פון הונגערטויט. זי אין שוין אין וועג אַ טאָג 10 און גלייבט שוין נישט, אַז זי וועט „ווען עס איז דערגיין". די אַנדערע, וואָס גייט מיט איר, איז אירע אַ געוועזענע טרייע דינסט, וואָס האָט געוואָלט טיילן מיט איר דעם הונגער־גורל.

איך האָב אָנגעשטרענגט מיינע לעצטע כוחות, כדי נישט צו פאַרבלייבן ביינאַכט אויפן וועג און אָנצוקומען צום סדר צו די עלטערן. ס׳איז נאָך געבליבן אַ וויאָרסט 10. אַלץ איז שוין געווען אויף מיר דורכגענעצט פון דעם רעגן פון אויבן און דער בלאָטע פון אונטן. די שיך זענען זיך פון נאַסקייט „פונאַנדערגעפאָרן". אויף די פיס זענען שוין געווען ווונדן, נאָר מיך האָט געטראָגן דער „אימפּעט". אַזייגער 7 פאַרנאַכט בין איך אַריינגעפאַלן נישט־טויט נישט־לעבעדיק אַהיים צו מיינע עלטערן, וועלכע זענען געווען זייער איבערראַשט מיך איצטער צו זען. אַ פּאָר טעג בין איך געזעסן אָדער געלעגן, נישט קענענדיק באַוועגן קיין גליד. די פיס האָבן שרעקלעך ווי געטאָן.

דער מקום פון מיינע עלטערן האָט זיך געפונען אַ וויאָרסט 7 פון דעם באָלשעוויסטיש־ליטווישן, מ׳שטיינס געזאָגט, פּראָנט, אָדער דעמאַרקאַציע־ליניע. דאָס איז אַ קליין גוט, וווּ מיין פאָטער האָט געוווינט שוין עטלעכע און פערציק יאָר און געפירט דאָרט לאַנדווירטשאַפט. עס איז שוין אויסגעקומען אין 1915 אַלץ צו וואַרפן און אַנטלויפן פון דער מלחמה־כוואַליע. דערביי זענען פאַרלוירן געגאַנגען די בהמות, דער אינווענטאַר, די מעבל. נאָר ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען ווילנע, האָבן זיך מ׳יינע עלטערן צוריקגעקערט, געפונען ביי אַ שכן אַ קו, אַ ביסל תבואה איז אין שייער געבליבן און זיי האָבן ביסלעכווייז אויפגעשטעלט צוריק אַ קליינע באַלעבאַטישקייט. זיי האָבן נאָך געהאַט די מעגלעכקייט צו געבן די דורכגייענדיקע אביונים עסן און אַפילו מיטגעבן צו היפּשע שטיקלעך ברויט און צו פאַר קוואָרט תבואה.

די ידיעה וועגן אַזאַ מין הכנסת־אורחים האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן ווילנער אָרעמעלייט און קיינער פון זיי פלעגט שוין נישט אויסמיידן דעם „גוטן יידן”. מען דאַרף באַמערקן, אַז איך האָב געהערט פון אַ סך מענטשן, וואָס האָבן דערציילט, אַז אויך אין אַנדערע ערטער זענען די דאָרף־יידן געווען די איינציקע, וואָס פלעגן קיינעם נישט אָפּזאָגן פון געבן עסן. די פּויערים פלעגן זיך באַציען גאַנץ פיינטלעך צו די פאַרהונגערטע שטאָט־לייט און נאָר פאַר חפצים פלעגט מען ביי זיי קריגן ברויט. דייטשיש געלט, איבערהויפּט אָסטגעלט, האָט מען פון אָנהייב נישט געוואָלט נעמען. פאַרן אַוועקגיין פון די דייטשן האָט זיך בכלל פאַרמערט די צאָל באַנדיטן־באַנדעס. איינע פון זיי האָט געמאַכט אַן אָנפאַל אויף מיינע עלטערן. אויסער דעם, וואָס מען האָט ביי זיי צוגענומען אַלע שטוביקע זאַכן, האָט מען זיי שרעקלעך צעשלאָגן און געפּייניקט. די תבואה איז פאַרבליבן, ווייל זי איז געווען באַהאַלטן. מען האָט זיך געריכט אויף שלעכטע צייטן. ווען די דייטשן זענען אַוועק, איז געשאַפן געוואָרן אַ מ׳יליץ, וועלכע האָט באַקומען געווער און האָט ענערגיש גענומען באַקעמפן דעם באַנדיטיזם. אין דער מיליץ זענען געווען פאַרטראַטן גלייך יידן און קריסטן, אויף אַזאַ אופן איז געווען אַ שטיקל גאַראַנטיע קעגן אַנטי־יידישע אַרויסטריטן.

די היצקעפּ, די דאָרפישע יונגעלייט, האָבן אין עטלעכע פאַלן זיך

אָפּגערעכנט מיט די סטאַראָסטעס, וועלכע זענען געווען די משרתים ביי די דייטשן און דערביי גוט „אָנגעוואָרעמט די הענט". מען האָט ביי זיי צוגענומען די „איבעריקע רייכקייט", אָבער אין אַלגעמיין האָט די מיליץ געהאַלטן אָרדענונג און די באַפעלקערונג האָט פאַר איר מורא געהאַט. ביי אַ חודש צייט איז געווען רואיק. עס האָבן זיך נישט געהערט קיין גנבות און גזלות. עס האָט זיך געשאַפן אַ מין בירגערלעך געריכט, וואָס האָט געפּסקנט וועגן אַלע סכסוכים.

ווען עס זענען אָנגעקומען די באָלשעוויקעס, האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, גלייך אָפּגעשאַפט די מיליץ און אָנגעהויבן איינצופירן די „רעווקאָמען" (רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן), ווו די בעלי־דעות זענען געווען 17־18־יאָריקע ייִנגלעך. קודם כל האָט מען אַרעסטירט די מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַ השפּעה אין דער בירגערלעכער מיליץ און די יעניקע גוטבאַזי־צער, וואָס האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן. פּאַקטיש האָבן די רעווקאָמען געהאַט גאָר אַ קליינע דעה. דאָס איז געווען אַ שטיקל דעקאָראַציע צו דער „אַרבעטער־פּויערים רעגירונג". די גאַנצע מאַכט האָבן געהאַט די מיליטערישע קאָמיסאַרן. די רעווקאָמען פלעגן דאַרפן אָנווייזן ווו און ביי וועמען ס'איז דאָ עפּעס וואָס צו רעקווירירן, און דאָס איז טאַקע דורכגעפירט געוואָרן כדבעי. אגב, זענען אין שטעטל געשטאַנען עטלעכע ראָטעס סאָל־דאַטן, וואָס האָבן זיך גענייטיקט אין פּראָוויאַנט, באַזונדערס אין ברויט און פלייש. מען האָט צוגענומען ביקן און טעלעצעס (יונגע קי). ביי מיינע עלטערן, צום ביישפּיל, האָט מען צוגענומען צוויי שטיק בהמות און אַ פערד, אַחוץ איבער 60 פּוד תבואה, וואָס איז געווען אָנגעגרייט אויף זריעה און געווען באַהאַלטן אין היישייער. ביי די שטעטלשע איינוווינער האָט מען צוגענומען כמעט דאָס גאַנצע אָנגעגרייטע עסנוואַרג. באַזונדערס האָט מען גענומען ביי די פּריצים, דערביי פלעגט מען פון זיי מאַכן חוזק. די פּאַרוואַלטונג פון הויף פלעגט איבערגיין כלומרשט צו די אַרבעטער, אין אמתן צום מיליטער, אָבער קיין באַלעבאַטישקייט האָט מען נישט געפירט.

די מלחמה, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געפירט מיט די ליטווינער ביי דעם „פראָנט", איז געווען אַ מין קינדערשפּיל. די ליטווינער האָבן גע־דונגען צו הילף די דייטשן, וועלכע זענען אויף יענער זייט דעמאַרקאַציע־

ליניע נאָך געווען די דעה־זאָגערס. די דאָזיקע דייטשן פֿלעגן באַקומען ביי דער ליטווישער רעגירונג געהאַלט און אויסהאַלט, אָבער קיין גרויסן חשק צו שלאָגן זיך האָבן זיי נישט געהאַט. פֿאַקטיש איז געווען אַזוי, אַז ביידע צדדים האָבן מורא געהאַט איינער פֿאַרן אַנדערן, און דערהערנדיק אַ שאָס, פֿלעגט מען גלייך „אָפּציען". און אַזוי איז מען אָפּגעשטאַנען איינע אַנטקעגן די אַנדערע אַ חדשים דריי־פֿיר. לפֿנים פֿלעגט מען אַמאָל זיך דורכשיסן, אָבער קיין געליטענע זענען דערביי נישט געווען. סך־הכּל עפּעס איין מאָל איז דערהרגעט געוואָרן אַ דייטש. די באָלשעוויקעס זענען געגאַנגען עפּעס אין אַ דערפֿל נאָך „באָרשטש". עס זענען אָנגעריטן עטלעכע דייטשן, און פֿון „שרעק" האָט אַ באָלשעוויק אויסגעשאָסן און דערהרגעט אויפֿן אָרט אַ דייטשן סאָלדאַט. די דייטשן האָבן געענטפֿערט מיט עטלעכע שאָסן און אָפּגעטראָטן, איבערלאָזנדיק דעם דערהרגעטן. די באָלשעוויקעס האָבן אים אָפּגעפֿירט אין שטעטל און מקבר געווען לעבן קלויסטער. דער פֿאַל האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו פֿאַרבינדן כּמעט פֿריינטלעכע באַציאונגען צווישן ביידע פֿראָנטן. די דייטשן האָבן געשיקט פֿאַרלאַמענטאַריער מיטן ציל צו באַקומען דעם טויטן קערפּער פֿון זייער חבֿר. די באָלשעוויקעס האָבן עס גערן געטאָן און מיט פּאַראַד באַגלייט דעם געפֿאַלענעם. פֿון דעמאָלט אָן פֿלעגט מען פֿאָרן צוגאָסט איינע צו די אַנדערע, געמאַכט „באַליקעס". דערביי האָבן די דייטשן מכבּד געווען די רוסישע קעגנער מיט „בראַנטוויין" און זיי האָבן באַקומען רוסישן טאַבאַק, צוקער. דעם „פֿראָנט" האָט מען ווייטער „געהאַלטן" לפֿנים וועגן.

נישט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן, האָט דאָס שטעטל זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען צו די באָלשעוויקעס. פּאַר ברויט האָט מען פֿון זיי געקענט קריגן זאַכן, בעיקר וואַרעמע וועש, שיך, צוקער, געלט האָבן זיי נישט געקאַרגט און געצאָלט „וויפֿל מען האָט געהייסן". די קרעמערס איז אַזאַ אויפֿפֿירונג געפֿעלן געוואָרן: „מ'לייזט!".

דערצו האָבן די רויטאַרמייער גלאַט ליב געהאַט צו משמח זיין. מען האָט איינגעאָרדנט אַ טעאַטער, און איין מאָל, צוויי מאָל אין וואָך פֿלעגט מ'ען מאַכן פֿאַרוויילונגען מיט טענץ. דעם לאָקאַל האָט מען איינגעאָרדנט אין „פּאָפּס הויז", וווהין מען האָט געבראַכט מעבל און אַ ראַיאַל, וואָס

מען האט צוגענומעןביים שטעטלשן גוטבאזיצער, א דאקטאר. אויף די אוונטן פלעגט זיך צונויפקומען דאס שטעטלשע יונגוואַרג, יידן און קריסטן, און מען פלעגט גאַנץ געשמאַק פאַרברענגען. אין זעלביקן לאָקאַל פלעגן אַלע זונטיק פאַרקומען מיטינגען אויפן באָלשעוויסטישן שטייגער. פאַר קינדער פלעגט מען מאַכן ספּעציעלע אַגיטאַציע־אָוונטן, מען פלעגט פאַר זיי פאַרלייענען אָדער ריידן, שפּילן אויפן ראָיאַל, עטלעכע מאָל זיי געגעבן מתנות. מען דאַרף קאָנסטאַטירן, אַז די באָלשעוויקעס האָבן געפונען אַ וועג צו די קינדער און האָבן געלאָזן ביי זיי אַ גוטן אָנדענק.

די קינדער, די קליינשטעטלשע פאַרהויטשעטע קינדער, האָבן אָנגעהויבן צו פילן, אַז זיי זענען „עפּעס", אַז זיי האָבן אויך אַ וועלט, און די אידעאַלן פון גערעכטיקייט, וועגן וועלכע זיי האָבן געהערט אויף זייערע קינדערשע מיטינגען, אפשר צום ערשטן מאָל, זענען זיי שטאַרק נאָענט געוואָרן...

און אַזוי האָבן די באָלשעוויקעס אָנגעהויבן „איינצולעבן זיך", ביז עס האָט דערלאַנגט אַ דונער...

אויפן קריסטלעכן פּסח האָט מען געזאָלט איינאָרדענען אַ גרויסע פאַרווייַלונג פאַר קינדער, און דער מיליטערישער קאָמאַנדיר איז אַוועק־געפאָרן קיין ווילנע ברענגען פאַר זיי מתנות. אין זעלביקן טאָג איז ער איי־ליק צוריקגעקומען מיט אַ בשורה, אַז ווילנע איז פאַרנומען דורך די פּאָ־ליאַקן, אַז טראָק, פון וואַנען ער האָט זיך צוריקגעקערט, האָט שוין נישט קיין פאַרבינדונג מיט ווילנע. דער קאָמיסאַר האָט אויך דערציילט, אַז אין ווילנע קומט פאַר אַ פּאָגראָם.

מיינע עלטערן האָבן געוווינט אַ וויאָרסט פיר פון שטעטל, און ווען צו אונדז איז דערגאַנגען די געשיכטע וועגן ווילנע, זענען מיר געוואָרן פאַרציטערטע. אַוועקגייענדיק פון ווילנע, האָב איך גאָרנישט געקענט קלערן אַז אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג זאָל מען אַרויסשטויסן די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן זיך שוין, ווי עס האָט דעמאָלט אויסגעוויזן, אַזוי באַפעסטיקט, אַז זיי האָבן גאָרנישט געטראַכט וועגן אָפּטרעטן. די ידיעה וועגן פּאָגראָם האָט אונדז אַריינגעוואָרפן אין גרויס יאוש.

דער מיליטערישער קאָמיסאַר האָט צונויפגערופן אין שטעטל אַלע

רויטע חיילות, דערציילט זיי די לאַגע, געשילדערט דעם שרעקלעכן פּאָ־גראָם, וואָס קומט פאָר אין ווילנע און דערביי געזאָגט, אַז איצט האָבן זיי פון צוויי זייטן שונאים, אָבער אַ טייל מוז גיין צו הילף די ווילנער חברים, כּדי צו ראַטעווען זיי און זיך אַליין פון דער געפערלעכער לאַגע. דערביי האָט ער זיך פונאַנדערגעוויינט. אַלע יידן, וואָס זענען געווען אויפן מאַרק־פּלאַץ (דאָס איז געווען שביעי של פּסח), האָבן אויך שטאַרק געוויינט. צווישן די רויטאַרמייער האָט זיך אַרויסגערופן מער ווי אַ ראַטע פרייוויי־ליקע, צווישן זיי אַלע יידישע סאָלדאַטן. דער קאָמיסאַר האָט זיך מיט זיי אַלעמען געקושט. ווי מען האָט דערנאָך איבערגעגעבן, איז די ראַטע נישט דערגאַנגען ביז ווילנע און איז צעטריבן געוואָרן דורך די פּוילישע חיילות.

דער שטעטלשער גאַרניזאָן איז נאָך אָבער געבליבן זיצן אויפן אָרט, הגם אַלע האָבן געפילט, אַז זיינע טעג דאָ זענען געציילטע. עס האָט זיך אָנגעהויבן צו פילן ביי זיי אַ נערוועאישע שטימונג. און אויך די יידישע באַפעלקערונג האָט געפילט אַן אומרו. דערצו האָט קיינער נישט געהאַט קיין ריכטיקע ידיעה. די קריסטן האָבן דערציילט, אַז יידן האָבן געשאָסן פון די פענצטער און דערפאַר האָבן זיי „אונדזערע" דערנאָך געקוילעט ווי די באַראַנעס. אַזאַ ווערסיע איז געגאַנגען ביי זיי פון מויל צו מויל.

איך האָב זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען. גיין איז געווען אומ־מעגלעך. איך האָב זיך גענומען צו פעלדאַרבעט מיט גרויס התמדה, גע־אַקערט, געזייט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז נאָך די אַלע איבערלעבענישן בלייבט נאָר איין וועג איינצושטילן דאָס צעבראָכענע געמיט, און דאָס איז דורך געזונטער, נאַטירלעכער באַשעפטיקונג אויפן פעלד. די מלחמה־יאָרן האָבן געוויזן, אַז דאָס איז די זיכערסטע „פּרנסה". עס האָט אונדז אויס־געפעלט נאָר אַ פערד. איך בין אַוועק מיט מיין ברודער פועלן ביי די באַל־שעוויקעס, אַז זיי זאָלן כאָטש איצט אָפּגעבן צוריק דאָס רעקווירירטע פערד. דאָס פערד האָט זיך געפונען אין פּראָוויאַנט־לאַגער, עטלעכע וויאָרסט פון שטעטל. די ערשטע זאַך, וואָס האָט זיך דאָרט געוואָרפן אין די אויגן, זענען געווען גאַנצע בערג מיט ביינער, ווייל די באַלשעוויקעס פלעגן עסן פלייש אנשטאָט ברויט, און דעריבער האָט מען געשאָכטן בהמות, וועלכע מען פלעגט צונעמען ביי דער באַפעלקערונג. פון קאָמענדאַנט האָבן מיר

געהאַט אַ פּאַפּיר, אַז אויב דער פּראָוויאַנט־מאַגאַזין דאַרף נישט דאָס פערד, קען מען עס אונדז אָפּגעבן צוריק. דאָס פערד איז געווען זייער אַ גוטס, אָבער נאָך פיר וואָכן ביי די באָלשעוויקעס, איז פון אים געוואָרן אַ תל. דער „קאַניוך" איז ביי זיי געווען אַ יידישער זעכצניעריקער בחורל פון ווילנע, אַ געוועזענער שניידער־יונג. ער האָט נישט געהאַט קיין שום פאַר־שטעלונג, ווי אַרומצוגיין אַרום פערד. די פויערים האָבן דערציילט, אַז ער פלעגט נישט וויסן, ווי אָנצוטאָן אַ ציימל אויפן פערד. ער פלעגט אים געבן היי און מעת־לעתן געלאָזן אָן וואַסער. קיין וואונדער נישט, וואָס אַזאַ „געניטער" מענטש האָט שוין געהאַט אָוועקגעפּטרט נישט איין פערד. דער עלטערער פון פּראָוויאַנט־מאַגאַזין האָט נישט געוואָלט אָפּגעבן דאָס פערד. דער פויער, ביי וועלכן זיי זענען געשטאַנען, האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף יאָ אָפּגעבן דאָס פערד; „דער ייד איז אַן אָרנטלעכער מענטש און מען דאַרף עס טאָן, ווייל אַזוי וועט פאַרלוירן גיין זיין באַלעבאַטישקייט". דער פּראָוויאַנט־קאָמיסאַר איז געוואָרן ווייכער און האָט אָנגעהויבן צו פרעגן, ווי גייט מען אַריבער צו די ליטווינער. ער אליין איז פון קאָוונער גובער־ניע און אים איז שוין דערעסן די גאַנצע שפּיל. אפשר קענען מיר אים העלפן זיך אַריבערפּעקלען. פאַרשטייט זיך, אַז מיר זענען געווען איינגע־האַלטן און זיך ארויסגעדרייט פון אַ דירעקטן ענטפער. דאָס פערד האָט ער אָפּגעגעבן.

די לאַגע פון די רויטאַרמייער האָט זיך פאַרערגערט פון טאָג צו טאָג און זיי האָבן געמוזט וואָס גיכער זיך עוואַקואירן. עס זענען צונויפגעטריבן געוואָרן פורן פון אַלע אַרומיקע דערפער און אייליק האָט מען זיך אָנגע־הויבן צו לאָדן אויף די וועגענער. אויפן שטעטל איז געפאַלן אַן אימה. מען האָט געציטערט פאַר דעם, וואָס וועט אָנקומען נאָך די „גדולים" (דער יידישער נאָמען פאַר די באָלשעוויקעס). דער פחד איז נאָך געוואָרן גרע־סער, ווען דער קאָמיסאַר האָט זיך געזעגנט מיט אַלע יידן און אַפילו מיטן רב, בעטנדיק מחילה פאַר די צרות, וואָס די באַפעלקערונג איז אויסגע־שטאַנען אין די עטלעכע חדשים פון זייער ממשלה. אין דעם מאָמענט האָט זיך שוין קיינער נישט געפרייט מיט דעם, וואָס די „גדולים" גייען אַוועק.

אויף אָפּצוטרעטן האָבן די רויטע געהאַט פאַר זיך נאָר איין שמאָלן

פּאַס, וואָס האָט געפירט דורך די שטעטלעך סומעלישאָק, יעוויע, שירווינט; אויף אַזאַ אופן האָבן זיי געקאָנט זיך דורכשניידן אויף דווינסק. דער וועג איז געלעגן אַ האַלב וויאָרסט פון דעם אָרט, וווּ איך האָב פאַרבראַכט. געענדיקט, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין שטעטל האָט מען ביי אונדז נישט געוווּסט, נאָר מיר האָבן שוין פון דער ווייטנס געזען אַ שטאַרקע באַוועגונג אויפן שליאַך. אין דעם טאָג, ווען די באָלשעוויקעס זענען אָפּגעטראָטן, האָב איך מיט מיין ברודער געאַקערט. דער אָבאָז פון די רויטע האָט זיך זייער פּאַמעלעך באַוועגט, מחמת די פערד זענען געווען שוואַך און אויסגעמאַטערט. ווי נאָר מען האָט געקענט, האָט מען צוגענומען פרעמדע פערד, כדי זיי צוצושפּאַנען. עס זענען צוגעפאָרן צו אונדז צוויי רייטערס מיט אַ פאָדערונג צו העלפן אַרויפפירן אויפן באַרג אַ שווערע פור. „איר וועט מער נישט זיין פאַרנומען ווי אַ האַלבע שעה, און מיר לאָזן אייך אָפּ צוריק". מיר האָבן איינגעשפּאַנט אינעם וואָגן אונדזער פערד, און דער ברודער, שטיצנדיק זיך אויף זייערע ווערטער, איז אַרויס פון שטוב אָן אַ רעקל, נישט מיטנעמענדיק מיט זיך קיין זאַך. ווי ער איז צוגעפאָרן, האָט מען אָנגעלאָדן אויף זיין פור פּולעמיאָטן און מען האָט אים שוין מער נישט אָפּגעלאָזן, און אנשטאָט אַ האַלבע שעה איז ער אונטער דער גרעסטער געפאַר געווען אין וועג 10 טעג.

נישט אַלץ האָבן די באָלשעוויקעס באַוויזן מיטצונעמען מיט זיך. עס איז געבליבן נאָך זיי אַ מאַסע פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור. מיר איז אין אַ פּאָר טעג אַרום אויסגעקומען דורכגיין דעם וועג, אויף וועלכן זיי זענען אָפּגעטראָטן. אומעטום ביים וועג האָבן זיך געוואַלגערט בראָשורן, בלעטער אָן אַ שיעור. דער וועג איז געווען ממש ווייס. פאַרן אַוועקגיין, זענען דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק מיט אָן אָרדינאַרעץ אַוועקגעריטן האַסטיק צו מערב פון שטעטל אין דער ריכטונג צו דער דייטש־ליטווישער דעמאַרקאַציע־ליניע, כלומרשט אויף אַ „ראַזוויעדקע", אָבער אין דער אמתן כדי זיך איבערצוגעבן אין געפאַנגענשאַפט. דאָס האָט זיך זיי איינגעגעבן. זייער ביישפּיל האָבן נאָכגעטאָן אַנדערע חברים פון די איינפאַכע סאָלדאַטן. די אויפרעגונג פון די לעצטע אויף דער „נאַטשאַלסטוואָ" איז געווען אַ שרעקלעכע. מען איז אויף זיי געווען אין כעס, פאַרוואָס זיי האָבן דאָ געוואַרט

און נישט אָפּגעגאַנגען גלייך, ווי ס׳האָט זיך באַקומען די ידיעה וועגן פאַר־נעמען ווילנע. עס איז שוין געווען נאָענט דערצו, אַז מען זאָל מאַכן אַ סוף מיט די קאָמיסאַרן, אָבער אַ טייל האָט געזאָגט, אַז עס וועט נישט העלפן, מען קען נאָך גיכער אַריינפאַלן אין די הענט פון די פּאָליאַקן, ווייל עס וועט זיך אָנהייבן אַן אַנאַרכיע, און דעם וועג ווייס קיינער נישט. און אַז די פּאָליאַקן וועלן מאַכן מיט זיי אַ סוף, איז ביי קיינעם קיין צווייפל נישט געווען.

ווי עס פּאַסירט אָפט אין אַזעלכע פאַלן, האָט זיך דאָ אויך אָנגעהויבן אַ דעמאָראַליזאַציע. אַ סך סאָלדאַטן פלעגן מיט זייערע פורן אָנגעלאָדענע מיט צוקער, מעל, זייף א״א אָפּפאָרן אַן אַ זייט פון שליאַך און פלעגן דאָס אַלץ פאַרקויפן, אָפט שוין דעזערטירנדיק דערביי.

אין שטעטל גופא זענען קיין ראַבירונגען נישט פאָרגעקומען פון דעם טייל סאָלדאַטן, וועלכע זענען דאָרט געשטאַנען, אָבער אַנדערע אָפּטרעטנ־דיקע חיילות האָבן געמאַכט אַ „רושם״ אין פיל דערפער און ביי ישובני־קעס. מען האָט צוגענומען בהמות, וועש, קליידער, שיך און מכל הבא בידם, וועגן פוראַזש איז שוין אָפּגערעדט — דאָס האָט מען גענומען וויפל עס איז נאָר געווען. מיר האָבן זיך אויך געריכט אויף באַזוכער און קיין אויג נישט צוגעמאַכט; אָבער די נאַכט איז אַריבער רואיק. אויף מאָרגן, אַ זייגער 7 אין דער פרי, ווען אַלץ איז שוין געווען אויסערלעך רואיק און די באָלשעוויקעס זענען שוין נישט געווען, האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי. איך בין דעמאָלט געווען אויף אַ פישער־שיפל אויף דער אָזיערע און אַרויסגענומען בוטשעס (מכשירים פון פישפאַנגעריי). פלוצעם האָבן אָנגעהויבן פייפן קוילן איבער מיין קאָפּ, איך האָב זיך קוים באַוויזן צו לייגן אויפן דעק פון שיפל. אַ קויל האָט דורכגעלעכערט דעם דעק פון שיפל. ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, זענען די קוילן געווען געצילט בסך הכל נאָר אויף איין פאַרשפעטיקטן באָלשעוויק, וועלכן די דייטשן, אָנגערוקטע פון ליטע, האָבן דערזען פון דער ווייטנס. דערצו האָט זיך נאָך באַוויזן אַן אַעראָפּלאַן, וואָס איז געפלויגן אין דער ריכטונג, וווהין די באָלשעוויקעס זענען אָפּגעטראָטן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך דערהערט אַן אויפרייס פון אַ באָמבע. דאָס האָט אַ דייטשער

אַעראָפּלאַן געוואָרפן אַ באָמבע אין אַבאָז פון די באָלשעוויקעס. מיר האָבן זיך געקענט ריכטן, אַז דאָרטן געפינט זיך מיין ברודער...

אינעם זעלביקן טאָג זענען אין שטעטל אַריינגעריטן ליטווינער און דייטשן, וועלכע מען האָט איצט גערעכנט פאַר די שענסטע און בעסטע אָקופּאַנטן. מיט דער ליטווישער מאַכט האָט מען זיך נאָך ווייניק גערעכנט און אַלץ איז נאָך געגאַנגען אויפן „דייטשס" חשבון. יידן זענען אַלע אַרויס אויף די גאַניקעס און מען האָט זיי פריינטלעך באַגריסט. געענטפערט האָבן זיי איינגעהאַלטן. גלייך האָט מען אָנגעהויבן צו מאַכן זוכונגען מיטן ציל אָפּצונעמען די זאַכן, וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן געלאָזן. דערביי האָט מען עטלעכע, וועלכע מען האָט חושד געווען אין באָלשעוויזם, מכבד געווען מיט נאַגייקעס, אָבער מיט „חסד". דעם זעלביקן טאָג זענען די דייטשן אָפּגעפאָרן צוריק, און די יידן האָבן עס שטאַרק באַדויערט.

דערווייל האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן קריסטלעכע פּוסגייער פון ווילנע. מיט יידן פלעגן זיי כמעט נישט וועלן ריידן. אָבער צווישן דער פּויערישער באַפעלקערונג פלעגן זיי דערציילן די מעשים תעתועים פון די „זשידעס" און ווי מען האָט זיך מיט זיי אָפּגערעכנט.

עס איז כדאַי צו פאַרצייכענען אַזאַ פאַקט. מיט אַ טאָג 4־5 פאַר פּסח איז צו מיינע עלטערן אַריין אַן אָרעמער קריסט פון ווילנע. מען האָט אים געגעבן עסן, טרינקען, וואָס ער האָט אין פאַרלויף פון גאַנצן וועג נישט אָנגעזען פאַר די אויגן. דאָס האָט אים גערירט און ער האָט אָפּגערופן דעם פאָטער אָן אַ זייט און אים געזאָגט: איך מוז דיר דערציילן אַ סוד, ווייל דו ביסט אַ גוטער מענטש. זיי ווייסן, אַז פּסח וועט זיין אין ווילנע אַ פּאָגראָם און אויב דו האָסט דאָרטן וועמען, זאָל ער פון ווילנע אַרויספאָרן. דעמאָלט האָט מען נישט צוגעגעבן צו זיינע ווערטער קיין גרויסן באַטייט. ערשט ווען זיין „נבואה" איז מקוים געוואָרן, האָט מען זיך אָן אים דערמאָנט. עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו פילן צווישן דער באַפעלקערונג אַ פיינטלעכע שטימונג. איך האָב מער נישט געקענט בלייבן אין אומוויסנהייט וועגן ווילנע און וועגן מיין פאַמיליע. איך האָב זיך צונויפגערעדט מיט צוויי יונגעלייט, וועלכע האָבן געהאַט ברידער און שוועסטער אין ווילנע, אַז מיר זאָלן ריזיקירן און זיך דורכרייסן קיין ווילנע, און אויב

אונדזערע לעבן, ברענגען פּאָר זיי וועלכע עס איז לעבנסמיטל און באַזונ־דערס ברויט. מיר האָבן גענומען פּעקלעך צו 15־20 פונט אויף די פּליי־צעס און גיזעגענענדיק זיך מיט די עלטערן, וועלכע האָבן אונדז באַווײַנט, האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג. דאָס איז שוין געווען אַן אַכט טאָג אַרום נאָך דעם, ווי די פּאָליאַקן זענען אַריין אין ווילנע. קומענדיק קיין טראָק, זענען מיר אַריין אין דער ערשטער יידישער שטוב, וווּ אַ יונגע פרוי האָט געהאַט איר מאַן אין ווילנע און נישט געוווּסט, וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט. אין טראָק האָט מען פון אָנהייב אָנגעהויבן צו ראַבירן, אָבער גלייך אויפן אַנדערן טאָג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז עס זאָל זיין רואיק. מיר זענען דורכגעגאַנגען ביז לאַנדוואַראָווע און געטראָפן אַ גרופּע יונגע מיידלעך (מענער האָבן זיך נישט באַוויזן אין די גאַסן), און דאָ האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער מאַן פון דער יונגער פרוי פון טראָק איז דערהרגעט געוואָרן. איינע האָט מיר געזאָגט, אַז אין דעם הויז ווו איך האָט געוווינט, איז פאָרגעקומען אַ ראַבירונג. צי עס זענען דאָ קרבנות — דאָס ווייסט זי נישט. דאָס ערשטע יידישע הויז, וווהין מיר זענען אַריין, האָט געהאַט אַ קרבן; און דערצו נאָך די ידיעה וועגן רויב־אָנפאַלן ביי אונדז. איך האָב זיך שוין געקאָנט ריכטן אויף אַלץ...

לאַנדוואַראָווע אַליין האָט שרעקלעך געליטן. ביים אָפּטרעטן האָבן די באָלשעוויקעס צוגענומען פערד מיט קי און אַנדערע זאַכן. און נאָך מעשה ווילנע האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה רויבערייען מיט נגישות אָן אַ שיעור. עס פלעגן קומען אַלע ווילדע פרישע באַוואָפנטע באַנדעס פון ווילנע, און דאָס וואָס איינע האָט נישט באַוויזן אַוועקצונעמען, פלעגן עס טאָן די אַנ־דערע, דערביי האָט מען אָנגעטאָן פאַרשיידענע עינויים. דעם רב מיט נאָך אַ פּאָר עלטערע בעלי־בתים האָט מען צופוס געטריבן פון לאַנדוואַראָווע קיין ווילנע און זיי מערדערלעך געשלאָגן, פאַרוואָס זיי זענען נישט גע־גאַנגען אַזוי גיך. אויף קיין פור האָט מען זיי נישט געלאָזט זיך זעצן. דער גרעסטער טייל יידן האָבן זיך באַהאַלטן. עס זענען אַריבערגעגאַנגען עטלעכע טעג אין שרעקלעכע רויבערייען פון באַנדיטן, ביז וואַנען דער קאָ־מענדאַנט האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו שמייסן די רויבער. נאָך דעם האָט זיך גלייך באַרואיקט...

אויף די וועגן האָבן מיר קיין איין יידן נישט געטראָפן און אַלע האָבן זיך געוווּנדערט, ווי גייען מיר דאָס אין אַזאַ געפערלעכער צייט. דעם וועג פון לאַנדוואַראָווע ביז ווילנע האָבן מיר דורכגעמאַכט מיט גרויסע מאָראַלישע ליידן. וועמען מיר פלעגן נישט באַגעגענען, בעיקר פּרויען, פלעגן זיי אַלע נישט דורכלאָזן אונדז אָן גיפטיקע באַמערקונגען, שטעכ־ווערטלעך און זלזולים. די ערשטע ווערטער פלעגן זיין „זשידאָווסקע קאָ־מיסאַרי". אין איין אָרט האָבן מיר באַגעגנט עטלעכע פּויערים מיט הויז־געזינדן. איינער פון זיי האָט געזאָגט אויף מיין חשבון: „איך האָב זיין טאַטן אויף יענער וועלט אַוועקגעשיקט, מען דאַרף אים אויך אַהין אַוועק־שיקן". די פויערטעס האָבן גערעדט, אַז איצט טאָר מען שוין נישט קויפן און פאַרקויפן צו אַ יידן, פאַר דעם קענען „אונדזערע" דערשיסן.

צוגייענדיק צו דער וואָקער־בריק, האָבן מיר געטראָפן אַ פּאַסאַזשיר־צוג, וואָס האָט געדאַרפט אָפּגיין קיין ווילנע און נעמען פּאַסאַזשירן. מיר זענען צוגעגאַנגען פרעגן, ווו קויפט מען אַ בילעט. דער שומר אָדער קאָנ־דוקטאָר האָט אונדז געענטפערט: „איר קענט נישט פאָרן". מיר האָבן אָנ־געוויזן, אַז אָט פאָרן דאָך מענטשן. „דאָס זענען מענטשן, אָבער נישט איר, פּאַרכעס". נישט געקוקט אויף דער מידקייט און צעבראָכנקייט פון אַלץ, וואָס מיר האָבן געזען און געהערט, זענען מיר געגאַנגען ווייטער עס האָט זיך געפילט אויף יעדן טריט, אַז מען ברענט דאָס אָרט ווו מיר שטייען און גייען. און מערקווירדיק איז, אַז די פאַרבייגייענדיקע סאָלדאַטן האָבן אונדז נישט אָנגערירט מיט קיין זאַך. דאָס איז נאָך מער געווען צו באַ־וווּנדערן, ווייל ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, זענען אויף די וועגן דערמאָרדעט געוואָרן פיל מענטשן.

אַריינגייענדיק קיין ווילנע דורך נאָוויגאַראָד, האָב איך מיט פאַר־וווּנדערונג דערזען עטלעכע יידישע קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אויף דער גאַס. פון די טויערן האָבן אַרויסגעקוקט דערשראָקענע פּנימער און אַלע האָבן שעפּטשענדיק געפרעגט דערשראָקן, פון וואַנען מיר זענען. צי קאָן מען שוין גיין אויף די וועגן. עס ווייזט אויס, אַז מיר זענען געווען די ערשטע יידן, וואָס זענען אַריין אין שטאָט נאָך די „געשעענישן".

איך האָב מורא געהאַט גלייך אַריינצוגיין אַהיים. פון ווייטנס האָב

איך דערזען דעם דאָקטאָר צמח שאַבאַד. דאָס האָט מיך אַביסל דערמו־טיקט, אָט איז דאָ אַ באַקאַנטער, וואָס לעבט דאָך, דעריבער דאַרף איך נאָך די האָפענונג נישט פאַרלירן. אָבער איך האָב זיך דאָך נישט געקאָנט באַשליסן צוצוגיין צו אים, איך זאָל נישט דערהערן די בשורה, פאַר וועל־כער איך האָב אַזוי געציטערט.

איך געדענק שוין נישט, ווי איך בין דערגאַנגען אַהיים. אויפן וועג האָב איך זיך דאָך צוזאַמענגעשטויסן מיט אַ באַקאַנטער, וועלכע האָט מיר די ערשטע דערציילט, אַז אַלע פון מיין הויזגעזינד זענען גאַנץ...

קיינער האָט דאָ נישט געוואָלט גלייבן, אַז איך בין דורכגעגאַנגען דורכן פראָנט און געבליבן לעבן. אַלע האָבן געזאָגט, אַז איך האָב דאָס נישט געטאָרט טאָן, און דער אמת איז, אַז איך האָב טאַקע געקענט אומ־קומען אויף דער נסיעה צוריק קיין ווילנע.

פנקס פאַר דער געשיכטע פון ווילנע אין די יאָרן פון מלחמה און אָקופּאַציע. ווילנע, 1922.

דריטער טייל

פּראָדוקטיוויזאַציע

די ווילנער געזעלשאפט „הילף דורך ארבעט"

— 1 —

סוף פארגאנגענעם יארהונדערט איז ביי יידן אין רוסלאנד געווען א באוועגונג פון פארשפרייטן פראדוקטיווע, פאכמענישע ארבעט צווישן דער יידישער באפעלקערונג.

ביי א צאל רעגירונגס־שולעס — יעווריסקיע נאטשאלניע אוטשי־לישטשע — האבן זיך געפונען פרימיטיווע שלאסעריי אדער סטאלעריי־ווארשטאטן, ווו די עלטערע שילער האבן א פאר מאל אין וואך געלערנט האנט־ארבעט, אונטער דער השגחה פון א פשוטן בעל־מלאכה.

אבער ביי די תלמוד־תורה׳ס אין די גרעסערע שטעט האבן אין 1890טן יאר שוין עקזיסטירט עטלעכע רעגולערע פראפעסיאנעלע שולעס, וואס האבן געצאלט אויסבילדן אינטעליגענטערע בעלי־מלאכות, דערהויפט פון די יתומים־עלעמענטן, וואס האבן געהאט זייער היים אין די תלמוד־תורה׳ס און זענען דארטן דערצויגן געווארן.

די פארוואלטער פון די שולעס זענען געווען מערסטן טייל לערער, וואס האבן צו פאך־ארבעט נישט געהאט קיין נאענטע שייכות. קיין ראציאנעלע, בפרט פראגרעסיווע, מעטאדן פון לערנען מלאכה זענען אין די דאזיקע האנטווערקער־שולעס נישט געווען אנגעווענדט.

די לאגע האט זיך קארדינאל געביטן, ווען אין סוף פון פאריקן יאר־הונדערט האט ייק״א עטאבלירט, נאך לאנגע באמיאונגען ביי דער רוסי־שער רעגירונג, אן אפטייל פאר שטיצן אלערליי אונטערנעמונגען, וואס האבן דעם ציל אריינצוציען יידן אין פראדוקטיווער באשעפטיקונג.

די „ייק״א" האט אנגעשטעלט פאכלייט ספעציאליסטן אויף אנצופירן מיט דער גאנצער ארבעט פון פראפעסיאנעלער אויסבילדונג סיי פאר בחו־רים, סיי פאר מיידלעך.

עס האבן זיך אנגעהויבן ספאנטאן צו עפענען אין פארשיידענע שטעט א גרעסערע צאל האנטווערקער־שולעס פאר יינגלעך און מיידלעך. די

אַרטיקע טוער האָבן נישט געהאַט קיין דערפאַרונג אין סיסטעמאַטישער פאַך־אויסבילדונג. די ייק״אַ האָט זיך באַמיט צו באַזאָרגן די שולעס מיט פאַכלייט, וואָס זענען אויך גוט באַהאוונט אין פעדאַגאָגישע פראַגעס. פאַר די האַנטווערקערישע מענערשולעס זענען אַנגעשטעלט געוואָרן אינזשינערן און אויסגעבילדעטע מער אָדער ווייניקער אינטעליגענטע אינסטרוקטאָרן, פאַר די מיידלשולעס — דערפאַרענע פעדאַגאָגינס, וואָס האָבן געהאַט ידיעות אין האַנטאַרבעט, אין צייכענען און בכלל אין פרויען־מלאכות (שנייי־דעריי, וועשנייטעריי, האפטעריי אא״וו).

„ייק״אַ" האָט באַשטימט פאַר אינספעקטאָרן פון די פראָפעסיאָנעלע שולעס פאַר ייִנגלעך — דעם אינזשינער באַלאַטין, פאַר מיידלעך — די פרוי בער, אַ באַקאַנטע פעדאַגאָגין — ביידע מיט אַ ברייטן קוק אויף די אויפגאַבעס פון פראָפעסיאָנעלער בילדונג צווישן דער ייִדישער באַפעלקע־רונג. אויסערדעם זענען ביי „ייק״אַ" געווען אויך אַנדערע ספעציאַליסטן, צום ביישפיל, אַגראָנאָמען, טעכנאָלאָגן א״אנד, וואָס האָבן אינסטרואירט אויף אָלערליי געביטן פון מלאכה אָדער ספעציעלע באַשעפטיקונגען.

„ייק״אַ" האָט אויך רעקאָמענדירט יונגע, אָבער ענערגישע אינזשיניערן אויף די פאָסטנס פון פאַרוואַלטער־דירעקטאָרן פון די פראָפעסיאָנעלע שולעס.

דאָ מוז פאַר ירושלים דליטא געווידמעט ווערן אַ באַזונדער קאַפּיטל, ווייל אויך אויפן געביט פון פראָפעסיאָנעלער בילדונג האָט ווילנע געשפּנט אַ נייע בלאַט.

— 2 —

ווילנע האָט פאַרמאָגט צווישן אירע פילצאָליקע פילאַנטראָפּישע מוסדות אויך איינע פון די גרעסטע תלמוד תורה׳ס אין רוסלאַנד. די צאָל יתומים, וואָס די תלמוד תורה האָט אויסגעהאַלטן אין איר אינטערנאַט, האָט געגרייכט נישט זעלטן צו 250־300. לויט דער פאָדערונג פון דער בילדונגס־מאַכט איז ביי דעם אינטערנאַט געגרינדעט געוואָרן אַ רוסישע פאָלקשולע, ווו צוגלייך מיט די „לימודי קודש" האָט מען געמוזט אָפּגעבן דעם לימוד פון רוסיש, אין חשבון אַ גרעסערע צאָל שעהן. אין דער שולע

ביי דער תּלמוד תּורה האָבן געקאָנט לערנען אויך האַלבע יתומים, וואָס האָבן געקראָגן באַשפּייזונג בייטאָג, אָבער גענעכטיקט ביי זיך אין דער היים, אָדער ביי קרובֿים.

נאָכן ענדיקן דעם קורס לימודים אין דער תּלמוד תּורה זענען די קינ־דער, אין עלטער פֿון אַ יאָר 12־13, געשיקט געוואָרן צו לערנען פֿאַרשיי־דענע פֿאַכן סיי ביי בעלי־מלאָכות, סיי אין האַנטווערקער־וואַרשטאַט, וואָס האָט עקזיסטירט ביי דער תּלמוד תּורה. דער וואַרשטאַט איז געווען היפּש אָפּגעשטאַנען סיי טעכניש, סיי קולטורעל, מיט פּרימיטיווע אינסטרוקטאָרן.

אָבער ס'האָבן זיך שוין גערוקט נייע ציטן. עס זענען צוגעקומען נייע גבאים, צווישן זיי עטלעכע טיכטיקע אינזשיניערן, און עס איז אין לעצטן פֿערטל פֿון 19טן יאָרהונדערט געשאַפֿן געוואָרן אַ באַזונדער האַנטווער־קער־שול, ווו די אַבסאָלווענטן פֿון תּלמוד תּורה זענען אָנגענומען געוואָרן און אויך זייטיקע שילער פֿון אַלערליי שולן. ווי אַ דירעקטאָר איז באַ־שטימט געוואָרן אַ געוועזענער פּאַרוואַלטער פֿון אַ קרוינשול (בראַנזבורג).

עס זענען איינגעפֿירט געוואָרן אין דער האַנטווערקער־שולע פֿאַרשיי־דענע אויסבעסערונגען אין די טעכנישע און אַלגעמיינע לימודים. ס'איז אויך אויסגעבויט געוואָרן אַ ספּעציעלער בנין אין שכנות מיט דער תּלמוד־תּורה, אָבער אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פֿון איר. אַ חלק פֿון דעם געלט אויף דעם בנין האָט געגעבן די „ייק"אַ". זי האָט געפֿאָדערט, אַז בראש פֿון דער האַנטווערקער־שולע, וואָס האָט פֿאַרמאָגט שוין עטלעכע אָפּטיילן (שלאָ־סעריי, שמידעריי, עלעקטראָטעכניק) זאָל אָוועקגעשטעלט ווערן אַ פּערזאָן מיט טעכנישער בילדונג. אויף דעם אַמט פֿון דירעקטאָר איז רעקאָמענדירט געוואָרן אָנהייב פֿון דעם יאָרהונדערט דער יונגער אינזשיניער ל. פּרענקעל, וועלכער האָט אויסער זיינע גרינטלעכע פֿאַך־ידיעות פֿאַרמאָגט קינסטלע־רישע פֿעאיקייטן און אַ שטאַרקן חוש פֿאַר יידישע אַלטערטימלעכקייטן.

פּרענקעל, צוזאַמען מיט עטלעכע אינזשיניערן פֿון דער פֿאַרוואַלטונג (צווישן זיי דער פֿאַרזיצער אַדאָלף גאַרדאַן), האָט רעאָרגאַניזירט די האַנט־ווערקער־שולע אין אַ העכסט־מאָדערנעם אנשטאַלט פֿאַר פֿאַך־אויסבילדונג. עס זענען איינגעפֿירט געוואָרן קורסן פֿון פֿרייהאַנט־צייכענען, טעאָרעטי־שע לימודים (פֿיזיק, כעמיע), טעכנישע פֿאַך־צייכענונגען אא"וו.

אונטער דער ווירקונג פון די יונגע אינזשיניערן האט זיך ביי דער שול געגרינדעט די ווילנער קינסטלעריש־אינדוסטריעלע געזעלשאפט. דער ציל פון דער געזעלשאפט איז געווען צוצוציען דעם יידישע ארבעטער־עלע־מענט צו העכערע פארמען פון מאדערנעם האנטווערק, וואס קאן און דארף נישט קאנקורירן מיט פאבריק־פראדוקציע, אבער דארף אריינלייגן אין זיין ארבעט אינדיווידועלע מאטיוון סיי פון באקוועמלעכקייט־כאראקטער, סיי פון קינסטלערישן געשמאק. אינזשיניער פרענקעל האט אייגעפירט קורסן פון צייכענען, פון מאלעריי, פון שניצעריי, פון מאדעלירונג, אונטערן אנ־פיר פון ערשטקלאסיקע היימישע און אויסלענדישע ספעציאליסטן. ארום דער קינסטלעריש־אינדוסטריעלער געזעלשאפט האט זיך אנגעהויבן צו שאפן א באוועגונג פאר פארשענערן די יידישע מלאכה, צוציען צו איר די יוגנט, וואס האט שוין געהאט א געהעריקע עלעמענטארע בילדונג.

פאראלעל מיט דעם האבן די פראגרעסיווע משכילים, וואס זענען גע־שטאנען בראש פון דער ווילנער געזעלשאפטלעכקייט, געזוכט מיטלען, ווי צו לינדערן די שרעקלעכע ווילנער ארעמקייט דורך שאפן פאר דער דאזי־קער ארעמשאפט וועלכע עס איז ארבעט, לויט די מוסטערן פון דער גויי־שער געזעלשאפט „ארבעט־הייזער", ווו מען האט געגעבן ארבעט סיי אויף אהיים, סיי אין די ווארשטאטן פון די הייזער: שטריקן, נייען, פלעכטן, פארשיידענע מינים האלץ־ארבעט אדער סארטירן געוויסע סחורות.

הקיצור, ביי די ווילנער כלל־טוער איז אנטשטאנען א געדאנק צו שאפן א יידיש ארבעטסהויז אין א ברייטערן מאסשטאב. אין 1900 איז געשאפן געווארן א געזעלשאפט אונטערן נאמען „הילף דורך ארבעט", אבער צו ערשט האט מען געדארפט קריגן א דערלויבעניש פון דער צענטראלער רעגירונג. און היות דאס איז געווען אין דער צייט, ווען דער „בונד" האט אין תחום המושב אנטוויקלט זיין אינטענסיווע רעוואלוציאנערע טעטי־קייט צווישן ארבעטער, איז דאס ווארט „ארבעט" אין דעם נאמען פון א יידישער געזעלשאפט געווען טריף פאר דעם אינערן־מיניסטעריום. אבער בראש פון די אלגעמיינע ארבעטסהייזער אין גאנץ רוסלאנד איז געשטא־נען די קייסערינע אליין, ווי זייער ערן־פארזארגערין; האט זיך די פעטער־בורגער יידישע עסקנים, מיט אלעקסאנדער ברוידע בראש, איינגעגעבן צו

געפינען אַ וועג צו די מאַסגיביקע פאַקטאָרן פון אינערן־מיניסטעריום, און די דערלויבעניש אויף צו עפענען די געזעלשאַפט אין ווילנע איז אין 1903 אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָך דריי יאָר שתדלנות אין פאַרשיידענע קאַנצע־לאַריעס.

מיט דער געשיכטע פון „הילף דורך אַרבעט" איז פאַרבונדן אַ טשי־קאַווע געשעעניש אין יידישן לעבן, וואָס האָט פּאַסירט אין דער משפּחה פון באַרימטן משכיל, ש. י. פין.

— 3 —

ווילנע איז געווען אַלע מאָל רייך מיט אינטעלעקטועלע כּוחות סיי צווישן טראַדיציאָנעל־יידישע, סיי צווישן יידיש־וועלטלעכע קרייזן. ווילנע איז געווען די שטאָט פון ווילנער גאון, זי איז אָבער אויך געווען די שטאָט פון אדם הכהן, מ. א. גינזבורג, קלמן שולמאַן, א. מ. דיק און פון גבירים משכּילים, מתתיהו סטראַשון, שמואל יוסף פין א"אנד.

די גרופּע פון ש. י. פין איז געווען פרום, אָבער נישט פאַנאַטיש, הגם אין די אויגן פון יראים והרדים האָבן זיי געקאַנט פאַררעכנט ווערן שיעור נישט פאַר גרויסע „אפּיקורסים", וואָס זיי זענען זיכער נישט געווען.

ש. י. פין איז געווען אַ טיפער בקי אין דער רעליגיעזער ליטעראַטור, ווי אויך אין דער העברעאישער און אַנדער־שפּראַכיקער (דייטש, רוסיש) יודאַיקאַ און יידישער געשיכטע.

דער ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט אים צוגעטיילט אין זיין קאַנצעלאַריע דעם אַמט פון אַ „געלערנטן יידן" (אוטשאָני יעווריי), אַן עקספּערט איבער יידישע אָנגעלעגנהייטן.

ש. י. פין האָט, נישט קוקנדיק אויף זיין הויכן אַמט, זיך נישט אָפּ־געזאָגט פון זיין טראַדיציאָנעלער יידישקייט. געזעסן שטענדיק אין יאַר־מעלקע און אַפילו געטראָגן קורצע פּאות. וועגן אַ באָרד איז אָפּגערעדט.

ער האָט אויך געהאַט אומבאַוועגלעכע גיטער אין ווילנע (באַרימטע „פינס באָד" אויף זאַרעטשע). ער איז געוואָרן, ווי מיר דוכט, פרי אַן אלמן מיט צוויי קינדער, אַ ייִנגל מיט אַ מיידל. ווייזט אויס, אַז זייענדיק אַן אַ מאַמעס השגחה, איז די טאָכטער אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה

פון אַ פרום־קאַטוילישער דינסט און זיך שוין נישט געקאַנט באַפרייען פון איר פוילישן פּאַטריאַטיש־ און קאַטוילישן קאָמפּלעקס. דאָס ייִנגל האָט באַזוכט אַ רעגירונג־גימנאַזיע און איז שפּעטער געוואָרן אַ דאָקטאָר־מע־דיקער. ד״ר פּין האָט געהאַט אַן אייגענעם „אַרויספאַר״ * און איז געווען דערפאַלגרייך אין די רייכערע קרייזן פון יידישע פּאַציענטן און אויך צווישן פּאַליאַקן.

דאָס מיידל (איר נאָמען געדענק איך נישט) האָט פאַרלאָזן דעם פאָ־טערס הויז און איז פאַרשוווּנדן. עס האָט גענומען אַ לענגערע צייט, ביז מען האָט אויסגעפונען איר באַהעלטעניש: זי איז אַוועק צו מאַנאַשקעס אין אַ מאָנאַסטיר און זיך נישט באַוויזן אויף דער ליכטיקער שיין.

אַלע פּרוּוון פון פאָטער אַרויסצוקריגן זיין טאָכטער פון מאָנאַסטיר האָבן זיך נישט איינגעגעבן, נישט קוקנדיק אויף ש. י. פּינס פאַרבינדונ־גען מיט דער אַדמיניסטראַציע. מען האָט דעם אַלטן נישט צוגעלאָזן צו זען זיך מיט זיין טאָכטער.

ש. י. פּין האָט דערלאַנגט אַ בקשה אויפן קייסערס נאָמען מיט דער „אַלאונטערטעניקסטער״ בקשה צו פאַראָרדענען דעם מאָנאַסטיר, אַז מען זאָל אים צולאָזן זען און רעדן מיט זיין איינציקער טאָכטער. נאָך לאַנגן וואַרטן איז סוף־סוף אָנגעקומען פון פעטערבורג אַזאַ פאַראָרדענונג צום גענעראַל־גובערנאַטאָר, מיטן באַדינג, אַז דער שמועס פון פאָטער מיט דער טאָכטער זאָל פאָרקומען אין אַנוועזנהייט פון אַ הויכן רעגירונג־באַאַמטן פון גענעראַל־גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע. היות דאָס איז געווען אין נאָמען פון „אַלערהעכסטן באַפעל״, האָט די זעאונג געמוזט דורכגעפירט ווערן כדת וכדין.

די טאָכטער איז אַרויס צום אַלטן האַלב־רבנישן טאַטן און נישט גערן אַריין אין אַ שמועס מיט אים. אויף זיין בקשה צוריקצוקערן זיך אַהיים און אויף דער פראַגע, צי האָט מען זי געצווונגען אָנצונעמען דעם קריסט־לעכן גלויבן, האָט זי קלאָר געענטפערט, אַז אַהיים וועט זי זיך נישט אומ־קערן, קיינער האָט זי נישט געצווונגען איבערצוגיין אויף דעם „אמתן

* „וויעזד״, אַ פערד, אַן עקיפּאַזש מיט אַ קוטשער. ער איז געפאָרן רחבותדיק אין אַ צילינדער־הוט צו זיינע פּאַציענטן.

גלויבן", „אַז יעזוס קריסטוס איז גאָטס זון" און אויסגערעכנט אַ ריי אַנ־דערע קריסטלעכע דאָגמעס, וואָס מען האָט מיט איר גוט איינגעחזרט...

די מאַכט האָט גאָרנישט געקאָנט טאָן פֿאַרן פֿאָטער, ווייל די טאָכ־טער איז שוין געווען אַ דערוואַקסענע און אַליין געמאָלדן, אַז זי איז פֿריי־וויליק אַריבער צום קריסטלעכן גלויבן.

ש. י. פֿין איז געשטאָרבן אין 1890. אין זיין צוואה האָט ער זיין פֿאַרמעגן אָפּגעשריבן פֿאַרן זון ד"ר ב. פֿין, איבערלאָזנדיק פֿאַר דער טאָכ־טער דעם סימבאָלישן פֿאַרמעגן פֿון איין רובל, כדי זי זאָל נישט קענען אָפּפֿרעגן די געזעצלעכקייט פֿון דעם ירושה־אַקט.

ד"ר ב. פֿין איז געווען אַן אַלטער בחור און נישט געהאַט קיין פֿאַ־מיליע. נאָך זיין טויט האָט זיין גאַנצער פֿאַרמעגן געדאַרפֿט איבערגיין צו זיין שוועסטער דער משומדת.

כדי דאָס זאָל נישט געשען, האָבן אים די געזעלשאַפֿטלעכע טוער, אריה ניישול און דער באַקאַנטער ווילנער ציוניסט י. ל. גאָלדבערג, צוגע־רעדט צו פֿאַרשרייבן זיין פֿאַרמעגן פֿאַר דער פּראָיעקטירטער געזעלשאַפֿט „הילף דורך אַרבעט", וואָס האָט זיך טאַקע אָנגערופֿן „געזעלשאַפֿט הילף דורך אַרבעט אויפֿן נאָמען פֿון ד"ר ב. פֿין און זיין פֿאָטער ש. י. פֿין".

ד"ר פֿין האָט אַזוי געטאָן. פֿאַר די אַפּוטרופּסים איבער זיין ירושה האָט ער באַשטימט די אויבנדערמאָנטע צוויי עסקנים מיטן צוגאָב פֿון וואַלד־סוחר יעקב בן־יעקב, אַ זון פֿון באַרימטן ביבליאָגראַף.

ד"ר ב. פֿין איז געשטאָרבן אין יאָר 1899.

פֿאַר אַ טייל פֿון פֿינס געלט האָבן די אַפּוטרופּסים געקויפֿט אַ הויז אויף סובאָטש גאַס נומער 19 און איבערגעשריבן עס אויף דעם נאָמען פֿון דער געזעלשאַפֿט „הילף דורך אַרבעט".

— 4 —

די געזעלשאַפֿט „הילף דורך אַרבעט" אין ווילנע, וואָס איז באַשטאַנען אין אָנהייב פֿון באַלעבאַטישע עלעמענטן, האָט געוואָלט דאָס „הויז פֿון אַרבעט" פֿאַרוואַנדלען מער אין אַ פֿילאַנטראָפּישער אינסטיטוציע, ווי אין אַ שאַפֿנדיקן צענטער פֿאַר פּראָדוקטיווע באַשעפֿטיקונגען.

אין גרעסערע געשעפטן, ביוראָען און וואַרשטאַטן זענען דורך דער געזעלשאַפט אוועקגעשטעלט געוואָרן קאַסטנס, אין וועלכע מען האָט גע־בעטן אַריינוואַרפן די אומגייטיקע פּאַפּירן, אויך דעם אָפּפאַל פון פּראָ־דוקציע ביי די נאָדלפאַכן. די קאַסטנס פלעגט די געזעלשאַפט צוריקברענ־גען אין אַרבעטסהויז. דאָרטן האָבן אַרבעטסלאָזע יידישע פרויען טאָג־טעג־לעך געסאָרטירט דעם אָפּפאַל־מאַטעריאַל. זיי פלעגן באַקומען, לויט די לוין־באַדינגונגען פון יענער צייט (1903) ביז 40 קאָפּיקעס אַ טאָג. אין דער „ביליקער קיך" האָט מען געקאָנט באַקומען פאַר דריי קאָפּיקעס אַ טעלער פליישיקע זופּ מיט ברויט און פאַר פינף קאָפּיקעס אַ שטיקל פלייש אויך.

דעם אָפּפאַל האָבן יידישע פרויען געפּאַקט אין זעק, אויסזאָרטירנ־דיק זיי לויט די מאַטעריאַלן, פון וועלכע דער אָפּפאַל איז אויסגעאַרבעט געוועזן, און דאָס איז שפּעטער געגאַנגען אין טעקסטיל־ אָדער פּאַפּיר־פאַב־ריקן. דאָס געלט פאַרן פאַרקויפטן אָפּפאַל האָט נישט געקלעקט אויף צו באַצאָלן די פרויען פאַר דער אַרבעט.

עס איז געקומען די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה פון 1904־1905 און „הילף דורך אַרבעט" האָט אויסגעפּועלט ביי דער אינטענדאַנטור באַשטע־לונגען אויף סאָלדאַטסקע שינעלן און שטיוול. אויסצופירן די דאָזיקע באַ־שטעלונגען זענען גערופן געוואָרן אַרבעטסלאָזע שניידער און שוסטער. סיי באַלעבאַטים, סיי אַרבעטער.

די געזעלשאַפט האָט געהאַט גרויסע שוועריקייטן ביים אויספירן די באַשטעלונגען. די אַרבעטער פלעגן אַרויסשטעלן פאָדערונגען, וועלכע די געזעלשאַפט האָט נישט געקאָנט נאָכקומען. זי האָט געדאַרפט פון איי־גענע מיטלען אויסהאַלטן די וואַרשטאַטן מיט באַהייצונג, באַלייכטונג און אַדמיניסטראַציע, און האָט אויף דעם פאַרנוצט די סומעס, וואָס זענען גע־ווען באַשטימט פאַר לוינען. די אַרבעטער האָבן געדראָט מיט שטרייקן.

אַרום 1905 איז עטאַבלירט געוואָרן אַ באַנדעריי (וואַרשטאַט פאַר מאַכן פעסער). אין דעם וואַרשטאַט האָבן געאַרבעט כמעט אַלע יידישע באַנדאַרעס פון ווילנע. די געזעלשאַפט „הילף דורך אַרבעט" האָט געקראָגן אָפּזעצמערק ביי ווילנער ביר־ברויער און אויך אין אַנדערע שטעט. צוליב

די מהומות פֿון די איבערגאַנג־יאָרן איז שפּעטער אויסגעקומען צו ליקווי־דירן דעם וואַרשטאַט.

ווילנע איז געווען אַ צענטער פֿאַר האָלץ־אינדוסטריע. סטאָלער האָבן געמאַכט פֿאַרשיידענע מעבל, ראַמען פֿאַר טירן און פֿענצטער אין נייע הייזער, ווי אויך אַלערליי אַנדערע קעגנשטאַנדן פֿון האָלץ פֿאַר דער בוי־אינדוסטריע. דאָס מעבל איז אָבער געווען נישט פֿון הויכער קוואַליטעט און געמאַכט לויט פֿאַרעלטערטע מוסטערן. די סטאָלער האָבן אין גרעסטן טייל נישט געקענט זיך פֿונאַנדערקלייבן אין טעכנישע צייכענונגען. „הילף דורך אַרבעט" האָט געעפֿנט קורסן פֿון דעם וויכטיקן קעגנשטאַנד און אַ מוסטער־וואַרשטאַט פֿון קינסטלערישע מעבל, ווי אויך אַ סקלאַד פֿאַר פֿאַר־טיקע מעבל, וואָס סטאָלערס האָבן ביי זיך אין די וואַרשטאַטן אויסגע־אַרבעט.

„הילף דורך אַרבעט" האָט פֿאַרבעטן אַן אויסלענדישן, דייטשן אינס־טרוקטאָר אויף אָנצופֿירן מיטן מוסטער־וואַרשטאַט, וווּ ס'זענען אויסגע־אַרבעט געוואָרן ספּעציעלע מעבל פֿאַר קאַבינעטן, גרויסע געשעפֿטן און וווינצימערן. באַשטעלונגען פֿלעגן אָנקומען פֿון די גרויסע רוסישע שטעט. אין גיכן האָט דער מוסטער־וואַרשטאַט געקראָגן אַ שם פֿון אַ קינסטלערי־שער אַטעליע פֿון מעבל־אויסאַרבעטונג.

דער אויסלענדישער אינסטרוקטאָר האָט אויך אָנגעפֿירט מיט די אָוונטקורסן פֿאַר דערוואַקסענע סטאָליער, וווּ פֿאַך־צייכענונג איז געווען דער עיקר קעגנשטאַנד. עס זענען אָבער אויך געגעבן געוואָרן לעקציעס איבער פֿאַרשיידענע סטיל־אַרטן, טעכנאָלאָגיע פֿון האָלץ־באַאַרבעטונג א״אַנד. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז דער טאַלאַנטפֿולער סטאָליער בערמאַן (בונדיסט „לייבעטשקע") האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ זייער סאָליד בוך אין יידיש וועגן דעם סטאָלעריי־פֿאַך, אַ מין פֿאַך־ענציקלאָפּעדיע איבער אַלע צווייגן פֿון דער דאָזיקער אינדוסטריע.

אינגיכן איז די ווילנער מעבל־אויסאַרבעטונג געוואָרן זייער פּאָפּו־לער, און דער מעבל־לאַגער פֿון „הילף דורך אַרבעט" פֿלעגט באַקומען באַ־שטעלונגען פֿון גאַנץ רוסלאַנד.

נאָך איין ווילנער אינדוסטריע האָט אין אָנהייב פֿון דעם י״ה באַ־

שעפּטיקט פיל הונדערטער יידישע אַרבעטער און באַלעבאַטים. דאָס איז די שיך־אינדוסטריע. „הילף דורך אַרבעט" האָט געעפנט פאַר דעם פאַך קורסן פון צייכענען, צושניידן לעדער פאַר פאַרשיידענע מינים שיך, טעכנאָלאָגיע פון לעדער־אויסאַרבעטונג אא"וו. ס'איז אַפילו געעפנט געוואָרן אַ מוסטער־וואַרשטאַט אונטער דער אָנפירונג פון אַ דייטשן אינסטרוקטאָר. אָבער דער מוסטער־וואַרשטאַט האָט נישט געהאַט קיין אריכת ימים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ווילנער יידישע שוסטער מאַכן עלעגאַנטערע שיך, ווי די דייטשע שוסטער, און די ווילנער האָבן אין דעם פּרט גאָרנישט געהאַט וואָס צו נעמען ביי די בערלינער „רביים".

ביסלעכווייז איז די פאַרוואַלטונג פון „הילף דורך אַרבעט" געקומען צו דער מסקנה, אַז מען מוז אַריבער אין פּרט פון צוציען יידישע מאַסן צו פּראָדוקטיווער פאַכאַרבעט צו רעגולערער שולמעסיקער אויסבילדונג פון דער יוגנט. ס'איז געעפנט געוואָרן די ערשטע שניידער־שול פאַר מיידלעך מיט אַ ספּעציעלן מוסטער־וואַרשטאַט פאַר אויספירן באַשטעלונגען. ס'איז אויך עטאַבלירט געוואָרן אַ קינסטלערישע אַטעליע פאַר „נאָדל־מאָלעריי" און שטיקעריי.

אָנהייב 1908 איז אין ווילנע דורך דער איניציאַטיוו פון „ייק"אַ" און „הילף דורך אַרבעט" צונויפגערופן געוואָרן אַן אַלרוסלענדישער צוזאַמענפאָר פון פּראָפעסיאָנעלע שולן פאַר מיידלעך און אין סוף פון זעלביקן יאָר, אַזאַ צוזאַמענפאָר פון מענערישע פּראָפעסיאָנעלע שולן. דער ערשטער צוזאַמענפאָר איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין די לאָקאַלן פון „הילף דורך אַרבעט", דער צווייטער אין בנין פון דער ווילנער האַנטווערקער־שול. אויףביידע צוזאַמענפאָרן זענען געלייענט געוואָרן רעפעראַטן איבער פאַרשיידענע אַלגעמיינע און ספּעציעלע פּראָבלעמען פון פאַך־בילדונג. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרגרעסערן די צאָל פּראָפעסיאָנעלע לערנאַנשטאַלטן, ווי אויך איינפירן אין זיי אַלגעמיינע און יידישע לימודים. די ביידע צוזאַמענפאָרן זענען געווען אַ מיילשטיין אין דער געשיכטע פון פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג צווישן דער יידישער באַפעלקערונג.

— 5 —

די געזעלשאַפֿט „הילף דורך אַרבעט“ אין ווילנע האָט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל נישט נאָר העלפֿן מיט אַרבעט די, וואָס גייטיקן זיך אין דעם צום מערסטן, נאָר אויך העלפֿן ד ו ר ך אַרבעט: צוציִען צו קוואַליפֿיצירטער פֿאַכאַרבעט ברייטערע שיכטן פֿון דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט פֿון איין זייט און פֿאַרשענערן די יידישע מלאכה, דערפֿירנדיק זי צו דער מדרגה פֿון קונסט, פֿון דער צווייטער זייט.

אויף אָנצופֿירן מיט דער פֿאַרצווייגטער אַרבעט פֿון דער דאָזיקער געזעלשאַפֿט איז פֿאַרבעטן געוואָרן אַרום 1910 דער דערמאָנטער אינזשעניער ל. פֿרענקעל, דער פֿריערדיקער דירעקטאָר פֿון דער גרויסער ווילנער האַנטווערקער־שולע. ער איז שוין געווען באַקאַנט דער ווילנער געזעלשאַפֿטלעכקייט מיט זיין איבערגעגעבנקייט צו די אינטערעסן פֿון יידישן האַנטווערק און זיין שטרעבונג צו אַנטוויקלען די עסטעטיק אין יידישער מלאכה, אַזוי אַז דער האַנטווערקער זאָל זיין קאָנקורענץ־פֿעאיק לגבי זיין יידישן שכן פֿון זעלביקן פֿאַך.

שוין פֿריער האָט ער אָרגאַניזירט קורסן פֿאַר אינסטרוקטאָרן פֿון מאַלעריי ביי דער קונסט־אינדוסטריעלער געזעלשאַפֿט, און קורסן פֿאַר שניידעריי־ און סטאָלעריי־אינסטרוקטאָרן ביי „הילף דורך אַרבעט“.

דער שניידער פֿאַך האָט זיך אָנהייב 20סטן י״ה גערעכנט פֿאַר אַ ריין יידישן פֿאַך. אָבער אויך דאָ האָט געפֿעלט די געהעריקע צוגרייטונג. דאָס רוב שניידער־אַרבעטער האָבן נישט געקאָנט צושניידן און אַפֿילו אַ סך באַלעבאַטים־שניידער זענען געווען „קאַליקעס“ אין צושניידעריי. ס׳האָבן זיי אויך געפֿעלט די עלעמענטאַרע ידיעות אין סחורה־קענטעניש. ביי „הילף דורך אַרבעט“ זענען געעפֿנט געוואָרן אַזעלכע דערגאַנץ־קורסן. אין די אַלערליי קורסן און מוסטער־וואַרשטאַטן זענען געווען אָנגעשטעלט מערסטנטייל דייטשע אינסטרוקטאָרן, וועלכע האָבן געהאַט די געהעריקע פֿאַכמענישע און קינסטלערישע אויסבילדונג.

נעמענדיק אין באַטראַכט די פֿאַרשפּרייטקייט פֿון שניידער ביי יידן האָט די געזעלשאַפֿט „הילף דורך אַרבעט“ געעפֿנט די ערשטע אין ג אַ נ ץ

ר ו ס ל אַ נ ד שניידערשול פאַר יינגלעך. ביז דאַן פלעגן יוגנטלעכע לער־נען אַ מלאכה ביי פּריוואַטע מייסטער, וועלכע פלעגן אויסנוצן זייערע לערן־יינגלעך פאַר הויזאַרבעט, אויף שליחות אד״גל. די ביי־געעפנטע פאַכ־שולן האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אַרויסצונעמען די לערן־יינגלעך פון דעם רשות פון די מייסטער און פאַרלייכטערן זיי אויסצולערנען זיך אַ מלאכה.

תחילת איז די שניידערשול געעפנט געוואָרן מיט אַן איין־יאָריקן קורס. די געענדיקטע האָבן געקענט צוזאַמענניייען הויזן, וועסטלעך, אויסנייען לעכלעך, שטעפן מיט דער האַנט און אויף דער מאַשין א״אנד עלעמענ־טאַרע אַרבעט אין פאַך. ביי פּריוואַטע שניידער פלעגן זיי נאָך אַ דריי־יאָריקן טערמין קוים קענען מאַכן אַזעלכע אַרבעט. אין דער שניידער־שול, ווי אויך אין אַנדערע פאַכאָפּטיילן אין „הילף דורך אַרבעט״ זענען איינ־געפירט געוואָרן אַלגעמיינע און פאַך־לימודים. פאַר פרויען־פאַכן איז איינ־געפירט געוואָרן אַ מוסטער־וואַרשטאַט פאַר שניידעריי, פּאַראַלעל מיט אַ דריי־יאָריקער פאַכשול פאַר מיידלעך. אין מוסטער־וואַרשטאַט, ווו מען פלעגט אָננעמען פּריוואַטע באַשטעלונגען, פלעגן קומען אַרבעטערינס־שניי־דערקעס צו פאַרפולקאָמען זיך אין צושניידן, פאַסן און אויספאַרטיקן קאָמ־פּליצירטע פאַסאָנען. דאָס האָט די אַרבעטערינס געגעבן אַ מעגלעכקייט צו ווערן זעלבשטענדיק אין זייער פאַך און צו פאַרלייגן אייגענע וואַר־שטאַטן.

ס׳איז אויך איינגעפירט געוואָרן אַ צוויי־יאָריקע שול פאַר קאָלירטער העפטעריי („נאָדל־מאָלעריי״), וואָס איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע. די אינסטרוקטאָרין פון אָפּטייל איז געווען אַ באַקאַנטע פּעטערבורגער פאַך־קינסטלערין, קאַטיאַ שטיינבאַק. „ייק״אָ״ האָט געשיקט יידישע פאַך־קינסט־לער זיך פאַרפולקאָמען קיין אויסלאַנד, און אויף אַזאַ אופן געהאָלפן זיי זיך צו ספּעציאַליזירן.

פאַר דער צייט פון פרענקעלס דירעקטאָריאַט זענען עטאַבלירט גע־וואָרן קורסן פאַר פרייהאַנט צייכענונגען. דער ווילנער קינסטלער משה ליי־באָווסקי איז געווען אינסטרוקטאָר פון די קורסן, ווו אויך פון צייכענען־לימוד אין די פאַרשיידענע פאַכשולעס פון „הילף דורך אַרבעט״.

דער אַנשטאַלט האָט אָבער נישט איגנאָרירט די דערפאַרונגען פון היגן יידישן האַנטווערקערטום. ס׳זענען צוגעצויגן געוואָרן די פעאיקערע פון זיי אין דער פאַרוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט, ווי עקספּערטן, זאַכקענער און יועצים. אליעזר קרוק (טאָקער), שפּעטערדיקער פאַרזיצער פון ווילנער קהילה און לאַווניק אין ווילנער מאַגיסטראַט, און שמואל הורוויטש (שלאָסער), שפּעטער פאַרזיצער פון ווילנער האַנטווערקער־פאַראיין, זענען געווען אין דער פאַרוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט.

„הילף דורך אַרבעט" האָט זיך באַמיט אויסצושפּרייטן איר טעטיקייט אויף פאַרשיידענע געביטן פון יידישן לעבן, וואָס האָבן געטראָגן אַ קאָנסטרוקטיוון כאַראַקטער. דעמאָלט איז עס אויך געווען עמיגראַציע. קיין „האַיאַס" איז נאָך נישט געווען. ביי דער מיטהילף פון „ייק"אַ" האָבן זיך אין די גרעסערע שטעט אָנגעהויבן צו גרינדן געזעלשאַפטלעכע עמיגראַציע־ביוראָס. די הילף האָט זיך קאָנצענטרירט בעיקר אַרום דער טראַנספּאָרטאַציע פון די עמיגראַנטן. פון יאָר צו יאָר איז דער פאַרנעם פון דער טעטיקייט ביים עמיגראַציע־ביוראָ געוואַקסן. ווי איך געדענק, האָט דאָס ביוראָ, אַרום 1910 אָדער 1911, געהאָלפן אַן ערך 1500 עמיגראַנטן מיט ראַט און טאַט.

די פאַרשיידנאַרטיקע טעטיקייט פון דער מערקווירדיקער ווילנער געזעלשאַפט „הילף דורך אַרבעט" איז אין די יאָרן 1908־1914 געוואָרן אַ שם־דבר אין רוסלאַנד. נישט אומזיסט זענען אין ווילנע צוזאַמענגערופן געוואָרן צוויי אַלרוסלענדישע צוזאַמענפאָרן פאַר יידיש־פּראָפעסיאָנעלער בילדונג אין 1908 און 1909, וועלכע האָבן געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין דער געשיכטע פון פּראָפעסיאָנעלן שולוועזן אין גרויסן רוסלענדישן ישוב, וואָס האָט שוין געהאַלטן ביי זיין זיבעטן מיליאָן נפשות.

פּרוּוון צו גרינדן ענלעכע געזעלשאַפטן זענען געווען אין מינסק, באָברויסק, האָמעל און אַנדערע גרעסערע יידישע שטעט.

„אונזער שטימע", פּאַריז, יוני, 29־30, 1935.
" " " יולי, 1־2, 1953.
" " " סעפּט. 15־16, 1953

אַ יידישע לאַנדווירטשאַפט־שולע אין פּוילן

— 1 —

די יידישע באַפעלקערונג פון ליטע און ווייסרוסלאַנד, האָט זיך אויס־געצייכנט נישט נאָר מיט איר באַשיידענעם לעבנסשטייגער און קאַרגער דערנערונג, נאָר אויך מיט אַרבעטזאַמקייט און פּראָדוקטיוויטעט. אויסער דער היפשער צאָל קליינהענדלער, קרעמער, לופטמענטשן זענען געווען בעלי־מלאכות פון איבער 60 פאַכן, וואָס אַ סך פון זיי זענען געווען פאַר־רעכנט פאַר ריין־יידישע (שניידער, קאַמאַשן־שטעפער, היטלמאַכער, בלעכ־כער, מאַלאַרעס, זייגערמאַכער, פוטער־קירזשנער, פאַרבער אא״וו). אַ סך יידן זענען געווען פאַרטראָטן אויך אין אַנדערע, נישט קיין ריין יידישע פּראָפעסיעס — האָלצזעגער, שטריק־פלעכטער, פישער, בוי־אַרבעטער (טעס־לער), סטאָליער, שוסטער, קאַנזאַרטניקעס און אַנדערע.

אַ באַזונדער שיכט יידן זענען געווען ישובניקעס, יידישע שווער־אַר־בעטער ביי לאַנדווירטשאַפט, סיי ווי ערדאַרבעטער און סיי ווי אַרענדאַ־טאָרן פון קלענערע פּריצישע מאַיאָנטקעס. זיי זענען אויך געווען באַשעפ־טיקט אין ביי־פאַכן פון און אַרום לאַנדווירטשאַפט: מילנער, שמידן, קאַלכ־ברענער, סטאָלער, רימער א״אַנד.

נישט אומזיסט האָט די צאַרישע רעגירונג צום ערשטן קאָלאָניזירט אויף לאַנד די ליטווישע יידן. ביז דער לעצטער מלחמה האָבן זיך נאָך אין ליטע און ווייסרוסלאַנד איינגעהאַלטן דערפער מיט יידישע ערדאַרבעטער. צווישןביידע וועלט־מלחמות זענען אין ליטע און מערב־ווייסרולאַנד, וואָס האָט געהערט צו פּוילן, געווען ביי אַ 25 לאַנדווירטשאַפטלעכע דערפער פון יידישע ערדאַרבעטער, אויסער איינצלנע ישובניקעס, וואָס האָבן זיך פאַרנומען אין אַ ריי ערטער מיט אַקערבוי.

די יידישע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט „ייק״אַ״ האָט זיי געשטיצט: געהאָלפן מאָדערניזירן די אַגריקולטור, פלאַנצן סעדער און פרוכטגערטנער,

זייען גייע מינים געוויקסן, פֿאַרנעמען זיך מיט אַמעליאָראַציע פֿון באָדן; זי האָט אויך געגעבן קרעדיטן אויף לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מאַשינען.

אויך צווישן דער יידישער יוגנט האָט זיך אָנגעהויבן (באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן פֿאַרן צווייטן וועלט־קריג) אַ באַוועגונג פֿאַר אַגריקולטור־רעלער טעטיקייט. ס'האָבן זיך געגרינדעט אַרום ווילנע עטלעכע חלוצישע פֿאַרמעס. די קינדער, וואָס זענען געפֿאָרן אויף זייערע זומער־וואַקאַציעס פֿון פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, האָבן זיך געניט אין לאַנדווירטשאַפֿטלע־כע און גערטנערישע אַרבעטן.

וועגן איינעם אַזאַ עקספּערימענט פֿון אַ גרעסערן פֿאַרנעם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1916, וויל איך דאָ דערציילן גענויער.

ווען די דייטשן האָבן אין סעפּטעמבער, 1915, פֿאַרנומען די גאַנצע צפֿון־מערבדיקע געגנט פֿון רוסלאַנד, זענען געבליבן פֿיל גיטער, פֿאַרלאָזענע פֿון זייערע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן זיך עוואַקואירט אין טיף רוס־לאַנד. צווישן די גיטער איז אויך געווען וויעליטשאַניקאַ (אָדער ווילי־ציאַן), 13 קילאָמעטער פֿון ווילנע.

אין דעם גוט האָט דאָס רוסישע יוסטיץ־מיניסטעריום איינגעאָרדנט אַ קאָלאָניע פֿאַר מינדעריאָריקע פֿאַרברעכער. פֿאַרמעל האָט דער גוט גע־הערט צו אַ פּאַטראָנאַט, וואָס האָט געדאַרפֿט זאָרגן פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון די באַפֿרייטע יוגנטלעכע פֿאַרברעכער און האָט פֿאַרמאָגט 50 העקטאַר לאַנקעס, וועלדלעך און אַ גרויסע צוויי־שטאָקיקע געביידע, וואָס איז געווען דאָס ווינאָרט פֿון די „שילער". עס זענען דאָרט אויך געווען גרויסע ווירטשאַפֿטלעכע געביידעס, ווי שייערן, שטאַלן, דירות פֿאַר די יוגנטלעכע און אַרבעטער. אַרום דעם רעזידענץ־פּלאַץ האָבן זיך געפֿונען גרינסגערט־נער און אַ סאָד מיט איבער 400 ביימער און יאַגדעס־קוסטן. דער דאָזיקער פֿאַרמעגן איז בעת דער איבערגאַנג־צייט פֿון דער רוסישער מאַכט צו דער דייטשער געבליבן אין רשות פֿון די באַדינער. אין אָקטאָבער, 1915, איז דער גוט פֿאַרנומען געוואָרן פֿון דער דייטשער מיליטערישער ווירטשאַפֿט־פֿאַרוואַלטונג.

דער פֿעלד־ראַבינער פֿון דער צענטער דייטשער אַרמיי, וואָס האָט אָקופּירט די גאַנצע ווילנער געגנט, ד"ר סאַלי לעווי פֿון ברעסלוי, איז גע־

ווען אַ גרויסער דייטשער פּאַטריאָט, אָבער ער האָט אויך פֿאַרמאָגט אַ געזונטן געזעלשאַפֿטלעכן חוש פֿאַר יידישע ענינים. ער האָט זיך באַמיט צו העלפֿן די יידישע אינסטיטוציעס מיט סומעס, וואָס ער האָט אויסגעפּועלט ביים „הילפֿספֿאַראיין דער דויטשן יודען". האָט ד״ר לעווי באַשלאָסן צו שאַפֿן אַ נייעם אַנשטאַלט צו פֿאַרשפּרייטן מאָדערנע לאַנדווירטשאַפֿט צווישן יידן.

דער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט פֿאַר דעם איז געווען אַ גינסטיקער. צוליב דער אַלגעמיינער אַרבעטסלאָזיקייט, צעשטערונג פֿון נאָרמאַלן מסחר און אינדוסטריע איז לאַנדווירטשאַפֿט געווען די איינציקע באַשעפֿטיקונג, וואָס האָט מער אָדער ווייניקער געזיכערט דעם מאַטעריעלן קיום.

די יידישע יוגנטלעכע זענען געווען פֿאַרוואָרלאָזט; די לערן־אַנשטאַלטן פֿון די צאַרישע צייטן זענען געווען צעשטערט און קיין נייע זענען נאָך נישט געשאַפֿן געוואָרן.

די געזעלשאַפֿט „הילף דורך אַרבעט" האָט שוין אין אָקטאָבער 1915 באַגייט איר טעטיקייט און געעפֿנט אירע פּראָפֿעסיאָנעלע שולן פֿאַר יוגנטלעכע. די געבליבענע מיטגלידער פֿון איר פֿאַרוואַלטונג האָבן געבעטן ד״ר לעווי צו פּועלן ביי דער דייטשער אויבערקאָמאַנדע, אַז אַ גרעסערער טייל פֿון דעם גוט ווילִיוציאַן זאָל אָפּגעגעבן ווערן פֿאַר יידיש־לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אויסבילדונג. די פֿאַרוואַלטונג פֿון „הילף דורך אַרבעט" האָט צוזאַמען מיט ד״ר לעווי אויסגעאַרבעט אַ גענויעם פּלאַן. די דייטשע מיליטער־פֿאַרוואַלטונג האָט דערויף מסכים געווען. זי האָט אַפֿילו צוגעזאָגט, אַז אין די ערשטע צוויי יאָר וועלן די שילער און דער אָנגעשטעלטער פּערסאָנאַל באַקומען פֿון דער אינטענדאַנטור לעבנסמיטלען צו מינימאַלע פּרייזן. די דייטשן האָבן דערביי געהאַט זייערע חשבונות. זיי האָבן געהאָפֿט אין אַ פּאָר יאָר אַרום צו באַקומען פֿון דער פֿאַרעם אַ סך תבואה, גרינסן און פֿרוכטן פֿאַר דער דייטשער אינטענדאַנטור.

אָנהייב אַפּריל 1916 האָט די פֿאַרוואַלטונג פֿון „הילף דורך אַרבעט" געמאָלדן דורך דער איינציקער ווילנער יידישער צייטונג „לעצטע נייעס", אַז עס ווערן אָנגענומען יונגעלייט אין עלטער פֿון 15־19 יאָר. עס האָבן זיך דאַן פֿאַרשריבן 120 יוגנטלעכע, געוועזענע שילער, בעיקר פֿון מיטל־

שולעס. די קאַנדידאַטן זענען מעדיציניש אונטערזוכט געוואָרן, און בלויז אַ העלפט פון זיי זענען אָנגענומען געוואָרן ווי שילער פאַר דער ניי־געגרינדעטער לאַנדווירטשאַפטלעכער שולע.

אַדאַנק דער ענערגישער האַנדלונג פון ד״ר לעווי זענען כמעט אַלע געביידעס און געבליבענע מכשירים פאַר אַגריקולטור איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון דער שולע מיט אַ קליינעם צושאָב פון די נייטיקע זאַכן פאַר אַן אינטערנאַט. ד״ר ס. לעווי האָט צוגעגעבן דעם אַריינקום אין שולע אַ פייערלעכן כאַראַקטער. ער איז געריטן אויף אַ פערד פאָרויס. נאָך אים זענען געפאָרן די פאַרוואַלטונג־מיטגלידער פון „הילף דורך אַרבעט״. דאַן זענען געגאַנגען אין שטרענגע רייען די ניי־אָנגעקומענע יונגעלייט, וועלכע האָבן געזונגען יידישע און העברעישע לידער. דער צוג האָט געמאַרשירט איבער די הויפּטגאַסן פון שטאָט, אַרויסרופנדיק ביי דער יידישער באַפעלקערונג אַ מונטערע שטימונג.

עס איז גלייך אָרגאַניזירט געוואָרן פּראַקטישע אַרבעט אין די גערטנער אַרום דער קאָלאָניע און אין סאַד, אונטער דער השגחה פון דייטשע לאַנדשטורמיסטן.

דער אַרמיי־ראַבינער האָט אויך געזאָרגט, אַז די „קאָלאָניסטן״ זאָלן דאַוונען אַלע טאָג און בכלל אָפּהיטן דעם יידישן שטייגער לעבן, דער עיקר כשרות. עס איז געווען אַ יידישער עקאָנאָם און אַ יידישע קעכין.

אין דעם ערשטן זומער זענען די קאָלאָניסטן געווען נישט שלעכט באַזאָרגט מיט עסנוואַרג דורך דער אינטענדאַנטור. די דייטשן האָבן אויך צוגעשטעלט אין רשות פון דער יידישער קאָלאָניע פינף מילך־קי און עטלעכע פערד.

אין לערן־יאָר 1916־1917 איז דורך דער מיליטער־פאַרוואַלטונג באַשטימט געוואָרן אַ דייטשער אונטעראָפיציר ווי אַ פאַרוואַלטער. ער האָט געקענט פּראַקטיש און טעאָרעטיש גערטנעריי און די בייצווייגן פון לאַנדווירטשאַפט. ווינטערצייט האָט דער זעלביקער געלערנט די שילער די דייטשע שפּראַך און אויך טעאָרעטישע אַגריקולטור־לימודים.

די מיליטער־פאַרוואַלטונג האָט, נישט קוקנדיק אויף דעם ליבעראַליזם פון די ערשטע צייטן, געוואָלט זיין די גאַנצע באַלעבאָסטע איבער

דער קאָלאָניע. די פאַרוואַלטונג פון „הילף דורך אַרבעט" האָט נאָר אַרייַנ־געשיקט אַ לערער פאַר יידישע לימודים („רעליגיע", יידישע געשיכטע).

די שילער פלעגן זיך אַליין דאַרפן באַדינען: פאַרן אין ווינטער „אַראָפּ־לאָזן"ביימער, ברענגען דאָס האָלץ, צעזעגן און צעשפּאַלטן, אויפראַמען די צימערן, טאָן די שוואַרצע אַרבעט אין קיך און שפּייזן דעם לעבעדיקן אינווענטאַר. די אַרבעט פלעגט זיך אָנהייבן 6 אַזייגער אין דער פרי. דער גאַנצער טאָג־אָרדענונג איז אויסגעפילט געוואָרן מיט פּינקטלעכקייט אונ־טערן אָנפיר פון דעם אונטער־אָפיציר.

הגם די ערשטע צוויי און אַ האַלב יאָר האָבן די דייטשן געהאַלטן זייער האַנט אויף דער קאָלאָניע, האָבן די שילער דאָך זיך צוגעבונדן צו איר, אַרייַנגעלייגט אין איר אַ סך פּראַצע.

זייער געזונט־צושטאַנד איז געווען אַ גוטער. זיי האָבן זיך פיזיש גוט אַנטוויקלט, געוואָרן פאַרהאַרטעוועט, זייענדיק מערסטן טייל אויף פרישער לופט ביי פעלדאַרבעט און גערטנעריי.

שבת האָבן די שילער געהאַט פולקאָמע רו, אויסער אומפאַרמיידלע־כער אַרבעט אין דער באַלעבאַטישקייט, ווי געבן געפיטער די בהמות, פערד און עופות. אויף שבתים און ימים־טובים פלעגן די שילער אָפּגעלאָזט ווערן אַהיים, לויט זייער ווונטש.

פסח פלעגט ד"ר לעווי איינאָרדענען פאַר די שילער סדרים. פאַרן דאַווענען בציבור איז געווען באַשטימט אַ באַזונדער צימער מיט סידורים, מחזורים און ספרים פון רעליגיעזן אינהאַלט. די שטאָטישע שול פון ווילנע האָט אויסגעליען אַ ספר־תורה. „הילף דורך אַרבעט" האָט אויסגעטיילט אַ סכום ביכער פון איר ביבליאָטעק פאַר די שילער פון דער ווילניוסיאַנער קאָלאָניע. ס'זענען אויך איינגעקויפט געוואָרן ביכער און בראָשורן, וואָס האָבן אַ שייכות צו לאַנדווירטשאַפט און ספּעציעל נאַטור־וויסנשאַפט.

אָנהייב זומער 1918 איז ד"ר לעווי אַריבערגעפירט געוואָרן קיין מיינץ. פאַרן אָפּפאָרן האָט ער געפועלט ביי דער מיליטער־פאַרוואַלטונג, אַז דער גאַנצער אינווענטאַר פון דער קאָלאָניע זאָל איבערגעגעבן ווערן פאַרמעל אין רשות פון דער געזעלשאַפט „הילף דורך אַרבעט".

עס איז אויסגעטיילט געוואָרן אַן ענגערע קאָמיסיע פון די פאַרוואַל־

טונג־מיטגלידער, וועלכע זאָל אָנפירן מיט די ענינים פון דער קאָלאָניע. אין דער קאָמיסיע זענען אַריין אַדוואָקאַט ווילענסקי, דער ארץ־ישראלדי־קער קינסטלער יצחק סירקין און דער שרייבער פון די שורות. סירקין האָט אָנגעפירט מיט דער קינסטלערישער זייט אין די פּראָפעסיאָנעלע שולעס און וואַרשטאַטן פון „הילף דורך אַרבעט״. ווילענסקי איז געווען דעמאָלט דער פאַקטישער פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט.

די שילער, וועלכע זענען שוין געווען אַ פּאָר יאָר אין דער קאָלאָניע, האָבן פיל באַוויזן. זיי האָבן זיך געקענט באַנוצן מיט די וויכטיקסטע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען. ס׳זענען דורך דער פאַרוואַלטונג באַשטימט געוואָרן לערער פאַר יידישע און אַלגעמיינע לימודים. די קאָלאָניע האָט דעם גרעסטן טייל פון די פּראָדוקטן פאַר אייגענעם געברויך פּראָדוצירט אויפן אָרט גופא. אַביסל האָט זי נאָך באַקומען פון דער אינטענדאַנ־טור (צוקער, קינסטלעכן האָניק א״א) פאַר נידעריקע פּרייזן.

אין סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1918, נאָך די מפּלות פון די דייטשן אויף די שלאַכטפעלדער, איז שוין געווען קלאָר, אַז זיי מוזן עוואַקואירן דאָס גאַנצע געביט. זיי האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן די הכנות דערצו. דער דייטשער אונטער־אָפיציר, וועלכער איז נאָך געווען אין קאָלאָניע, האָט געמאָלדן, אַז ער מוז פאַרלאָזן זיין פּלאַץ און בעט תיכף צו שיקן אַ פאַר־וואַלטער מצד דער געזעלשאַפט.

די דייטשן האָבן אָנגעהויבן צו ליקווידירן זייער באַלעבאַטישקייט. עס האָט זיך איינגעגעבן אָפּצוקויפן ביי זיי אַ גרויסן סכום תבואה, אויך פערד און בהמות און געצייג־אינווענטאַר פאַר די גייטן פון דער קאָלאָניע. עס איז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז די עוואַקואַציע פון דייטשן מיליטער און די מאַכט־בייטעניש וועט רואיק נישט אַריבער. צווישן די פויערים אַרום דער קאָלאָניע האָט זיך געלאָזט מערקן אַן אומרואיקע שטימונג. אַ טייל זאַפּאַסן תבואה און אַנדערע פּראָדוקטן האָט מען ביינאַכט אַריבערגעפירט אין די לאָקאַלן פון די פּראָפעסיאָנעלע שולעס פון „הילף דורך אַרבעט״ אין ווילנע.

עס איז כמעט געווען אוממעגלעך צו געפינען אַ פּאַסיקן פאַרוואַל־טער פאַר דער לאַנדווירטשאַפטלעכער שול, וועלכער זאָל אין יענער צייט

וועלן בלייבן און אנפירן מיט דער קאלאניע. מען האט קוים געקראגן אן אויפזעער, וואס זאל, לכל־הפחות, אימפאנירן און פירן די באלעבאטיש־קייט.

— 2 —

די פויערים פון די נאענטסטע דערפער האבן גערעכנט, אז איצט קומט שוין די רעכטע צייט צו ירשענען אלץ, וואס געפינט זיך אין ווילי־ציאן צוזאמען מיטן גאנצן באדן, וועלכן מען וועט צעטיילן צווישן זיך. מיט די „זשידקעס" וועט מען זיך ספראווען איינס און צוויי — מען וועט זיי פשוט ארויסיאגן. אויף אזא אופן האט די שילער געדראט א געפאר. די פארוואלטונג פון „הילף דורך ארבעט" האט געמאלדן, אז אין קאלא־ניע קאנען פארבלייבן נאר פרייוויליקע. ווער עס האט מורא זאל איר פאר־לאזן. דער גרעסטער טייל פון די עלטערע שילער האבן נישט געוואלט פארלאזן די שולע און די אריינגעלייגטע פראצע לאזן אויף גאטס באראט. זיי האבן באשלאסן ביי אלע אומשטאנדן צו בלייבן.

היות ווי אין ווילי־ציאן זענען פאר דער לעצטער צייט געווען עטלעכע לאגערן פונעם „ווירטשאפט־אויסשוס" — איז נאך דארטן געבליבן א דייט־שע וואך פון א געוויסע צענדליק סאלדאטן. דא און דארט האבן זיך ארגאניזירט באנדעס פון רויבער און רוצחים, בעיקר פון די אנטלאפענע געפאנגענע, מיט דער באטייליקונג פון ארטיק־אוואנטוריסטישע פויערים־עלעמענטן, וועלכע פלעגן באפאלן דורכפארער און זייער אפט אטאקירן קליינע דייטשע קאמאנדעס, יידישע ישובניקעס און רייכערע לאנדווירטן.

די קליינע וואך און די פרייוויליק־געבליבענע שילער האבן אין משך פון די לעצטע 3־4 וואכן (דעצעמבער און אנהייב יאנואר) געווען אויף גאנצע נעכט. די סאלדאטן זענען געווען באוואפנט פון קאפ ביז די פיס, ארומגעגארטלט מיט האנטגראנאטן. די רויבער־באנדעס האבן דערפאר נישט געוואגט איינצושטעלן דאס לעבן.

אין די לעצטע טעג פון דעצעמבער 1918 האבן אלע דייטשן בחפזון פארלאזט די ווילנער געגנט.

פארן איבערנעמען די מאכט האבן געקעמפט עטלעכע בעלנים אין

ווילנע: אַרבעטער־ראַט, פּוילישע ווייסע, ליטווינער און פאַרשיידענע אַנאַר־כיסיטשע גרופּעס. פאַקטיש איז קיין מאַכט, וועלכע זאָל פאַרדינען דעם נאָמען, נישט געווען. די רויבערייען און סתם־אָנפאַלן האָבן זיך געמערט.

די פּויערים אַרום ווילקאָוויזציאַן האָבן זיך גראָד אָרגאַניזירט מיטן ציל צו באַזעצן די קאַלאָניע. ווי נאָר די דייטשן זענען אַרויס, זענען צו דער קאָלאָניע געקומען ביי אַ 50 פּויערים און געמאָלדן, אַז פון איצט איז די קאָלאָניע זייערע. זיי האָבן אין אַ גערייצטער שטימונג גענומען אויף אַ פאַרהער דעם אויפזעער און די עלטערע שילער: פאַרוואָס זענען די בהמות און תבואה אַרויסגעפירט געוואָרן קיין ווילנע? ס׳איז אָבער געלונגען די פּויערים צו באַרואיקן מיט גוטע רייד.

די געשעענישן האָבן זיך אַנטוויקלט בליץ־שנעל. אין ווילנע האָט די מאַכט אויף אַ פּאָר טעג איבערגענומען דער אַרבעטער־ראַט. דעם 2טן יאַ־נואַר 1919 איז דער אַרבעטער־ראַט געוואָרן באַלאַגערט פון די ווייסע פּוילישע חיילות פון גענעראַל מאַקשעצקי. די מיטגלידער פון באַלאַגערטן אַרבעטער־ראַט, נישט ווילנדיק אַריינפאַלן לעבעדיקערהייט אין די הענט פון די פּאָליאַקן, זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. פאַר יידן האָבן זיך אָנ־געהויבן אומרואיקע צייטן, ווי ערב אַ פּאָגראָם. ס׳האָבן זיך געמערקט פאַלן פון רויבערייען, פּוילישע פרייוויליקע זענען גרופּעסווייז געגאַנגען איבער די גאַסן און סתם געשאָסן. פאַר די פאַרבליבענע שילער אין ווילקאָ־וויזציאַן האָבן אָנגעהויבן אויסצופעלן פּראָדוקטן, וועלכע מען האָט געקענט באַקומען נאָר פון ווילנע. די פּוילישע פרייוויליקע פון גענעראַל מאַקשעצ־קיס אַרמיי האָבן אויך קאָנפיסקירט אַ גרויסע לאַדונג פּראָדוקטן, וואָס אַ גרופּע שילער האָט געפירט קיין ווילקאָוויזציאַן.

ווייניקער ווי אַ וואָך האָט געדויערט מאַקשעצקיס ממשלה. דעם 6טן יאַנואַר, נאָך אַ קורצער שלאַכט אין די גאַסן פון ווילנע, זענען די פּוילישע חיילות פאַרטריבן געוואָרן פון ווילנער געגנט דורך די באָלשעוויסטישע חיילות. די אַנאַרכיע האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן איינצושטילן. די פּויערים אַרום ווילקאָוויזציאַן האָבן שוין נישט אַרויסגעוויזן אַזאַ אַנגרייפע־רישקייט לגבי די יידישע קאָלאָניסטן. אָבער עס זענען אויסגעוואַקסן פאַר דער קאָלאָניע נאָך גרעסערע שוועריקייטן: די באָלשעוויקעס האָבן געהאַט

אַ טענדענץ צו קאָנפיסקירן אַלע לעבנסמיטלען, ווו זיי האָבן זיי נאָר גע־קענט געפינען.

די קי, און אַ גרויסן טייל תבואה האָט מען געדאַרפט ברענגען צוריק פון ווילנע קיין ווילּיוציאַן. דערויף האָט מען געדאַרפט אַ ספּעציעלע דער־לויבעניש פון דעם „רעווקאָם". ווען דער שרייבער פון די שורות האָט זיך דערשלאָגן צום פאַרזיצער און אים דערקלערט די לאַגע, אַז די קי וועלן אין גיכן אויסגיין פון הונגער, האָט ער געענטפערט קורץ: „גיט זיי אָפּ אין דערנערונג־קאָמיטעט", דאָס הייסט פּאַקטיש — אויף פלייש פאַר דער אַרמיי. אָבער אין די ערשטע טעג פון דער באָלשעוויסטישער ממשלה איז נאָך געווען אַ היפּשער מישמאַש. איין אַמט האָט נאָך נישט געוווסט פון צווייטן. אין עפּעס אַן אַנדער אינסטאַנץ האָב איך יאָ באַקומען אַ פּאַפּירל, אַ דערלויבעניש צו עוואַקואירן די בהמות צוליב „סאַניטאַרע טעמים". אָבער ברענגען די תבואה צוריק קיין ווילּיוציאַן האָט דער „רעווקאָם" נישט דערלויבט.

מיט די גרעסטע שוועריקייטן פלעגט זיך איינגעבן אַריינצושמוגלען פאַר די שילער פון דער קאָלאָניע פּראָדוקטן אין באַגרענעצטע קוואַנטומס. אגב האָט מען געמוזט מאַסקירן דעם לאַגער, כדי נייע מאַכטהאָבער זאָלן נישט קאָנפיסקירן די תבואה, וואָס מען האָט געדאַרפט פאַרן פאַרזיי.

די קאָלאָניסטן, אַזוי ווי אַלע איינוווינער פון ווילנע און ווילנער געגנט, האָבן געפּירט אַ האַלב־הונגעריק לעבן. דאָך האָבן זיך כמעט אַלע שילער אומגעקערט פון שטאָט, ווו די שפּייזלאַגע איז געווען נאָך ערגער.

די פאַרוואַלטונג פון „הילף דורך אַרבעט" האָט פאַרבעטן, בלית ברירה, אַ פּוילישן אַגראָנאָם, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון רוסישער געפאַנגענשאַפט. קיין יידישע קאַנדידאַטן זענען אויף דעם אַמט נישט גע־ווען. צום אַגראָנאָם איז צוגעגעבן געוואָרן אַ יידישער פאַרוואַלטער.

ביסלעכוויז האָבן זיך באַנייט די טעאָרעטישע לימודים. די געלט־מיטלען ביי דער פאַרוואַלטונג האָבן זיך כמעט אויסגעשעפּט. ס'איז גע־ווען אַ האַפענונג, אַז די נייע מאַכט וועט אַריינגעמען די לאַנדווירטשאַפט־לעכע שול אין דער אַלגעמיינער שולנעץ. די דערנערונג־פראַגע איז געווען זייער שאַרף. אָבער די שילער־קאָלאָניסטן האָבן געדולדיק געטראָגן די

לאַסט פון יענער צייט, האָפנדיק, אַז עס וועלן אָנקומען בעסערע צייטן. פאַר יעדן פרייז האָבן זיי געוואָלט איינהאַלטן די קאָלאָניע אין יידישע הענט.

דעם 19טן אַפּריל 1919, די צווייטע טעג פּסח, האָבן די פּוילישע אייזנבאַנער, דורך פאַרראַט, אַריינגעלאָזט קיין ווילנע אַ געפּאַנצערטן צוג מיט די פּוילישע ווייסע לעגיאָנערן, אונטער פּילסודסקיס קאָמאַנדע. נאָך גאַסנשלאַכטן מיט די פּלוצלינג־באַפאַלענע רעשטלעך פון דער רויטער אַרמיי איז ווילנע מיט דער אומגעגנט פאַרנומען געוואָרן דורך די פּוילישע לעגיאָנערן. ווי באַקאַנט, האָבן פּילסודסקיס לעגיאָנערן מיט גרופּעס פון אָרטיקע פּאָליאַקן פּאָגראָמירט די יידישע באַפעלקערונג. אין ווילנע זענען דערהרגעט געוואָרן קרוב צו הונדערט און פאַרוווּנדעט געוואָרן איבער 400 יידישע נפשות. וועגן נגישות פון די לעגיאָנערן איז אָפּגערעדט. אויך דאָס הויז, וווּ ס'איז געווען די הויפּט־רעזידענץ פון דער פאַרוואַלטונג און פון די שולן „הילף דורך אַרבעט", איז טיילווייז באַשעדיקט געוואָרן פון די שיסערייען. באַנדעס האָבן גערויבט מאַטעריאַלן פון דער פּראָפעסיאָנעלער שולע און אויך צוגענומען אַ גרויסן טייל פון תבואה און פּראָדוקטן, וואָס האָבן געהערט צו דער קאָלאָניע.

אין דער קאָלאָניע גופא האָבן די לעגיאָנערן גענומען געפּיטער און אַ טייל אינווענטאַר און בכלל אַלץ, וואָס האָט זיך געמאַכט אונטער דער האַנט. הגם מען האָט אַרויסגעקראָגן אַ שוצשיין פון דער פּוילישער קאָמאַנדע, אַז מען זאָל אין דער קאָלאָניע קיין רעקוויזיציעס נישט מאַכן, האָט עס ווייניק געהאָלפן.

אין אַ וואָך אַרום נאָכן פאַרנעמען די געגנט דורך די לעגיאָנערן האָבן די באָלשעוויקעס געמאַכט שטאַרקע קעגנאַנגריפן און אָפּגעשטויסן די פּאָליאַקן אויף עטלעכע קילאָמעטער. אַ פּאָר טעג האָט זיך די ווילִיוּציאָנער קאָלאָניע געפונען אין זייער רשות. אויך זיי האָבן צוגענומען ביי די שילער אַ טייל פון זייער פאַרמעגן — שיך, בגדים און וועש.

אַרום דער קאָלאָניע האָבן געבושעוועט שלאַכטן און אָפט איז זי געווען אין צענטער צווישןביידע קעמפנדיקע צדדים. סוף־כל־סוף האָבן די פּאָליאַקן גובר געווען און פאַרטריבן די באָלשעוויקעס.

פון די אַלע געשעעַנישן איז דאָס לעבן אין קאָלאָניע שטאַרק צע־שטערט געוואָרן. דער הונגער האָט זיך פאַרשטאַרקט. די בהמות און פערד האָבן נאָך געקאָנט געניסן פון דעם שפּראָצנדיקן פרישן גראָז, אָבער די מענטשן האָבן שטאַרק געליטן.

ס'האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען פון פאַרשיידענע אַמעריקאַנער הילף־אָרגאַניזאַציעס, איבערהויפּט פון „דזשאָינט״, אַלערליי שפּייז־פּראָדוקטן, אין דער ערשטער ריי פאַר שולן, קינדער־אַנשטאַלטן און פאָלקסקיכן. דאָס האָט געלינדערט דעם הונגער. די קאָלאָניע האָט אויך גענאָסן פון דער הילף.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די אַרבעטן אין פעלד און אין גאָרטן. מען האָט געבראַכט די געבליבענע תבואה פון „הילף דורך אַרבעט״ און דער־מיט אָנגעהויבן דעם פאַרזיי־סעזאָן. דאָ האָט זיך געמאַכט ווידער אַ שטער. יאַגאָדזינסקי, דער אַגראָנאָם פון דער שול, וועלכער האָט אין דער צייט פון די איבערפאַלן אויף דער קאָלאָניע זיך איינגעשטעלט פאַר די שילער איז צוליב די מסירות פון די אַרומיקע פויערים — פּאָליאַקן — אַרעס־טירט געוואָרן דורך דעם פּוילישן מיליטער און איבערגעגעבן געוואָרן צום פעלדגעריכט. דעם שרייבער פון די שורות האָט זיך איינגעגעבן צו דער־שלאָגן צום פאָרזיצער פון געריכט, אַ פּוילישן פּאָלקאָווניק, און איבער־צייגן אים, אַז דער אַגראָנאָם האָט נאָר געטאָן זיין פליכט צו שיצן די יונגע שילער, וואָס זענען אים אָנגעפאַרטרויט געוואָרן פון „הילף דורך אַרבעט״. יאַגאָדזינסקי איז טאַקע באַפרייט געוואָרן.

ווען די אויסערלעכע לאַגע פון דער קאָלאָניע איז געוואָרן מער אָדער וויינציקער זיכער, האָט די פאַרוואַלטונג פון „הילף דורך אַרבעט״ אָנגע־הויבן אַן ענערגישע אַקציע, כדי צו באַזאָרגן די שולע מיט רעגולערער פינאַנסיעלער אונטערשטיצונג. עס האָט זיך איינגעגעבן צו פאַראינטערע־סירן דעם „דזשאָינט״ און „ייק״אָ״ מיט דער קאָלאָניע, ווי אַן ערשטן פּרווו אין ליטע און ווייסרוסלאַנד פון אַגריקולטורעלער אויסבילדונג ביי יידן. דער „דזשאָינט״ האָט געגעבן מיטלען צו פאַרגרעסערן דעם אינווענטאַר פון דער שולע מיט מכשירים, מאַשינען און בהמות.

די פאַרוואַלטונג פון „הילף דורך אַרבעט״ האָט באַשלאָסן אויסצר־

ברייטערן די טעטיקייט פון דער קאָלאָניע דורך אויפנעמען נייע שילער, דאָס מאָל אויך יונגע מיידלעך, וואָס האָבן צוליב חלוציִשע צוועקן זיך געוואָלט אויסלערנען פאַרשיידענע אַרבעטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט גאָרטן־קולטור און אַלערליי אַנדערע לייכטע לאַנדווירטשאַפטלעכע צווייגן. פאַר דער פרויעקט־יוגנט איז אויסגעטיילט געוואָרן אַ באַזונדער בנין צווישן די געביידעס פון דער שולע. ס׳זענען אָנגענומען געוואָרן 110 נייע שילער פון ביידע געשלעכטער. אויף אַזאַ אופן איז די „באַפעלקערונג" אויסגע־וואַקסן ביז 160. עס איז פאַרבעטן געוואָרן אַ געהילף־אַגראָנאָם און נאָך אַ גערטנער. ס׳איז אויך פאַרגרעסערט געוואָרן דער טויטער און לעבע־דיקער אינווענטאַר פון דער קאָלאָניע מיט עטלעכע פערד, מילך־קי און שעפסן.

די ניי־אָנגעקומענע מיידלעך מיט די יינגערע שילער האָבן געאַרבעט אויף די גערטנער. די עלטערע שילער האָבן געטאָן די שווערערע פעלד־אַרבעט. אויסער דעם האָבן די אַגראָנאָמען געפירט אַ שעה אָדער צוויי אין טאָג טעאָרעטישע סעזאָן־שמועסן. ס׳זענען איינגעקויפט געוואָרן עט־לעכע בינשטאָקן, כדי צו באַקענען די שילער מיט האָדעווען בינען.

די קאָלאָניע האָט אָבער געהאַט פיל אויסצושטיין פון די אָרטיקע פויערים. זיי פלעגן כסדר, דורך זייערע פאַרשטייער, דערלאַנגען מעמאָ־ראַנדומס צו דער העכערער מאַכט, אַז מען זאָל אָװעקנעמען ווילִיוּציאַן „פון יידישע הענט" און איבערגעבן די ערד צו די שכנישע דערפער. די שוואַרץ־מאַהדיקע קאַטוילישע פרעסע האָט אויך געהעצט, אַז ס׳איז „נישט נאַטירלעך": אַ גוט פון אַזאַ גרויסן ווערט זאָל בלייבן אין יידישע הענט.

די פאַרוואַלטונג פון „הילף דורך אַרבעט", מיט דער הילף פון הרב יצחק רובינשטיין, האָט אָנגעווענדט אַלע מעגלעכע מיטלען איינצוהאַלטן די אויסגעבויטע פּאָזיציע. ס׳זענען דערלאַנגט געוואָרן אויספירלעכע מע־מאָראַנדומס אין פאַרשיידענע רעגירונג־אינסטאַנצן, סיי אין ווילנע און סיי אין וואַרשע.

סוף־כל־סוף האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען פון הויפּט־קאָמיסאַר פון די מזרח־געביטן, אַסמאַלאָווסקי, אַ פּאַפּיר, אַז דאָס גוט ווילִיוּציאַן

ווערט צייטווייליק איבערגעגעבן אין רשות פון דער געזעלשאַפט „הילף דורך אַרבעט".

די פאַרוואַלטונג איז צוגעטראָטן צו רעאָרגאַניזירן די שולע און אַוועק־שטעלן זי אויף דער געהעריקער הויך. אויף אַ גאַנצער ריי באַראַטונגען מיט פאַכמענער איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ גענויער פּלאַן פון אַ דריי־יאָריקן קורס פון פאַך־לימודים, וואָס האָבן אַ שייכות צו עלעמענטאַרער אַגריקולטור־ און מילך־ווירטשאַפט, גערטנעריי און סעדעריי.

עס זענען אין פּראָגראַם אויך אַריין יידישע לימודים. ס'איז באַנייט און פאַרגרעסערט געוואָרן דער לערער־ און אינסטרוקטאָרן־פּערסאָנאַל.

עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן עקספּערימענטאַלע סטאַנציעס פאַר פאַרשיידענע געוויקסן און תבואה־קערנער. עס זענען אָנגעקניפּט געוואָרן באַציאונגען מיט דעם מעטעאָראָלאָגישן אינסטיטוט ביים וואַרשעווער או־ניווערסיטעט, און ס'איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ קליינע מעטעאָראָלאָגי־שע סטאַנציע מיט די נייטיקסטע מכשירים. די דאָזיקע סטאַנציע פלעגט שיקן, ווי אַלע אָרטיקע מלוכהשע סטאַנציעס, באַריכטן צו דער מעטעאָראָ־לאָגישער צענטראַלע.

די שולע האָט זיך דערנענטערט צו די טיפּן פון אַלגעמיינע נידערי־קערע לאַנדווירטשאַפטלעכע שולעס.

סוכות־צייט האָט מען איינגעאָרדנט אַ חג האסיף. די שילער מיט די שילערינס האָבן צוגעגרייט פון די גרינסן און מילכוואַרג פאַרשיידענע וועגעטאַרישע מאכלים. ס'זענען פאַרבעטן געוואָרן געסט פון ווילנע. דער פאָרזיצער פון דער קהילה, ד"ר יעקב וויגאָדסקי, איז געווען צווישן די געסט. אויסערן צובייס האָבן די שילער איינגעאָרדנט אַ בייטאָגיקן קאָנ־צערט מיט סצענקעס פון קאָלאָניע־לעבן, געזאַנג און טענץ.

דער עולם געסט און די שילער האָבן זיך פיין משמח געווען.

אין ווינטערדיקן סעזאָן האָט מען זיך אָפּגעגעבן מיט טעאָרעטישע לימודים.

דורך דער פאַרמיטלונג פון ביכער־לאַגער „יעקאפּא" זענען געקויפט געוואָרן צו ביליקע פּרייזן יידישע און העברעישע ביכער און פאַר דער ספּעציעלער פאַך־ביבליאָטעק — ביכער אין אַלע דריי אָרטיקע שפּראַכן:

יידיש, רוסיש, פּויליש. דער „דזשאָינט" האָט אויך צוגעשיקט פאַרשיי־דענע נאַטור־וויסנשאַפטלעכע קאָלעקציעס (פון פלאַנצן, אינזעקטן, א"א).

ביז אָנהייב חודש יולי 1920 האָט די אַרבעט אין דער קאָלאָניע גע־קאָכט סיי אויפן פעלד, סיי אויפן גאָרטן.

היות ווי צווישן פּוילן און רוסלאַנד האָט זיך נאָך געפירט אַ בלוּ־טיקע מלחמה, איז די אַלגעמיינע לאַגע פון דער קאָלאָניע ווייטער געוואָרן אומזיכער. די פראָנטליניע האָט זיך אָנגעהויבן שנעל צו דערנענטערן צו ווילנע.

אַלע ווײַלע פלעגן קומען פאַרשיידענע מיליטערישע אָפּטיילן און רעקוויזירן אָן קיין שום שאלות היי, האָבער און אַנדערע פּראָדוקטן. די רויטע אַרמיי איז געגאַנגען פאָרויס זייער שנעל. די פּוילישע איז כסדר אָפּגעטראָטן. די פּוילישע מאַכט איז שוין געוואָרן שוואַך און שטאַרק דע־מאָראַליזירט. עס זענען פאָרגעקומען עקסצעסן און נגישות קעגן דער יידי־שער באַפעלקערונג, אויך קעגן די שילער פון דער קאָלאָניע. נאָך די פרי־ערדיקע דערפאַרונגען האָבן שוין די שילער נישט געוואָלט בלייבן אין דער קאָלאָניע און זיין אויסגעשטעלט אויף געפאַר. מען האָט געמוזט ווייטער אַרויספירן אַלץ, וואָס ס'האָט געקאָנט צעראַבירט ווערן: בהמות, שפייז־זאַפאַסן אאז"וו. דעם 13טן יולי 1920, איז עוואַקואירט געוואָרן דער גרעס־טער טייל שילער, אויסער אַ צאָל עלטערע, וואָס האָבן נישט געוואָלט לאָזן אויף הפקר די קאָלאָניע.

אַ מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג, ד"ר אברהם מאַקאָווער, ווי אַ מעדיצינער מיט אַ רויטן קרייץ אויפן אַרבל, איז געווען דער איינציקער פאַרבינדונג־מענטש צווישן די באַלאַגערטע קאָלאָניסטן און דעם פּערסאָ־נאַל פון „הילף דורך אַרבעט".

דעם 14טן יולי האָבן זיך אין שטאָט אַריינגעריסן די ערשטע טיילן פון דער רויטער אַרמיי. די לעגיאָנערן, וועלכע מען האָט געטראָפן אויף דער גאַס מיט אָנגערויבטע זאַכן, האָבן די רויטאַרמייער דערשאָסן אויפן אָרט.

די יידישע באַפעלקערונג האָט פרייער אָפּגעאָטעמט און איז אַרויס־געגאַנגען אויף די גאַסן. דעם 16טן יולי האָט די קאָמאַנדע פון דער רוי־

טער אַרמיי געגעבן אַ דערלויבעניש דער „הילף דורך אַרבעט" אַריבער־צופירן דעם לעבעדיקן אינווענטאַר קיין ווילוציאַן. אָבער אויפן וועג זענען צוויי פערד מיט די פורן רעקווירירט געוואָרן דורך די רויטאַרמייער.

די גאַנצע ממשלה פון די באָלשעוויקעס האָט געדויערט קוים זעקס וואָכן. ווילנע איז איבערגעגעבן געוואָרן אָדער, ריכטיקער געזאָגט, צוגענו־מען געוואָרן דורך די ליטווינער פון די רוסן, נאָך זייער מפלה הינטער וואַרשע. צוליב די אַלע געשעענישן און איבערלעבונגען האָט זיך די צאָל שילער פאַרקלענערט ביז 50. די פעלדער האָבן אויך גוואַלדיק געליטן. אַ טייל פון די צייטיקע תבואות און קאַרטאָפל זענען צעטראָטן געוואָרן פון די דורכגייענדיקע חיילות.

ס'האָט אויסגעוויזן, אַז די ליטווינער, וועלכע האָבן נאָך דעמאָלט זיך באַצויגן צו יידן נישט שלעכט, וועלן נישט אָנטאָן קיין נגישות דער ווי־ליוציאַנער לאַנדווירטשאַפטלעכער שולע. געמענדיק אין אַכט די דאַזיקע פערספּעקטיוו, איז דאָס לעבן אין דער קאָלאָניע ביי אַ געמינערטער צאָל תלמידים ווידער באַנייט געוואָרן.

באַלד האָט זיך די מאַכט ווידער געטוישט: פוילישע לעגיאָנערן, אונ־טערן אָנפיר פון גענעראַל זשעליגאָווסקי האָבן „נישט מסכים געווען" מיט דעם ליטווישן שלום־אָפּמאַך אין סוּוואַלק, אַז ווילנע גייט אַריבער צו ליטע. דעם לעצטן טאָג סוכות האָבן זיך דערהערט שיסערייען אַרום ווילנע און אין אַ פאָר שעה אַרום האָבן שוין געפייפט קוילן איבער די גאַסן פון דער שטאָט. ווילנע איז צוריק אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ממשלה פון פּיל־סודסקיס פּאָליאַקן, כלומרשט אונטער דער פאָן פון אַן אויסגעטראַכטער מלוכה א"נ „מיטל־ליטע". פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ ריינע פיקציע. די דעה האָט געהאַט וואַרשע.

עס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן אומנאַרמאַלע צייטן פאַר דער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער שולע. נישט קוקנדיק אויף אַלע פאַרזיכערונגען פון דער העכערער מאַכט, זענען פאָרגעקומען רויבערייען פון פוילישע סאָלדאַטן מיט אָפטע גוואַלדטאַטן קעגן די שילער.

די צאָל שילער האָט זיך דעם ווינטער 1920־1921 פאַרקלענערט ביז

30. דער פּרויען־עלעמענט אין שול איז צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים פאַרשוווּנדן.

די העצעס פון די פּאָליאַקן און די ליקווידאַציע פון דער שולע

בעת די שלאַכטן ביי דער קאָלאָניע איז באַשעדיקט געוואָרן דער צלם איבער דעם קלויסטער. איצט אָבער האָט עס ביי די העצער געהייסן, אַז בעתן רעמאָנטירן די דעכער האָט די יידישע פאַרוואַלטונג בכיוון אַרונטערגעוואָרפן דעם צלם.

אין אַ פּאַפּיר, וואָס די פּאָליאַקן האָבן געפונען אין אַ פאַרכאַפּטן באָלשעוויסטישן אַרכיוו, אַדרעסירט פון דער פאַרוואַלטונג „הילף דורך אַרבעט" צום רויטן קאָמאַנדאַנט פון ווילנער געגנט, ווערט געבעטן שוץ קעגן באַנדעס, וואָס דרייען זיך אַרום דער קאָלאָניע. האָבן די צייטונגען צוגעגעבן צום וואָרט באַנדעס דעם אַדיעקטיוו „פּוילישע". איז דאָך דאָס אַ דירעקטע באַליידיקונג פאַרן פּוילישן „ריטערלעכן פאָלק".

די פאַרוואַלטונג פון „הילף דורך אַרבעט" האָט אין אַ קעגן־מעמאָראַנדום באַוויזן די פאַלשקייט פון די מסירות, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט. די פאַרוואַלטונג האָט דורך יידישע דעפּוטאַטן (י. גרינבוים, א. האַרטגלאַס און הרב יצחק רובינשטיין) געוואָלט פאַרפעסטיקן דעם רעכטלעכן מצב פון דער שולע. האָט זי זיך באַמיט, אַז די צענטראַלע פּוילישע רעגירונג זאָל אָנערקענען די גילטיקייט פון דעם פריערדיקן „טשאַרטער" פון הויפּט־קאָמיסאַר איבער די מזרח־געגנטן. אָבער די מאָסגיביקע פאַקטאָרן פון דער רעגירונג האָבן זיך נישט געאיילט, אָפּשלעפּנדיק מיט פאַרשיידענע תירוצים דאָס אַרויסגעבן פון אַזאַ דערלויבעניש. דאַקעגן האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין דער פּוילישער פּרעסע אַרטיקלען פון פּוילישע יוריסטן, אַז די קאָלאָניע געהערט צו דער מלוכה.

דאָך האָט מען אין לערניאָר פון ווינטער 1920־1921 געפירט נאָרמאַלע לימודים און עס זענען געמאַכט געוואָרן צוגרייטונגען צום פרילינג־פּאַרזיי פון 1921. פּלוצלינג, אין מאַרץ 1921, האָט די פּוילישע רעגירונג אַריינגעשיקט אַ באַפעל, אַז ביזן 1טן אַפּריל זאָל די פאַרוואַלטונג פון

„הילף דורך אַרבעט" איבערגעבן די קאָלאָניע אין רשות פון די געריכט־אָרגאַנען. עס האָבן נישט געהאָלפן נישט קיין השתדלותן, נישט קיין פּראָטעסטן. די מאַשינען און מכשירים, וואָס זענען געקויפט געוואָרן ביי די דייטשן פאַר יידישע געזעלשאַפטלעכע געלטער, האָבן געמוזט איבערגעגעבן ווערן די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען, גאָר אַ קליינעם טייל פון פאַרמעגן האָט זיך איינגעגעבן אָפּצוראַטעווען און דעקן דערמיט די דעפיציטן, וואָס די שולע האָט געהאַט.

אויף אַזאַ אופן איז ליקווידירט געוואָרן די לאַנדווירטשאַפטלעכע שולע, וואָס האָט אין די שווערסטע צייטן עקזיסטירט און אַפילו אַרויסגעוויזן אַ טענדענץ צו אַנטוויקלען זיך אין משך פון 5 יאָר.

אַ היפּשער טייל פון די געוועזענע שילער האָבן זיך איינגעאָרדנט ווי אינסטרוקטאָרן פון שולגערטנער, וואָס זענען אין יענע יאָרן געווען פאַרשפּרייט צווישן דער לעריוגנט פון פאַרשיידענע טיפּן יידישע שולעס; טייל האָבן עמיגרירט קיין אַרגענטינע, ארץ־ישראל, רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער, ווו זיי האָבן אָנגעווענדט זייערע אַגריקולטורעלע פּראַקטישע און טעאָרעטישע ידיעות אין אַלערליי צווייגן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט לאַנדווירטשאַפט.

„אידישער קעמפער", ניו־יאָרק, 22סטער סעפּט., 1955.

די ביאַליסטאָקער האַנטווערקער־שולע

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן אָפּצובויען דאָס לעבן אַפילו אין די שטאַרק רואינירטע מזרח־געביטן פון דער נייער פוילישער מדינה. די אינפלאַציע האָט זיך געלאָזט שטאַרק פילן, אָבער די יידישע באַפעלקערונג, נישט געקוקט אויף די שווערע באַדינגונגען פון הונגער־דערנערונג און אַלגעמיינער פאַראָרעמונג, האָט זיך גענומען צו שאַפן סחורות און פאַרשיידענע געברויך־אַרטיקלען.

ס׳איז געווען נישט מער ווי נאַטירלעך, אַז ביאַליסטאָק, אָט דער „קליינער מאַנטשעסטער", זאָל זיך שטעלן אין די ערשטע רייען פון די פּראָדוצירנדיקע שטעט. ביאַליסטאָק איז ווידער געוואָרן דער באַטייטנדיקער אינדוסטריעלער צענטער וואָס האָט אַמאָל באַזאָרגט גרויס־רוסלאַנד מיט געוואַנט, קאָלדרעס, היט און פאַרשיידענע אַנדערע טעקסטיל־וואָל סחורות.

אין יאָר 1922 האָבן נאָך נישט אַלע פאַבריקן געאַרבעט. די גרויסע דייטשע פאַבריק פון קאָמיכאו (יידן האָבן אים גערופן „קאָמיכאָוו") איז געווען אין רואינען, אָבער קלענערע פאַבריקן האָבן שוין געקאָכט מיט לעבן.

דער אַמעריקאַנער רויטער קרייץ, און אויך אַנדערע אַמעריקאַנער הילף־אָרגאַניזאַציעס (ארא) האָבן געהאַט זייערע צענטראַלע לאַגערן אין ביאַליסטאָק.

אין ביאַליסטאָק איז אויך באַנייט געוואָרן אין דער פולער מאָס די אַרבעט פון דער יידישער האַנטווערקער־שולע, וואָס דער אַמאָליקער טייך מאַגנאַט און גרויסער יידישער נדבן קלמן־זאב וויסאָצקי האָט אויסגעבויט מיטן צוועק צו פאַרשפּרייטן אינדוסטריעלע אויסבילדונג צווישן דער יידישער יוגנט.

רעשטלעך פון די האַנטווערקער־שולע אין גאַנץ פוילן, אונטער דער אָנפירונג פון „אָרט" און „ייק״א", האָבן אָנגעהויבן זיך אויפבויען און

גרייטן פאר א נייעם לעבן. אבער מ׳האט דערביי געדארפט האבן אן אייג־הייטלעכן פלאן און פראגראמען אויף צו פירן די פראדוקטיוויזאציע אר־בעט צווישן יידישער יוגנט און דערוואקסענע — אין דעם רעסטאווירטן, צוזאמענגעשטוקעוועטן פוילן, וואס האט אקארשט געהערט צו דריי מלו־כות — פרייסן, עסטרייך און רוסלאנד.

ביאליסטאק איז געווען די שטאט וואס מ׳האט אויסגעקליבן פאר א צוזאמענפאר — דעם 1טן צוזאמענפאר — פון אלע פארשטייער פון פרא־פעסיאנעלע שולן איבער גאנץ פוילן, ד״ה קאנגרעס־פוילן, גאליציע און מזרח־געביטן. די אינדוסטריעלע פארגאנגענהייט און קעגנווארט פון דער שטאט און איר געאגראפישע לאגע זענען געווען פאסיק פאר די צילן פון אזא צוזאמענפאר, וואס איז באשטימט געווארן אויפן סוף פעברואר 1922.

ס׳זענען געקומען פארשטייער פון די צענטראלעס אין ווארשע און לעמבערג, און אלע מער אדער ווייניקער טעטיקע טוער פון די פראפעסיא־נעלע אויסבילדונג־אנשטאלטן. צווישן זיי זענען געווען דירעקטארן פון פאך־שולעס, מיטגלידער פון לאקאלע געזעלשאפטן פאר האנטווערקער־שולעס, און בכלל פערזאנען וואס האבן געוואלט און געקאנט זאגן עפעס וועגן די פראבלעמען פון פאך־בילדונג.

אין דעם צוזאמענפאר האבן זיך באטייליקט איבער הונדערט דעלע־גאטן, וואס האבן זיך שפעטער איינגעטיילט אין סעקציעס (פאר טעכנישע, האנטווערקערישע אויסבילדונג; פאר פראפאגאנדע, פאר פראגראמען; צו־גרייטונג פון אינסטרוקטארן; נייע צווייגן פון פרנסות אאז״וו — אלץ זייער וויכטיקע פראגן פאר פראפעסיאנעלער בילדונג).

דער שרייבער פון די שורות איז געווען א פארשטייער פון דער וויל־נער האנטווערקער־שולע „הילף דורך ארבעט״ און איז צום ערשטן מאל געווען אין ביאליסטאק. ס׳איז געווען סוף ווינטער; דער שניי און אייז האבן אנגעהויבן צו שמעלצן און די גאסן פון ביאליסטאק זענען געווען איבערפולט מיט צווישן פורים־פסחדיקע, נישט זייער ריינע, וואסערן, אייז־בערגלעך און גריבער; ביאליסטאק האט דאן נישט געקאנט מאכן קיין אימפאזאנטן איינדרוק אויף דעם וואס זעט איר דעם ערשטן מאל. אפילו אויף „נאוואליפיע״ (ליפאווע גאס) האט מען זיך גאנץ פיין געקאנט

אויסדרייען די פיס און אריינפאלן אין א בלאטע. אבער בכלל זענען די גאסן געווען באלעבעט מיט פורן, וואס האבן געפירט נישט נאר פעק מיט שמאטעס (א נייטיקער רוי־מאטעריאל פאר דער ביאליסטאקער טעקסטיל־אינדוסטריע), נאר אויך פארטיקע סחורות. מענטשן האבן זיך גע־איילט, געלאפן; ס׳האט זיך געפילט, אז ביאליסטאק שלאפט נישט, אז זי גרייט זיך פיבערהאפט צו באנייען דאס לעבן און שאפן פארן לעבן נייע ווערטן (געברויך־ארטיקלען וואס זענען ממש געווען נייטיק ווי לעבן).

דער אינדוסטריאליזירונג־פראצעס האט נאך פון די פריערדיקע יארן געלייגט א שטעמפל פון רירעוודיקייט און אונטערנעמערישקייט אויף דער יידישער באפעלקערונג. אין ביאליסטאק האט מען ווייניקער געטראכט און מער געטאן. אלס ביישפיל קאן דינען די דערמאנטע האנטווערקער־שולע. אין דער צייט פון דער דייטשער אקופאציע האט די שולע כמעט ווי אויפ־געהערט צו עקזיסטירן. די גרויסע געביידע פון דער שולע איז פארנומען געווארן מיט פארשיידענע קהילה־קאמיטעטן, קאנצעלאריעס, קיכן אד״גל.

א גרופע טוער האט גלייך נאך דער אקופאציע זיך גענומען צו רעס־טאורירן די שולע. אבער מ׳האט זיך געמוזט שטיקן אין נישט־צוגעפאס־טע געביידעס, אפילו אויף פארשיידענע גאסן. יוגנט האט געשטראמט אין דער שולע, אבער עס איז נישט געווען קיין פלאץ אויפצונעמען די קאד־רען פון די נייע שילער; א פשיטא שוין האט מען נישט געקאנט עפענען קיין לערן־וועבעריי־ווארשטאטן, וואס איז געווען ממש א נויטווענדיקייט פאר ביאליסטאק. די גרופע טוער, מיטן ענערגישן דירעקטאר פון דער האנטווערקער־שולע, אינזשיניער יוסף שמיגעלסקי בראש, האבן געפירט לאנגע אונטערהאנדלונגען מיט דער קהילה־פארוואלטונג וועגן דעם, אז מ׳זאל איבערפירן די קאנצעלאריעס פון דער קהילה און אנדערע נישט זייער וויכטיקע אנשטאלטן אין אן אנדער לאקאל און אפגעבן דער האנט־ווערקער־שולע איר פריערדיקע היים.

די פארהאנדלונגען האבן זיך געצויגן אן א סוף און נישט געפירט צו קיין רעזולטאט. דאן האבן די טוער פון דער פראפעסיאנעלער שולע בא־שלאסן צו שטעלן די עפנטלעכקייט פאר א געשעענעם פאקט. איין מאל ביינאכט האבן זיך די טוער צוזאמענגעקליבן מיט דער גאנצער שילער־

יוגנט פון די לערן־ווארשטאטן, מען האט אפגעהאקט די שלעסער, געעפנט די טירן פון די קהילה־קאנצעלאריעס, ארויסגעטראגן דעם אינווענטאר פון דער קהילה און אריינגעשטעלט די מאשינען, ווארשטאטן און אלע מכשי־רים וואס זענען נייטיק פאר דער רעגולערער און צוועקמעסיקער פונקציא־נירונג פון דער שולע. אין דער פרי האבן די שילער, נישט אוועקגייענדיק אהיים, שוין געארבעט אין דעם נייעם לאקאל.

אזוי האבן זיך אין ביאליסטאק פארענדיקט פרובטלאזע פארהאנד־לונגען מיט א פראקטיש־געוואגטן טריט וואס האט געגעבן הונדערטער יונגעלייט א צוטריט צו דער הויך־קוואליפיצירטער ארבעט אין פאבריקן, האנטווערקער־ווארשטאטן א״אנד צווייגן פון אינדוסטריעלן לעבן אין לאנד.

די קהילה האט זיך איינגעארדנט אין אן אנדער געביידע און איז חלילה נישט אונטערגעגאנגען. אבער די שול האט גענומען זיך אנטוויקלען און דאס האבן די דעלעגאטן צום צוזאמענפאר פאר פראפעסיאנעלער ביל־דונג געזען מיט זייערע אויגן ביים באזוכן די האנטווערקער־שולע בעת די ארבעט איז געווען אין פולן גאנג. דעמאלט איז אין דער ביאליסטא־קער האנטווערקער־שולע געווען דער איינציקער וועבער־לערן־ווארשטאט איבער גאנץ פוילן. יידישע בחורימלעך פון 15 ביז 19 יאר זענען געשטא־נען ביי די וועב־שטולן און האבן געשיקט מאניפולירט מיט די שפינדלעך אונטער דער אנפירונג פון די אינסטרוקטארן.

אויך אין דער סטאלעריי־אפטיילונג האבן די יידישע יונגעלייט גע־ארבעט ביי די „הובל־בענק״ מיט זעגן, הובלען, דלאטן. אין שלאסעריי־ווארשטאט האבן זיך געדרייט די מאטארן און די בחורימלעך האבן גע־פיילט און געזעגט מעטאל.

עס האט געשמעקט מיט ארבעט, מיט אויל, מיט מאשין, מיט היל־צערנע סטרוזשקעס, מיט סמאלע־ריח פון סאסנע־ברעטער און אנדערע מי־נים האלץ.

די געזונטע ביאליסטאקער יוגנט האט געדארפט רעהאביליטירן ביא־ליסטאק. זי האט איר רעהאביליטירט, מ׳האט געהאפט, אז דער געזונטער יידישער לעבן וועט ווייטער אויפבליען אין ביאליסטאק. אזוי איז עס גע־

פאַרשווּנדענע געשטאַלטן

וועו פאַר געניע צווי צענדליק יאָר. אין 1939 האָט זיך עס איבערגעריסן און געבראַכט דעם שוידערלעכן חורבן פון איצט...

***

דער ביאַליסטאָקער צוזאַמענפאַר פאַר פּראָפעסיאָנעלער בילדונג האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דעם דעמאָלטיקן יידישן געזעלשאַפט־לעכן לעבן אין פוילן. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דער פרייער אַנטוויקלונג פון פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג פאַר צענדליקער טויזנטער יידישע יוגנטלעכע איבער גאַנץ פוילן אין די קרוב 100 שולעס און לערן־אַנשטאַלטן, וואָס „אָרט", „ייקאַ" און אַנדערע לאָקאַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס איבער גאַנץ פוילן האָבן געהאַט.

„ביאַליסטאָקער לעבן", פעברואַר, 1945.

פערטער טייל

שטיינער

אַ ליטוויש שטעטל

(אין ציפערן און לעבן)

דאָס שטעטל איז געווען אונדזער דאָרף, דער לעבנס־יסוד פון דער יידישער באַפעלקערונג. קיינער האָט נאָך כמעט נישט געפרווט באַלייכטן און אויספאָרשן דאָס שטעטל, ווי אַ שטייגער עס איז געטאָן געוואָרן מיטן דאָרף אין רוסלאַנד, וואָס איז אַלזייטיק אויסגעפאָרשט געוואָרן.

איך וויל מאַכן אַן אָנהייב, וואָס זאָל שטויסן אַנדערע צו אַזעלכע אַרבעטן.

זייענדיק זומער 1925 אין ליטווישן שטעטל וויסאָקי־דוואָר, איז מיר אויפגעקומען דער געדאַנק אויסצונוצן די געלעגנהייט און צונויפצוקלייבן מאַטעריאַלן וועגן דאָרטיקן יידישן ישוב. איך האָב אויסגעאַרבעט אַן אַנקעטע און מיט דער הילף פון אַן אָרטיקן סטודענט האָב איך דעם מאַטעריאַל צונויפגעזאַמלט.

1.

דאָס שטעטל וויסאָקי־דוואָר, האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דער פויליש־ליטווישער גרענעץ, אין אַ זעלטן שיינער און מאַלערישער געגנט. צו דער נאָענטסטער אייזנבאַן־סטאַנציע איז געווען 35 קילאָמעטער. אין ערשטן פערטל פון דעם יאָרהונדערט זענען אויסגעהאַקט געוואָרן טויזנטער העקטאַר וואַלד.

די געשיכטע פון שטעטל איז איינגעהילט אין פינצטערניש. עס האָט זיך דאָרטן געפונען אַן אַלטער בית־עולם. אויף איין מצבה האָב איך געזען דאָס יאָר תק״ב. פון די אַרומיקע שטעטלעך פלעגט מען ברענגען קיין וויסאָקי־דוואָר מקבר זיין מתים. אַלטע לייט פלעגן דערציילן, אַז דער שטעטלשער בית־עולם איז אַזוי אַלט, ווי דער ווילנער. ביי איין ברעג פון בית־עולם האָט מען נאָך געקענט זען שפּורן פון לאַנגע 3 קברים, און אַ לעגענ־

דע דערציילט, אַז דאָרט ליגן ריזן, אָבער קיינער האָט נישט געקאָנט זאָגן וועגן דעם מער, ווי די עטלעכע ווערטער.

אין וויסאָקי־דוואָר איז אויך געווען אַ „שלאָס־באַרג" ביים טייך. אויבן האָט זיך געפונען אַן איינגעטיפטע פּלאַטע, אויף וועלכער עס איז געשטאַנען, ווי מען דערציילט, אַ פּאַלאַץ, וואָס איז „איינגעזונקען געוואָרן". קיין פּרטים זענען וועגן דעם נישט באַקאַנט.

דאָס שטעטל האָט געהערט אַמאָל צו אַ פּריץ. דאָס אויסשליסלעכע רעכט צו טרייבן און פאַרקויפן בראַנפן האָט געהאַט אַ ייד, ר׳ הירשל, וואָס איז געווען אַ תקיף, פאַר וועלכן דאָס גאַנצע שטעטל האָט געציטערט. די „פּראָפּינאַציע" האָט זיך איינגעהאַלטן אין שטעטל ביזן איינפירן דעם מלוכה־מאָנאָפּאָל אין וויטעס צייטן. ס׳איז געווען נאָר איין קרעטשמע בעת אין אַנדערע שטעטלעך זענען געווען 7־8 קרעטשמעס. דער קרעטשמער איז געווען אָט דעם ר׳ הירשלס אַן אייניקל*, און אויך ער איז געווען דער „באַלעבאָס" פון שטעטל. גויים האָבן צו אים געהאַט דעם גרעסטן צו־טרוי און האָבן אים ליב געהאַט, הגם נישט איינער האָט פון קרעטשמער געקראָגן פּעטש פאַר טומלען שיכורערהייט. ווען ר׳ לייזער פלעגט דער־לאַנגען אַ קלאַפּ אין שטענדער, פלעגט ווערן שאַ־שטיל אין בית־המדרש. ער האָט געהייסן „זאָגן" די לענגסטע פּיוטים און מען פלעגט מוזן זאָגן. איבערהיפּן האָט ער נישט געלאָזן. נישט איין „יונגאַטש" פלעגט פון אים כאַפּן פּעטש און עס אָננעמען פאַר רעכט. וועגן פּראָטעסט האָט נישט גע־קאָנט זיין קיין רייד.

נאָר עס זענען אָנגעקומען נייע צייטן. אַרום 1900 האָט זיך די „יונ־גאַטשעס" פאַרוואָלט אַ רב. ביז דעמאָלט איז געווען נאָר אַ שוחט, וועל־כער האָט געפּסקנט שאלות און די דעה האָט געהאַט ר׳ לייזער. דאָס גאַנ־צע שטעטל האָט זיך צעטיילט אויף צוויי צדדים. איינער פאַר אַ רב, דער צווייטער — קעגן. מנצח געווען האָט, נאָך לאַנגע מחלוקת און געשלעגן, דער ערשטער צד, און אַ רב איז געקומען. מען האָט אָבער פאַר אים קיין גרויס דרך־ארץ נישט געהאַט, און אים גערופן „רבל" (ער איז נאָך געווען

* די נעמען זענען געביטן.

אַ יונגערמאַן). אָבער די תקיפות פון דעם קרעטשמער איז שוין אַראָפּ. אמת, דער רב האָט נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן; אויסער דעם אָפּצאָל פאַר הייוון האָט ער קיין שכירות נישט באַקומען און הכנסות נישט געהאַט. ער האָט אויך געעפנט, ווי אַלע קליינשטעטלדיקע איידעמס, אַ קרעמל און דורך דעם אַרויסגערופן קעגן זיך אַ פאַרביטערונג מצד די קרעמערס. דאָך איז דער רב געבליבן אַ קרעמער און דאָס שטעטל האָט זיך איינגעלעבט מיט דעם.

צווישן די יאָרן 1900 און 1925 האָט דאָס שטעטל צוויי מאָל אָפּגעברענט, אָבער ביידע מאָל זיך צוריק אָפּגעבויט. ס'זענען אַפילו אויסגעוואַקסן אין מיטן מאַרק 2 „מויערן", אָבער ביידע זענען פאַרבליבן נישט פאַרענדיקט.

אין דער צייט פון די רוסיש־דייטשע שלאַכטן זענען אַלע יידן אַנטלאָפן. געבליבן זענען נאָר צוויי־דריי, צווישן זיי — לייזער דער קרעטשמער. די קאָזאַקן האָבן זיי געוואָלט שיסן, נאָר ס'זענען אָנגעלאָפן די דייטשן און זיי זענען ניצול געוואָרן. אַלע יידן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון שטעטל קיין ווילנע, האָבן זיך צוריקגעקערט אין עטלעכע וואָכן אַרום. איינער נאָר איז פאַרבליבן אין רוסלאַנד.

2.

די צאָל פאַמיליעס אין וויסאָקי־דוואָר נאָך דער מלחמה פון 1914־1918 האָט זיך נישט געביטן. זי איז געבליבן די זעלביקע, ווי פאַר דער מלחמה. מ'יט דעם איז נישט געזאָגט, אַז דאָס זענען איינע און די זעלביקע פאַמיליעס. אין עטלעכע זענען אָפּגעשטאָרבן די ראשי־המשפחות, אָבער אויף זייער אָרט זענען צוגעקומען ניי־געשאַפענע פאַמיליעס. אַ טייל איז אַריבערגעפאָרן אין אַנדערע שטעטלעך.

דאָס שטעטל האָט געציילט בערך 65 פאַמיליעס און בערך אַזויפיל קריסטלעכע. בסך־הכל 272 יידישע נפשות. צווישן די יידן זענען מענער געווען — 139 (52%), פרויען — 133 (84%). דערוואַקסענע פון 20 יאָר — 81 מענער און 87 פרויען. סך־הכל 168 (52%), צווישן זיי 6 עלטערע פון 70 יאָר (2,2%), איינער — אַ 90־יאָריקער. די צאָל קינדער

ביז 6 יאָר — 42 (5%), פון 6 ביז 10 יאָר — 14, פון 10 ביז 14 יאָר — 12, פון 15 ביז 20 יאָר — 36 (13%).

פון די ציפערן קאָנען מיר מאַכן דעם ווייטערדיקן אויספיר: די גרויסע צאָל קינדער אין אַ פאַמיליע פון די אַמאָליקע צייטן האָט שוין געהערט צום עבר. דורכשניטלעך האָבן מיר געהאַט אויף אַ פאַמיליע 4½ נפשות. אַראָפּרעכענענדיק דעם פאָטער און די מוטער, באַקומט זיך 2 און האַלב קינד אויף אַ פאַמיליע. בעת פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען פאַמיליעס מיט 10־12 קינדער נישט געווען קיין זעלטנהייט און דער דורכשניט איז געווען נישט ווייניקער ווי 4־5 קינדער אויף איין פאַמיליע.

די עקאָנאָמישע לאַגע האָט שוין אויך אין דעם פּרט אַרויפגעלייגט איר שטעמפּל אויף דעם שטעטל. האָבן פיל קינדער איז געוואָרן אוממעגלעך. אמת, מיר זעען, אַז ביז 6 יאָר זענען געווען 42 קינדער און פון 6 ביז 14 בלויז 25 קינדער; אָבער מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט די מלחמה־יאָרן, ווען געבורטן זענען געווען אַ סך ווייניקער. פון דער לפי ערך גרויסער צאָל קינדער ביז 6 יאָר לאָזט זיך דעריבער נישט מאַכן דער אויספיר, אַז נאָך דער מלחמה האָבן זיך אומגעקערט „די אַלטע גוטע צייטן", ווען אין די שטעטלעך פלעגט מען טרעפן פאַמיליעס מיט 10־12 קינדער.

לויט דער באַשעפטיקונג האָט זיך די באַפעלקערונג געטיילט אויף אַזאַ אופן:

17 קרעמער, 17 בעלי־מלאכות (5 שניידער, 3 שמידן, 2 שוסטער), 1 שטעפּער, 2 טאָקער, — די לעצטע צוויי זענען געווען ברידער און זיך גלייכצייטיק אויף פאַרנומען מיט בלעכעריי, פריזירעריי, מאַלעריי, שירעם־מאַכעריי וכדומה, — 1 קירזשנער, 1 גלעזערקע, 1 שטעלמאַכער, 1 פישער, 4 הויז־אינדוסטריע אַרבעטער, 2 טשאַכראַלנעס, וואָס קעמען וואָל, 1 קאַלכברענער, 1 קוואַסניק, 1 פורמאַן, 4 קצבים (אין איין פאַמיליע), 3 קאַראַבעלניקעס, 4 לופטמענטשן, 2 סעדער־פאַכטער, 3 כלי־קודש (רב, שוחט, חזן און שמש־מלמד), 2 לערנער, 1 בעדער, 1 פעלדשער. אויסער דעם זענען נאָך אין שטעטל געווען 7 שניידערקעס (פון זיי 4 פאַרהייראַטע), 1 זאַקן־מאַכערקע, 1 פאַרבערקע.

אַנאַליזירנדיק דעם פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל פון דער באַפעל־קערונג, זעען מיר קודם־כל, אַז דער פּראָדוקטיווער עלעמענט אין שטעטל איז נישט געווען אַזוי קליין, ווי מען שטעלט זיך עס אָפּט פאָר. עס האָט אויסגעמאַכט, אַריינרעכענענדיק אָהער פורמאַנעס, קצבים, שניידערקעס, קרוב 25% פון דער דערוואַקסענער באַפעלקערונג. איבעררעכענענדיק אויף נפשות וועלכע זיי האָבן אויסגעהאַלטן, איז דער פּראָצענט געווען אַ סך אַ גרעסערער. ביי די אַלע בעלי־מלאכות זענען אָבער קיין לערן־ייִנג־לעך נישט געווען. איין יונגטלעכער האָט זיך געלערנט שלאָסעריי (ביי אַ קריסט), 1 ביי אַ שמיד, 3 ביי שניידער; פאַר שניידערקעס האָבן זיך גע־לערנט 5 מיידלעך. פון דעם איז צו זען, אַז די ייִדישע מלאכה לאָזט כמעט נישט איבער קיין נאָכפאָלגער.

מערקווערדיק איז דער פאַקט, אַז אין פאַרלויף פון די לעצטע יאָרן האָט זיך די צאָל קרעמער פאַרקלענערט פון 30 אויף 17, ד״ה אויף 40%. די אומגעהויערע שטייערן, די קאָנקורענץ און בכלל דער באַגרענעצטער געברויך מצד דער באַפעלקערונג האָבן געפירט צו דעם, אַז אַ טייל קראָ־מען האָבן זיך פאַרמאַכט. די קראָמען זענען געווען „אוניווערסאַלע״־מאַ־נופאַקטור, גאַלאַנטעריי, קאָלאָניאַל און אַפּטייק־אַרטיקלען. כדי צו שפּאָרן אַ פּאָר גראָשן פלעגט דער פּויער אַוועקפאָרן אין אַן אַנדער שטעטל, וווּ ס׳זענען געווען אַזוי גערופענע „איינגעצייגענע״ מערק״, ד״ה אַזעלכע מערק, וואָס האָבן שוין עקזיסטירט פאַר דער מלחמה. אין יעדן שטעטל זענען גע־ווען איינגעשטעלטע מאַרק־טעג. די אַנדערע טעג פון וואָך פלעגט מען אין קראָם כמעט נישט לייזן, אָבער אויך אויפן מאַרק פלעגן קומען סוח־רימלעך פון אַנדערע ערטער און אויף אַזאַ אופן שאַפן קאָנקורענץ פאַר די אָרטיקע קרעמער. ס׳איז אוממעגלעך פעסטצושטעלן דעם דורכשניטלעכן ריווח פון אַ קרעמער. אויב מען זאָל נעמען זיין ברוטאָ־לייזונג, וואָס האָט באַטראָפן אין די קליינע קרעמלעך 3־6 דאָלער אַ וואָך, איז שווער זיך פאָרצושטעלן, ווי אַזוי דער קרעמער פלעגט אויסקומען. פיל אַרויסגע־האָלפן האָט די שטיצע פון אַמעריקאַנער קרובים. ביי 4 קרעמער איז פּור־מאַנעריי געווען אַ צוגאָב־הכנסה. זיי האָבן געפירט „פּאַסאַזשירן״ פון באַן, פון איין שטעטל צום אַנדערן, אָדער „צום באַן״; אַנדערע האָבן

„געקאַצעוועט", ד"ה זיי פלעגן קויפן ביי די פויערים שעפסן אָדער קעל־בער, געקוילעט זיי און „פאַרדינט פאַר זיך אַ זייטל פלייש".

בכלל אָבער איז זייער שווער דורכצופירן אַ שטרענגע דיפערענצי־רונג פון די קליינשטעטלשע פרנסות, ווייל אָפט איז איין און די זעלביקע פערזאָן געווען אַ קרעמער, אַ בעל־מלאכה, אַ פורמאַן, אַ לופטמענטש אאַז"וו.

וואָס שייך די „לופטמענטשן" איז איינס קלאָר, אַז מיט לופט האָבן זיי נישט געלעבט, אָבער זייערע פרנסות פלעגן זיי ממש כאַפּן פון לופט. מען פלעגט כאַפּן אַמאָל אַ גראָשן פון אַ מאַרק־טאָג, מען האָט געקויפט אַ הון, אייער, חזיר־האָר, ווינטער פלעגט מען קויפן זוימען, אין האַרבסט — אויבסט, זומער — תבואה, קאָרן. מען פלעגט פאַרדינען אַמאָל אין אַ יובל פון מעקלעריי פון אַן „עסק", פון שדכנות און נאָך אַזעלכע פרנסות.

עס פלעגט טרעפן, אַז אַרום שטעטל זענען געווען „אויסצוטאָן" וועל־דער, „דיעלאַנקעס" (באַשטימטע וואַלד־טיילן), און אין שטעטל זענען גע־ווען פיר־פינף „וואַלד־סוחרים". אין דער אמתן זענען דאָס געווען אמתע לופטמענטשן, מערסטן טייל „איידעמס אויף קעסט". באַקומענדיק די פאָר הונדערט רובל נדן, פלעגט מען עס „אַריינלייגן אין וואַלד". אָפט אָבער האָבן די נישט־געניטע איידעמס זייער גיך „געפּטרט דעם נדן".

בכלל האָט די גרויסע צאָל קראָמען אין שטעטל געשטאַמט פון די איידעמס. עס איז נישט געווען וואָס צו טאָן, פלעגט מען עפענען אַ קראָם. שפּעטער האָט זיך אָבער דער צוווקס פון קראָמען אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. דער „אַגולניק" (אַנגראָסיסט) פלעגט שוין מער נישט געבן קיין קרעדיט. כדי אויסהאַלטן אַ קראָם האָט מען געדאַרפט צאָלן גרויסע שטייערן: עס האָט זיך שוין נישט געלוינט.

3.

וועגן דער מלאכה אין קליינשטעטל לאָזט זיך קיין גרויסע שבחים נישט זאָגן. דאָס איז געווען „פאַרטאַטשעריי", פאַרשטייט זיך נישט אָן אויסנאַמען. אגב, זענען כמעט אין קיין שטעטל נישט געווען קיין ספּעציע־

לע אויסאַרבעטונגען, וואָס זאָלן באַשעפטיקן אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער באַפעלקערונג.

איך ווייס נאָר פון איין ליטווישן שטעטל, דאָס איז יאַנעווע, וואָס איז געווען באַרימט מיט אירע יידישע סטאָלער.

וואָס שייך דער קאַטעגאָריע כלי־קודש איז כדאי צו באַמערקן, אַז אַ שוחט און אַ חזן זענען שטענדיק געווען פאַרטראַטן דורך איין פּערזאָן. דאָסגלייכן שמש און דרדקי־מלמד. אַ מלמד־שמש האָט פאַרדינט 6, 7 דאָלאַר אַ חודש. דער רב פון שטעטל האָט באַקומען דעם אָפּצאָל פאַר הייוון, אויסער דעם, ווי געזאָגט פריער, איז ער געווען אַ קרעמער.

פון 65 פאַמיליעס האָבן 32 געהאַט קי, 5 — צו איין ציג. אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט כמעט יעדע פאַמיליע זיך איינגעשאַפט אַ קו, ווייל ס׳איז אוממעגלעך געווען צו באַקומען מילך און איין קו פאַר אַ פאַמיליע איז געווען דערלויבט צו האָבן. שפּעטער אָבער, ווען מילך האָט מען געקאָנט באַקומען אומעטום און ביליק האָט זיך נישט גע־לוינט צו האָבן די זאָרג, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אויסהאַלטן אַ קו. קודם־כל האָט מען געמוזט אָנקומען צום שטעטלשן פּריץ, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט צו פּיטערן די קי אויפן פעלד, און פאַרן זומער פלעגט מען דאַרפן באַצאָלן פון 10 ביז 15 דאָלאַר „פּאַשע־געלט". מען האָט געדאַרפט אויפשטיין פאַרטאָג צו טרייבן די קו אין פעלד אַריין, בייטאָג האָט מען געדאַרפט גיין, אָפּטמאָל ווייט, זי צו מעלקן און אין אָוונט גיין די בהמה „באַגעגענען". מיט איין וואָרט, די קליינשטעטלדיקע באַלעבאָסטעס פלעגן נישט וועלן האָבן די הכבדה אָדער, ווי מען האָט עס געזאָגט אין שטעטל „טרודאַ". אָרעמע שטעטלשע איינוווינער האָבן געהאַלטן ציגן, וועלכע זיי פלעגן פּאַשן אַליין אָדער אָנרייסן ערגעץ גראָז פאַר זיי.

אין שטעטל זענען געווען 9 „יידישע פערד", וואָס זענען אויסגענוצט געוואָרן אויף פאַרשיידענע אופנים, בעיקר צו פורמאַנעריי. מיט די פערד האָט מען באַאַרבעט אייגענע גערטנער אָדער מען פלעגט זיי פאַרדינגען אויף פאַרשיידענע צוועקן, ווי: „אונטערפאָרן נאָך סחורה", פירן האָלץ פון וואַלד אאז״וו.

קיין ערדאַרבעטער זענען אין שטעטל נישט געווען. איין אַרענדאַר,

וועלכער איז געזעסן 39 יאָר אויף ערד און איז גלייכצייטיק געווען אַן אונטערנעמער פון פיש־פּאַנגעריי, האָט באַאַרבעט טיילווייז אַליין זיין פעלד. אין קאָרן־שניט פלעגן מיידלעך אַראָפּשניידן די תבואה, וועלכע זייערע עלטערן פלעגן פאַרזייען מיט געדונגענע קריסטלעכע אַרבעטער. קלענערע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט פלעגט יאָ ווערן געטאָן דורך יידן אויף גערטנער און אייגענע פעלדער: צוזאַמענפירן די תבואה, אָפּגראָבן אָדער אַרומגראָבן קאַרטאָפל, קרויט, בוריקעס.

די צאָל באַשעפטיקטע ביי דעם מין אַרבעט איז קוים דערגאַנגען ביז צען־פופצן פּערזאָן. 22 פאַמיליעס (34%) האָבן ביי זייערע הייזער גע־האַט גערטנער אויף גרינוואַרג און קאַרטאָפל. אָדער די גערטנער פלעגן בדרך כלל באַאַרבעט ווערן דורך גויעס. דערפאַר פלעגן אַלע שטעטלשע איינוווינער „זעצן" אייגענע קאַרטאָפל אויף די קריסטלעכע פעלדער, פאַר וועלכע זיי האָבן געגעבן „יידישע מיסט". די שטעטלשע פויערים פלעגן באַקומען דערפאַר גוט באַצאָלט מיט געלט אָדער סחורה. בעלי־מלאכות האָבן געצאָלט מיט זייערע אויסאַרבעטונגען. די פעלדער ביי די פויערים פלעגן זיך שטאַרק פאַרבעסערן פון די „יידישע מיסט" און מען האָט גע־קענט גלייך אונטערשיידן די פעטע שטעטלשע פעלדער פון די מאָגערע דאָרפישע.

אָנהייב דעם יאָרהונדערט האָבן אין ראַיאָן פון שטעטל (וואָלאָסט, גמינע) געוווינט אויף ישובים* און אין דערפער ביז 37 יידן. זיי האָבן געהאַלטן קרעטשמעס, אַרענדירט ערד, געהאַלטן גערטנער. אין גרעסטן טייל זענען עס געווען דאָרפישע בעלי־מלאכות: שמידן, שוסטער און שניי־דער. שפּעטער זענען פון די 37 ישובניקעס געבליבן נאָר 5: איין מילנער, איין אַרענדאַר, איין ערדאַרבעטער, איינער וואָס האָט געלעבט אויף דער שטיצע פון אַמעריקאַנער קרובים און איין אַרענדאַר, וואָס איז גלייכציי־טיק אויך געווען אַן אייגנטימער פון אַ זעגמיל. די ישובניקעס פלעגן זיך, אין די פריערדיקע צייטן, צוזאַמענקומען שבת אין אַ צענטראַלן ישוב דאַוונען מיט אַ מנין. זינט אָבער מען האָט פאַר די צאַרישע צייטן אַרויס־

* אין ליטע רופט זיך „ישוב" אַן איינזאַם הויז, נישט אין אַ דאָרף (זאַסציאַנעק, כוטאָר, יעדנאָסעל).

געזעצט יידן פון דערפער, האָט זיך די צאָל ישובניקעס אָנגעהויבן צו פאַרקלענערן. עטלעכע זענען געשטאָרבן. טייל האָבן עמיגרירט. אַנדערע זענען אַריין אין שטעטל צוליב דערציען קינדער, הגם עטלעכע ישובני־קעס פלעגן ברענגען לערער פון ווילנע*. קיין נייע זענען נישט צוגעקו־מען. זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַזוי גערופענע אַגראַר־רעפאָרם אין ליטע, פון וועלכער יידן זענען געוואָרן לגמרי באַזייטיקט, האָט זיך די צאָל ישובניקעס שטאַרק פאַרקלענערט און אין די 20ער יאָרן איז אַ ישובניק שוין געווען אַ זעלטנקייט. די ישובניקעס זענען געווען אַן אייגנאַרטיקער געזונטער פאָלקסטימלעכער עלעמענט, אַביסל אַ פאַרגרעבטער, אָבער אַ קערנדיקער. דאָס שטעטל האָט ליב געהאַט אָפּצולאַכן פון דעם פאַרגרעבטן ישובניק, קוקנדיק אויף אים פון אויבן אַראָפּ. עס האָט זיך געשאַפן אַ מאַ־סע קליינשטעטלדיקע אַנעקדאָטן וועגן ישובניקעס, אָבער אין דער צייט פון מיין אויספאָרשונג, איז עס שוין געווען נישט מער ווי געשיכטע און פאָלקלאָר**.

* אויפן ווילנער שולהויף איז געווען אַ מעקלער פון מלמדים, לערער, האַלבע אַנאַלפאַבעטן; דעם דאָזיקן „אינסטיטוט" פלעגט מען אין שפּאַס רופן „גבעת הערלות".

** אָט זענען ביישפּילן פון אייניקע אַנעקדאָטן וועגן ישובניקעס:

מען רופט אויף אַ ישובניק אַ זון צו אַן עליה. ער מאַכט אַ ברכה... בורא־רא מיני־מזונות. רופט זיך אָפּ זיין טאַטע: ער איז אַלץ געווינט צו דער בולקע.

דעם זעלביקן זון גיט מען אַן אַנדערש מאָל גלילה. ווען ער גייט אַרויף אויפן בימה פרעגט מען אים צי ער וועט עס קענען — ענטפערט ער: „נישט אַזעלכע קלעצער האָב איך געקערט".

זיצט דער טאַטע מיטן זון פאַר נעילה. דער טאַטע כראָפּעט. ביי פּתיחת נעילה וועקט אים דער זון, „טאַטע, שטיי אויף, מ'עפנט שוין די טויערלעך". דער טאַטע כאַפּט זיך אויף אַ דערשראָקענער און שרייט אויס „אַ יוש, אַ יוש" (מיט דעם וואָרט טרייבט מען אַוועק חזירים. ביים עפענען אויפן ישוב אַ טויער, קריכן אָן די שכנישע חזירים).

אַ ישובניק עסט ערב יום־כיפור פיש, קרעפלעך, צימעס, אַ שטיקל הון און זאָגט מיט אַ קרעכץ: „ע! אָן אַ ביסל זויערס (באָרשטש) בין איך גאָר קיין מענטש נישט".

ביים דערלאַנגען דעם הייסן צימעס, פון וועלכן עס גייט אַ „פּאַרע", פרעגט אַ ישובניק ביי דער ווייב צי זי זעט אים (דורך דער פּאַרע). זי ענטפערט, אַז ניין. „נו, זאָלסט זוכה זיין איבעראַיאָר מיך נישט צו זען".

אַ מאַמע אַ ישובניצע, וועלכע שטאַמט אַליין פון אַ שטעטל, שיקט דעם זון לערנען אין שטעטל און זאָגט אים אָן ווי זיך צו פירן: מען דאַרף נישט עסן אַלץ מיטאַמאָל,

די ישובניקעס זענען שוין לאַנג געוואָרן קליינשטעטלשע באַלעבאַ־טים, אָדער קליינשטעטלשע אָרעמעלייט, אויב זיי זענען נישט אויפן עולם־האמת.

.4

יעדער קליינשטעטלשער ייד האָט געשטרעבט צו וווינען אין אַן אייגן הויז (אָדער ווי מען האָט געזאָגט אין שטעטל: „כאַלופּע"). עס זענען גע־ווען 37 (57%) באַלעבאַטים, וואָס האָבן געוווינט אין אייגענע הייזער, אָבער כמעט אַלע הייזער זענען געווען געבויט אויף פּויערישע פּלעצער, פאַר וועלכע מען האָט געצאָלט יערלעכע „פּלאַצאָווע" פון 10 ביז 20 רובל אַ יאָר. אין געדונגענע דירות האָבן געוווינט 23 (35%). אויסער צוויי מויערן זענען אַלע הייזער געווען הילצערנע. די גרעסטע צאָל הייזער זע־נען באַשטאַנען פון צוויי צימערן. בערך אַ 10 הייזער האָבן געהאַט מער צימערן. קיין איין וווינונג האָט נישט געהאַט קיין באַקוועמלעכקייטן. דאָס מעבל איז מערסטן טייל געווען אַלט און אָפּגעלאָזן. אַנשטאָט שטולן — בענקלעך. אין דער צייט פון דער מלחמה זענען פיל זאַכן רואינירט גע־וואָרן און קיין נייע האָט מען נישט איינגעשאַפט. די דילן פלעגט מען וואַשן אין „באַלעבאַטישע" הייזער נישט אָפטער ווי איין מאָל אַ וואָך, אין אָרעמערע אָפּטמאָל נאָר צוויי מאָל אַ יאָר. שפּיי־קעסטלעך זענען אין גאַנצן שטעטל געווען נאָר אין 3־4 הייזער. די ווענט פלעגן געווייסט ווערן איין מאָל אין אַ פּאָר יאָר, אַמאָל זעלטענער אויך. עס פלעגט אָבער אויך טרעפן, אַז אַלע ערב פּסח האָט מען געווייסט. אַ גאַנצן טאָג פלעגט מען אָפּקומען מיט „אַבי־וואָס": אַ שטיקל הערינג, קאַרטאָפל, אַ גלאָז מילך. ביי טאָג האָט מען געקאָכט נאָר אין געציילטע הייזער, און קיין באַשטימ־טע צייט פאַר מיטאָג איז כמעט אין ערגעץ נישט געווען. די עלטערע האָבן

שבת נאָכן דאַוונען זאָגט מען איינעם גוט שבת דעם אַנדערן נישט, אויף אַן עלטערן וואַרפט מען אַן אויג או"ו. — דער ישובניצעס זון דערלאַנגט מען אָפּגעקאָכטע אַרבעס. אַ האַלבן אַרבעס בייסט ער אָפּ און אַ האַלבן לאָזט ער אויף דרך־ארץ. שבת נאָכן דאַוונען שטעלט ער זיך ביי דער טיר און שרייט צו די אַרויסגייענדיקע: „דיירר (דיר) גוט־שבת, דיירר נישט גוט־שבת". אין רב האָט ער געוואָרפן מיט אַ קעלבערנע אויג. — או"ו.

געגעסן נישט מ׳ער ווי צוויי מאָל אַ טאָג, אַזייגער 10 אין דער פרי און 6 פאַרנאַכט. קיין פולע מאכלים האָט מען נישט געמאַכט: זופּ מיט אַ שטיקל פלייש אָדער מילכיקע זופּ, און פאַר דעם „עפּעס״ מיט ברויט. „אָט אַן עסק וואָס מען עסט, אַבי צו דערהאַלטן די נשמה״ — פלעגט מען הערן אומע־טום. שבת, פאַרשטייט זיך, איז געווען אַנדערש. פלייש, לאָקשן־זופּ און צימעס — פרייטיק־צו־נאַכט. שבת — געהאַקטע הערינג, טשאָלנט מיט פלייש און קוגל. צוליב דער שוואַכער דערנערונג און אָפּגעלאָזנקייט האָט מען אין שטעטל נישט געפונען קיין דיקע, פולע מענטשן. די קינדער, דאַ־רע, מאָגערע.

אויף היגיענישקייט איז מען אויך נישט אַזוי מקפּיד. עס פלעגט טרעפן, אַז מען האָט די באָד נישט געהייצט חדשים־לאַנג (צוליב דעם וואָס מען האָט זי געדאַרפט רעמאָנטירן, אָדער ס׳האָט געפעלט געלט אויף האָלץ).

נישט אַלע פרויען פלעגן באַנוצן די מקווה (ביי 60 פּראָצענט). סיי די מקווה, סיי די באָד פלעגט זייער זעלטן גערייניקט ווערן. די וואַסער אין מקווה פלעגט געביטן ווערן נישט אָפט און געהאַט אַ שלעכטן גערוך.

דער רעליגיעזער גייסט אין שטעטל האָט זיך נישט געלאָזט אַזוי שטאַרק שפּירן. ס׳איז געווען מער טראַדיציע ווי רעליגיע. אמת, וויסאָקי־דוואָר האָט געהאַט אַ שם פון אַ ליבעראַל שטעטל, און אין די אַרומיקע שטעטלעך האָט מען אירע באַלעבאַטים גערופן „וויסאָקי־דוואָרער שליאַכ־טע״. פון דער גאַנצער מענלעכער באַפעלקערונג האָבן אַלע טאָג געדאַוונט ביי 35 פּראָצענט. אין שול איז אַלע טאָג געווען אַ מנין, אָבער מער ווי צוויי מנינים יידן פלעגן נישט קומען. שבת זענען אַלע אַן אויסנאַם גע־גאַנגען דאַוונען, ס׳פלעגט אָבער נישט אַריבער קיין איין שבת אָן מחלוקת אין שול.

מיר איז אויסגעקומען בייצוזיין ביי עטלעכע סיכסוכים. אויף איינעם אַ יידן האָט מען געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל, פאַרוואָס ער האָט געקוילעט אַ בהמה נישט אין אַ באַשטימטן אָרט און אָן אַ דערלויבעניש. דער ראש־הפּאָליציי האָט געפאָדערט 200 ליט (20 דאָלאַר), ווען ער מבטל מאַכן דעם פּראָטאָקאָל. דער שולדיקער האָט מעכב הקריאה געווען און געפאָ־

דערט, אַז היות אַלע קוילען און אַלע עסן פלייש, זאָל מען צוזאַמענמאַכן די 200 ליט און פאַר אים אַריינטראָגן. אַ נישט האָט ער געדראַט, וועט ער זיך „רעכענען" מיטן שטעטל. צוויי שעה האָט געדויערט די קריגערײַ אין שול, ביז דעם בעל־דבר איז דערעסן געוואָרן צו שטיין ביים אָרון־קודש און ער איז אַראָפּ פון דער בימה אבל וחפוי ראש. קײנער איז אָבער בעת דעם סיכסוך נישט געגאַנגען אַהיים און געדולדיק געוואַרט אויפן „לייע־נען".

אַ צווייטן שבת איז שוין נאָך דער קריאה פאָרגעקומען אַ קריג צו־ליב דעם, וואָס מען האָט אײנעם נישט אײנגעטײלט קיין עליה, ווען ער האָט געהאַט יאָרצייט.

תשעה באב האָט זיך יונגוואַרג געוואָרפן מיט בערעלעך און צום מערסטן פלעגט מען אָנגרייפן די, וואָס האָבן פּראָטעסטירט. ווען אײנער פלעגט באַקומען אַ פּעקל בערעלעך אין באָרד אַרײַן און פלעגט שטילער־הייט אַרויסדראַפּען די שטעכיקע קײקעלעך און זיך זאָגן ווייטער זײַנע קינות, פלעגט מען אים לאָזן צורו. אָבער ווען עמיץ פלעגט אָנהייבן צו ליאַרעמען קעגן די „באָד־יונגען", „יונגאַטשעס", פלעגט ער שוין קיין גאַנ־צער פון עסק נישט אַרויס. מען פלעגט אים ממש באָמבאַרדירן פון אַלע זייטן און דעמאָלט פלעגט זיך פאַרקאָכן די ריכטיקע חתונה. דער פּראָ־טעסטירער פלעגט זיך וואַרפן אויפן ערשטן־בעסטן אונטער דער האַנט און דערלאַנגען פּעטש. דאָ נעמט זיך אָן אַ טאַטע, אַ קרוב און סתם חברה. ס׳ווערט לעבעדיק, מען שרייט, מען שטויסט זיך, מען פּאַטשט אײנע די אַנדערע. פאַר חברה ווערט פון תשעה באב אַ שמחת תורה, אַ הו־האַ, אַ געטומל. אײן תשעה באב איז אײנער, וועמען מ׳האָט גערופן „שאַיע גע־רעכט" (ער האָט ביי עכוב פון קריאת התורה געזאָגט עטלעכע ווערטער, און חברה האָט איראָניש אַ געשריי געטאָן „שאַיע איז גערעכט". ער האָט עס אָנגענומען פאַר ראַיעלער סחורה און געזאָגט: „אַוודאי איז שאַיע גע־רעכט". און אַזוי איז ער שוין פאַרבליבן מיטן צונאָמען) אַרויסגעלאָפן פון שול זיך יאָגן נאָך די „יונגאַטשעס", וועלכע האָבן אים מכבד געווען מיט אַ גרעסערער צאָל בערעלעך. שאַיע האָט געשריען און געשאָלטן, און יינגלעך זענען געלאָפן און געשריען: — „שאַיע איז גערעכט"...

אַזעלכע און ענלעכע סצענעס פלעגן זיך איבערחזרן יעדן תשעה באב ביי קינות. נאָך די קינות פלעגן קליין און גרויס גיין אויפן בית־עולם, דערמאָנען די טויטע.

אָפט פלעגן זיך די סקאַנדאַלן אין שול ענדיקן מיט פּאָליציייאישע פּראָטאָקאָלן און עס זענען געווען פאַלן, ווען דער בית־מדרש איז צוליב דעם געווען געשלאָסן אַ לענגערע צייט. ס׳איז נישט געווען מער די אַמאָ־ליקע אויטאָריטעט פון קליינשטעטלשן תקיף, פאַר וועמעס „דוך״ (גייסט) מען פלעגט ציטערן.

לעצטנס האָט שוין די יוגנט אָנגעהויבן גיין אין גאַס אָן היטלען. לכתחילה איז דאָס פאַרן שטעטל געווען אַ בייזער וווּנדער. מען האָט גע־ליאַרעמט שבת אין בית־המדרש, הלמאַי זענען אונדזערע ייִנגלעך „ער־גער ווי גויים״. ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן. דערפאַר מוז מען מודה זיין, אַז יונגוואַרג האָט דאָך געהאַלטן „אַביסל שטאַט״. עלטערע מענטשן האָבן מיר דערציילט, אַז חברה דערלויבט זיך שבת צו רויכערן אין וואַלד אָדער פעלד, אָבער בפרהסיה אין שטעטל נישט. אַפילו מיט אַ שטעקל האָט שבת קיינער נישט געוואַגט צו גיין. און עלטערע זענען געווען צופרידן כאָטש מיט דעם. איינער פון זיי — אַ פרומער, אָבער אַ פקח — האָט אַזוי געזאָגט אויף די טענות פון טאַטע־מאַמעס, אַז בחורים און מיידלעך גייען אום שבת אין וואַלד און טראָגן אַהין קישנס, ביכער, שפייז: — „מילא, וואָס זיי טראָגן אין וואַלד איז נאָך אַ האַלבע צרה, די גאַנצע צרה וועט זיין, ווען זיי וועלן אָנהייבן טראָגן פון וואַלד״...

אונטערן איינפלוס פון דער דרויסנדיקער וועלט איז אין וויסאָקי־דוואָר, ווי אין אַנדערע ליטווישע שטעטלעך געוואָרן „אַ פאַרכאַפּעניש״ מיט פוטבאָל. ס׳האָט זיך געגרינדעט אַ מכבי־גרופּע פון 30 יונגעלייט (וועלכע האָט געמאַכט אַפילו גימנאַסטישע איבונגען אויך), אָבער די גאַנ־צע פרייע צייט האָט מען געווידמעט דעם „פויקן מיטן פוס די פּילקע״. די עלטערן האָבן געקרעכצט: „געוואַלד די פּילקע, די פּילקע״.

נאָר יונגוואַרג האָט זיך שוין נישט באַנוגנט מיטן שפּילן אַליין. מען פלעגט איינלאַדן די שכנישע מכבי־גרופּעס פון אַנדערע שטעטלעך און מען האָט געמאַכט מאַטשן. דערביי פלעגט דאָס שטעטל, וועלכע האָט

איינגעלאָדן, געדאַרפט דעקן אַלע הוצאות פון די געסט: פור־געלט, עסן אאַז״וו. נאָך אַזעלכע מאַטשן איז מען אָפט געווען צעקיילט און צעביילט, אָבער די מכביסטן פלעגט עס צוגעבן מער אימפּעט צו דער הייליקער עבודה פון „פויקן". ביי איין מאַטש האָט די פּילקע געטראָפן אַ באַלעבאָס, אַ צושויער. ער האָט אַ געשריי געטאָן: „מען האָט מיר דערהרגעט" און איז געפאַלן... אין חלשות. ס'איז געוואָרן אַ געפּילדער, אַ רעש אין שטעטל. מען האָט געוואָלט די שפּילער מחרים זיין. דער באַלעבאָס אָבער איז אָפּ־געקומען בלויז מיט שרעק און מיטן טראַכטן, אַז ער איז שוין אויפן עולם האמת. די מאַטשן זענען פאַרגעקומען ווייטער.

די מכביסטן אין ליטע פלעגן אויספירן אַלע פונקציעס פון דער ציו־ניסטישער אָרגאַניזאַציע, קליינע געלט אויף פאַרשיידענע פאָנדן. און די פונקציעס זענען אַפילו אַריין אין זייער סטאַטוט. די קאָמאַנדע איז געווען אויף העברעיש.

בכלל איז אין וויסאָקי־דוואָר אויסער דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַ־ציע קיין אַנדערע נישט געווען. ביז גאָר דער לעצטער צייט זענען קליין און גרויס געווען ממש פאַרכאַפּט התלהבותדיק מיטן ציוניזם. די יוגנט איז געווען פול מיט גלויבן אין ציון. פון שטעטל האָבן צוויי געאַרבעט אין אַ קבוצה, וואָס גרייט צו חלוצים פאַר ארץ־ישראל.

די יוגנט האָט געעפנט אַ ביבליאָטעק, וועלכע האָט געציילט ביי אַ 400 ביכער, דערונטער 300 יידישע. די ביבליאָטעק האָט זומער געהאָט אַרום 30 לייענער, ווינטער 40־50. דער אָפּצאָל — 8 סענט אַ חודש. די ביבליאָטעק פלעגט אויסשרייבן צוויי יידישע און איין העברעישע צייַ־טונג. פּריוואַט האָט קיינער נישט אויסגעשריבן קיין צייטונגען, אויסער איינעם, וועלכער פלעגט באַקומען פון ארץ־ישראל אַ צייטונג צוגעשיקט פון זיינעם אַ קרוב. אויף נייס איז מען אין שטעטל געווען זייער נייגע־ריק, אָבער אויסשרייבן אַ צייטונג „ס'זאָל קאָסטן געלט" — אויף דעם זענען קיין בעלנים נישט געווען. די באַזוכער סיי פון דער ביבליאָטעק סיי פון לייענזאַל זענען געווען אויסשליסלעך יוגנטלעכע.

אין דער אַטמאָספער פון קליינשטעטל זענען אויסגעוועפּט געוואָרן אַלע לינקע רעוואָלוציאָנערע שטימונגען. ביחוד האָט זיך עס געמערקט ביי

„איידעמס", וועלכע זענען געווען בונדיסטן, זיי זענען נעבעך געגאַנגען, מיטן טלית־זעקל אין שול. „די פרנסה ברענגט מיט", ווי מען האָט גע־שפּאָסט אין שטעטל.

.5

דאָס פּראָבלעם פון חתונה מאַכן טעכטער איז געווען זייער אַ האַרבע אין שטעטל, דער עיקר אין באַלעבאַטישע פאַמיליעס. „די בחורים ווערן משוגע", פלעגט מען הערן פון די מאַמעס. „מען שעמט זיך נישט צו הייסן באַצאָלן 1.000 דאָלאַר", 300־400 דאָלאַר איז שוין דער מינימום. אויס־סער דעם זענען נאָך צוגעקומען מתנות, חתונה־הוצאות. אָפט האָט מען נאָך געדאַרפט דעם חתן באַקליידן. פאַרן קליינשטעטלדיקן יידן איז עס אין יענע צייטן געווען „נישט איינצובייסן". אין שטעטל האָט מען גע־רעדט, אַז „עס פעלט אויס דער מין". די סטאַטיסטיק פון שטעטל האָט באַוויזן אַן איבערוואָג פון מענער, אָבער אין חתונה־עלטער זענען געווען ווייניקער בחורים ווי מיידלעך.

פאַר די יאָרן 1920־1925 האָבן אויסגעוואַנדערט 7 קיין אַמעריקע, 7 קיין ארץ־ישראל, 1 קיין אורוגוויי, 2 קיין מעקסיקע. צווישן די אויס־געוואַנדערטע זענען 70% געווען בחורים. דאָס האָט נאָך שאַרפער גע־מאַכט די חתונה־פּראָבלעם אין שטעטל.

פאַקטיש און טעאָרעטיש איז נישט געווען ווי חתונה צו מאַכן אַ מיידל. „אָבער", — פלעגט דער קליינשטעטלדיקער באַלעבאָס זאָגן, — „איז עס דען אַ תירוץ? מען מאַכט חתונה מיט ניסים". די שטיצע פון די אַמעריקאַנער קרובים פלעגט דאָ שטאַרק אַרויסהעלפן.

דער דורכשניטלעכער לעבן אין שטעטל איז אויך אַ נס. פון וואַנען האָט געלעבט אַ ייד מיט זיין פאַמיליע — איז איינע פון די סאָציאַלע רע־טענישן אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק. מיינע סטאַטיסטישע מע־טאָדן האָבן גאָרנישט געקאָנט פעסטשטעלן.

אין דער לעצטער צייט האָט מען שוין די חתונות געפייערט באַשיידן. אַמאָל (50־60 יאָר צוריק) פלעגט אַ חתונה דויערן דריי־פיר טעג. צוויי טעג איז געווען דאָס מ׳נדסטע. ס׳פלעגן קומען מחותנים פון אַלע אַרומיי־

קע שטעטלעך. אַ קאַפּעלע קלעזמערס פון 6־5 מענטשן, צווישן זיי אַ צימ־בלער. פּאָר טענץ האָבן געצאָלט די באַשטעלער. איינער „פונדעוועט" אַ קאַדריל, אַ צווייטער אַ וואַלס („וואַלעץ"), אַ לאַנסע אאַז"וו. עסן און טרינקען — אויפן חשבון פון דער כלהס עלטערן. בכלל פלעגן אַלע הוצאות פון דער חתונה געדעקט ווערן פון דער כלהס צד. פאַר יעדן מחותן האָבן די קלעזמערס אויפגעשפּילט אַ „דאַברידזיען" (אַ צין שוש) פאַרוואָס זיי פלעגן באַקומען קליינגעלט. דער בדחן פלעגט יעדן באַגעגענען מיט אַ ווערטל: „חנה איז גאָר אַ קאָכאַנע", „פאַר ר' חיימען וועלן מיר מאַכן אַ לחיים", „פאַר ר' אידלען וועלן זינגען אַלע פידלען", „ר' משה וועט אונדז געבן אויף אַ כוסה אַ גרויסע".

טישן פלעגט מען אָפט איינאָרדענען אין שייערס, ווייל אין די הייזער איז געווען צו ענג פאַר אַלעמען. דאָס גאַנצע שטעטל האָט געמוזט זיין ביים טיש. נאָך „וועטשערע" פלעגט דער בדחן אויסרופן דרשה־געשאַנק, באַגלייטנדיק ווידעראַמאָל יעדן „וואָרפנדיקן" (וואָרפן דרשה־געשאַנק) מיט ווערטלעך. ס'פלעגן „פאַלן" בעכער, לעפל, צוקער־פושקעס און דאָס רוב געלט פון 1 ביז 5 רובל. אַזוי פלעגט זיך צוזאַמענקלייבן 200־150 רובל, וועלכע מען פלעגט איבערגעבן דעם חתן. ביי אָרעמע מענטשן פלעגט דרשה־געשאַנק זיין אַ מין מצווה פון הכנסת־כלה.

אויפן אַנדערן טאָג אין דער פרי פלעגט ביים חתן פאָרקומען אַ „טראַקטאַמענט"־רומפל: איבערבייסן לעקעך, בראָנפן, איינגעמאַכטס און אַנדערע זיסקייטן. מיטאָג — ווייטער ביי דער כלהס צד. ס'זענען געווען עטלעכע „ספּעציאַליסטן" אויף משמח זיין דעם עולם.

איינער לאָזט זיך אין שקאָרפּעטקעס טאַנצן איבער די טישן, דער אַנדערער האָט געטאַנצט „קאַזאַטשקעס", דער דריטער האָט געזונגען פויערישע שיכור־לידלעך. אַ פּאָר פון די טענצערס פלעגן פאָרשטעלן פויערים־שמועסן, הומאָריסטישע סצענעס. בראָנפן פלעגט זיך גיסן, ווי וואַסער. ס'איז געווען פריילעך.

אין די שפּעטערדיקע צייטן זענען שוין קיין קלעזמערס נישט געווען. מען האָט געמאַכט שטילע חתונות, אָן די מחנות מחותנים. מען פלעגט אָפט זיך באַנוגענען מיט פאָרן „אַ חופה שטעלן אין שטאָט". נאָכן צוריק־

קומען, האָט מען פאַרבעטן די סאַמע נאָענטסטע אויף שבע־ברכות, און מ׳ט דעם איז מען יוצא געווען. אויס דרשה־געשאַנק, אויס האָפּקעס, אויס בדחנים און אַלע איבעריקע קלאַפּער־געצייג פון די אַמאָליקע שמחות. די מלחמה האָט דורכגעפירט אַ שוואַרצן שטריך אונטער די פריילעכע יידי־שע שמחות, וועלכע זענען געווען אַ שטראַל ליכט אין יידישן אייביק פאַר־זאָרגטן לעבן.

.6

אַמאָל איז געווען אַ גרויסער רעזערוו פון ישובניקעס, וועגן וועלכע איך האָב שוין דערמאָנט פריער. ימים־נוראים פלעגן זיך אַלע ישובניקעס מיט זייערע פאַמיליעס צוזאַמענקומען אין שטעטל. בלייבן צווישן ערלים אין די הייליקע טעג און מאַכן אַ מנין איז געווען נישט היימלעך. דאָס שטעטל פלעגט פאַרגרעסערט ווערן אויף אַ פערטל אָדער אַ דריטל. יע־דער ישובניק פלעגט אַריינפאָרן צו אַ קרוב אָדער צו סתם אַ גוטן פריינד. נישט קוקנדיק אויף ענגשאַפט, האָט מען צו די אורחים אַרויסגעוויזן אַן אמתע ברייטע גאַסטפריינדלעכקייט. די בעסטע ערטער אין שטוב פלעגן אָפּגעגעבן ווערן די געסט. די ישובניקעס פלעגן קומען אין גרויסע פאַר־פערדיקע וועגענער און ביים אַריינפאָרן באַגריסט ווערן פריינדלעך פון גרויסע און באַגלייט דורך קליינוואַרג, וועלכע פלעגן מ׳ט נייגעריקייט קוקן אויף די אורחים און איבערהויפּט מקנא געווען די ישובניקישע קינדער, וועלכע „פאָרן אויף פערד״.

בכלל איז די גאַסטפריינדלעכקייט געווען גרויס. נאָכן דאַוונען, בעיקר אין שלש רגלים, פלעגט מען אַן אורח פאַרבעטן „אויף ברכה״, און אָפט האָט ער געדאַרפט „מאַכן אַ ברכה״ אין פיר־פינף ערטער, כדי קיינער זאָל נישט פאַריבל האָבן. ברכה־כיבוד פלעגט באַשטיין פון קיכל, איינגע־מאַכטס, געפּרעגלטע קרעפּלעך, שטרודל, קאָמפּאָט, לעקעך א״א יידישע מאכלים; בראָנפן, פאַרשטייט זיך, האָט אויך נישט געפעלט.

אין דער לעצטער צייט זענען שוין געבליבן גאָר שוואַכע שפּורן פון אַמאָליקן לעבן. אויסער דער השפּעה פון דער צייט האָט די אויסוואַנדע־רונג פון די אָרטיקע יידן אין די מעבר לים לענדער געלייגט אַ באַזונדערס

שטאַרקן שטעמפּל אויפן שטעטל. מען אַמפּערט זיך שוין מער נישט צו־ליב אַ גאַסט און מען ציט אים שוין נישט פון אַלע זייטן. נאָר דאָך איז ביים עלטערן דור אַלץ פאַרבליבן די פריינדשאַפט צו געסט, וואָס אין די שטעט זעט מען שוין אינגאַנצן נישט. אַלע מאַנספּערזאָנען פלעגן האַלטן פאַר אַ חוב צוצוגיין צום גאַסט, אָפּגעבן שלום־עליכם, זיך נאָכפרעגן אויפן געזונט פון ווייב און קינדער און דערנאָך אַריבערגיין צו „פּאָליטיק", „וואָס וועט זיין", „ביז וואַנען וועלן עס זיין די גרענעצן" (אַ פראַגע וואָס האָט אין יענער צייט זיי אינטערעסירט אַממערסטן), ווי לעבט זיך דעם יידישן קיבוץ דאָ און דאָרטן וכדומה פראַגעס.

אויף דער פראַגע וועגן זייער לעבן, פלעגט איר הערן איין תשובה: „וועגן אונדז איז שוין נישטאָ וואָס צו פרעגן" אָדער „וועגן אונדז איז אָפּגערעדט", „מיר זענען כחרס הנשבר" אאַז"וו.

און מען מוז זאָגן, אַז אַ היפּשע צאָל פאַמיליעס איז טאַקע „כחרס הנשבר".

ביז דער מלחמה איז דער עמיגראַציע־שטראָם געווען אַזוי גרויס, אַז אויסער דעם, וואָס פאַמיליעס פלעגן אָוועקפאָרן אין גאַנצן צוזאַמענשטעל קיין אַמעריקע, איז פאַקטיש נישט געבליבן קיין איינציקע פאַמיליע, וועל־כע זאָל נישט האָבן וועמען פון זיך אַוועקגעשיקט קיין אַמעריקע, אַפריקע, קאַנאַדע. דערנאָך איז דאָס גאַנצע לעבן, דער גאַנצער אינטערעס פון קליינ־שטעטלשן יידן געווען געווענדט „אַהין": מען האָט געוואַרט אויף בריוו, אויף געלט.

פון 65 פאַמיליעס האָבן באַקומען געלט־שטיצע און זאָכן 55 פאַמי־ליעס (85%). פון זיי האָבן 7 פאַמיליעס (17%) געלעבט אינגאַנצן אויף „אַמעריקאַנער געלט". בלויז 10 פאַמיליעס (15%) האָבן נישט באַקומען קיין שטיצע, צוליב פאַרשיידענע טעמים, הגם אויך זיי האָבן געהאַט קרו־בים מעבר לים. ווען נישט די שטיצע וואָלט זיכער דאָס שטעטל, ווי פיל אַנדערע ליטווישע שטעטלעך, נישט געקאָנט עקזיסטירן. אַמעריקאַנער קרו־בים האָבן געשיקט אויף בגדים, אויף שיך און ועל־כולם — אויף נדן. שפּעטער איז די אונטערשטיצונג געוואָרן קלענער, אָבער דאָך איז עס גע־ווען אַ היפּשער טייל פון בודזשעט. אויף דורכצולעבן זיך אין שטעטל באַ־

לעבאַטיש האָט זיך געפּאָדערט פאַר אַ פאַמיליע פון פינף־זעקס פּערזאָן 25 דאָלאַר אַ חודש, אין „אָרעמען אופן" — 10 דאָלאַר און 7־6 איז אויך געווען אַ מטבע.

דאָס איז געווען מעגלעך ביי דער ביליקייט פון די פּראָדוקטן. אין יולי 1925 האָב איך פאַרצייכנט די וויטערדיקע פּרייזן אין אַמעריקאַנער סענטן: אַ קילאָ ברויט 2,5 ס., אַ קילאָ פּוטער 25 ס.. אַ קילאָ פלייש 9־10 ס., אַ טאָפּ קאַרשן 10 ס.

.7

פון די געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן דאַרף מען קודם־כל פאַרצייכענען די מוסדות, אָן וועלכע עס קען זיך נישט באַגיין קיין יידישער ישוב: דער בית־המדרש, אַ גאַנץ גרויסע הילצערנע געביידע און להבדיל דער מרחץ און די מקווה.

דעם מרחץ פלעגט מען הייצן איין מאָל אין דריי־פיר וואָכן. די באָד איז געווען אין אַן אַנטי־היגיענישן צושטאַנד, צעפוילטע פענצטער און פּאָדלאָגע, די ווענט פאַרוואַקסן מיט שוואָמען. אין מקווה האָט מען דאָס וואַסער געביטן זייער זעלטן, הגם די באָד איז געשטאַנען ביים סאַמע טייך און האָט געהאַט אַ רער, וואָס האָט צוגעפירט וואַסער. אָפט האָט מען די באָד נישט געקענט הייצן, ווייל עס איז נישט געווען קיין האָלץ, אָדער ס'פלעגט קאַליע ווערן דער אויוון, און ביז אין בית־המדרש איז מען נישט מעכב געווען די קריאה, פלעגט קיין טאָלק נישט זיין.

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס מיט דער באָד האָבן זיך באַנוצט קריסטן נאָך אפשר אין אַ גרעסערער מאָס ווי יידן, אָבער קיינעם איז נישט איינגעפאַלן צו פאָדערן פון דער גמינע מיטלען אויף אויסצוהאַלטן די באָד. זי איז געווען פינאַנסיעל אַ ריין יידישלעכע אינסטיטוציע.

ס'איז נאָך געווען אַ שטיבל פאַר הכנסת־אורחים, ווו ס'פלעגן נעכטיקן אָרעמעלייט. דער אינווענטאַר איז באַשטאַנען פון עטלעכע צעבראָכענע טאָפּטשאַנעס מיט אַ פּאַר שמוציקע שטרוי־זעק. דער הכנסת־אורחים האָט זיך געפונען לעבן בית־המדרש.

אין משך פון עטלעכע יאָר זענען קיין אָרעמעלייט כמעט נישט געווען

בנמצא. שפּעטער צוליב דער פאַראָרעמונג פון דער באַפעלקערונג אין לי־טע, זענען שוין זייער פיל געקומען פון אַנדערע שטעטלעך, אָפט גאַנצע פאַמיליעס. סוף פאַריקן יאָרהונדערט איז געווען באַוווסט אַ ראש־המשפחה פון אַ דור אָרעמעלייט „בעזרוטשקע" (אָן אַ האַנט). זיין נאָמען האָט קיי־נער נישט געוווסט. ער פלעגט חתונה מאַכן זיינע פיל קינדער אויך פאַר אָרעמעלייט און „נעמען זיי אויף קעסט". ער האָט געהאַט אַ פערד און די איידעמס און שניר מיט די „נאַטירלעכע צוגאָבן" פלעגט ער אַרומפירן איבער די שטעטלעך אויף קעסט ביי אַלע באַלעבאַטים. ווען די פאַמיליע „בעזרוטשקע" איז זיך צעוואַקסן, האָט דער אַלטער „בעזרוטשקע" „צע־טיילט" ליטע אין ראַיאָנען און אָפּגעגעבן יעדן ראַיאָן מיט שטעטלעך און ישובניקעס פאַר יעדן איידעם און זון באַזונדער. אין די צוואַנציקער יאָרן זענען די שפּורן פון „בעזרוטשקעס" פאַמיליע פאַרשוווּנדן, אָבער ס'זענען צוגעקומען פרישע אָרעמעלייט, וועלכע זענען געגאַנגען איבער אַלע שטעטלשע הייזער. ס'איז געווען אַ נאָרמע וויפיל צו געבן אַן אָרעמאַן, אַ מגיד, אַ לערנער אאַז"וו. די נתינה איז געווען נישט גרעסער פון 10־15 ליטווישע סענט. מען דאַרף אָבער פאַרצייכענען, אַז אין שטעטל זענען אָפט פאָרגעקומען זאַמלונגען פאַר פאַראָרעמטע פאַמיליעס אָדער אלמנות, אויסער די ציוניסטישע זאַמלונגען. דעריבער מוז מען זאָגן, אַז אויף צדקה־זאַכן איז אַוועק ביים קליינשטעטלשן איינוווינער פראָצענטועל מער ווי ביי שטאָט־מענטשן.

די מעדיצין אין שטעטל איז געווען „פאַרטראָטן" דורך אַ פעלדשער, וועלכן מען האָט גערופן „פּראָפעסאָר". ס'איז אַפילו אויך געווען אַן אמתער „דאָקטאָר", אַ גוטבאַזיצער לעבן שטעטל, אָבער יידן און קריסטן פלעגן ווענדן זיך אָפטער צום „פּראָפעסאָר". ער פלעגט געבן אַן עצה מיט רפואות, וואָס ער פלעגט אַליין מאַכן, הגם אין שטעטל איז געווען אַן אַפּטייק שוין אַ יאָר צוואַנציק. דער פעלדשער האָט אין דער יוגנט געאַר־בעט אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל, געווען באַקאַנט אַביסל מיט דער רוסי־שער ליטעראַטור און געהאַט האַלב־אינטעליגענטישע באַדערפענישן. מיט דער צייט האָט ער זיך אַריינגעצויגן אין דער שטעטלשער אַטמאָספערע און האָט זיך געמישט אין אַלע קהלשע ענינים. אין שטעטל האָט מען אים

געהאַלטן פאַר אַן אינטריגאַנט און פאַר אַ מענטשן, וואָס רופט אַרויס קריג און דערפאַר אים גערופן „דער פיסקאַל״. דאָס שטעטל האָט אים אויך באַשולדיקט אין „באַרייסן״ און גייציקייט.

דער פעלדשער איז אַ פּסיכאָלאָגישע רעטעניש. אין דער אַנטוויק־לונג איז ער געשטאַנען העכער פון דער גאַנצער אַרומיקער סביבה, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט געפּרוווט זי דערהייבן צו זיך, נאָר פאַרקערט, איז תמיד געווען אין איר איינגעטונקט און פלעגט אַרויסרופן מחלוקת צוליב נישטיקע ענינים. אפשר איז עס געווען אַן אייגנאַרטיקע נקמה פון אַ מענטשן, וואָס האָט געפילט, אַז ער מוז שוין אַזוי פאַרבלייבן אין דער דאָ־זיקער סביבה אויפן גאַנצן לעבן.

אויסער אין מעדיצינישער הילף האָט דער עלטערער דור אויך גע־גלייבט אין פאַררייַדן, אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע אין ספּעציעלע פאַלן, (ביים איינבייסן פון אַ משוגענעם הונט, ביי אַ רויז, ביי אַ מכה — דורכציען אַ פאַררעדטן שנירל אאַז״וו). ביי עפּילעפּסיע און משוגעת האָט געדאַרפט פאַררייַדן אַ טאָטער (אין נאָענטן שטעטל איז געווען אַ טאָטערשע קאָלאָ־ניע, וועלכע פלעגט ליפערן „פאַררייַדערס״).

עס פלעגט זיך מאַכן, אַז עמעצער דאַרף פאַרן זיך היילן און האָט נישט קיין מיטלען דערצו. „ווערט אין שטעטל געלט״ און מען שיקט אים אין שטאָט זיך היילן. בכלל פלעגט זיך דאָס שטעטל אָפּרופן אויף יעדער נויט. אַ מענטשן פלעגט מען נישט לאָזן אויסגיין. פאַרט כל ישראל חברים.

חברה קדישא איז באַשטאַנען פון 13 מענטשן. זיי פלעגן זאָרגן פאַרן בית־עולם. אָבער דאָך פלעגן אויך פאַרקומען עכט „יידישלעכע״ זאַכן. צו־ליב קבורה־געלט פלעגט מען אַ מאָל אָפּהאַלטן אַ מת אַ טאָג־צוויי. די חברה איז געווען אַ געשלאָסענע און ווי און אויף וואָס דאָס געלט גייט אַוועק איז נישט געווען באַוווּסט. יעדער פּרוּוו פון קאַמף מיט דער חברה האָט נישט געבראַכט קיין רעזולטאַטן.

8.

קיין נאָרמאַלע שולע איז אין שטעטל קיינמאָל, אויסער יעקאַפּאָ־צייטן, נישט געווען.

אין יאָר 1919, ווען דאָס שטעטל איז געווען אונטער דער פוילישער הערשאַפט און ווען „יעקאָפּאַ" האָט פאַרשפּרייט איר הילף־טעטיקייט אויף אַלע יידישע שטעטלעך אין ווילנער פראָווינץ, איז אין וויסאָקי־דוואָר געעפנט געוואָרן אַ שולע.

אין שטעטל האָט זיך געשאַפן אַ קאָמיטעט אָדער אַ מין וועד־הקהילה, וועלכער פלעגט אויף פאַרטיילן די „יעקאָפּאַ"־שטיצע. די חשבונות און בכלל די געשעפט־פירונג פון וועד איז געווען אַ גאַנץ פרימיטיווע, הגם עס איז געווען אַ סעקרעטאַר, אַ האַלבער אינטעליגענט. די יוגנט איז געווען פאַרטראָטן אין וועד און דאָרטן פלעגן פאָרקומען רייסערייען און מחלוקת מיט קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען.

אַלע צדדים פלעגן קומען אַפּעלירן אין ווילנע צו „יעקאָפּאַ", אָדער בעטן מער אָדער ווייניקער איינפלוסרייכע לאַנדסלייט, אַז זיי זאָלן „אויסווירקן" דאָס אָדער יענץ אין „יעקאָפּאַ".

אַרום דער שולע האָבן געפלאַקערט די געמיטער. דער רב האָט געפאָדערט אַ מלמד, די יוגנט — אַ לערער. נאָך פאַרשיידענע סיכסוכים איז מען דורכגעקומען: אי אַ לערער, אי אַ מלמד. „יעקאָפּאַ" האָט באַשטעטיקט אַ לערער (העברעיש) און אַ לערערין אויף אַלגעמיינע לימודים (יידיש). דאָס שטעטל, וואָס האָט קיינמאָל קיין יידישע שולע נישט געהאַט, האָט נישט געקענט זיך צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז מען גייט מיט די קינדער שפּאַצירן (לעקציעס פון נאַטורוויסנשאַפט), אַז מען זינגט און טאַנצט (גימנאַסטיק) און „בכלל מען בטלט צייט אויף פוסטע מעשיות".

די שולע האָט נישט געקענט עקסיסטירן נאָר אויף די מיטלען פון „יעקאָפּאַ" און די עלטערן האָבן געדאַרפט צאָלן שכר־לימוד (אמת אַ קליינעם שכר־לימוד). אָבער צו דעם האָט מען קיין גרויס חשק נישט געהאַט. ביי די קינדער איז אָבער די שולע געווען טייער, און גערן פלעגן זיי די שולע באַזוכן. צוליב דעם שוואַכן פינאַנסיעלן מצב פון דער שולע און ביי דער פיינדלעכער שטימונג פון אַ טייל עלטערן און דעם רב, האָט די שולע געהאַלטן ביים חרוב ווערן. די שולע וואָלט אפשר אַדורכגעטראָגן דעם קריזיס, זענען אָבער אָנגעקומען די געשעענישן פון 1920 (באָלשעוויסטי־

שע אינוואַזיע), וויסאָקי־דוואָר איז אַריבער צו די ליטווינער און אָפּגעריסן געוואָרן פון ווילנע — און די שולע האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

אַרום דעם יאָר 1925 איז די דערציאונג אין שטעטל געווען אַ געמיש פון מיטלעלטער און מאָדערניזם. מיט עטלעכע יאָר פריער זענען נאָך געווען דריי דרדקי־מלמדים און איין גמרא־מלמד. געבליבן איז נאָר איינער, דער שמש. אַלע האָבן געוווּסט, אַז ער „טוט נישט קיין פּעולה", אַז די 5־6־יעריקע קינדער, וועלכע ווערן אָפּגעגעבן צו אים ביז זייער 10־יעריקער עלטער, לערנען זיך קוים אויס עברי און אַ „שטיקל חומש", נאָר מען דאַרף דאָך געבן אַ קינד אין חדר, איז געווען דער תירוץ. דער מלמד האָט אַפילו די קינדער געשלאָגן און יעדערן געגעבן אַ צונעמעניש: יאָקום באָמבע, חיים טרייטל, הירשע זונדקע, פּיליפּאָס (פילאָזאָף) אד"גל. דער מעטאָד איז געווען: קמץ א — אָ, ויאמר — געזאָגט, וידבר — גערעדט אַאַז"וו. אַ גרופּע פון פינף־זעקס אינטעליגענטערע פאַמיליעס האָבן אָנגעהויבן צו דינגען אַ לערער, נאַטירלעך אַ העברעער, וואָס האָט געלערנט שעהנווייז אַלע לימודים: תנ"ך, העברעיש, ידיעות הטבע אאַז"וו און אַפילו ליטוויש אויך.

מיט איינעם אַ לערער, אַ געוועזענעם קלויזניק, איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן. זיין מעטאָד איז געווען צו וואַרפן טעראָר אויף די קינדער. 6־7־יעריקע עופהלעך פלעגן פאַרברענגען אין חדר פון 9 אַזייגער אין דער פרי ביז זון־אונטערגאַנג (זומער). נאָר אויף איין שעה פלעגט ער זיי אָפּלאָזן אַהיים. זיי פלעגן דאַרפן זיצן אין צימער אַפילו ווען אַנדערע קלאַסן האָבן געלערנט און נישט טאָרן ריידן צווישן זיך. דער דאָזיקער לערער פלעגט אָפט באַשטראָפן די קינדער מיט „אַריינלייגן זיי אין חרם", וואָס איז באַשטאַנען אין דעם, אַז קיינער פון די חברים און חברטעס האָט נישט געטאָרט אויסריידן מיט די באַשטראָפטע אַ וואָרט. אַ מין באָיקאָט. אויף די באַשטראָפטע קינדער פלעגט עס שרעקלעך ווירקן, זיי פלעגן נישט עסן, נישט שלאָפן, וויינען. אַ זיבן־יעריק מיידעלע איז קראַנק געוואָרן. איין מוטער, וועמעס קינד איז געווען צעשלאָגן פון לערער, האָט אים געמאַכט אַ סקאַנדאַל: „אויב שלאָגן, טאָ שלאָגט אייער אייגענעם קאָפּ אָן וואַנט", האָט זי געשריען. אַזאַ לערער האָט זיך דאָך געהאַלטן אין

שטעטל צוויי גאַנצע זמנים. „די קינדער אָבער האָבן געטאָן פּעולה אין תנ״ך און העברעיש״ — האָבן מיר עטלעכע טאַטעס געזאָגט. פאַר העב־רעיש איז דער היינטוועלטיקער קליינשטעטלשער באַלעבאָס גרייט געווען אַפילו צו ברענגען אַ קרבן זיין אייגן קינד.

אין שטעטל איז געווען אַ ליטווישע פּראָגימנאַזיע, אין וועלכער עס האָבן זיך געלערנט 8 (12%) יידישע מיידלעך. יינגלעך האָט מען נישט געשיקט אַהין. „וואָס מאַכט מען מיט אַ מיידל״, פלעגט זאָגן דער קליינ־שטעטלשער ייד. 6 יינגלעך (10%) פון פאַרמעגלעכע עלטערן האָבן זיך געלערנט אין העברעישע גימנאַזיעס אין גרעסערע שטעט, איינער האָט זיך געלערנט אין אַ רוסישער גימנאַזיע אין קאָוונע. פון די געענדיקטע גימנאַזיסטן זענען צוויי אָנגעקומען אין קאָוונער אוניווערסיטעט. אין סלאָ־באָדקער ישיבה האָט זיך געלערנט איינער. אין שטעטל גופא האָבן פינף יינגלעך געלערנט גמרא.

די האַרבסטע שאלה איז אָבער געווען וואָס טוט מען מיט די קינדער? אין דעם פּרט איז די פּסיכאָלאָגיע פון קליינשטעטל נישט געבראָכן. אין ארץ־ישראל איז מען גרייט צו טאָן עבודת פּרך, אָבער דאָ, אין גלות, האָבן זייער ווייניק געהאַט מוט זיך צו פאַרנעמען מיט פיזישער אַרבעט. אמת, די חלוצישע באַוועגונג האָט אויך דאָ דורכגעבראָכן אַ וואַנט, אָבער אַ סך פאָראורטיילן זענען נאָך געבליבן. צו מלאכה האָט מען זיך נישט געאיילט.

9.

אויפן באָדן פון ירושה פלעגן פאָרקומען גרויסע סיכסוכים, דער עיקר צווישן שוואָגערס, אָבער אָפט אויך צווישן ברידער און שוועסטער, און מען איז געווען איינעם דעם אַנדערן „דם שונאים״.

ס׳איז געווען אין שטעטל אַן איידעם, וועלכער האָט 30 יאָר נאָך דער חתונה נישט געקאָנט פאַרגעסן, אַז זיין שווער און שוויגער (וואָס זענען שוין געווען אויפן עולם האמת) האָבן אים נישט געגעבן, לויט זיינע חשבו־נות, קיין נדן. (אין שטעטל האָט מען געשפּאַסט, אַז ער האָט אַ גוטן זכרון און עס „געגזלט״ זיך אים אָלץ נדן). די גאַנצע תביעות האָט ער געהאַט

צום שוואָגער, הלמאי ער האָט געירשנט דאָס הויז, וואָס דער שווער האָט איבערגעלאָזט. היות ער איז באַוואוסט געוואָרן, אמת מיט 30 יאָר צוריק — האָט ער געפּאָדערט פֿון שוואָגער אַ טייל פֿון הויז. דערביי פֿלעגט אויך טרעפֿן, אַז די טאַטע־מאַמעס פֿון ביידע צדדים האָבן נישט גערעדט צווישן זיך, אָבער די קינדער (שוועסטערקינדער) זענען געווען איינע מיט די אַנדערע די בעסטע פֿריינד און פֿלעגן זיין אָפֿטע איינגייער אין די „צעקריגטע הייזער".

ס'פֿלעגט אויך טרעפֿן, אַז גלייך נאָך דער קבורה פֿון אַן אַלטן טאַטן, וואָס האָט געלאָזן אַן אַלטע כאַלופּע מיט ליידיקע ווענט, פֿלעגט זיך אָנהייבן אַ מחלוקת צוליב דער כאַלופּע. ס'פֿלעגן פֿליען קללות, חרמות און נאָך ערגערע זאַכן אויך, ביז ס'פֿלעגט זיך אַריינמישן דער רב אָדער זייטיקע מענטשן און מאַכן וועלכע עס איז פּשרה. דער שלום פֿלעגט אָבער נישט דויערן לאַנג און די שנאה איז געבליבן.

ס'איז געווען אין שטעטל אַ בלינדע אלמנה („די שמידיכע"), אַלט אַ יאָר 80, וואָס קינדער פֿון אַמעריקע פֿלעגן איר שיקן שטיצע. פֿון מאַן איז איר געבליבן אַ קוזניע מיט אַ הויז אויף „צוויי עקן". איין „עק" האָט זי פֿאַרדונגען אַ שכן, אין צווייטן האָט זי געוווינט מיט צוויי אייניקלעך, אַ מיידל און אַ יינגל, קינדער פֿון איר פֿאַרשטאָרבענעם זון. ביידן האָט זי אויסגעהאַלטן פֿון דער שטיצע וואָס זי פֿלעגט באַקומען. אין די יאָרן 1920-1923, ווען דער דאָלאַר איז געווען אין ליטע „אַ גרויסער יחסן", און ביי די אַמעריקאַנער זענען עפּעס געווען בעסערע צייטן, האָבן איר אַ סך שטעטלשע באַלעבאַטים מקנא געווען: קוילעט אַפֿילו אַ הון אויף שבת און אין דער וואָכן עסט זי „אַ שטיקל פֿלייש", טרינקט טיי נישט מיט סאַכאַרין, נאָר מיט אמתע צוקער. הכלל „הלוואַי אויף אַלע אָרעמעלייט געזאָגט געוואָרן". אָבער די שטיצע האָט אָנגעהויבן צו ווערן מאַגערער און די דאָלאַרן זעלטענער. איר אייניקל, דאָס מיידל, האָט די אַלטע חתונה געמאַכט, „אָפּשרייבנדיק" פֿאַרן איידעם דאָס הויז און אָפּגעבנדיק אירע אָפּשפּאָרונגען אין נדן. איר שכן האָט זי אַנטזאָגט פֿון דער דירה מיטן אויסרייד, אַז זי דאַרף עס אָפּגעבן דער יונגער פּאָר.

אין הויז האָט זיך דאַן אַריינגעקליבן די מוטער פֿון דער יונגער פֿרוי

(די געוועזענע שנור פון דער בלינדער), וואס איז געווארן אן אלמנה נאכן צווייטן מאן.

ס׳איז אריבער א יאר און די גליקלעכע באבע, וועלכע האט אפגעגעבן איר אייניקל די דירה, איז געבליבן אן אן אייגן ווינקל. דער אייניקלס מאן האט, מיט דער צושטימונג פון די איבעריקע הויזלייט, אנגעהויבן צו טרייבן די אלטע פון שטוב, פון איר „עק". „אין מיין שטוב וועט איר נישט זיין!" די אלטע פלעגט ארומלויפן צו מענטשן זיך באקלאגן: מען לאזט זי אן אויפזיכט, מען טעראריזירט זי אין איר אייגענער שטוב (וועלכע איז שוין פארמעל געווען נישט אירע), הגם זי לעבט פון שטיצע פון אירע אמעריקאנער קינדער און העלפט נאך די אייניקלעך מיט געלט. זיי האבן נישט געוואלט האבן די „ארורה" (אן אלטע איז דאך שוין במילא אן ארורה...).

אפט, אין דער פרי, פלעגט אין שטעטל ווערן א געלויף: דער איידעם טרייבט די זקנה פון שטוב. מענטשן פלעגן אנהייבן צו מוסרן דעם צע־היצטן יונגנמאן. דער שלום פלעגט אנהאלטן בלויז עטלעכע טעג און די בלינדע פלעגט זיך ווידער באגיסן מיט טרערן און יאמערן אויף איר באמת פינצטערן מזל.

ס׳זענען אבער אויך געווען פארקערטע ביישפילן. ס׳איז געווען א מוטער, אן אלטע, און אלע דערוואקסענע קינדער מיט גרויסע פאמיליעס האבן געוואלט, אז די מאמע זאל זיין ביי זיי. און צו דער מאמען האבן זיך געצויגן אלע 15 אייניקלעך, פרעגנדיק איר: „מאמע, וואס דארפסטו?" אבער די מאמע האט גארנישט געדארפט. זי האט געהאט פאר יעדן א גוט ווארט און אמאל עפעס וואס צו געבן אויך. אלע האבן דא געלעבט בשלום.

די ליבע צו די קינדער אין שטעטל איז געווען אויסערגעוויינלעך שטארק און אין א געוויסער מאס פאטריארכאליש. ווען א טאטע פלעגט אויסגעבן קינדער, פלעגט ער זיי נאך אלץ „טוליען" ארום זיך, העלפן זיי, שיקן זיי שטענדיק „פעקלעך", „פאסילקעס", אויב זיי האבן זיך געפונען אין אן אנדער שטאט.

.10

די באַציאונג צווישן יידן און קריסטן וואָלט בכלל געווען זייער אַ פרידלעכע. אַ גוי האָט געוווּסט, אַז יידן דאַרפן האַנדלען, אַז יידן דאַרפן גייען אַ בגד, איינשמידן אַ וואָגן, מאַכן פּאַדקאָוועס, גייען היטלען אאַז״וו. אמת, זיי פלעגן אויך אונטערמורמלען, אַז יידן זענען אַזעלכע און אַזעלכע, אַז ווייבער, מיידלעך זיצן זומער אויף די גאַניקעס און יידן דרייען זיך אַרום עפּעס כ׳ווייס וואָס, ווען אויפן פעלד ברענט די אַרבעט, אַז יידן זענען דאָס און יענץ. באַקאַנטע טענות. פון דעסטוועגן, ווען מען האָט געהאַט אַ סיכסוך מיט אַ יידן, איז דער גוי געגאַנגען זיך קלאָגן צום רב. ביי אַ געלט־אָפּמאַך מיט אַ יידן — ווייטער צום רב.

אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט די קריסטלעכע אינטעליגענץ פון שטעטל, וועלכע איז געווען שאָוויניסטיש און קליינבירגערלעך ביז גאָר. זיי פלעגן טענהן: לאָמיר אויך האַנדלען, האָבן קרעמלעך, גרינדן קאָאָפּעראַטיוון, וועלן מיר דערשטיקן דעם יידישן האַנדל. האָבן זיי טאָקע געשאַפן אַ קאָאָפּעראַטיוו. נאָר אין דער יידישער קראָם האָט מען געקאָנט זיך דינגען און אויסקלייבן אַן צערעמאָניעס, האָט זיך דעריבער נישט אַזוי געפילט די קאָנקורענץ פון קאָאָפּעראַטיוו. ערגער איז געווען, ווען עס פלעגט קומען אַ גלח, אַ שונא־ישראל און אויסנוצן זיין השפּעה פון קלויסטער־בימה צו רייצן דעם המון קעגן יידן. קעגן גלח איז נישט געווען קיין מיטל. אָבער אין מעשים האָט זיך עס נישט אויסגעדריקט. פון איין זונטיק ביזן אַנדערן פלעגט דער המון פאַרגעסן דעם גלחס העצע.

מיט דער מיטעלער און נידעריקער אַדמיניסטראַציע פלעגן יידן דורכקומען מיט אַ פלאַש בראַנפן, מיט אַ „מתן בסתר״.

שלעכט איז געווען, ווען עס פלעגט זיך טרעפן אַ ווייסע קראָע, אַ נקי כפים. דעמאָלט פלעגן יידן „שפּייען מיט בלוט״, ווי עס איז געווען אַ פאַל אין שכנישן שטעטל. דאָרט איז ממש געווען נישט צו שטיין און נישט צו גיין אַן פּראָטאָקאָלן. דאָס טאָר מען נישט און דאָס דאַרף מען נישט, דאָס איז נישט געמעלדעט און דאָס איז נישט פאַרשריבן, דאָ איז נישט ריין און דאָ איז נישט אַרויסגעהאַנגען קיין פאָן אין אַ מלוכה־יום־טוב,

און דער האָט זונטיק פאַרקויפט שפּעטער ווי עס איז דערלויבט, הקיצור, — עס איז געווען שטאָף פאַר צענדליקער פּראָטאָקאָלן אַ טאָג. איז מען טאַקע דאָרטן „אויסגעריסן" געוואָרן. אַ גליק נאָר, וואָס מ'ען פלעגט אָפּט בייטן די קליינע סאַטראַפּן, האָט מען געקאָנט אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

פלעגט זיך אָבער אַריינכאַפּן צווישן די מלוכה־אָנגעשטעלטע אַן „אינטעליגענט", איז געווען ביטער.

אין שטעטל איז געוואָרן אַ דירעקטאָר פון דער פּראָגימנאַזיע אַ גע־וועזענער גלח. ער איז צום אַנטיסעמיטיזם צוגעגאַנגען „אידעיש", פון שטאַנדפּונקט פון „פאָטערלאַנד", וואָס מען דאַרף ראַטעווען פון יידישע הענט. ער האָט זיך אָנגעזעצט אויף אַ יידן, וואָס האָט 45 יאָר געוווינט אויף ערד; די ערד האָט געהערט צו אַ רוסישער צערקווע און גאָר אַמאָל צום קאַטוילישן קלויסטער. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער ייד האָט געהאַט אַ קאָנטראַקט פון דער רעגירונג אויף דעם באָדן און ער האָט עס אַליין באַאַרבעט, האָט זיך דעם דירעקטאָר איינגעגעבן אויסצופועלן ביים מיניסטעריום, די ערד זאָל אָפּגעגעבן ווערן צו אַ קאַטוילישן פּרויען־פאַר־באַנד. דער ייד איז אַרויסגעזעצט געוואָרן און האָט באַקומען אַ זיבעטל פון דער ערד, אָן אַלע בנינים, וועלכע ער האָט פאַר אַ האַלבן יאָרהונדערט אַליין אויסגעבויט.

דער דירעקטאָר פלעגט קויפן ביי יידן סחורה. אָבער ווען עס פלעגט קומען די צייט צו צאָלן די חובות, פלעגט ער זיך יאָגן נאָך די יידן, וואָס פלעגן קומען מאָנען דעם חוב מיט אַ ביקס, אָדער פלעגט אָנרייצן אויף זיי אַ הונט. איין מאָל האָט אַ יידישער קירזשנער געמאַכט היטלען פאַר די סעמינאַריסטן. ווען ער האָט געבעטן אַביסל געלט פאַר זיין אַרבעט, האָט דער דירעקטאָר אָנגעשטעלט די סעמינאַריסטן און זיי האָבן דעם יידן צע־שלאָגן. ווען דער גלח פלעגט אַוועקפאָרן, פלעגט אים דער דירעקטאָר פאַר־טרעטן און העצן פון דער בימה קעגן יידן. אין פּריוואַטן לעבן איז ער ניט געווען קיין פּרוש (הגם אַ בחור), האָט ליב געהאַט אַ לעב צו טאָן. איז נישט געווען קיין גרויסער שונא פון פרויען. לערער, וועלכע ער האָט חושד געווען אין ליבעראַליזם, פלעגט ער פאַרפאָלגן. סוף־כל־סוף זענען זיינע „הויכע" מעשים פאַרט דערגאַנגען צום ליטווישן סיים און מען האָט אים

צוגענומען פון שטעטל, ווו ער האָט שוין איבערגעלאָזן עקאָנאָמישע חורבונות (קאָאָפּעראַטיוון נישט צו קויפן ביי יידן אאז״וו). ער האָט אָבער באַקומען אַן אַנדער פּאָסטן און מען האָט געשמועסט, אַז דער דזשענטעלמענישער לערער־גלח איז אַ קאַנדידאַט אויף אַ מיניסטער־פּאָסטן. המיצר לישראל נעשה ראש — אַזוי איז דאָס שטעטל געווען איבערצייגט.

און דאָך זענען די באַציאונגען צווישן יידן און קריסטן געווען נישט קיין שלעכטע. מען האָט נאָך נישט מורא געהאַט פאַר פּאָגראָמען, אָדער וועלכע עס איז אַנדערע אַנטיסעמיטישע עקסצעסן. די געפאַר האָט דאָך געדראָט, אַז די „קריסטלעכע דעמאָקראַטן״ וועלן מאַכן שטאַרקע באַמיאונגען „אויסצובילדן״ אין דעם פּרט דאָס פאָלק...

אין שטאָטראַט זענען געזעסן צוויי יידישע ראַטמענער (ביידע קרעמער). אין שווערע פאַלן האָט מען זיך געווענדעט צו זיי נאָך אַן עצה. אין שטאָטראַט איז אַפילו געווען אַ יידישער סעקרעטאַר. ביי די דייטשן איז ער געווען דער גאַנצער פירער פון „באַצירק״. ביי די פּאָליאַקן איז ער געוואָרן דער סעקרעטאַר ביים קרייזשעף און פלעגט קומען אין שטעטל אויף אַ פּאָר קאָזיאָנע פערד. ווען ס׳זענען געקומען די ליטווינער, האָט זיך דער יונגערמאַן אויסגעלערנט ליטוויש און אַזוי באַהערשט די שפּראַך, אַז קיין ליטווינער האָט אים נישט געקאָנט נאָכהאַלטן; האָט מען אים אויסגעקליבן פאַר אַ גמינע־שרייבער. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ לערער פון דייטש אין אַ ליטווישער פּראָגימנאַזיע, ביז ער האָט זיך אַליין אָפּגעזאָגט פון אַלע אַמטן, האָט אָפּגעגעבן עקזאַמען און אָנגעקומען אין ליטווישן אוניווערסיטעט.

.11

אַלץ, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון די געוויינלעכע ראַמען פון שטעטלשן לעבנשטייגער פלעגט אַרויסרופן די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט. ס׳איז געווען געזונג, אַז אַ ייד זאָל עסן מיטאָג אין אַ באַשטימטער שעה, אַז ער זאָל שוין זיין אַ „גראַף״ אָדער אַ „פּרינץ״. און ווען אין שטוב איז געווען ריין און ווען האָט מען געביטן אַלע וואָך, און די פאַמיליע האָט געהאַט אַ שטיקל רעספּעקט צו זיך, פלעגט שוין די משפחה טראָגן

דעם צונאָמען „צאַרסקאַיאַ פאַמיליאַ". ווען איינער איז געקומען פון שטאָט אין אַ פּעלערינע, איז ער גלייך געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „האַווע־לאָק". מען מוז אָבער מודה זיין, אַז אָפט האָט דאָס שטעטל געהאַט אַ שאַרף אויג צו באַמערקן און אָפּשאַצן מיט איין ווערטל דעם גאַנצן מהות פון אַ מענטשן.

איך וועל ברענגען עטלעכע ביישפּילן:

„לייבע די קאָפּ" — אַ בלינדער ייד מיט אַ גרויסן קאָפּ. זיצנדיק ביי זיך אין דער היים פלעגט ער שטענדיק קאָמבינירן, טראַכטן און ריידן וועגן אַלעמען.

„שלום יאַק" — האָט מען גערופן אַ קליין יידעלע, וואָס האָט אָנגע־טאָן אַ וואַטאָווע קורטקע. ער איז שוין געווען אין די זיבעציקער און קינד און קייט פלעגן אים רופן „שלום יאַטשעק". ער פלעגט זיך שוין אפילו נישט באַליידיקן.

אַ גאַנצע משפחה ברידער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט לאַנגע נעזער (דאַכט זיך, נישט קיין זעלטנקייט ביי יידן). אין קהלשע ענינים פלעגן זיי שטיין איינע פאַר די אַנדערע שטאָל און אייזן. „אַ, די נעזער" — און אַלע האָבן שוין געוווסט וועגן וועמען עס האַנדלט זיך.

„קייסער" איז געווען אַ ייד אַן אַרעמאַן, אַ קאַראַבעלניק מיט קרומע אויגן. ער האָט געהאַט אַ „ביסטרען שטרענגן קוק". לויט דעם שטעטלשן באַגריף קוקט אַזוי נאָר אַ קיסר. דעם זון האָט מען גערופן „נאַסלעדניק", דאָס ווייב „קייסערינע" און די טאָכטער — „קייסערינקע". אַפילו גויים האָבן אים גערופן „צעסאַזש". קיין גרעסערע איראָניע ווי דער צונאָמען איז נישט געווען.

אין שטעטל האָט אַ ייד אויסגעבויט אַ הויז מיט אַ גלעזערנער שאָל־קע (באַלקאָן, אַנטרעסאָל), און אַריינגעלאָזן אַהין אַ שוסטער, אַ גרויסן וויצלינג און ליגנער. זיין ברית־נאָמען איז מיט דער צייט פאַרשוווּנדן, ווייל ער איז פאַרבליבן מיטן צונאָמען „באַלקאָן". ווען עמיצער האָט אים געוואָלט טאַדלען פאַר נישט צו דער צייט צוגעשטעלטער אַרבעט, האָט מען אים געשאָלטן „אַ קלאָג צו באַלקאָנקען".

אַ שניידער־פאַר, וואָס האָט צוזאַמען געוויגן נישט מער ווי פיר אַ

האַלבע פוד, האָט מען גערופן „די גוואַרדיע״ און זייערע ראַכיטישע קאַר־ליק־קינדער — „קאָזאַקן״.

באַזונדערס פלעגן באַקומען צונעמענישן איידעמס. ס'איז געווען גענוג, אַז די מחותנים זאָלן זיך אַרויסכאַפּן מיט אַן אומפּאַרזיכטיקן וואָרט וועגן איידעם, אַז דער וואָרט זאָל זיך שוין צוקלעפּן צום באַלעבעסל אויף זיין גאַנצן לעבן. איינער האָט געזאָגט, — אַז ער האָט שוין ענדלעך געטראָפן אַ חתן „אַ צאַצקע״, האָט שוין דער איידעם געהייסן „די צאַצקע״ אויף שטענדיק.

„אַ פּראָפעסאָר״ האָט געהייסן איינער, וואָס האָט געטראָגן ברילן.

איין איידעם האָט אין דער צייט פון אָסט־מאַרקן גענומען 15.000 מאַרק נדן, איז ער פאַרבליבן מיטן צונאָמען „דער יקרות״. אין קעגנפאַל — „די מציאה״.

אַ שטילענקער איידעם, וואָס איז נישט דערבאַקן, הייסט — „דער אייזעלע״. אַן אַנדערער האַלט אַביסל אָפן דאָס מויל איז ער „אַ וואָראָנע״.

אַן איידעם מיט אַ האַלב לאַנגער קאַפּאָטע („האַלב יאַקיש האַלב פּיוואוש״) רופט מען „פּולראַבינעק״.

אין שטעטל האָט מען געוווסט, וואָס ביי יענעם טוט זיך אין חדרי־חדרים. אַ שטייגער, איינער האָט אָפּגעזויגן די בריסט נאָך אַ קימפּעט ביי זיין ווייב, לויט דער עצה פון פעלדשער, איז ער שוין געבליבן מיטן צו־נאָמען „סיסון״ (זויגער). ביי איינעם, מעשה שטן, איז געבוירן געוואָרן אַ קינד אין 3 חדשים אַרום נאָך דער חתונה, פאַרשטייט זיך, איז ער שוין „דער בריה״. (אגב טאַקע זייער אַ רירעוודיקער און האָרעפּאַשנער, פאַר וועלכן קיין זאַך איז נישט געווען צו שווער).

דעם ערשטן שניידער, וואָס האָט אויפגעהערט מעסטן מיט אַ שנירל און באַנוצט אַ סענטימעטער־מאָס, האָט מען אַ נאָמען געגעבן „דער צענ־טימעטער״.

ווייטער גייען צונעמענישן, ווי: „קאַנאַריק״ — אַ שניידער, זינגט לידער ביי דער אַרבעט. „וואָראָבייטשיק״ — אַ קליין שוסטערל מיט אַ דינער שטים. „פּאַרסיוק״* — נאָכגעמאַכט ווי עס קוויטשעט אַ חזיר.

* פּאַרשיוק, אויף ליטוויש — אַ חזיר.

„איצע באַלבע" — אַ כבד פּה. אויך צונעמענישן ווי: „שוועלבעלע", „פּוקס", „די פּיקסלעך" אאַז"וו. פון אַ צונאָמען קאָן מען זיך שוין נישט באַפרייען אויפן גאַנצן לעבן.

עס האָט אָבער נישט געטראָפן, אַז מען זאָל געבן אַ צונאָמען אַ מענטשן, ווען אַלע אַכטן. אמת, אַזעלכע זענען אין שטעטל געווען זייער ווייניק.

די טענדענץ פון אָפּשפּאָטן אין שטעטל איז געווען זייער גרויס, און אַ נייעם מענטשן פלעגט מען נעמען אָבסערווירן פון אַלע זייטן, ביז מען האָט געפונען עפּעס אָריגינעלעס וואָס מען קאָן אויסדריקן אין איין וואָרט. דאָס שטעטל האָט נאָך פאַרמאָגט אַ גרויסן קוואַל פון הומאָר. ס'זענען געווען יידן מיט שאַרפע קעפּ און אמתע לצים און דערציילער.

ס'זענען אויך געווען אין שטעטל יידן חכמים און פילאָזאָפן, דענקער אויפן יידישן קליינשטעטלשן שטייגער.

אַזאַ איז, למשל, געווען אין שטעטל אברהם־חיים, דער ישובניק־פילאָזאָף. אין דער יוגנט איז אברהם־חיים געווען אַ פריילעכער יונג. האָט געזונגען, געשפּילט פידל, געטאַנצט אַזעלכע קאַזאַטשקעס און האָפּקעס, אַז מען פלעגט זיי רופן „אברהם־חיימס קאַזאַטשקעס". אויף אַ יידישער שמחה פלעגט ער זיין דער אָנפירער פון אַלע לאַנסע קאַדריל־טענץ, וואַלס, „דונאַיסקיאַ וואָלני" און אַלע אַנדערע. האָט געקאָנט לערנען, אָבער ליב געהאַט זיך צו באַרימען: אַליץ, וואָס איז זיינס, איז אויסגעצייכנט, „אַן אַנטיק": זיינע קינדער זענען וווּנדער־קינדער, זיין פערד איז אַ פּקח, עפּנט אַליין דעם שייער. דער הונט איז פּשוט פון „הונטן־לאַנד". געלעבט האָט ער ביי אַ פּריץ, געהאַלטן ביי אים אַ טערפּענטין־פאַבריקל מיט עטלעכע העקטאַר ערד. קיין אַנדערע האָט ער נישט געצאָלט. געמאַכט פאַרן פּריץ פון מאָל צו מאָל אָוונטן און מיטן פידל און „באַליקעס" די אַרענדע אָפּגעקומען. אין דערפּל, ווו ער האָט געוווינט, האָבן גויים געהאַט פאַר אים דרך־ארץ. ער האָט זיך געהאַלטן שטאָלץ: „פּאַן אַבראַם".

אברהם־חיים איז געווען אַ שטרענגער צו די קינדער: „זיי געהאַלטן אין צוויק" און זיי האָבן אים טאַקע נישט ליב געהאַט דערפאַר. מיט דער צייט זענען די קינדער זיך צעגאַנגען, צעפאָרן און ער איז געבליבן אַליין

מיט דעם צווייטן ווייב. די קינדער פון אַמעריקע פלעגן אים שטיצן. ער איז שוין דאַן אַלט געווען אַ יאָר פינף און זיבעציק און נאָך קרעפטיק. „מיך האַלט אויף אַ קאַפעלע" (בראַנפן), — פלעגט ער זאָגן. אַן עטלעכע גלעזלעך אַ טאָג האָט ער טאַקע נישט געקענט אויסקומען. פלעגט זיצן אַ גאַנצן טאָג און לערנען תורה און טראַכטן וועגן גאַנג פון דער וועלט. גאָט איז ביי אים וועלט־השגחה. וואָס איז אַזוינס די השגחה — ווייסן מיר נישט. אפשר איז זי גאָר קליין, אָבער מיר דאַרפן זי האָבן. און ער פלעגט כסדר געבן משלים. אָט איז איינער פון זיי: אין ווילנע (פאַר די יידן פון שטעטל, איז ווילנע די אַלפאַ און אָמעגאַ פון דער וועלט) האָט ער אַמאָל געזען, ווי אַ פּאָר יינגלעך טרייבן אַ 40־50 אָקסן טשאַבאַנעס (די גרויסע טשערקאַסער מינים) און די אָקסן גייען, וווהין דאָס בייטשל פון די בחורימלעך טרייבט זיי. ווען נישט אַלע, נאָר איין אָקס וואָלט זיך צעבושעוועט און בלויז אַ דריי געטאָן מיט די גרויסע הערנער, וואָלט דאָך פון די בחורימלעך געוואָרן אַ תל. אָבער דער אָקס טראַכט, אַז ביים בחורל ליגט אַ גרויסע קראַפט, און גייט ווי אַ שעפסעלע. אָט אַזוי איז מיט דער השגחה אויך.

חוץ משלים האָט אברהם־חיים געהאַט אַן אַ שיעור מעשיות און איינ־פאַלן, פול מיט לעבנס־פּקחות און אייגנאַרטיקן דענקען. נישט קוקנדיק אויף זיין האַרטקייט און אַפילו קאַרגקייט איז ער געווען אַ ברייטער מכניס אורח. מיט אינטערעס האָט מען געקאָנט פאַרברענגען מיט דעם זקן און אויסהערן זיינע אומענדלעכע מעשיות און דערציילונגען.

אַזעלכע יידן, ווי אברהם־חיים, זענען שוין געווען די לעצטע מאָהי־קאַנער. דער אוצר מיט מעשיות, ווערטלעך, איינפאַלן, המצאות איז מיט זיי פאַרשווונדן געוואָרן.

סומירנדיק, מוז איך זאָגן, אַז נישט קוקנדיק אויף די אַלע שאָטנס אין מיין שטעטל, האָט עס געהאַט אין זיך נאָך זייער פיל זאַפט און גע־זונט, אָבער עס איז פאַרוואָרלאָזט געוואָרן.

דאָס שטעטל איז געווען אַ גרויסער קוואַל פון אייגנאַרטיקייט, אָרי־גינעלקייט אין פאָלקסשאַפונג. אָבער עס איז אויך געווען אַ גרויסע יידישע פּראָבלעם וואָס די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט געדאַרפט לייזן.

דאָרפישע יידישע פּרנסות אין ליטע

די צייט, די געגנט, די באַפעלקערונג

די צייט, די רעם פאַר אונדזערע באַשרייבונגען, איז דער סוף 19טער און דער אָנהייב 20סטער י״ה, שפּעטסטנס ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די געגנט* וואָס מיר האָבן אין זינען איז דער טייל פון יידישן תחום וואָס איז באַשטאַנען פון דער געוועזענער קאָוונער גובערניע, טיילן פון ווילנער, סוּוואַלקער און גראָדנער גובערניעס. קיין שטרענג באַשטימטע גרענעצן זענען דאָ נישטאָ. מיר האָבן גענומען פאַר אַ באַזיס יענע ערטער, וווּ עס האָבן געוווינט ליטווינער אין קאָמפּאַקטע מאַסן, ווי אויך די גע־מישטע באַפעלקערונג פון ליטווינער, ווייסרוסן און קלענערע גרופּעס פּאָ־ליאַקן. ווי עטנאָגראַפישע פּינטעלעך זענען דאָ אויך געווען גרויסרוסן (דער עיקר סטאַראָווערן), טאַטערן און פאַראייינצלטע קאַראַימער (חוץ טראָק, וווּ זיי האָבן געהאַט אַ ישוב פון שיינע עטלעכע הונדערט נפשות).

מיט האַנדל, אינדוסטריע און מלאכה האָבן זיך פאַרנומען יידן. די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט כמעט קיין אַספּיראַציעס נישט געהאַט אויף אָט די באַשעפטיקונגען. עס זענען געווען גאָר שוואַכע סימנים פון אַ ווירטשאַפטלעכן פּראָגרעס ביי דער אָרטיקער באַפעלקערונג. די פעלדער האָט מען באַאַרבעט אַזוי ווי די זיידעס, אַזוי ווי עס איז געווען איינגע־שטעלט פון דורות.

ס׳זענען געווען גרעסערע דערפער מיט צעפּיצלטע פעלד־שטחים פון די פּויערים (שנורעס). צווישן די דערפער זענען געווען פאַראייינצלטע לאַנדגוטער, ס׳רוב פאַראָרעמטע פּוילישע שליאַכטשיצן, וואָס יידן האָבן

---

* מיר האָבן סיבות אָנצונעמען אַז די דאָרפישע פּרנסות וועלכע מיר באַשרייבן זענען אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר גאַנץ ווייסרוסלאַנד און אויך טיילן פון פּוילן. פאַר אַ באַזיס האָט אונדז געדינט טראָקער אויעזד (קרייז) פון דער געוועזענער ווילנער גו־בערניע.

זיי גערופן איראָניש „שלאַכונדרעס". עס האָבן זיך געצויגן גיטער פון פוי־לישע פּריצים, אָפט מיט אַזעלכע גרויסע שטחים ערד, וואָס האָבן אַריבער־געשטיגן אַפילו גרויסע דערפער. אין זעלטענע פאַלן האָבן אָט די פּריצים געפירט אַ מער מאָדערנע ווירטשאַפט (מילכערייען, בינערייען, סעדעריי, ברייזער — „גאָזשעלניעס" אד"גל).

אין די דערפער האָבן געוווינט בלויז פּויערים. אָבער כמעט אין יעדן דאָרף האָט מען געקענט געפינען עטלעכע יידן. די פּויערים האָבן קוים זיך געקענט באַגיין אָן זיי. דאָס זענען געווען: שמידן, קרעטשמער, אויפקויפער פון דאָרפישע פּראָדוקטן און כמו־קרעמער. עס זענען אויך געקר־מען אין דאָרף יידן שניידער, שוסטער, סטעלמאַכער (וועגענער־מאַכער), פישער, גערטנירער, סטאָליאַרעס, טשעסלערס, קאַלכברענער (וואַפּעלני־קעס), סאַדאָווניקעס (די וואָס האָבן געהאַלטן סעדער אין אַרענדע) א"אַ. אַ גרופּע פאַר זיך זענען געווען די ישובניקעס.

יידן האָבן דערגאַנצט דעם ליטווישן עטנאָגראַפישן פּייזאַזש. זיי זע־נען געווען אַריינגעבראַקט אין דעם פּויערישן ים. זיי האָבן ס'רוב געלעבט פריינדלעך מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג וואָס האָט זיך עקאָנאָמיש אין זיי געניייטיקט, הגם די פּויערשע באַלעבאַטישקייט איז אויף 80־90 פּראָצענט געווען אַ זעלבשטענדיקער, זיך אַליין באַדינענדיקער עקאָנאָמי־שער איינס.

שניידעריי

די פּויערטע האָט אַליין געשפּונען, געוועבט און גענייט פאַר זיך און פאַרן הויזגעזינד. אָבער דאָך האָט מען פון מאָל צו מאָל געמוזט אָנקומען צום יידישן שניידער אָדער צו דער יידישער שניידערקע, באַזונדער ווען עס האָט זיך גערעדט וועגן אַ יום־טובדיקן בגד אָדער שעפּסענעם פעלצל, וואָס קיין פּויער האָט זיך נישט געקאָנט באַגיין אָן אים. אויב דער שניי־דער האָט געוווינט אַ גאַנץ יאָר אין דאָרף, האָט ער געהאַט אַרבעט ווינ־טערצייט און דעם זומער האָט ער זיך ווי נישט איז „דורכגעמאַטערט".

דער שניידער איז ס'רוב געקומען פון שטעטל. ער איז געגאַנגען אין דאָרף אויף אַ גאַנצער וואָך און מיטגענומען מיט זיך אַ כשר טעפּל צו

קאָכן בולבעס, אייער און מילך. ברויט האָט מען אויך מיטגענומען מיט זיך, נישט אָנצוקומען צו „פּת עכום״. מען איז געשלאָפן אין דער איינצי־מערדיקער שטוב פון דעם פויער דעם באַשטעלער, אונטערגעלייגט אונ־טערן קאָפּ די אייגענע קאַפּאָטע, אין בעסטן פאַל — אַ שטרויזאַק אָדער אַ בינטל שטרוי.

די שעפּסענע פּעלצלעך האָט דער פויער פריער אָפּגעגעבן דעם טאָ־טערשן גאַרבער (דעם באַלטושניק) אויף אויסצואַרבעטן, און נאָך דעם זע־נען זיי געגאַנגען צום שניידער וואָס איז קיין גרויסער ספּעציאַליסט נישט געווען. אַז דער בגד האָט געקענט אַרויפגיין אויף די פּלייצעס און די הענט אין די אַרבל, איז געווען גוט. די פּרייזן פאַר דער אַרבעט זענען געווען — אַזוי ווי עס האָט געשטימט מיטן גאַנצן לעבנס־ניוואָ — זייער נידעריקע. זעלטן ווען האָט דער פּרייז פאַר אַ שטיקל אַרבעט איבערגעשטיגן אַ קערבל. ס׳רוב האָבן די פויערים געצאָלט מיט פּראָדוקטן: מיט אַביסל בול־בעס, אַרבעס, אייער, גאָרטנוואַרג אד״גל. זעלטן ווען האָט דער דאָרפישער שניידער געהאַט אַ ניי־מאַשין. די אַרבעט איז אויסגעפירט געוואָרן מיט אַ נאָדל און אַ פינגערהוט.

די פויערים וואָלטן גערן געוואָלט, אַז דער יידישער שניידער זאָל עסן ביי זיי. אָבער זיי האָבן געוווסט, אַז יידן טאָרן דאָס נישט — איז מען נישט באַשטאַנען. אַ ייד וואָס זאָל עסן טרפות אין דאָרף איז געווען אַן אויסנעמפאַל — איז ער אַ הפקר־יונג. יידן האָבן אַזאַ מין „יונג״ גע־האַלטן פאַר אַן אויסוואורף, פאַר אַן עוכר־ישראל, און די פויערים גופא האָבן וויניק דרך־ארץ געהאַט פאַר אַזאַ „כוואַט״.

די שניידער מיט די פויערים האָבן זיך איינע די אַנדערע דערציילט מעשיות אין די לאַנגע ווינטערדיקע אָוונטן, געזונגען לידער. פון דעם אפשר שטאַמען די געמישטע יידיש־ליטווישע־ווייסרוסישע לידער, און אויך דאָס וואָס יידישע בעלי־מלאכות, איבערהויפּט פון יונגן דור, האָבן געזונ־גען דאָרפישע לידער.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן דאָרפישע פּראַנטיכעס שוין געקויפט ציץ (קאַרטון), באַרכאַן (טיגער) און אַנדערע באַוולנע שטאָפן ביים יידישן שניטקרעמער אין שטעטל אָדער ביים וואַנדערנדיקן יידישן הענדלער אין

דאָרף און אָפּגעגעבן דאָס צו די יידישע נייטערקעס. די פּרייזן זענען גע־וועזן זייער נידעריקע: 10־15־20 קאָפּיקעס. קיין גרויסע ספּעציאַליסטקעס זענען אַזעלכע נייטערקעס נישט געווען. שטעטלשע יידישע מיידלעך פלעגן „פון זיך" אָדער פון דער מאַמען זיך אויסלערנען נייען, און זיי האָבן שוין געמאַכט בלוזקעס, קליידלעך פאַר די דאָרפישע שיקסעס און יונגע פויער־טעס.

ווען יידן האָבן אָנגעהויבן ביסלעכווייז אַנטוויקלען די קליין־אינדוס־טריע אין ליטע און ווען וואָלוועלע שטאָפן האָבן אַלץ מער און מער אַריינ־געדרונגען אין דאָרף, האָבן די פויערים און פויערטעס אַלץ מער און מער זיך באַנוצט מיט יידישע שניידער און נייטערקעס און ביסלעכווייז פאַר־וואָרפן די אַלטע געוווינהייט אַליין פאַר זיך צו נייען מלבושים.

שוסטערײ

זומער איז דער פויער געגאַנגען באָרוועס, ער האָט אַליין זיך געמאַכט די לאַפּטשעס אָנשטאָט שיך — אָבער ער האָט דאָך געדאַרפט אין געווי־סע פאַלן שטיוול. שפּעטער־צו האָט דער יונגער דור פויערים זיך געשעמט צו טראָגן לאַפּטשעס, און אַלע זענען געוואָרן שטיוול־ און שיך־טרעגער.

דער דאָרפישער יידישער שוסטער פלעגט פאַרריכטן, מאַכן „פּאַ־טשינקעס" אויף אַלטע שטיוול און ווייבערשע שיך. ער האָט אויך אַרומ־געניייט די לאַפּטשעס מיט לעדער פון וואָלוולסטן סאָרט. ער האָט אויך געמאַכט „פּרישוועס", ד"ה צוגענייט צו אַלטע כאַלעוועס „קעפּלעך". אויפ־נייען דורכויס נייע שטיוול, וואָס דאָס איז געווען אַ גאַנצער פאַרמעגן, פלעגט שוין דער פויער אָפּגעבן צום שטעטלשן שוסטער וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גרעסערן ספּעציאַליסט. די ריזיקע איז געווען צו גרויס, אַז מען זאָל עס אָפּגעבן דעם אייגענעם שוסטער: ער קאָן עס איבערפּירן.

דער דאָרפישער שוסטער איז געווען אַזאַ ביטערער אָרעמאַן, אַז ער האָט זיך אויסגעטיילט אַפילו פון די אַנדערע דאָרפישע בעלי־מלאכות. אים האָט גאָר אָפט אויסגעפעלט אַרבעט, און ווען אַרבעט איז יאָ געווען, איז זי געווען אַ גראָשנדיקע. ער האָט אָפּערירט מיט אַלטוואַרג, געלייגט אַ לאַטע אויף אַ לאַטע, צוגעקלאַפּט אַ פּאָר זוילן (פּאָדנאָסקעס) אָדער צו־

געקלאַפּט אַ שטיקל לעדער אין אַן אויסגעקרימטן שוך, געלייגט אַ „רובּ־טשיק" (אַ שטיקל פּאַדעשווע).

זומער איז דער דאָרפישער שוסטער געווען אינגאַנצן אָן אַרבעט. דאָס דאָרף איז זומער געגאַנגען באָרוועס. האָט דער שוסטער זיך גענומען צו אַנדערע פּרנסות: ער האָט זיך פאַרדונגען צו היטן סעדער, האָט זיך אַליין אַביסל פאַרנומען מיט גערטנערײַ.

שמידערײַ

די אַנגעזעענסטע צווישן די יידישע בעלי־מלאכות אין דאָרף זענען געווען שמידן. אמת, עס זענען אויך געווען קריסטלעכע שמידן, אָבער סוף 19טן י"ה זענען זיי געווען קליין אין צאָל. ערשט אין אָנהייב דעם יאָרהונדערט האָבן זיי גענומען וואַקסן אויפן חשבון פון די יידישע שמידן.

יעדער שמיד האָט געוויינלעך געהאַט אַן אייגענע כאַטע און אַ קוזש־ניע דערבײַ. מען האָט אונטערגעשמידט פערד, באַשמידט וועגענער, גע־מאַכט אַקעראײַזנס, „געצײַנדלט" סערפּן, געמאַכט העק, מעסערס און אַנ־דערע שטוביקע מכשירים פון אײַזן. מען האָט אויך „געצויגן שינעס" און אַרײַנגעשטעלט „בוקסעס" אין רעדער, אויך די „פּלאָזעס" פון שליטנס אָנגעצויגן אײַזערנע פּלאַטן (פּאָדרעזעס). בעסערע בעלי־מלאכות האָבן ווינטערצײַט, ווען די אַרבעט פלעגט ווערן שוואַכער, צוגעגרייט אויף זאַ־פּאַס (אויפן לאַגער) פּאַרטיקע פּאָדקאָוועס, „אוכנאַלעס" (טשוועקעס אונ־טערצושמידן פערד). שפּעטער־צו האָט מען שוין גענוצט פאַבריק־פּאָד־קאָוועס, ווײַל דאָס האָט אויסגעמאַכט וועלוועלער.

ס'זענען געווען פּויערים וואָס האָבן געהאַט אַ יאָריקן אָפּמאַך מיטן שמיד: ער האָט געדאַרפט מאַכן די גאַנצע שמיד־אַרבעט פאַרן פּויער וואָס עס האָט זיך געפּאָדערט אין זײַן באַלעבאַטישקייט, און דערפאַר האָט יע־נער אים געזעצט בולבעס, געגעבן אים אַ געוויסן סכום תבואה, גריינ־וואַרג און אויך אַביסל מזומן. אַמאָל פלעגט דער שמיד באַקומען עטלעכע בייטן און די „שמידיכע" האָט זיי אַליין באַאַרבעט, פאַרזייענדיק „גע־קעכטס" (ד"ה גאַרטן־פּראָדוקטן אויף צום קאָכן). צו די שמידן האָבן די

פויערים זיך באַצויגן זייער גוט, ווייל אָן זיי וואָלטן זיי נישט געוווּסט ווי זיך אַן עצה צו געבן אין זייער פּרימיטיווער באַלעבאַטישקייט.

נישט געקוקט אויף אַלע קאַוואַלסקע גליקן, האָבן אויך שמידן גע־מוזט האָבן אַ זייטיקע פּרנסה — מען האָט זיך פאַרנומען מיט גערטנע־רעריי, מיט סעדערײַ און מיט קאַלכברענערײַ.

קאַלכברענערײַ

קאַלכברענערײַ איז געווען דורכויס אַ יידישע פּרנסה. אין די בערגי־קע געגנטן פון ליטע געפינען זיך אויף די פעלדער אַ סך שטיינער, צווישן זיי אַ היפש ביסל קאַלכשטיינער (וואַפּעלניקעס). פאַר פונדאַמענטן (פאַד־מורוווקעס) צו הייזער, צו טינקען און צו „ווייסן" (קאַלכן) ווענט האָט זיך געפאָדערט קאַלך. די קאַלכברענערס (וואַפּעלניקעס) פלעגן אַליין מיט זייע־רע משפּחות קלייבן די שטיינער אויף די פעלדער אָדער קויפן זיי ביי די פויערים. די פויערים האָבן סיי־ווי געדאַרפט אויפקלייבן די שטיינער, ווייל זיי האָבן געשטערט ביים באַאַרבעטן דאָס פעלד, בפרט די קאַלכ־שטיינער, ווייל די פויערים זענען געווען זיכער אַז זיי „פאַרברענען די פעלדער", ד"ה די גערעטעניש בעת אַ טריקעניש.

די קאַלכאויוונס האָט מען געבויט אָפּגעלייגט פון די דערפער — אי־בער דער סכנה פון אַ שׂרפה. דורכן זומער פלעגט מען אויסברענען ביי אַ 4־5 אויוונס מיט קאַלך, מיט בערך הונדערט וועגענער שטיינער אין יע־דערן. נישט ווינציקער ווי אַ קלאַפטער* האָלץ האָט מען געדאַרפט ביים אויסברענען איין קאַלכאויוון. דאָס ברענען האָט געדויערט פון 4 ביז 6 טעג, טאָג און נאַכט. די וואַפּעלניקעס זענען שוין דאָרטן געזעסן די גאַנ־צע צייט, כדי אונטערצוהאַלטן דאָס פייער און אַכטונג געבן אויף אים. דאָס איז געווען אַ גאַנצע אונטערנעמונג, מען האָט אויף דעם געדאַרפט אַ „קאַפּיטאַל" פון 50 ביז 100 רובל. דאָס צונויפקלייבן די שטיינער האָט געדויערט ביי אַ חודש, און אַמאָל אַפילו מער.

* אַ קלאַפטער איז 7 פוס.

נאָכן אויסברענען די קאַלך האָט מען דעם אויוון געדאַרפט קילן עט־לעכע טעג, כדי מען זאָל קענען צוקומען צו די קאַלך און אָנהייבן דאָס „אויסשענקען", ד״ה פאַרקויפן לאחדים. פויערים פון אַרומיקע געגנטן פלעגן קומען קויפן קאַלך ווער אַכטלווייז, ווער האַלבאַכטלווייז. ווען אין דער געגנט האָט זיך געמאַכט עפּעס אַ גרעסערע „פּאַסטראָיקע" אָדער גאָר אַ „קאַזיאָנער" בנין, און עס האָט זיך געפאָדערט מער „אויוונקאַלך", האָט דער וואָפּעלניק געקענט נעמען אַביסל אַ העכערן פּרייז.

די אַרבעט אַרום קאַלך איז אַ שווערע און אַ שעדלעכע פאַרן געזונט. אָבער ווער האָט זיך געקימערט וועגן אַזעלכע זאַכן? — „אַבי אַ שטיקע־לע פּרנסה". מען האָט טאַקע געהאַט ווונדן אויף די הענט, געגאַנגען אין קליידער פאַרברענטע פון קאַלך, אָבער מען האָט דאָך געזען פאַר די אויגן אַ מטבע — „אַ גאַנץ איידעלע זאַך", ווי מען האָט געזאָגט אויף דעם אין ליטע.

סמאָלע־ און טאַרפּענטין־טרייבערײַ

ליטע האָט געהאַט אַ סך סאָסנאָווע און יאָדלאָווע וועלדער. נאָכן אויסהאַקן אַ נאָדלוואַלד בלייבן די וואָרצלען, די אָפּגעהאַקטע שטאַמען, וואָס מען דאַרף זיי „אויסקאָרטשעווען". קלייבט מען די אויסגעקאָרטשע־וועטע וואָרצלען צונויף אויף איין אָרט, און דער ייִד דער סמאָליאַר קויפט זיי אָפּ. עס טרעפט זיך אויך, אַז די סמאָליאַרעס זאָלן אַליין דורכפירן דאָס אויסקאָרטשעווען. מען גראָבט נאָך דעם אויס „סמאָליאַרניעס", מען פאַר־ברענט פאַמעלעך (מיט אַ קנאַפּן צוטריט פון לופט) די וואָרצלען, און דורך רערן רינט אָפּ די סמאָלע אין די צוגעגרייטע פעסלעך אַריין. די סמאָלע באַקומט זיך אין אַ שיטערן צושטאַנד. דאָס איז געווען דער פאַרשפּרייטס־טער מין שמירעכץ פאַר די פויערשע וועגענער. דערנאָך האָט מען אָנגעג־הויבן ניצן פאַבריק־שמירעכץ (מאַזע) פון בהמות־פעטס, אָבער אויך גע־מישט מיט סמאָלע, ווייל אַזוי האָט עס אויסגעמאַכט וועלוועלער. נאָכן „אויסטרייבן די סמאָלע" פלעגט דער סמאָליאַר אָנלאָדן אַ וואָגן מיט אַ גרויסער פאַס סמאָלע און פאָרן איבער דערפער פאַרקויפן עס די פויערים אויפן טאָפּ. אָבער עס זענען אין די שטעטלעך אויך געווען ייִדן סמאָליאַ־

רעס וואָס האָבן אָפּגעקויפט די פאַרטיקע סחורה ביים פּראָדוצענט און פלעגן אַליין דערנאָך אַוועקפאָרן מיט דעם.

צווישן די סמאָליאַרעס זענען געווען גרעסערע אונטערנעמער וואָס פלעגן איבערקאָכן די סמאָלע אויף האַרט. די האַרטע סמאָלע איז געגאַנגען אויף סמאָלעווען פּישערשע „באַטן" (שיפלעך) און מען האָט עס אָפּגעקויפט פאַר אויסאַרבעטן אַספאַלט. די סמאָליאַרעס האָבן אויך געהאַט „טאַרפּענטיניצעס" — פאַבריקלעך אַרויסצוקריגן דעם טייערן פּראָדוקט, טאַרפּענטין, וואָס דאָס איז שוין געגאַנגען אויף עקספּאָרט אין גרעסערע שטעט און אַפילו קיין אויסלאַנד. אַזעלכע „פאַבריקאַנטן" האָבן שוין געהאַט געדונגענע אַרבעטסקראַפט.

די פּראָדוקציע האָט געטראָגן אַ פּרימיטיוון כאַראַקטער און איז געווען קליין אין פאַרנעם. דאָך האָט זי פאַרנומען אַ געוויסן אָרט אין דער ווירטשאַפט פון ליטע.

סטעלמאַכעריי, שינדל־מאַכעריי, טשעסלעריי

סטעלמאַכער, שינדל־מאַכער און טשעסלער האָבן געוווינט מערסטנס אין די שטעטלעך, אָבער זייער אַרבעט איז אָפט געווען פאַרבונדן מיטן דאָרף. אַ געוויסע צאָל האָט דאָרטן געוווינט אויך.

דער סטעלמאַכער האָט געמאַכט וועגענער, אַקסן, רעדער, שליטנס, האָלאָבליעס. עס זענען געווען יידן וואָס האָבן געהאַט אין וועלדער „פאַרניעס", ווו מען האָט פון דעמבאָוון און יאַסינאָוון האָלץ געבויגן „אָבאָדעס" צו רעדער, „פּלאָזעס" צו שליטנס, „דוהעס" פאַרן געשפּאַן. דאָס האָלץ האָט מען אין דער פאַרניע געדעמפּט אין אַ הויכער טעמפּעראַטור, כדי עס זאָל זיך לאָזן בייגן. דערנאָך האָט מען עס געטריקנט. די אָבאָדעס און די פּלאָזעס האָט מען פאַרקויפט צום סטעלמאַכער אָדער צום פויער וואָס האָט שוין אַליין געקענט מאַכן אַ שליטן אָדער אַ וואָגן.

די שפּעטער באַוווּסטע יאַנעווער סטאָליאַרעס ציען זייער יחוס פון אַט אַזעלכע סטעלמאַכער.

עס זענען אין ליטע געווען אַרטעלן (פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון) פון יידישע שינדל־מאַכער, באַזונדער אַרום אוטיאַן און טעלז. די אַרטעלן זע־

נען באַשטאַנען פון 6 ביז 12 מאַן. זיי האָבן געאַרבעט ביי יידישע וואַלד־סוחרים אין די וועלדער גופא, אָדער אין פּאַלוואַרקעס, ווו מען האָט דאָס געהילץ אַרויסגעפירט פון די וועלדער. אויף שינדלען גייט יאָדלאָווע האָלץ וואָס טאָר נישט זיין דין און אַוודאי נישט סוקוואַטע. ביי די שינדל־מאַכערס איז די אַרבעט געווען פאַרטיילט: אַ פּאָר „זעגערס", איין „שפּאַל־טער", צוויי „הובלערס" און צוויי „פוגאָווששיקעס" (פוגעס — די פאַר־טיפונגען אין רוקן פון שינדל, כדי דער אַנדער שינדל זאָל זיך אַריינלייגן אין דער פוגע מיט זיין דינער זייט). די שינדל־מאַכער האָבן זומער גע־שלאָפן אין דאָרפישע ביידלעך, אויף שטרוי, ווינטער אין בעדלעך. דאָרטן האָבן זיי זיך געקאָכט דאָס עסן. טיילמאָל האָבן די דערבייאיקע יידישע אַרענדאַרקעס געקאָכט איין מאָל אַ טאָג געקעכטס פאַר די בעלי־מלאכות. אַ פּאָר מאָל אין יאָר (אויף יום־טובים) איז מען געפאָרן אַהיים, צו די פאַמיליעס (אָפט איז די אַרבעט געווען ווייט פון די היימען, ביז אַ פּאָר הונדערט וויאָרסט).

די אַרבעט איז געווען אַ שווערע און אַן אַנגעשטרענגטע, אייגער האָט אונטערגעיאָגט דעם צווייטן. די פאַרדינסטן זענען געווען גאַנץ קליי־נע. אָבער די שינדל־מאַכער האָבן געהאַט אַ שם ווי ערלעכע, האָרעפּאַש־נע און גאָטספאָרכטיקע יידן. קיין לומדים זענען זיי אַוודאי נישט געווען, אָבער שבת האָט מען געשמאַק געזאָגט תהילים און מען האָט אָפּגעהיט דאָס דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג. אויב עס איז געווען אַ מנין, האָט מען גע־דאַוונט בציבור.

אָט דער מין פשוטע האָרעפּאַשניקעס האָט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן, ווען די „טאַרטאַקן" (זעגמילן) האָבן גענומען אויסאַרבעטן מאַשין־שינד־לען, וואָס זיי זענען אמת געווען אַביסל ערגער אין קוואַליטעט, אָבער די שינדל־מאַכער האָבן דאָך נישט געקאָנט קאָנקורירן מיט דער מאַשין און זענען ביסלעכווייז אַראָפּ פון יידישן אַרבעטס־מאַרק.

„ריסטאָקראַטן" צווישן די יידישע האָלץ־אַרבעטער זענען געווען די טשעסלער, די בויער פון הילצערנע הייזער. זיי האָבן געוווינט אין די שטעטלעך, אָבער אָפט געאַרבעט פאַר פּריצים און פּויערים. די טשעס־לער האָבן גוט פאַרדינט. מען האָט זיי גערן געגעבן אַרבעט, ווייל דער

יידישער טשעסלער האָט נישט „געפּושערט", נישט אָפּגענאַרט און גע־מאַכט זיין אַרבעט ערלעך און סאָליד.

נאָך מינים האָלץ־אַרבעטער

מיר מוזן דערמאָנען נאָך אַ פּאָר אינטערעסאַנטע מינים האָלץ־אַר־בעטער אין ליטע.

„קאָנזשאָרטניקעס" זענען געווען די וואָס האָבן צונויפגעבונדן די קלעצער אין „פּליטן" (טראַטוועס), כּדי צו שיקן דאָס האָלץ מיט די גרוי־סע וואַסער־וועגן (מיט זײַער ווילִיע און דעם ניעמאַן), אָדער איבערגעבונדן די פּליטן, איידער מען האָט זיי געלאָזט מיטן אונטערשטן שטראָם פון ניעמאַן. דאָס איז געווען אַ שווערע אַרבעט, מען איז געווען דערביי שטענ־דיק אין וואַסער. אָבער דאָס איז געווען אַ באַזונדערער פאַך, און נאָר די יידישע קאָנזשאָרטניקעס האָבן זיך אויסגעטויגט אויף דעם. קאָוונע, יאַ־נעווע און דער עיקר אַניקשט האָבן געהאַט אַזעלכע קאָנזשאָרטניקעס.

„וואַשע'וויניקעס" האָבן געצויגן די קלעצער פון וואַסער ביים פונאַנ־דערבינדן די פּליטן. דערנאָך האָט מען צוגעטשעפּעט די קלעצער צו קייטן און צו די קייטן צוגעשפּאַנט פערד. די וואַשעוויניקעס זענען געזעסן רייטנ־דיק אויף די פערד און זיי אונטערגעטריבן. די קלעצער האָט מען געשלעפּט צו „סקלאַדן" (לאַגערן) אָדער טאַרטאַקן וואָס זענען געווען ביי די ברעגן פון די גרויסע טייכן (ניעמאַן, ווילִיע). די אַרבעט האָט זיך געצאָלט ערגער ווי די אַרבעט פון די קאָנזשאָרטניקעס. דער פאַך איז געווען פאַרשפּרייט אַרום קאָוונע און אַרום ווילנע.

„פּליטניקעס" זענען געווען די וואָס פלעגן פאָרן מיט די פּליטן. די מלאכה איז געלעגן נאָר צום טייל אין יידישע הענט. מען האָט דערצו גע־דאַרפט גוט קענען דעם טייך. מען האָט פאַרבראַכט אויפן פּליט טעג און אַמאָל וואָכן. די אַרבעט האָט זיך נישט שלעכט באַצאָלט.

„שאַפאַ'רעס" — דאָס זענען די אָנגעשטעלטע ביי די יידישע וואַלד־סוחרים. זיי האָבן זיך אויסגעהאַלטן ביי די ישובניקעס וואָס האָבן גע־וווינט נישט ווייט פון וואַלד וואָס מען האָט געהאַקט. דער שאַפער האָט פאַרטיילט די אַרבעט צווישן די פּויערים־אַרבעטער, צוגענומען פון זיי די

פּאַרטיקע אַרבעט און אַלץ פּאַרצייכנט אין די טאַשנביכלעך. ער האָט אַכ־טונג געגעבן אויף די טאָג־אַרבעטער ביים אונטערזעגן די ביימער, צעזעגן די גרויסע שטאַמען און מאַכן „קלעפּקעס״ פון דעמבעס. קלעצער פון דעמב, אַרומגעטשעסעטע מיט „סקליוטן״ (ברייטע שאַרפע העק), האָט מען געשיקט קיין אויסלאַנד (שליפּערס).

ביים באַשרייבן פאַרשיידענע מינים האָלץ־אַרבעטער זענען מיר אַוועק אַביסל אין אַ זייט, אָבער אין תוך געהערן זיי אַלע צו די יידישע דאָרף־פּרנסות. איצט וועלן מיר זיך צו עטלעכע פון די טיפּישסטע פּראָפעסיעס אין דאָרף.

גערטנירעריי

אַלע יידישע דאָרפס־עלעמענטן האָבן זומער זיך פאַרנומען מיט גער־טענירעריי, און אויב נישט די מענער, האָבן עס געטאָן די פרויען און די קינדער. אָט די גערטענירעריי איז געווען זייער אַ באַגרענעצטע. כמעט אויסשליסלעך האָט מען געפלאַנצט (געזעצט) אוגערקעס, וואָס די פּויערים האָבן בכלל זיך מיט דעם נישט פאַרנומען.

געוויינלעך פלעגט מען מאַכן שותפות מיטן יידישן אַרענדאַר אָדער מיט אַ פּריץ. זיי האָבן געדאַרפט פאַרמיסטיקן און אויסאַקערן דעם גאָרטן, מאַכן פּראָוויזאָרישע בייטן און געבן פערד צו פירן די אוגערקעס אין שטעטל אַריין. אַלע איבעריקע אַרבעטן האָבן געדאַרפט טאָן די „אָגראָד־ניקעס״. זיי האָבן געמאַכט „פליאַנסן״ (פלאַנצן) פון קערנער, די פליאַנסן האָט מען געדאַרפט האַלטן אין דער וואַרעם, אין שטוב, ביז זיי פלעגן זיך „אויפהייבן״ און לאָזן שפּראָצונגען פון צוויי בלעטלעך: זיי האָבן גע־דאַרפט מאַכן די שטענדיקע רעגולערע בייטן מיט רידלען, זעצן די „פליאַנסן״. און נאָך דעם האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות:

די „פּרימאָראָזקעס״ (די פרילינגס־פרעסטלעך) פלעגן קאַליע מאַכן די „פליאַנסן״ און מען האָט געמוזט אָנהייבן די אַרבעט פון דאָסניי; ביי־טאָג, ווען די זון וואַרעמט, טאָר מען נישט באַגיסן די אוגערקעס, מוז מען עס טאָן פאַרטאָג, אָדער ווען די זון איז שוין נידעריק; מוז מען די אַרבעט מאַכן אין איילעניש און ווערן אויסגעמאַטערט; ווען עס איז נישטאָ קיין

רעגן, מוז מען באַגיסן צוויי מאָל אַ טאָג, און פיל צענדליקער עמערס וואַסער קומט אויס צו שלעפּן העט פון ווייט, שלעפּן מיט „נאַסטשעס"; בייטאָג דאַרף מען די אוגערקעס אַרומגראָבן, „אויספּלענען" (יעטען) די ווילדגראָזן, וואָס האָבן „בוינע" געוואַקסן אויף דער פעטער אוגערקע־ערד; מען באַוויזט נישט אויסצויעטען ביזן סוף דעם גאָרטן (אָפט אַ העקטאַר אָדער צוויי), און מען מוז שוין ווידער אָנהייבן פון דאָסניי. און זאָלן נאָר די ווילדגראָזן איבעריאָגן די אוגערקעס, וועט שוין קיין גערעטעניש נישט זיין. הכלל, עס האָט נישט אויסגעפעלט קיין עבודת־פרך ביי דער אוגערקע.

דערפאַר אָבער איז געווען אַ פרייד, ווען די אוגערקע איז זיך פונאַנ־דערגעוואַקסן, צעלאָזט די בלעטער, זיך פאַרצווייגט איבערן בייט. ווער רעדט נאָך, ווען עס האָט זיך באַוויזן די ערשטע בליאונג און די ערשטע „זאַוויאַנזקעס" (די קליינע אוגערקעלעך אונטערן בליט), איז די שמחה געווען אין לשער. געוויינלעך האָט מען אָנגעהויבן רייסן די אוגערקעס תשעה־באב־צייט. מען האָט טאַקע אויסגעמאַרקירט אין דעם טאָג פון תשעה־באב צו ברענגען אין שטעטל די בכורים. יעדער ייד האָט נאָכן תענית געוואָלט מאַכן שהחיינו איבער אַ „פרישינקע אוגערקעלע". אגב האָט מען דערפאַר געגומען אַ „הויכן" פרייז — אַזוי גוט ווי אַ קאָפּיקע אַ שטיק. אין פריאיקע זומערס, ווען עס זענען אין מאַי נישט געווען קיין פרעסטלעך, פלעגן שוין די גערטענירערס האָבן די ערשטע אוגערקעס אַרום שבעה־עשר בתמוז (דריי וואָכן פאַר תשעה־באב), אָבער דאָס איז געווען אין זעלטענע פאַלן.

שווער איז צו דערוואַרטן זיך אויף די ערשטע אוגערקעס; אָבער דערנאָך וואַקסן זיי גיך, מען דאַרף זיי „אויסקלייבן" 2־3 מאָל אַ וואָך און פירן זיי אויף די נאָענטע מערק. אָפט איז די גערעטעניש אַזוי גרויס, אַז מען האָט געהאַט 3־5 טויזנט שטיק. אַלץ איז אָפּהענגיק פון דעם „גוטן מאַרק", אַנישט ליגן די פרייזן חלילה אין דר'ערד. עס האָט געטראָפן, אַז מען האָט געמוזט פאַרקויפן פאַר 5 קאָפּיקעס אַ הונדערט, כדי נישט צו דאַרפן פירן זיי צוריק פון מאַרק. פון קאָנסערווירן אוגערקעס אויף עקס־פּאָרט אָדער פון אויפהיטן זיי אַזוי אַז מען זאָל זיי קענען ווייט פירן — האָט מען נישט געוווּסט.

מיטן גאַלייזטן געלט האָט מען זיך געדאַרפֿט טיילן אויף העלפֿט מיטן אַרענדאַר אָדער מיטן פּריץ.

די אוגערקעס וואַקסן ביז די יום־טובֿים, אָבער אַרבעט אַרום זיי איז פֿאַראַן פֿון אַפּריל ביז סוף סעפּטעמבער. יידן איז אויסגעקומען צו קאָנ־קורירן מיט די טראָקער קאַראַימער וואָס האָבן געהאַט אַ שם פֿאַר גוטע אוגערקעס־פּלאַנצער. דער צענטער פֿון גערטנערײַ איז געווען קיידאַן, ווו יידישע אוגערקעס־פּלאַנצער האָבן זיך פֿאַרנומען מיט דעם פֿאַך אין אַ ברייטער מאָס.

אַחוץ אוגערקעס האָט מען נאָך געזעצט צום פֿאַרקויפֿן קרויט און מערן, בוריקעס, רעטעך, קרוטשקע האָט מען געזעצט כמעט נאָר פֿאַרן איי־גענעם געברויך.

סעדערײַ

סעדערײַ ווי אַ יידישע דאָרפֿישע פּראָפֿעסיע האָט נישט צו טאָן מיטן פּלאַנצן און האָדעווען פּרוכטביימער, נאָר מיטן עקספּלואַטירן די פּרוכטן פֿון די סעדער.

כמעט אַלע פּריצים האָבן געהאַט סעדער און די רייכע פּויערים — קליינע סעדלעך פֿון 10־20 ביימער. די ליטווישע פּרות האָבן אַ שם מיט זייער אַראָמאַט און טעם. צוקערוואַרג איז געווען טייער און פּרות זענען געווען די איינציקע נאַשערײַ סיי ביי דער דאָרפֿישער סיי ביי דער שטעטלשער באַפֿעלקערונג. דאָס יונגוואַרג אין דאָרף האָט אָדער נישט געהאַט די עטלעכע קאָפּיקעס צו קויפֿן פּרות, אָדער זיי נישט געוואָלט „אַרויסוואַרפֿן", בעת די פּרות וואַקסן אונטער'ן נאָז, ממש מיטן האַנט צו דערגרייכן. די דאָרפֿישע סעדער זענען דעריבער שטענדיק געווען אויס־געשטעלט אויף דער סכנה, אַז די ליבהאָבער פֿון אומזיסטע פּרות וועלן זיי „אַרומפּוצן" (רייסן בגנבה).

יידן האָבן אָפֿט געדונגען די סעדער ביים בעלין, געגעבן האַנטגעלט אָדער באַצאָלט דעם פֿולן פּרייז און זיך גערעכנט אויפֿן „גרויסן געווינס". נאָכן בעלין האָבן זיך געמאַכט פּרעסטלעך. עס האָבן געקענט קומען שטור־רעמווינטן און אַראָפּרייסן אויבס פֿון די ביימער. אָבער דער „סאַדאָווניק"

האָט געמוזט נעמען די ריזיקע, זיך פֿאַרלאָזנדיק אויף דעם אַז דער איי־בערשטער וועט רחמנות האָבן, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז שפּעטער וועט קומען עמעצער און אים איבערשטייגן אין פּרייז. דער פֿויער ווידער האָט שטענדיק זיך געגייטיקט אין געלט, בפֿרט אין פֿרילינג, ווען דער ווינטער האָט אויסגערייניקט אַלע פֿאַרגרייטן.

נאָכן אָפּדינגען איז די גאַנצע זאָרג וועגן סאָד אַריבער צום יידן. סוף יוני, אָנהייב יולי נעמט זיך ווייזן „אַ יאַגעדע”: אַ פֿאַרעטשקע, אַן אַגרעס, אַ מאַלינע. דערנאָך קומען קאַרשן. און דאָ איז דער סאָד קוים אַרומגע־צאַמט און אַלע אַרום שאַרפֿן די ציין, מען וואַרט אַריינצוכאַפּן זיך ביי־נאַכט און אַ טרייסל טאָן די ביימער. האָט דעריבער דער „סאַדאָווניק” געדאַרפֿט במשך פֿון דריי־פֿיר חדשים (יוני, יולי, אויגוסט, סעפּטעמבער) היטן זיין פֿאַרמעגן סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט. ער האָט געמוזט זיין אין סאָד, ער אַליין אָדער עמעצער פֿון דער משפּחה, אָדער ער אינאיינעם מיט דער משפּחה. ווען ער האָט געהאַט עטלעכע סעדער, האָט ער געדונגען יידישע שומרים (די דאָרפֿישע יידן וואָס האָבן זומער נישט געהאַט קיין אַרבעט: אַ שניידער, אַ שוסטער). מען איז געשלאָפֿן אין אַ שטרוי־ביידל, וואָס זיין דעכל האָט אָנגעשפּאַרט אויף דער ערד און אינעווייניק איז עס געווען אויסגעבעט מיט שטרוי. דאָרטן זענען אויך געווען די „אָפּאַדקעס” — די פּרות וואָס זענען פֿאַר דער צייט אַראָפּגעפֿאַלן פֿון די ביימער.

מען האָט געהאַט אַ כשר קעסעלע פֿאַר געקעכטס. אָבער ס׳רוב האָט מען געלעבט מיט אַ טרוקן שטיקל ברויט, מיט קעז, און פֿאַרטרונקען האָט מען מיט קאַלט וואַסער. מען האָט אַמאָל אָפּגעקאָכט „עפּל־צימעס” און עס געגעסן מיט ברויט. אַפֿילו אויף שבת האָט מען נישט געקאָנט קומען אַהיים — מען האָט דאָך נישט געקאָנט לאָזן דעם סאָד אויף הפקר!

היטן דעם סאָד איז נישט קיין גרינגע אַרבעט. שקצים לויערן אַרום. שלאָפֿט דער שומר איין, איז מען שוין אינעווייניק און מען כאַפּט זיך צו צו די ביימער. עס טרעפֿט זיך, אַז עס נעמען זיך צונויף גאַנצע כאַפּטעס און מען באַפֿאַלט דעם סאָד ביד חזקה. דעמאָלט איז שוין גלייכער זיך צו מאַכן נישט זעענדיק, אויב מען וויל אַרויס מיט גאַנצע ביינער. דעריבער טאָקע פֿלעגן די שומרים האָבן בייזע הינט, אין זעלטענע פֿאַלן אַ „שראָט־

ביקס״. און אָפט איז דאָס גלייכסטע — לעבן גוט מיט אַלעמען און אַליין אונטערטראָגן (באַזונדער די דאָרפישע „פערזענלעכקייטן״) פרות מיט דער ברייטער האַנט, מען זאָל נישט דאַרפן האָבן קיין אומגעבעטענע געסט ביינאַכט.

פריער פון אַלץ האָט מ'ען צו טאָן מיט די „אָפּאַדקעס״. מען פאַר־קויפט זיי, מען ניצט זיי אַליין און מען צעשניידט זיי אויף פענצלעך, מען ציט אַרויף אויף שנירלעך און זיי טריקענען זיך אויפן זון. קיין בע־סערער מיטל צו קאָנסערווירן איז נישט געווען. נאָך די אַלע „יאַגעדעס״ וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט, הייבן אָן אונטערצוקומען די שפּעטער־דיקע פרוכטן. די „טולסקע״, „פּאַפּינקעס״, „אַליוונע״ (אָדער „נאַליוונע״), „סיערע״ עפּל. די לעצטע צווישן עפּל קומען די „אַפּאָרטן״, די „טשער־נאָהוזן״ (טשערנאָגוזן) און אַנדערע מינים ווינטער־עפּל. פון די באַרנעס זענען די באַרימטסטע: „מאַנגאַראַטקעס״, „סאַפּעזשאַנקעס״ און די „בע־רעס״. די בעסערע פרות (באַזונדער ווינטעראויבס) פירט מען אין די גרע־סערע שטעט, און די קאָמיסיאָנערן פאַרקויפן זיי צו די לאחדימניקעס. די אָפּאַדקעס און די זומערדיקע פרות, וואָס מען קען זיי לאַנג נישט האַלטן, פאַרקויפט מען אין דעם דערבייאיקן שטעטל, אויף מ'ערק, אויף ירידן. די וואָלוועלע פרות פאַרקויפט מען אויפן טאָפּ (צו 3־5 קאָפּיקעס), די בעסערע סאָרטן אויפן וואָג. די גאָר גוטע סאָרטן קויפן אָפּ די פרוכט־סוחרים און שיקן זיי קיין פּעטערבורג, מאָסקווע, וואַרשע. קיין גרויסע רווחים האָט קיינער נישט געמאַכט פון דעם סאָד. האָט מען געקענט אויס־האַלטן פרוכט ביז אין ווינטער אַריין, אַזש ביז פּסח, האָט מען דעמאָלט געקראָגן הויכע פרייזן פאַר עפּל. אָבער דער סאַדאָווניק האָט זעלטן ווען געקענט אָט די מלאכה. ער האָט אויך נישט געקענט וואַרטן אויפן געלט.

סעדעריי האָט באַשעפטיקט זומערצייט אַ היפּש ביסל יידישע פאַמי־ליעס, סיי אין דאָרף, סיי אין שטעטל. נישט ווינציקער ווי 5־6 יידישע משפחות אין יעדער שטעטל האָבן זיך מיט דעם פאַרנומען. אויף צו האַלטן גרויסע סעדער, אָפט פון הונדערטערביימער, פלעגן זיך צונויפנעמען עט־לעכע שותפים, ווייל אַליין האָט מען נישט געקענט באַהייבן אַ געשעפט פון הונדערטער רובל, און צונויפגענומענערהייט האָט מען אויך געדאַרפט

פריער פון אַלץ לייען געלט אויף צינזן פאַר אַזאַ גרויסער אונטערנעמונג.

אויף די ירידן און אויף די מ׳ערק איז האַרבסט־צייט געווען טומלדיק: עס שטייען אויסגעשטעלט וועגענער מיט אויבס און זיי פאַרשפּרייטן דעם ליבן עפּל־ריח. אַרום — יידן און יידענעס וואָס „העקערן״ די פּרוכטן. עס איז קאַכעדיק, עס הערן זיך פריילעכע קולות, און צווישן אַלערליי „ברכות־הבית־סחורות״ זענען אויפן ערשטן אָרט די פּרוכטן.

פאַכטערײַ

בערך אַ העלפט פון אַלע יידן אין שטעטל האָבן געהאַט אייגענע קי אָדער ציגן. האָט מען געהאַט מילך פאַר אייגענעם באַנוץ. אָבער די רייכערע און די גאָר אָרעמע האָבן געמוזט קויפן אַ „קוואָרטל מילך״, און געקראָגן האָט מען עס ביי די פאַכטערס אָדער פאַכטערקעס (פאַראַן אויך די פאָרעם: „פאַקטער״).

דער פאַכטער האָט אָפּגעדונגען ביים פּריץ (אָדער ביים יידישן אַרענדאַר) דאָס גאַנצע פּרימאָרגנדיקע אָדער אַוונטדיקע געמעלק (קי האָט מען געמאָלקן צוויי מאָל, זעלטענער דריי מאָל אַ טאָג). אויף נאַכט האָט ער די מילך אַוועקגעשטעלט אויפן אייז, ס׳זאָל נישט זויער ווערן, און פאַרטאָג האָט מען די מילך אין קריג געטראָגן אין שטעטל אַריין (זעלטן ווער פון די פאַכטערס האָט געהאַט אַ פערד מיט אַ וועגעלע). די קריג האָט מען אָנגעטשעפּעט אויף אַ „נאַסטשע״ און מען האָט געשפּאַנט אַפילו 5־6 וויאָרסט (קילאָמעטער) ביז צום שטעטל. די מילך האָט געדאַרפט אָנקומען אין שטעטל צום אָנבייסן, וועלכער איז געווען געוויינלעך אַ גאַנץ פרייִקער. אויפן וועג האָט מען דעריבער נישט געהאַט קיין צייט צו פאַררוען זיך, און אין די זומערדיקע „פאַרעניצעס״ (היצן) האָט די נאַסטשע אָפּגעריבן די אָרעמס און די פּלייצע, און דעמאָלט האָט מען שווין געמוזט טראָגן די קריג אין די הענט.

דער פאַכטער האָט געצאָלט דעם אַרענדאַר פון 9 ביז 11 קאָפּיקעס פאַר אַ טאָפּ (4 קוואָרט) מילך און האָט אַליין פאַרקויפט צו 5 קאָפּיקעס אַ קוואָרט. יעדער פאַכטער פלעגט טראָגן ביי 10־12 טעפּ, האָט מען געקענט אין סעזאָן פאַרדינען ביז אַ רובל אַ טאָג. אָבער ווען די מילך פלעגט

זיך „צעקאָכן", ווערן גרייפּלדיק, האָט שוין דער פּאַכטער געמוזט ליידן דעם היזק. איז דעם פּאַכטער איבערגעבליבן מילך, האָט ער געמאַכט פון דעם קעז. אָבער זיין סחורה איז געווען זיסע מילך.

ס'זענען אויך געווען אמתע, נישט קיין סעזאָניקע פּאַכטערס. זיי פלעגן אָפּדינגען די גאַנצע מילך־פּראָדוקציע ביים פּריץ אויף אַ גאַנצן יאָר. זיי האָבן געצאָלט דעם פּריץ פון שטיק, פּאַר יעדער מעלקעדיקער קו. דער פּריץ האָט געדאַרפט געבן פּאַשע. דער פּאַכטער (ד"ה די ווייבערישע מיטגלידער פון זיין משפחה און אויך געדונגענע גויישקע אַרויסהעלפּערינס) האָט געמאָלקן, געשלאָגן פּוטער, געמאַכט קעז. די אַרבעט איז געווען אָוועקגעשטעלט ביז גאָר פּרימיטיוו: מען זייערט די מילך, מען נעמט אַראָפּ די סמעטענע; די זויערמילך שטעלט מען אַריין אין אויוון, זי זאָל זיך „צונויפהאַקן" (ווערן געדיכט). נאָך דעם גיסט מען אָפּ אין זעק, מען לאָזט אָפּרינען די „סראָוועטקע" און מען קריגט „צוואָרעכץ" (צוואָרעך). צוואָרעך קען מען אויך פאַרקויפן, און באַזונדער גוט גייט עס ערב שבועות אויף בלינצעס. אָבער געוויינלעך שיט מען דעם צוואָרעך אַריין אין „קעזיקעס", וואָס מען פּרעסט זיי אונטער ברעטער מיט שטיינער. צוליב דער שפּיציקער פאָרעם פון די קעזיקעס האָבן מיר אין ליטע געהאַט די באַרימטע לאַנגע דרייעקן פון ליטווישן האַרטן קעז. נאָך דעם דאַרף מען נאָך דעם קעז טריקענען אויף דער זון. טאָמער קומט אַרויף שימל, שאָבט מען עס אַראָפּ. (אגב איז טרוקענער קעז און סוכאַרעס פון ראָזעווע ברויט געווען די צדה־לדרך פאַר די פרומע עמיגראַנטן וואָס האָבן בעת דער לאַנגער נסיעה קיין אַמעריקע נישט געוואָלט עסן קיין טרפות אויפן שיף). פון דער סמעטענע ווידער, וואָס מען האָט אַראָפּגענומען, האָט מען אין „באָיקעס" (טונכלעך) געשלאָגן מיט דער האַנט פּוטער. מען האָט די פּוטער אויסגעוואַשן אין עטלעכע וואַסערן, זי געזאַלצן און געפּירט אין „שטאָט" אויפן מאַרק אָדער צום קאָמיסיאָנער; ער האָט זי פאַרקויפט אין די מילכקראָמען.

די פּרייזן אויף מילכיקס זענען געווען זייער נידעריק: אַ פונט געזאַלצענע פּוטער האָט געקאָסט 20־22 קאָפּיקעס, אַ פונט צוואָרעך — 3־4 קאָפּיקעס, און בעת אַ „מפּלה" גאָר 1־2 קאָפּיקעס. די פּראָדוקטן האָט דער

פאַכטער זומערצייט געפירט אין „שטאָט" צוויי־דריי מאָל אַ וואָך, און ווען דער פּריץ איז געווען אַ „גוטער" און נישט אַרויסגעקוועטשט די נשמה, האָט מען דאָך ווי נישט איז געקענט ציען חיונה; ביי אַ בייזן און קאַרגן פּריץ האָבן זיך די פאַכטערס געמאַטערט מיטן טויט צו גלייך. די היגיענישע און סאַניטאַרישע באַדינגונגען פון דער פאַכטעריי זענען גע־ווען נישט גאָר געהויבן.

מילנעריי

דער פּריץ האָט געהאַט די וואַסערן, און ביי אים האָט דער מילנער אַרענדירט זיין וואַסער־מיל, וואָס זי איז געשטאַנען ביי אַ דאַמבע, אַ סטאַוו, עס זאָל שטענדיק זיין וואַסער אויף די מיל־רעדער.

דער מילנער איז געווען דער „פּער" (אַריסטאָקראַט) צווישן די דאָר־פישע יידן. אמת, עס זענען געווען פּויערים וואָס האָבן נאָך באַנוצט „זשאָרנעס" (שטיינער) און געמאָלן פאַר זיך תבואה מיט דער האַנט, אָבער דער פּויער האָט שוין זיך איינגעוווינט צו פירן זיין זעקל מיט קערנער צום מילנער, און דאָרטן האָט מען פאַר אַ שיבוש, אַן ערך פאַר 5 קאָפּי־קעס אַ פּוד, אים צעמאָלן די קערנער. דער מילנער האָט חוצן אָפּצאָל גע־האַט דעם „פּול", שטויב פון מעל, און „אַזאַטקעס" (דעם אָפּפאַל פון דער געזיפּטער תבואה). מיט דעם אָפּפאַל האָט דער מילנער געקענט פּיטערן עטלעכע גוטע מילכקי (און מילנערשע קי זענען געווען אַ שם־דבר מיט זייער גלאַטקייט און פעטקייט), אַ היפּשע צאָל הינער און קאַטשקעס. נאָכן שניט זענען די מילן געווען „פּאַרוואַליעט" (פאַרוואָרפן) מיט מאָלונג, זיי האָבן געאַרבעט טאָג ווי נאַכט, און די פּויערים האָבן געדולדיק געוואַרט אויף זייער ריי.

אין גרעסערע מילן איז געווען אַ געדונגענער מייסטער, געוויינלעך אַ קריסט. אָבער ס'רוב זענען די מילנערס אַליין געווען די מעכאַניקער. ביי טייל מילן זענען געווען „טשאָכראַלניעס" און „וואַליושן". די טשאָכ־ראַלניעס זענען קיילעכדיקע דראָטענע בערשט וואָס באַוועגן זיך אַדאַנק דער וואַסער־ראָד און וואָס קאָמען און צופּן די אָפּגעשוירענע שעפּסענע וואָל. כדי דער געוועבטער שטאָף זאָל זיין שטייף און די נעץ זאָל נישט

קענען דורכדרינגען, האָט מען אים געמוזט „וואַליענען" אין וואַליוש; דאָס איז געווען אַזאַ קאָרעטע, ווו מען האָט אַריינגעלייט דעם שטאָף, געגאָסן קאָכיק וואַסער, און די ראָד האָט געהויבן און אַראָפּגעלאָזט קלעצלעך וואָס האָבן געקלאַפּט אין נאַסן שטאָף במשך פון 12־24 שעה. די טשאָכראַל־ניעס און די וואַליושן האָבן געגעבן אַ גוטע צוגאָב־פּרנסה פאַר די מיל־נער. דערביי האָט דער פויער געדאַרפט אַליין קאָכן דאָס וואַסער און אָנ־טונג געבן אויפן וואַליענען, ד"ה ביים דעגאַטירן (שטעמפּעווען) דעם שטאָף.

גרעסערע מילן האָבן אויך געהאַט „קרופּאָרניעס", צו מאַכן גרויפּן פון גערשטן (פּערלגרויפּן), פון האָבער (האָבערגרייץ) און פון גריקע. נאָר די גאָר גרויסע מילן האָבן איינגעפירט וואַלצן צו מאָלן ווייץ אויף חלה און ווייסן ברויט.

דעם מילנערס צרות פלעגן זיך אָנהייבן פרילינגצייט, ווען דער שניי ווערט צעשמאָלצן און די איבערגעפּולטע וואַסערן אין טייך רייסן דורך די דאַמבע און אַמאָל טראָגן זיי אַראָפּ אָדער צעשעדיקן די גאַנצע מיל־אינ־סטאַלאַציע. אָבער דער מילנער האָט ס'רוב געהאַט אַן אָפּגעשפּאָרטן גראָשן, און עס האָט געקלעקט אויף אַלץ. ערשט אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען מילן נתרבה געוואָרן. פויערים וואָס האָבן געוווינט ביי לויפיקע וואַסערן האָבן געמאַכט סטאַוועס און אַפילו אַריינ־געשטעלט טורבינעס, אַזוי אַז די קלענערע יידישע מילנעריי איז כמעט אינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן.

די ווינטמילן זענען געוואָרן זעלטענער און געשפּילט אַ קלענערע ראָ־לע ווי די וואַסערמילן.

די שטעטלשע יינגלעך האָבן געהאַט אַ לידל וואָס ווייזט אויף דעם דאָברע מזל פון די מילנער; דער רעפריין פון לידל מאַכט נאָך דעם קלאַנג פון די מילשטיינער (דאָס לידל גופא געדענקט זיך שוין נישט):

קאַטייטל, קאַטייטל, קאַטייטל,
דעם מילנער אין בייטל,
דעם מילנער אין בייטל.

פישעריי

אונטער פישעריי מיינען מיר דאָ איבערהויפּט דעם אייגנטלעכן פיש־פאַנג, די אונטערנעמונג ווי אַן אינדוסטריע און טיילווייז דעם האַנדל מיט פיש.

ווי באַוווּסט, איז די געגנט פון דער עטנאָגראַפישער ליטע, ווי אויך טראָקער, סווענציאַנער, בראַסלאַווער, פּאָסטאַווער און אַנדערע קרייזן רייך מיט אָזערעס, וועלכע האָבן אין זיך אַ גרויסע פאַרשיידנאַרטיקע פיש־פאַונע.

אַט די לעבעדיקע אוצרות פון די אָזערעס האָבן שטענדיק געלאָקט מיט זייער סודותדיקער פיש־רייכקייט די אַרומיקע באַפעלקערונג, סיי יידן, סיי קריסטן.

פאַר די פּויערים איז עס מערסטנטייל אַ צוגאָב־באַשעפטיקונג צו לאַנדווירטשאַפט. פאַר אַ סך יידן איז עס געווען אַ מסחר, אַ מין „גרוי־סער געווינס", פון וועלכן מען קאָן מיטאַמאָל רייך ווערן, וואָס מען וועט כאַפּן אַ „פּאָימקע", ד"ה אַרויסציען פון אָזערע אַ גרויסן סכום פיש פאַר איין מאָל. אמת, דאָס האָט געקאָנט טרעפן נישט אַזוי אָפט. אָבער זיידעס האָבן דערציילט, טאַטעס האָבן איבערגעגעבן, אַז זיי געדענקען אָדער האָבן געהערט פון אַזעלכע „פּאָימקעס". אין וואָס זענען באַשטאַנען די „פּאָימ־קעס"? מען האָט דערציילט, אַז מען האָט אַרויסגעצויגן מיטאַמאָל 20־25 וועגענער פיש (צו 25־30 פּוד אַ וואָגן). אין בראַסלאַווער קרייז זענען דאָ אָזערעס, וואָס געהערן צום גראַף פּלאַטער. מיט אַ פופציק יאָר צוריק האָט דער יידישער אַרענדאַטאָר פון די אָזערעס אין חודש אָדר אין משך פון 3 יאָר געכאַפּט „פּאָימקעס" צו איבער טויזנט פּוד לעשטשן. מערסטנ־טייל פלעגן די „פּאָימקעס" זיך באַציען אויף קליינע פיש, פון וועלכע דער פרייז פלעגט זיין פון 80 קאָפּיקעס ביז 1 רובל פאַר אַ פּוד. יידן־פישער האָבן בעיקר זיך פאַרמאָסטן אויף לעשטשן, וועלכע זענען גרויס־געוואַק־סענע (אָפט צו 20 פונט אַ שטיק) און טייערע פיש. „אַ לעשטש איז כיט־רע", פלעגן זאָגן די פישער, ווען דער לעשטש זעט, אַז ער האָט קיין אויס־וועג נישט, ווי נאָר אַריינצופאַלן אין נעץ — לייגט ער זיך אויף אַ זייט

האַרט ביים דעק פון אַזערע און גייט נישט אין „פּאַסטקע״. צי איז דער לעשטש טאַקע אַזוי „כיטרע״, איז אַ פראַגע, אָבער אַז עס איז אים שווער צו כאַפּן — איז אַ פאַקט. אפשר צוליב דעם, וואָס לעשטשן זענען דאָ ווייניקער ווי אַנדערע פישן. ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָבן די זעלטענע „פּאַימקעס״ געלאָקט די יידישע אונטערנעמער צו טרייבן ווייטער דעם פישפאַנג מיט דער האָפענונג, אַז „גאָט וועט העלפן״ און מען וועט נתעשר ווערן — דאָס האָט אָבער קיינמאָל נישט געטראָפן.

צווישן די פישער אַליין איז געווען פאַרשפרייט אַן איבערצייגונג, אַז „פישער שטאַרבן אין פרעמדע תכריכים״ (ד״ה זיי זענען אָדער ווערן זיין אביונים). אָט דער שפּרוך האָט געהאַט אַ גרונד. וואָרעם נאָך אַלע „גליקן״ פלעגן די יידישע אונטערנעמער צוליב די הויכע אַרענדע־אָפּצאָלן, קליינע סכומים געכאַפּטע פיש און גרויסע הוצאות ווערן סוף־כל־סוף אָרעם. „ער האָט דערטרונקען זיין געלט אין אַזערע״, פלעגט מען זאָגן וועגן דעם אָדער יענעם פישער. אָבער דאָך האָבן אַ היפּש ביסל יידן „גע־לעבט פון פישל״. אין טראָקער קרייז אַליין זענען געווען ביז 40 יידישע אונטערנעמער. יעדע אונטערנעמונג האָט באַשעפטיקט נישט ווייניקער ווי 6־7 פישער־אַרבעטער זומער און ביי אַ 20 מענטשן ווינטער.

די זומער־נעצן זענען געווען קלענערע, צו 250־300 קלאַפטער די לענג און האָבן געמוזט באַדינט ווערן דורך 4 מענטשן. ווינטער־נעצן האָבן געהאַט אַ לענג פון 500־600 קלאַפטער (1 קילאָמעטער) און האָבן געפאָ־דערט 8 שטענדיקע פישער „ראַמאָווע״ (אָנפירער) און 12־15 אַרבעטער פון די אַרומיקע דערפער, וועלכע פלעגן נישט באַקומען קיין געצאָלט אין געלט, נאָר קריגן אַ טייל פון פיש פון פאַנג.

צווישן די שטענדיקע פיש־אַרבעטער זענען געווען ביי יעדן יידישן אונטערנעמער איינער אָדער צוויי יידן, וועלכע זענען געווען די באַגלייב־טע באַפולמעכטיקטע און אָפט די „זאַוואָדניקעס״ (אָנפירער) און די, וואָס האָבן געקענט „אָפּזעצן״ — אויפנייען און אויסריכטן אַ נייע נעץ. אין דעם „אָפּזעצן״ איז געלעגן אַ גרויסע ספּעציאַליטעט. ביי דעם אויפנייען און באַנייען זי מיט שטריק, אָנבינדן אונטן שטיינער און אויבן „פּלאַ־ווקעס״ (ברעטלעך, וואָס זאָלן הייבן די נעץ אין דער הייך). די שטיינער

ציען די נעץ צום דעק פון דער אַזערע, און אויף אַזאַ אופן „שטייט" די נעץ אין וואַסער „ווי אַ וואַנט" און פאַרצאַמט דעם וועג פאַר די פיש, וועלכע ווערן געטריבן מיט „באַלטאַקעס" — שטעקנס מיט אָנגעקלאַפּטע קלעצלעך, וואָס „סטראַשען" די פיש — צו דער „מאַטניע", אַ גרויסער נעץ־זאַק (36 קלאַפּטער), וווּהין די פיש מוזן אַריין און שוין דאָרט בלייבן. אויב די נעץ איז נישט ריכטיק „אָפּגעזעצט", וועט זי גיין קרום, זיך קנייטשן און פּלאָנטערן אין וואַסער, און די גאַנצע מי וועט קיין רעזול־טאַט נישט געבן. דאָס אָפּזעצן די נעץ איז געווען מערסטנטייל די ספּע־ציאַליטעט פון די עלטערע יידישע פישער־אַרבעטער. די יידישע אַרבעטער פלעגן דערפאַר באַקומען אַ העכערע וועכנטלעכע שכירות (4־5 רובל; די „פּראָסטע" פישער — 2־3 רובל אַ וואָך). אויסער געצאָלט האָבן די פי־שער באַקומען פריי ברויט, פיש, וועלכע מען פלעגט קאָכן אין אַ „פּאַ־רעוון קעסעלע" אויפן ברעג נאָכן ענדיקן דעם טאָג־פאַנג און מילך אָדער געקעכטס, וועלכע זיי פלעגן אויך אַליין קאָכן. אויב מען האָט געפאַנגען לעבן אַ דאָרף, ווו ס'איז „געזעסן" אַ ייד, האָבן די יידישע פישער גע־געסן ביים יידן.

די יידישע פישער־אַרבעטער זענען געווען מערסטנטייל גאָטספאָרכ־טיקע מענטשן. יעדער פישער האָט געהאַט ביי זיך טלית און תפילין און אין דער פרי, ווען מען פלעגט פאַרוואַרפן די נעץ און צופאָרן צום ברעג (נאָר ביים ברעג קען מען באַפעסטיקן די באַטן־שיפלעך און אַרויסציען די נעץ), פלעגן די יידישע פישער אַרויסגיין און דאַוונען אונטער אַ בוים. די איבעריקע גויים־פישער האָבן זיך באַצויגן מיט יראת־הכבוד צום דאַוונען פון זייערע חברים און קיינמאָל נישט אָפּגעלאַכט פון די „יידישע פּאַציע־זשעס". די קריסטן פלעגן שוין אַליין אָנדרייען די שטריק אויפן „קאָלאָ־וואָראָט" (אַ דריי וואַל), ביז די נעץ איז צוגעצויגן געוואָרן צו די באָטן און מען דאַרף זי שוין ציען מיט די הענט און די דאַוונער פלעגן מוזן אַריין צוריק אין באָט.

די אַרבעט פאָדערט גרויסע פיזישע כוחות. זי מוז אויסגעפירט ווערן ביי יעדן וועטער, אַפילו אין שטורעמס, גוסרעגנס און אין די גרעסטע קעלטן. די יידן־פישער זענען אָבער קיינמאָל נישט אָפּגעשטאַנען פון זייע־

רע קריסטלעכע חברים. פאַנגען פלעגט מען דאַרפן בעיקר ביינאַכט אָדער פאַרטאָג. מען דאַרף אַרויסציען 7־8 „טאָניעס" אין אַ מעת־לעת. אַ טאָניע דויערט נישט ווייניקער ווי אַ שעה, אַ שעה מיט אַ פערטל. נאָכן ענדיקן דעם פאַנג, מוז מען די נעץ אויפהענגען טריקענען. דערנאָך מאַכן „פּערע־וואָזקעס" (איבערפירן די נעץ מיט די באָטן פון איין אָזערע אויף דער צווייטער). די יידישע פישער פלעגן דאַרפן דינגען פורן ביי די אָרטיקע פויערים. די זעלביקע יידישע „זאַוואָדניקעס" פלעגן דאַרפן באַשליסן, צי עס לוינט צו בלייבן אויף דער אָזערע, צי מען האָט זי שוין ווי געהעריק „דורכגעשוועכט". ווען דער אונטערנעמער פלעגט קומען אויף דער אָזערע אָפּנעמען די געכאַפּטע פיש — האָט דער יידישער „זאַוואָדניק" געדאַרפט אָפּגעבן אַ באַריכט, וויפל „טאָניעס" האָט מען געצויגן. אָפט פלעגט באַנוצט ווערן אַ קללה אויפן אַדרעס פון דער אָזערע: „אַ קלאָג צו איר", „ברענען זאָל זי", און דאָס איז צוליב דעם, וואָס דער סכום געכאַפּטע פיש איז געווען אַ נישטיקער און נישט געדעקט די הוצאות. דערהויפּט פלעגן באַגלייטן אָזערעס מיט אַזעלכע „ברכות" די קלענערע אונטערנעמער, וואָס האָבן געהאַט ווייניק, און דאָס אויך נישט קיין גרויסע. אַזאַ אונטערנעמער האָט געמוזט אָפט „שווענקען" זיינע אָזערעס און געכאַפּט ווייניק פיש, ווייל אַן אָזערע „האָט האָלט צו רוען".

די פּלאָג פון די יידישע אונטערנעמער איז אויך געווען דאָס, וואָס „אַ פישל איז הפקר", מיט אַנדערע ווערטער: אויף צו קריגן פיש אומזיסט זענען געווען פיל בעלנים און קיינער פון זיי האָט עס נישט געהאַלטן פאַר קיין סחורה, וואָס קאָסט, אגב, דעם אונטערנעמער זייער טייער. דער ייד מוז דאָך מיט אַלעמען לעבן גוט. דער פריץ, פון וועלכן דער ייד האָט אַרענדירט די אָזערע, איז דאָך געוויס אַ יחסן. ער דאַרף באַקומען די בעסטע און די שענסטע פיש. די פויערים פון אַרומיקן דאָרף, צו וועלכע עס געהערן די ברעגעס, די „אָביעזדטשיקעס" (אַמטלעכע אויפזעער פון די רעגירונג־וועלדער און אָזערעס), די לעסניקעס (וואַלד־וועכטער), סתם ליבהאָבער פון אומזיסטע פיש, דער אוריאַדניק, סטראַזשניק (פּאָליציי) א"אַ.

ווען מען האָט „געפאַנגען אַן אָזערע" ביי אַ שטעטל, פלעגן שוין קר־

מען אַלע שטעטלשע אָרעמעלײַט: דער שוחט, דער שמש, דער מלמד. „סטייטש, האָט זיך געקלאָגט דער פֿישער־אונטערנעמער, פֿאַרוואָס קומט מען דאָס נישט צום קצב נאָך אומזיסט פֿלייש, צום „פֿאַקטער" נאָך אומזיסטע מילך, צום שענקער נאָך אומזיסטן בראָנפֿן, וואָס פֿאַר אַן אומגליק ליגט אין דעם פֿישל?"

אָבער נאָך אַלע יללות פֿלעגט מען די אַלע „סוחרים", ווי מען פֿלעגט זיי איראָניש רופֿן, באַטיילן מיט פֿיש.

אויף קאַלייד, ווען צו ביטל דאַרף פֿאַרפֿאַסט ווערן מיט פֿיש, האָט דער יידישער פֿישער געמוזט „אָנלייגן מיטן קאָפּ" און שאַפֿן פֿאַר אַלע פּריצים, פּאָליצײַ־לײַט, וואַלד־באַאַמטע, גמינע־שרייבער, וואָיטן אד"גל. אויב נישט, פֿלעגן שוין די אַלע זיך צו אים „טשעפּען", נישט לאָזן פֿאַנגען, מאַכן פּראָטאָקאָלן פֿאַר נישט „געזעצלעכע פֿאַנגען".

ביים אָפּוועגן פֿלעגט מען די פֿיש סאָרטירן אויף דריי מינים: „אַט־באַר" (גרויסע פֿיש), „האַלבע אָטבאַר" (מיטעלע) און „דראָב" (קליינע). די גרויסע און מיטעלע פֿיש פֿלעגט מען פּאַקן אין וועגענער (זומער מיט אײַז) און שיקן אויפֿן „פּרייטיקדיקן מאַרק" קיין ווילנע אָדער קאָוונע. די קליינע פֿיש „אויף קנײדלעך" פֿלעגן נעמען די יידישע איבערפֿאַרקויפֿער פֿון די אַרומיקע גרעסערע שטעטלעך, דערהויפּט איז עס געווען אַ סחורה אין „די 9 טעג". אויך דער פּרייטיקדיקער פֿאַנג, וואָס פֿלעגט שוין נישט קענען אָפּגעשיקט ווערן אין די „גובערניעס" (גובערניאַלע שטעט), איז פֿאַרקויפֿט געוואָרן צו די זעלביקע איבערפֿאַרקויפֿער, וואָס פֿלעגן שוין אויף שבת צונעמען אויך גרעסערע פֿיש פֿאַר יענע שטעטלשע באַלעבאָסטעס, „וואָס האָבן זיך געקאָנט פֿאַרגינען אַ שטיקל געפֿילטע פֿיש". מיט אַ יאָר 40־50 צוריק און פֿריער איז די „דראָב" אויך געשיקט געוואָרן קיין ווילנע און קאָוונע. אָבער פֿאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן איז עס שוין פֿאַר אַ גרויסער שטאָט נישט געווען קיין סחורה און איז געגאַנגען נאָר פֿאַרן אָרטיקן געברויך.

כמעט יעדעס שטעטל האָט געהאַט פֿיש־הענדלער. די הענדלער זענען געווען גאַנץ פּשוטע יידן, פֿאַר וועלכע מען האָט קיין גרויסן דרך־ארץ נישט געהאַט, הגם ווייבער פֿלעגן פֿאַר זיי „ציטערן".

די יידישע אונטערנעמער האבן ארענדירט די אזערעס פון פריצים אדער פון דער רעגירונג. יעדער פריץ האט זיך געהאט זיין ייד. אויב דער ייד איז אליין נישט געווען קיין פישער, פלעגט ער שוין רעקאמענדירן דעם פריץ זיין באקאנטן יידישן פיש־ארענדאטאר.

מען דארף מודה זיין, אז די אמאליקע פריצים זענען געווען אפט זייער קארעקט בנוגע זייערע פישער־ארענדאטארן, זיי פלעגן נישט אפ־געבן קיין פרעמדע אפילו נישט פאר א העכערן פרייז. נישט בייטן זייער ווארט, אויפנעמען אפט די ארענדאטארן און געבן זיי כיבוד (אויבס, האָ־ניק־זאכן, וואס א פרומער ייד האט געקענט „געניסן"). ערגער איז געווען מיט די רעגירונגס־אזערעס. יידן האבן דעמאלט נישט געהאט קיין רעכט פארמעל „צו האלטן אזערעס" אויף זייער אייגענעם נאמען. בעת די „טאר־געס" (קאנקורסן) אויף צו פארדינגען אזערעס, פלעגן די יידישע אונטער־נעמער מוזן קומען מ׳יט „אונטערגעשטעלטע" גויים, אויף וועמעס נאמען מען האט דערלאנגט „קאנווערטן" מיטן אנגעבאטענעם פרייז. אמאל פלעגן זיך די יידישע אונטערנעמער צונויפריידן און מאכן „יד אחת", מען זאל נישט שטייגן איינע איבער די אנדערע. פאר אזא הסכם פלעגט יעדער קאנקורסאנט איינלייגן געלט ביי א שליש און דער, ביי וועמען עס זענען געבליבן די אזערעס, האט געגעבן פינפערלעך, צענערלעך און אמאל אויך מער צו סתם יידן, וואס האבן נישט געהאט קיין שום שייכות צו פיש, אבער האבן זייער געהאט חשק צו כאפן א פאר קערבלעך לא יחרץ־געלט. מערסטנטייל האבן זיך אבער די יידישע אונטערנעמער נישט געקאנט איי־ניקן און דעמאלט פלעגט מען „פאניען אנשטאפן מיט יידיש געלט", הייבנדיק די ארענדע־אפצאלן פאר אזערעס, וועלכע קענען זיך נישט רענ־טירן. ס׳זענען געווען פיל פאלן, ווען נאך די טארגעס, אויף וועלכע מען האט געמאכט „יד אחת", פלעגט ווער עס איז פון די נישט־צופרידענע מסרן. פלעגט די קאנטראלנע פאלאטע אנולירן די טארגעס און באשטימען נייע. יידן פלעגן שוין דערביי מוזן „פארברענען געלט". „לאפוועקעס" זע־נען דעמאלט אנגעגאנגען. נאר דער כאבארניק האט זיך געפילט מחוייב עפעס צו טאן פאר זיין נותן.

„האלטן" (ארענדירן) די אדער יענע אזערע פלעגט שוין ווערן א

חזקה פון פאָטער צום זון. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן שוין יידישע פישער אָנגעהויבן איינע די אַנדערע „צו פאַרלויפן דעם וועג" און קיין אַחדות איז שוין נישט געווען צווישן די פישער און דעמאָלט פלעגט מען זיך אָפּרעכענען איינע מיט די אַנדערע אויף טאַרגעס, אַריינשטייגנדיק אין אלף הששי, וואָס האָט זיך קאָמערציעל בשום אופן נישט קאַלקולירט. די פישער אונטערנעמער פלעגן צוליב דעם פאַראַרעמט ווערן. די מלחמה, דייטשע אָקופּאַציע און די שפּעטערדיקע נאָך־מלחמה־יאָרן האָבן כמעט אינגאַנצן אַראָפּגעשווענקט פון דער אויבערפלאַך די יידישע אונטערנעמער.

אויסער די אונטערנעמער האָבן מיט לייכטער פישעריי זיך פאַרנומען די אַזוי גערופענע „סעטניקעס". אַ „סעטקע" איז אַ לייכטער מין נעץ (10־20 קלאַפּטער), וועלכער ווערט „אוועקגעשטעלט" אין דער אָזערע אויף בייגאַכט און נאָר אויף גרעסערע פיש. אויף דעם זענען נייטיק נאָר צוויי פישער, איינער טרייבט דעם „באָט" און דער צווייטער לאָזט די סעטקע אין טייך און נעמ'ט איר אַרויס. גאָר אַמאָל (מיט איבער 10 יאָר צוריק) האָבן דאָס געטאָן נאָר יידן, שפּעטער זענען שוין געווען סעטניקעס פון דענעבורגער, און בראַסלאַווער געגנטן — רוסן. מיט דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע האָבן די יידן־פישער, דער עיקר די יונגע, געוואָרפן דעם פאַך און זיך געלאָזט מעבר־לים זוכן „בעסערע גליקן", אָפּטמאָל אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט פישעריי.

מען דאַרף דאָ צוגעבן, אַז אויך די פישער־אַרבעטער האָבן געהאַט שאַנסן צו געניסן פון אַ גרעסערן פאַנג. צו די אַרבעטער האָבן געהערט די פיש, וואָס מען נעמט אַרויס פון די פליגלען („סקרידלאַווע"). די נעץ באַשטייט פון צוויי גרויסע פליגלען, וועלכע צאַמען אָפּ אַ געוויסן שטח פון דער אָזערע, און אַ זאַק — „מאַטניע", וווּהין די פיש ווערן געטריבן פון פאַרצאַמטן שטח. די שאַנסן צו געניסן פון אַ „פּאַימקע" זענען דאָ געווען נאָך קלענערע, אָבער דאָך איז די אַרבעטער עפּעס צוגעפאַלן ביי אַ בעסערן פאַנג. „אַן אָזערע איז אַ קאָרט", האָבן פישער געזאָגט. און אַזוי ווי ס'ציט אַ שפּילער צו אַ קאָרט, אַזוי ציט אַ פישער צו דער אָזערע, צום פישפאַנג.

דעריבער זענען געווען צווישן יידן אַ היפּש ביסל „סעטניקעס". אַ „סעטקע" איז אַזאַ פישער־נעצל וואָס באַשטייט פון דינע פעדעם מיט גרוי־

טע „אויגן" (לעכער). די סעטקע ווערט אװעקגעשטעלט אויף בײנאַכט אין דער אָזערע. די פיש באַמערקן נישט די סעטקע וואָס איז פונאַנדערגעשטעלט אין דער לענג און אין דער ברייט פון דער אָזערע און קריכן אַריין אין די אויגן. צוליב דעם וואָס דער מיטן פון פיש איז געוויינלעך ברייטער, קען ער דורכן אויג נישט דורכגיין. ער הייבט זיך אָן צו רייסן פאָרויס (אויף צוריק גייט נישט קיין פיש) און פאַרפּלאָנטערט זיך אין סעטקע, ווו ער בלייבט שטיין.

„שטעלן סעטקעס" איז שוין כמעט אַ שפּילעריי לגבי דער אַרבעט מיט אַ „נעוואָד" (גרויסע נעץ). ס'איז פיל לייכטער און פאָדערט נאָר צוויי מענטשן: איינער טרייבט דעם באָט און דער צווייטער מאַניפּולירט מיט דער סעטקע. אָבער קריגן פיש מיט אַ סעטקע איז אויך געווען אַ „טראַף" (אַ שאַנס, אַ מזל־זאַך). דערהויפּט פלעגן די סעטניקעס אַרבעטן אין דער צייט פון די „נערעסטן" (ווען פיש לאָזן „איקרע" און „שפּילן"). דעמאָלט האָט מען געכאַפּט מער. מערסטנטייל פלעגט זיך מיט סעטקעס פאַרנעמען די פישער־יוגנט. שפּעטער האָט מען שוין אָנגעהויבן צו ברענגען „פאָניעס" פון אַרום דווינסק, וועלכע זענען געווען גענייטע סעטניקעס. די יונגע יידישע סעטניקעס האָבן מערסטנטייל אויסגעוואַנדערט.

די עלטערע יידישע פישער האָבן געהאַט זייער אַבערגלויבנס. זיי פלעגן מורא האָבן פאַר אַן עין־הרע מצד די, וואָס קומען אויפן ברעג און קוקן זיך צו צום פאַנג. טאָמער פלעגט זיך אָפּרייסן אַ באָט (שיפל) פון ברעג אַן „וויאָסלעס" (רודערס), פלעגן די פישער „רופן" דעם „יונגאַטש" צוריק צום ברעג מיט אַזאַ שפּרוך:

באַציקל, באַציקל, שווים נישט מער,
דערלאַנג זיך צוריק אַ קער.

זיי פלעגן גלייבן באמונה שלמה, אַז דער „באַציקל" וועט קומען צוריק צום ברעג.

די פישער, די יידישע ווי די גויישע, פלעגן נישט פיינט האָבן קיין גלעזל בראָנפן. אַ גאַסט, וואָס פלעגט קומען אויפן ברעג, פלעגט אַרומגערינגלט ווערן דורך די פישער וואָס פלעגן אים אַרומבינדן מיט אַ שטריק. דאָס זאָל באַדייטן, אַז ער דאַרף זיך אויסקויפן מיט אַ „האַלב פלעשעלע",

אָדער מיט געלט אויף אַ „האַלבע" אָדער „קוואַטירל" (פערטל). טרינקען פלעגט מען צוזאַמען, אָפט פון „קאַווש" (אַ שעפּער אויסצוגיסן דאָס וואַסער פון די שיפלעך). די גרעסטע טייל פון די יידישע אונטערנעמער פלעגן אויך נישט פיינט האָבן צו „מאַכן אַ שנאַפּס", דערהויפּט „אין קאָמפּאַניע". געטרונקען האָט מען גוטמוטיק, אָן סקאַנדאַלן, אָדער ספּעציעלע שכרות־אַוואַנטורעס.

די פישער פלעגן אין די שטעטלעך מערסטנטייל פאַררעכנט ווערן פאַר „פּראָסטאַקעס". קיין גרויס דרך־ארץ האָט מען צו זיי נישט געהאַט, הגם מיט אַ יאָר 30־40 צוריק פלעגן זיך נאָך טרעפן צווישן זיי באַלעבאַטישע יידן, פון געוויינלעכן סוחרישן טיפּ.

יידן פלעגן אויך איינקויפן פיש אין די דערפער ביי פּויערים און טראַנספּאָרטירן עס אויפן „פרייטיקדיקן מאַרק" קיין ווילנע און קאָוונע. פאָרן פלעגט מען אַ גאַנצע נאַכט, אומאָפּהענגיק פון וועטער („ס'איז נישט אַזאַ סחורה, וואָס קען וואַרטן"), באַזונדערס איז עס געווען שווער צו שלעפּן זיך אין די ווינטערדיקע נעכט אָדער אין האַרבסט „בעת די בלאָטעס און שלאַכאָטעס". די גאַנצע „האָפענונג" איז געווען אויף אַ „גוטן מאַרק" אָן ערב יום־טוב, באַזונדערס פאַר פּסח. דעמאָלט האָבן די קאָמיסיאָנערן גענומען פרייזן, וועלכע זיי האָבן אַליין געוואָלט. אויב די פישער פלעגן קומען פון ווייטערע געגנטן, האָבן זיי שוין געמוזט „שבתן" אין ווילנע אָדער קאָוונע.

אין די פישעריי־קרייזן האָט געהערשט אָן איבערצייגונג, אַז אין ווילנע גייט צו דער פיש־האַנדל ראַיעלער. די קאָמיסיאָנערן זענען נישט אַזעלכע „גנבים", ווי אין קאָוונע. אין ווילנע פאַרקויפט דער קאָמיסיאָנער די פיש צו די איבערפאַרקויפער מיטאַמאָל. אין קאָוונע זענען די קאָמיסיאָנערן אַליין די דעטאַל־פאַרקויפער. די גאַנצע „שמאַנט" נעמען אַראָפּ די קאָמיסיאָנערן. פאַר דעם אָרעמען יידישן פּראָדוצענט, וואָס האָרעוועט אַ גאַנצע וואָך טאָג און נאַכט, פלעגן שוין בלייבן אָפּגעגריזשעטע ביינדלעך, און אַמאָל דאָס אויך נישט. („נישט אַרויסגענומען פאַרן פור").

יידן פלעגן נאָך אויך זיין פאַרנומען מיט קויפן נעצן, וועלכע זענען פּראָדוצירט געוואָרן פון קאַנאָפּליעס דורך די אָרטיקע פּויערים אַרום

דוקשט, סאלאק, ווידז. די נעץ פלעגט זיין צונויפגעוויקלט אין „קלעצ־לעך" צו 20־30 פונט. אויף א נעץ האט מען געדארפט 15־20־30 קלעצ־לעך. אלע יידישע פישער־אונטערנעמער פלעגן קויפן נעצן אין די דער־מאנטע שטעטלעך ביי די אויפקויפער פון נעצן. דער מסחר מ'יט נעצן האט געהאט א היפשן פארנעם. אבער אין אנהייב פון דעם יארהונדערט האבן עטלעכע אונטערנעמער אנגעהויבן באנוצן נעצן פון באוול, וועלכע זענען פאבריצירט געווארן אויף א מעכאנישן אופן אין פרייסן (לאנדס־בערג), די נעצן זענען געווען טייערער, אבער שטארקער און פראקטישער. זיי פלעגן „אויסגעשריבן" ווערן דורך גראיעווער יידישע אגענטן. דער מסחר מיט די היימישע נעצן פאר די „ניעוואדן" איז אינגאנצן בטל גע־ווארן.

די יידישע פישערײ האט אנגעהויבן אפצושטארבן תיכף נאך דער ערשטער מלחמה. אין דער אינפלאציע־צייט, ווען אלץ איז געווען שטארק אויפגעשרויפט, זענען די ארענדע־פרייזן געווען שטארק געהעכערט. די יידישע פישער־אונטערנעמער זענען טאקע בדיל הדל געווארן, און איינע נאך די אנדערע ליקווידירט זייערע אונטערנעמונגען. ס'האבן זיך שוין באוויזן קריסטלעכע אונטערנעמער, וועלכע ווערן אין די נייע לענדער שטארק פאוואריזירט. אפילו דעמאלט, ווען זיי לייגן פאר א סך א נידע־ריקערע ארענדע, ווי די יידן, באקומען זיי די קאנטראקטן. און הגם איצט האט די רעגירונג אראפגעלאזן פון דער ארענדע, זענען שוין כמעט נישטא קיין בעלנים־יידן אויף צו האלטן אזערעס, ווייל די שטייערן עסן אלץ אויף. אויסער דעם פאנגען די ארומיקע פויערים אין די אזערעס, פאר וועלכע יידן האבן געצאלט ארענדע, אומזיסט און ליידיקן זיי אויס. די יידן זענען נישט ביכולת צו פארווערן די פישערײ אויף זייערע אזערעס. מלחמה־האלטן מ'יט די פויערים ווילן זיי נישט און קענען נישט.

ביי היינטיקן טאג זענען געבליבן אין די פריער־דערמאנטע קרייזן נאר צו עטלעכע יידישע אונטערנעמער, וועלכע האלטן זיך אויך ביים ליקווידירן. די העצע קעגן די יידן־ארענדאטארן סיי מצד דער פרעסע, סיי מצד די באאמטע, מאכט אוממעגלעך צו פירן די פישערײ אין פריערדיקע ראמען. יידישע פישער־ארבעטער זענען שוין כמעט אינגאנצן פארשווונדן

די קריסטלעכע אונטערנעמער נעמען זיי גישט. ווו נישט ווו זענען נאָך געבליבן אויפקויפער פון פיש ביי די פויערים. די פיש־קאָאָפּעראַטיוון האָבן כמעט אינגאַנצן באַזייטיקט דעם יידישן הענדלער, זיי האָבן געעפנט אַ גאַנצע ריי קראָמען, אין וועלכע די פאַרקויפער (און פּראָדוצענטן) זענען נאָר קריסטן. דאָס קינסטלעכע האָדעווען פון קאַרפּן און אַנדערע פיש, וואָס ס'ווערט איצט געפירט אין יעדן גרעסערן גוט און אַפילו דורך פויערים, האָט געגעבן דעם לעצטן קלאַפּ דער יידישער פיש־אינדוסטריע. די צאָל יידישע פאַרקויפערינס פון פיש אין שטאָט האָט זיך פאַרקלענערט אויף אַ העלפט. די פאַרדינסטן פון די געבליבענע זענען מינימאַלע, אָפט גראָשנדיקע.

די ווייבער־פאַרקויפערינס פון אַמאָל האָבן געהאַט אַ שלעכטן שם מיט זייערע קללות, חרמות און אָפט פּיזישע באַליידיקונגען („מיט אַ פיש אין פּיסק"). מען פלעגט נישט דערוועגן, נישט דערמעסטן, נאָר באַלעבאָסטעס האָבן געציטערט זיך אַנצוהייבן מיט די פישערקעס. מען האָט געשמועסט, אַז פישערקעס פלעגן שבת זיין אָנגעטאָן בעסער פון אַלעמען (קאַראַקולענע מאַנטלען!) און קויפן די בעסטע פלעצער אין יידישן טעאַטער. איצט זענען עס פאַרשטויסענע אָרעמע ווייבער, וואָס זענען צופרידן, אויב זיי פאַרדינען אויף אַ שטיקל טרוקן ברויט. זייער צאָל ווערט קלענער מיט יעדן חודש. זייער וועכנטלעכער פאַרדינסט איז איינס ביז צען גילדן.

די עטלעכע יידישע פיש־קאָמיסיאָנערן, וואָס האַלטן זיך נאָך אויף דער אויבערפלאַך, זענען איבערצייגט, אַז העכסטנס קען נאָך דויערן עטלעכע יאָר — און פון דעם יידישן פיש־מסחר און פישפאַנג וועט שוין אַפילו קיין זכר נישט בלייבן.

קרעטשמעריי, טראַנספּאָרטירעריי, ווייַנעריי

„אַ קרעטשמע טאָר מען נישט אויסמיידן", זאָגט אַן אַלט באַלעגאַליש ווערטל.

ווייזט אויס, אַז אַ קרעטשמע איז געווען אַ נויטווענדיקייט, אַן וועלכער מען האָט זיך נישט געקאָנט באַגיין. באַזונדערס דעמאָלט, — מיט

אַ 40־50 יאָר צוריק — ווען באַנען זענען געווען ווייניק, פון קיין אויטאָבוסן האָט מען נאָך נישט געוווסט. די גאַנצע קאָמוניקאַציע איז פאָרגעקומען אויף פורן. פיל צענדליקער און אַפּט הונדערטער וויאָרסטן האָט מען געדאַרפט דורכמאַכן מיט פערד. פיל מעת־לעתן האָבן געדויערט נסיעות פון קליינע שטעטלעך און ישובים אין די גרעסערע שטעט און צו־ריק. מען האָט געפירט סחורה אין שטאָט (פּראָדוקטן, רוישטאָף) און פון שטאָט (פאַבריקאַטן, קאָלאָניאַל־סחורות).

יעדעס שטעטל האָט געהאַט איינעם אָדער עטלעכע יידן טראַנספּאָר־טירער („טראַנספּוטירער"), וואָס האָבן אויפגענומען „אויסשטוכן" (רייס־טערס, רשימות) פון קרעמער אויף אַלערליי סחורות, וועלכע זיי דאַרפן קויפן אין שטאָט. דער טראַנספּאָרטירער פלעגט אויך אויפנעמען פאַר־שיידענע פערזענלעכע אויפטראָגן, ווי באַשטעלן רעצעפּטן, באַזאָרגן די אָדער יענע באַלעבאַטים מיט פלייש („שטאָטיקע", פּעטע) אויף שבת, אַפילו בייטן ביכער פאַר שטעטלשע משכילים, מאַכן פאַרשיידענע „ספּראַוו־קעס" (אינפאָרמאַציעס), איבערגעבן און ברענגען בריוו, געלט אד"גל. ישובניקעס פלעגן פירן מילכיקס, תבואה, בהמות, קעלבער. דאָרפישע הענד־לער — חזיר־האָר, זוימען, עופות, פיש; יידישע גערטנערירערס — אוי־גערקעס (אין סעזאָן); „סאַדאָווניקעס" — יאַגדעס, פּרוכטן אאַז"וו. באַ־זונדערס פלעגן די „גאַסטינצעס" (גרויסע שליאַכן, וועלכע פירן צו שטעט) זיין באַלעבט פאַר מאַרק־טעג און איבערהויפּט פאַר פריימיקס. די יידישע שטעט האָבן געפּאָדערט אויף שבת אַ היפּש ביסל פּראָדוקטן. שטעטלשע און דאָרפישע יידן האָבן זיך נישט געלאָזט בעטן און געפירט פאַר די „ווילנער נאַשערס" (אַזאַ נאָמען האָט געהאַט ווילנע): די אָרעמע שטעטל־שע יידן האָבן געהאַלטן פאַר „נאַשערס" די ווילנער יידן, וועלכע האָבן גענוצט פּוטער און קעז, הינער, פיש און פּרוכטן נישט נאָר שבת, נאָר אַפילו „אין אַ מיטן מיטוואָך". דעם מין „נאַשעריי" כאַראַקטעריזירט אַ כמו אַנעקדאָט, וואָס מען האָט דערציילט אַמאָל אין שטעטלשע באַלעבאַ־טישע הייזער.

„— מאַמע, חיימקע איז אַ נאַשער" —

— וואָס איז?

„— ער נאַשט ברויט״... די שטעטלשע פּרעסערס און נאַשערס נאַשן... ברויט.

אויף די שליאַכן זענען געפאָרן יידן מיט אָנגעלאָדענע וועגענער („דראַבינעס״). אָפט איז אויף די פורן נישט געווען אַפילו ווו זיך צוצו־זעצן. דער פורמאַן מוז גיין דעם גאַנצן וועג ביים וואָגן, האַלטן די לייצעס אין האַנט, אָדער אויב ס׳איז אַ „גוטער פערד״, אויף וועלכן „מען קאָן זיך פאַרלאָזן״, אַז ער וועט גיין נאָר אין דרך הישר, בינדט צו דער פור־מאַן די לייצעס צו די האָלאָבלעס און גייט פאַזע פור מיט פרייע הענט, סיידן ס׳פאַרט אַ פור אַנטקעגן און מען מוז שוין קירעווען דאָס פערד אָן אַ זייט. די פאָלעס פון די קאַפאָטעס (זומער), בורקעס, פעלצן (ווינטער) פאַרקאַשערט, עס זאָל זיין לייכטער צו שפּרייזן.

רעגנט, שנייט, דונערט און בליצט, האָגלט, שניידט דעם פנים דער ווינט מיט אַ זאַוויעע, טאָר דער באַלעגאָלע זיך נישט אָפּשטעלן, נישט איבעררייסן זיין נסיעה אויף אַ לענגערער צייט. ערשטנס, מוז די סחורה ווערן צוגעשטעלט אויפן מאַרק כמעט נאָך פאַרטאָג; צווייטנס, אַז מען זאָל „זיך נאָכגעבן״, איבערנעכטיקן עד יעבור זעם, וועט מען דאָך נישט קאָנען אָנציען צוריק אויף שבת אַהיים. און שבתן אין וועג איז „בודנע און פאַס־קודנע״. דער גאַנצער נחת רוח פון אַזאַ „פינצטערער פרנסה״ איז דאָך דאָס „שטיקל שבת אין דער היים״.

פאָרן אָדער שפּרייזן יידן פאַרקאַליעטע ווינטער, פאַרשמאַכטע, פאַר־שטויבטע אָדער צענעצטע זומער, צי פון רעגן, צי פון שווייס — דאָס פערד איז שוין הונגעריק, באַדעקט מיט שוים („סמעטענע״ אויף באַלעגאָ־לישן לשון). „עס ציט אין האַרצן״. מוז מען זיך אָפּרוען אַביסל, צובייסן, אָנפּאַשען די פערד. אין דער קרעטשמע וועט מען קאָנען אונטערשפּאַרן דאָס האַרץ און אַפילו אויסטרינקען אַ גלעזעלע בראָנפן, „דערוואַרעמען די נשמה״. די קרעטשמע איז געווען אַ מין גענאַרט לאַנד פאַר די שטענ־דיקע פאָרער און „פור־פּאַסאַזשירער״.

אַ קרעטשמע אויף אַ שליאַך איז געווען אַ מין וואָקזאַל. אמת אַ גאַנץ פרימיטיווער פאַר דער דעמאָלטיקער פרימיטיווער קאָמוניקאַציע, אַ וואָק־זאַל מיט מער ווי אַ באַשיידענעם „בופעט״. אָבער נישט נאָר וואָקזאַלן

און סטאַנציעס זענען געווען די קרעטשמעס, נייערט אויך האָטעלן און קראָמען, ווו מען האָט געקאָנט קריגן אַ פּעקל שוועבעלעך, פּאַפּיראָסן אָדער מאַכאָרקע, אַ גלאָז ביר, קוואַס, און אויך סמאַלע אָדער „מאַזע״ צו שמירן די רעדער, אַ רימען, אַ צוואָק א״א „שפּייז־פּראָדוקטן״, ווי עס איז געווען אַמאָל אויפגעשריבן אויף אַ שילד פון אַזאַ קרעטשמע־קרעמל (אין רוסיש).

איז מען געפאָרן שוין אַ נאַכט אָדער צוויי אָן איבעררייס, האָט מען שוין געמוזט כאַפּן אַ דרימל כאָטש אַ פּאָר שעה אויף אַ האַרטער באַנק אין קרעטשמע. אַלץ בעסער, ווי „פּיקן מיט דער נאָז״, זיצנדיק אויף אָן איבערגעלאָדענעם וואָגן מיט אַ געפּאַר אַראָפּצופאַלן אָדער איבערקערן זיך צוזאַמען מיטן וואָגן.

אַ קרעטשמע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אַמאָליקער קאָמוניקאַציע. אָן איר וואָלט גאָר אוממעגלעך געווען אונטערצוהאַלטן אַ רעגולערן פּאַסאַזשירן־פאַרקער און סחורות־אויסטויש. די קרעטשמע האָט אויסגעפּילט אַ גרויסן עקאָנאָמישן בלויז. די רעגירונג און די זעלבסט־פאַרוואַלטונגען האָבן נישט געזאָרגט צו באַפרידיקן די נויטן פון די רייזנ־דער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין וועג דעם גרעסטן טייל פון זייער לעבן.

די קרעטשמע איז אויך געווען אַ מין גיכע הילף פאַר אַלע פאַרביי־פאָרער, וואָס האָט געקאָנט באַפרידיקן די נויטן פון דעם, וואָס מען פלעגט רופן „מאַלע וואָס ס׳מאַכט זיך אין וועג״ (צעבראָכענע אַקס, בוקסע, זאַ־גוואָזדקע, אַ צעריסענע סופּאָניע — אַ רימען, וואָס ציט צונויף דעם כאָ־מעט) ווערט אַמאָל אַ מענטשן נישט גוט אויפן וועג, ס׳פאַרשאַט וואָס עס איז דעם פערד — איז דער קרעטשמער אַ בראַט און די קרעטשמערקע אַ מאַמע. און ווו קען מען איבערוואַרטן אַ שטורעם, אַ „גוס״, אַ זאַווערוכע, ווען פאָרן „אָן אַ וועג״ אין „חושכניש״ איז סכנות נפשות? — אַלץ אין קרעטשמע.

די קרעטשמע האָט אַ גרויסע סטאַדאָלע (פערד־שטאַל), ווו ס׳קאָנען זיך באַהאַלטן אַ צענדליק און מער פורן אויך. האָבן טאַקע יידן נישט גע־קאַרגט זייער טרחה און „געהאַלטן קרעטשמעס״. וויפל זענען געווען יידי־שע קרעטשמעס מיט אַ יאָר 40־50 צוריק — ווייסט קיינער מסתמא נישט

קאָנען אויסרעכענען. נאָר אויף אַ שטח פון 80 וויאָרסט פון יעזנע (אַ שטעטל באַקאַנט אין ליטע מיט דעם, וואָס אַנשטאָט „אָ, יעזוס־מאַריע״, ווען אַ ייד האָט געדאַרפט איבערגעבן דעם אויסדרוק, פלעגט ער זאָגן: „יעזנע מיט סטאַקלישאַק״), ביז ווילנע זענען געווען 10 קרעטשמעס (אויסער די שטעטלשע) — איצט איז קיין איינע פון זיי נישטאָ. מען קאָן אויף אַזאַ אופן אָננעמען, אַז אויף גרעסערע שליאַכן איז געווען נישט ווייניקער, ווי איין קרעטשמע אויף יעדער 10 וויאָרסט (אין דורכשניט). אויף זייטיקע וועגן זענען געווען אַ סך ווייניקער. אויסער די קרעטשמעס אויף די „גאָסצינצעס״ זענען געווען אין אַלע גרעסערע דערפער איינע אָדער צוויי קרעטשמעס. אויך די קרעטשמעס זענען אַלעמאָל געשטאַנען ביים וועג, מערסטנטייל אין אָנהייב פון דאָרף (זיי זאָלן זיין קענטיק). אָט די דאָרפישע קרעטשמעס האָבן אויך געדינט פאַר די דורכפאָרער, אָבער דער עיקר זענען עס געווען דאָרפישע קלובן.

מען דאַרף געדענקען, אַז אין יענע צייטן האָט זיך צווישן די פויערים נישט געפירט קיין שום קולטורעלע אַרבעט, קיין שולעס זענען נישט געווען, 99 פראָצענט פון די פויערים זענען געווען אַנאַלפאַבעטן. קיין שום גייסטיקע פאַרוויילונגען, אויסער וויעטשערינקעס („גרישקעס״), זענען נישט געווען. דער פויער האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע תענוגים, אויסער אויסטרינקען אַ גלעזל בראָנפן אָדער אַ פלאַש ביר, וואָס זאָל אים לאָזן פאַרגעסן אויף אַ געוויסער צייט זיין פינצטער און פאַרהאָרעוועט לעבן.

באַקומען „דעם אַרטיקל״ האָט מען געקענט ביי אַן אַבראַמקען, אַ מאַשקען, אַ חיימקען אין קרעטשמע. אויסער דעם איז די קרעטשמע געווען אין גרעסטן טייל אַ רחבת ידים אין פאַרגלייך מיט דער רויכיקער שטיבקע פון פויער. דאָרטן אין קרעטשמע פלעגן שוין קומען אויך אַנדערע גוטע ברידער, וואָס האָבן געגאַרט נאָך אַ „קעלישעק״. ביים יידן האָט מען זיך געקאָנט אַראָפריידן פון האַרצן. דער ייד האָט דאָך געהאַט אַ מגע ומשא מיט דער אויסערלעכער וועלט. מען האָט אין קרעטשמע געקאָנט זיך דערוויסן אַביסל נייס. דער ייד האָט געקאָנט געבן אַן עצה אין אַ פאַרפלאָנטערטער פראַגע. אין ווייסרוסישער ליטע איז געווען באַקאַנט אַ ווערטל סיי צווישן יידן, סיי צווישן פויערים: „ניעכאַי בודזע יאַק סאַראַ

קאַזאַלאַ״ (זאָל שוין זיין ווי שרה האָט געזאָגט — געפּסקנט). מסתמא איז געווען ווען עס איז אַן אויטאָריטעטע קרעטשמערקע מיט אַזאַ נאָמען, וועלכע האָט די פּויערים געגעבן גוטע עצות. און דאָס ווערטל גיט אַ געוויסן שטייגערישן שטריך פון באַציאונגען צווישן יידן און גויים.

נישט אַלע מאָל האָט מען פון די קרעטשמעס, באַזונדערס אויף זייטיקע וועגן און אין פאַרוואָרפענע דערפער, געקאָנט ציען „פאַלנע חיונה״. האָט טאָקע דאָס ווייב געפירט די קרעטשמע. דער מאַן פלעגט זיך פאַרנעמען מיט אַן אַרבעט, אַמאָל מיט „פאָרן איבער די דערפער״ (מסחרן). אַמאָל מיט מלאכה (שניידעריי, סטעלמאַכעריי, פישעריי וכדומה). דאָס ווייב האָט געמוזט זיין די אשת חיל אין קרעטשמע: „שענקען״. „אַווירן די פּויערים״, רעדן מיט זיי און אַפילו העלפן זיי אין אַן עת צרה.

די קרעטשמעס האָבן אין גרעסטן טייל געהערט צו פּריצים, פון וועלכע יידן האָבן די קרעטשמעס אַרענדירט. אָפט איז עס געווען אַ חזקה. אַן אַנדער ייד האָט נישט געטאָרט אויסדינגען די קרעטשמע פאַר אַ העכערן פּרייז. ס׳האָבן אָבער געטראָפן פאַלן, ווען מען פלעגט „פאַרלויפן דעם וועג״, און דעם פּריערדיקן, אָפט לאַנגיאָריקן קרעטשמער „רונירן״ (אַרויסזעצן).

אין אַ ריי ערטער האָט געהערשט (פאַרן איינפירן דעם מאָנאָפּאָל אויף בראָנפן) די פּראָפּינאַציע, לויט וועלכער דער פּריץ האָט געהאַט דאָס גאַנצע רעכט צו טרייבן און פאַרקויפן בראָנפן. דאָס לעצטע איז איבערגעגעבן געוואָרן נאָר צו איין יידישן קרעטשמער. קיין אַנדערע קרעטשמעס האָבן שוין אין דעם דאָרף אָדער שטעטל נישט געטאָרט זיין. אַזאַ שטעטלשער קרעטשמער איז שוין געווען אַ יחסן. אָפט פלעגט ער טאָקע זיין דער „סאַמאָדזיערשעץ״ פון שטעטל, דער תקיף, דער בעל־דעה און דער גבאי. אַזאַ ייד פלעגט זיך פאַרגינען אַמאָל צו געבן אַ פּאַטש אַן „עזות פנים״, וואָס וויל פּורץ גדר זיין אָדער נישט פאָלגן דעם גבאי.

צווישן די דאָרפישע קרעטשמער זענען אָבער קיין תקיפים נישט געווען. דאָס זענען געווען פּשוטע יידן, וואָס הגם זיי זענען געזעסן צווישן גויים, האָבן זיי נישט איינגעלאָזן קיין איין ברעקל פון דער טראַדיציאָנעלער שטעטלשער יידישקייט, מען האָט געהיט שבת, קיין בראָנפן האָט מען

דעמאָלט נישט פאַרקויפט. גויים האָבן גאָרנישט געוואָגט צו קומען. די קרעטשמער האָבן שבת נישט גענומען קיין געלט אין האַנט. מען האָט אין קרעטשמע געזאָגט, „ווי גאָט האָט געבאָטן". שבת פלעגן שוין כמעט קיין דורכפאָרער נישט זיין. וועגן יידן איז דאָך אָפּגערעדט. אָבער אויך גויים האָבן שבת נישט געהאַט וווּהין צו פאָרן, ווייל אין שטאָט אָדער שטעטל איז אַלץ געווען סגור ומסוגר.

**
*

„אַ קרעטשמע אָן בראָנפן איז ווי אַ באַלעגאָלע אָן אַ בייטש". בראָנפן איז געווען דער „הויפּט-פּראָדוקט" פון אַ קרעטשמע.

דער בראָנפן איז „געשטאַנען" אין הילצערנע (פון דעמב) פעסער, וועלכע זענען געלעגן אויף קלעצלעך אין האַלב-פינצטערן צימער („ספּיי-זשאַרניע") מיט איינעם אָדער צוויי קליינע פענצטערלעך. צו די טונען זע-נען געווען צוגעמאַכט קראַנען, אונטער וועלכע עס איז געווען אונטער-געשטעלט אַ קופּערנע כלי. וווּהין דער בראָנפן האָט גערונען פון דעם אַביסל לעכערדיקן קראַן. פון קראַן פלעגט מען „צאַפּן" דעם בראָנפן אין אַ קופּערנער פאַן אָדער אַנדער כלי, פונאַנדערגיסן עס אין פלעשער, און „שענקען" פלעגט מען עס פון ספּעציעלע כלימלעך, געמאַכטע פון קופּער אָדער צין (צינק): אַ קוואַרטירל, אַ האַלב קוואַרטירל, אַ טאָפּ, אַ האַל-בער טאָפּ אאַז"וו. די קוואַרטירלעך האָבן געהאַט אַ פּאַסאָן פון אַן אָפּגע-האַקטן קאָנוס. דעם בראָנפן פלעגט מען פון טונען אָפּט באַקומען מיט אַ ליוועך דורך אַ ספּעציעלע עפענונג, וועלכע איז געווען צוגעדעקט מיט אַ שפּונט. פון ליוועך ציט מען אַרויס מיטן מויל די לופט, און דערנאָך ווערט ער אָנגעפילט מיט בראָנפן. פון ליוועך גיסט מ'ען שוין אַריין דעם בראָנפן וווּהין מ'ען דאַרף.

די ליווערס פלעגט מען באַנוצן דער עיקר אויף „אָנצוציען" ביר פון אַ פאַס. ביר פלעגט מען פונאַנדערגיסן אויך אין „באַרילקעס" (קליינע עמערדיקע פעסלעך). ביי שמחות פלעגן פויערים נעמען באַרילקעס אין אַ גרעסערער צאָל. „באַרילקעס" ביר האָט מען געטרונקען „אין קאָמפּאַניע" אויף יאַרידן, מערק, קלויסטער-טעג.

גרויסע צרות האָבן געהאַט די קרעטשמעס פון די „רעווידערס" (קאָנ־טראָליאָרן), וואָס פלעגן קומען „מעסטן דעם בראָנפן", — נאָכזען, צי די שטאַרקייט שטימט מיט די אַקציז־תקנות. נאַטירלעך, פלעגט טרעפן, אַז די שטאַרקייט האָט צוגעהונקען (ריזיקאַנטן האָבן צוגעגאָסן אַביסל וואַ־סער). פלעגן קומען פּראָטאָקאָלן, שטראָפן. אָבער נישט נאָר שטראָפן, נאָר אויך תפיסה פון 6 חדשים ביז אַ יאָר. אַמאָל פלעגט מען „דורכקומען מיטן צורר" פאַר אַ צענער, אָדער אַ 25קער (אין שווערערע פאַלן). אָבער בכלל האָט מען געהאַט צרות אויפן פּוד. אַזוי, אַז די לעצטע יאָרן פאַרן איינ־פירן דעם מאָנאָפּאָל האָט מען שוין קיין „קאָמבינאַציעס" מיט בראָנפן נישט געמאַכט (די שטאַרקייט האָט געדאַרפט זיין 45 גראַד).

אגב אורחא דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן ווי אַ פאַרשווונדענע יידישע פרנסה — ווײַנערײַ. ווי באַוווּסט, איז פאַרן איינפירן דעם מאָנאָפּאָל, דאָס טרייבן בראָנפן געלעגן נאָר אין פּריוואַטע הענט. פריצים פון גרעסערע גיטער פלעגן בויען ברייזער (גאַזשעלניעס) און איבעראַרבעטן זייערע פּראָ־דוקטן אויף אַלקאָהאָל־משקאות. דער פּרייז פון די פּראָדוקטן איז געווען זייער אַ נידעריקער (די צושטעלער פון קאָרן און קאַרטאָפל זענען אויך געווען יידן). מערסטנטייל האָבן די ברייזער אַרענדירט יידן. אין די בריי־זער זענען שטענדיק געזעסן „אַקציזניקעס", וועלכע פלעגן באַשטימען דעם אַקציז, וואָס דאַרף איינגעצאָלט ווערן דער מלוכה פאַר יעדן עמער בראָנפן.

די אַקציזניקעס האָבן געלעבט אין גרויס ווילטאָג, ס'האָט געלוינט זיי צו צאָלן גרויסע סומעס, כדי זיי זאָלן פאַרקלענערן די אָפּצאָלן, ד"ה נישט אַלץ רעגיסטרירן. ביי דער פּראָדוקציע פון בראָנפן זענען מערסנ־טייל געווען באַשעפטיקט יידישע „ווייַנערס"־מייסטערס, וואָס האָבן דורכ־געפירט די גאַנצע בראָנפן־אויסאַרבעטונג, געמאַכט די זאַטאָרן, „איינגע־שטעלט" די שטאַרקייט, רעקטיפיצירט (געריינקט) דעם בראָנפן. די יידי־שע ווייַנערס זענען געווען גרויסע ספּעציאַליסטן פון דעם פאַך, און זיי איז געווען שווער צו פאַרבייטן. זיי האָבן געהאַט זייערע פּראָפעסיאָנעלע סו־דות. פון די ברייזער דירעקט האָבן די קרעטשמער גענומען בראָנפן אין טונען. שפּעטער זענען שוין געווען ספּעציעלע „ראַזליוון" (פונאַנדערגי־

סונג) פֿון בראָנפֿן און ביר אין פֿלעשער, און פֿון די ראַזליוון האָבן שוין גענומען סחורה די שענקער און קרעטשמער.

מער קיין יידישן ווייַנער קאָן מען שוין אין די ליטוויש־ווייסרוסישע געגנטן מסתמא אויף אַ רפֿואה נישט געפֿינען.

***

די קרעטשמעס אויף די שליאַכן אָדער אין די שטעטלעך, דורך וועלכע דער שליאַך איז דורכגעגאַנגען, האָבן פֿאַרנומען גרויסע געביידעס מיט אַ סך צימערן, אָפֿט נאָר אויף אַ העלפֿט איבערגעצוימטע מיט אַ גרויסן רוסישן אויוון אין דער מיטן, וואָס האָט געוואַרעמט אַלע צימערן ארום אים. ווען דער לאָקאַל איז געווען גרויס — זענען חוץ דעם געווען „וואַנט־אויוועלעך״, וואָס פֿלעגן אָפֿט רייכערן, אַזוי אַז די ווענט אין די קרעטשמעס זענען זעלטן געווען שניי־ווייס... אין אַ פּאָר „פּאַראַדנע״ צימערן איז געווען אַ ברעטערנע פּאָדלאָגע, אין די איבעריקע צימערן — בלויז ליים אָדער אויסגעלייגטע ציגל. די פּאָדלאָגע איז געווען זייער זעלטן געוואַשן. „סיי ווי וועט מען אָנטראָגן״ (בלאָטע). די מעבל איז באַשטאַנען, חוץ פֿון טישן, פֿון ברייטערע און שמעלערע טאַפּטשאַנעס אָדער האַרטע „קושעטקעס״. די דורכפֿאָרער פֿלעגן אויף זיי כאַפּן אַ דרעמל. דאָס בעטגעוואַנט איז באַשטאַנען פֿון זייערע אייבער־בגדים: בורקעס, פּעלצן אָדער גאָר דער „אייגענער קולאַק״. גוט איז געווען אין קרעטשמע ווינטער, ווען מען האָט דאָרט געבאַקן ברויט, און דער אויוון איז געווען אַ הייסער. דעמאָלט פֿלעגן די דורכגעווייקטע אָדער דורכגעפֿרוירענע „רייזנדער״ האָבן אַ שאַנס זיך אויסצוואַרעמען, אָפּצוטריקענען. אויפֿן „לעזשאַק״ זענען אָפֿט געלעגן זעק מיט קאָרן, האָבער, גערשטן, וועלכע מען האָט געטריקנט פֿאַרן צעמאָלן. אַוועקצולייגן זיך אויף אַ הייסן זאַק האָבער איז גאָר געווען אַ תּרופֿה צו אַ סך קראַנקייטן. „הייסער האָבער ציט אויס דעם ווייטיק״. דאָס האָט זיך באַצויגן אויף רעוומאַטיזם, בויך־קראַמפּן, שטעכעניש, ברעכעניש, ציעניש וכדומה: „אַ וואַרעמער אויוון (אַ לעזשאַק) איז אַ געזונט אין די ביינער״. איבעריקנס, האָט דער באַק־אויוון ביי אַלע ישובניקעס געשפּילט אַ גרויסע מעדיצינישע ראָלע: דאָס איז געווען אַ היימישער דאָק־

טאָר, וואָס האָט קיין געלט נישט גענומען. מ'יטן לעזשאַק האָבן זיך מ'ערסטנטייל באַנוצט עלטערע מענטשן.

דורך דער קיך פון קרעטשמע האָט געפירט אַ דירעקטער אַריינגאַנג אין סטאָדאָלע. דאָס איז געווען זייער אַ גרויסע שטאַל מיט עטלעכע „סקלאַדזיקעס" פאַר האָלץ, מעקינע, היי. קיין פענצטער איז אין סטאָדאָלע נישט געווען, נאָר איין גרויסע פאָר טויערן, דורך וועלכע די פורן זענען אַריינגעפאָרן אין סטאָדאָלע. פון מיסט, פון רעגן און שניי (די דעכער אין די סטאָדאָלעס האָבן אָפט אונטערגעהונקען און גענעצט) איז אין די סטאָדאָלעס געווען גאָס און בלאָטיק. פון דעם פלעגן די דורכפאָרער און די בני־בית פון קרעטשמע אַנטראָגן אַ היפּש ביסל בלאָטע אין שטוב, באַזונדערס אין האַרבסט און אין די נאַסע ווינטער־טעג.

אָבער קיינער האָט עס נישט גענומען פאַר אומגוט. אַט אַזוי איז גע־ווען פון דורות. און דאָס האָט געהערט צו אַ מין סטיכיע, אַ שטייגער, ווי טאָג און נאַכט, ווינטער און זומער — מיט איין וואָרט, דאָס איז געווען אַ סדר העולם. פון שלמה מיימונס צייטן ביז מיט אַ יאָר 40־50 צוריק זענען אַ סך זאַכן אין קרעטשמע געבליבן נישט געאַנדערשט.

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז אין סטאָדאָלע זענען געשטאַנען הינער, גענדז, אַ פערד אָדער אַ קו, אויב דער קרעטשמער האָט עס פאַרמאָגט. אַ קרעטשמע מ'יט אַ סטאָדאָלע איז געווען איין גאַנצע זאַך, נישט פונאַנ־דערצוטיילן. זומער האָט געראַיעט פון פליגן. ס'האָבן נישט געפעלט קיין אַנדערע אינזעקטן. אָפט פלעגן די געסט נישט קאָנען שלאָפן. באַזונדערס פלעגן זיך די וואַנצן אַרויפוואַרפן אויף די „נאָוואָסיעלצעס" (בייע אייב־ווינער — דאָס מיינט דורכפאָרער). אַנדערע קרעטשמער האָבן געהאַט אַ שם אין דעם פּרט.

דערציילט מען:

— יודלס קרעטשמע האָט אָפּגעברענט.

— אוי ווי: — אָבער די וואַנצן אויך...

ס'איז אין יעדער צרה געווען אַ שטיקל טרייסט: נקמה אָן די „רוי־טע רמאים"...

צוליב דעם פלעגן אָפט די דורכפאָרער אין די זומער־נעכט דרעמלען

אויפֿן וואָגן אין סטאָדאָלע אָדער אויפֿן „דזיעדזיניעץ" (הויף) ביים קרעט־שמע. די פֿערד עסן פֿון די טאָרבעס האָבער, און די פֿורמאַנעס מיט זייערע פּאַסאַזשירן שפּאַרן ערגעץ ווו דעם קאָפּ צו. און אַזוי „רוט מען זיך אויס", ביז ס'פּאַשען זיך אָן די פֿערד.

ס'זענען געווען קרעטשמעס רייכע און אָרעמע. אין די רייכערע פֿלעגט מען קאָנען קריגן וואָס „צוצובייסן". אין די אָרעמע פֿלעגט נישט אַלעמאָל זיין אַ שפּע פֿון שפּייז... וועגן דעם קאָן געבן אַ פֿאָרשטעלונג דער ווייטערדיקער קרעטשמערישער (גיכער האַלב־משכּילישער) וויץ:

פֿאָרט אַ ייד מיטן גאָסציניעץ. הונגעריק איז ער. קאַלט איז אים. אָבער באַלד דאַרף זיין אַ קרעטשמע. דאָרט וועט מען קאָנען אונטערשפּאַרן דאָס האַרץ. קוים אַריינגעפּאַלן אין קרעטשמע:

— גוט ב'אָוונט, — גוט יאָר!

— עסן!

— אַ שטייגער, וואָס וויל אַ ייד?

— נו, אַ שטיקל פֿלייש.

— נישטאָ!

— אַ שטיקל פֿיש.

— נישטאָ!

— אַ גלאָז מילך.

— נישטאָ! די קו אַ יאַלעווע (מעלקט זיך נישט).

— אַן איי — די הינער לייגן נישט!

— אַ בולקע, אַ שטיקל קעז, קאַרטאָפֿל, אַבי גיט צום טיש.

— אוי אַ ייד אַ נאַשער — זאָגט די קרעטשמערקע — אַלץ ווילט זיך אים!...

דאָך איז די קרעטשמע, ווי געזאָגט, געווען אַ שטיקל פֿרייד און טרייסט בעת די מיילן־ווייטע נסיעות. עס פֿלעגט ווערן היימלעכער אונטער אַ דאַך ביי אַ יידן, פֿון וועלכן מען האָט זיך, אַגבֿ, געקאָנט דערוויסן, ווי האַלט עס אין שטאָט מיט מקחים, ווי איז ווייטער דער וועג, די בריק, דער טייך (וויאָסנע), די בלאָטעס אאַז"וו.

ווען עס איז געווען אַ קריסטלעכע חגא, פֿלעגן די דורכפֿאָרער טרעפֿן

אפט אין קרעטשמע „גרישקעס" (איגרישקעס — שפילן), פויערים און פויערטעס פלעגן דא פארברענגען, יונגע פלעגן טאנצן. ביי די רירעוודי־קערע יידישע דורכפארער פלעגט מסתמא געבוירן ווערן אפט א געדאנק, אז ס'וואלט נישט געשאדט אראפצווארפן דעם עול און זיך דורכטאנצן. ס'איז אין דעם פרט כאראקטעריסטיש א קרעטשמער־מעשה וועגן א רב, וואס פלעגט פארן „קאלענדעווען" (קלייבן ביי ישובניקעס פאר זיך פרא־דוקטן, געלט איז אויך געווען רעכט). ער איז אריינגעפארן אין קרעטש־מע בעת אזא „גרישקע". קומען צו נאך יידן אין קרעטשמע און זעען, ווי דער רב האט זיך געלאזט אין א האפקע מיט א שיקסע. נאך דעם, ווי דער רב האט באמערקט די יידן, איז ער צו זיי צוגעגאנגען און געגעבן זיי שלום.

— סטייטש רבי, — רופט זיך אפ איינער פון די אורחים — ווי פאסט עס פאר א רב צו טאנצן און נאך מיט א שיקסע?

— פארשטייט איך מיר, — פארענטפערט זיך דער רב — די פרנסה ברענגט מיט.

איז אפילו קשה, ווי קומט די פרנסה פון א רב צו א שיקסע. די מעשה איז אבער, וואס אין וועג, ביי אביסל בראנפן האט מען זיך מתיר געווען אין קרעטשמע דאס, וואס ביי אנדערע אומשטאנדן וואלט מען עס בשום אופן נישט געטאן.

די דארפסיידן, די קרעטשמער אריינגערעכנט, זענען געווען נאענט צו דער פויערשער באפעלקערונג. איבערגענומען פון זיי מינהגים, ווערט־לעך, לידער. אין יענע צייטן האט זיך נישט געפילט קיין האס, קיין אנ־טאגאניזם צווישן דער יידיש־דארפישער און פויערשער באפעלקערונג. ביי־דע האבן געמוזט איינע צו די אנדערע אנקומען. דער פויער האט געמוזט האבן דעם יידישן שמיד (אין דער ערשטער ריי), יידישן שניידער, שוס־טער, סטעלמאכער, קרעמער און קרעטשמער. דער דארפישער ייד האט גע־האלטן, אז „לעבן דארף מען צווישן גויים און שטארבן צווישן יידן". און דער גוי האט געהאט זיין שפרוך: „יאק בידא טא דא זשידא" (ווי נאר א צרה, וועט העלפן דער ייד). וועגן באיקאטן און פיקעטן האט מען דעמאלט נישט געוווסט...

פון דער אנדער זייט האט די נאענטקייט צו די גויים און דער מאנגל

אין יידישער מענער־יוגנט נישט זעלטן געפירט צו שמד און געמישטע חתונות. דערהויפּט ביי די קרעטשמערישע טעכטער.

„יונג בלוט שפּילט" און שקצים פלעגן לויערן אויף די דאָרפישע יידישע מיידלעך, וואָס זענען אַמאָל טאַקע אויך נכשל געוואָרן. אין פינצ־טערע נעכט פלעגן אַזעלכע מיידלעך זיך אַמאָל אַרויסגנבענען פון טאַטע־מאַמען און גיין אויף אַ „נאַצלעג" (נאַכט־פּאַשע פון די פערד אויף די לאָנקעס) צום געליבטן שייגעץ. און ווען דער שייגעץ האָט געהאַט ערנס־טע כוונות, פלעגן זיך שוין אַריינמישן גאָטספּאַרכטיקע פּריצטעס און סוף־כל־סוף, נאָך אַ ריי סקאַנדאַלן אין שטוב, פלעגט דאָס מיידל אַנטלויפן, אָפט נאָך צונעמענדיק ביים טאַטן אַביסל מזומנים. נאָכן אָפּשמדן פלעגט טרעפן, אַז דאָס מיידל פלעגט קומען אין זעלביקן דאָרף שוין נאָכן „שליוב" (חתונה) מיט איר געליבטן און באַזעצן זיך נישט ווייט פון די עלטערן. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס פאַלן פון שמד האָבן געטראָפן נישט זעלטן, פלעגן זיי אויפרודערן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג סיי פון נאָענטן שטעטל, סיי פון אַלע שכנים ישובניקעס. דעמאָלט פלעגט זיך אָנהייבן אַ סאָלידאַרער קאַמף פאַר „ראַטעווען אַ יידישע טאָכטער". ס׳פלעגן דער־לאַנגט ווערן ביטעס, מען האָט זיך געלאָזט קאָסטן, אָבער אין גרעסטן טייל פאַלן פלעגט גובר זיין דער קלער. צוליב אַזוינע געשעענישן פלעגן זיך פאַרערגערן די באַציאונגען צווישן יידן און פּויערים. אַמאָל פלעגט דער קאַמף געדויערן יאָרן. דער סוף פון די משומדתטעס איז געווען כמעט אַלע מאָל אַ ביטערער. „די ליבע" פלעגט זיך גיך אויסלעשן און דער מאַן האָט אָנגעהויבן צו דערמאָנען דעם ווייב איר „יחוס", פון ווערטער צו קלעפּ און עינויים.

איבעריקס, איז דער וועג פון יידישע משומדתטעס געווען באַקאַנט פון דער ליטעראַטור(קלאַסיש ביי שלום עליכמען אין „טוביה דער מילכיקער"). אומקערן זיך צום יידישן גלויבן איז אין רוסלאַנד דעמאָלט געווען אומ־מעגלעך. דער איינציקער אויסוועג איז געווען אַוועקשיקן אַזאַ בעל תשו־בהניצע קיין אַמעריקע, אין געהיים, דורך אַגענטן מאַכערס. דאָרטן פלעגן די משומדתטעס ווערן פרום און חתונה האָבן מיט יידישע בחורים. זעל־טענער פלעגן טרעפן אַזעלכע פאַלן מיט בחורים. אַ בחוריש־דאָרפיש גלייכ־

ווערטל זאָגט אַפילו, „אַז ס׳איז נישטאָ קיין מיידל — איז אַ שיקסע אויך אַ מיידל״, אָבער דאָס האָט זיך באַצויגן נאָר אויף דאָרפישן פלירט, קיין בחור האָט נישט געוואָלט האָבן קיין שיקסע פאַר אַ ווייב, דערצו האָבן דאָך די דאָרפישע בחורים אַביסל געלערנט יידישקייט און זענען געווען שטאַנדהאַפטיקער בנוגע דער יידישער אמונה.

„אַ בחור איז אַ קופּערנע פענדל, אָפּגעשייערט און ווייטער ריין״ — פלעגן זאָגן די מאַמעס פון אַביסל צעלאָזענע בחורים. דאָך זענען געווען פאַלן פון שמד צווישן יידישע בחורים און אַפילו „באַלעבעסלעך״. פאַרשטייט זיך, אַלץ נאָר אויפן ראָמאַנטישן באָדן.

די דאָרפישע יידן, די קרעטשמער האָבן געפילט די געפאַר, וואָס לויערט אויף זייערע קינדער און פלעגן זען אײַנהיטן זיי פון דער „מגפה״. מען האָט שטרענג געהיט כשרות. קינסטלעך האָט מען גערופן די שכנים מיט איבערגעדרייטע נעמען: שרץ, שרוצה; פון פאָטער — איז געוואָרן פּאָטערלאָ; מוטער — מוטערלאָ; שוועסטערלאָ אאַז״וו. חתונה — כאַס לעראָ; געשטאָרבן — געפאַלן; געבוירן — געפלאַמט; אין דעם איז אָבער נישט געווען קיין שום בייזוויליקייט, נאָר אַן אָפּווער־מיטל קעגן אַ שמד־מגפה, קעגן דער מעגלעכער אַסימילאַציע מיט אַרומיקן פויערישן ים.

ס׳זענען געווען זעלטן אויך הפקר־יונגען, וואָס האָבן זיך געהאַלטן ביי גוישע מינהגים און איגנאָרירט דעם יידישן ריטואַל („ערגער פון חזיר עסן״ שטאַמט אויך פון ישובניקעס, ווייל דאָס האָט שוין באַטייט אַ סוף צו יידישקייט).

דאָס ווייטערדיקע לידל גיט אַ בילדל פון אַ הפקר־יונג. דאָס לידל שטאַמט אַפילו פון צווייטן פערטל פון 19טן י״ה, אָבער עס איז געניג כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר אַ שפּעטערדיקער צייט. דאָס לידל האָב איך געפונען אין די זאַמלונגען פון ייוואָ (פאַרשריבן פון מ. בערנשטיין):

יאַנקע כאַימאָוויטש
שטאָ זאַפּיסאַן וו׳ סקאַזקיע
פּאָד נומעראָם טשידזעסציע פּיאַט,
טשעבאַ אָדאַטש זאַ סאָלדאַט.

יאָן טאַטע־מאַמע ניע סלוכאַ,
ציצות ותפילין ניע נאָשע
פאַנאַ באָגאַ ניע פּראָשע,
ניע סלוכאַ קאַהאַלאַ
ניע כצע יעסץ וו' שבת חלה.

אַ דאָ צימעס ס' גוסינים שמאַלצעם
אַ ני דאַטקנילסיאַ פּאַלצעם
יאַמו ליעפּיעי דאָ סמאַקו פשיפּאַדלאָ
סוויניע סאַדלאָ.

אַזעלכע יונגען פלעגן ערגעץ ווו „פאַרשווונדן ווערן", עס איז זיי געווען ענג צווישן יידן. דעם זין פון יידישן לעבנשטייגער און רעליגיע האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען. קיין טראַדיציע אַרום האָבן זיי נישט געזען. פלעגן זיי טאַקע ווערן „גויים גמורים", שמדן זיך אין „סלוזשבע", חתונה האָבן מיט גויעס און ווערן צעשמאָלצן אין רוסישן אָדער ווייסרוסישן ים. ס'פלעגט אָבער טרעפן, אַז אויך זיי פלעגן מיט דער צייט ווערן פרומע יידן, אויס־וואַנדערנדיק קיין אַמעריקע אין אַ סביבה פון „אַנשי שלומנו".

די עצם קרעטשמע — אַזוי האָבן געהאַלטן די יידן — פאַרדאַרבט נישט דעם גייסט פון יידן און מענטשן. „ס'איז אַ פּרנסה ווי אַלע פּרנסות". נאָר אַ שענק האָט נישט געהאַט גאָר קיין גוטן נאָמען. אַ „שענקערקע" איז אָפט געווען דער סינאָנים פון גראָבקייט און נישט צו גרויסער ער־לעכקייט, הגם עס איז געווען אַ שפּרוך, אפשר אַביסל אַ צביעותדיקער — מסתמא האָט ער טאַקע געשטאַמט פון שענקערישע קרייזן: „אַ גוטן מענטשן וועט דער שענק נישט קאַליע מאַכן, אַ שלעכטן וועט דער בית המדרש נישט פאַרריכטן".

קרעטשמער זענען געווען אין גרעסטן טייל זייער פרומע און אָרנט־לעכע מענטשן. נאָר אין זעלטענע פאַלן האָבן זיך קרעטשמער פאַרנומען מיט „לינקע זאַכן", ווי קאָנטראַבאַנד אָדער פאַסערייִ. אַזעלכע זענען גע־ווען (אין אַן אַדמיניסטראַטיוון קרייז) ממש אויף די פינגער איבערצו־ציילן. אַזוינע קרעטשמעס האָט מען געזען אויסצומיידן.

די פאַסעריי איז באַשטאַנען אין אויסבאַהאַלטן ערגעץ ווו געגנבעטע פערד (מיט אַ 40 יאָר צוריק איז אַנגעגאַנגען אַ גרויסער מסחר מיט פערד „אויף פרייסן" און דערביי האָט מען אויך די „לינקע פערד" געקאַנט לייכט „מבער זיין" קיין אויסלאַנד).

צווישן גויים זענען געווען פראָפעסיאָנעלע גנבים. אין די ליטווישע און ווייסרוסישע געגנטן זענען קיין יידישע פערד־גנבים לגמרי נישט געווען. אונטערהאַנדלען אָבער מיט דער סחורה האָבן עטלעכע „יידלעך" זיך יאָ דערלויבט. ס'זענען געווען אַפילו שטעטלעך, וואָס האָבן געהאַט אַ שלעכטן שם אין דעם פּרט. אין ליטע זענען, צום ביישפּיל, געווען באַקאַנט אַ פּאָר שטעטלעך, אין וועלכע ס'האָבן געוווינט פערד־הענדלער און צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן „נישט בראָקירט מיט לינק": דאָס זענען געווען „סטאָקלישקער קאָניוכעס" און „באַלטערמאַנצער קאָפּאַטשוקעס".

די קרעטשמער וואָלטן אין דעם דאָזיקן מסחר געקאָנט שפּילן אַ גרויסע ראָל, אָבער זיי האָבן עס נישט געוואָלט. בכלל זענען פערד־הענדלער כמעט ווי געווען פאַרהאַסט ביי דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. אַנדערש ווי „קאָניוכעס" האָט מען זיי נישט גערופן. זיי האָבן געהאַט אין זיך פיל ציגיינערישס, אַפּטע ליגנערס און נישט קיין ראַיעלע סוחרים.

די קרעטשמערס צוזאַמען מיט די אַרומיקע ישובניקעס אין די גרענעצן פון אַ „תחום שבת" האָבן זיך געהאַלטן נאָענט איינע צו די אַנדערע כמעט ווי איין משפחה. אויב דער אָרום האָט געקאָנט האָבן 10 מענער, אַריינרעכענענדיק אַלע בר־מצווה־יינגלעך — פלעגט מען שוין אין צענטער פון תחום שבת איינאָרדענען יעדן שבת אַ מנין. דאָרט, ווו יידן האָבן געוווינט אַביסל ווייטער פון תחום שבת, פלעגט מען פרעגן אַ שאלה ביים שטעטלשן רב, וועלכער פלעגט שוין נישט אַזוי מקפיד זיין אויף אַן איבעריקן וויאָרסט. אַבי יידן זאָלן דאַוונען בצבור און נישט פאַרגוויישט ווערן. מען פלעגט אין אַזעלכע פאַלן מאַכן אַן ערוב אויפן מיטן וועג. באַהאַלטן אין אַ פּוסטן בוים אַ כמו אכילה, שאַפן אַ רעליגיעזע פיקציע. דאָס שטעטל פלעגט שוין אויסלייען אַזאַ ישובניקשן מנין אַ ספר תורה („אַ ספר", „אַ ריינִיקייט"). צווישן די דאָרפישע יידן זענען נישט געווען קיין צופיל לומדים. אָבער שטענדיק האָט זיך צווישן זיי געפונען „ווער עס

זאָל דאַוונען ביים עמוד״ און בכלל זיין באַקאַנט מיטן גאַנצן שבת־יום־טובדיקן ריטואַל. אַפּטער פון אַלץ פלעגט דער מנין זיין אין קרעטשמע אָדער ביי אַן אַרענדאַר, ווייל די קרעטשמעס האָבן געאָגראַפיש מערסטנטייל פאַרנומען אַ צענטראַל אָרט. די קרעטשמעס האָבן געקאָנט אויסטיילן אַ באַזונדער צימער פאַר דעם מנין (זיי האָבן געהאַט גרעסערע רוימען). אויך ביי אַ רייך פאַרמעגלעכע אַרענדאַרן זענען געווען גרויסע הייזער. ס׳איז שוין געווען אַזוי איינגעשטעלט, אַז נאָכן שבתדיקן דאַוונען פלעגט דער באַלעבאָס פון הויז, וווּ דער מנין איז געווען, פאַרלייגן אַלע דאַוונער „מאַכן אַ ברכה״, ד״ה געבן כיבוד, שטעלן אַ פלאַש בראַנפן, קיכלעך, קאַלטע צימעס, אַמאָל אַ שטיקל הערינג, בכלל אכילות, צו וועלכע מען דאַרף זיך נישט וואַשן און איבער וועלכע מען מאַכט אַ ברכה „בורא מיני מזונות״.

צו ימים־נוראים פלעגט שוין אַזאַ מנין זיין צו איינפאַך, און אַלע ישובניקעס פלעגן פאָרן אין די שטעטלעך. דאָרט וווּ די ישובים זענען געווען נישט ווייט פון שטעטל, פלעגט מען טראָגן די „רייניקייט״ צו די הקפות אין שטעטל אַריין. דערין האָט גענומען אַנטייל דער גאַנצער מנין, ווי אַ קאָלעקטיוו.

די „רייניקייט״ האָט מען געהאַלטן אין אַ שאַפע, אָדער קאָמאָד, באַמיענדיק זיך, אַז דאָרטן זאָלן נישט זיין קיין פּאַסיקע קעגנשטאַנדן, ווי כלים, אַלטוואַרג. אין אויסנאַמפאַלן האָט מען דאָרט געהאַלטן ריינע וועש און בגדים.

ס׳פלעגן זיין צווישן די קרעטשמער און אַנדערע ישובניקעס אַ היפּש ביסל עם־הארצים, וועלכע האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם „פירוש המילות״, בכלל געווען שוואַך אין עברי. באַזונדערס פלעגט זיך עס אַרויסווייזן ביי „עפנטלעכע אַרויסטריטן״, ווי צום ביישפּיל, ביים זאָגן די פסוקים פון „אתה הריאת״, לייענען די הפטורה אד״גל, פלעגט שוין דאָס יונגוואַרג, וואָס האָט געלערנט ביי רביים אָדער אין חדרים, האָבן מאַטעריאַל אויף צו חוזקן. עס זענען טאַקע פאַראַן זייער פיל מעשות און אַנעקדאָטן, וואָס כאַראַקטעריזירן די עם־הארצות פון די ישובניקעס. אָט זענען אַ פּאָר ביישפּילן:

מען רופט אויף אַ ישובניקישן יינגל צו דער תורה, מאַכט ער אַ ברכה

„בורא פרי העץ‟, — רופט זיך אָפּ דער טאַטע (דער ישובניק): „אַ נישט געדאַכט זאָל ער ווערן, געוווינט אַלץ צו די בולבעס (איבער „בולבעס‟ דאַרף מען זאָגן: „בורא פרי האדמה‟).

אַ ישובניק זאָגט די הגדה און אַנשטאָט „נעם דעם כוס אין האַנט‟ — שרייט ער אויס: „נעם דעם פוס אין האַנט און זאָג לפיכך‟; אַ פליג האָט צוגעגעבן אַ פינטל און פון „כ‟ איז געוואָרן אַ „פ‟, און אַ ישוב־ניק פאַרשטייט נישט קיין קונצן.

ביים פסוק אין דער זעלביקער הגדה „תם (טאַם) מה הוא אומר‟ האָט זיך דער ישובניק פונאַנדערגעוויינט. „וואָס וויינסטו?‟, פרעגט אים זיין ווייב. — „ווי זאָל מען נישט וויינען, ווען מען דערמאָנט דיך! וואָס וועט מען ד אָ ר ט ן פרעגן?... („טאַם‟ באַטייט דאָרטן — אויף רוסיש).

אָדער אַזאַ מעשה. אַ דאָרפישער שמיד ווייס נישט ווי אָפּצוריכטן דעם סדר. שיקט ער דאָס ווייב צום קרעטשמער, וואָס איז געווען פאַר־רעכנט פאַר אַ שטיקל למדן, זי זאָל אַ קוק טאָן אין פענצטער און זען, ווי דאָרט גייט עס צו. דער קרעטשמער איז געווען אַ קפדן. צוליב אַ סיכסוך מיטן ווייב האָט ער זי גאָר געשלאָגן. די שמידערקע האָט דאָס דערזען, גייט זי אַהיים און שווייגט.

— נו וואָס רעדסטו נישט? — קיין שום תשובה. ביז דער שמיד איז אַרויס פון די כלים און מכבד געווען דאָס ווייב מיט קלעפּ. נו, זאָגט זי וויינענדיק, אַז דו ווייסט אַליין וואָס מען ט ו ט ביים סדר, וואָס זשע שיקסטו מיך נאָך צום קרעטשמער?

די ישובניקעס האָבן באַנוצט אויסדרוקן, אַזוי צו זאָגן, אין זייער נאַ־טורעלער פאָנעטיק. צום ביישפּיל: די טאָכטער פון אַ ישובניקישער מש־פּחה, וואָס איז געקומען אויף ראש השנה, קאָכט דעם מיטיק. די מאַמע דאַוונט אין עזרת נשים. קומט צו לויפן די טאָכטער און זאָגט צו דער מאַ־מען: „מאַמע, מאַמע, דער צימעס האָט זיך שוין צעקאָכט ווי ד־ק‟... ווערט די מאַמע אָנגעצונדן: „פּאַסקודניצע, ישובניצע דו איינע, אין אַ מקום קדוש זאָגן אַזאַ גראָב וואָרט, איך וועל דיר באַלד דערלאַנגען מיט מיין קרבן מנחה אַ זעץ, אַז דו וועסט זיך דאָ באַק־ן‟...

דאָס שטעטל לאַכט אויך אָפּ פון די ווייסרוסיש־יידישע ווערטלעך פון די ישובניקעס.

אַ ישובניק זאָגט פאַר פסח: „כלעביעץ, כלעביעץ אידזי פּאָד פּטאָ־לעץ, אַ מאַצאַ אידזי סיודאַ!״. נאָך פסח, אַן ענלעכן שפּרוך, בלויז אין אַ פאַרקערטן סדר.

אַ קרעטשמער, וועלכער איז אַרויסגעפאָרן אויף ימים נוראים אין שטעטל, האָט גראָד יאָ געקאָנט דאַוונען ביים עמוד. אָבער ער האָט פאַר־געסן דעם ניגון פון אַ וויכטיקער תפילה. שטייט ער ביים עמוד און שווייגט. הייבט אָן זיין ווייב פון עזרת נשים צו זינגען מיט דעם ניגון פון דער תפילה: „סיוואַיאַ האַלאָוואַ, דורנאַיאַ האָלאָוואַ, שטאָ טי סטאָיש קאָק דור־ראַ!״ דער בעל תפילה האָט אונטערגעכאַפּט די נגינה און עס איז שוין ביי אים אַוועק „ווי געשמירט״. אַזוי האָט אָפּגעשפּאָט דער שטעטלשער ייד פון ישובניק.

דער ישובניק, דער פּראַקטישער מענטש, דער אַרבעטס־מענטש, האָט אָבער אויך געהאַט גענוג מאַטעריאַל אָפּצולאַכן פון שטעטלשן למדן, ישיבה בחור, וואָס איז דער גרעסטער עם־הארץ אין נאַטור־דערשיינונגען. דער ישובניק האָט דערציילט, אַז דער שטאָטישער פרעגט, קומענדיק אויפן דאָרף: „אויף וועלכעביימער וואַקסן דאָ בולקעס און וועלכע קי לייגן דאָ אייער?״ אָדער ענלעכע שאלות. דער ישובניק האָט אויסגעלאַכט דאָס שטעטלשע ריידן אויף גוייש. ער דערציילט ווי אַ שטאָטישע „איידל־גע־פּאַטשקעטע״ פריילין, וועלנדיק ריידן רוסיש, זאָגט צו דער חברטע: „אידזים נאַ טויו לאַווו באָ טוטעי זונע ברענע״ (לאָמיר גיין אויף יענער לאַווע (טראָטואַר), ווייל דאָ ברענט די זון). אָדער אַ ישיבה־בחור וויל זיך אויסלערנען ריידן גוייש. פרעגט ער ביים ישובניק, ווי איז אויף פּויליש ציבעלע. ענטפערט ער אים „צעבוליע״. איצט, זאָגט דער אָרעם־בחור, ווייס ער שוין קענען ריידן פּויליש: וויבאַלד ציבעלע איז צעבוליע, איז בענקל — בענקוליע, שטיוול — שטיווּוליע, אַ היטל — היטוליע אאַז״וו.

דער ישובניק דערציילט אויך, אַז ווען ס׳איז צוגעשטאַנען דאָס פערד, איז אַראָפּ דער ישיבה־בחור פון וואָגן און האָט אַ שושקע געטאָן אויפן אויער דעם פערד: „אַ בער גייט!״ (דאָס פערד וועט זיך דערשרעקן און

אנהייבן צו לויפן...). הכלל, דער ישובניק האט נישט שטארק געהאלטן פון שטאט־מאן און שטעטלשן יחסן, פאררעכענענדיק אים פאר א לא־יוצלח, „א מלמד" וואס קען קיין זאך נישט, פוילט זיך, אדער שעמט זיך צו טאן א וועלכע עס איז פיזישע ארבעט. די ישובניקעס האבן זיך אויף אזא אדער אנדער אופן רעוואנשירט פון זייערע אפלאכער.

***

דער קרעטשמער, ווי געזאגט, האט געלעבט בשלום מיט דער ארומי־קער קריסטלעכער באפעלקערונג. די נאענטע פויערים האבן געהאט „קרע־דיט", דערביי פלעגן אפט די חשבונות געפירט ווערן אויף דער וואנט, בערך אויף אזא לשון:

האורילא קווארטירל יאש (י"ש)
די' (דימא) א האלבע
גענאסנט (גענתנט) 5 קאפ.

דער שרייב־מאטעריאל איז באשטאנען פון קויל אדער קרייד. קרעטש־מער, וואס זענען געווען שטיקלעך יודעי־ספר, פלעגן פירן „ביכער". אבער דער סדר פון די אויפשריפטן און זיין לשון איז געווען ענלעך צו דער וואנט־בוכהאלטעריע.

לקאזיוק נתתי א באריקלע ביר ושתי פלאש י"ש 1 רוב (רובל), קבלתי ממנו 1 פוד דגן, עשרה ביצים וחמשה פונט קא־דער (שמאטעס).

אשתי ערב שבת פ' וארה, לפעטרוק א חצי פוד קמח ואני להווייבערלא א פערטל נאפט 1 פלאש קוואס.

נאכן ליקווידירן די חשבונות, פלעגן זיי ווערן אויסגעמעקט מיט צוויי גרויסע שטריכן איינער איבער דעם אנדערן.

קיין קרעטשמער האט נישט געמאכט קיין גליקן, אבער מען האט ווי עס איז געלעבט. אגב, האט מען קיין גרויסע פאדערונג צום לעבן נישט געשטעלט („זונטיק בולבע, מאנטיק בולבע" — דאס באקאנטע פאלקס־לידל). א קו האט מען געהאט אן אייגענע. א שטיקל גארטן, אביסל קאר־טאפל פארזעצט אליין און אנדערע „ברכת הבית".

עס איז אָבער איינגעפירט געוואָרן דער בראַנפן־מאָנאָפּאָל און דער־לאַנגט אַ שטאַרקן קלאַפּ דער יידישער קרעטשמעריי. מען האָט געמוזט טיילווייז פאַרבייטן די פּרנסה פון בראָנפן מיט אַן אַנדער זאַך. פיל זענען אַריבערגעפאָרן אין שטעטלעך. זיך גענומען צו קרעמעריי. די יוגנט און מיטעלע האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע. ביז דער וועלט־מלחמה זענען נאָך קרעטשמער געווען אין אַ היפּשער צאָל. די מלחמה האָט זיי כמעט אַראָפּ־געשווענקט פון אויבערפלאַך און די אויפגעקומענע אויטאָבוסן־באַוועגונג האָט זיי געמאַכט עקאָנאָמיש פּאַר איבעריק. די דאָרפישע „ספּולקעס" און קאָאָפּעראַטיוון האָבן אַרונטערגענומען פון יידישן קרעטשמער אויך זיינע קליינע קרעטשמערישע פונקציעס.

יידישע קרעטשמעריי איז פולשטענדיק ליקווידירט.

דאָרפסהענדלער און קאַראַבעלניקעס

דאָס דאָרף האָט אויך געהאַט „לופט־מענטשן", יידן וואָס האָבן נישט געהאַט קיין באַשטימטע פּראָפעסיעס און געמסחרט — געקויפט און פאַר־קויפט אַלץ וואָס עס האָט זיך געמאַכט אונטערן האַנט. אין די ווייסרוסי־שע געגנטן האָבן זיי געהייסן „פּראַסלערס". זיי האָבן אויפגעקויפט דאָר־פישע פּראָדוקטן אין קליינע סכומען (אַגב האָבן די פּויערים נישט געהאַט קיין גרויסע קוואַנטומס): אין שפּעטיקן האַרבסט — זוימען, פלאַקס; ווינ־טער — תבואה; אין מיטן זומער — יאַגעדעס, פרישע אָדער געטריקנטע שוועמלעך; סוף זומער — אויבס; דורכן גאַנצן יאָר — חזיר־האָר, האָר פון פערדישע עקן אָדער גריוועס (אויף בערשט), וואַקס, האָניק, וואָל.

ס'רוב האָבן די הענדלער געהאַט פערד און אַ וואָגן און זיי זענען געפאָרן פון דאָרף צו דאָרף, פון פּויער צו פּויער. אויך אין די שטעטלעך זענען געווען אַזעלכע קליינע אויפקויפער. אַוודאי איז געווען צווישן זיי אַ קאָנקורענץ, „איינער איז געלאָפן איבער דעם אַנדערן", מען האָט געצאָלט העכערע פּרייזן — זענען די פאַרדינסטן געווען גאַנץ קליינע. די הענד־לער זענען געווען גרויסע קבצנים, און אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ „יאַזדע" מיט אַ צופעליקן פּאַסאַזשיר וואָס האָט געדאַרפט קומען פון שטאָט, איז דאָס געווען אַ צושפּרונג צו דער פּרנסה. ווען עס איז געוואָרן גאָר ענג,

האָט דער הענדלער געפירט „טאָוואַרנע״ האָלץ צו דער סטאַנציע פון נאָענטן וואַלד וואָס האָט זיך אויסגעאַרבעט אָדער שטיינער צו אַ שאָסיי וואָס האָט זיך געבויט.

צווישן די הענדלער האָט אויך געגאַלטן קצבות. מען פלעגט קויפן ביים פויער אַ שעפּס אָדער אַ קעלבל, אָדער הינער, און עס פירן אין שטעטל קוילענען און פאַרקויפן דאָס פלייש אויפן פונט. דער הינטער־חלק איז געווען פאַר די גויים און ער האָט געקאָסט וועלוועלער. האָט אַזאַ הענדלער נישט געהאַט קיין פערד, פלעגט ער טראָגן דעם שעפּס אָדער דאָס קאַלב אויף דער פּלייצע אין שטעטל אַריין. סוף ווינטער איז געגאַנגען גאַנץ לעבעדיק אַ מסחר מיט קעלבערנע פעלכלעך.

אַ גרעסערע ראָלע האָט געשפּילט דער מסחר מיט גענדז. צווישן סו־כות און חנוכה האָט דער הענדלער איינגעקויפט גענדז און זיי פאַרקויפט צו די סוחרים אין שטעט, וועלכע האָבן געהאַט טראַנספּאָרט־קאַנטאָרן און האָבן געשיקט די גענדז קיין פּרייסן. דער מסחר מיט גענדז איז געווען ברייט אַוועקגעשטעלט, און עס פלעגן אָנקומען פון אוקראַינע גאַנצע וואַ־גאָנען גענדז אויפן וועג קיין דייטשלאַנד.

דער „קאַראַבעלניק״ איז דער דאָרפס־הענדלער, וואָס דער עיקר פאַר־קויפט ער דעם פויער די סחורה פון שטאָט. ס׳רוב האָט דער קאַראַבעלניק געהאַט אַ פערד, אָבער עס זענען געווען „צופוסערס״ וואָס האָבן געשפּאַנט ברגלים מיט אַ קאָרב אויף די פּלייצעס (אָדער מ׳יט אַ פּאַק), און דאָרט איז געווען: זייף, שוועבעלעך, זאַלץ, נאָדלען, קנייפּלעכלעך פאָדעם און נאָך אַזעלכע נייטיקע סחורות פאַרן פויער. איבערהויפּט איז עס געווען אַ בייט־האַנדל, און דער קאַראַבעלניק פלעגט קריגן אייער, חזיר־האָר, אַנדערע לייכטע דאָרפישע פּראָדוקטן און פויערשע לייוונט צי וואָל. געביטן סחו־רות האָט מען אויך אויף שמאַטעס (קאָדער). די קאָדער איז געגאַנגען צו פּאַפּיר־פאַבריקן. די קאַראַבעלניקעס וואָס האָבן געמסחרט מיט שמאַטעס האָבן געהייסן „קאָדערניקעס״.

די גאַנצע וואָך איז דער קאַראַבעלניק אָפּגעקומען מיט שהי־פּהי, און גענעכטיקט האָט ער ביי אַ פויער אָדער ביי אַ דאָרפישן יידן. ער האָט זיך געשפּייזט מיט געבאַקטע בולבעס, געבאַקטע אייער (כדי נישט צו קאָכן

אין דעם גויס פענדל), מיט טרוקן ברויט, מיט אַ קעזל. אַמאָל האָט דער קאַראַבעלניק געפירט מיט זיך אַ מילכיק פענדל צו האָבן אַביסל מילכיק געקעכטס. דערפאַר אָבער איז נאָך ליבער געווען דער שבת. מען קומט פרייטיק באַצייטנס אַהיים, מען ברענגט אין שטוב אַריין אַ הינדל, עטלע־כע אייער, גרויפּן, אַ פישל, און דאָס ווייב קען מאַכן שבת. וווינט דער קאַראַבעלניק אין אַ שטעטל, גייט ער זיך אין מרחץ אַריין און דערנאָך להבדיל אין שול צו קבלת־שבת. עס איז אַ תענוג! אַפילו דער דאָרפישער קאַראַבעלניק האָט אויך אַ נחת־רוח פון זיין שבת.

צווישן די קאַראַבעלניקעס זענען אויך געווען יידן־לומדים און זייער פרומע. האָט מען מיט זיך מיטגעטראָגן אַ ספרל און אַריינגעקוקט אַהין, ווען דאָס פערדל האָט זיך געפּאַשעט, אָדער די פיס האָבן זיך פאַררוט, אָדער עס איז סתם נישט געווען וואָס צו טאָן. און אַ תהילימל צי אַ סי־דורל — דאָס האָט שוין כמעט יעדער קאַראַבעלניק געהאַט ביי זיך.

יונגען און מוידן

אין די 70־80ער יאָרן פון 19טן י״ה האָבן רייכערע ישובניקעס גע־האַט ביי זיך יידישע „יונגען". יונגען זענען געווען נישט קיין דערבאַקענע דאָרפס־בחורים וואָס האָבן צו קיין ספּעציעלער אַרבעט זיך נישט אויס־געטויגט, אָפט האָבן זיי אַפילו דאַווענען נישט געקענט. זיי האָבן געטאָן די שוואַרצאַרבעט: געטראָגן וואַסער פאַר די אַרבעטער אין פעלד, „גע־גאַנגען אַ גאַנג" פאַר דער באַלעבאָסטע, אונטערגעפיטערט פערד און אָקסן. דער יונג האָט געשלאָפן ערגעץ אין אַ ווינקל, זומער־צייט — אין היי־שייער. זיין געהאַלט איז קוים געווען 20־25 רובל אַ יאָר; עסן, קליי־דונג און אויך אַלטע שטיוול האָט אים געגעבן דער באַלעבאָס. אויף דער עלטער איז אַזאַ יונג געווען אַ קאַנדידאַט פאַר דער באַרימטער יידישער פּרנסה — גיין איבער די הייזער.

פון די אָרעמע יידישע פאַמיליעס אין די דערפער האָבן זיך רעקרוי־טירט די „דינסטן" פאַר די אַרענדאַרן, פאַר די מילנערס, פאַר שטעטלשע באַלעבאַטישע הייזער און פאַר די גרויסע שטעט. צו 16־17 יאָר פלעגט אַ מיידל זיך פאַרדינגען פאַר אַ יאָריקער דינסט. דאָס געצאָלט איז געווען

פון 30 ביז 50 רובל אַ יאָר. אַזאַ מויד האָט געאַרבעט ביזן עלטער פון 25־30 יאָר, און אויב זי האָט צונויפגעקליבן ביז אַ 100 רובל נדן, האָט זי דערנאָך געקענט חתונה האָבן מיט אַ בחור פון אַן אָרעמער דאָרפישער משפחה אָדער מיט אַ שטעטלשן בעל־מלאכה. שטעטלשע גאָר אָרעמע מיידלעך אָדער יתומות פלעגן אויך גיין דינען, ס׳רוב אין די גרעסערע שטעט.

זעלטן ווער פון די דינסטן האָט געקענט לייענען און שרייבן. מען האָט געאַרבעט פון פריען באַגינען (ביי די ישובניקעס — מעלקן די קי) ביז שפּעט אין אָוונט. קיין געזעצן האָבן נישט באַשיצט די גע־דונגענע אַרבעטער אין דאָרף אָדער אין שטעטל, איז אַלץ געווען אָפּהענ־גיק פון באַלעבאָס אָדער פון דער באַלעבאָסטע. געווען הייזער, ווו עס איז זיי געווען ביטער ווי גאַל; געווען אויך הייזער, ווו די דינסט איז געוואָרן אַן אייגענער מענטש און די באַלעבאָסטע האָט זי חתונה געמאַכט און גע־געבן מתנות מיט אַ ברייטער האַנט.

אַ ראָמאַן צווישן דער דינסט פון דעם באַלעבאַטישן זונדל אָדער אַן אורח האָט זיך געווײַנלעך זייער טרויעריק געענדיקט פאַר דער דינסט. אַ ליבע צווישן אַ שייגעץ און אַ דינסט האָט נישט זעלטן געפירט צו שמד. אַ שמד האָט אָפט אַרויסגערופן אַ גאַנצע מהומה: יידן האָבן נישט גע־זשאַלעוועט קיין געלט אָפּצוראַטעווען אַ יידיש קינד; אַלטע פריצטעס ווי־דער האָבן געהאַלטן פאַר זייער מצווה צו העלפן „ראַטעווען אַ זינדיקע יידישע נשמה" מיטן הייליקן וואַסער. עס פלעגט אַמאָל שיער נישט אויס־ברעכן אַ מלחמה צווישן יידן און גויים איבער אַ יידיש קינד וואָס האָט געהאַלטן ביים שמדן זיך. ווען עס האָט זיך איינגעגעבן אָוועקצושיקן אַן ערב־שמדניצע קיין אַמעריקע, איז געווען אָפּגעוואַשן די זינד. אַפילו משו־מדתטעס האָט מען געשיקט קיין אַמעריקע, וואָס דאָס האָט מכפר געווען אויף דער פאַרגאַנגענהייט: דאָ האָבן זיי געקענט חתונה האָבן מיט אַ בחור וואָס האָט נישט געוווּסט וועגן זייער יוגנט־זינד.

געשמדטע מענער זענען געווען אַ סך, אַ סך זעלטענער ווי געשמדטע פרויען. צווישן משומדתטעס זענען אויך געווען מומר־להכעיסניצעס, וואָס האָבן זיך גערייצט מיט זייער גוייִשקייט. אין די פאַלן וואָס איך ווייס

האָבן זיך געמישטע חתונות ס׳רוב געענדיקט זייער נישט גוט פאַר די געשמדטע פרויען: די ברענענדיקע ליבשאַפט איז גיך פאַרביי, דער מאַן און די זייניקע האָבן געהאַסט די יידישקע, און אַ פאַרשטויסענע פון אייגענע, איז זי פרי אַוועק פון דער וועלט צוליב קראַנקייט און עגמת־נפש, אָדער גאָר אַנטלאָפן פון מאַן און אַוועק איבער די הייזער, ווו מען האָט נישט געוווּסט ווער זי איז און פון וואַנעט זי שטאַמט.

אַרענדאַרן

גאָר צום סוף האָבן מיר געלאָזן דעם סאַמע טיפּישן מין ישובניקעס — די אַרענדאַרן. ווען מען האָט געזאָגט סתם ישובניק, האָט מען געהאַט אין זינען אַן אַרענדאַר אָדער אַ קרעטשמער.

די פּוילישע פּריצים האָבן געהאַט אין ליטע אָפט מער ווי איין מאַיאָנטעק. די אייגענע באַלעבאַטישקייט האָבן זיי געפירט נאָר דאָרטן, ווו זיי האָבן אַליין געוווינט. די אַנדערע גיטער האָבן זיי אָפּגעגעבן אויף אַרענדע יידישע און קריסטלעכע אַרענדאַרן. די יידן האָבן געצאָלט פּינקטלעכער און ראַיעלער, און די פּריצים האָבן בעסער געוואָלט האָבן צו טאָן מיט יידישע אַרענדאַרן איידער מיט גויישע. דער שטח פון די פאָלוואַרקעס אָדער גיטער וואָס מען האָט גענומען אין אַרענדע איז געווען פון 40 ביז אַ פּאָר הונדערט העקטאַר, אין זעלטענע פאַלן אויך מער.

די יידן האָבן באַצאָלט די אַרענדע אין פאָרויס, העכסטנס אין האַלביערלעכע ראַטעס. געווען פאַלן ווען מען האָט געדאַרפט געבן דעם פּריץ אַ סכום פּראָדוקטן („אָקצעפּציע"). דאָס רעכט פון דעם יידישן אַרענדאַר איז אָפט פאַרשמעלערט געוואָרן דורך דעם וואָס עס איז געווען אין קאָנטראַקט אַ פּונקט, אַז דער אַרענדאַר טאָר נישט פאַרקויפן קיין היי און קיין שטרוי (כדי עס זאָל בלייבן מער מיסט פאַר די פעלדער). די אַרענדאַרן האָבן אויך געמוזט האַלטן אַ געוויסע צאָל בהמות צוליבן זעלביקן טעם.

די יידישע אַרענדאַרן זענען געווען די אונטערנעמער. ס׳רוב האָבן זיי אַליין די ערד נישט באַאַרבעט, נאָר געדונגען „אָרדינאַרטשיקעס", „פּאַראַבקעס (יאָריקע אַרבעטער), וואָס האָבן באַקומען פאַר זייער אַרבעט אַ שטיבל צו וווינען, פּראָדוקטן, אַ שטיקל ערד אויף צו זייען קאַרטאָפל און

גרינוואַרג. זייער געהאַלט איז געווען פון 30 ביז 40 רובל אַ יאָר. די גאַנצע סיסטעם, די באַלוינונג, דער לאַנגער אַרבעטס־טאָג — דאָס אַלץ איז געווען איינגעשטעלט נישט פון די יידישע אַרענדאַרן, נאָר פון די פּריצים. דער סדר־העולם איז דעמאָלט געווען, אַז דער ערד־באַאַרבעטער האָרעוועט 16 ביז 17 שעה אַ טאָג און האָט קוים אויף צו דערנערן זיך. דאָס האָט זיך אַזוי געצויגן מקדמונים. די יידישע אַרענדאַרן זענען אָפּט אַליין געווען געדריקט, האָבן געלעבט אין אָרעמקייט און געדאַרפט שאַפן דעם גרויסן אַרענדע־אָפּצאָל ביי די זייער וואָלוועלע פּרייזן אויף פּראָדוקטן.

אַנדערע אַרענדאַרן האָבן אָפּגעגעבן די ערד צו „פּולאָווניקעס" („העלפטיקע"), ד"ה צו פּויערים וואָס האָבן געהאַט אַן אייגענע באַלעבאַטישקייט און אַן אייגן פערדל, און יענע האָבן באַאַרבעט די ערד און געטיילט זיך מיטן אַרענדאַר העלפט אויף העלפט מיט אַלע באַקומענע פּראָדוקטן. דאָס „אויסטאָן" (באַאַרבעטן) די פעלדער מיט אייגענע אַרבעטער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ בעסערערווירטשאַפט ווי מיט דער הילף פון „פּולאָווניקעס", מחמת יענע האָבן באַאַרבעט די פעלדער זייער אָפּגעלאָזן.

צווישן יידישע אַרענדאַרן האָבן זיך אויך געפונען גוטע אָרגאַניזאַטאָרן, זייערע פעלדער זענען געווען גוט אויסגעאַקערט, אויסגעבראָנעוועט און אין דער ריכטיקער צייט פאַרזייט, און זעלטן האָט ביי זיי אַ שטיק ערד געפּוסטעוועט. זיי האָבן אויך געהאַלטן אַ היפּשע צאָל בהמות און פערד (ביזן סוף 90ער יאָרן האָט מען געאַקערט מיט אַ סאָכע, געשלעפּט פון אַ פּאָר אָקסן; דערנאָך איז מען אַריבער צו אייזערנע אַקערס, געצויגן פון איינעם אָדער צוויי פערד). די בעסערע אַרענדאַרן האָבן גוט געמיסטיקט די פעלדער און טאַקע געקראָגן בעסערע גערעטענישן. עס זענען אָבער אויך געווען אַרענדאַרן וואָס האָבן וויייניק פאַרשטאַנען ווי צו באַלעבאַטעווען, זיי האָבן זיך פאַרלאָזט אויף די „העפּטיקע", נישט געהאַט געגנוג בהמות, און האָבן לאַנג נישט געקענט זיך האַלטן אויף די פּאַלוואַרקעס. זיי זענען אַוועק, ווי מען פלעגט עס זאָגן, מיטן בייטש־שטעקל, ד"ה אָרעם און ליידיק, אָן דעם אַלעם וואָס זיי האָבן אַריינגעבראָכט אין דער אַרענדע.

דאָס גאַנצע געזינד פֿון אַרענדאַר האָט געאַרבעט ביי פֿאַרשיידענע צווייגן פֿון דער באַלעבאַטישקייט. די פֿרויען האָבן זיך פֿאַרנומען מיטן מעלקן די קי, מיט זייערן די מילך, מאַכן קעז, שלאָגן פּוטער. זיי האָבן אויך געפֿירט דעם גאָרטן, אויפֿגעפּאַסט אויפֿן פֿאַרזעצן צו דער צייט דאָס גרינוואַרג, באַגאָסן די בייטן, אַראָפּגענומען די גרינסן. און ועל כולם האָבן די פֿרויען געקאָכט דאָס עסן פֿאַר דער אייגענער משפּחה און פֿאַר די טאָג־אַרבעטער, פֿאַר די יאָריקע אָנפּאַמיליע־אַרבעטער. זיי האָבן אויך געדאַרפֿט קנעטן און באַקן ברויט, האָדעווען די הינער, אויפֿפּאַסן אויף די קאַטש־קעס ביים וואַסער. אַוודאי האָבן דאָ אַרויסגעהאָלפֿן די עטלעכע קינדער וואָס זענען געווען אין דער היים און די דינסטן. די שטוביקע אַרבעטן האָבן זיך קיינמאָל נישט אויסגעשעפּט — איין אַרבעט האָט אָנגעיאָגט די צווייטע. די פֿרויען האָבן געטאָן אַן אמתע עבֿודת־פּרך פֿון פֿאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט. פֿון פֿאַרמישן פֿאַר די קי „סעטשקע" מיט „מעקע־נע" אין הייס וואַסער און אַריינבראָקן אַהין בולבעס — ביז שפּינען וואָל און פֿלאַקס און שטריקן און אַליין אַרומנייען דאָס גאַנצע הויזגעזינד: אַלץ איז געווען די אַרבעט פֿון דער פֿרוי! און דערצו נאָך האָט מען געהאַט אַ פּעקל קינדערלעך, זאָלן געזונט זיין. ס'איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן, ווי אַזוי מען האָט דאָס אַלץ באַוויזן צו טאָן. די פֿרויען זענען געווען אמתע העלדן פֿון אַרבעט, וואָס מען האָט זיי נישט דערשאַצט ווי עס געהער צו זיין.

דער אַרענדאַר אַליין איז מערסטנס געווען אויפֿן פֿעלד. ער האָט אויפֿגעפּאַסט אויף די אַרבעטער. די קליינע קינדער האָבן געפּיטערט די פֿערד און בהמות, בעת די אַרבעטער האָבן געגעסן זייערע מאָלצייטן. בשעת הדחק איז די גאַנצע פֿאַמיליע מאָביליזירט געוואָרן. דאָס איז גע־ווען בעתן היי־ און קאָרן־שניט. יינגלעך און מיידלעך האָבן צונויפֿגעטראָגן די סנאָפּעס און געשטעלט זיי אין „מענדלעס" (סטויגן), געקערט דאָס היי, עס זאָל זיך בעסער טריקענען, און „צונויפֿגעגראַבעט" (צונויפֿגע־שאַרט) עס אין קליינע קופּעס. בשעת עס האָט „געוויזן אויף רעגן" און אויף די פֿעלדער זענען גראָד געשטאַנען טרוקענע סנאָפּעס, האָט מען עס אויך גיך געדאַרפֿט אַריינפֿירן אין „אָדרינעס" (היי־שייערן) און אין תבֿואה־

שייערן. אין אזא צייט האבן די יינגלעך נישט געלערנט ביים הויז־רבין, און אפילו דער מלמד גופא האט געדארפט פארשארן די פאלעס און זיך נעמען צו דער ארבעט: צוטראגן סנאפעס צום וואגן, העלפן אויסלאדן דעם וואגן און אפילו שארן היי.

דער איינציקער טאג, ווען מען האט געקענט „זיך פאררוען", איז געווען שבת. די יידישע פרויען האבן דעם טאג די קי נישט געמאלקן — די גויעס האבן עס געטאן — און בכלל געקומען אביסל צו זיך נאך דער שווערער וואך. שבת האט מען זיך פארגונען צו שלאפן נאכן טשאלנט, און זומער־צייט האט מען זיך אנגעטאן נאך א פארגעניגן: נאך מיטיק מאכן א שפאציר איבער די פעלדער. דער ארענדאר מיט ווייב און קינדער איז זיך געגאנגען איבער די אייגענע לאנקעס און פעלדער, באטראכט די גערעטעניש און טאקע אויך אנגעקוואלן פון גאטס שיינער וועלט, פון די פעלדער מיט דער וואקסנדיקער תבואה, און זיך געריכט אויף א גוט יאר.

דעם ארענדארס משפחה האט אין דער וואכן געגעסן זייער „פראסט". „זויערס" (בארשטש), איז געווען דאס הויפט־געקעכטס, דאס האט מען געגעסן צוויי מאל א טאג. דערצו האט מען נאך געקאכט פערלגרויפן (גרויסע), „פוסטע פיש" (קארטאפל געטושעט מיט מילך, סמעטענע און ציבעלע), קאשע, אין זעלטענערע פאלן האט מען געמאכט לאטקעס פון „ראשטשינע" (זויערטייג פאר ברויט), פון גריקענע (רעטשענע) מעל און א „פריווארעק" (מעל פון געמישטע תבואות: ארבעס, גערשטן, גריקע, קארן). אויף וועטשערע האט מען געקאכט פארפל מיט מילך (מעל פארקנאטן אויף וואסער). א שטיקל פלייש אין דער וואכן האט מען זעלטן ווען געהאט, נאר אויף שבת פלעגט מען עס ברענגען פון שטעטל. אבער סוף ווינטער האט מען געהאט אייגן פלייש: כידוע קעלבן זיך די קי אין בערהויפט אין מיטן און סוף ווינטער. און א קעלבל פלעגט מען קוילען פארן אייגענעם באנוץ און דערביי איינזאלצן דאס פלייש, עס זאל זיין אויף א לאנגער צייט. אין דער צווייטער העלפט זומער האט מען געפירט א שעפסל צום שוחט, און פלייש האט זיך „דורכגעווארפן" אויף דורך דער וואך.

צו די ארענדארן פלעגן אפט קומען די שטעטלשע יידן זיך באזארגן

מיט פּראָדוקטן אָדער סתם זיך אָפּשטעלן, פֿאַרנדיק ערגעץ. מען האָט גע־וווסט, אַז ביים אַרענדאַר וועט מען אַלעמאָל קריגן אָפּצווסן און אַ נאַכט־לעגער — זומער אין היישייער. עס פֿלעגן קומען צום אַרענדאַר די וואַנ־דערנדיקע יידישע אַרעמעלייט און די קריסטלעכע בעטלערס, און אַלע האָבן דאָרטן זאַט אָפּגעגעסן. מען האָט אויך געקענט קריגן אַלטע וועש, אַן אַלטן בגד.

אַ גרויסע זאָרג ביי די ישובניקעס איז געווען דאָס לערנען די קינ־דער. מען האָט געמוזט ווי נישט איז זיך געבן אַן עצה כדי צו דערהאַלטן די קינדער ביי יידישקייט. ווען דאָס שטעטל איז געווען נאָענט, פֿלעגן יינגלעך גיין אין די זומערדיקע זמנים אַלע טאָג צו די שטעטלשע מלמדים. ווען אָבער דאָס שטעטל איז ווייט און עס וווינען בשכנות עטלעכע ישוב־ניקעס, נעמט מען זיך צונויף און מיט בשותּפֿותדיקע כּוחות ברענגט מען אַראָפּ אַ מלמד פֿון שטאָט. דער מלמד איז ס׳רוב געווען נישט קיין חתונה־געהאַטער, אַן אַ משפּחה, אָדער סתם אַ לאָ־יוצלח וואָס האָט זיך נישט אויסגעטויגט אויף קיין אַנדער אַרבעט חוץ ישובניקעשער קנעלונג. ביי איין ישובניק וואָס האָט געהאַט מער פּלאַץ ווי די אַנדערע האָט מען איינ־געאָרדנט דעם חדר. די נאָענטערע ישובניקעשע קינדער פֿלעגן אַלע טאָג (אַפֿילו ווינטער־צייט) קומען צו גיין, די ווייטערע זענען שוין איבערן זמן געבליבן ביים ישובניק, ווו עס איז געווען דער חדר, און דאָרטן האָבן זיי געגעסן און געשלאָפֿן צוזאַמען מיטן מלמד. דער אָפּצאָל פֿאַר אַזאַ קעסטקינד איז געווען גאָר אַ קליינער. דער מלמד האָט געלערנט: עברי, חומש, תנ״ך, אין זעלטענע פֿאַלן גמרא, און אויך שרייבן יידיש לויטן בריוון־שטעלער. אַמאָל האָט מען אויך געלערנט אַביסל צעבראָכן רוסיש. קיין גרויסע לומדים זענען די ישובניקעשע קינדער נישט געוואָרן, כאָטש דער מלמד האָט זיך געזידלט „פֿויערשער קאָפּ״, „יורקע״ אָד״גל ווי אויך מכבד געווען מיט פּעטש, געצויגן פֿאַרן אויער און אַמאָל אויך געפּאַסע־וועט מיט אַ רימען. מיידלעך האָט מען געלערנט אַביסל שרייבן און עברי. די רייכע ישובניקעס האָבן שוין געקראָגן פֿאַר זייערע קינדער מער וועלט־לעכע לערער, מיט אַ בילדונג פֿון 3־4 קלאַסן גימנאַזיע. אַזאַ לערעריי האָט שוין געטראָגן מער אַ מאָדערנעם כאַראַקטער: מען האָט געלערנט רוסיש

און געגרייט די תלמידים אָפּצוגעבן זיי אין שטאָט אין אַ „קלאַס". דאָס געהאַלט פֿאַר די מלמדים איז געווען פֿון 30־40 ביז 75 רובל אַ זמן, פֿאַרשטייט זיך מיט באַשפּייזונג, וועש און דירה.

ישובניקעס האָבן ביי די שטעטלשע יידן געהאַט אַ שם פֿאַר בורים, עם־הארצים גמורים. אָבער עס זענען אין דער אמתן געווען אויך אויסנאַמען: מיר ווייסן, אַז אַ צאָל יידישע שרייבער וואָס שטאַמען פֿון ליטע זענען געווען ישובניקשע קינדער.

דער אונטערגאַנג פֿון די דאָרפֿישע יידישע פּרנסות

די צאָל דאָרפֿישע יידן איז געווען אַ גאַנץ היפּשע. יעדער שטעטל האָט געהאַט אַרום זיך נישט ווייניקער ווי אַ פּאָר צענדליק יידישע פֿאַמיליעס וואָס האָבן געוווינט אויפֿן דאָרף און אַמאָל אַפֿילו מער. בכל אופֿן, אַז די דאָרפֿס־יידן זענען געקומען אויף די ימים־נוראים אין די שטעטלעך, זענען די בתי־מדרשים געווען געפּאַקט. לגבי שבתים פֿון אַ גאַנץ יאָר פֿלעגט צוקומען אַ דריטל אָדער ערטערווייז אַפֿילו אַ העלפֿט. אין די שטעטלשע געסלעך איז ערב ראש־השנה געווען גאַנץ טומלדיק פֿון די אָנגעפֿאָרענע ישובניקעס, מיט זייערע פֿורן, מיט אַלע בני־בית און די בעבעכעס וואָס זיי האָבן מיטגענומען.

די צאָל דאָרפֿישע יידן האָט אָנגעהויבן שטאַרק זיך צו פֿאַרקלענערן סוף 19טן און אָנהייב 20סטן י"ה. קודם כל האָט זיך אין די נײַנציקער יאָרן פֿאַרשטאַרקט אין דער פּראַקטיק די גזרה קעגן וווינען אין דערפֿער — מען האָט די אַזוי גערופֿענע „נאָוואָסעלצעס" (די וואָס האָבן געוווינט דאָרטן ווייניקער ווי 20־25 יאָר) גענומען טרייבן, און די „ספּראַוווניקעס" (איספּראַווניקעס), די פּריסטאַוון און די אוריאַדניקעס האָבן אָט די „נאָוואָסעלצעס" פֿאַרביטערט די יאָרן. האָט זיך אַמאָל איינגעגעבן אָפּצוציען דעם גירוש אויף אַ פּאָר חדשים אָדער אַפֿילו אויך יאָרן, האָט מען געמוזט דערביי אָנקומען צו דעם רוסישן „האַבעאַס קאָרפּוס" — צו אַ „וזיאַטקעלע" (כאַבאַר). אָבער נישט זעלטן האָט פּאַסירט, אַז עס האָט זיך נישט געלאָזט אָפּציען. שטרענגע באַפֿעלן פֿון גובערנאַטאָר אָדער אַזש פֿון פּעטערבורג האָבן געמאַכט אַ סוף צום לעבן אויפֿן ישוב, אָדער עס האָט זיך

געמאַכט אַ פֿרישער צורר וואָס פלעגט „נישט נעמען" — און מען האָט געמוזט צונויפקלייבן די בעבעכעס און נעקר ווערן. אַמאָל פלעגט דורכפאָרן סתם אַ רשע, אַ הויכער באַאַמטער, וואָס האָט אייגנטלעך נישט געהאַט קיין דירעקטע שייכות צו ווינרעכט פון דאָרפישע יידן, אָבער עס איז געווען געגוג, יענער זאָל אָנשרייבן וווהין מען דאַרף, אַז די דערפער זענען פול מיט יידן „וואָס זויגן דאָס בלוט פון די פויערים" — האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע סדרה „אָטסראָטשעטע" (אָפגעלייגטע) גירושים. אַמאָל האָט אַ מסירה פון אַ קאָנקורענט געמאַכט אַ סוף צו אַ דאָרפישער פרנסה פון אַ יידן.

די רעגירונגען פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן און פון ניקאָלאַי דעם צווייטן האָבן בדרך־כלל זיך שטרענג געהאַלטן ביי דער פאָליטיק פון באַגרענעצן אָדער אינגאַנצן פאַרבאָטן יידן צו וווינען אין דערפער און ישובים. נאָר כּאַבאַר האָט אויפגעהאַלטן דעם יידן אין דאָרף. אָבער ביי אַזאַ מצב האָבן די דאָרפס־יידן זיך כסדר געצויגן אין שטעטל אַריין. עס איז גאָר קיין רייד נישט געווען, אַז אַ שטעטלשער ייד זאָל זיך איבערקלייבן אין אַ דאָרף. אַפילו איבערקלייבן זיך פון איין דאָרף אין צווייטן איז געווען פאַרווערט אויך פאַר די וואָס האָבן געהאַט די כלומרשטע רעכט צו וווינען צוליב דעם וואָס זייערע אבות־אבותינו זענען געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן אין דערפער. ביי אַזאַ באַציאונג מצד דער מאַכט האָט מען אויסגעקוקט אויף דער געלעגנהייט אַריבערצופאָרן אין די שטעטלעך אָדער צו עמיגרירן. פון די דערפער האָט זיך געצויגן אַ שטאַרקער עמיגראַנטן־שטראָם קיין אַמעריקע און אַפריקע. כמעט דער גאַנצער ייִנגערער דור און אַפילו עלטערע מענטשן האָבן זיך אַ הייב געטאָן פון די איינגעזעסענע דערפער און זיך געלאָזט אין די מרחקים אַריין.

דער מאָנאָפאָל אויף בראָנפן (1897) האָט אַרויסגעריסן טויזנטער קרעטשמער פון זייערע איינגעזעסענע ערטער. אין די דערפער האָבן אָנגעהויבן זיך באַווייזן מער קריסטלעכע בעלי־מלאכות: שמידן, אַפילו שניידער. דער ייד האָט שוין נישט געקענט ביישטיין אַזאַ נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ.

דעם לעצטן קלאַפּ דער יידישער דאָרפישער באַפעלקערונג האָט גע־

געבן די ערשטע וועלט־מלחמה. אַ סך יידישע היימען זענען בעת די שלאַכטן פאַרברענט געוואָרן, מען האָט פון אַ סך ערטער געמוזט אַנטלויפן קוים מיטן לעבן. פון קאָוונער גובערניע זענען די יידן פאַרטריבן געוואָרן דורך דער צאַרישער מאַכט. ווען די פּליטים האָבן זיך צוריקגעקערט אין די דערפער, האָבן זיי שוין קיין זאַך נישט געפונען. די דאָרפישע באַפעלקערונג איז געווען פאַראָרעמט, מען האָט שוין קוים געקאָנט מאַכן חיונה אין דאָרף. דערצו איז צוגעקומען די פּאָליטיק פון די ניי־אויפגעקומענע מלוכות, פון ליטע און פון פוילן, וואָס איז אויך געווען געווענדט קעגן דעם דאָרפס־יידן. אין ליטע ווידער איז דורכגעפירט געוואָרן אַ ברייטע אַגראַר־רעפאָרם, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז קאָמפּאַקטע דערפער האָבן אויפגעהערט צו עקסיסטירן, די פּויערים זענען אַרויס אויף איינצלנע ווירטשאַפטן. עס זענען געבליבן נאָר געציילטע דערפער. בכל־אופן איז שוין נישט געבליבן קיין אָרט פאַרן יידן אין דאָרף. די רעגירונג האָט אָנגעהויבן צו שטיצן און צו אַנטוויקלען פּויערשע קאָאָפּעראַטיוון וואָס האָבן אויפגעקויפט אַלע פּראָדוקטן. דער מעמד פון פּויער האָט שפּעטער זיך גענומען הייבן, און די פריערדיקע דאָרפישע יידישע בעלי־מלאכות האָבן אים שוין נישט באַפרידיקט. די אַלע סיבות און נאָך אַנדערע ווייניקער וויכטיקע האָבן געפירט דערצו, אַז דער דאָרפישער יידישער עלעמענט איז כסדר געפאַלן און ביי דעם אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער אַזוי גוט ווי נישט געווען.

עס איז פאַרשוווּנדן אַ שטיק לעבנשטייגער וואָס האָט געהאַט הינטער זיך דורות יידישע טראַדיציע*.

געדרוקט אין „פון נאָענטן עבר״, נומ׳ 1 און 3, וואַרשע, 1937 און אין „ייוואָ־בלעטער״, ב׳ 22, ניו־יאָרק, נאָוועמבער־דעצעמבער, 1943.

---

* וועגן דעם שטייגער לעבן פון שטעטלשע און דאָרפישע יידן — זע מיינע אַרטיקלען: 1) „אַ ליטוויש שטעטל (אין לעבן און ציפער)״, פנקס פון יעקאָפּאָ: אויף די חורבות פון מלחמות און מהומות, ווילנע 1931; 2) „די דייטשן אויף די ערטער (ערשטע וועלט־מלחמה)״ און „אין די אַפּריל־טעג 1919״, פנקס פון היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט, ווילנע, 1923; אויך די דערמאָנטע אַרטיקלען „פאַרשווּנדענע יידישע פּרנסות״, פון נאָענטן עבר, 1937—1938 און סעריעס רייזע־אַרטיקלען, ווילנער טאָג, 1921—1924: „דאָרטן ווו ס׳רעגירן גלחים״, „אויף יענער זייט גרענעץ״ א״אַ.

אכילות ביי יידן אין ליטע

די גרעסטע טייל פון לעבן ביי אַ דורכשניטלעכן ליטווישן יידן איז געווען פאַרנומען מיט דאגות פרנסה, אָבער רוחניות האָט פאַרנומען אַ גרויסן אָרט אין גאַנצן לעבן. פאַרן גשמיות איז געווען ווייניקער צייט. אָבער „די נשמה קען מען דאָך פאָרט נישט אויסשפּייען", האָט מען גאַנ־טירלעך געמוזט עסן. אָבער „אָפּגעלייגט" אויף דעם איז מען נישט געווען. אַזוי, אַז אַ שטענדיקע צייט אויף צו עסן — איז זעלטן ווו געווען. מען האָט געגעסן, ווען עס איז געווען צייט, „ווען ס'מאַכט זיך" אָדער „אין צווישן געכאַפּט אַ ביס", אָבער נישט ביי אַלעמען איז געווען תמיד וואָס צו בייסן... ביי אַ גאַר היפשער צאָל פאַמיליעס פון עמך איז דאָס געווען אַ פּראָבלעם.

דאָס עסן איז געווען זייער אייגפאַך. עס איז געווען באַזירט אויף צוויי הויפּט־אַרטיקלען — שוואַרצן ברויט און בולבעס. דער דריטער אַר־טיקל איז געווען „זויערס", דאָס מיינט בוריקעס (באַרשטש), קרויט, שטשאַוו.

דער ליטווישער ייד, וואָס איז געווען אָפּט אַ „קיבעצער" לגבי זיך, — האָט געשמייכלט אין באָרד אַריין איבער זיך אַליין, — האָט מיר דער־ציילט אַ מעשה וועגן אַ ישובניק, וואָס האָט אין דער פרי ערב יום־כיפּור געגעסן אַ יום־טובדיקן מאָלצייט: הון, קרעפּלעך און צימעס. דאָס ווייב פרעגט אים, צי ער איז צופרידן מיט די מאכלים. „אַוודאי, ענטפערט ער, אָבער אַן אַביסל זויערס בין איך גאָר קיין מענטש נישט".

דער ישובניק איז געווען די צילברעט פון אַ סך ליטווישע וויצן. אין דער אמתן האָט דער ישובניק ביז פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַר־נומען אַ היפשן „סטאַטיסטישן" אָרט לויט דער צאָל אין ליטע און ער האָט צוגעגעבן אַ ספּעציעלן קאָליר דעם ליטווישן יידנטום. אָבער זויערס איז געווען אַ מאכל ביי אַלע ליטווישע יידן, אפשר ווייל עס איז געווען

דער ביליקסטער צוטריטלעכער זופּ און דער „איינציקער אַפּעטייזער" אויסער אַ הערינג, וועלכן ליטווישע יידן האָבן זיך געקענט דערלויבן.

זויערס האָט מען געגעסן צום „אָנבייסן", וואָס אין ליטע האָט עס גע־מיינט אי פּרישטיק אי „כמו־מיטיק" צוזאַמען, ווי אין אַמעריקע איז עס ברעקפעסט און לאַנטש. אין ליטע האָט מען ווייניק זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון ווי דער באַטרעפנדיקער מאָלצייט הייסט. מען האָט בכלל נישט מקפּיד געווען, אַז דער „טיים־טייבל" זאָל זיין אויסגעפירט מיט אַלע הידורים: „אַ דאגה — אַבי מען עסט און עס איז דאָ וואָס צו עסן".

דאָך איז דער „אָנבייסן" געווען דער צענטער פון „שפּייזן דעם זינ־דיקן גוף". זויערס האָט מען געגעסן מיט ברויט און בולבעס. פרילינג איז עס געווען שטשאַוו („שטשאַווי"), פאַרווייסט מיט אַביסל „מאַגערע סמע־טענע" אָדער זויערמילך. אין מיטן זומער פלעגט מען שוין קאָכן באָטש־ווינע (בלעטער פון בוריקעס) געמישט מיט שטשאַוו (וואָס האָט געגעבן די נאַטירלעכע זויערקייט). אַ סך באַלעבאָסטעס האָבן געמאַכט אייגענעם קוואַס פון פאַרמישטע אין וואַרעמען וואַסער קאָרענע מעל. דאָס וואַסער פלעגט ווערן באַזאַלצן, און נאָך אַ טאָג־צוויי שטיין אין דער וואַרעם פלעגט עס ווערן זויער. אין דעם קוואַס האָט מען געקאָכט די באָטווינע. סוף זו־מער האָט מען שוין גענומען „ניצן אַ גאַנצן בוריק", צעברעקלענדיק אים אין די באָטווינע. ביי די גאָר גוטע באַלעבאָסטעס איז דאָס זויערס געווען באַטעמט. „ווי ווייַן" פלעגן זיי זיך אָפּט באַרימען. ביי אַנדערע איז עס געווען „נישט אַזוי" און ביי קנאַפּע באַלעבאָסטעס איז עס געווען „גאָר אָן אַ טעם" אָדער געהאַט „אַ טעם פון חלשות". פון לעצטן מין איז געווען ווייניק. די טראַדיציע, די פּראַקטיק און די אָנווייזונגען פון שכנטעס האָבן געהאָלפן שאַפן אַ גוטן נאַרהאַפטן פּראָדוקט. דאָס זעלביקע קאָן מען זאָגן וועגן „שטעלן בוריקעס" און „זייערן קרויט" אויף ווינטער.

ניינציק פּראָצענט באַלעבאָסטעס האָבן זיך פאַרגרייט מיט די לעצ־טע צוויי פּראָדוקטן. געווייינלעך פלעגט מען קרויט „שאַטקעווען" (שאַט־קעווען ווי אין קרויט) עטלעכע וואָכן נאָך סוכות, ווען עס פלעגן אָנקומען לייכטערע פרעסטלעך, האָט מען דאָס קרויט שוין געמוזט אַרונטערנעמען פון גאָרטן, ווו עס פלעגט זיך „אויסשטיין" — נישט געוואַקסן, אָבער גע־

וואָרן שטייפּער און פעסטער פאַר פּרעזערוויר־צוועקן. דאָס זעלביקע איז געווען מיט בוריקעס.

פאַרן שאַטקעווען פלעגט מען פון דעם קרויט אַראָפּנעמען אַלע גרינע בלעטער, בפרט אויסשניידן די ערטער, וואָס זענען געווען דורכגעלעכערט פון ווערעם. דער עיקר האָט מען געדאַרפט בודק זיין, אַז עס זאָל זיך חס וחלילה נישט אויסבאַהאַלטן ווו עס איז אַ קרויט־וואָרעם, וואָס קען פּסול מאַכן דעם גאַנצן „געשטעל" פון קרויט. געוויינלעך פלעגט מען אין יידי־שע הייזער פאַרבעטן פריינד, שכנות צו העלפן שאַטקעווען. געשאַטקע־וועט האָט מען מיט מעסערס, און פאַר אַ גרויסער געזינט פלעגט מען „שטעלן" אָפּט אַ פּאָר היפּשע פעסער (טונען) קרויט. ס'איז געווען נישט קיין לייכטע אַרבעט, אָבער פריילעך איז דערביי געווען. מען האָט געזונ־גען, יונגוואַרג האָט געגעסן קאַטשאַנעס פון דעם קרויט. די דערפאַרענע באַלעבאָסטעס האָבן דאָס קרויט באַזאַלצן, געשאָטן קימל און „געקנאָטן" דאָס צעשניטענע קרויט. דאָס קרויט פלעגט געלייגט ווערן שיכטנווייז און ווערן געהאַמערט מיט „שליאַהעס" (אַ הילצערנע קלעצל, אָנגעטאָן אויף אַ שטעקן, וואָס העלפט שפּאַלטן האָלץ), ביז פון דעם קרויט באַ־ווייזט זיך דער זאַפט. צווישן די שיכטן קרויט האָט מען געלייגט עפּל, מערן, בוריקעס (צוליבן קאָליר) און זשוראַווינעס. די אַרבעט פון „אייני־שלאָגן" (אָדער צוזאַמענפּרעסן) דאָס קרויט האָבן געטאָן מאַנסבילן. די פעסער קרויט פלעגן שטיין אַ פינף־זעקס טעג אין שטוב, כדי עס זאָל זיך איינזויערן. מען פלעגט עס דאַרפן דורכשטעכן מיט שטעקנס, כדי אַרויס־צולאָזן דעם שליים (גאַז וואָס האָט נישט אַזוי אנגענעם געשמעקט)... דערנאָך האָט מען די פעסער אַראָפּגעקייקלט אין אַ קעלער אָדער שפּי־זשאַרניע (שפּייז־קאַמער), אָדער געהאַלטן אין אַ פירהויז ביי „געמיינע" מענטשן.

אַט דאָס קרויט האָט געדאַרפט קלעקן פאַרן גאַנצן ווינטער. און גע־געסן האָט מען עס אויך רויערהייט, איבערהויפּט מיט געבאַקטע קאַר־טאָפלעס, אָדער מיט ברויט, ווען קיין אַנדער זאַך „צום ברויט" איז נישט געווען.

בוריקעס האָט מען ווינטער גענוצט ווייניקער. אָבער דאָך איז גע־

ווען כמעט אין יעדן הויז „געווייקטע" בוריקעס. דאָס הייסט, מען פלעגט געשאָבענע בוריקעס אַריינלייגן אין וואַסער, האַלטן עס אין אַ וואַרעמען אָרט (נישט ווייט פון אויוון) ביז ס'וועט ווערן זויער. מיט אַלע הידורים האָט מען „געשטעלט" בוריקעס אויף פסח. אַ נייע „פּאַסקע" אונטער אַ ווייסן טישטוך, צוגעדעקט מיט אַ וואַרעמער זאַך פון אויבן. מיטן ראַסאָל פון די בוריקעס האָבן יידן זיך געקוויקט אַ גאַנצן פסח.

ווינטער, ווען מילך איז געווען זייער ווייניק און מען האָט מערסטנ־טייל גענוצט „פאַרעווע" עסנס, האָט מען אָפּגעקאָכט בוריקעס, אָפּגע־שיילטע פון שאָלעכץ, אין ראָסל. צוזאַמען מיטן ראָסל איז דאָס דאָך גע־ווען אַ „פּאַרטיקער מאכל". מען האָט צוגעגעבן דערצו רויע צעבראָקלטע ציבעלע און געגעסן מיט געבאַקטע אָדער אָפּגעקאָכטע „מיט פּעלצלעך" בולבעס. מבינים האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַ „מאכל מאכלים".

די ראָל פון די בולבעס איז געווען איינע פון די גרעסטע אין דער באַ־שפּייזונג פון די ליטווישע יידן. בולבעס האָט מען געגעסן אָפּט 2־3 מאָל אַ טאָג אין פאַרשיידענע צושטאַנדן — געשאָבענע, געקאָכטע (מיט ציבעלעס און פעפער), געבאַקטע און מיט „פּעלצלעך" געקאָכטע (בלויז אָפּ־געוואַשן און געקאָכט). בולבעס פלעגט מען באַקן, ווען דער גרויסער „רו־סישער" אויוון פלעגט זיך האַלטן ביים אויסהייצן. די בולבעס פלעגט מען אַנשיטן אין אַ ווינקל, נישט זייער נאָענט צו די גליענדיקע קוילן (ס'זאָל נישט פאַרברענט ווערן)... אָדער פאַרשאַרן אין „יאַמקע" (פאַר־אויוון, די צוויי זייטן פון „פּריפּעטשעק") און אַרויפשיטן פון אויבן „פּריסאַק", הייסע אַש מיט גליענדיקע פונקען אינעווייניק. כדי די בולבעס זאָלן זיך לאָזן שיילן האָט מען זיי נאָכן אָפּבאַקן אַריינגעשאָטן אין אַ קערבל (געמאַכט פון שטרוי און דורכגעפלאָכטן מיט האָלץ) און צוגעדעקט מ'ט אַ טיכל, אַזוי, אַז מען זאָל די בולבעס לאָזן „דורכשוויצן" און די שאָלעכץ זאָל אונ־טער דער ווירקונג פון דאַמף אָפּשטיין און זיך לאָזן אַראָפּנעמען. די גע־באַקטע בולבע פלעגט אָפּט זיין די איינציקע זאַך אויף „איבערצוכאַפּן", ס'זאָל נישט „ציען אין האַרצן". אַגב האָט מען דאָך די בולבע געקענט עסן „נישט געוואַשענערהייט די הענט" און יוצא זיין מיט דער קורצער ברכה „בורא פרי האדמה". די מעלה, וואָס איז געווען אויף דעם קרעדיט פון דער

בולבע, האָט אָנגעהאַלטן יעדן טאָג („זונטיק בולבע, מאָנטיק בולבע" אאַז"וו פון פאָלקסליד).

די בולבע איז אויך געווען אַ מין מן אין ליטע, פון וועלכע מען האָט געקאָנט און טאָקע געמאַכט פאַרשיידענע מאכלים. אַפּט „מעדני מלך" לויטן ליטוויש־יידישן באַגריף, נאַטירלעך. זייער פּאָפּולער זענען געווען געבאַקטע באָנדעס. מען האָט די אָפּגעשאָבענע בולבעס צעריבן אויף אַ ריבאייזן, אויסגעדריקט דאָס וואַסער דורך אַריינלייגן די געריבענע מאַסע אין אַ טיכל. צו דער אָפּגעריבענער און אַביסל אָפּגעטריקנטער מאַסע האָט מ'ען צוגעגעבן (אויב עס איז געווען) אַביסל קאָרענע אָדער רעטש־קענע מעל, אַביסל אויסגעקנאָטן, אויסגעלייגט אויף גרינע קרויט־בלעטער אָדער אויף בלעטער פון אַ דעמב, וואָס האָט די סאָמע ברייטסטע בלעטער צווישן אַלע סאָרטן ליטווישע ביימער. די באָנדעס האָט מען אַריינגעזעצט אין אַ גאָר הייסן אויוון („כמעט ווי אויף צו באַקן ברויט"). נאָך אַ שעה זיצן אויפן הייסן „טאָק" (דער פלאַך פון רוסישן אויוון), פלעגט די באָנדע זיין פאַרטיק. מען האָט עס געגעסן מיט מילך, מיט זויערס (אָנשטאָט ברויט), און אין צווישנצייט האָט מען געגעבן „באָנדעלעך" קינדער צו שטילן דעם הונגער. אויך חדר־יינגלעך פלעגט מען מיטגעבן מיט זיך באָנ־דעם אויף צוצובייסן. מען האָט עס געגעסן מערסטנטייל אין קאַלטן צו־שטאַנד. אָבער „נאַשערס" (היט זיך פון די אַמאָליקע ליטווישע נאַשערס!) האָבן ליב געהאַט אַ הייסע באָנדע, ווער רעדט מיט סמעטענע אָדער מ'יט אַ שטיקל פּוטער (אָבער דאָס האָבן זיך געקאָנט דערלויבן די רייכערע באַ־לעבאַטישע פאַמיליעס).

פון באָנדעס פלעגט מען אין די זעלביקע באַלעבאַטישע הייזער מאַכן „ציגיינער". דאָס האָט געמיינט אַ באָנדע, וואָס איז געווען אויסגעשמירט מיט צעריבענעם מאָן (פון דעם דער נאָמען ציגיינער), און פון אויבן צו־געדעקט מיט אַ „דעקל" פון די זעלביקע צעריבענע קאַרטאָפל. געבאַקט די „ציגיינער" האָט מען אויף דעם זעלביקן שטייגער ווי געוויינלעכע באָנ־דעס. נישט מער, נאָכן אַרויסנעמען פון אויוון פלעגט מען זיי פונאַנדער־טיילן אויף 4־6 חלקים, אַריינלייגן אין אַ טיפע קופּערנע פאַן, אויסגע־שמירט מיט פּוטער. יעדע שיכט פלעגט מען באַגיסן מיט סמעטענע און

פוטער און אַריינשטעלן אויף אַ פּאָר שעה אין אויוון. אַ וואַריאַציע פון דעם איז געווען: אַריינלייגן אין אַזאַ „אָנגעפּוטערטע" פאַן די רויע מאַסע טייג אין פאָרם פון לאַטקעס, אויך באַגיסן אין שיכטן מיט סמעטענע און פוטער און „פאַררוקן" אין אַ הייסן אויוון אויף אַ לענגערער צייט. אמת־בולבענע לאַטקעס האָט מען געמאַכט אָפט אויף מאָנאַייל, אָדער געגדזענע שמאַלץ.

דער „מלך" פון אַלע בולבענע מאכלים איז געווען אַ טייגעכץ. די צעריבענע קאַרטאָפל האָט מען איינגעמישט מיט אַביסל מעל, צעבּרעקלטע ציבעלעס, אַריינגעמישט פוטער און אַוועקגעשטעלט אין אַ פאַן אין אויוון צוזאַמען מיטן ברויט, אָדער סתם אין אַ הייסן אויוון. פון די צעריבענע און אויסגעדריקטע קאַרטאָפל־טייג האָט מען אויך געמאַכט קליינע קניידלעך, וועלכע מען האָט געגעסן אין מילכיקע געקעכץ (זופּ).

ווינטער פלעגט מען מאַכן פון דעם קאַרטאָפל־טייג גרויסע קניידלעך (מען פלעגט עס אַמאָל רופן: „באַמבעס"). אָפט פלעגט מען די קניידלעך אָנפילן מיט האָבער־גריץ, צעהאַקטע ציבעלע, גענדזענע אָדער הינערשע שמאַלץ און קאָכן דאָס אין האָבערנע גרויפּן אַ פּאָר שעה. געוויס האָט מען פון די קניידלעך געהאַט מער הנאה ווי פון באַמבעס...

אין אָרעמערע פאַמיליעס האָט מען צום קאָרענעם טייג אָפטמאָל צוגעגעבן אויך געריבענע קאַרטאָפל, וואָס האָט פאַרקלענערט די נאַרהאַפטיקייט פון ברויט, אָבער די מאָגנס פון די פאַרהונגערטע קינדער פלעגט עס אָנפילן.

ס'איז שווער אויסצורעכענען אַלע קאָמבינאַציעס פון בולבעס, וואָס די ליטווישע יידן האָבן באַנוצט. אין כלערליי זופּן איז קאַרטאָפל געווען דער וויכטיקסטער אינגרידיענט. אַ „קרופּניק" האָט געמיינט קאַרטאָפל מיט קרופּניק (גרויפּן). דאָס איז געווען גערשטענע גרויפּן, פּערל־גרויפּן, רעטשקענע גרויפּן און אַלע אַנדערע.

אַ נאַציאָנאַלער מאכל איז געווען „פּוסטע פיש", וואָס אַ שפּאַסער, אַ דאָרפישער אַגראָנאָם האָט אפשר, אַזאַ נאָמען געגעבן כדי צוצוגעבן מער אַפּעטיט. „פּוסטע פיש" איז באַשטאַנען פון צעשניטענע אָפּגעשאָבענע קאַרטאָפל (אין ליטע האָט מען געשאָבן נישט געשיילט קאַרטאָפל, עס

זאָל חלילה נישט אַוועק אין גיוועץ צופיל פון דער בולבע). מען האָט קיין ציבעלע פאַר פּוסטע פיש נישט געזשאַלעוועט, אויך אַביסל צוגעפעפערט. ווינטער־צייט פלעגט מען אַריינגעבן שמאַלץ, זומער — אַ שטיקל פּו־טער, סמעטענע אָדער שמאַנט (סמעטאַנקע).

אָפט פלעגט מען פוסטע פיש פאַרנוצן פאַר „וועטשערע" (איין שפּייז). מען פלעגט פאַררופן גוטע פריינט צו העלפן אָפּטאָן אַ נודנע אַר־בעט — ווי פליקן פעדערן — דערביי פלעגן אַלע אָנטיילנעמער עסן „וועט־טשערע", וואָס איז באַשטאַנען ס׳רוב פון פוסטע פיש, וואָס אַלע יידישע ליטוואַקעס האָבן אַזוי ליב געהאַט. אויך פלעגט מען דערלאַנגען זויערע קרויט.

ביים פליקן פעדערן האָט מען זיך דערציילט וווּנדערלעכע מעשיות, וואָס פלעגן אַריבער במסורה, אָדער נייע, וואָס מען האָט ווו עס איז גע־הערט, אָדער פון אַ מעשה־ביכל. צווישן די געלאַדענע פלעגן אויך זיין שכנישע שיקסעס און יונגע גויעס. מען האָט דערביי געזונגען לידער — יידישע, ליטווישע, פּוילישע, ווייסרוסישע און רוסישע. מערסטנטייל זע־נען דאָס געווען פאָלקסלידער וועגן אַן אומגליקלעכער ליבע.

צווישן די יידישע לידער האָבן אין די 80ער און אָנהייב 90ער יאָרן פון 20סטן י"ה פאַרנומען אַלץ מער אָרט אַליקום צונזערס לידער („די סאָכע", דער „ציון־מאַרש", „שטיי אויף מיין פאָלק" א"אַנד).

פליקן פעדערן איז געווען מיט אַ יאָר 40־50 צוריק אַן איינגעפּונ־דעוועטע טראַדיציע אין יעדער יידישער פאַמיליע. מען האָט אין זעק אָדער ציכלעך געקליבן די אָפּגעפּליקטע פעדערן פון גענדז, אַמאָל פון קאַ־טשקעס. אין אָרעמערע הייזער האָט מען אויך געקליבן פעדערן פון היגער און הענער. יעדער טאָכטער (און דעמאָלט זענען בת־יחידות אין יידישע פאַמיליעס געווען זעלטן) האָט מען געדאַרפט געבן בעטגעוואַנט, ד"ה קישנס, פּערענעס. די נאָענטסטע צו חופה וקידושין מיידל האָט זיך גע־פלייסט צו האָבן וואָס מער אָנגעפּליקטע פעדערן, כדי זי זאָל קענען שטאָל־צירן מיט איר בעטגעוואַנט.

נאָכן אָפּפליקן אַ 3־4 שעה פעדערן, האָט מען געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט די געפעפערטע פוסטע פיש.

בכלל איז זיך קיין קליינשטעטלדיקער ייד נישט באַגאַנגען אָן אייגע־נע „געזעצטע" בולבעס. האָט ער געהאַט אַ גערטל אָדער אַ גאָרטן לעבן זיין שטוב, אָדער אַביסל ווייטער פון שטוב. האָט ער דאָרטן פאַרזעצט אייגענע בולבעס. אָפט פלעגט מען פאַראַקערן און פאַרזעצן מיט דער הילף פון אַ גוי. מען פלעגט אָבער אַליין אַרומגראָבן (פאַרמאָטיקן) די בולבעס און אַליין זיי אויסגראָבן. אַרום שבעה עשר בתמוז, אָדער שפּעטסטנס תשעה באב פלעגט מען שוין אָנהייבן „אונטערגראָבן" די בולבע, וואָס מען האָט גערופן „פליאַנסוווקע" (פריאיקע געזעצטע מיט דער האַנט מיט אויס־געשפּראָצטע „ראַסטקעס"). מען פלעגט אַרויסנעמען די גרעסערע בול־בעס און פאַרשאַרן צוריק מיט דער זעלביקער ערד די קוסטעס, אַז זיי זאָלן וואַקסן ווייטער. אַזוי פלעגט מען אונטערגראָבן די בולבעס רמעט ביז ראש־השנה.

די יידן וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע גערטנער, אָדער זייע־רע גערטנער זענען געווען צו קליין אויף צו געבן קאַרטאָפל אויף אַ גאַנצן ווינטער, פלעגן פאַרזעצן ביי גויים קאַרטאָפל אויף פאַרשיידענע באַדינ־גונגען. בעלי־מלאכות, ווי שמידן, שוסטער, שניידער, סטעלמאַכער, בלע־כער האָבן געצאָלט מיט זייערע מעשי־ידיהם, קרעמער — מיט סחורה, שענקער — מיט בראָנפן און ביר. אויך „יידישע מיסט" איז געווען פאַרן פויער אַ גאַנגבאַרע „סחורה". פון „יידישע קי", „יידישע פערד", אָדער אַפילו פון ציגן (אָט די נאַציאָנאַלע יידישע בהמה אין די ליטווישע שטעט־לעך) פלעגט דורכן ווינטער זיך אָפּקלייבן אַ היפּש ביסל מיסט, וואָס פלעגט פאַרבעסערן די מאָגערלעכע ליטווישע ערד, מחמת די פויערים האָבן זעלטן געהאַט אַ גענוגנדיקן לעבעדיקן אינווענטאַר, וואָס איז דער יסוד פון יעדער פעלד־ווירטשאַפט. האָט דער ייד געגעבן די זריעה (קאַרטאָפל), דאָס מיסט, עטלעכע גילדן. דער פויער — זיין פעלד און זיין אַרבעט. מיט דער גערעטעניש האָט מען זיך געטיילט אויף העלפט, אָדער לפי־המדובר, ווי מען האָט אָפּגערעדט. דער אָרעמסטער ייד האָט געזען צו שאַפן כאָטש אַן אנדערהאַלבן „טון" בולבע (אַ טון אין ליטע איז געווען 24 פּוד). אָבער אַז מען זאָל נישט דאַרפן „שפּאָרן די בולבע" האָט אַ פאַמיליע פון זעקס־זיבן מענטשן (וואָס מיט שיינע עטלעכע צענדליק יאָר צוריק איז עס געווען

נישט קיין גרויסע פאַמיליע) געדאַרפט האָבן פאַר ווינטער 3־4 „טון״ בולבעס.

יעדע יידישע הויז האָט געהאַט אַ קעלער, ווו מען פלעגט די קאַר־טאָפל „אַראָפּשיטן״ נאָכן אַראָפּנעמען פון פעלד. מיט אַ 3 „טון״ בול־בעס האָט שוין אַ ייד אַפילו אַן אָרעמאַן געקענט קוקן רואיקער אויף דעם אָנקומענדיקן ווינטער, ווען אַפילו עס זאָל, חלילה, אויספעלן ברויט.

אין אַ סך פאַלן פלעגן אָרעמע יידן „דורכקומען ווינטער״ מיט בול־בעס און זויערקרויט. ברויט איז געווען אַ „טייערער״ גאַסט... מעג מוז אָבער זאָגן, אַז אַזוי צי אַנדערש האָט די גרעסטע טייל יידן אין ליטע גע־האַט צוגעגרייט אויף ווינטער בולבעס, אַ פאַר פוד מערן, אַ פאַר פוד בו־ריקעס, קרוטשקע, ציבעלע און אַנדער גאָרטנוואַרג. מען האָט נאָר געמוזט צופאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט און האָט ווער פאַרמאָגט אַ „ציקלדיקע״ ציג, אָדער אַ קעלביקע קו, האָט מען אַרום שבט, אָדער טבת געקענט שוין האָפן אויף אַביסל מילך. אַז „גאָט האָט געהאָלפן״ און די קאַלב האָט מען געקענט „פאַרטאָן״ פאַר זיך, האָט מען שוין געהאַט אַן אייגן שטיקל פלייש, אַז ס'איז געווען שוין גאָר ליהודים.

צוליב די בולבעס אָבער איז געווען אַ צאָל ראַכיטישע קינדער, וואָס האָבן געליטן אויף די ענגלישע קרענק, אָדער, ווי מען פלעגט עס רופן אין ליטע אַ „ריפּקוכן״. די צאָל אָבער איז נישט געווען קיין גרויסע. די נאַ־טירלעכע ראַזעווע ברויט און די זויערע קרויט האָבן געהאָלפן אויסמיידן אַ סך קראַנקייטן צוליב דער וויטאַלימעט פון די צוויי ערשטקלאַסיקע שפּייז־אַרטיקלען.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער סאַמע „באַליבטסטער״ באַגלייטער פון געבאַקענע אָדער געקאָכטע בולבעס איז געווען דער הערינג, וואָס איז גע־ווען אין ליטע דער הויפּט־מאכל אויך צום ברויט. אַ הערינג איז אויך גע־ווען אַ נאַציאָנאַלער מאכל אָדער „דער מאכל״. אַ הערינג האָט מען געגעסן רויערהייט „פון פעסל״, אַראָפּרייסנדיק נאָר די אייבערשטע הייטל, אין געוויסע פאַלן נאָר די לוסקע (שופּן). אַנדערע האָבן אַפילו געטונקט די בולבעס אין „ליאַק״ (די פליסיקייט וואָס געפינט זיך אין הערינג־פאַס) און געהאַלטן, אַז דאָס איז דער „אמתער טעם״. דעם הערינג האָט מען

אויך געבאַקן, אָפּטמאָל געקאַכט אין זיסן, זיס־זויערן, געפּרעגלט, פאַר־שטייט זיך, אויך געהאַקט מיט ציבעלעס א״אַנד.

אָפּט זענען בולבעס, זויערס און הערינג, און ראַזעווע שוואַרצע ברויט געווען די איינציקע שפּייזן פאַר אַלע וואָכעדיקע טעג.

מיט 40־50 יאָר צוריק האָט כמעט יעדע יידישע הויז געבאַקן ברויט פאַר זיך. דאָס ברויט איז געווען פון איינהייטלעכן מין: שוואַרצע ראָזעווע (ריכטיקער ראַזאָווע — איין מאָל געמאָלענע) ברויט. דעם גאַנצן קאָרן־קערנדל האָט מען אוטיליזירט מיטן הייטל, מיטן קראָכמאַל, מיטן „זאַ־ראָדעק״ (דזשוירם) מיט האַק און פּאַק. דאָס איז געווען אַן אמתער און ראַיעלער „האָלוהיט״, ריכטיקער — האָלראַי) מען האָט אַביסל מעל פאַרמישט אין אַ דייזשע מיט וואַרעמע זאַלצוואַסער, מען האָט עס געלאָזן שטיין איבער נאַכט, איבערגעדעקט מיט אַ טישטעך און דערנאָך גוט אי־בערגעדעקט מיט אַ פעלץ אָדער אַ קישן. פון דער וואַרעמקייט האָט די פאַרמישטע מעל אָנגעהויבן צו יוירן. פאַרטאָג האָט מען דאָס איינגע־זויערטע טייג געקנאָטן מיט די הענט אַן ערך אַ דריי פערטל שעה צושיטנ־דיק מעל און צוגיסנדיק וואַסער. נאָכן אויסקנעטן האָט מען דאָס טייג אין דייזשע ווייטער איינגעדעקט און געלאָזן שטיין אין אַ וואַרעמען אָרט אַ 4־5 שעה, ביז עס איז אויפגעגאַנגען. דערנאָך פלעגט מען „אויסמאַכן״ לאַבנס (פון 15 ביז 25 פונט יעדערער). ווינטער האָט מען די לאָפּעטע באַשאָטן מיט טרוקענע מעל (דאָס טייג זאָל נישט צופאַלן צום דעק פון הייסן אויוון). זומער האָבן אַנדערע באַלעבאָסטעס, באַזונדער ישוביניצעס, וואָס האָבן געלעבט לעבן טייכן אָדער אָזערעס, אָנגעריסן שמעקנדיקע וואַסערגראָז אַיער און אונטערגעלייגט אונטערן דעק פון לאַבן טייג. אין האַרבסט פלעגט מען ווי אַן „אונטערלאַגע״ נוצן דעמבאָווע בלעטער. אַ סך האָבן געהאַט אָנגעגרייט בלעטער אויף אַ גאַנצן ווינטער. די לאַבנס פלעגן דאַרפן „זיצן״ אין אויוון, אָפּהענגיק פון זייער גרויס, פון 4 ביז 6 שעה. באַלעבאָסטעס וואָס פלעגן וועלן, אַז די אויבנס פון די לאַבנס זאָלן נישט אויסזען שוואַרץ, האָבן דורכגעזיפּט די קאָרענע מעל דורך אַ גע־דיכטע זיפּ. די באַקומענע דינע מעל פלעגט מען פאַרמישן מיט וואַסער און באַשמירן די אויבנס פון די לאַבנס (פאַרן זעצן אין אויוון) מיט די מאַסע

וואָס איז געווען ווייסער ווי די גאַנצע קאָרענע מעל. דעם געמיש האָט מען גערופן „כאַרמושקע“. די כאַרמושקע האָט צוגעגעבן דעם ברויט אַ „יידישן אויסזען“, אין קעגנזאַץ צום גויישן ברויט, וואָס פלעגט זיין „שוואַרץ ווי קויל“. די גויים האָבן אָפט געמאָלט אויף היימישע זשאַרנעס. די קערנער זענען געווען פון דעם „צעברענט“, און שמירן מיט „כאַרמושקע“ האָבן די גויים געהאַלטן פאַר אַן איבעריקן לוקסוס.

דאָס זויערע טייג פון וועלכן מען האָט געבאַקן שוואַרץ ברויט האָט זיך גערופן „ראָשטשינע“. פון דעם האָט מען אָפט געבאַקן „ראָשטשינע לאַטקעס“. מען פלעגט אַרויסנעמען אַ שטיק אויפגעגאַנגענע טייג, צומישן מיט וואַסער און צושיטן קאָרענע אָדער, נאָך בעסער, אַביסל רעטשקענע מעל (כדי אָפצושוואַכן די זויערקייט), און געבאַקן פון דעם לאַטקעס. אַזוינע לאַטקעס האָבן געהאַט אַן אָנגענעמען זויערלעכן טעם און „האָבן זיך ממש געבעטן“, אַז מען זאָל זיי עסן מיט סמעטענע, אָדער מיט צעלאָזענע געזאַלצענע פוטער*. לאַטקעס עסן איז געווען אַ יום־טוב ביי קליינוואַרג, וואָס האָבן כמעט קיינמאָל נישט געגעסן קיין זיסוואַרג, אָדער וועלכע עס איז פעטע „קוקיס“, אָדער באַבקעס, סיידן שבועות.

נאָך אַ גרעסערער „יום־טוב“ זענען געווען גרעטשענע לאַטקעס (פון גריקע־מעל), וועלכע מען פלעגט טונקען אין צעלאָזענע הייסע פוטער. פאַר גאָר געהייבענע געסט האָט מען אין באַלעבאַטישע הייזער געבאַקן ווייצענע לאַטקעס. אָבער דאָס איז געווען, ווי געזאָגט, — לא כל אדם זוכה...

אָפט פלעגן אַרבעט־מענטשן זיך שפייזן נאָר מיט שוואַרץ ברויט און מיט זויערמילך און דאָס האָט זיי געגעבן כוח צו טאָן זייער שווערע אַרבעט. מען האָט דעמאָלט נישט געוווּסט פון וויטאַמינען. אָבער דער קערפער האָט געפילט מסתמא, אַז ער קריגט אַריין אַ גרויסע מאָס וויטאַמינען פון די דאָזיקע פראָדוקטן.

דער ריח פון פריש געבאַקענעם ראָזעווען ברויט פלעגט טאַקע „פאַרשמעקן“ דעם גאַנצן אַרום. נישט קיין וווּנדער. מענטשן האָבן געקאָנט טאָן שווערע, די שווערסטע אַרבעט, עסנדיק ריינע ראָזעווע ברויט מיט זויערס,

* לויטן רוסישן גאַסטראָנאָמישן ווערטל „אַ קאַראַס האָט האָלט מען זאָל אים בראָטן אין סמעטענע“ און אויפן יידישן שטייגער „זוכט אַ לאַטקע פוטער“...

פאַרזופּנדיק אַ וואַסערן ס׳איז קרופּניק „פאַרזשילעט״ (עטוואָס פאַר־ווייסט) מיט מילך. דאָס איז געווען דער „אָנבייסן״.

דער „מיטיק״ (אַזייגער 3 בייטאָג) איז באַשטאַנען פון עפּעס אַ צו־בייס, ווי זויערמילך מיט אַביסל סמעטענע (פּאָדסמיעטאַנקע — אַ מאָ־גערער שיכט פון סמעטענע, צווישן דער געדיכטער סמעטענע און דעם שיכט זויערמילך), אָדער גאָר אַ שטיקל ברויט מיט קעז. אָדער ווידעראַ־מאָל זויערס. זומער איז עס געווען קאַלטע זויערס („כלאָדניק״) — באַ־טשווינע מיט בוריקלעך, און „מפונקים״ האָבן נאָך אַרייַנגעבראָקט אין דעם אַ ציבלקע מיט אַן אוגערקע. אין סעזאָן זענען אוגערקעס געווען זייער אַ פּאָפּולערער שפּייז ביי יידן (גויים האָבן נישט אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון אוגערקעס). יידן האָבן געגעסן אוגערקעס סיי זיסע מיט ברויט און זאַלץ, סיי געזויערטע. פעסטערע באַלעבאַטים פלעגן זאַלצן אוגערקעס אויף אַ גאַנצן ווינטער. די וואָס האָבן געוווינט אויף ישובים און געפירט אַ גרויסע באַלעבאַטישקייט האָבן געזאַלצן אוגערקעס אין גרעסערע פעסלעך. מען האָט אַרייַנגעטאָן אין די געזאַלצענע אוגערקעס דעמבאָווע בלעטער (וועלכע פלעגן פרעזערווירן בעסער די אוגערקעס), קראָפּ. די פעסלעך פלעגט מען הערמעטיש פאַרקלאַפּן און אַרייַנקייקלען אין דער אָזערע (נישט ווייט פון ברעג) אויף אַ גאַנצן ווינטער. פאַר פּסח פלעגט מען די פעסלעך אַרויסציען פון וואַסער. די אוגערקעס פלעגן זיין זויער, אָבער שטייף. מען האָט זיי באַנוצט פּסח צו פלייש און סתם צום עסן „זויערע אוגערקעס״ אנשטאָט פרוכט...

„וועטשערע״ איז באַשטאַנען פון מילכיקע זופּ, איבערהויפּט פאַרפל. די מעל פלעגט מען פאַרמישן מיט וואַסער, גוט אויסקנעטן, צעשניידן אויף דיקע פּענעצעס און צעהאַקן מיט אַ האַקמעסער. די פאַרפל פלעגט מען מאַכן פון טונקעלער מעל („פּריוואַראָק״). וואָס איז געווען אַ צעמאַ־לענער געמיש פון אַרבעס, גערשטן, קאָרן, גריקע. דאָס האָט געהאַט אַ ספּעציפישן טעם און איז באַנוצט געוואָרן ס׳רוב זומער. ווען עס איז גע־ווען גענוג זיסע מילך. בעת ס׳האָבן זיך „באַוויזן פרישע בולבעס״ — האָט מען אין די פאַרפל אַרייַנגעטאָן אָפּגעשאָבענע קאַרטאָפל. אין באַ־לעבאַטישע הייזער האָט מען געקאָכט ווייצענע פאַרפל.

ווינטער איז די וועטשערע באַשטאַנען פון „פֿאַררוקטע" אין אויוון קאַרטאָפֿל מיט אַביסל שמאַלץ, געבאַקטע אָדער אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפֿל מיט זויערע קרויט.

אַרבעס, לינדזן און בעבלעך זענען געווען פון די באַליבטסטע מאכלים. אַחוץ זייער געשמאַקן טעם — האָבן ליטווישע יידן געפילט, אַז עס גיט זיי כוח צו טאָן זייער אַרבעט. אַרבעס האָט מען גענוצט אין דער וואָכן אויף זופּ. מען האָט געקאָכט אַרבעס „באַזונדער" און „געקלייעט" (דאָס מיינט לאַנג געקאָכט, אַז ס'זאָל אַרויס אַ קלעי), פּערלגרויפּן און דערנאָך עס צוזאַמענגעמישט אַזוי, אַז עס האָט זיך באַקומען אַ „שטאַרקע זופּ". אין דער זופּ האָט מען צוגעגעבן שמאַלץ, איבערהויפּט געגנדזענע. אויף אַן ענלעכן אופן האָט מען געקאָכט בעבלעך, וועלכע מען האָט שוין געדאַרפט פֿאַררוקן אויף אַ לענגערע צייט אין אויוון. לינדזן האָט מען געקאָכט צו־זאַמען מיט פֿאַרפל.

פרייטיק אין דער פרי איז געווען אַ טראַדיציע ביי אַלע ליטווישע יידן צו קאָכן אַרבעס אויף טרוקן; מען האָט עס געגעסן מיט ראָסל פון בו־ריקעס. די אַרבעס האָט מען פֿאַרן קאָכן גוט דורכגעקוקט. מען האָט די אַרבעס אויסגעשאָטן אויפן טיש און קייקלענדיק צו זיך אָפּגעטיילט די „ווערעמדיקע" (ד"ה צעגעסענע פון ווערעם) אָדער פֿאַרשיידענע צומישונ־גען. די אַרבעט האָבן געטאָן קינדער (גאַנץ גערן), אָבער אין אַ פרייע צייט פלעגן זיך כמעט אַלע מיטגלידער פון פֿאַמיליע אַרומזעצן אַרום טיש און „איבערקלייבן אַרבעס", כדי עס זאָל זיין אַ זאַפּאַס, וועלכן מען זאָל קאָנען נוצן, ווען מען דאַרף פֿאַרשיטן אין טאָפּ, און קיין צייט איז דעמאָלט נישטאָ. אַרבעס און בעבלעך האָט מען אויך גענוצט אויף צו שטעלן אין טשאָלנט. דאָס האָט מען געמישט מיט פּערלגרויפּן.

שבת האָט מען שוין „געמאַכט", דאָס הייסט מען האָט שוין גע־דאַרפט צוזאַמענשטעלן, „צונויפּברענגען". דאָס איז נישט זעלטן געווען אַ מין קריעת ים־סוף פֿאַרן אָרעמען יידן, וועמען „גראָד ערב שבת" פלעגט אויספעלן דער בייטיקער רובל. מיט אַ רובל האָט מען דאָך געקענט „מאַכן שבת" פֿאַר אַ פֿאַמיליע.

שבת (און פרייטיק־צו־נאַכט) האָט מען בדרך כלל גענוצט פלייש. אַ

גאַנצע וואָך איז מען אָפּגעקומען מיט „אַבי וואָס״. אָבער שבת האָט מען דאָך נישט געקאָנט „פאַרשעמען״.

דער קאָנטראַסט צווישן שבתדיקע און וואָכעדיקע מאכלים איז געווען אַ קאָלאָסאַלער. אויף שבת פלעגט מען אָנגרייטן פון כל טוב. מען וואָלט עס געקאָנט דערקלערן אפשר מיט דעם, וואָס מען האָט געדאַרפט פאַר־גיטיקן דעם האַלב־הונגעריקן קערפּער מיט קאָמפּאַקטע שפּייזן, וועלכע ער האָט אַ גאַנצע וואָך נישט טועם געווען און געפּאָדערט דאָס זייניקע. אין דער אמתן האָט מען עס געטאָן צוליב שבת מלכה גופא. אַ קלייניקייט, שבת. עס האָט זיך דאָך געדוכט, אַז נישט נאָר די שטעטלשע אָדער דאָר־פישע יידן היטן אָפּ שבת, נאָר די גאַנצע נאַטור איז שבתדיק געשטימט. און וויבאַלד אַזוי — טאָ ווי קען מען אַזאַ גאַסט ווי דעם הייליקן שבת באַגעגענען מיט אַ באָרשט אָדער מיט אַ קרופּניק, וואָס וואָלט געווען אַ פאַרשוועכונג?

אין דער אָרעמסטער פאַמיליע האָט מען געבאַקן אַ „שטיקל חלה״ אויף שבת. אָך און וויי איז שוין געווען צו אַזאַ פאַמיליע, וואָס האָט דאָס נישט געקענט „באַהייבן״, דאָס הייסט, האָט נישט געהאַט די נייטיקע 10־15 קאָפּיקעס אויף מעל און הייוון. פאַר אַזאַ פאַמיליע האָט מען שוין בכלל געדאַרפט „צוזאַמענמאַכן״ אויף שבת (מילא צוהונגערן אין דער וואָכן איז געווען נישט אַזאַ זעלטנקייט, און האָט נישט אַזוי גערירט שכנים, אָבער שבת לאָזן אַ יידישע געזינט הונגערן האָט מען נישט גע־קענט און נישט געטאָרט).

מען קען אָננעמען, אַז אין יעדן יידישן הויז איז שבת געווען אַ שטיקל חלה, אָבער דער שבת איז פאָרט נישט קיין שבת, ווען עס זאָל נישט זיין קיין שטיקל פיש אָדער פלייש, אָדער ביידע צוזאַמען.

פלייש אין דער וואָכן האָט מען זיך מער דערלויבט אין ווינטער, אָנ־הייבנדיק פון צווישן די גרויסע יום־טובים אין האַרבסט. דעמאָלט איז געווען דער סעזאָן אויף שעפּסן, קורטשענטעס (הינדלעך), קאַטשקעס. אַ היפּשער טייל פון די שטעטלשע יידן פלעגן קצבן. קויפן אַ קעלבל, אַ שעפּסל, קוילען עס ביים שוחט. אַ טייל פאַרקויפן און דאָס איבערגעבלי־בענע ריווח לאָזן פאַר זיך. אין ריווח פלעגט אַריין דער קאָפּ, לונג און

לעבער, פּיסלעך א״אַנד קלענערע טיילן, וואָס פלעגן קלעקן אויף צו מאַכן שבת די והותר. ווער רעדט וועגן די, וואָס פלעגן זיך קענען דערלויבן צו קויפן אָדער לאָזן פאַר זיך אַ גאַנץ זייטל פלייש? ווינטער פלעגט עס זיין אַ קעלבל. אין באַלעבאַטישע פאַמיליעס פלעגט מען זאַלצן פלייש אויף די עטלעכע ווינטערדיקע חדשים און באַהאַלטן עס געפרוירן.

ס׳האָט זיך אַמאָל פון דעם פלייש „געהערט״, אָבער דער „ריח״ פלעגט זיך „אויסקאָכן״, און עס האָט חלילה קיינעם נישט פאַרשאַדט. משמעות, מענטשן זענען געווען דעמאָלט געזינטער, אָדער, אפשר האָט די לופט, שווערע אַרבעט, מיטן שוואַרצן ברויט און זויערן קרויט גורם געווען, אַז דער מאָגן זאָל זיין געזונט און פאַרטראָגן כלערליי שפּייזן.

וועגן יום־טובדיקע שפּייזן אָדער שבתדיקע מאכלים איז נישטאָ פיל וואָס צוצוגעבן. מען דאַרף בלויז דערמאָנען דעם „רעטשישניק״, וואָס מען האָט געבאַקן פון רעטשענע איבערגעברענטע מעל — דאָס איז געווען אַ מין טייגעכץ, וואָס פלעגט זיך שניידן אין גלאַנציקע שטיקער. אין רייכע־רע הייזער האָט מען עס געבאַקן אויף שמאַלץ, אין אָרעמערע אויף מאָנ־אויל. אין אַ ווינטערדיקן פרייטיק־צו־נאַכט נאָך אַ דרעמל, פלעגט מען אַרויסנעמען אַ „פאַררוקטן״ רעטשישניק און האָבן גרויס הנאה.

די טראַדיציאָנעלע פיש, פלייש, צימעס, לאָקשן, קרעפּלעך אאַז״וו און געבאַקטע לעקאַך און טאָרט א״אַנד זענען אין אַלגעמיין די זעלביקע געווען בכל תפוצות ישראל, ווו מען האָט געוווינט אין איינגעפונדעוועטע יידישע ישובים.

„ליטע״, בוך ו, רעדאַגירט פון ד״ר מענדל סודאַרסקי. ניו־יאָרק, 1951.

יידן היילן גייסטיק־קראַנקע

דער פּייזאַזש פון ווילנע אויפן וועג קיין ביאַליסטאָק איז מערסטנ־טייל אַ וואַלדיקער: געמישטע וועלדער און ריין־סאָסנאָווע וועלדער, וועל־כע וואַקסן אויף אַ זאַמדיקן באָדן. ס'איז אַן אָרעמער באָדן, אָבער די וואַל־דיקייט גיט צו דער לאַנדשאַפט אַ ספּעציעלן צויבער פון פאַרחלומטקייט, פון לופטיקייט, פון פרידלעכקייט. מסתמא זענען שוין די וועלדער איצט אַזוי גוט ווי נישטאָ. די פאַרשאָלטענע דייטשן האָבן פאַרענדיקט די פאַר־ניכטונג פון וועלדער, וועלכע זיי האָבן אָנגעהויבן נאָך אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אויף די זאַמדיקע פעלדער האָט מען געקענט זייען נאָר גריקע. זו־מער־קאָרן א״אַנד תבואה־געוויקסן האָבן געגעבן זייער שוואַכע געוויקס־גישן. קאַרטאָפל איז געוואַקסן נאָר דאָ, ווען מען האָט די פעלדער גוט באַמיסטיקט.

אָט פון די מאַגערע פעלדער האָט די רעגירונג פון ניקאָלאַי דעם ערשטן געפונען פאַר מעגלעך עפּעס איינצוטיילן יידן. מיט איבער הונ־דערט יאָר צוריק האָט זיך אָנגעהויבן ניקאָלאַיס עקספּערימענט מיט קאָ־לאָניזירן יידן אין ווילנער־גראָדנער געגנט. ס'זענען געגרינדעט געוואָרן דאָרט ביי אַ 25 יידישע קאָלאָניעס. נישט קוקנדיק אויף די ביוראָקראַטישע און אומפריינדלעכע מעטאָדן פון דער צאַרישער רעגירונג מיט איר אַד־מיניסטראַציע, איז דאָך אַ באַדייטנדיקער טייל פון די באַזעצטע געבליבן צוגעבונדן צו זייער זאַמדיקער ערד, אַרויסציענדיק פון איר זייערע מאָגע־רע געוויקסן; מען האָט אויך געהאָדעוועט אַביסל בהמות און עופות.

נאָך אַלעמען האָבן די זאַמדיקע פעלדער געגעבן ווייניק אויף צו מאַכן אַ לעבן. די יידישע קאָלאָניסטן האָבן געמוזט צושטוקעווען מיט פורמאַנעריי, מיט קאַראַבעלניקעריי אָדער מיט וועלכע עס איז שטוב־מלאכות, ווי שפּינען, פאַרבן שטאָפן, מאַכן געשפּאַנען א״אַנד. מען האָט געלעבט אין אָרעמקייט און דחקות. צופיל אַנטוויקלען די הויז־אינדוסטריע

האָט מען אויך נישט געקענט. ס׳האָט געפֿעלט געלט, רוישטאָפֿן און דער עיקר איניציאַטיוו פֿון געזעלשאַפֿטלעכע קרייזן. נאָענט צו דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די יידישע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפֿט ייק״א זיך פֿאַר־אינטערעסירט מיט די קאָלאָניעס און האָט געשיקט אַהין אַגראָנאָמען. מען האָט געגעבן קרעדיטן אויף צו פֿלאַנצן פּרוכט־סעדער, פֿאַרזייען אויסבע־סער־גראָזן (לובין, קאָניטשינע), איינקויפֿן גוטע מילך־בהמות, אד״גל. אָבער איידער וואָס ווען האָט מען געמוזט אָנקומען צו צוגאָב־פּרנסות.

איינע פֿון זיי איז געווען אויסהאַלטן גייסטיק־קראַנקע פֿאַר אַ קליי־נעם אָפּצאָל, וועלכער זאָל זיין צוטריטלעך אַפֿילו פֿאַר נישט פֿאַרמעגלע־כע פֿאַמיליעס, וואָס האָבן געהאַט דאָס אומגליק צו האָבן אַזעלכע קראַנקע.

אין עטלעכע שטעטלעך, ווי צום ביישפּיל אין באַלטערמאַנץ (ווילנער גובערניע) האָבן זיך מיט דער „היילונג״ פֿון גייסטיק־קראַנקע ביי יידן פֿאַרנומען טאָטערן. די היילונג איז באַשטאַנען אין פֿאַרריידן, רויכערן מיט גראָזן און זאָגן מיסטעריעזע שפּרוכן. ביי „פֿאַליקע״ (עפּילעפּסיע) האָט מען געזאָגט „סאָפּ מוכאַרעטש״. די קראַנקע פֿלעגט מען איבערלאָזן פֿאַר קליין געצאָלט ביי אָרעמע מענטשן, וועלכע האָבן זיי געדאַרפֿט באַשפּייזן און פֿירן צו די טאָטערן אויף „קוראַציע״. קיין ספּעציעלע השגחה אויף די קראַנקע איז נישט געווען. זיי פֿלעגן אַרומגיין איבערן שטעטל פֿריי. מען דערציילט וועגן זייערע פֿאַרשיידענע מעשׂיות. אָט אַזוי איז, אַ שטייגער, איי־נער אַריין אין אַ שניטקראָם און האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן אויף די פֿאַליצעס, אויף די ווינקלען. פֿרעגט מען אים: ר׳ קרוב, וואָס קוקט איר אַזוי און וואָס דאַרפֿט איר? „צי האָט איר אַ וואָגן גריבינעס?״ פֿרעגט דער נייגעריקער אורח.

— אַ וואָגן גריבינעס? — זאָגן די באַלעבאַטים מיט שטויבונג.

מאַכט צו זיי דער אורח: „איר זייט משוגע, און איך האָב מיט אייך גאָרנישט וואָס צו ריידן״. ער פֿאַרמאַכט האַסטיק די טיר און גייט אַוועק אַ צאָרנדיקער. נאַטירלעך, איז עס געווען אַ פּאַציענט פֿון די טאָטערן.

אָבער אין עטלעכע יידישע קאָלאָניעס, ווי לייפּון, דעקשנע (פּעלאַ) און אַנדערע לעבן דער סטאַנציע אָלקעניק אויפֿן וועג צו גראָדנע־ביאַליס־טאָק, איז די „קוראַציע״ פֿון גייסטיק־קראַנקע אַ פּרנסה־קוואַל.

די גוטע לופט פון די קאָלאָניעס אַרומגערינגלט מיט סאָסנע־וועלדער און גריקענע פעלדער און די רחבותדיקע פליינען האָבן קענטיק פאָזיטיוו געווירקט אויף נערוועזע, צעדרייטע מענטשן. די יידישע קאָלאָניסטן אַליין — זייער רואיקע, כמעט פלעגמאַטישע, אָבער אין גרעסטן טייל גוטמוטי־קע האָרעפּאַשניקעס — האָבן אויך געווען צוטרוי ביי די, וועלכע האָבן געוואָלט לאָזן זייער קראַנקן משפחה־מיטגליד אין די קאָלאָניעס. די שפּייזן, וואָס די קאָלאָניסטן האָבן געגעבן די קראַנקע זענען געווען איינ־פאַכע אָבער געזונטע און נישט רייצנדיקע. מילך, קאַרטאָפל, זויערס (באָרשטש, קרויט), ראָזאָווע ברויט מיט פּוטער, פאַרשיידענע מילכיקע זופּן זענען געווען גאַנץ נאַרהאַפט. מען האָט געקענט זיך פאַרלאָזן אויף די יידישע מענטשן, אַז זיי וועלן נישט שלאָגן די משוגעים, נישט פּייניקן זיי, ווען אַפילו זיי וועלן אָנהייבן בושעווען, סיידן בינדן זיי די הענט, ווען עס איז דאָ אַ געפאַר פאַר די אַרומיקע אָדער פאַרן קראַנקן אַליין. די קאָ־לאָניסטן פלעגן אָפט מיטנעמען די קראַנקע אויף די פעלדער, געבן זיי דאָרטן אַ שטיקל אַרבעט, אָדער ריכטיקער געזאָגט אַ כמו אַרבעט, עס זאָל זיך זיי דאַכטן, אַז זיי טוען אַ נוצלעכע זאַך, ווי אויסרייסן ווילדע גראָז, קלייבן שטשאַוו אד״גל. דאָס האָט נאַטירלעך, גערעדפט נאָך מער שטאַרקן די צעשרויפטע נערוון פון די קראַנקע, און מסתמא נישט ווייניקער פון אַ העלפט פלעגט אַוועקפאָרן אָפּגעפרישטע און געזונטע.

די שטעט, וואָס האָבן געליפערט קראַנקע קיין דעקשנע־לייפּון, זענען געווען ווילנע, גראָדנע, ביאַליסטאָק און דער אַרום.

ווען די דייטשן האָבן אין 1915 פאַרנומען ליטע־ווייסרוסלאַנד האָבן זיי אויף זייער שטייגער גענומען מאַכן „ווייניקער עסערס״. אין דער ער־שטער ריי איז דער גורל געפאַלן אויף די גייסטיק קראַנקע. דעמאָלט האָבן נאָך די דייטשן זיך באַנוצט מיט תירוצים, אַז פאַר די קראַנקע וועט זיין בעסער ערגעץ ווו ביים באַלטישן ים, אַז זיי וועלן האָבן בעסערע מע־דיצינישע אויפפּאַסונג אד״גל.

דער מעדיצינישער אָפּטייל פון דער צענטער דייטשער אַרמיי האָט אַרויסגענומען אַלע גייסטיק קראַנקע פון יידישע שפּיטאָלן און בתוכם אויך פון די יידישע קאָלאָניעס און אַוועקגעשיקט ערגעץ אַרום ליבוי (קור־

לאַנד). דאָרטן האָט מען זיי מיט איינשפּריצונגען געטויט אויפן „וויסנ־שאַפטלעכן" אופן. דערוווּסט האָט מען זיך וועגן דער ערשטער דייטשער מאַסן־רציחה אַ היפּש ביסל שפּעטער, ווען די אַקציע איז שוין געווען אָפּ־געטאָן. די מערדערישע דייטשן האָבן אויף דעם געביט פון אויסראָטן גע־שטעלט נאָך דעמאָלט זייערע ערשטע טריט...

די ערשטע קאָלאָניסטן זענען כמעט אַלע געבליבן אויף זייערע ער־טער און קוים זיך דורכגעשלאָגן אין די ביטערע צייטן פון דער אָקופּאַציע. אין יענע יאָרן האָט זיך אַפילו געדאַכט, אַז די יידישע לאַנדווירטשאַפט האָט זיך אַביסל אַנטוויקלט, די וואָס האָבן געהאַט אַ שטיקל ערד האָבן דאָך געקענט ווי ס׳איז עקזיסטירן פון זייער גאָרטנוואַרג, תבואה און גרינסן. ס׳זענען אָבער אָנגעקומען די יאָרן פון אינפלאַציע, ראַבירונגען פון פּוילישע לעגיאָנערן, און די יידישע קאָלאָניעס זענען געשטאַנען אויפן ראַנד פון אָפּגרונט.

נאָך דער מלחמה האָט זיך פון דעסטוועגן איינגעשטעלט דאָס לעבן אויף די פריערדיקע יסודות. אַביסל פון דער מאָגערער ערד, אַביסל פון אַלערליי זייטיקע פּרנסות. אין דעקשנע האָט מען ווייטער באַנייט די „משוגעים־פּרנסה", און היות ווי גייסטיק־קראַנקע נאָך דער מלחמה האָט נישט אויסגעפעלט, איז די באַפעלקערונג פון דעקשנע און לייפון היפּש אויסגעוואַקסן מיט דעם מין חולאים.

די מעדיצינישע וויסנשאַפטלער האָבן זיך פריער אויף די יידישע הייל־מעטאָדן (אויב מען קען עס אַזוי אָנרופן) אין די יידישע דערפער נישט געהאַט אומגעקוקט...

ערשט ווען דער באַוווּסטער יידישער פּסיכיאַטער ד״ר אברהם וויר־שובסקי פון ווילנע האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט די דעקשנער רעזול־טאַטן פון האַלטן גייסטיק קראַנקע אין פּריוואַטע היימען — און האָט עס באַשריבן אין אַ פּוילישן מעדיצינישן זשורנאַל — האָט זיך דער שפּיטאָל־אָפּטייל פון ווילנער שטאָט־פאַרוואַלטונג אויך פאַראינטערעסירט מיט דעקשנע.

אַ קאָמיסיע, אין וועלכער ס׳איז אויך אַריין ד״רווירשובסקי, דע־מאָלט דער דירעקטאָר פון יידישן שפּיטאָל אין ווילנע, האָט אויסגעפאָרשט

די לאַגע פון די קראַנקע און די ווירקונג פון דאָרפישן לעבן אויף זיי. זי איז געקומען צום באַשלוס, אַז דער עקספּערימענט מיט הויז־היילונג דאַרף ווערן אונטערשטיצט, און דורך איינפירן אַ קאָנטראָל סיי איבער די באַלעבאַטים, סיי איבער די קראַנקע קען די לאַגע באַדייטנדיק פאַרבעסערט ווערן.

דער ווילנער מאַגיסטראַט האָט באַשטימט אַ דאָקטאָר אַ פּסיכיאַטער און אַ קראַנקנשוועסטער צו האָבן די השגחה איבער די קראַנקע אין פּריוואַטע היימען.

אַלע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן געוואָלט האַלטן קראַנקע ביי זיך, האָבן געדאַרפט אָנגעבן אַ מעלדונג צום דאָקטאָר. מען האָט קאָנטראָלירט זייערע היימען, צי זיי האָבן די מינימאַלסטע באַדינגונגען, וואָס זענען נייטיק פאַר דער געהעריקער אויפפּאַסונג.

דער אָפּצאָל פאַר אַ קראַנקן פלעגט זיין אין דורכשניט 40 זלאָטעס אַ חודש.

די קאָלאָניסטן האָבן באַטראַכט פאַר אַ באַזונדער „זכיה" צו האַלטן 2 אָדער 3 קראַנקע, ווייל דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט אַ גאַנצער פאַמיליע צו פאַרבעסערן די ווירטשאַפט דורך צוקויפן אַ קו, אַ פערד אָדער וועלכע עס איז נייטיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע מכשירים, פאַרריכטן דאָס הויז אאַז"וו.

די רעזולטאַטן פון דער היילונג האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ היפּשן דערפאָלג. מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכן די קאָלאָניע דעקשנע איין איינציקן מאָל אין אַ שפּעטיקן האַרבסט מיט אַ יאָר צוויי פאַר דער לעצטער מלחמה.

אַ געוועזענער תלמיד פון דער ווילנער האַנטווערקער־שולע „הילף דורך אַרבעט", ווו איך בין געווען דירעקטאָר, איז געקומען מיט זיין מוטער מיך ספּעציעל פאַרבעטן אויף זיין חתונה. די כלה איז געווען אַ טאָכטער פון אַ דעקשנער קאָלאָניסט, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ הויז, אַ האַלבע וולאָקע ערד (10 העקטאַר). ס'איז נאָך דאָ אין הויז אַן אַלטער טאַטע, אָבער די באַלעבאָסטע איז די טאָכטער. אין הויז האַלט זי אַ קראַנקן (דאָס וואָרט „משוגענער" האָט מען אויסגעמיטן צו באַנוצן אין דעקשנע)

און היות ווי ער איז אַ סטאָליער, האָפט ער, אַז מיטן הובל און זעג, מיט דער סאָכע, מיט פערד (פורמאַנעריי אין ווינטער) און מיטן „קראַנקן" וועט מען ווי עס איז מאַכן אַ לעבן. ס'איז אָבער נייטיק געווען צו „ווייזן" די מחותנים, אַז ער איז נישט אַליין, אַז מען וועט קומען צו אים אַזש פון ווילנע.

איך האָב נישט געקענט אָפּזאָגן דער תמימותדיקער בקשה און אַוועק־געפאָרן אויף דער חתונה.

ווען איך בין געקומען אין דעקשנע און זיך אָפּגעשטעלט אין דער וווינונג פון דער כלה, איז געקומען מיך באַזוכן דער וואָיט פון דער גמינע, אַ ייד מיטן נאָמען האַמבורג*. דער וואָיט האָט געשילדערט די באַדערפע־נישן פון שטעטל, וואָס האָט זיך געניייטיקט אין קרעדיטן, אין פאַרבעסע־רונג פון דער ווירטשאַפט, אין אַ יידישער שולע אאַז"וו.

מען האָט געפראַוועט די חתונה טראַדיציאָנעל: אין רעגן און בלאָטע געשטעלט אויף דרויסן די חופה. ס'פלעגן אונטערקומען צו דער חופה קראַנקע, אָבער אַלע יידן האָבן געקענט די קראַנקע לויט די נעמען. און אויב ווער עס איז פלעגט דערלאַנגען אַ ברום, אַן אויסגעשריי, האָט מען אים שנעל באַרואיקט, אָנרופנדיק עפּעס מיט אַ מילדן נאָמען.

די חתונה־מאָלצייט האָט מען אָבער פאַרוואַנדלט אין אַ מין באַנקעט. עס האָט זיך צוזאַמענגעקליבן די דאָרפישע יוגנט און מען האָט אָנגעהויבן צו האַלטן רעדעס. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן די בענקשאַפט פון דער יוגנט צו אַ שענער לעבן. זיי האָבן מיט אַ שטיקל פאַרדראָס גערעדט, אַז די שכנישע גרויסע ווילנע, גראָדנע און ביאַליסטאָק, נוצן זיי אויס מער נישט ווי אַלס אַ שפּיטאָל פאַר זייערע גייסטיק־קראַנקע, אָבער פאַרגעסן, אַז דאָ וווינען אויך מענטשן. זעענדיק אַז פון דרויסן קומט קיינער נישט צו זיי, האָבן זיי זיך אָרגאַניזירט אין אַ קרייזל. קומט פאַר עפּעס אַ לעקציע, אַ פאַרוויילונג אין נאָענטסטן שטעטל אָלקעניק, איז די דעקשנער יוגנט אַהין עולה־רגל. די זעלביקע יוגנט שטרעבט אויך צו פאַרבעסערן דעם שפלן מצב פון שטעטל דורך רעאָרגאַניזירן די לאַנדווירטשאַפט אויף נייע יסוד־

* ער איז געווען דער איינציקער יידישער וואָיט (עלטסטער אין אַ געוויסן ראַיאָן צווישן פויערים) אין פוילן, אויסגעקליבן אויך דורך גויים.

דות, אַזוי אַז דער יונגער דור זאָל נישט וועלן לויפן פון שטעטל. און דאָ זענען ווייטער געקומען טענות פאַר נישט גענוגיקער פאַראינטערעסירונג פון ייק״אַ מיט די פּראָבלעמען פון די יידישער דערפער. זיי אַליין, די יונגע, אָרגאַניזירן אַ ביבליאָטעק, קלייבן לאַנדווירטשאַפטלעכע ליטעראַטור, ווילן האָבן אַן אַגראָנאָם־אינסטרוקטאָר אאַז״וו.

פאַר מיר זענען די רייד פון די בחורימלעך און מיידלעך געווען אַן אָפּפרישונג. אויב אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם ווינקל איז דאָ אַ ווילן צו באַנייען דאָס לעבן אויף געזינטערע יסודות, קען מען האָפן, אַז דאָס שטרעבן פון דער יוגנט וועט סוף־כל־סוף פאַרווירקלעכט ווערן.

אויף דער חתונה־מאָלצייט איז אויך געווען די קריסטלעכע דאָקטאָרין פון דער ווילנער שטאָט־פאַרוואַלטונג מיט דער קראַנקנשוועסטער. די דאָקטאָרין האָט מיר דערציילט, אַז דורכן יאָר גייען דורך די דעקשנער „היים־קוראַציע״ ביז 200 קראַנקע. אַ היפּשער פּראָצענט ווערט געזונט.

ווען אַלע זענען זיך צעגאַנגען שלאָפן שפּעט ביינאַכט, האָב איך שוין נישט געקענט איינשלאָפן. אין דער נאַכט־פינצטערניש האָט זיך פון צייט צו צייט געהערט אַ געברומעריי, אַמאָל אַן אויסגעשריי פון אַ קראַנקן, וואָס ליידט פון נאַכט־קאָשמאַרן. די איינוווינער זענען געווען געוווינט דערצו און זענען געשלאָפן גאַנץ רואיק. פאַר מיר איז עס אָבער געווען אַ מין גרויל פון הורמוז און אחרימון. אַ גערודער אַ פּאָרן טייערסטן וואָס אַ מענטש האָט — דעם קלאָרן פאַרשטאַנד, אין וועלכן די יידישע קאָלאָניע דעקשנע האָט אַריינגעטראָגן איר חלק.

„ביאַליסטאָקער לעבן״, פעברואַר 1946.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג-לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן-וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן-שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער-מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעד
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאַליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) ד״ר ח. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַו׳קויפט)
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950
50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) יצחק פערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג־וואַרשע־מאָסקווע
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64—65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע"
(פרעמירט דורכן האַפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס 1951)
66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראַצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) י. י. טרונק — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע, 1951

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופּערנע הימלען **(אויספאַרקויפט)**

(פּרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן פּאַולאָ, בראַזיל, 1952)

74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד

75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן

76) **יהושע פּערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר

(פּרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן און ליטעראַטור־־פּרעמיע פון „בונד" אין פּוילן, וואַרשע 1937)

77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן

78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע

79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן (אויספאַרקויפט)

80) **יזכּר־בוך** — בעלכאַטאָוו **(אויספאַרקויפט)**

81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער וואָך

82—83) **יצחק פּערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער **(ראָמאַן)**

84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע

85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות

87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים

88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג

89) **משה דוד גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (אויספאַרקויפט)

90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כּתבים

91—92) **ד״ר עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע

93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין גערויש פון מאַשינען **(ראָמאַן)**

94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות **(קראָקע)**

95—96) **יאָנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן

(פּרעמירט דורכן צבי קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1954).

97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע **(ראָמאַן)**

99) **פועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערן

100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור

101) **י. הירשהויט** — ייִדישע נאָפט־מאַגנאַטן

(פּרעמירט מיט דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע ביי „די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס 1955).

102) **משה זאָנשיין** — ייִדיש וואַרשע

103) **פּ. מינץ** — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע

104) **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים **(ראָמאַן)**

105—106—107) **מיכאל באָרוויטש** — אַרישע פּאַפּירן

108—109) **מרדכי שטריגלער** — געאָרעמט מיטן ווינט **(היסטאָרישער ראָמאַן)**

110—111) **ד״ר א. מוקדוני** — אין וואַרשע און אין לאָדזש

(פּרעמירט מיט דער האָפּער־לייב־פּרעמיע ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק 1956).

112) **ברוך האָגער** — מלכות חסידות

(פּרעמירט מיט דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע ביי „די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס 1956).

113) ב. שעפנער — נאָוואָליפּיע 7 (זכרונות)
114) פּנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון די ליאַלקעס
116) מאַקס ווײַנרײַך — פון בײדע זײַטן פּלויט
117) אליעזר וויזל — ...און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פּרעמירט דורך פּראָפ. הערש־פאָנד, ביים קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) ד"ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל (ראָמאַן)
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט
122) בער י. ראָזען — פּאָרטרעטן
123) אברהם טענענבוים ־ ארזי — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער
אין מזרח־איראָפּע
126—127) אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען...
(פּרעמירט דורכן ב. אייסוראָוויטש־ליטעראַטור־פאָנד, ניו־יאָרק, 1957)
128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאָש איז געפאָרן
129—130) דוד פלינקער — נייע צייטן (ראָמאַן)
(פּרעמירט דורכן מרדכי סטאָליאַר־פאָנד, בוענאָס־איירעס 1958)
131) מ. י. שעליובסקי — אין דער וועלט אַריין . . .
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב־פאָנד, ניו־יאָרק 1958)
132) ד"ר י. שוואַרצבאַרט — צווישן בײדע וועלט־מלחמות
133) לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלייבט אָפן
134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) מלך באַקאַלטשוק־פעלין — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
136) פּנחס וועלנער — אין יענע טעג...
137) אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער
138) הירש אַבראַמאָוויטש — פאַרשווונדענע געשטאַלטן

עס גרייט זיך צום דרוק:

ב. טערקעל — צווישן שאָקאַלן
נ. שמן — דאָס געזאַנג פון חסידות

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

י. ל. וואַלמאַן — פּוילישע ייִדן (ראָמאַן)
יאָנאַס טורקאָוו — נאָך דער באַפרייאונג
דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פּוילן
שלמה בריאַנסקי — זשעלעכאָווער מענטשן

Este libro se terminó de imprimir el día 10 de septiembre de 1958, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN, S.R.L., Av. Corrientes Nº 1976, Buenos Aires

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Volumen 138

Copyright by
Hirsz Abramowicz, New-York

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el depósito que marca la Ley

HIRSZ ABRAMOWICZ

Figuras Desaparecidas

RECUERDOS Y SILUETAS

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina
Buenos Aires, 1958